STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07185

IN GANG FUN TSAYTN

Pine Wald

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. וואַלד

אין גאַנג פון צייטן

יידן אין דער אַלגעמיינער
אַרגענטינער סאָציאַליסטישער
אַרבעטער־באַוועגונג

MCMLV

פּ. וואַלד

אין גאַנג פון ציַיטן

געשיכטע פון סאָציאַליזם
אין אַרגענטינע

●

בוענאָס איירעס

1955

PRINTED IN ARGENTINA
IMPRESO EN LA ARGENTINA

Copyright by
P. Wald, Buenos Aires

קלישעען — „די פּרעסע" און ייווא

הילע, אותיות — מ. פייגענבלום

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de Octubre de 1955, en los Tall. Gráf. Julio Kaufman S. R. L., Corrientes 1976, Buenos Aires.

פאָרוואָרט

דער דאָזיקער בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן אינעם פופציקסטן יאָר פונעם שרייבערס זיין אין אַרגענטינע, אָבער אָנגעהויבן אין געדאַנק האָט ער זיך אין ערשטן צענדליק פון ד ע ם יאָרהונדערט, דער צוואַנציקסטער, ווען דער שרייבער איז שוין געווען מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער באַוועגונג פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס האָט נישט קיין סוף און קיין גרענעץ און אין וועלכער ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן דאָרט אויף יענער זייט ים, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער, פאַר באַפרייען רוסלאַנד.

עס איז געווען דער חלום אויף דער וואָר פונעם שרייבער אויפצושרייבן די געשיכטע פון סאָציאַליזם אין לאַנד פון ריאָ דע לאַ פלאַטאַ. אין לויף פון די יאָרן האָב איך געשריבן כמעט שטענדיק אויף אַקטועלע טעמעס, צייט־ענינים, אָבער די געשיכטלעכע עלעמענטן האָבן געוואָלט קומען אויף דער פריי און זיי האָבן דאָס דערגרייכט דורך שריפטן אין באַרירונג מיט געשיכטע און זיי זענען אויך אַריינגעדרונגען אין די אַנדערע שריפטן.

זענען פאַרן דאָזיקן בוך אויפגעזאַמלט געוואָרן די דאָזיקע שריפטן, זיי באַפרייט פון אַנדערע עלעמענטן און געלאָזן נאָר די געשיכטלעכע, זיי פאַראייניקט, פאַריינהייטלעכט, פאַרבונדן, כאַראַקטעריזירט, מיט רעספּעקט און טרייהייט צו די פאַקטן און די שאַטירונגען אויף ביידע זייטן פונעם סאָציאַלן פראָנט. דאָס איז געווען איין טייל פון דער אַרבעט, די אַנדערע זענען ערשט צום ערשטן מאָל געשריבן געוואָרן דירעקט פאַרן בוך ביים צוגרייטן אים צום דרוק.

חוץ פערזענלעכער אָבסערוואַציע און אינטערפּרעטאַציע פון דער יידישער און אַלגעמיינער סאָציאַלער באַוועגונג, אין וועלכער דער שרייבער האָט זיך באַטייליקט, האָבן אים געדינט פאַר קוואַלן פון אינפאָרמאַציע, אָריענטאַציע און דאָקומענטאַציע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פאַרגאַנגענע צייטן און פון די גייענדיקע די „היסטאָריאַ דעל מונדאָ דע לאַ עדאַד מאָדערנאַ“ פון „לאַ נאַסיאָן“, בוענאָס איי־

רעס 1913; „היסטאָריאַ דע לאַ רעפּובליקאַ אַרכענטינאַ“ פון וויסענטע פּ. לאָפּעז, ב״א, 1913; „דאָגמאַ סאָסיאַליסטאַ“ פון עסטעבאַן עטשעווערריאַ, אויסגאַבע פון „לאַ קולטורא אַרכענטינאַ“, ב״א 1915; „באַסעס“ פון כואַן ב. אַלבערדי; „לאַ סיודאַד אינדיאַנאַ“ פון כואַן אַ. גאַרסיאַ; די אַרגענטינער סאָציאַל־געשיכטלעכע ווערק פון כואַן ב. כוסטאָ, כאָסע אינכעניעראָס, כאַסינטאָ אָדאָנע, אַלפרעדאָ פּערנאַנדעז און שריפטן פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד פון אַנכעל מ. גימענעס, מאַריאָ בראַוואָ, ענריקע דיקמאַן, ניקאָלאַס רעפּעטאָ, אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, אַמעריקאָ גיאָלדי און נאָך אַנדערע, ווי אויך די „סאָציאַליסטישע יאָרביכער“.

ריינע און טיפע קוואַלן פון אַלגעמיינער געשיכטע פון סאָציאַליזם אין דעם אַמעריקאַנישן לאַנד, אונטער וועמענס קאָנטראָל דער שרייבער האָט זיך געשטעלט, נאָר די קוואַלן פונעם יידישן סאָציאַליזם און פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג זענען אייגענע.

„אייגענע“, מחמת קיין שרייבער האָט אויף די דאָזיקע פעלדער נישט געאַרבעט און אויף וויפיל עס זענען דאָ שריפטן צעוואָרפענע אין גאַנג פון די צייטן, אין לויף פון די יאָרן — אין צייטונגען, זשורנאַלן, צייטשריפטן, יובליי־אויסגאַבעס און ביכער, וואָס האָבן צו טאָן מיט יידישן סאָציאַליזם אין אַרגענטינע און מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען זיי מיינע שריפטן.

און „אייגענע“ אויך צוליב דעם שרייבערס פּאַראינטערעסירטקייט אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן לעבן און אין דעם לעבן פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין דעם לאַנד, פון וואָס עס האָבן זיך געשאַפן די קוואַלן און נאָך מער ווי די פּאַרינטערעסירטקייט איז עס געווען די מיטשאַפונג, דאָס מיטלעבן און דאָס איבערלעבן פונעם שרייבער, דאָס פּיאָנערישע און העראָישע לעבן פונעם יידישן סאָציאַליזם אין אַרגענטינע.

און דאָס „אייגענע“ מיינט דאָ נישט דאָס פּאַרקערטע פון פרעמדע, וואָס איז נישט און וואָס קאָן נישט זיין דער יידישער סאָציאַליזם (וואָס נעמט שוין אויך אַריין אין זיך די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג) פאַרן אַלגעמיינעם, פּונקט אַזוי ווי דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם איז נישט און קאָן נישט זיין פרעמד דעם יידישן; דאָס אייגענע אין דעם פאַל איז דאָס נאַציאָנאַל־קולטורעלע, וואָס איז מענטשלעך, אוניווערסאַל און אייביק; וואָס איז גערעכט מיט איר עקזיסטענץ, מחמת זי איז פאַר קיינעם נישט שעדלעך, נאָר נוצלעך פאַר אַלע וואָס נוצן זיך מיט איר, ווי דאָס איז דער פאַקט און אויף וואָס יעדע גרופּע מענטשן האָט דאָס רעכט — אַ רעכט וואָס האָט אַ שייכות מיט

פרייהייט, מיט גלייכהייט און מיט אַליין־באַשטימונג און וואָס איז סאָציאַליסטיש.

דאָס יידישע אין דער אַלטער וועלט, אין די אַלטע צייטן, אין מיטלעלטער און אין דער רוסישער צאַרישער אימפעריע — נאָך אין דער נייער צייט, איז געווען אַ געצוואונגענע זאַך, אַ קאָנסעקווענץ פון זיין דורך גוואַלד אַרויסגעשטויסן פון דאָס אַלגעמיינע, וואָס איז נישט געווען אַלגעמיין, נאָר אַ באַשטימטע פריווילעגירטע, עגאָאיסטישע, הערשזיכטיקע, גוואַלדזאַמע און אומגערעכטע גרופע אין לאַנד, ווי דאָס זענען דאָ אין אַרגענטינע אויך געווען די שפּאַניער פון די שפּאַנישע עקספּעדיציעס אין זעכצנטן יאָרהונדערט און אין די קאָלאָניאַלע צייטן פון זיבעצנטן און פון אַכצנטן יאָרהונדערט.

דאָ אין דעם לאַנד פון דער מאַי־רעוואָלוציע, אין דער נייער וועלט, אין די נייסטע צייטן פון סאָציאַליסטישער רעאַליזאַציע, ביי דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער באַפעלקערונג און ביים צוזאַמענלעבן פון פעלקער — איז דאָס יידישע דער אויסדרוק פון קולטור, פון פרייהייט, פון ווירדיקייט, פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט, פון גלייכבאַרעכטיקונג און פון אייגענער קולטור־באַדערפעניש און אויך נוצלעך פאַר די אַלגעמיינע זאַכן, וואָס דאָ זענען זיי טאַקע אַלגעמיין און רעאַל.

און די דאָזיקע יידישקייט אין דעם אַמעריקאַנישן לאַנד און אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז נישט און זי קאָן נישט זיין קיין סעפּאַראַטע, קיין געטאָאיסטישע און קיין אויסשליסלעכע; זי איז אין דעם צוזאַמען זיין, אין דער געמיינזאַמקייט און אין דער אַלגעמיינהייט, וואָס דאָס איז די אַרגענטינישע ווירקלעכקייט אין אַלע אירע צייטן.

די יידישע אַרבעטער באַוועגונג דאַרף מען דורך דער אַרגענטינער ווירקלעכקייט זען אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג און דעם יידישן סאָציאַליזם דאַרף מען אויך זען אין דעם אַלגעמיינעם סאָציאַליזם פון לאַנד, אָדער אינעם סאָציאַליזם וואָס איז אַלגעמיין.

דער בוך הייבט זיך אָן מיט די שפּאַנישע עקספּעדיציעס אויפן דרום פונעם מערב העמיספער אין די פערציקער יאָרן זינט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. פון די עקספּעדיציעס איז אַרויסגעקומען דער שפּאַנישער קאָלאָניאַליזם וועגן וואָס עס דערציילט ווייטער דער בוך מיטן זעלביקן סאָציאַלן צוגאַנג, מיט וועלכן עס גייט די געשיכטלעכע דערציילונג דורך די ווייטערדיקע אַרגענטינישע צייטן און עפּאָכעס, אין זיי גייט שוין אויך אַריין די מאָדערנע אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד און אין איר די יידישע סאָציאַליסטישע און אַרבעטער באַוועגונג ביז דער יוני רעוואָלוציע פון 1943.

דער בוך נעמט אַרום נאָר די סאָציאַלע זייט פון דער לאַנד־געשיכטע, אין וועלכער עס געפינט זיך שוין אויך יידישע געשיכטע און די סאָציאַלע זייט איז גרויס, וויכטיק און אינטערעסאַנט. עס איז דער מענטשלעך־געזעלשאַפטלעכער ראָמאַן פון לעבן, וואָס גייט אין פאַרזעצונגען דורך דור דורות מיט סאָציאַלע באַוועגונגען און פאַרענדערונגען; מיט עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס, פון וואָס עס איז כדאי צו זיין אינפאָרמירט, האָבן אַ פאָרשטעלונג, וויסן און געדענקען.

איז עס אַ סאַטיספאַקציע פונעם שרייבער צו האָבן מיט דעם דאָזיקן בוך עפעס בייגעטראָגן פאַר דער יידישער און פאַר דער אַלגעמיינער זאַך.

פ. וואַלד

.1955

די שפּאַנישע עקספּעדיציעס אין דרום־אַמעריקע אין זעכצנטן יאָרהונדערט

קאַפּיטל I

אַמעריקע צווישן ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ און די אַנדן

1. — דאָס לאַנד פון די גוואַראַניער, קיטשועך און פּאַטאַגאָנער

איבערבלייבענישן פון אינדיאַנער שבטים, וועלכע לעבן נאָך אין די ווייטע ווינקלען פון לאַנד, אין די אוראַלטע וועלדער פון טשאַקאָ און פאָר־מאָסאַ און אין די פאַלדן פון די אַנדן, דערמאָנען פון אַן אינדיאַנער אייגן לעבן פון פאַר די שפּאַנישע עקספּעדיציעס. זיי דערמאָנען פון אינדיאַנער פעלקער, וואָס האָבן געהאַט זייערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, זייע־רע געזעצן, זייער קולטור און זייער ווירטשאַפט.

לויט היסטאָרישע באַשרייבונגען, זענען די אינדיאַנער געווען באַדייטנ־דיק פאָרגעשריטן אויפן ווירטשאַפטלעכן, אַגראַרישן און אפילו אינדוס־טריעלן געביט, מ'האָט ביי זיי געטראָפן אַן אַנטוויקלטע פּיצוכט, אַן אַגרי־קולטור און אפילו אַ מאַנופאַקטור פון האָלץ, פעל, וואָל און אויך פון מע־טאַל דורך די רייכע זילבער מינען פון די ערטער, וועלכע פאָרמירן היינט די באַזונדערע לענדער באָליוויא און פּערו — זילבער מינען און זילבער איני־דוסטריע, פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען פון לאַ פּלאַטאַ־טייך און פון אַרגענטינע.

ווי אַזוי עס איז געווען דאָס לעבן פון די אינדיאַנער פאַר די שפּאַנישע עקספּעדיציעס, איז אַ באַזונדער געשיכטע. דאָ ווערט דערמאָנט, אַז זיי האָבן געלעבט אַן אייגן לעבן, זענען געווען די באַלעבאַטים פון דער ערד, ווו זיי, זייערע עלטערן און אורעלטערן זענען געבוירן געוואָרן און זענען געווען די באַלעבאַטים פון דאָס אַלעס, וואָס זיי האָבן געשאַפן און דערגרייכט אויף זייער ערד.

אָט דאָס אַלעס וואָס די אינדיאַנער האָבן געהאַט און דערגרייכט במשך פון הונדערטער און טויזנטער יאָרן, איז צעשטערט געוואָרן דורך די איני־וואַזיעס פון אַ פרעמדער אימפּעריאַליסטישער מאַכט. דורך די שפּאַנישע דעראָבערונגס עקספּעדיציעס.

2. — שפּאַנישע דעראָבערונגס־אינוואַזיעס

נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, אין סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט, האָט שפּאַניע, וועלכע איז געווען איינע פון די אייראָפּעאישע, אימפּעריאַ־ליסטישע גרויסמאַכטן, נישט פאַרזוימט אויסצונוצן די אַנטדעקונג פאַר איר־רע צוועקן. זי האָט אָנהייב זעכצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן שיקן אירע עקס־פּעדיציעס אין דער נייער וועלט צו באַוואָרענען זיך מיט איר, ווי מיט אַ קאָלאָניע פון דער שפּאַנישער מעטראָפּאָליע.

איינגעהילט אין לעגענדעס, האָבן אַלע עקספּעדיציעס געטראָגן איין איינציקן צוועק — אַן אימפּעריאַליסטישן: אויסברייטערן די אימפּעריע דורך פאַרכאַפּן נייע טעריטאָריעס, פאַרנעמען און עקספּלואַטירן זייערע נאַטור־רייכטימער, ציען פון זיי נייע פאַרמעגנס פאַר דער קייסערלעכער און פעאָ־דאַלער מלוכה.

שליחים פון דער דינאַסטיע, פעאָדאַלע אַוואַנטוריסטן און טאָרקוועמאַ־דע־מיסיאָנערן — האָבן זיי געפירט די באַוואָפנטע און מיליטערישע עקס־פּעדיציעס וואָס האָבן אינוואַדירט אַמעריקע, אָקופּירט אירע אינדיאַנישע לענדער, זיי עקספּלואַטירט און זייערע באַלעבאַטים: די אינדיאַנער — באַ־רויבט, געהרגעט און די לעבנגעבליבענע פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן.

3. — די האַרן־ראַסע

די לעגאַלע רעכטן פון די עקספּעדיציאָנערן, אָדער קאָנקיסטאַדאָרן זע־נען געווען אומבאַגרענעצט. זיי האָבן געמעגט „דעראָבערן" וויפל זיי האָבן געוואָלט. זיי זענען דאָך פון די פּריווילעגירטע קלאַסן. אויסער די סאָלדאַטן — ווען מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געפרעגט צי זיי ווילן יאָ אָדער נישט פאָרן מיט די עקספּעדיציעס — זענען די אָרעמע אויסגעשלאָסן. זיי איז נישט דערלויבט געווען צו באַטייליקן זיך אין די עקספּעדיציעס. עס איז אויך שפּעטער נישט דערלויבט געוואָרן קיין אָרעמען שפּאַניער צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, אָדער ווי דאָס האָט געהייסן, די אַמעריקאַנישע פּראָווינצן פון שפּאַניע.

און אין שפּאַנישן אינדיע, זענען געווען נאָר די פּריווילעגירטע שפּאַ־ניער. קיין אַנדערע אויסלענדער זענען נישט געווען, האָבן נישט געטאָרט זיין. עס זענען געווען פאַרשלאָסן אַלע גרעניצן, פאַרבאָטן יעדע איינוואַנ־דערונג.

4. — די אור־באַלעבאַטים

די פּריווילעגירטע האָבן געמעגט פאַרנעמען באָדן און אַנדערע נאַטור־רייכטימער און ווערן די אייגנטימער פון דאָס פאַרנומענע, אָבער די פּריווי־לעגיע אַליין איז דאָך פּרוכטלאָז, מ׳קען פון איר גאָרנישט האָבן אויב זי איז נישט פאַרבונדן מיט אַרבעט.

די פּריווילעגירטע זענען אָבער נישט געקומען אַרבעטן, דאָס האָבן זיי אויך נישט געטאָן אין דער מעטראָפּאָליע, נישט צוליב אייגענער אַרבעט האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַזאַ אַוואַנטוריסטישער רייזע אויף זעגל־שיפלעך אין משך פון חדשים לאַנג, צווישן הימל און וואַסער, אויפן אומ־באַקאַנטן אָקעאַן און אין אַ ווילד־פרעמדער וועלט; פון אייגענער אַרבעט קאָן מען אויך נישט אָנזאַמלען די גרויסע פאַרמעגנס צוליב וואָס זיי זענען גע־קומען.

אָבער די שפּאַניער האָבן נישט געהאַט קיין זאָרג פון וואַנען צו נעמען די אַרבעט אויף צו באַוווּרטיקן זייערע פאַרנומענע פאַרמעגנס. עס פעלן דען אינדיאַנער אין אינדיע? פון זיי וועט מען נעמען די אַרבעט; זיי וועלן זיין די אַרבעטער, און די פּריווילעגירטע האָבן אויך פאַרשפּאָרט צו טראַכטן פון אַרבעטס־קאָנדיציעס. דער פּלאַן איז געווען אַ באַשטימטער: די אַרבעט וועט זיין אַ געצוווּנגענע, אַן אומזיסטיקע. די אינדיאַנער ווערן פאַרוואַנדלט אין אַרבעטס־שקלאַפן.

אַזוי איז דאָס פּראָבלעם פון אַרבעט, אַן וואָס די פּריווילעגירטע און דער פּריוואַט־אייגנטום האָט קיין ווערט נישט, געוואָרן פאַרענטפערט. אַנ־דערש געזאָגט איז די אַרבעט פאַר די פּריווילעגירטע גאָרנישט געווען קיין פּראָבלעם. די אַרבעט ווערט געטאָן פון די אינדיאַנער, וואָס ווערן צוליב דעם פאַרשקלאַפט און פאַראייגנט אַזוי ווי עס ווערט פאַראייגנט דער באָדן, אויף וועלכן עס לעבן די אינדיאַנער, די פי און די נאַטור־רייכטימער.

קאָלאָניאַלע עפּאָכע

קאַפּיטל II

שפּאַנישע קאָלאָניאַלע הערשאַפט

1 — שקלאַפן־רעזשים

פאַר דאָס „רעכט" צו באַרויבן און פאַרשקלאַפן די אינדיאַנער האָט מען זיך געדינט מיט צוויי פּרינציפּן: ראַסן־פּרינציפּ און זיגער־פּרינציפּ.

דער ערשטער פון די צוויי פּרינציפּן האָט געזאָגט, אַז די ווייסע ראַסע איז די פּריווילעגירטע און די באַרעכטיקטע צו הערשן איבער אַלע אַנדערע ראַסן.

דער צווייטער פּרינציפּ האָט געזאָגט, אַז דער זיגער האָט דאָס רעכט צו פאַרניכטן דעם באַזיגטן, אָדער אים פאַרשקלאַפן און אויסנוצן.

און דער אַמעריקאַנער אינדיאַנער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די דאָזיקע ביידע נידערטרעכטיקע פּרינציפּן פון שפּאַנישן פעאָדאַליזם און אימפּעריאַליזם.

דער אַמעריקאַנער אינדיאַנער איז דאָך נישט פון דער ווייסער ראַסע נאָר פון דער ברוינער ראַסע, דערצו נאָך אַן „אומגלויביקער", וואָס אַזוי האָט מען גערופן די נישט־קריסטן — און ער איז אויך געווען דער באַזיגטער: זיין מלוכה איז פאַרנומען געוואָרן פון דער שפּאַנישער מאַכט. עס איז דעריבער גאָר קיין פראַגע נישט געווען צי מען מעג פאַרשקלאַפן דעם אינדיאַנער, דעמאָלט, ווען שקלאַפעריי איז געווען אַלוועלטלעך אין דער מאָדע און איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָדער אַלוועלטלעכע דערשיינונג.

2 — פאַרשקלאַפונג פון די אינדיאַנער

האָבן די עקספּעדיציאָנערן געמאַכט פאַר פּריוואַט אייגנטום אַזוי פיל ערד, וויפיל זיי האָבן געוואָלט און עס זענען אויך גאַנץ לעגאַל אַריין אין דעם אייגנטום די אינדיאַנער מענטשן.

מ'האָט ביי זיי צוגענומען זייער לאַנד; מ'האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט; מ'האָט אויך ביי זיי צוגענומען אַלע זייערע רעכטן, קאָלעקטיווע און יחידישע; מ'האָט זיי אַליין אויך צוגענומען צו דער איינגעפירטער שקלאַפעריי.

דער באַגריף איבער די פאַרשקלאַפטע אינדיאַנער איז געווען דער זעל־
בער ווי איבער פּשוטע אַרבעט חיות. זיי האָבן געמוזט אַרבעטן און טוען
אַלץ, וואָס זייערע האַרן האָבן געוואָלט. אַרבעטן די שווערסטע אַרבעט און
אַרבעטן אָן אַ שיעור, אָן אַ וועלכער עס איז באַלוינונג. דעם שקלאַפּס מיני־
מאַלסטע באַדערפעניש: עסן, איז אויך געווען אונטערגעוואָרפן דעם ווילן
פונעם האַר.

דער האַר האָט געמעגט לאָזן אויסגיין פון הונגער זיין שקלאַף; ער
האָט געמעגט קערפּערלעך און מאָראַליש פּייניקן זיין שקלאַף און ער האָט
געמעגט קוילענען זיין שקלאַף מיטן זעלביקן לעגאַלן „רעכט" ווי ער האָט
געקוילעט זיין שעפּס, ווייל ביידע, דער שקלאַף ווי דער שעפּס זענען גלייך
געווען דעם האַרס אייגנטום, מיט וועמען ער האָט געקענט לעגאַל טאָן, וואָס
ער האָט געוואָלט.

עס וואָלט נישט געענדערט דעם היסטאָרישן אמת, אַז די אינדיאַנער זע־
נען דורך די שפּאַנישע דעראָבערער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן, ווען
די שקלאַפן וואָלטן באַהאַנדלט געוואָרן, כאָטש נישט ערגער ווי די פיר־
פיסיקע בהמות, אָבער די דאָזיקע שפּאַניער זענען געקומען מיט אַזאַ גייצי־
קייט, וואָס שנעלער רייכער צו ווערן, אַז זיי האָבן אפילו געקאַרגט עסן פאַר
די שקלאַפן, שוין אָפּגערעדט פון היגיענישע אָדער סאַניטאַרע באַדינגונגען.
און אַזוי זענען די פאַרשקלאַפטע אינדיאַנער אויסגעשטאָרבן מאַסנווייז פון
קרענקונג, פון הונגער און פון עפּידעמיעס.

***

אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע האָט די שפּאַנישע רעגירונג איינגעפירט
פאַר איר אַמעריקאַנישער קאָלאָניע אַן „ארכיוו פון אינדיע". פונעם דאָזיקן
אַרכיוו, וועלכער געפינט זיך אין סעוויליאַ, האָט די ביבליאָטעק פונעם אַר־
גענטינער פאַרלאַמענט קאָפּירט זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אַרגענטינע,
און וואָס באַשטעטיקן די פאַרשקלאַפונג פונעם אינדיאַנער.

צווישן די קאָפּירטע זאַכן זענען פאַראַן בריוו און דעקלאַראַציעס פון
דער קירכלעכער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געקומען מיט דער מיסיע צו גע־
ווינען די אינדיאַנער פאַרן קריסטנטום און אָפּשוואַכן זייער ווידערשטאַנד
קעגן די קאָנקיסטאַדאָרן. די קירכלעכע אָרגאַניזאַציע אַליין האָט פאַרנומען
אומגעהויערע גרויסע לאַנד־שטרעקעס און אָרגאַניזירט אויף זיי עקספּלואַ־
טאַציעס, באַנוצנדיק צו דער אַרבעט די אינדיאַנער. זי האָט אָבער איינגע־
פירט אויף אירע עקספּלואַטאַציעס אַן אייגענעם רעזשים, וועלכער איז צור־

ליבן דערפֿאָלג פֿון איר מיסיע און לויט אירע דעקלאַראַציעס נישט געווען קיין אַבסאָלוטער שקלאַפֿן רעזשים.

פֿון צייט צו צייט האָבן די מיסיאָנערן געשיקט דענונציעס צו זייער אויבערמאַכט אין שפּאַניע.

אין די מיסיאָנערישע דענונציעס און דעקלאַראַציעס, דאַטירט אין די יאָרן 1537 ביז 1567, און וואָס זענען געבליבן אין דערמאָנטן אַרכיוו, ווערט געזאָגט אַז —

„...מ'האָט געמאַכט און מען מאַכט גוטע געשעפֿטן, געלט, פֿון די אינדיאַנער און זייער פֿאַרמעגן. מ'האָט מיט זיי נישט דעם קלענסטן איינזען. מען באַהאַנדלט זיי ווי מולעס (מויל־אייזלען). אויב מען גיט זיי עסן, איז דאָס נאָר, כדי זיי זאָלן קענען שלעפּן דעם יאָך. און יענע, וועלכע זענען געקומען און קומען רעגירן, און פֿון וועמען מ'האָט דערוואַרט זיי זאָלן פֿאַריכטן באַגאַנגענע עבֿירות, דאַכט זיך, אַז דאָס איינציקע וואָס אויך זיי זוכן, איז וואָס מער פֿון דאַנען אַרויסצונעמען און וואָס שנעלער דאָס אַוועקצושיקן".

און ווייטער —

„...דער מענטשן־פֿיינד טרעט אַרויס קעגן דער הומאַניטאַריש־קייט, כדי איר צו פֿאַרניכטן. דעריבער טוט מען דאָ אַלץ, וואָס שטערט, אַז גאָטס וואָרט זאָל געהערט ווערן.

„וועלנדיק וואָס רייכער ווערן, באַהאַנדלט מען די אינדיאַנער ווי ברוטאַלע חיות, מען דערלויבט זיך זיי אַזוי צו באַהאַנדלען אונטערן אויסרייד, אַז זיי געהערן נישט צום קאַטוילישן גלויבן... מיר דער־קלערן, אַז די אינדיאַנער, כאָטש זיי זענען אומגלויביקע, זאָלן נישט זיין באַרויבט פֿון זייער פֿרייהייט און פֿון זייער האָב... און זאָלן נישט זיין רעדוצירט צו שקלאַפֿן".

גאַרסיאַ שרייבט אין זיין „אינדיאַנער שטאַט":

„דער שפּאַניער, באַלד ווי ער באַטרעט דעם אַמעריקאַנישן באָדן, נעמט ער אָן דעם טאָן און די פּאָזע פֿון אַ דעראָבערער. די נייע ערד איז זיין דאָמיניע. זיין אַוואַנטוריסטישע רייזע פֿון זעקס חדשים אויף אַ זעגלשיפֿל איבערן אַטלאַנטיק האָט ער נישט געמאַכט צוליב אַן אָרעם לעבן. ער טוט זיך אָן אַ פּריזור און אַ שווערד, ווערט אַ באַאַמ־טער, אָדער נעמט זיך צו מסחר. עס איז אויך אמת, אַז דער שפּאַניער האָט זיך אָפּגעוווינט פֿון אַרבעט דורך די מילחמות, וועלכע ער האָט געפֿירט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. צוערשט איז עס געווען די מילחמה פֿאַר צוריק דעראָבערן דאָס אייגענע לאַנד, דערנאָך איז ער

געווען פאַרטאָן אין מילחמות צו דעראָבערן איטאַליע, פלאַנדיע און צום סוף אַמעריקע".

וויסענטע פידעל לאָפּעז, אין זיין „האַנטבוך פון אַרגענטינער געשיכטע", דערמאָנט, ווי דאָן כואַן דע גאַראַי (איינער פון די שפּאַנישע גובערנאַטאָרס) האָט צעטיילט „מזל", וואָס דאָס איז באַשטאַנען אין ערד חלקים. יעדער חלק „מזל" איז באַשטאַנען פון 3000 וואַרעס אויף אַנדערהאַלבן לעגוועס. (אַ וואַרע — 86 סענטימעטער. אַ לעגווע — 5 קילאָמעטער).

לאָפּעז דערמאָנט דאָ נאָר איין פאָרם פון אַ סך אַנדערע, ווי אַזוי מען האָט זיך צעטיילט מיט דער ערד און אין וואָס פאַראַ גרויס. וואָס האָט מען געהאַט צו קאַרגן? די טעריטאָריע איז אומענדלעך גרויס, די שפּאַניער — באַגרעניצט אין צאָל און די אינדיאַנער, ביי וועמען מ'האָט די ערד צוגע־רויבט, האָט מען, אַזוי ווי די בהמות, צוגערעכנט צום ערד־אייגנטום. און ווי לאָפּעז דערמאָנט ווייטער: „זענען די אינדיאַנער, מענער און פרויען, צע־טיילט געוואָרן אַלס אינסטרומענטן צו צוואַנגס־אַרבעט. מ'האָט זיי געשאָנ־קען די קאַפּיטאַנען און סאָלדאַטן, די געוואָרענע באַלעבאַטים פון דער ערד, אירע אייגנטימער, און מ'האָט זיי אויך צעשאָנקען צו די שטאַטישע איינ־וווינער פאַר באַדינער און צו אַלע אַרבעטן".

אַחוץ דער צעטיילונג פון די אינדיאַנער, וועלכע מ'האָט געטראָפן אויף די ערטער, האָט מען אויך געטאָן דאָס זעלביקע מיט אינדיאַנער, וואָס מ'האָט געכאַפּט און געבראַכט פון ווייט.

„און גאַראַי — שרייבט לאָפּעז — האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט וואָפן איבער די טייך־ברעגן, ווייט אַוועק נאָך קאַנטשאַס אונטערוואַרפנדיק די אינ־דיאַנער שבטים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַגריקולטור און געלעבט פון דעם, און ער האָט ביי זיי גענומען אַזוי פיל און אַזוי פיל מענער און פרויען אַלס קאָנטריבוציע".

3 — אַרבעט און פּראָדוקציע

דער איינגעפירטער פּראָדוקציאָנס אופן האָט באַלד פון אָנהויב אָן אויס־געשלאָסן דעם פרימיטיוון אופן פון פּראָדוצירן פאַר אייגענעם געברויך. דער באַלעבאָס פון דער פּראָדוקציע איז שוין נישט געווען דער פּראָדוצירער — דער פאַרשקלאַפטער אינדיאַנער. דער אייגנטימער איז באַלד צוגעטראָטן צו דער פּראָדוקציע ווי אַ סוחר, די פּראָדוקציע איז געווען באַשטימט פאַרן מאַרק, נישט נאָר פאַרן אינלענדישן, נאָר אויך און בעיקר פאַרן אויסערן מאַרק.

דער אויסערלעכער האַנדל איז געגאַנגען נאָר מיט דער שפּאַנישער מע־טראָפּאָליע. עס איז נישט געווען דערלויבט דער קאָלאָניע צו האַנדלען מיט אַנ־

דערע לענדער. אויב אַרגענטינער פּראָדוקטן זענען אויך אָנגעקומען אין אַנדערע לענדער, זענען זיי געגאַנגען דורך שפּאַניע און אויך דורך קאָנטראַבאַנדע. אָבער עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ האַנדל, און וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט דער האַנדל, אַלץ מער האָט זיך געפּאָדערט אַ גרעסערע פּראָדוקציע.

אָבער דער איינגעפירטער שקלאַפן־רעזשים. די אַרבעט פון די פאַרשקלאַפּטע אינדיאַנער איז נישט געווען גענוג פּראָדוקטיוו. מ'האָט נישט געקאָנט באַפרידיקן די שטענדיק וואַקסנדיקע פאָדערונגען נאָך מער פּראָדוקטן פאַרן עקספּאָרט.

דער שקלאַפן־אַרבעטער האָט נישט קיין אינטערעס צו זיין פּראָדוקטיוו. עס איז אַ רעזשים, וועלכער טראָגט אַריין אין דער אַרבעט האַס, ווידערווילן, פוילקייט, אומבאַהאָלפנקייט און די אַרבעט איז אויך אומפּראָדוקטיוו דורך אַ פאַרשטיקטן פאַסיוון ווידערשטאַנד.

ביים פאַרשקלאַפטן אינדיאַנער זענען געווען די אַלע נעגאַטיווע פאַקטאָרן אין שייכות צו דער צוואַנגס־אַרבעט און ספּעציעל האָט ביי אים געלעבט דער לעצטער פאַקטאָר: ווידערשטאַנד קעגן דער פאַרשקלאַפונג און נקמה.

דערמיט דערקלערט זיך וואָס דער אינדיאַנער שקלאַף איז אויך געווען פאַרהאַסט פונעם האַר.

לויט לאָפּעזן האָט דער האַר באַטראַכט זיין שקלאַף נישט נאָר ווי אַ בהמה, נאָר אויך ווי אַ ווערטלאָזע בהמה, ווען מ'האָט נישט געגעבן קיין עסן צו דער זעט; ווען מ'האָט נישט געגעבן די מינדעסטע לעבנס־באַקוועמלעכקייטן, ווען מ'האָט נישט געגעבן קיין רו אָפּצואָטעמען אונטער דער אויסמאַטערנדיקער לאַסט פון דער שווערסטער אַרבעט און ווען מ'האָט נישט געהיילט בעת ער איז אַוועקגעפאַלן קראַנק. מען האָט אים פאַרמאַטערט, פאַרפּייניקט און דערהרגעט.

אַזוי אַרום האָבן זיך די אַרבעטס־כוחות נישט פאַרמערט, נאָר כסדר פאַרמינערט. עס איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון אָפּשוואַכונג און אויסראָטונג. ביי די פאַרשקלאַפטע אינדיאַנער האָט זיך רעדוצירט ביזן לעצטן מינימום דער וועגעטאַטיווער צוווקס. אויפן אָרט פון איינעם, וועלכער איז געשטאָרבן, אָדער מ'האָט אים דערהרגעט, איז נישט צוגעקומען דורך געבורט קיין אַנדערער. די פאַרשקלאַפטע אינדיאַנער זענען פּריצייטיק אויסגעשעפּט געוואָרן פיזיש און מאַסנווייז אומגעקומען.

4 — אימפּאָרט פון נעגער

ווי אַזוי איז פאַרענטפערט געוואָרן די אַלץ וואַקסנדיקע באַדערפעניש פונעם אַרבעטס־עלעמענט? פון וואַנען האָט געקענט קומען אַ צופלוס פון אַר־בעטס־עלעמענטן, אַז די אָרטיקע אינדיאַנער שקלאַפן זענען כסדר געוואָרן ווייניקער און די שפּאַנישע דעראָבערער האָבן פון זיך נישט אַרויסגעגעבן קיין אַרבעטס־עלעמענטן?

דער אינערלעכער שקלאַפן־האַנדל האָט די דאָזיקע באַדערפעניש נישט געקענט פאַרענטפערן. מיט דעם וואָס אַן אַרבעטס־שקלאַף איז פאַרקויפט געוואָרן פון איין האַר צו אַן אַנדערן זענען דאָך די שקלאַפן אַלס דער אייג־ציקער אַרבעטס־עלעמענט נישט פאַרמערט געוואָרן. מיט דעם איז די אַלגע־מיינע באַדערפעניש נישט פאַרענטפערט געוואָרן.

די דאָזיקע באַדערפעניש האָט מען געזוכט צו פאַרענטפערן מיט אַ צו־פלוס פון אַרבעטס־עלעמענטן פון אויסלאַנד.

איינוואַנדערונג? ניין. אַזאַ זאַך איז נישט געווען און זי איז נישט גע־ווען דערלויבט. דער צופלוס פון אַרבעטס־עלעמענטן האָט אָנגעהויבן קומען פון אימפּאָרטירן זיי, פון ברענגען שקלאַפן פון אויסלאַנד.

דער שקלאַפן־אימפּאָרט איז געגאַנגען, און האָט אַנדערש נישט געקאָנט גיין, ווי נאָר אַלס אַ סחורה, וואָס איז געקויפט אָדער פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ געוויסן פּרייז, און פּונקט אַזוי ווי יעדע אַנדערע סחורה האָט גע־דאַרפט זיין אָנגעוויזן, ווו דער שקלאַף איז געקויפט געוואָרן, מיט וועלכער שיף ער ווערט געפירט, צו וועמען ער ווערט געפירט און פּונקט ווי פאַר יע־דער סחורה, וואָס מען האָט אימפּאָרטירט, האָט מען אויך פאַרן אימפּאָר־טירטן שקלאַף געדאַרפט צאָלן אַ שטייער, צאָל־אַמט, אָדער אימפּאָרט־שטייער.

און אויף אַזאַ אופן האָט מען געבראַכט שקלאַפן פאַר אַרבעט פון בראַ־זיל. זיי האָט מען גערופן ברוינע, אָדער אינדיאַנער שקלאַפן און מען האָט געבראַכט אַרבעטס־עלעמענטן פון אַפריקע. זיי זענען געווען די שוואַרצע, אָדער נעגער־שקלאַפן, די אימפּאָרטירטע.

דער שקלאַפן אימפּאָרט האָט זיך אָנגעהויבן קליין, נאָר ער האָט זיך אַלץ ווייטער מער אַנטוויקלט.

די ערשטע דאַטעס פונעם שקלאַפן אימפּאָרט ווייזן גאַנץ קלאָר, ווי ער איז לעגאַל און קאָמערציעל באַטראַכט געוואָרן נאָר ווי אַ סחורה, וואָס איז געבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע סחורות, אין וועמענס אַריינפיר מען האָט זיך געניטיקט.

אינעם בוענאָס איירעסער סטאַטיסטישן רעגיסטער געפינען זיך טאַבעלן

וועגן דעם אימפּאָרט און עקספּאָרט דורך דעם בוענאָס איירעסער פּאָרט פון יאָר 1586 און ווייטער.

אָט איז איינע אַזאַ טאַבעלע אָדער צעטל וואָס גיט אַ חשבון פונעם אימפּאָרט אין יאָר 1597:

אַרטיקל	באַטרעף: זילבער רעאַלן	אימפּאָרטירער
צוקער	2000	אַנטאָניאָ א. לעיטאָן
צוקער	1692	עסטעבאַן ראַפּאָסאָ
צוקער און קאָנס.	1440	דאָמינגאָ ראָדריגעז
ווייַן	1786	דאָמינגאָ פּעליפּע
פּאַרש. סחורות	5880	כואַן ק. כואַרעז
צוקער	1692	דאָמינגאָ כואַרעז
פּאַרש. סחורות	5452	פראַנציסקאָ דע באַראָס
ווייַן	5052	כואַן פאַלגאַדאַ
ווייַן	5052	פּעדראָ דע קאַסטראָ
1 אינדיאַנער שקלאַפין	826	כ. ראָדריגעז דע אַליוועירא
2 אינד. ש. קינדער	852	ניקאָלאָס דע וויערא
1 אינד. שקלאַף	560	קאַפּ. לאָפּעז וואַזקעז פּעסטאַניא
1 אינד. ש. מיידל	852	פּעדראָ עספּינאַ
1 שקלאַפין	746	פראַנציסקאָ דע באַראָס
1 אינד. ש. יינגל	1280	פּאַדרע א. פערנאַנדעס
1 אינד. שקלאַף	852	כואַן קאַנדע
פּאַרש. סחורות	11226	פראַנציסקאָ דע באַראָס
1 אינד. שקלאַפין	1280	גרעגאָריאָ פּערערא
2 אינד. שקלאַפינס	1600	כואַן באַטיסטאַ
2 אינד. שקלאַפינס	1066	כואַן גאָנסאַלעז
13 נעגערס	6492	פּאַדרע פראַנציסקאָ דע פּעראַלטאַ
7 נעגערס	4488	מאַנועל מאַטשאַדאָ
3 נעגערס	1560	מאַנועל מאַטשאַדאָ
1 נעגערל	448	גאַרסיאָ פערנאַנדעס
1 נעגערין	440	גאַרסיאָ פערנאַנדעס
1 נעגערין	360	גאַרסיאָ פערנאַנדעס
1 נעגערין	488	אַנטאָניאָ פערנאַנדעס
1 נעגער	400	גאַרסיאָ פערנאַנדעס
1 נעגער	543	אַנטאָניאָ פערנאַנדעס
1 נעגער	424	אַנטאָניאָ פערנאַנדעס

אין אַ סך־הכל וועגן אימפּאָרט אין משך פון 9 יאָר, פון 1596 ביז 1605 ווערן אָנגעגעבן די פאָלגנדיקע ציפער:

פאַרשידענע סחורות — — — — — — —	379.007
אינדיאַנער שקלאַפן — — — — — — —	16.632
נעגער־שקלאַפן — — — — — — —	15.643

אינאיינעם האָט באַטראָפן דער אימפּאָרט 1 מיליאָן 411 טויזנט 282 זילבער רעאַלן.

5 — שקלאַפן־קאָנטראַבאַנדע

חוץ דעם לעגאַלן אימפּאָרט פון שקלאַפן איז אויך געגאַנגען אַן אומלעגאַלער אימפּאָרט פון שקלאַפן, אַזוי ווי פון אַנדערע סחורות. עס איז געגאַנגען אַן אימפּאָרט קעגן די „באַנדאָס" (דעקרעטן) פון שפּאַנישן קיניג, דאָס הייסט אַ קאָנטראַבאַנד.

די שפּאַניש־קאָלאָניאַלע רעגירונג איז טאַקע געווען אַן אייגענע, אונטער וועמענס שוץ די פּריווילעגירטע, די שפּאַניער האָבן געפירט זייערע פּריוואַטע געשעפטן און דעראָבערט עקאָנאָמישע פאַרמעגנס, אָבער די געשאַפענע פּריוואַטע אינטערעסן, וואָס האָבן די אייגנשאַפט צו זאָרגן נאָר פאַר זיך, באַשווינדלען אויך די אייגענע רעגירונג אויף וויפיל דאָס לאָזט זיך.

האָט מען געזוכט אויסצומיידן דורך קאָנטראַבאַנד דעם אָפּצאָל פאַר אימפּאָרטירטע סחורות און אויך פאַר שקלאַפן.

„אין משך פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר — דערציילט לאַצינא — פון 1606 ביז 1625 זענען געפאַקט געוואָרן 8932 נעגער, וועלכע מ׳האָט געוואָלט אַריינפירן אין בוענאָס איירעס דורך קאָנטראַבאַנד. זייער באַטרעף איז געווען 5 מיליאָן 41 טויזנט 149 זילבער רעאַלן. אין דער דאָזיקער צאָל זענען נישט אַריין די נעגער וועמענס קאָנטראַבאַנד עס איז טאָלערירט געוואָרן אָדער מען האָט איר נישט געכאַפּט".

דער שקלאַפן־האַנדל, אָדער דער האַנדל מיט שקלאַפן, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן פון דער נאָכפראַגע אויף אַרבעטס־הענט, איז געוואָרן מיט דער צייט איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דעם האַנדלס־קלאַס, וועלכער איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיטן האַנדל, און אויך אַ וויכטיקע הכנסה פאַר דער קאָלאָניאַלער רעגירונגס אַדמיניסטראַציע דורך דעם אימפּאָרט־שטייער פאַר שקלאַפן.

6 — שקלאַפן־האַנדל

צו דער פאָלקסציילונג פון 1914 האָט לאצינא צוזאַמענגעשטעלט אַ סטאַטיסטיק פונעם שקלאַפן־האַנדל אין משך פון די ערשטע 70 יאָר פון דאָזיקן האַנדל. די צאָל און די סומעס קענען היינט אויסוויזן קליינע, אָבער אין יענער צייט און אין פאַרגלייך מיטן גאַנצן האַנדל און מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, זענען זיי גרויס. יעדנפאַלס איז דאָ נישט וויכטיק דער קוואַנטום נאָר דער פאַקט.

די דאַטעס און ציפערן וועלכע לאצינא האָט אַרויסגעשטעלט זענען:

יאָר	צאָל אימפּאָרטירטע שקלאַפן	באַטרעף אין זילבער פּעזעס
1588	3	375
1589	5	1.000
1591	15	1.069
1593	51	3.082
1594	73	4.511
1595	84	4.509
1596	1	133
1597	42	3.194
1598	6	706
1606	517	30.740
1607	226	20.898
1608	39	3.467
1609	60	4.206
1610	37	3.700
1611	348	49.244
1612	666	67.851
1613	780	62.116
1614	832	85.307
1615	1189	114.116
1616	14	2.822
1617	9	2.198
1618	8	1.030
1619	218	38.717
1620	760	110.951

יאָר	צאָל אימפּאָרטירטע שקלאַפן	באַטרעף אין זילבער פּעזעס
1621	1834	247.436
1622	630	82.036
1623	718	92.188
1624	74	7.400
1625	106	10.600
1626	73	7.300
1627	20	2.000
1628	119	15.400
1629	186	16.610
1630	334	31.965
1631	339	30.828
1632	470	40.390
1633	297	28.826
1634	78	7.240
1635	187	18.038
1636	175	17.700
1637	225	22.900
1638	148	14.870
1639	211	21.138
1640	295	29.500
1641	175	17.500
1642	303	83.715
1651	10	1.000
1654	2	200
1655	70	7.000
	13129	1.479.441

אָבער דער שקלאַפן־האַנדל האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין יאָר 1655. ער האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט און איז ערשט אויפן דריטן יאָר נאָך דער מאַי־רעוואָלוציע לעגאַל און פאָרמעל אָפּגעשאַפט געוואָרן.

כואַן ב. כוסטאָ דערציילט אין זיינע שריפטן ווי „אין אָנפאַנג פון פאָ־ריקן יאָרהונדערט איז אין בוענאָס איירעס נאָך געווען איינגעפירט אַן עפנט־

לעבער שקלאַפן־מאַרק, אויף וועלכן עס זענען פאַרקויפט געוואָרן שקלאַפן און שקלאַפינס פון 12 ביז 30 יאָר, און אויך עלטערע, אויף אַ פרייז פון 150 ביז 200 פעזעס אַ שטיק.״ ער ציטירט אַן אַוויסע פון נאָוועמבער 1803, לויט וועלכער עס האָט זיך אָנגעבאָטן: „אל בארער״, (אָפּצורייניקן) 260 נעגער פון ביידע געשלעכטער, געבוירענע אין קאָנגאָ און אין אנגאָלא, פון אויסגעצייכנטער קוואַליפיקאַציע״.

די שקלאַפן זענען גענוצט געוואָרן צו אַלע אַרבעטן און אויך צו פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטן. „מען האָט אָנגעבאָטן — דערציילט כוסטאָ — אַ נעגער־סטאָליער פאַרן פרייז פון 225 פעזעס; אַ שניידער פאַר 250 פעזעס; אַ בעקער פאַר 300 פעזעס״ און עס זענען געווען, למשל, אַזוינע אָנבאָטונגען, וואָס האָבן געזאָגט: „עס ווערט פאַרקויפט אַ שקלאַף פון 25 יאָר אַלט, א באַרבירער, אַביסל אַ פריזירער, קען שפּילן אויף אַ פלייט און אויף אַ גיטאַרע״.

7 — שקלאַפן־קאָנצעסיעס

מיט דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַנדערונג פון שפּאַניע קיין אינדיע — ווי דאָס האָט געהייסן די טייל אַמעריקע, וועלכע איז פאַרנומען געוואָרן פון דער שפּאַנישער מלוכה — אַ פּריוואַטע וואַנדערונג אויסער די אָפיציעלע עקספּעדיציעס און מיסיעס, אָבער ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן איז די דאָזיקע וואַנדערונג אַלץ געווען פאַר פּריווילעגירטע און אַ שטרענג קאָנטראָלירטע. אַרבעטער, פויערים, אָרעמע מענטשן אין אַלגעמיין זענען געווען אויסגעשלאָסן פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע. נישט זיי האָבן געהאַט אַ מאַטעריעלע מעגלעכקייט דערצו און האָבן צו דעם אויך נישט באַקומען קיין דערלויבעניש.

אויף צו קאָנען פאָרן קיין אינדיע האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונעם קיניגלעכן ראַט, וועלכער איז געזעסן אין קאַדיז. ס׳זענען געווען באַפעלן אומרחמנותדיק צו פאַרפאָלגן און צוריקברענגען אין קייטן יענע פּערזאָנען, וועלכע וועלן געכאַפּט ווערן אויפן וועג, אָדער ביים אָנקומען אין אַמעריקע, אָן דער דערמאָנטער דערלויבעניש.

אָבער צווישן די פּריווילעגירטע זענען געווען ווייניקער און מער פּריווילעגירטע, וואָס זיי איז דערלויבט געוואָרן דאָס וואָס אַנדערע איז נישט דערלויבט געווען. און עס איז זיי אויך דערלויבט געווען צו אימפּאָרטירן פאַר זיך שקלאַפן אָן אָפּצאָל.

האָבן זיך די ווייניקע פּריווילעגירטע באַנוצט מיטן נאָמען פון די מער פּריווילעגירטע און אימפּאָרטירט שקלאַפן דורך זיי.

דער דאָזיקער סיסטעם האָט אָנגעהאַלטן אַ סך יאָרן און די רעגירונג האָט געפירט אַ קאַמף קעגן אים, נישט קעגן דעם שקלאַפן־האַנדל, נאָר קעגן אַריינפיר פון שקלאַפן אָן אַפּצאָל ביז די רעגירונגס־מיטלען האָבן דערגרייכט צו די פּריווילעגירטע פון די פּריווילעגירטע. און עס איז אַרויס אין יאָר 1660 אַ „באַנדאָ", וואָס נעמט אויך אָפּ ביי די פּריווילעגירטע פון די פּריווי־לעגירטע דאָס רעכט אַריינצופירן שקלאַפן אָן אַפּצאָל.

און עס זאָגט די דערמאָנטע „באַנדאָ", אַז „מעגן זיי אַפילו זיין קאַ־וואַליערן פון די מיליטערישע אָרדענס, קאַפּיטאַנען, אַקטיווע אָדער רעזערוו סאָלדאַטן, אָפיצירן אין דינסט אָדער אויסערן דינסט, מענטשן פון דער היי־ליקער אינקוויזיציע, מיניסטאָרן אָדער אָפיצירן פונעם הייליקן קרייץ־צוג" — אַלע מוזן צאָלן דעם אָפּצאָל פאַר שקלאַפן־אימפּאָרט.

און עס איז נישט נאָר געגאַנגען דער רעגירונג אין איר כבוד, עס זאָלן רעספּעקטירט ווערן אירע דעקרעטן. עס איז איר געגאַנגען דער עיקר אין דעם פינאַנציעל־עקאָנאָמישן אינטערעס, אין אירע הכנסות פונעם שקלאַפן־אימפּאָרט, דער שקלאַפן־האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט צו איינעם פון די הויפּט האַנדלס־פאַקטאָרן און דורך דעם איז די שטייער־הכנסה פון שקלאַפן־האַנדל געוואָרן איינע פון די הויפּט־הכנסות פון דער קאָלאָניאַלער מלוכה און זי האָט זיך געזען וואָס ווייטער אַלץ מער באַשווינדלט און באַגנבעט אין אירע הכנסות און האָט זיך געזען געצוווּנגען אָנצונעמען מיטלען קעגן דעם.

און דער שקלאַפן־האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט צו אַזאַ פאַרנעם, אַז ער איז געוואָרן אַן ענין פאַר גרויסע קאָנצעסיעס, אין וועלכע עס האָבן זיך פאַר־אינטערעסירט אויסלענדישע, נישט שפּאַנישע קאַפּיטאַליסטן.

כואַן ב. כוסטאַ דערמאָנט, ווי אין יאָר 1702 האָט די קאָנצעסיע צו אימפּאָרטירן שקלאַפן באַקומען אַ פראַנצויזישע קאָמפּאַניע. זי האָט די קאָנ־צעסיע באַקומען פון דער שפּאַנישער מעטראָפּאָליטאַנישער רעגירונג אויף אַ טערמין פון צען יאָר. אין משך פון די צען יאָר האָט זיך די פראַנצויזישע קאָמפּאַניע פאַרפליכטעט צו ברענגען 85 טויזנט נעגער.

די קאָנצעסיע, אָדער דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו אימפּאָרטירן שקלאַפן, איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו ענגלענדער. דורך די קאָנצעסיעס איז אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן דער הויפּט שיף־טראַנספּאָרט איבערן אַט־לאַנטיק געווען דער שקלאַפן־טראַנספּאָרט פאַרן שקלאַפן־האַנדל. און מיט דער דערלויבעניש פון שפּאַנישן קיניג זענען אין בוענאָס איירעס איינגעפירט געווען אָפענע שקלאַפן־מערק, וועגן וואָס עס דערציילט אויך די ערשטע אַר־גענטינער צייטונג „על טעלעגראַפאָ מערקאַנטיל", דערשינען אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1801.

8 — סאָציאַלע קלאַסן: האַרן און שקלאַפן

אַלע היסטאָרישע פאַקטן דערלויבן נישט קיין צווייפל אין דער שאַר־פער קלאַסן־טיילונג פון אַרגענטינע זינט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

באַלד מיטן אָנהויב פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע זענען געשאַפן גע־וואָרן די צוויי שאַרף דיפערענצירטע קלאַסן: האַרן און שקלאַפן.

די ערשטע זענען געקומען פון שפּאַניע ווי אימפּעריאַליסטישע און קאַ־פּיטאַליסטישע דעראָבערער; די צווייטע זענען, אין די ערשטע צייטן פון דער דעראָבערונג, געווען די איינגעבוירענע, פרייע און זעלבסטשטענדיקע איב־דיאַנער, וועלכע זענען באַרויבט געוואָרן און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן דורך דער אימפּעריאַליסטישער און קאַפּיטאַליסטישער מאַכט.

און ווען צו די פעאָדאַלן, מיליטאַרן, גייסטלעכע, באַאַמטע און זייערע קרובים, וועלכע האָבן זיך איינגעטיילט מיטן רויב זענען צוגעקומען סוחרים צו פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, זענען, פון דער צווייטער זייט, צו די אַ ר ט י ק ע שקלאַפן־אַרבעטער צוגעקומען אַ י מ פּ אָ ר ט י ר־ט ע שקלאַפן־אַרבעטער און ס'איז געוואָרן אַ שאַרף דיפערענצירטע קלאַסן־געזעלשאַפט פון האַרן און שקלאַפן, פון פאַרמעגלעכע און אומפאַרמעגלעכע, פון עקספּלאָטירער און עקספּלאָטירטע.

9. — ראַסיזם: די ווייסע שפּאַניער — איבער אַלע און אַלץ

די שפּאַניער זענען געקומען מיטן „באַוווסטזיין", אַז די מענטשהייט איז איינגעטיילט אין ראַסן: אין העכערע ראַסן און אין נידעריקע; אַז פון אַלע ראַסן איז די ווייסע די פּריווילעגירטע, די ציוויליזירטע — די „מענטש־לעכע". אפשר פון דעמאָלט שטאַמט דער „טאָג פון דער ראַסע", וואָס ווערט דאָ אין אַרגענטינע געפייערט יעדן 12טן אָקטאָבער? און „מענטשלעך" האָט באַדייט נאָר די ווייסע ראַסע, מחמת די קאָלירטע: שוואַרצע, טונקעלע, ברויי־נע, זענען געווען פון אַן אַנדערן מין, אַ נידעריקן, אַן „אוממענטשלעכן", ווע־מען מען האָט געהאַלטן פאַר ווילדע, פאַר בהמות, וועמען מען דאַרף מאַנ־סירן, צוימען און באַנוצן פאַר דער ווייסער ראַסע, פאַר דער „מענטשלעכער". די שפּאַניער האָבן זיך דאָ געהאַלטן פאַר דער פאַרקערפּערונג פון דער ווייַ־סער ראַסע, פון דער „מענטשלעכער" און צוליב דעם רעזערווירט פאַר זיך אַלע רעכטן, קודם־כל דאָס רעכט פון אייגנטום, וואָס נאָר די ווייסע האָבן געמעגט האָבן, מענטשן פון דער שוואַרצער ראַסע, נעגער, האָבן זיי באַ־טראַכט פאַר אַן „אַרטיקל", וואָס מען קויפט און מען פאַרקויפט פאַר אַרבעט, פאַר באַדינונג און אפילו פאַר לוקסוס. דעם נעגער־„אַרטיקל" האָט מען גע־

קויפט אין אַפריקע און מען האָט אים געבראַכט ווי אַ פּריוואַט אייגנטום, ווי אַן אַרבעט־געצייג אָדער „שפּילצייג" פאַר אייגענעם געברויך אָדער צום פאַרקויף, צום האַנדל, אַזוי ווי אַנדערע סחורות, אָדער געצייג, אָדער בהמות.

אַזאַ „מענטשלעכן" בליק האָבן די שפּאַניער אויך געהאַט אויף די טונקל־הויטיקע, אויף די ברוינע — אויף די אינדיאַנער, וואָס האָבן באַפעלקערט דעם אַנטדעקטן קאָנטינענט, אַמעריקע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס דעם אינדיאַנער האָט מען נישט געדאַרפט אימפּאָרטירן, נישט געדאַרפט אים קויפן, ער האָט זיך געפונען דאָ אויפן אָרט און אַזוי ווי אַלץ וואָס דאָ האָט זיך געפונען: די ערד, די טייכן, די וועלדער, די חיות, האָבן די שפּאַניער געהאַלטן פאַר זייערס, האָבן זיי, מיטן זעלביקן „רעכט" וואָס זיי האָבן אַלץ געהאַלטן פאַר זייערס, אויך געהאַלטן פאַר זייערס די אינדיאַנער, וואָס האָבן דאָ געלעבט אויף דער ערד, אויפן וואַסער און אין די וועלדער וואָס די שפּאַניער האָבן פאַרנומען.

צווישן די אימפּאָרטירטע נעגער און די אָרטיקע אינדיאַנער איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשייד. אויב די נעגער האָבן שלום געמאַכט מיט זייער „שוואַרצן" גורל, רעזיגנירט פאַר דעם באַוווסטזיין, אַז זיי זענען געקויפט, אימפּאָרטירט און זענען דאָס אייגנטום פון זייערע באַלעבאַטים, פון וועמען זיי באַקומען עסן און שמיץ, האָבן אָבער די אינדיאַנער נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם גורל, וואָס עס האָבן זיי געבראַכט די שפּאַנישע עקס־פּעדיציעס, די שפּאַנישע קאָנקיסטאַדאָרן, וואָס פאַר די אָרטיקע אינדיאַנער זענען זיי געווען אינוואַדירער, איבערפאַלער, באַרויבער. און די אינדיאַנער האָבן נישט רעזיגנירט. אויב זיי זענען דורך ברוטאַלער מאַכט מצד דער „מענטשלעכער" ראַסע געוואָרן באַקעמפט, באַרויבט, עקספּלואַטירט און פאַרשקלאַפט, איז דאָס נישט געווען אָן ווידערשטאַנד און נישט אָן קאַמף מצד די אינדיאַנער, וואָס דורך דעם זענען זיי אינערלעך און גייסטיק שטענ־דיק געווען פריי.

דער אינדיאַנישער קאַמף האָט נאַטירלעך נישט געהאַט יענע „ציוויליזירטע" פאָרמען און מיטלען פון די קאָנקיסטאַדאָרן אָדער שפּאַניער; די אינדיאַנער האָבן זיך באַנוצט מיט זייערע פּרימיטיווע מיטלען און ווילדע קאַמפס־פאָרמען. פון זייער קאַמף דערציילן געשיכטלעכע עפּיזאָדן און לע־גענדעס.

...ווען כואַן דיאַז דע סאָליס, דער פירער פון דער ערשטער שפּאַנישער עקספּעדיציע האָט זיך געשיפט אין דער ריכטונג צו דעם אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ, האָט ער דערזען אויפן ברעג פון דעם אינדזל „ווילדע" און וואָס נענטער ער איז געקומען, אַלץ מוטיקער איז ער געוואָרן, מחמת די ווילדע האָבן באַגריסט די אָנקומענדיקע מיט פריינטלעכע און פריילעכע צייכנס

און זענען אַריין אין וואַלד, אָבער באַלד ווי סאָליס מיט זיינע מענטשן זענען אַראָפּ אויפן ברעג, זענען געפלויגן אויף זיי פיילן און אַלע זענען דערהרגעט געוואָרן.

עס ווערט דערציילט אַז די דערהרגעטע האָט מען אָפּגעבראָטן און אויפגעפרעסן. אַנדערע באַשטרייטן די דאָזיקע מעשה, מחמת די אינדיאַנער פון שבט טשאַרואַס, וואָס האָבן אַזוי אויפגענומען די שפּאַניער זענען נישט געווען קיין מענטשן־פרעסער.

10 — ווידערשטאַנד פון די אינדיאַנער

דעם 2טן סעפּטעמבער 1529 איז צעשטערט געוואָרן די שפּאַנישע קאַלאָניאַלע פעסטונג מיטן נאָמען „סאַנקטי ספּיריטוס" און עס זענען אומגעקומען אירע מענטשן. דאָס איז געווען אַ פאַקטאָר פון אַן אינדיאַנישן אויפשטאַנד, נאָך דעם ווי גאַבאָטאָ, דער פירער פון אַ צווייטער שפּאַנישער עקספּעדיציע, האָט צוגענומען ביי די אינדיאַנער זייערע ווירטשאַפטן.

שמידעל, איינער פון די עלטסטע געשיכטע־שרייבער פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, דערציילט, אַז די ערשטע טעג (עס רעדט זיך וועגן אַ קאַמף אין יוני 1536) האָבן די אינדיאַנער גוט אויפגענומען די שפּאַניער. געבראַכט זיי מאַיס, פלייש און אַנדערע פּראָדוקטן. די דאָזיקע גאַסט־פריינטלעכקייט האָט אָבער שנעל געפּלאַצט. באַלד ווי די אינדיאַנער האָבן באַמערקט אַז מען באַהאַנדלט זיי ווי שקלאַפן, האָבן זיי אויפגעהערט ברענגען שפּייז.

דאָן פּעדראָ דע מענדאָסאַ, דער פירער פון נאָך אַן עקספּעדיציע, האָט געוואָלט צווינגען די אינדיאַנער צוצושטעלן עסן. צוליב דעם האָט ער צוערשט געשיקט צו זיי אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון ריכטער כואַן פּאַוואָן מיט דריי סאָלדאַטן. די קאָמיסיע האָט זיך אומגעקערט אָן שפּייז און קוים אַ לעבעדיקע. אין דעם פאַל האָט דאָן פּעדראָ דע מענדאָסאַ אַרויסגעשיקט זיין ברודער דיעגאָ אין שפּיץ פון רייטער־מיליטער, מיליטעריש צו באַקעמפן דאָס עקשנות פון די אינדיאַנער.

אָבער די אינדיאַנער זענען געווען אַ סך און פלינק און געוואַגט און האָבן געקענט פונדערווייטנס בינדן די פיס פון די פערד פאַרוואַרפנדיק אויף זיי די „לאַסאָ". אין דעם קאַמף איז געפאַלן דאָן דיעגאָ דע מענדאָסאַ און די קאַפּיטאַנען מעדראַנאָ, גוסמאַן, אַפּאַב דע ריבערא, פּעדראָ דע לוכאַן און עס וואָלטן נאָך שפּאַניער אומגעקומען אויפן קאַמפּס־פעלד, ווען עס קומט נישט אונטער פאַרשטאַרקטע אינפאַנטעריע אונטער וועמענס אַטאַקע די אינדיאַנער זענען אַנטלאָפן.

שמידעל קאַלקולירט, אַז צוואַנציק טויזנט אינדיאַנער זענען געווען

אריינגעצויגן אין אויפשטאַנד קעגן די שפּאַניער. זיי זענען געווען צעשפּרייט איבער דער לענג פון בוענאָס איירעס ביז מיסיאָנעס, אַרום די טייכן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, אורוגוויי און פּאַראַנאַ און געפירט דעם קאַמף גרופּעסווייז, סאָלידאַריש. ס'איז געגנוג געווען דער קאַמפּס טומל פון אַ גרופּע אויף אַ באַשטימט אָרט, אַז עס זאָלן באַלד אַנלויפן מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג די איבּדיאַנער פון די נאָענטע גרופּעס אָדער ערטער.

אין קאַמף מיט די אינדיאַנער האָבן די שפּאַניער אָפטמאָל געמוזט אַנטלויפן פון דער רעזידענץ־שטאָט, וועלכע איז נישט שטענדיק אָבער מיינסטנטייל געווען בוענאָס איירעס. מחמת די רעזידענץ־שטאָט אין באַשטאַנד פון הילצערנע געביידעס מיט שטרויענע דעכער, האָט גאַנץ פיין געקלאַפּקערט אונטער דעם האָגל פון די אינדיאַנערס ברענענדיקע פיילן. די אינדיאַנער, געניטע פיילן־בויגן־שיסער, האָבן געוווסט אויסצונוצן זייער קונסט און פון דערווייטנס אונטערצינדן אַ שטאָט. צו זייערע פיילן האָבן זיי צוגעבונדן בינטלעך שטרוי, געטונקענע אין פיש־פעטס און אָנגעצונדענע האָבן זיי געצילט די פלאַקער־פיילן אויף די שטרויענע דעכער פון דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער רעזידענץ.

די „ראַסע", דאָס הייסט די שפּאַניער, האָט שטענדיק באַזיגט די אינדיאַנער, געבראָכן זייער ווידערשטאַנד, אָפּגעשלאָגן זייער אָנפאַל, אויסגעקוילעט, פּאַרפּייניקט, פאַרטריבן. אַזוי איז דאָס געווען אויפן מיזרח, ווו עס האָבן אומאויפהערלעך געקעמפט די אינדיאַנער גוואַראַניעס און ווו נישט געקוקט אויפן אויסראָטונגס־קאַמף האָבן זיי דאָך געלאָזט אַזאַ קולטור־סימן פון זייער עקזיסטענץ, ווי דאָס איז זייער שפּראַך, וועלכע איז קיינמאָל אָפּיציעל נישט געוואָרן געשטיצט און איז דאָך געבליבן די פאָלקס־שפּראַך פון די „אַבאָריגענעס" אין קאָריענטעס, מיסיאָנעס, פּאַרמאָסאַ און אויף דער מיזרח־טייל פון טשאַקאָ. און אַזוי איז דאָס געווען אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, אויפן צפון פון טשאַקאָ ביז די אַנדן און פון סאַלטאַ און כוכוי איבער טוקומאַן, סאַנטיאַגאָ ביז קאָרדאָבאַ, האָט אָנגעהאַלטן דער ראַסן־קאַמף צווישן די שפּאַניער און די קיטשוער אינדיאַנער.

11. — טופּאַק־אַמאַרו און דער „מיטאַ"־סיסטעם

ווי עס גיט איבער דער אַרגענטינער היסטאָריקער וויסענטע פידעל לאָפּעז זענען פון דער פּראָווינץ, וועלכע טראָגט דעם קיטשואישן נאָמען טוקומאַן, פאַרשוואונדן אין אַ באַשטימטן משך דרייסיק טויזנט אינדיאַנער. אַ טייל איז געפאַלן אין קאַמף מיט די שפּאַניער און די אַנדערע טייל איז זיך צעלאָפן.

איינער פון די קיטשואישע קאַמפּס־עפּיזאָדן שוין מיט אַ מער אויס־דריקלעכן סאָציאַלן כאַראַקטער איז געבליבן פאַרבונדן מיט אַ לעגענדאַרן העלד: טופּאַק־אַמארו.

אונטער דעם קיטשואישן פּסעוודאָנים זאָל זיך האָבן באַהאַלטן אַ מענטש, וואָס לויט דער מיינונג פון די אינדיאַנער און אויך פון די שפּאַניער זאָל ער האָבן געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון דער אינקאַ־דינאַסטיע הואַ־אַשאַ־קארי. ער איז געשטאַנען אין געהיימער פאַרבינדונג מיט די קיטשוער אינ־דיאַנער, מיט זייער קאַמפּס־באַוועגונג.

די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען פאַר אָפּשאַפן דעם „מיטאַ"־סיסטעם. דאָס איז געווען אַ סיסטעם פון כאַפּן די קרעפּטיקסטע אינדיאַנער און זיי צעטיילן צווישן די שפּאַניער, וואָס זענען געווען די באַלעבאַטים פון די מי־נען. די אינדיאַנער זענען מיט גוואַלד אַראָפּגעזעצט געוואָרן אין די מינען צו צוואַנגס־אַרבעט, און זיי זענען פון דאָרט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן ערשט נאָכ־דעם ווי זיי האָבן אין די מינען איבערגעלאָזט זייערע כוחות, אויסגעשעפּטע, אינוואַלידן אָדער טויטע.

דאָן כאָסע גאַבריעל דע קאָנדאָר־קאַנקי, וועלכער האָט אָנגענומען דעם פּסעוודאָנים פון טופּאַק־אַמארו, איז אַוועק קיין שפּאַניע מיט דער שליחות צו פּועלן ביים קיניג עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דער „מיטאַ"־סיסטעם.

קיניג איז געווען קאַרלאָס דער דריטער. ער האָט געהאַט אַ באַראַטונג מיט זיינע מיניסטאָרן און נאָך דעם צוגעזאָגט דאָן כאָסע גאַבריעל דע קאָנדאָר־קאַנקי, אַז מ'וועט אָפּשאַפן דעם „מיטאַ"־סיסטעם.

אָבער: צי דער קיניגלעכער צוזאָג איז באַלד געווען פאַלש, אָדער שטאַרקער פון דעם צוזאָג זענען געווען די מאַטעריעלע אינטערעסן פון די שפּאַנישע מינען־באַזיצער, וועלכע זענען געוואָרן געשטיצט פונעם שפּאַנישן „קאָנסעכאָ דע אינדיאַס", — דער „מיטאַ"־סיסטעם איז נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן. און עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער אינדיאַנער אויפשטאַנד פון די קיטשואס און פון די אימאַראַאס און דאָן כאָסע גאַבריעל קאָנדאָר־קאַנקי, וועלכער האָט אָנגענומען דעם נאָמען טופּאַק־אַמארו, וואָס דער טייטש פון דעם איז זונען־שלאַנג, האָט זיך געשטעלט בראש פון דעם אויפשטאַנד.

דער אויפשטאַנד, שוין ערב דעם סוף פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרוילהאַפטער ראַסן־מלחמה פון די טונקעלע, ברוינע אינדיאַנער — אויף איין זייט און די ווייסע, שפּאַניער, קריאָזשעס — איראָפּעער אויף דער צווייטער זייט. אַ יאָר צייט האָט די דאָזיקע ראַסן־מלחמה געדויערט. טייכן בלוט זענען פאַרגאָסן געוואָרן. די „מענטשלעכע" ראַסע האָט געזיגט און געפּייערט איר זיג מיט אַן עקזע־

קוציע פון די אויפשטאַנד־פירער, צווישן זיי טופאַק־אמארו, וואָס זענען צע־ריסן געוואָרן אויף פיר שטיקער.

דער סאָציאַלער קאַמף האָט געהאַט זיינע סיבות אינעם ראַסיזם און ראַסיסטיש זענען געווען זיינע גרוילהאַפטע פאָרמען און קאָנסעקווענצן.

דער לעצטער מיטל — מער שוץ־מיטל איידער קאַמפּס־מיטל — פון די באַקעמפטע אינדיאַנער, פון דער באַזיגטער און פאַרפאָלגטער ראַסע איז גע־ווען די אומענדלעכקייט פון פעלד, פון וואַלד, פון די בערג און זייער פריי־הייט, וווּ אַהין די פאַרפאָלגטע זענען זיך צעלאָפן און פאַרשפּרייט.

און אין שוץ פון דער אומענדלעכקייט פון די אַרגענטינער פעלדער האָבן די פאַרפאָלגטע קאָנסערווירט און פאַראייביקט זייער פרייהייט.

אַ היימלאָזע פרייהייט אין דעם לאַנד פון זייער געבורט און פון דעם געבורט פון זייערע אבות; אַ פרייהייט אָן זיכערקייט פון עקזיסטענץ און לעבן; אַ פרייהייט פון זיין כסדר אויסגעשטעלט פאַר די קאַפּריזן פון דער רויער און ווילדער נאַטור; אַ פרייהייט פון לעבנס געפאַר און פון אינטים זיין מיטן טויט — דער „אַבאָריכען“, דער אינדיאַנער, האָט אָבער בעסער געוואָלט אַזאַ פרייהייט איידער זיין אַ ראַסן־קנעכט, איידער זיין פאַר־שקלאַפט.

קאפיטל III

די באַפעלקערונג אין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ סוף 18טער יאָרהונדערט

1. — ווייסע, שוואַרצע און ברוינע; 2. — מולאַטן און געמישטע

אין דריטן יאָרהונדערט פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שקלאַפעריי, צוואַנג־אַרבעט, גוואַלדזאַמקייט, אינקוויזיציע, רויב, אונטערדריקונג און שווינדל — איז דערגרייכט געוואָרן די קאָנסאָגראַציע פון אַ זייער מיזעראַבלען, דערנידעריקטן און האָפענונגסלאָזן פּאַראָרעמטן קלאַס, אַן אויסגעצייכנט פלעבעישן פון נעגער, אינדיער, „מולאַטן" און געמישטע שקלאַפן (מולאַטן — געמישט שוואַרצע מיט ווייסע פון וואָס עס זענען אַרויסגעקומען טונקל־ברוינע; געמישטע, אָדער „מעסטיסאָס" — געמישט אינדיער מיט ווייסע, פון וואָס עס זענען אַרויסגעקומען העל ברוינע) און אויך ווייסע (חוץ די פּריווילעגירטע), וואָס האָבן זיך אַריינגעקראָגן קאָנטראַבאַנדע — פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט אַ הערשנדיקן קלאַס פון מער און פון וויניקער רייכע, אָדער פאַרמעגלעכע אין באַשטאַנד פון ווייסע שפּאַניער און קינדער און קינדס־קינדער פון שפּאַניער, געבוירענע אין דער קאָלאָניאַלער אַרגענטינע.

3. — אַ פאָלקסציילונג אין 1778

אין 1778 האָט דער בוענאָס איירעסער קאַבילדאָ (שטאָטראַט) דורכגעפירט אַ צענז (פאָלקסציילונג) פון וואָס עס זענען אַרויסגעקומען די פאָלגענדע באַפעלקערונגס־דאַטן און ציפערן:

פון דער שטאָט: ווייסע: 15.719; נעגערס: 4.115; מולאַטן: 3,153; געמישטע: 674; אינדיער 544. סך־הכל 24.205 איינוווינער.

אויף די פעלדער: ווייסע: 9.732; נעגערס: 630; מולאַטן: 1.020; אינדיער: 1.543. סך־הכל 12.925.

4. — שטאָט־מענטשן און פעלד־מענטשן — אָרעם און רייך

לויט סאָציאַלע קלאַסן האָט זיך די באַפעלקערונג געטיילט אין אָרעם און רייך. (די רייכע זענען געווען די סוחרים, מיליטאַרן, רעגירונגס־מענטשן,

גוטבאַזיצער, אַגראַריער, פּי־אייגנטימער און די אינטעליגענץ); זיי האָבן געציילט אין שטאָט 15.719. און דער אָרעמער קלאַס איז באַשטאַנען פון שקלאַפן, זעלבסטשטענדיקע בעל־מלאכות און פשוטע סאָלדאַטן. סך־הכל 8.486. און אויף די פעלדער: 9.732 פון רייכן קלאַס און 3.193 פון אָרעמען קלאַס.

בוענאָס איירעסער שטאָט און פעלד צוזאַמען רייכע: 24.441 און 11.679 אָרעמע.

אפשר זענען די דאָטן און ציפערן נישט אַבסאָלוט, אָבער זיי צייכענען אַ בילד פון יענעם דעמאָגראַפישן און ראַסן־צושטאַנד און שאַפן אַ באַגריף פון יענעם סאָציאַלן באַשטאַנד, דעמאָלט אין די סוף יאָרן פון דער קאָלאָניאַ־לער עפּאָכע, און אין דער עמבריאָן־צייט פון אַ נייער עפּאָכע.

5. — קריאָזשעס

די ציטירטע ציפערן און דאַטן דערציילן גאָרנישט פון אַנדערע פּאַק־טאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט קעגן דעם קאָלאָניאַלן רעזשים, און פאַר דער באַ־פרייאונג, ביז דעם אויסברוך פון דער מאַי־רעוואָלוציע, וועלכע איז אויסגע־טראָגן געוואָרן אין לויף פון די לעצטע פּאָר צענדליק יאָרן פון אַכצנטן יאָר־הונדערט און אין ערשטן צענדליק פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

איינער פון די פּאַקטאָרן איז געווען די אַנטאַגאָניסטישע צעטיילונג פון דער קאָלאָניאַלער באַפעלקערונג אויף שפּאַניער און קריאָזשעס. די ערשטע זענען די געקומענע אָדער אַהערגעשיקטע פון שפּאַניע און די צווייטע זענען דאָ אין אַרגענטינע געבוירענע און זענען געווען די קינדער און די קינדס־קינדער פון די שפּאַנישע עלטערן און אורעלטערן. די שפּאַניער, אַזוי די מי־ליטאַרן ווי די ציווילע זענען צום גרויסן טייל געווען די מלוכה־אָנגעשטעל־טע, די באַאַמטע פון דער רעגירונג, די פונקציאָנאַרן און בכלל די דינער פון מיטלאַלטערלעכן, מאָנאַרכיסטישן, פעאָדאַליסטישן און אינקוויזיטאָרישן שפּאַניע מיט אינטערעס עס זאָל אָנהאַלטן דער קאָלאָניאַלער רעזשים.

די קריאָזשעס, אפילו די קינדער פון די פּריווילעגירטע, די פּאַטריציער (זיי האָבן זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט פון דעם יחוס און אים אויסגעטוישט אויף „פּאַטריאָטן" אויס ליבע צום לאַנד פון געבורט, פון לעבן און פון קאַמף פאַר באַפרייאונג), האָבן זיך געזען באַגרעניצט אין זייערע רעכטן, געשטערט אין זייערע עקאָנאָמישע באַדערפעניש און אין געוויסנלאַזן שפּאַן פון קאָלאָניאַלן יאָך, מיט אַ וואַקסנדיקן אינטערעס צו באַפרייאונג און צו אַרבעטן פאַר אָפּ־שאַפן די אויסלענדישע קאָלאָניאַלע הערשאַפט און פאַר שאַפן זיך אַ ניי, פריי און אַ דערהויבן לעבן.

6. — קאָנטראַבאַנדיסטן און פרייהענדלער

אַ פאַקטאָר איז געווען דער האַנדל אויף קאָנטראַבאַנדע, וואָס האָט זיך גענומען פונעם רעזשים, וואָס פאַרווערט פרייען האַנדל און איז דערגאַנגען צו אַזאַ פאַרנעם אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, אַז עס האָט אַרויסגערופן די רעפּרעסיע פון דער רעגירונג, וואָס איז דערגאַנגען ביז אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס אפילו אויף פון די „קאוואליערן פון די מיליטערישע אָרדענס, קאַפּיטאַנען, אַקטיווע אָדער פּענסיאָנירטע סאָלדאַטן פון די מיליציעס, טיטולירטע אָפיצירן אין דינסט אָדער נישט אין דינסט; קרובים פון דער הייליקער אינקוויזיציע, מיניסטאָרן אָדער אָפיצירן פונעם הייליקן קרייץ־צוג״ — ציטירט אָדאָנע אין זיין „היסטאָריאַ דעל סאָסיאַליסמאָ אַרכענטינאָ״.

אָבער קאָנטראַבאַנדע איז אָנגעגאַנגען און זיך אַנטוויקלט — נישט אַזוי צו באַפרייען זיך פון אָפּצאָל, אָדער שטייער פאַר אימפּאָרט און עקספּאָרט, ווי צוליב עקאָנאָמישע באַדערפענישן, געשעפט און צוליב ווירטשאַפטלעכע און קאָנסום־באַדערפענישן פון דער אַלץ־וואַקסנדיקער קאָלאָניאַלער באַפעלקערונג און פון קאָלאָניאַלן לאַנד אַליין.

נאָר אַ דאַנק דער קאָנטראַבאַנדע זענען געווען די זאַכן פאַרן געברויך פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און פרנסה פאַר גאָר אַ גרויסער טייל פון איר און אַ קוואַל פון רייכטום פאַר די סוחרים.

און דער קאָנטראַבאַנדע, דערגייענדיק צו זיין קולמינאַציע האָט געשאַפן קעגנזעצלעכע אינטערעסן און קאַמף צווישן די רייכע אין דער קאָלאָניע; צווישן די פעלדישע ווירטשאַפטלער און די שטאָטישע סוחרים, כאָטש די סוחרים זענען אויך געווען ווירטשאַפטלער און די ווירטשאַפטלער זענען אויך געווען סוחרים אין יענער צייט, ווען די שטאָט איז געווען כמעט אויפן פעלד און דאָס פעלד האָט אַרומגענומען די שטאָט.

7. — מאַריאַנאָ מאָרענאָ אַלס רעפּרעזענטאַנט פון די ווירטשאַפטלער

די ווירטשאַפטלער אַלס ווירטשאַפטלער, וועמענס דענקער, וואָרטזאָגער און פאַרטיידיקער עס איז געווען דער פאַרגייער מאָרענאָ, זענען געווען פאַראינטערעסירט אינעם פרייען האַנדל און דעריבער קעגן דעם רעזשים פון פאַרשלאָסענע טויערן, בעת די סוחרים אַלס סוחרים און זייער זיין אַריינגעטאָן אינעם קאָנטראַבאַנד האָבן פאַרטיידיקט דעם קאָלאָניאַלן רעזשים פון פאַרבאָטונגען.

אַזוי שרייבט מאָרענאָ, קריטיקירנדיק די פּראָטעסטירער קעגן אַ פּראָ־

יעקט פון ווירריי סיסנעראָס פאַר איינשטעלן האַנדלס־באַציאונגען מיט ענג־לאַנד: „...צי קען נאָך זיין עפּעס לעכערלעכער, ווי דאָס, וואָס אַ סוחר שטייט און שרייט אויף אַלע קולות קעגן דעם ענדערן די געזעצן, וואָס פאַר־באָטן האַנדלען מיט אויסלאַנד, שרייענדיק דאָס ביי דער טיר פון זיין געשעפט, אין וועלכן עס געפינט זיך נישט קיין אַנדערע סחורה, ווי נאָר ענגלישע, וואָס איז קלאַנדעסטין אַריינגעפירט געוואָרן?"

דאָס זענען געשאַפענע אינטערעסן וואָס פירן אויך צום סוף פון דעם רעזשים, וואָס האָט זיי געשאַפן.

רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע

קאפּיטל IV

ערב די אַרגענטינישע רעוואָלוציע

1 — איינפלוס פון באַפרייערישע אידעען

אויך די ענגלישע אינוואַזיע איז געווען גינסטיק פאַרן געבורט פון דער מאַי־רעוואָלוציע, דורך איר האָט זיך געשאַפן די מיליץ פון די קריאָ־זשעס, די פּאַטריציער ־ פּאַטריאָטן. די מיליץ, וואָס האָט באַקעמפט די ענגלישע אינוואַזיע און באַפרייט פון איר דאָס לאַנד, איז געוואָרן די באַ־וואָפנטע האַנט פון דער באַפרייערישער מאַי־רעוואָלוציע און דער הערא־שער אָנהייב פון דער אַרגענטינישער פרייהייטס־אַרמיי.

די ענגלישע אינוואַזיע האָט אויך געדינט דער רעוואָלוציאָנערער זאַך מיט די פרייהייטלעכע און מענטשן־רעכטלעכע געדאַנקען, וואָס זי האָט געבראַכט פונעם פרייהייטלעכן און דעמאָקראַטישן ענגלאַנד שוין אין יע־נער צייט, סוף אַכצנטן יאָרהונדערט און האָט זיי דאָ בעת איר אָקופּאַציע פאַרשפּרייט.

און די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, דעמאָלט אין 1789 מיט איר דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, די טרעגערן פון אוניווערסאַלע, הו־מאַנע פרינציפּן און ליכטיקע, דערהויבענע באַפרייערישע אידעען וואָס לאָזן

רעוואָלוציאָנערע פאָרגייער

מאַריאַנאָ מאָרענאָ

בואַן כ. קאַסטעלי

זיך נישט פאַרשליסן אין קיין לאַנד און דרינגען אַדורך די פאַרשלאָסענע טויערן און גרעניצן פון אַלע לענדער און אינספּירירן, באַגייסטערן און באַלייכטן די פינצטערע וועגן צו פרייהייט — וויפיל האָט זי בייגעטראָגן פאַר דער אַרגענטינער רעוואָלוציע פון מאַי!

2 — די ענגלישע אינוואַזיע און די אַרגענטינער רעקאָנקיסטאַ

אין 1806 איז בוענאָס איירעס רעקאָנקיסטירט געוואָרן פאַר אַרגענ־טינע, ווען מען באַפרייאונג עס איז שוין אונטערערדיש געגרייט געוואָרן זינט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 און עס איז שוין מיט דעם געבורט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט געווען אַ קלאָרער רעוואָלוציאָנערער ציל און פּלענער ביי דער קריאָזשער באַפעלקערונג צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער הערשאַפט.

די רעקאָנקיסטאַ פון בוענאָס איירעס, וואָס איז געשען דעם 12טן אוי־גוסט פון יאָר 1806 איז געווען אַדורכגעפירט קעגן דער ערשטער ענגלישער אינוואַזיע און אָקופּאַציע.

מיט דעם זעלביקן „רעכט“, מיט וועלכן שפּאַניע האָט „געגרינדעט“ בוענאָס איירעס האָט אויך ענגלאַנד געוואָלט „גרינדן“ בוענאָס איירעס, נישט געקוקט אויף דעם וואָס שפּאַניע האָט עס שוין געטאָן מיט הונדער־טער יאָרן צוריק און יאָ געקוקט אויף דעם, וואָס אין שפּאַניע אַליין האָט זיך די מאַכט געפונען אין אַ שאַרפן קריזיס און פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ האָבן זיך דערטראָגן צו די בריטישע אינדזלען קלאַנגען פון אומצופרידנקייט מיט דער שפּאַנישער הערשאַפט. און ענגלאַנד, נישט וועלנדיק זיין ווייני־קער אימפּעריאַליסטיש פון שפּאַניע האָט זי אָפיציעל אָדער נישט אָפיציעל אַרויסגעשיקט אַ פלאָטיליע מיט אַ צוויי טויזנט סאָלדאַטן צו „וויזיטירן“ דעם לאַ פּלאַטאַ טייך און טאָקע אַ פּרווו טאָן איבערנעמען בוענאָס איי־רעס. וואָרום וואָס איז די קריאָזשעס נישט אַלציינס דער ענגלישער אימ־פּעריאַליזם ווי דער שפּאַנישער?... פאַרקערט, לויט דעם חשבון פון די ענג־לענדער דאַרפן די קריאָזשעס בעסער וועלן די ענגלישע מאַכט איידער די שפּאַנישע, ווייל די ענגלישע מאַכט איז שוין נישט אַזוי מיטלאַלטעריש ווי די שפּאַנישע, און די ענגלישע מאַכט זאָגט צו פרייהייט פון האַנדל אין לאַנד און מיט אויסלאַנד, וואָס אונטער דער שפּאַנישער מאַכט איז דאָס פאַרבאָטן; און די ענגלישע מאַכט, וואָס האָט געוווסט אַז מיט דעם פרייען האַנדל באַפרידיקט זי די הויפּט עקאָנאָמישע שטרעבונג פון די קריאָזשעס, אָדער אַרגענטינער, האָט זי אויך צוגעזאָגט נאָך אייניקע רעכטן די קריאָ־זשעס, וואָס ביי דער שפּאַנישער מאַכט האָבן זיי נישט געהאַט.

און דאָס ענגלישע מיליטער האָט אינוואַדירט בוענאָס איירעס און אָקופּירט די שטאָט כמעט אַן אַ ווידערשטאַנד.

דער שפּאַנישער ווירריי, סאָבערעמאָנטע, האָט געלאָזט האַק און פּאַק און האָט זיך אָפּגעטראָגן, אַנטלאָפן פון בוענאָס איירעס קיין קאָרדאָבע און די שטאָט איז געבליבן אין די הענט פון די ענגלישע אָקופּאַנטן. זיי האָבן הייסט עס פאַרטריבן די שפּאַנישע מאַכט און פאַרנומען בוענאָס איירעס פאַר ענגלאַנד און אַזוי וואָלט עס אפשר געבליבן. אָבער די ענגלענדער מיט זייער גאַנצער חכמה האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות מיט דעם, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז די קריאָזשעס, אַז דאָס אַרגענטינער פאָלק, איז געהיים אָרגאַניזירט און אפילו באַוואָפנט כלומרשט צו פאַרטיידיקן די שפּאַנישע מאַכט קעגן אינוואַזיעס, וועט וועלן פאַרבייטן איין פרעמדע אימפּעריאַליס־טישע הערשאַפט אויף אַ צווייטער. און מיט דעם דאָזיקן טעות האָבן זיך די ענגלישע אָקופּאַנטן אָנגעשטויסן אויף דעם סורפּריז פון אַ באַוואָפנטן ווי־דערשטאַנד מצד די בוענאָס איירעסער פאָלקסמאַסן און דער פאָלקס־מיליץ. און דער דאָזיקער כוח, געטראָגן מוטיק און העראָיש פונעם אידעאַל צו באַפרייען זיך פון יעדער פרעמדער אימפּעריאַליסטישער הערשאַפט, כדי זיך צו בויען אַן אייגן, פריי און דעמאָקראַטיש לעבן, האָט שנעל אָפּגעריי־ניקט בוענאָס איירעס פון דער ענגלישער אָקופּאַציע און אָפּגענומען פון די ענגלענדער די שטאָט נישט פאַר דער שפּאַנישער מאַכט, נאָר פאַר אַ באַ־פרייטער אַרגענטינע.

3 — אונטער דעם אוניווערסאַלן זין פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 מיט אַלע אירע גרויסע, אומ־פאַרגעסלעכע און שטענדיק ווירקנדיקע עפּיזאָדן, אַזוינע, ווי דאָס איינ־ברעכן די באַסטיליע, איז געווען דורך אירע אומשטענדן, אירע צוועקן, איר סטיכיע און איר פּראָגראַם אַ פראַנצויזישע רעוואָלוציע, זי איז אָבער אַן פּרעטענזיעס צו זיין אַ וועלט־רעוואָלוציע דאָך דאָס געוואָרן דורך אירע פּאָ־ליטישע און סאָציאַלע אידעען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער, באַזונדערס איבער די שפּאַניש־אַמעריקאַנישע, קאָלאָניאַלע אונ־טערן יאָך פון שפּאַנישן פעאָדאַליסטישן אימפּעריאַליזם; אירע אינספּי־ראַציעס און מיט איר ביישפּיל.

און אַזוי ווי עס איז, ווו פריער, ווו שפּעטער, געוואָרן אַלוועלטלעך דער עיקר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַלס גאַנצע, איז דאָס אויך געוואָרן איר דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, וועמענס פּרינציפּן עס זענען געווען די פּרינציפּן פון כמעט אַלע גרינטלעכע רעוואָלוציעס אין אַלע לענ־

דער, זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; וועמענס פּרינציפּן עס זענען געווען די באַגייסטערער און די אָריענטירער פון דער אַרגענטינער מאי־רעוואָלוציע און פון אַלע באַפרייאונגס־רעוואָלוציעס פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, און וועמענס פּרינציפּן עס לעבן אין דער אַרגענטי־נער קאָנסטיטוציע אַזוי ווי אין די קאָנסטיטוציעס פון אַלע פרייע און דע־מאָקראַטישע אַמעריקאַנישע לענדער.

עס האָט געהאַט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אירע אידעישע פאָר־גייער אין דער געשטאַלט פון אירע אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייטן, שרייבער, אַזוי גערופענע „ענציקלאָפּעדיסטן", וועלכע זענען געווען די אויסדריקער פון קאָנסטאַנטן פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער אומגערעכ־טיקייט, קעגן שקלאַפעריי, קעגן דער פּריווילעגיע פון דער מינדערהייט, וואָס האָט געלעבט פאַרשווענדעריש אויפן חשבון פון די אַרבעטנדיקע, רעכטלאָזע און נויטליידנדיקע פאָלקסמאַסן, דערדריקטע אונטער די שטייער לאַסטן, מחמת נאָר די פאָלקס־מאַסן האָבן געמוזט צאָלן די שטייערן פאַרן אויסהאַלט אינעם הולטאַיערישן קיניגלעכן הויף און פאַרן אויסהאַלט פון דער מלוכה, בעת די דעמאָלסדיקע רייכע, די פעאָדאַלן, די פּריצים, די אַדל־לייט זענען געווען פריי פון יעדן שטייער, ווי דאָס איז אויך געווען דער הערשנדיקער קלער אַלס אינסטיטוציע מיט געוואַלדיקע פאַרמעגנס; עס זענען געווען די ענציקלאָפּעדיסטן, די גייסטיקע קעמפער קעגן דער קאָ־רופּציע פון דער מאָנאַרכיע, פון געריכט און פון די בסדרדיקע, רואינירנ־דיקע און צעשטערערישע מילחמות, און זיי זענען געווען די גייסטיקע אויס־דריקער פון דער יונגער בורזשואַזיע, פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן קעגנאיבער דעם פעאָדאַליזם אין זיין שטייגנ־דיקן קריזיס פון עקאָנאָמישן באַנקראָט; זיי האָבן מאָראַליש אָראָפּגעריסן די קרוין" פון דער „גאָט געזאַלבטער" מאָנאַרכיע, די פּאָליטישע און סאָ־ציאַלע פּריווילעגיעס פונעם אַדל און די גייסטיקע הערשאַפט פונעם קלער און די מאַטעריאַליזאַציע פון דער גייסטיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געקומען פון דער סיטואַציע, צו וועלכער עס האָט דערפירט די אַלטע אָרדענונג; אַ סיטואַציע פון סיסטעמאַטישן הונגער מיצד די פּלעבעער, די אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן; אַ סיטואַציע פון מילחמה חרבנות, פון פי־נאַנציעלער אויסגעליידיקטקייט און פון פאַרזונקעניש אין חובות; אַ סי־טואַציע, וואָס האָט געוואָרפן דער אַלטער הערשאַפט צו גוואַלד און צו אויספּרעסן נייע שטייערן, ווען די מאַסן זענען אַרויס מיט דעם געשריי נאָך ברויט; ווען די יונגע רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזיע, זייענדיק פון דריטן, רעכטלאָזן שטאַנד האָט געשטורעמט די צוימען פון דער מאָנאַרכיסטיש פעאָדאַליסטיש־גייסטלעכער הערשאַפט און מען האָט שוין מער נישט גע־

קענט און מען האָט שוין באַוווּסטזיניק מער נישט געוואָלט דעם אַלטן רע־זשים אין באַנקראָט — איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע.

4 — דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט

דאָס וואָרט האָט גענומען דער דריטער שטאַנד מיט די בורזשוואַזע רע־וואָלוציאָנערע אידעאָלאָגן און פרעדיקער אַלס פירער און רעפּרעזענטאַנטן אויף דער ערשטער נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַטיווער פאַרזאַמלונג, פאַר־זאַמלט אויף אַ טעניס־פּלאַץ קעגן דעם פאַרבאָט פון לואיס דעם 16טן. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט מער נישט אָנערקענט די אויטאָריטעט פונעם קיניג און פאַר דער שיין פון פראַנקרייך און פון דער וועלט איז אויף דער פאַרזאַמלונג דערקלערט געוואָרן אַ נייע אויטאָריטעט — דאָס פאָלק, די דעמאָקראַטיע, מחמת דעם פאָלקס־פאַרטרעטער האָבן רעפּרעזענטירט אויף דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פינף און צוואַנציק מיליאָן פראַנצויזן אָדער פראַנצויזישע איינוווינער — אַרבעטס־מענטשן, וואָס פאַרמירן די נאַציאָן, בעת די פאַרטרעטער פון דער אַריסטאָקראַטיע זענען געווען נישט מער ווי די דעלעגאַטן פון פופציק טויזנט גוטבאַזיצער — עקספּלואַטאַטאָרס און אויסנוצער.

און אין נאָמען פון דער נייער אויטאָריטעט — די מערהייט, דאָס פאָלק, די דעמאָקראַטיע — האָבן די אַרויסגעקומענע פון דער רעוואָלוציע אָנגעהויבן ריידן אויף אַ נייער שפּראַך, אַ פרייהייטלעכע, אַ גערעכטלעכע, און עס איז אָנגענומען געוואָרן פאַר פראַנקרייך — און אומדירעקט נישט נאָר פאַר פראַנקרייך — די דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט. זי איז דער עיקר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי איז דאָס אייביקע, זי איז דער טיפסטער אויסדרוק פון דער גרויסער היסטאָרישער וועלט־געשעעניש; אי־רע פרינציפּן זענען שטענדיק אַקטועל און וועג־ווייזעריש פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; זי איז איצט אינמיטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָנגענו־מען געוואָרן פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

„די רעפּרעזענטאַנטן פון פראַנצויזישן פאָלק — זאָגט די היסטאָרישע דע־קלאַראַציע — קאָנסטיטואירט אין אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און פאַרשטייענ־דיק, אַז דאָס איגנאָרירן, דאָס פאַרגעסן אָדער דאָס פאַרנאַכלעסיקן די רעכטן פונעם מענטש, זענען די סיבות פון די געזעלשאַפטלעכע אומגליקן און פון די קאָ־רופּציעס פון די רעגירונגען — האָבן דעריבער באַשטימט צו עקספּאָנירן פייער־לעך אַ דעקלאַראַציע פון נאַטירלעכע, אומפאַרענדערלעכע און הייליקע רעכטן פו־נעם מענטש, כדי די דאָזיקע דעקלאַראַציע זאָל שטענדיק זיין אין זכרון פון אַלע מיטגלידער פון געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, עס זאָל זיי שטענדיק דערמאָנען;

זייערע רעכטן און זייערע פליכטן און זי זאָל שטענדיק זיין פאַר די אויגן פון יעדער פּאָליטישער אינסטיטוציע.

די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אַנערקענט און דערקלערט, די פאָלגנדיקע רעכטן פונעם מענטש און פונעם בירגער:

1. די מענטשן ווערן געבוירן פריי און מיט גלייכע רעכטן; סאָציאַלע אויסצייכענונגען האָבן נישט קיין אַנדערן גרונט ווי נאָר דעם געמיינזאַמען נוצן.

2. דער צוועק פון יעדער פּאָליטישער געזעלשאַפט באַשטייט אין אָפּהיטן די נאַטירלעכע רעכטן פונעם מענטשן, זיי זענען: פרייהייט, זיכערקייט, אייגנטום און ווידערשטאַנד דער אונטערדריקונג.

3. דער סוווערעניטעט פּרינציפּ געפינט זיך אין לאַנד און קיין יחיד און קיין קאָרפּאָראַציע האָט קיין רעכט נישט אויסצואיבן די אויטאָריטעט פון גאַנצן לאַנד.

4. די פרייהייט באַשטייט אין דעם רעכט צו טאָן דאָס אַלץ, וואָס שעדיקט נישט אַנדערע, אַזוי אַז דאָס אויסאיבן מיצד יעדן איינעם זיינע נאַטירלעכע רעכטן האָט נישט קיין אַנדערע גרעניצן ווי יענע, וואָס פאַרזיכערן די אַנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט דעם גענוס פון גלייכבאַרעכטיקונג. די דאָזיקע גרעניצן קאָנען באַשטימט זיין נאָר דורך געזעצן.

5. דער געזעץ טאָר נישט פאַרבאָטן מער, ווי נאָר די שעדלעכע אַקציעס פאַר דער געזעלשאַפט. עס טאָר נישט געשטערט זיין דאָס וואָס דער געזעץ פאַרבאָט נישט. קיינער טאָר נישט געצוווּנגען זיין צו טאָן דאָס, וואָס דער געזעץ הייסט נישט.

6. דער געזעץ איז דער אויסדרוק פונעם אַלגעמיינעם ווילן. אַלע בירגער האָבן דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אינעם שאַפן דעם געזעץ, פּערזענלעך אָדער דורך זייערע רעפּרעזענטאַנטן, און ווי עס זאָל נישט זיין דער געזעץ אַ פּראָטעזשירנדיקער אָדער אַ באַשטראָפנדיקער, מוז ער זיין דער זעלביקער גלייך פאַר אַלעמען. אַלע בירגער ווי גלייכע פאַרן געזעץ זענען גלייך פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווירדיקייט און באַרעכטיקט פאַר געזעלשאַפטלעכע פּאָסטנס לויט קאַפּאַציטעט און נישט מיט קיין שום אַנדערע אויסצייכענונגען ווי טוגנטלעכע און פאַרדינסטע.

7. קיין יחיד טאָר נישט ווערן באַשולדיקט, אַרעסטירט אָדער פאַרשפּאַרט, ווי נאָר אין די פאַלן און אין דער פאָרם ווי דאָס איז באַשטימט פון פאַראַנענע געזעצן; עס דאַרפן באַשטראָפט זיין יענע וואָס פאָדערן, פירן אויס, אָדער וואָס מאַכן אויספירן אַרביטראַרישע פאַראָרדענונגען, אָבער יעדער בירגער מוז באַלד אויספאָלגן דעם געזעצלעכן אַרעסט און ער מאַכט זיך שולדיק אויב ער שטעלט זיך קעגן דעם.

8. דער געזעץ טאָר נישט איינשטעלן קיין גרעסערע שטראָפן ווי נאָר יענע, גענויע, וואָס זענען וואַרשיינלעך נויטיק איינצושטעלן, און קיינער טאָר נישט ווערן באַשטראָפט ווי נאָר אויפן גרונט פון אַ געזעץ, וועלכער עקזיסטירט שוין פון פריער פאַרן פאַרברעך און וואָס ווערט לעגאַל אָנגעווענדט.

9. מען זאָל באַטראַכטן פאַר אומשולדיק יעדן מענטש איידער ער איז דערקלערט געוואָרן שולדיק; ווען זיין אַרעסט איז אומבאַדינגט זאָל דער געזעץ פאַרווערן יעדע אומנייטיקע גוואַלד ביים אַרעסט.

10. קיינער טאָר נישט ווערן געפייניקט פאַר זיינע מיינונגען, מעגן זיי אפילו זיין בונטאַרישע וויבאַלד זייער אויסדרוק שטערט נישט די געזעצלעך איינגעשטעלטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

11. דאָס פרייע איבערגעבן געדאַנקען און מיינונגען איז איינע פון די שעצבאַרסטע רעכטן פונעם מענטש: דעריבער מעג יעדער בירגער פריי ריידן, שרייבן און דרוקן מיטן אויסנאַם פון מיסברויכן מיט דער דאָזיקער פרייהייט און אין די פאַלן ווי דאָס איז באַשטימט פון געזעץ.

12. צוליב אָפּהיטן די רעכטן פונעם מענטש און פונעם בירגער איז נויטיק אַ געזעלשאַפטלעכער כּוח, ער ווערט דעריבער איינגעשטעלט לטובת אַלעמען און אין קיין פאַל נישט צום פּריוואַטן אויסנוצן זיך פון יענע וועמען דער דאָזיקער כּוח איז אָנגעטרויט געוואָרן.

13. צוליב אויסהאַלטן דעם געזעלשאַפטלעכן כּוח און כּדי צו דעקן די אַד־מיניסטראַטיווע קאָסטן איז אומבאַדינגט נויטיק אַ געמיינזאַמע קאָנטריבוציע, זי מוז זיין איינגעטיילט גלייך צווישן אַלע בירגער לויט זייערע מעגלעכקייטן.

14. אַלע בירגער האָבן דאָס רעכט צו קאָמפּראָבירן אַליין אָדער דורך זייע־רע רעפּרעזענטאַנטן די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפטלעכער קאָנטריבוציע, איר פריי אָפּראָבירן, איר פאַרזעצן, באַשטימען אירע קוואָטעס, איר דויער און דעם אופן פון איינקאַסירן.

15. די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט צו פאָדערן חשבון פון יעדן געזעל־שאַפטלעכן אַדמיניסטראַטאָר פון זיין אַדמיניסטראַציע.

16. יענע געזעלשאַפט אין וועלכער עס זענען נישט פאַרזיכערט די רעכטן און עס איז נישט באַשטימט די סעפּאַראַציע פון די מאַכטן, איז נישט קאָנסטי־טואירט.

17. דאָס אייגנטום איז אַ הייליקע רעכט. מען טאָר אים ביי קיינעם נישט צונעמען, סיידן אין פאַל דאָס ווערט געפאָדערט פון אַ לעגאַל באַרעכטיקטע גע־זעלשאַפטלעכע באַדערפעניש. און אין אַזאַ פאַל מיט אַ קאָנדיציע פון אַ גע־רעכטלעכן פאַראויסדיקן שאָדנערזאַץ".

דאָס זענען אָנגענומענע פּרינציפּן פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט. זיי זענען די יסודות פון אַלע דעמאָקראַטישע מלוכות און באַזונדערס פון די אַמעריקאַנישע, זיי זענען אָנגענומען געוואָרן פון דער אַרגענטינער באַפרייערישער מאַי־רעוואָלוציע, אין זייער גייסט און פאַרשריפט איז גע־שריבן געוואָרן די ווירדיקע, פרייהייטלעכע, דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע אַרגענטינער קאָנסטיטוציע און עס לעבן די פּרינציפּן פון דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט אין דער רומפולער אַרגענטינער טראַדיציע.

און אַט די איינשטעלונגען פון מענטשן־רעכט, וואָס פאַרזיכערט אַ פרידלעך און פאָרשריטלעך צוזאַמענלעבן פון מענטשן און פעלקער, ווערן איצט פאַרטיידיקט פון אַלע פרייע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט קעגן דעם טאָטאַליטאַרישן אָנגריף.

5. — ערב דער מאי־רעוואָלוציע

די אַרגענטינער מאי־רעוואָלוציע האָט פאַרצייכנט אין דער וועלט־געשיכטע, אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע און אין דער אייגענער לאַנד־געשיכטע דעם געבורטסטאָג פון אַרגענטינע אַלס אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד. זי איז אויך די טרעגערן פון אַלמענטשלעכע און אַלוועלטלעכע אידייען און פּרינציפּן, וואָס שטאַרבן קיינמאָל נישט, ווערן קיינמאָל נישט אַלט און זענען שטענדיק אַקטועל, פרישׁ, וויטאַל. דאָס זענען אירע פּרינציפּן און אירע אידייען פון באַפרייאונג, פון דעמאָקראַטיע, פון מענטשן־רעכט.

רעוואָלוציעס ווערן אָבער נישט געמאַכט נאָר פון פּרינציפּן און אידייען. זיי האָבן אין געשיכטלעכן פאַרלויף זייערע היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע סיבות און זייער סאָציאַלן אַוואַנגאַרד. אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס איבער דער וועלט געווען די יונגע בורזשואַזיע. זי האָט רעבעלירט קעגן דעם פעאָדאַליזם. איר באַוועגונג האָט געפונען איר העכסטן אויסדרוק אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789. די היסטאָרישע רעוואָלוציע האָט אויך דערגרייכט אַרגענטינע, נאָר דאָ האָט זי באַקומען אַן אַנדער פיזיאָנאָמיע, אַן אייגענע, ווייל אַנדערש זענען דאָ געווען די אומשטענדן. אַרגענטינע איז געווען אַ קאָלאָניע פון דער ביז דעמאָלט גרויסער שפּאַנישער אימפּעריאַליסטישער מאַכט.

ווען אין אייראָפּע איז די בורזשואַזע רעוואָלוציע געפירט געוואָרן פונעם האַנדל און אינדוסטריע־קלאַס קעגן דעם פעאָדאַליסטישן, וועלכער האָט געהאַט אין זיינע הענט די פּאָליטישע מאַכט און מיט איר געשטערט דעם האַנדל און אינדוסטריעלן פאָרשריט און אין באַגלייט מיט פאָדערונגען צו ענדערן דעם מלוכהשן רעזשים אויף אַ מער פרייהייטלעכן, ליבעראַלן, דעמאָקראַטישן, האָט דאָ אין אַרגענטינע, אונטער דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער הערשאַפט, גענומען די פירערשאַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קלאַס קעגן דעם האַנדלס קלאַס.

ביידע קלאַסן האָבן געשטרעבט צום זעלבן ציל: פרייען האַנדל. אונטער דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט איז דער פרייער האַנדל געווען אַ רעוואָלוציאָנערע שטרעבונג.

דער האַנדלס־קלאַס האָט זיך געפונען אַן אויסוועג אינעם האַנדלען אויף קאָנטראַבאַנד, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ סיסטעם און וואָס האָט באַהערשט די קאָמערץ.

דער קאָנטראַבאַנד איז געפירט געוואָרן קעגן די געזעצן פון דער שפּאַנישער אימפּעריע, וואָס האָט אַבסאָלוט פאַרבאָטן די קאָלאָניאַלע איינוווינער

צו קומען אין באַרירונג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק. און פון דער צווייטער זייט האָט די אימפּעריע אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן אויף דעם באַגרעניצטן האַנדל, צווישן דער קאָלאָניע און דער מעטראָפּאָליע.

דער קאָנטראַבאַנד איז געווען אַן אופן פון עקאָנאָמישן קאַמף מיצד דער אַרגענטינער בורזשואַזיע. אין אַנבליק פון די געשלאָסענע גרעניצן פאַרן האַנדל האָט זיך דער קאָנטראַבאַנד אימפּאָנירט דורך די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דער יונגער בורזשואַזיע און עס האָבן אין דעם אויך מיטגעאַרבעט עקאָנאָמישע אינטערעסן, און נישט נאָר עקאָנאָמישע, פון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן נישט געקענט און נישט געוואָלט איינשטימען עס זאָל פאַר זיי געשלאָסן זיין דער גרויסער מאַרק פון דער נייער וועלט. זיי האָבן נישט געקוקט אויף די פאַרבאָטן און כסדר אַרויסגעשיקט זייערע האַנדלס־עקספּעדיציעס צו די אומענדלעכע ברעגן פון אַמעריקע. עקספּעדיציעס ענגלישע, פראַנצויזישע, פּאָרטוגעזישע, וועלכע זענען געגאַנגען פאָראויס, אָדער פון הינטן, אָדער אינאיינעם מיט די אימפּעריאַליסטישע עקספּעדיציעס פון די אַנדערע אייראָפּעאישע מאַכטן, מיטן צוועק אַרויסצושטויסן פון דער קאָלאָניע די שפּאַנישע מאַכט און פאַרנעמען שטיקער פון דער קאָלאָניע, אָדער אינגאַנצן איר פאַרנעמען פאַר זיך. און די געשיכטע דערציילט טאַקע פון אַ פּאָר ענגלישע אינוואַזיעס אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע. בוענאָס איירעס איז אפילו שוין אַ פּאָר מאָל געווען אָקופּירט פון אַן ענגלישער עקספּעדיציע. פון יענע צייטן נעמט זיך אויך דאָס וואָס די מאַלווינען־אינדזלען אויפן דרום פון אַרגענטינע זענען אָקופּירט געוואָרן פון ענגלאַנד.

די דאָזיקע עקספּעדיציעס האָבן געבראַכט סחורות פון זייערע לענדער און צוריקגעפירט סחורות פון דער שפּאַנישער קאָלאָניע. דער דאָזיקער האַנדל וואָס איז געפירט געוואָרן אויף קאָנטראַבאַנד האָט זייער געלוינט דעם האַנדלס־קלאַס פון דער קאָלאָניע. דורך דעם קאָנטראַבאַנד איז דער האַנדלס־קלאַס געקומען אין באַרירונג מיטן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק און מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט. דער קאָנטראַבאנד האָט איר געגעבן אַ בעסערע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך, אויסברייטערן דעם אימפּאָרט און דעם עקספּאָרט, באַקומען אויסלענדישע פּראָדוקטן בעסערע איידער פון שפּאַניע און אויף קלענערע פּרייזן און אָפּזעצן מער אַרגענטינער פּראָדוקטן און אויף בעסערע פּרייזן. און דערצו האָט זיך דער האַנדלס קלאַס באַפרייט פון שטייער צאָלן, שטייערן אויפן אימפּאָרט און שטייערן אויפן עקספּאָרט.

6. — פאַר פרייען האַנדל מיט אויסלאַנד

אָבער אַזוי ווי דער האַנדל דורך קאָנטראַבאַנד איז געוואָרן דער מאָ־נאָפּאָל פונעם סוחר, האָט דער לאַנדווירטשאַפטלער געמוזט אָנקומען צו אים פאַר אָפּזעצן דורך אים זיינע פּי און אַגראַר פּראָדוקטן און קויפן ביים סוחר געצייג, מאַטעריאַלן פאַר דער פּראָדוקציע, קאָנסטרוקציע און פאַרן קאָנסום. און ער האָט אין דעם געזען די שטערונג קעגן זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן.

דער לאַנדווירטשאַפט־קלאַס האָט דעריבער אויפגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר פרייען האַנדל. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם איינגע־פירטן און באַפעסטיקטן קאָנטראַבאַנד־רעזשים און ס׳איז אַוועק אַ טאָפּלטער קאַמף. די באַוועגונג איז אין גרונט געווען געצילט קעגן דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע ביי וועמען עס איז געפאָדערט געוואָרן דער פרייער האַנדל, אָבער אין לעבן האָט זיך די דאָזיקע באַוועגונג באַגעגנט אויף אַ ווידערשטאַנד פון אָרטיקן קאָלאָניאַלן האַנדלס־קלאַס.

דער קאַמף צווישן די צוויי קלאַסן האָט געדויערט צענדליקער יאָרן.

7 — וויריינאַט

די שפּאַנישע מאָנאַרכיע האָט אָבער געזען איןביידנס אינטערעסן אַן אויסגעוואקסענעם כוח מיט אַ טענדענץ צו באַפרייען זיך פון איר קאָלאָניאַ־לער הערשאַפט, וועלכע ווערט אַחוץ דעם כסדר געשטעלט אין געפאַר אין דער געשטאַלט פון די רעפּרעזענטאַנטן פון די אַנדערע אייראָפּעאישע אימ־פּעריאַליסטישע מאַכטן, זיי פעלן נישט אויף די ימים און ביי די ברעגן פון דרום־אַמעריקע. דערצו איז בראַזיל געווען אין די הענט פון פּאָרטוגאַל, און זי האָט זיך אָפּט געמאַכט פאַרגעסן אין די גרעניצן ווייטער אַריף פון ענטרע ריאָס, קאָריענטעס, מיסיאָנעס ביז פּאַראַגוויי. בראַזיל אַלס פּאָרטוגעזישע קאָלאָניע האָט אויך געדינט די ענגלישע עקספּעדיציעס פאַר אַ סאָלידן אָנ־שפּאַר. און אין דער צייט ווען די צוויי קלאַסן, די סוחרים און די פּריצים האָבן געפירט צווישן זיך דעם קאַמף, האָט די שפּאַנישע מאָנאַרכיע געזען צו באַשיצן דורך נייע מיטלען איר מאַכט איבער דער קאָלאָניע. זי זאָל נישט אַרויספאַלן פון אירע הענט. זי האָט דעריבער אויפן אָרט פון די פריערדיקע באַזונדערע גובערנאַטאָרס איינגעפירט דעם וויריינאַט (וויצע קיניגטום). דער ערשטער וויריי, דאָן פּעדראָ דע סעוואַזשאָס, איז געקומען אין 1776 י. באַגלייט פון אַ פלאָט פון 116 זעגלשיפן מיט אַן אַרמיי פון צען טויזנט מאַן. און אונטער דער שוץ פון די דאָזיקע באַגלייטער אַרומגעצייכנט אַ ליניע אַרום

דער ווירייִנאַט־טעריטאָריע, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ ווירייִנאַט; אַ ליניע אַרום דער טעריטאָריע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז דעם פּאַציפישן, אַריינגענומענדיק די אַנדן־בערג און טשילע, און פון דעם צוזאַמענגוס פוןביידע אָקעאַנען, וווּ עס געפינט זיך טיערא דעל פועגאָ, אויפן דרום עקסטרעם, ביז דער באַרימטער אַזיערע טיטיקאַקאַ אין דער הויך פון באָליוויע, אויפן צפון — אַ טעריטאָריע נישט קלענער פון גאַנץ אייראָפּע — און מען האָט גענומען אינעווייניק, אין דער ווירייִנאַטישער טעריטאָריע באַוואָרענען די שפּאַנישע הערשאַפט, אַנציענדיק נאָך מער די שטריק צווישן דער קאָלאָניע און דער מעטראָפּאָליע. צוליב דער אַנגעצויגנקייט, וועלכע האָט נישט באַזייטיקט די אינערלעכע קאָנפליקטן האָט מען אָפּט געביטן די ווירייען. נאָך סעוואַזשאַסן איז געקומען ווערטיז, וועלכער גייט דורך אין דער געשיכטע ווי אַ ליבעראַל, ווייל ער האָט נאָכגעגעבן אייניקע זאַכן די קאָלאָניאַלע איינוווינער, די רייכע פאַרשטייט זיך, האָט דערלויבט אַ פרייען האַנדל צווישן בוענאָס איירעס און אַנדערע שפּאַנישע קאָלאָניאַלע פּאָרטן, וואָס דאָס איז פריער אויך געווען פאַרבאָטן; האָט געמאַכט שטעטישער די שטאָט בוענאָס איירעס, האָט געעפנט אייניקע שולן, מיטעלע און העכערע צוליב דער בילדונג פאַר די רייכע קינדער (אָרעמע זענען אַבסאָלוט געווען אויסגעשלאָסן פון יעדער בילדונג); אויף צו צעשטרייען און פאַרווײַלן די רייכע, האָט ער אפילו אויפגעבויט אַ גרויסן טעאַטער. דער דאָזיקער ווירײַ האָט פאַר זיין ליבעראַליטעט און וועלטלעכקייט אַרויסגערופן קעגן זיך דעם פּאַרדרוס און דעם קאַמף פון די יעזויִטן און ער איז אָפּגערופן געוואָרן. אויף זיין אָרט איז געקומען לאָרעטאָ, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס ווערטיז האָט געשאַפן. די קולטור און בילדונגס־אינסטיטוציעס וואָס ווערטיז האָט געשאַפן זענען טאַקע געווען נאָר פאַר די רייכע, אָבער די רייכע האָבן געפירט אַ פאַרשווערונגס־אַקציע קעגן דער מעטראָפּאָליטאַנישער הערשאַפט פון דער מאָנאַרכיע און ווי דער היסטאָריקער לאָפּעז באַמערקט האָט לאָרעטאָ דאָס געטאָן נישט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פּראָסטער, אומגעבילדעטער, נאָר פונקט פאַרקערט, ווייל ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין די קליינע אותיות און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די בילדונג וועט אינעם ווירייִנאַט פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ אַנטשטעקן און פאַרשפּרייטן די נייע אידייען פון יענעם יאָרהונדערט, וואָס האָבן קאָנוואולסיאָנירט די וועלט, און די בילדונג קאָן זיין אַ געפאַר פאַר דער קאָלאָניאַלער רעגירונג.

נאָך לאָרעטאָ איז געקומען אַלס ווירײַ אַ ר ע ד אָ נ ד אָ , וועלכער האָט נאָך עפּעס נאָכגעגעבן דער בורזשואַזיע. ער האָט דערלויבט, אַז די

ענגלישע שיפֿן, וועלכע האָבן געבראַכט שוואַרצע שקלאַפֿן, זאָלן צוריקוועגס אויפֿנעמען פֿון דאַנען פֿעל, וואָל, חזירים און שמאַלץ, ער האָט אויך דער־לויבט פֿאַרמירן אַ לעגאַלן האַנדלס־ראַט, פֿון וועלכן דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער היסטאָרישער מאַנועל בעלגראַנאָ איז געווען דער סעקרעטאַר.

און אַזוי האָבן זיך גאַנץ אָפֿט געביטן די ווירייען. יעדער פֿון זיי האָט עפּעס נאָכגעגעבן, אָדער אָפּגענומען, עפּעס דערלויבט אָדער פֿאַרבאָטן, כּדי צו באַקעמפֿן דעם פּאָליטישן קריזיס פֿאַר דער קאָלאָניאַלער הערשאַפֿט. אַ קריזיס וועלכער האָט זיך געשאַפֿן פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליס־טישן קלאַס אין דער קאָלאָניע, וועלכער איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון די קאַפּיטאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע אידייען, וואָס האָבן זיך אימפּאָנירט אין דער וועלט.

8 — מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם

דער אַרגענטינער היסטאָריקער כואַן אַלוואַרעז האַלט, אַז „די מאַי־רע־וואָלוציע איז נישט געווען קיין אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק אינעם וויריינאַט קעגן קיניג, נאָר דער רעזולטאַט פֿון אַ באַגרעניצטע פֿאַרשווערונג, וואָס האָט אין אָנהייב נאָר אָפּגעשפּיגלט די פֿאַרלאַנגען פֿון די בוענאָס איירעסער לאַנד־ווירטן און פֿון אַ קליינער צאָל געלערנטע, וואָס האָבן זיך געפֿילט אָנגעגריפֿן פֿון דעם אופֿן ווי אַזוי עס זענען געטיילט געוואָרן די עפֿנטלעכע פֿונקציעס; דאָס פֿאַרווערן צו לייענען און פּובליקירן אידייען; די רעליגיעזע און פּאָלי־טישע אומטאָלעראַנץ און פֿון דעם קאָמערציעלן רעזשים, וואָס שפּאַניע האָט אָנגעהאַלטן אין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ".

חוץ דעם מאַטעריעלן פּריוואַטן אינטערעס אין דער רעדוצירטער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג זעט אַלוואַרעז אויך אַ פּונקט פֿון נשמהדיקייט אין דער באַוועגונג, איבער דעם פֿאַרבאָט צו לייענען און פּובליקירן אידייען.

„האַרצלאָזער" — קען מען זאָגן — איז דער אַרגענטינער היסטאָריקער וויסענטע פֿידעל לאָפּעז, וואָס שרייבט אַז „די בורזשואַזיע איז נישט אויסן געווען צו פֿאַרווירקלעכן חלומות פֿון פֿרייהייט, פֿון דעמאָקראַטיע, פֿון אױ־טאָנאָמיע פֿאַרן לאַנד"; „די מענטשן פֿון 1810 האָבן זיך נישט פֿאַרנומען מיט אַראָפּוואַרפֿן דינאַסטיעס און נישט מיט פּראָקלאַמירן קאָנסטיטוציעס", אָבער זיי האָבן פֿאַקטיש איינגעשטעלט די קאָמערציעלע אומאָפּהענגיקייט פֿון לאַנד — נישט קימערנדיק זיך וועגן דעם, וואָס די מעטראָפּאָליע וועט זאָגן וועגן דעם.

אָבער אין באַשטימטע היסטאָרישע מאָמענטן, ווי דער פֿון דער אַרגענ־

טינער מאַי־רעוואָלוציע טראָגן אויך די מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן עטי־שע פּרינציפּן און באַפרייערישע רעוואָלוציאָנערע אידעען צו וואָס די מאַ־טעריעלע אינטערעסן זענען עמפּינדלעך, ווערן גערן אינספּירירט, נעמען אויף און זאַפּן איין דאָס נשמהדיקע, וואָס טראָגט זיך איבער דער וועלט פון די גרויסע סאָציאַלע באַוועגונגען און רעוואָלוציעס און די באַגייסטערונג, מוט, אָפּפערוויליקייט און העראָאישקייט, וואָס קומט נאַטירלעך פון דעם נשמהדיקן, איז פּשוט אַ ווערן אָן וואָס עס קען גאָרנישט זיין קיין היסטאָ־רישע געשעעניש.

בוענאָס איירעס איז אין 1806 אָקופּירט געוואָרן פון אַן ענגלישער עקס־פּעדיציע. זי האָט געזען צו געווינען די סימפּאַטיע פון די אָרטיקע פּאַרמעג־לעכע קלאַסן. איר פירער בערעספאָרד, וועלכער האָט זיך דערקלערט גובער־נאַטאָר פון בוענאָס איירעס, האָט אין נאָמען פון ענגלישן קיניג פּראָקלאַ־מירט די פרייהייט פון האַנדל, פון גלויבן, פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע; דערקלערט וואַל־רעכט פאַר דעם קאַבילדאָ אַלס ראַטגעבערישער פּאַרלאַ־מענט, פאַרזיכערט דעם קאַבילדאָ זיינע רעכטן. דאָס אַלץ איז געווען אין איינקלאַנג מיט די שטרעבונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. זי האָט אָבער געוואָלט די גאַנצע מאַכט און נישט זיין מער אונטערגעוואָרפן אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט. אויב זי האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער שפּאַנישער הערשאַפט, האָט זי אויך נישט געוואָלט אַרונטערפאַלן אונ־טער דער ענגלישער הערשאַפט, ווענענס דעקלאַראַציעס זי האָט מיט ליבע אָנגענומען, אָבער אין זיי נישט געגלויבט און נישט געוואָלט, אַז אירע פריי־הייטן און אירע רעכטן זאָלן זיין אָפּהענגיק פון אַ פרעמדער מאַכט. און זי האָט אויסגענוצט די ענגלישע אינוואַזיע, קעגן וועלכער די שפּאַנישע מאַכט האָט איר דערלויבט צו פאַרמירן אייגענע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס און באַוואָפנטע מחנות, כדי מיטצוהעלפן דער שפּאַנישער אַרמיי אין קאַמף קעגן דער אינוואַזיע.

די ענגלישע אינוואַזיע איז באַקעמפט געוואָרן, אָבער עס זענען גע־בליבן די אָרגאַניזירטע און באַוואָפנטע כוחות פאַרצוזעצן דעם קאַמף צו באַ־פרייען זיך אויך פון דער שפּאַנישער הערשאַפט.

דער קלאַסן־אונטערשיד פון די לאַנדווירטן און די סוחרים, וועלכער איז געווען אַן אויבערפלעכלעכער און אַן אומגאַרמאַלער, איבער דעם קאָנטראַ־באַנד, איז מיט דער צייט אָפּגעווישט געוואָרן. אין גרונט גענומען איז דער קאָלאָניאַלער פּריץ אויך געווען אַ סוחר פון זיין פּראָדוקציע און דער סוחר איז אויך געווען אַ פּריץ אַלס ערד־אייגנטימער. זייערע געמיינזאַמע אינטע־רעסן און די שטרעבונגען צו פרייען האַנדל און צו באַפרייען זיך פון דער

שפּאַנישער קאָלאָניאַלער הערשאַפט, האָט זיי פּאַראייניקט און אַריבערגע־פירט זייער קעגנזייטיקן קאַמף אויף אַ געמיינזאַמען פראָנט.

9 — די אַרבעטער־מאַסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג

עס איז געווען אַ קאַמף, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם געבוירן ווערן פון דער מאַי־רעוואָלוציע. די פאַרשווערונג קעגן דער קאָלאָניאַלער מאַכט, די אונטערערדישע באַוועגונג און די מאַסן־אַקציעס, וואָס זענען גע־פירט געוואָרן פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. אין דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג זענען אויך געווען אַריינגעצויגן די מאַסן: די שקלאַפן, די פרייע און די וואַגאַבונדן, אָדער לומפּן־פּראָלעטאַריער.

די אַרבעטער האָט מען נישט גערופן אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די בורזשואַזע פאָרשטייער: וויעיטעס, ראָדריי־געז פּעניאַ, מאַנועל בעלגראַנאָ, קאַסטעלי, פּאַסאָ, פרענטש, לאַרעאַ, בערוטי און אַנדערע וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער רעוואָלוציאָנערער פירער־שאַפט. די אַרבעטער האָבן נישט געקענט קומען געזעלשאַפטלעך אין אַ פּער־זענלעכן קאָנטאַקט מיט די אַריסטאָקראַטן; זיי זענען אָבער אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין דער באַוועגונג צוליב דער באַדערפעניש די רעוואָלוציע זאָל טראָגן אַ פאָלקס־כאַראַקטער, זיי זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין איר צוליב מאַסן־אַקציעס און פון זיי זענען אויך ווערבירט געוואָרן מיליציאָנערן פאַר די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאָרמירט די באַפרייאונגס־אַרמיי.

און די אַרבעטער־מאַסן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג אויף צוויי אופנים: אַ מאַטעריעלן און אַ גייסטיקן. די שקלאַפן האָבן געמוזט טאָן דאָס, וואָס זייערע הערן האָבן זיי געהייסן. דער פרייער אַרבעטער איז געוואָרן באַלוינט און דער לומפּן־פּראָלעטאַריער האָט אויך באַקומען אַ מאַטעריעלע באַפרידיקונג. דער צווייטער אופן צו גע־ווינען די אַרבעטער מאַסן איז באַשטאַנען אין ווירקן אויף זיי מיט דער רע־וואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע און פּראָזעלאָגיע וואָס איז געשעפּט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אירע באַגייסטערער און איר ליטעראַ־טור. דער אַרבעטער אין זיין אַנאַלפאַבעטישן און רעכטלאָזן צושטאַנד האָט זיך אפשר ווייניק געקענט אָריענטירן אין דעם רעוואָלוציאָנערן ענין. ער איז אָבער פסיכיש און אינסטינקטיוו געווען מיט דער רעוואָלוציע. פאַר דער קאָ־לאָניאַלער הערשאַפט האָט ער נישט געקענט האָבן קיין גוטן געפיל. מער ווי שקלאַפעריי, רעכטלאָזיקייט, נויט, הונגער און שטענדיקן פיין, האָט ער פון איר נישט געהאַט. און פון דער צווייטער זייט רעדט צו אים די רעוואָלוציע,

ווי צו אַ מענטש, מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך, אָפּטמאָל אפילו מיט אַ חבר־לעכער שפּראַך. און די רעוואָלוציע רעדט צו אים פון באַפרייאונג; רעדט צו אים קעגן טיראַנען און קעגן דעספּאָטן; רעדט צו אים פון גלייכע מענטשלע־כע רעכטן; רופט אַרויס ביי אים שיינע אילוזיעס און האָפענונגען אויף אַ בעסער און שענער לעבן. דער אַרבעטער ווערט פון דעם אַלעם באַגייסטערט און האָט זיך גערן אַריינגעוואָרפן אינעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

קאַפּיטל V

די אַרגענטינער רעוואָלוציע

1. — 25סטער מאַי 1810

און עס איז געקומען דאָס יאָר פון 1810 און דער היסטאָרישער טאָג פון 25סטן מאַי און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעוואָלוציע.

251 מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם קאַבילדאָ פון בוענאָס איי־רעס, דעם 25סטן מאַי פון 1810 און האָבן פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציע.

ווער זענען געווען די פאַרזאַמלטע? פון די 251 זענען 92 געווען סוח־רים און גוטבאַזיצער; 64 מיליטאַרן; 28 גלחים; 29 אַדוואָקאַטן, מעדיקער און פּראָפעסאָרן; 21 ריכטער, פּראָקוראָרן און שטאָט־פאַרוואַלטער („אַלקאַל־דעס") און 17 רעגירונגס־באַאַמטע.

און עס איז נישט געווען קיין צופאַל דאָס וואָס די מאַי־פאַרזאַמלונג פון דעם קאַבילדאָ וועלכע האָט פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציע, איז באַשטאַ־נען אויסשליסלעך פון די דערמאָנטע עלעמענטן — רעפּרעזענטאַנטן פון פּריי־ציש־בורזשואַזן קלאַס. דער אַרבעטער־קלאַס איז געווען אַבסאָלוט רעכטלאָז. ער האָט נישט געהאַט קיין וואָרט און קיין שטימע אין קיין געזעלשאַפטלעכן ענין. דער קאַבילדאָ איז געווען אַ פאַר־רעוואָלוציאָנערע אינסטיטוציע און אין אים האָבן זיך צייטנווייז פאַרזאַמלט נישט קיין געוויילטע פאָרשטייער (קיין וואַלרעכט האָט נישט עקזיסטירט אפילו נישט פאַרן רייכן קלאַס), נאָר עס זענען מיצד דער קיניגלעכער מאַכט איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ באַראַ־טונג רעפּרעזענטאַטיווע פּערזאָנען פון די פּריווילעגירטע קלאַסן.

דער דערמאָנטער צוזאַמענשטעל פון דער מאַי־פאַרזאַמלונג אין דעם קאַ־בילדאָ, וואָס שטעלט פאַר דעם סאָציאַלן עלעמענט פון דער רעוואָלוציע, וואָס לויט דעם היסטאָריקער כואַן אַלוואַרעז, איז זי געווען „אַ רעזולטאַט פון אַ גאַנץ באַגרעניצטער פאַרשווערונג, וואָס האָט אין אָנפאַנג אָפּגעשפּיגלט דעם ווילן פון די בוענאָס איירעסער פּי־אייגנטימער און דעם ווילן פון אַ קליינער צאָל געלערנטע, וועלכע האָבן זיך געפילט געטראָפן פון דער קאָפּ־ריזנער פאָרם ווי אַזוי עס זענען צעטיילט געוואָרן די עפנטלעכע אַמטן, דער פאַרבאָט צו לערנען און פּובליקירן אידייען".

און לויט דעם היסטאָריקער לאַפּעז איז „די בורזשואַזיע נישט אויסן געווען צו פאַרווירקלעכן פרייהייט־חלומות, נישט אויסן געווען קיין דעמאָ־קראַטישקייט", מחמת זיי זענען נאָר געשטאַנען פאַר דער האַנדלס אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד".

אָבער די מאַטעריאַליסטישע ווירקלעכקייט, אויף וויפיל זי איז געווען אַ יסוד פון דער מאַי־רעוואָלוציע, אַזוי ווי דאָס איז אויך געווען אַ יסוד פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און דאָס וואָס איר אַוואַנגאַרד איז געווען די בורזשואַזיע, נעמט גאָרנישט צו פון די פרייהייטלעכע אידעען און דעמאָ־קראַטישע פּרינציפּן, וואָס עס האָט געטראָגן די מאַי־רעוואָלוציע, זיי זענען אין ווייטערע היסטאָרישע געשעענישן צום גרויסן טייל פאַרווירקלעכט גע־וואָרן, געשאַפן די אַרגענטינער ליבעראַלע טראַדיציע און אינספּירירן שטענ־דיק דעם קאַמף פאַר אַ בעסער געזעלשאַפטלעך לעבן און קודם־כל פאַר אַ פריי און גערעכטלעך צוזאַמענלעבן.

2. — פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציע

די מאַי־פאַרזאַמלונג פונעם אָפענעם קאַבילדאָ, גערופן אויפן 22סטן מאַי און... „אַן עטיקעטע", וואָלט אוודאי נישט פאַרענדיקט מיטן קאָלאָניאַלן רעזשים (זי האָט דאָך געהאַט באַשטימט אַ ראַט מיטן ווירריי סיסנעראָס אַלס פאָרזיצער און מיט אַ לאָיאַליטעט דעקלאַראַציע צום קיניג פון שפּאַניע), ווען זי הערט נישט די שטימע און דאָס געשריי פון פאָלק, וואָס האָט זיך מאָ־ביליזירט אין די גאַסן, אויף דער פּלאַסע און וואָס האָט געשטורעמט דעם קאַבילדאָ.

טשיקלאַנאַ, פּרענטש, בערוטי און גרעלא, אַרויסגעקומענע פון די אויפ־געברויזטע מאַסן, זענען אַריין צו דער קאַבילדיאַנער פאַרזאַמלונג מיט אַן אולטימאַטום, וואָס איז געוואָרן רעדאַקטירט אין הויז פון אזקוענאַגאַ ביי פּלאַסע מאַזשאָר — ווי עס האָט געהייסן די פּלאַסע אין בוענאָס איירעס, וואָס האָט נאָך דער רעוואָלוציע אָנגענומען דעם נאָמען „25 דע מאַזשאָ" — און די פאַרזאַמלונג האָט זיך דעצידירט און פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציע. דאָס איז געשען דעם פינף און צוואַנציקסטן מאַי פון טויזנט אַכט הונדערט צען.

3. — אָפּגעשאַפט די קאָלאָניאַלע רעגירונג

די פּראָקלאַמירטע רעוואָלוציע האָט קודם־כל באַזייטיקט דעם ווירריי סיסנעראָס דעם לעצטן, נישט ווייל ער אַלס ווירריי איז געווען דער ערגסטער,

ער איז אפשר געווען איינער פון די בעסטע ווירייען. אָט האָט ער אָנער־קענט און נאָכגעגעבן די פאָדערונג פון אַ באַשרענקטן, אָבער דאָך האַנדל מיט אויסלאַנד און אָט האָט ער דאָך גערופן דעם אַזוי גערופענעם „אָפענעם קאַ־בילדאָ" — די פאַרזאַמלונג וואָס האָט פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציע; ווירייִ סיסנעראָס איז באַזייטיקט געוואָרן מחמת ווירייִ, וואָס פאַרטרעט דעם קיניג, אין זיין אימפעריע און דעם קאָלאָניאַלן רעזשים. עס איז געווען דער עיקר פונעם אָפּשאַפן די קאָלאָניאַלע רעגירונג.

4. — רעוואָלוציאָנערער רעגירונגס־ראַט

אויפן אָרט פון דער אָפּגעשאַפטער קאָלאָניאַלער רעגירונג האָט די רע־וואָלוציע באַלד באַשטימט אירן אַ רעגירונגס־ראַט פון סאַאַוועדראַ, קאַס־טעלי, בעלגראַנאָ, אַזקוענאַגאַ, אַלבערטי, מאַטהעו, לאַרעאַ, מאָרענאָ, און פּאַסאָ — און אים געגעבן אַ דירעקטיוו באַלד צו אָרגאַניזירן די ערשטע אַל־געמיינע קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג פון פאָלק־געוויילטע מיטגלידער און פון גאַנצן לאַנד, כדי צו שאַפן פאַרן באַפרייטן לאַנד איר געהעריקע קאָנ־סטיטוציע.

5. — רעוואָלוציאָנערע מיסיע פון מאַנועל בעלגראַנאָ אויפן וויטן צפון

די רעוואָלוציע, וואָס האָט געוווּנען בוענאָס איירעס, האָט זיך ערשט גע־דאַרפט באַפעסטיקן אין דער הויפּטשטאָט און האָט געדאַרפט געווינען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס האָט קיין גרעניצן נישט געהאַט און עס זענען פאַר אירע פּראָווינצן אויך גערעכנט געוואָרן אורוגווײַ, פּאַראַגווײַ, באָליוויע און אַזוי ווייטער. און דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס איז נאָך געווען באַהערשט פון שפּאַ־ניע, וועלכע האָט אָנערקענט די מאַי־רעוואָלוציע פאַר אַ פאַרברעכן און גע־זען איר צו באַקעמפן מיליטעריש, ווי אויך ציוויל דורך די שפּאַניער דאָ אין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ און דורך די באַאַמטע און פונקציאָנאַרן — אַלץ שפּאַ־ניער און קאָלאָניאַליסטן — פון דער עפנטלעכער אַדמיניסטראַציע און פון די שטאַט־פאַרוואַלטונגען; דאָס דאָזיקע לאַנד האָט די רעוואָלוציע ערשט געדאַרפט איינגעמען דורך איינעם פון די ערשטע מענטשן־רעכטלעכע שריט — דורך פרייע און דעמאָקראַטישע וואַלן פאַר דער באַשטימטער קאָנסטיטו־אירנדער פאַרזאַמלונג צו געבן זיך, דעם אומאָפּהענגיקן לאַנד די גרונט־געזעצן, אָבער ביי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע שטימונגען האָט די רעוואָלוציאָ־נערע רעגירונג מיטגעשיקט באַוואָפנטע קרעפטן מיט אירע דעלעגאַטן אין די

פראָווינצן אונטער זייער שוץ דורכצופירן דאָס רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם, אין וועלכן עס האָט נישט געפעלט די סאָציאַלע זאַך, קודם־כל לטובת דעם מער געליטענעם, דעם מער עקספּלואַטירטן — דעם אַרבעטער־קלאַס.

מאַי־מיסיאָנער

מאַנועל בעלגראַנאָ

אַזוי איז דער מיטגליד פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג מאַנועל בעלגראַנאָ געגאַנגען אויף דער מיזרח־זייט פון לאַנד ביז צפון מיט דער רעוואָלוציאָנערער מיסיע באַלד אין יאָר פון דער באַפרייאונג.

„איך קום אַלס שליח פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג — דער־קלערט בעלגראַנאָ דאָרט אויף דעם אינדזל אַפּיפּע אויפן אויבערשטן ברעג פון פּאַראַנאַ־טייך — מיט דער שליחות צוריקצוגעבן אייך אייערע רעכטן פון פרייהייט, זיכערקייט און אייגנס, פון וואָס איר זענט באַרויבט געוואָרן במשך פון אַזויפיל דורות, דינענדיק אַלס שקלאַפן פאַר יענע, וואָס האָבן נאָר געזוכט רייך צו ווערן פון אייער שווייס און פון אייער בלוט".

און אין דעצעמבער 1810 איז דאָ בעלגראַנאָ (אַלץ אין שליחות פון דער מאַי־רעוואָלוציע) אין טאַקואַרי, מיסיאָנעס און דיקטירט אַן אַרבעטס־רעגלאַ־

מענט וועגן אַרבעטס־באַדינגונגען, אַרבעטס־קאָנטראַקטן אונטערן אָפיציעלן קאָנטראָל פון אָרטיקן אינטענדענט; עס קומט שוין צום אויסדרוק דעם אַר־בעטערס ווילן און עס ווערט געמאַכט אַ וואָרענונג, אַז... „פאַר אויפהייבן אַ שטעקן קעגן אַן אַרבעטער, וועט מען דעם באַלעבאָס באַזייטיקן פון זיינע גיטער און פאַר שמייסן אַן אַרבעטער וועט מען באַשטראָפן מיט דער העכס־טער שטראָף״.

קאַפּיטל IV

די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פון 1813

1. — אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי

עס איז געווען אין דריטן יאָר פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין מאַי 1810. לויט דעם פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געטראָגן ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע אידעען, האָט די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג געזאָלט פאַרקומען נאָך אין ערשטן יאָר פון דער רעוואָלוציע. דאָס האָט אָבער נישט געקענט געשען. די שפּאַנישע מאַכט האָט געפירט אַ פאַרביסענע מילחמה פאַר צוריקגעווינען איר קאָלאָניאַלע הערשאַפט. די רעוואָלוציאָנערע כוחות זענען געווען פאַרטאָן אין פירן דעם באַוואָפנטן פאַרטיידיקונגס־קאַמף אָפּצושלאָגן די אָנגריפן אויף דער רעוואָלוציע. פון דער צווייטער זייט זענען צווישן די פירער און די פאַרטיידיקער פון דער רעוואָלוציע געווען מיינונגס־פאַרשידנהייטן, רייבונגען און קאַמפן וועגן דעם רעזשים, וועלכער האָט ערשט געדאַרפט ווערן איינגעפירט אין לאַנד. טייל פירער האָבן נאָך געהאַלטן, אַז ס׳דאַרף ווערן איינגעפירט אַ מאָנאַרכיע. ס׳איז אויך נאָך נישט געווען אַנטשידן די פראַגע פון זעלבסטשטענדיקייט אָדער אָנגעהעריקייט מיט אַ געוויסער אויטאָנאָמיע צו דער זעלבער שפּאַנישער מעטראָפּאָליע, אָדער צו אַן אַנדערער אייראָפּעאישער מאַכט. מאָנטעווידעאָ איז געווען אָקופּירט פון דער שפּאַנישער מאַכט מיט דער טענדענץ צו מאַרשירן אויפן רעוואָלוציאָנערן בוענאָס איירעס. פון דער דריטער זייט, אויפן צפון פון באָליוויע, פּערו, איז נאָך געווען באַפעסטיקט די שפּאַנישע מאַכט. אירע אַרמייען זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער ריכטונג אויף בוענאָס איירעס. די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי וואָס האָט פון איין זייט באַלאַגערט מאָנטעווידעאָ און די אורוגווייער ברעגן, כדי אָפּצוהאַלטן דעם אַוואַנס פון דער שפּאַנישער אַרמיי האָט אויך געמוזט צעוואַרפן אירע כוחות אויף די ברייטע צפון און מערב פראָנטן פון לאַנד, פירן שלאַכטן און נישט שטענדיק געזיגט — דאָס אַלעס האָט אָפּגעהאַלטן פון אָרגאַניזירן דאָס לאַנד און אויך פון רופן די קאָנסטיטואירונג־פאַרזאַמלונג ביז 1813.

אין 1813 איז נאָך ווייט נישט געווען פאַרזיכערט און אוודאי נישט באַרמאַליזירט די סיטואַציע. עס האָט נאָך אָנגעהאַלטן דער קאַמף מיט דער

שפּאַנישער מאַכט. עס האָבן אין אַ פאַרשאַרפטער פאָרעם אָנגעהאַלטן די מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן דעם רעזשים, וואָס זאָל איינגעפירט זיין. עס האָבן אָנגעהאַלטן קאָנסערוואַטיווע און מאַנאַרכיסטישע טענדענצן. די ליבע־ראַלע און דעמאָקראַטישע, זענען אויך נאָר געווען טעאָריע און שטרעבונג אָן פּראַקטיק, אָן דערפאַרונג, אָבער די ליבעראַלן ביי דער מאַכט האָבן זיך געהאַט צו שטיצן אויפן באַפרייאונגס גייסט פון דער מאַי רעוואָלוציע, אויף זייערע טעאָריעס און שטרעבונגען אונטער דער ווירקונג פון פראַנצויזישן ליבעראַליזם, וועלכער איז אויך אָנגענומען געוואָרן פון צפון אַמעריקע און זיי האָבן זיך געהאַט צו שטיצן בעיקר אויף דער אַרגענטינער יונגער בור־זשואַזיע און די פאָלקסמאַסן פון לאַנד, וועמענס לעבנס אינטערעסן עס זענען שוין יאָ געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן דעמאָקראַטיזם און מיטן ליבערא־ליזם. און נישט געקוקט וואָס די בורזשואַזיע און די פאָלקס־מאַסן האָבן אויך נישט געוווסט דעם טעם פון דעמאָקראַטיזם און פון ליבעראַליזם און האָבן נישט געהאַט פון דעם קיין דערפאַרונג, דאָס איז געווען ביי זיי אויך נאָר שטרעבונג, איז אָבער די שטרעבונג געווען ביי זיי אַן אָרגאַנישע, אַן אַרויס־גערופענע פון זייער לעבן און פון זייערע פּריוואַטע און קאָלעקטיווע אינ־טערעסן. און זיי זענען שוין געוואָרן אומגעדולדיק, זיי האָבן שוין נישט גע־קענט מער פאַרטראָגן די פאַקטישע לאַגע, זיי האָבן געפאָדערט פאַרווירק־לעכן די שטרעבונגען, פאַרווירקלעכן די אידעען פון דער מאַי־רעוואָלוציע און עס איז געווען דער לייטמאָטיוו פון די פאָלקס־פאָדערונגען אַבסאָלוטע זעלבסטשטענדיקייט פון לאַנד און אין די גרעניצן פון דער זעלבסטשטענדי־קייט אַ רעפּובליקאַנישע אָרדענונג, דעמאָקראַטיזם און פרייהייט, וואָס מער פרייהייט.

אונטער אַזאַ שטימונג איז דער נייער רעגירונגס כונטע פון דריי פערזאָן פון דער ליבעראַלער פאַרטיי, לייכטער געווען רופן די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג איידער אָנהאַלטן אַ פאַקטישע דיקטאַטור אין סתירה צו אירע ליבעראַלע שטרעבונגען און מיט שווערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס די סיטואַציע האָט איר געשאַפן.

אָן שטאַנדהאַפטיקע געזעצן, אָן געזעצן ביכלל; אָן אַ באַפעסטיקטער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע; ביי פירונגען און טראַדיציעס וואָס זענען נאָך גע־בליבן פון דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער הערשאַפט; ביי פעאָדאַליזם און לייב־אייגנטום אָדער שקלאַפעריי, ביי אַבסאָלוטער קולטור און רעכטלאָזי־קייט פון די פאָלקס־מאַסן; ביי אַן אָנהאַלטנדיקער אויטאָ־דע־פע און אינקווי־זיציע; ביי דעקרעטן און פאַראָרדענונגען אויפן אָרט פון געזעצן; דעקרעטן און פאַראָרדענונגען וואָס האָבן זיך טאָג־טעגלעך געביטן; ביי דער אָפּוועזנ־

הייט פון אַ קאָנסטיטוציע און אַ וואַל־געזעץ, זענען די וואַלן פאַר די דעפּוטאַטן צו דער ערשטער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג אָדער פאַרלאַמענט געווען מער נאָמינעל ווי עכט. עס איז טאַקע פּראָקלאַמירט געוואָרן וואַל־רעכט, אָבער די דעפיניציע איז געווען „פרייער און פּאַטריאָטישער איינוווינער", דאָס הייסט נאָר אַ פרייער און פּאַטריאָטישער איינוווינער האָט געקענט אָנטיילנעמען אין די וואַלן. „פרייער" האָט געמיינט נישט קיין שקלאַף און דער פּאַטריאָטיזם איז געווען לויטן איינזען פון אַלקאַלדאַ, וועלכער האָט צונויפגענומען די שטימען. אָבער ווי אַזוי עס זאָל נישט האָבן געווען דער וואַל־מאָדוס, זענען דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע וואַלן פאַר פּאַרלאַמענטאַרישע פאָלקס־רעפּרעזענטאַנטן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ זיג פאַרן ליבעראַליזם און די געוויילטע דעפּוטאַטן, 22 אין צאָל, האָבן זיך אונטער פרייד מאַניפעסטאַציעס פון פאָלק פאַרזאַמלט אין בוענאָס איירעס אין אַ לאָקאַל אויף דער גאַס סאַן מאַרטין, דעם 31סטן יאַנואַר 1813.

ביי וואָס פאַראַ סיטואַציע און אונטער וועלכע שטימונגען עס איז דערעפנט געוואָרן די דאָזיקע היסטאָרישע פאַרזאַמלונג איז צו זען פון דער קורצער דערעפענונגס־רעדע, וואָס עס האָט געהאַלטן כוואַן כאָסע פּאַסאָ, אין נאָמען פון דער רעגירונגס־כונטע. ער האָט געזאָגט: „נאָך דריי יאָר, זינט דעם אָנהייב פון אונדזער רעוואָלוציע, האָבן מיר מיט וואַקלענדיקע טריט דורכגעמאַכט דעם גאַנג אויף אומבאַשטימטע וועגן. עס האָט געפעלט אַ פּלאַן וואָס זאָל אָנצייכענען אונדזער ריכטונג און אונדזער ציל.

קען זיין, אַז דאָס איז די איינציקע סיבה וואָס האָט געשאַפן די מיינונגס־פאַרשידנקייטן און די פּאַרטיי־שפּאַלטונגען, וואָס האָבן אָפּגעשוואַכט אונדזערע מאָראַלישע כוחות. צו קאָנצענטרירן די דאָזיקע כוחות איז איצט די הויפּט באַדערפעניש.

די שטאָט און פּראָווינצן האָבן שוין נישט קיין צוטרוי צו אונדזערע ווערטער נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַ סך מאָל געזען אָפּגענאַרט אין זייערע גערעכטע ווונטשן און האָפענונגען, און דאָס פאָלק פון בוענאָס איירעס, איינפערדיק צו מאַכן אַ סוף פון אַזוי פיל שלעכטס האָט געוואָרנט דער איצטיקער רעגירונג אין טאָג פון איר איינשטעלונג, אַז עס איז איר חוב צו באַפרידיקן די פאָדערונגען.

די רעגירונג האַלט אָבער, אַז זי קען שטאָלצירן פאַר האָבן באַפרידיקט די פאָדערונג פון פאָלקס שטימרעכט מיט דעם רופן צו דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג די הערן דעפּוטאַטן. די רעגירונג האָט טויזנט מאָטיוון צו דערוואַרטן פון די הערן רעפּרעזענטאַנטן ווירדיק ענטפערן אויף דעם הויכן צוטרוי וואָס מען האָט זיי געשענקט, און איך האָב דעם כבוד און די סאַ־

טיספּאָקציע קעגנזייטיק צו באַגריסן אין נאָמען פון דער רעגירונג אין דעם גליקלעכן מאָמענט פון דערעפענען די פאַרזאַמלונג. פון דעם מאָמענט אָן איז די גאַנצע אויטאָריטעט קאָנצענטרירט אין דער דאָזיקער הויכווירדיקער קערפּערשאַפט. פון איר האָבן אַרויסצוקומען די ערשטע דיספּאָזיציעס, אויף וועלכע עס וואַרט די רעגירונג כדי זיי שנעל און ווי געהעריק אויסצופילן".

די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג אַלס דער ערשטער אויסדרוק פון דער אַרגענטינער אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטיע איז אַליין היסטאָריש וויכטיק און כדאי צו דערמאָנען, אָבער נאָך וויכטיקער זענען די זאַכן וועלכע די פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט אין משך פון אירע זיצונגען.

עס וואָלט צופיל פאַרנומען זיך אָפּצושטעלן, אָדער אפילו נאָר דערמאָנען דאָס אַלץ, וואָס די היסטאָרישע פאַרזאַמלונג פון 1813 האָט באַהאַנדלט און סאַנקציאָנירט. איינע פון אירע וויכטיקסטע באַשטימונגען איז אָן ספק דאָס אָ פּ ש אַ פ ן ש ק ל אַ פ ע ר ײ.

2. — בירגער־רעכט פאַר אַרבעטער

די פאַרזאַמלונג האָט דורך אַלע אירע באַשטימונגען מאַניפעסטירט די באַפרייאונג און די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד אַרגענטינע, דערקלערט פרייהייט און גלייכהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט, וואָס זענען די גרונט־עלעמענטן פון סאָציאַליזם. אָבער צוליב פּרעציזקייט וועלן מיר זיך דאָ נאָר אָפּשטעלן אויפן מאָמענט פון אָפּשאַפן שקלאַפעריי.

עס האָט געדויערט יאָרן נאָך דער פאַרזאַמלונג ביז די שקלאַפעריי איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן אין לעבן. דאָס מינערט אָבער אַבסאָלוט נישט דעם היסטאָריש־וויכטיקן אויפטו פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט אין פּרינציפּ אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי ווי אַ געזעלשאַפטלעכער סיסטעם און נישט נאָר אין פּרינציפּ.

שוין אויפן צווייטן טאָג פון איר דערעפענונג, דעם 2טן פעברואַר 1813, איז אויפן פאָרשלאַג פון דעפּוטאַט קאַרלאָס מאַריאַ דע אַלוועאַר, פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, באַהאַנדלט און באַשטימט געוואָרן אָפּצושאַפן שקלאַפעריי פון געבורט.

די שקלאַפעריי איז געווען געבונדן מיט אַן אַ צאָל פּרינציפּן און דיספּאָזיציעס. אָנגענומען אין פּרינציפּ דאָס אָפּשאַפן די שקלאַפעריי האָט מען אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון אויפבינדן איר און עס איז קודם־כל באַשטימט געוואָרן, אַז יעדעס קינד וואָס ווערט געבוירן אין אַרגענטינע איז מער נישט געבונדן צו שקלאַפעריי, מעג עס זיין אַ קינד פון שקלאַפן.

חוץ דעם הומאַניזם, אין דעם אָפּשאַפן שקלאַפעריי, האָט דער דאָזיקער געזעץ דירעקט באַרירט דעם מינען־אַרבעטער און די אַרבעטער אין אַלגעמיין.

עס איז געווען איינגעפירט אַ סיסטעם פון שפּאַניע, אַז די קאָנצעסיאָנערן אָדער אייגנטימער פון ערד, וואָס דאַרפן אָוועקגעבן אַ טייל פון די ערד פּראָדוקטן, דער מאָנאַרכיע באַקומען צוגעשטעלט פון דער מאַכט אַזוי פיל אינדיער, דאָס הייסט אַרבעטער, וויפל זיי ווילן. דאָס איז געווען צוואַנג־אַרבעט, פאַר וועלכער דער באַלעבאָס איז נישט מחויב געווען צו צאָלן אַ וועלכן ס׳איז לוין. מען האָט די דאָזיקע פאַרשקלאַפטע צוואַנג־אַרבעטער נאָר געגעבן אַ מין עסן צו דערהאַלטן זיי ביים לעבן צוליב דער אַרבעט. זיי אַליין זענען געווען אַבסאָלוט רעכטלאָז און זענען ווייניקער אָפּגעהיט געוואָרן ווי פּשוטע בהמות, ווייל בהמות האָט מען געדאַרפט קויפן און זיי, די אַרבעטס־שקלאַפן, האָט מען געקריגן אומזיסט.

די פאַרזאַמלונג האָט אָפּגעשאַפט די צוואַנג־אַרבעט און די דאָזיקע פאָרם פון שקלאַפעריי און דערקלערט די אַרבעטער „פאַר פולשטענדיקע פרייע מענטשן מיט גלייכע רעכטן פון אַלע אַנדערע בירגער“.

נאָך אַ באַשטימונג קעגן שקלאַפעריי האָט די פאַרזאַמלונג אַרויסגעטראָגן קעגן דעם שקלאַפן־האַנדל, אָדער דעם אַריינפיר פון שקלאַפן. אויספאָלגנדיק דער פאַרזאַמלונג האָט די רעגירונג אין מאַי 1813 אַרויסגעטראָגן אַ דעקרעט, דורך וועלכן „עס ווערט אַבסאָלוט פאַרבאָטן דאָס אַריינפירן שקלאַפן אין די פאַראייניקטע פּראָווינצן. יענע שיפן וואָס וועלן ברענגען שקלאַפן נאָך דעם 25סטן מאַי, וועלן באַלד צוריק מוזן אַרויס פון אונדזערע פּאָרטן. צום יאָר וועלן קאָנפיסקירט ווערן יענע שיפן, וואָס וועלן ברענגען שקלאַפן צו אונדזערע ברעגן. די שקלאַפן וואָס זיי פירן וועלן דערקלערט ווערן פאַר פרייע מענטשן און די רעגירונג וועט זען זיי צו באַזאָרגן מיט נוצלעכער אַרבעט“.

צו די נייע סאַנקציעס פאַר אָפּשאַפן שקלאַפעריי געהערט אויך די סאַנקציע, לויט וועלכער „די גענעראַל פאַרזאַמלונג פאַראָרדנט, אַז אַלע שקלאַפן פון אויסלאַנד, וואָס זענען אויף אַ וועלכן עס איז אופן אַריינגעפירט געוואָרן אין לאַנד זענען באַפרייט פון ערשטן טאָג אָן און מיטן בלויזן פאַקט פון טרעטן אויף דער טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע פּראָווינצן“.

פ. וואלד

3. — פראַגמענטן פונעם אַרגענטינער הימן

הערט, איר שטערבלעכע דעם רוף דעם הייליקן:
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!
הערט דעם רויש פון קייטן צעריסענע
און זעט אויפן טראָן — די גלייכהייט.
פאַרן געשטאַלט פון דער וועלט קומט אויף
אַ נייע, אַ גלאָררייכע נאַציאָן,
מיט לאָרבער געקרוינט איר קאָפּ
און דער לייב*) — ביי אירע פיס.

— — — — — — — — — — — — — —

פון איין פּאָליוס צום אַנדערן קלינגט־אָפּ
דער הילכיקער קלאַרנעט פון טריאומף
און עס ווערט פון אַלע אַמעריקאַנער לענדער רעפּעטירט:
אָ, שטערבלעכע, הערט:
עס האָבן שוין זייערע טויערן אויפגעפּראַלט
די פאַראייניקטע פּראָווינצן פון דרום
און ס'ענטפערן פון דער וועלט די פרייע:
דעם נייעם פאָלק אַרגענטינע — שלום!

דאָס איז מיין פרייע איבערזעצונג פון ערשטן פראַגמענט און פון לעצטן פונעם דערהויבנדיקן אַרגענטינער הימן, געשריבן אין פייער פון דער מאַי־רעוואָלוציע פונעם רעוואָלוציאָנערן דיכטער און מיטגליד פון דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג פון 1813 — וויסענטע לאָפּעז אי פּלאַנעס און וואָס די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען פאַרן הימן פון אַרגענטינע.

חוץ אַזאַ פּרעכטיקער און באַגייסטערנדיקער הימן, וואָס זינגט דורך אַרגענטינע די אינטערנאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע געזאַנגען פון פרייהייט, איז עס אַן אויטענטישער דאָקומענט פון די שטימונגען, פּרינציפּן, אידעען און אידעאַלן פון דעם מאַי־רעוואָלוציאָנערן אַרגענטינע אין די יאָרן פון איר געבוירן ווערן.

*) אַ לייב איז געווען דער סימבאָל פון דער שפּאַנישער מלוכה.

קאַפּיטל VII

דער טוקומאַנער קאָנגרעס פון 1816

1. — אַרגענטינע אין קאַמף מיט שפּאַניע

דריי יאָר פון דער פאַרזאַמלונג פון 1813, וואָס האָט אויסגעדריקט די אַרגענטינער באַפרייאונג פונעם קאָלאָניאַליזם און די אומאָפּהענגיקייט דורך דעם אָפּשאַפן די שקלאַפעריי און דורך איר אייגענעם זיין, ווי דורך אַלע איי־רע באַשטימונגען — איז פאַרגעקומען אין טיפן אינערן פון לאַנד, אין טור־קומאַן, דער לאַנד־קאָנגרעס פון דעפּוטאַטן פון כמעט אַלע פּראָווינצן.

דער קאָנגרעס איז פאַרגעקומען בעת דאָס יונגע אַרגענטינע האָט זיך געפונען אין צעפלאַמטן קאַמף מיטן אימפּעריאַליסטישן שפּאַניע, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט אָנערקענט די מאַי־רעוואָלוציע, נישט די באַשטימונגען פון דער פרייער אַרגענטינער פאַרזאַמלונג פון 1813 און האָט מאָביליזירט אירע מיליטערישע און אַנדערע אירע גרויסמאַכטישע און אימפּעריאַליסטישע קרעפטן קעגן אַרגענטינע און די רעוואָלוציע, וואָס האָט קודם־כל און גרינטלעך באַדייט פרייהייט — אומאָפּהענגיקייט.

און דער קאַמף איז געווען נישט נאָר צווישן אַרגענטינע און שפּאַניע, נאָר אויך צווישן אַרגענטינער און אַרגענטינער.

און אויפן זעקסטן יאָר פון דער מאַי־רעוואָלוציע איז דער טוקומאַנער קאָנגרעס אַרויסגעקומען ווי אַ לעבעדיקער עקספּאָנענט פון דער היסטאָרי־שער סיטואַציע צו זאָגן דאָס אַנטשיידנדיקע וואָרט און ער האָט דערקלערט די אומאָפּהענגיקייט, וואָס האָט אין יענער צייט באַדייט קאַמף אויף לעבן און טויט פאַר דער פולשטענדיקער באַפרייאונג און פאַר די קומענדע צייטן איז די גע־שעעניש פון 9טן יולי 1816, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב, וואָס ווערט יערלעך געפייערט — אַ קוואַל פון אינספּיראַציע, באַגייסטערונג, באַמוטיקונג, דערהויבונג און פון ליכטיקער האָפענונג.

אין 1939, אין הונדערט דריי און צוואַנציקסטן יאָר פון דער אומאָפּ־הענגיקייט דעקלאַראַציע און ערב דער צווייטער וועלט־מילחמה, האָב איך אין יאָרטאָג פון דער היסטאָרישער דעקלאַראַציע, אין „די פּרעסע“ פון בוע־נאָס איירעס, געשריבן:

אונטער דעם צעשרויפטן און אומגעצוימטן אימפּעריאַליזם פונעם פאַ־

שי־נאַציזם, װאָס האָט זיך פונאַנדערגעלאָזט איבער דער װעלט מיט אַזאַ נישט צוריקגעהאַלטענער אַנגרייפערישקייט, װאָס איז נאָך נישט געהערט געװאָרן און װאָס איז זייער פּילבאַר אױך דאָ אין אַרגענטינע, נעמט אָן די פּייערונג פון אַזאַ יאָרטאָג, װי דאָס איז דער אַרגענטינער 9טער יולי, אָדער די יולי־טעג, װאָס דערמאָנט אין דער דעקלאַראַציע און אין דעם היסטאָרישן קאַמף פון דער אַרגענטינער אומאָפּהענגיקייט — אַ נישט געװײנלעכן און זייער שאַרפן כאַראַקטער. עס דאַכט זיך, און אַזױ פּילט מען, אַז הײנט װערט נישט געפייערט דער טאָג פון דער אַרגענטינער אומאָפּהענגיקייט אַזױ װי ער איז געפייערט געװאָרן יעדן 9טן יולי פון די 123 יאָר זינט די דעפּוטאַטן פונעם טוקומאַנער קאָנגרעס האָבן אונטערגעשריבן די אומאָפּהענגיקייט דעקלאַראַציע, נאָר ער װערט געפייערט אַנדערש.

עס רעדט זיך דאָ נישט פון די אױסערלעכע פאָרמען פון די פייערונגען, װאָס קענען זיין ענלעך צו די פייערונגען פון אַלע יאָר און װאָס האָבן אױסגעזען װי בענגאַלישע פייערן, קינסטלעכע, שיינע, פאַרװײלנדיקע, אַמאָל עמאָציאָנעלע אױף װיפל קונסט קאָן אַרױסרופן עמאָציע, אָבער קילע, װאָס צעשפּריצן זיך מיט זייער שיינקייט און פאַרביקייט און פאַרלעשן זיך אין דער קילקייט פון דער לופט. עס רעדט זיך נישט פון יענע פייערונגען אױס טראַדיציע צוליב היסטאָרישע געשעענישן אין װעלכע מען האָט זיך אַליין נישט באַטייליקט און מען פייערט זיי צוליב די טובות װאָס זיי האָבן געשאַפן און פון װעלכע מען געניסט נישט טיף פילנדיק דעם גענוס, מחמת מען האָט אַליין פאַר אים נישט געקעמפט; עס רעדט זיך פון דעם אינערלעכן געפיל און פון דער געװיסנהאַפטער פאַרשטענדעניש צו דער פייערונג פון די יולי־טעג: איצט איז די פייערונג אָנגעזאָפּט מיט אַ טיפער, אמתדיקער, אייפערדיקער שטימונג אין אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, און אפשר מער איידער אין אַנדערע שיכטן — אין דעם אַרבעטער שיכט, װאָס איז אין אַנדערע יאָרן געבליבן גלייכגילטיק צו די בירגערלעכע און אָפיציעלע פייערונגען. און מיט דעם איז הײנט די פייערונג פון די יולי־טעג אַנדערש, פילבאַרער, פאַראינטערעסירטער, פאָלקסטימלעכער.

דער װיסטער גורל פון עטיאָפּיע, פון עסטרייך, פון טשעכאָסלאָװאַקיע, פון שפּאַניע, פון אַלבאַניע, פון מעמעל, פון כינע, װי פאַרבלוטיקטע און פאַרפינצטערטע פאַקטאָרן פון צעיושעטן פאַשי־נאַציסטישן אימפּעריאַליזם, װעלכער האָט שױן אױך אָנגעהױבן אַריינדרינגען מיט זיינע אמביציעס, מיט זיין שפּיאָנאַזש, מיט זיינע פאַרשװערערישע פאַרפּאַסטנס, מיט זיינע אינטריגעס און מיט זיינע פּראָװאָקאַציעס אין די אַמעריקאַנישע לענדער, שטייט מיט זיין גאַנצן גרױל פאַר די אױגן און מען זעט מיט פאַרשטענדלעכער אומרו און צער װי ער לױערט אױך אױף דער אַרגענטינישער אומאָפּ־

הענגיקייט, דורך וואָס עס ווערט געשטעלט אין געפֿאַר דאָס בעסטע וואָס די אומאָפּהענגיקייט פֿאַרמאָגט און איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון דער מאַי־רעוואָלוציע און אין משך פֿון די 129 יאָרן זינט דער מאַי־רעוואָלוציע.

דאָס פֿייערן היינט דעם יאָרטאָג פֿון דער אַרגענטינישער אומאָפּהענגיקייט אונטער אַזאַ אימפּעריאַליסטישער אָנגרייפֿערישקייט און אונטער אַזוינע ערנסטע געפֿאַרן, כאָטש מען זעט דאָס דיפּלאָמאַטיש „אָפּצושפּרעכן", מיינט טיף פֿילן די טייערקייט פֿון דער אומאָפּהענגיקייט: מיינט ערשט גוט פֿילן איר: מיינט נישט נאָר דערמאָנען אַ ווייטע געשעעניש, נאָר עס מיינט אויך איבערטראָגן זיך צו איר מיטן גאַנצן געפֿיל און געדאַנק און אויף אַזאַ אופֿן מיטלעבן די היסטאָרישע געשעעניש און זיך גייסטיק אָנגעמען פֿון איר און זיך אַרומנעמען מיט איר ווי מיט אַ שטאָלענעם פּאַנצער גרייט צו פֿאַרטיידיקן היינט די אומאָפּהענגיקייט קעגן יעדן אָנגריף פֿון איטאַליענישן פֿאַשיזם, פֿון דייטשן נאַציזם אָדער פֿון שפּאַנישן פֿאַלאַנכיזם, וואָס זענען „אידעאיש" קאָמבינירט און געאייניקט און וואָס צוזאַמען זענען זיי שרעקלעכער, אַגרעסיווער און פֿאַרוויסטנדיקער פֿונעם אימפּעריאַליזם איגעם מיטלאַלטער.

אָבער דער היינטיקער באַדייט פֿון דער יולי פֿייערונג, דורך וועלכער מען ווערט מער ווי אין אַנדערע יאָרן גייסטיק אָוועקגעטראָגן צו יענעם היסטאָרישן מאָמענט ווען די אַרגענטינישע אומאָפּהענגיקייט איז דערקלערט געוואָרן, פֿאַרשטעלט נישט, נאָר עפֿנט פֿאַר אונדזערע אויגן אין דער געשיכטע אַזאַ היסטאָריש פּאָליטישע פּאַנאָראַמע, וואָס ווייזט ווי די אַרגענטינישע אומאָפּהענגיקייט איז נישט געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל, איז נישט געקומען אויף ווייכע בלומען־וועגן און נישט אין קיין סביבה פֿון רו און זיכערקייט.

2. — אין בירגער־קריג פֿון אַרגענטינע מיט אַרגענטינער

אויב די מאַמע פֿון דער אַרגענטינישער אומאָפּהענגיקייט איז געווען די מאַי־רעוואָלוציע און אויב די מאַי־רעוואָלוציע איז נישט געווען קיין בלוטיקע — איז דאָס נישט געווען נאָר אין אירע ערשטע טעג און דאָס צוליב היסטאָרישע אומשטענדן, מחמת דאָס „מוטערלאַנד", שפּאַניע, האָט געהאַט מיט זיך צו טאָן, ד"ה מיט דער פֿראַנצויזישער מאַכט און מיט אַן אייגענעם שאַרפֿן פּאָליטישן קריזיס, וואָס האָט צעטרייסלט די מאָנאַרכיע און אַראָפּגעוואָרפֿן די קרוין פֿון פּערנאַנדאָ דעם זיבעטן — איז דאָס אָבער נישט געווען אַזוי מיט דער אומאָפּהענגיקייט, וואָס איז נישט געווען אַ ציל פֿאַר זיך, נאָר צוזאַמענגעבונדן

מיט די פרייהייט־אידעאַלן און דעם באַשאַף פון אַ רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישן רעזשים אויף די יסודות פון מענטשן־רעכט.

און די אומאָפּהענגיקייט אין פאַרבינדונג מיט די אידעאַלן איז געווען אַ פּראָבלעמאַטישע, נישט אַ פּראָבלעם פון רואיקער דיסקוסיע, נאָר פון בלוטיקן און אומענדלעכן באַוואָפנטן בירגער־קריג.

עס איז געגאַנגען דער קאַמף צווישן בוענאָס איירעס, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו האָבן פּראָוויזאָרישע לאַנד רעגירונגען פון אַלערליי פאָרמען, וועלכע זענען געשטירצט געוואָרן אָדער זענען געפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער און די פּראָווינצן, וואָס חוץ די איצטיקע אַרגענטינישע און די נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס זענען זיי אויך געווען דאָס איצטיקע אורוגוויי און באָליוויע און טשילע. מען האָט געקעמפט מיליטעריש, אָפּענסיוו, דעפענסיוו מיט פּאָליטישע און טעריטאָריעלע סטראַטעגיעס, מיט אַוואַנסן און פאַרכאַפּונגען, מיט זיגן און מיט מפּלות, מיט אָקופּאַציעס און אַרויסשטויסונגען; מיט אויפשטאַנדן און מיט אונטערדריקונגען פון אויפשטאַנדן; מען האָט געקעמפט אויף אַזאַ אופן פאַר אומאָפּהענגיקייט און פאַר אָפּהענגיקייט; פאַר אַ רעפּובליקאַנישן רעזשים און פאַר אַ מאָנאַרכיסטישן רעזשים; מען האָט געקעמפט פאַר העגעמאָניע פון בוענאָס איירעס איבער די פּראָווינצן און פאַר העגעמאָניע פון די פּראָווינצן איבער בוענאָס איירעס; עס זענען געשטאַנען אין פלאַמיקן קאַמף פּראָווינצן מיט שטעט; מען האָט געקעמפט פאַר אַן אוניטאַרישער צענטראַליסטישער מלוכה־סיסטעם און *קעגן אַזאַ סיסטעם* פאַר אַ דעצענטראַליסטישער פעדעראַלער סיסטעם; עס האָט געקעמפט פאַר העגעמאָניע די בורזשואַזיע און דער פּריצים קלאַס, די אידעאַליסטישע אַריסטאָקראַטיע און די אידעענלאָזע דעמאָקראַטיע.

און אין משך פון דער צייט ווי עס האָט דאָ געפלאַקערט דער אינערלעכער קאַמף האָט זיך אין שפּאַניע צוריק באַפעסטיקט די שפּאַנישע מאָנאַרכיע און האָט געזוכט צוריק צו פאַרוואַנדלען אַרגענטינע, אָדער ווי עס האָט געהייסן ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ, אין אַ שפּאַנישער קאָלאָניע. ס׳האָט אויך נישט געפעלט די אַמביציע צו פאַרוואַנדלען אַרגענטינע אין אַ פּאָרטוגעזישער קאָלאָניע מיצד דער פּאָרטוגעזישער מאָנאַרכיע פון בראַזיל. פון דער זייט פון פּערו אויפן צפון האָבן אַוואַנסירט אויף אַרגענטינע שפּאַניש־ראָיאַליסטישע מיליטערישע כוחות, זיי האָבן געהאַט דאָ די שטיצע מיצד עלעמענטן, וואָס זענען געווען פאַר צוריק פאַרוואַנדלען אַרגענטינע אין אַ שפּאַנישער קאָלאָניע און דאָ מיצד דער בוענאָס איירעסער רעגירונג אין קאַמף מיט די פּראָווינצן פון מיזרח, פון צענטער און פון מערב אויפן צפון איז געשיקט געוואָרן אַ מיסיע צו פאַרהאַנדלען מיט בראַזיל זי זאָל מיליטעריש אַוואַנסירן אויף אַרגענטינע כדי מיט איר הילף צו באַקעמפן די שפּאַנישע געפאַר, אָבער ווי עס האָבן

געהאַלטן די קעגנער פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג אין בוענאָס איירעס, איז זי מיט דעם אויסן געווען צו באַקעמפן די פּראָווינצן, וואָס זענען אָן אַ פאַר־גלייך געווען שטאַרקער פאַר בוענאָס איירעס און פאַרוואַנדלען אַרגענטינע אין אַ פּאָרטוגעזישער קאָלאָניע.

און אין אַזאַ בלוטיקן כאַאָס מיט אַזוינע שאַרפע קעגנזעצלעכע מלוכה־טענדענצן, אונטער נייע אימפּעריאַליסטישע אָנגרייפונגען און מיט טייל־ווייזע נייגונגען מיצד די קעמפנדיקע צדדים צו פאַרוואַנדלען אַרגענטינע אין אַ קאָלאָניע פון שפּאַניע לויט איינע, און פון אַנדערע אימפּעריאַליסטישע פּרעטענדענטן לויט אַנדערע, ביי אַ הערשנדער מיינונג פאַר איינפירן אין לאַנד אַ מאָנאַרכיע, מיינענדיק, אַז נאָר אַ מאָנאַרכיע מיט אָדער אָן אַ קאָנ־סטיטוציע, מיט אָדער אָן אַ פּאַרלאַמענט, וועט קאָנען אָפּשאַפן די אַנאַרכיע, וואָס מען האָט געזען ביי דער דעמאָקראַטיע און וועט קאָנען מאַכן אָרדע־נונג, קאָנצענטרירנדיק אין אירע הענט די פּאָליטישע מאַכט פון לאַנד — אָט אין אַזאַ היסטאָריש כאַאָטישן מאָמענט בעת בוענאָס איירעס מיט סאַנ־טאַ פע זענען געווען אין פולשטענדיקער פאָרמעלער מילחמה, איז אין אָנ־הויב 1816 גערופן געוואָרן דער קאָנגרעס אין טוקומאַן.

שוין דאָס וואָס דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס איז נישט גערופן געוואָרן קיין בוענאָס איירעס, וואָס איז געווען די רעזידענץ פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, ווייזט די פּאָליטישע פּאָזיציע וואָס עס האָט דערגרייכט די פּראָ־ווינץ איבער בוענאָס איירעס אַלס נאַציאָנאַלע רעגירונגס־רעזידענץ און גע־מאַכט די ווייטע און מיטללענדישע פּראָווינץ טוקומאַן פאַר דער רעגירונגס־רעזידענץ.

3. — מאָנאַרכיסטישע שטימונגען

און דער קאָנגרעס אין טוקומאַן איז געווען אַ שווערער, און זיין אָנ־הויב אין מערץ 1816, כמעט אַן אויסזיכטלאָזער. די דעפּוטאַטן זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן קיין טוקומאַן אונטער דער מוזיק פון די וואָפן, פון דער מילחמה אין לאַנד, און איבער דער הערשנדיקער סיטואַציע, האָבן אַ גרויסע טייל פון די פּראָווינצן אינגאַנצן נישט געשיקט קיין דעפּוטאַטן צום קאָנ־גרעס אין טוקומאַן. די דעפּוטאַטן, וועלכע זענען יאָ געקומען, זענען געקומען מיט די מאָנאַרכיסטישע שטימונגען, וואָס זענען געטראָגן געוואָרן אין לאַנד מיצד די פירער פון פּאָליטישן קאַמף. קיין פּערספּעקטיוו ווי אַזוי צו מאַכן אַ סוף פון דעם בירגער־קריג און ווי אַזוי אָנצוהייבן די מלוכה־אָרגאַניזאַציע פון לאַנד האָבן די געקומענע דעפּוטאַטן נישט געזען. וואָס איז שייך דעם מאָ־נאַרכיזם זענען די דעפּוטאַטן נישט געווען באַגייסטערט פאַר אים. די מאָ־

נאַרכיסטישע שטימונגען, וואָס האָבן אויך באַהערשט די דעפּוטאַטן, האָבן זיך גיכער גענומען פון כאַאָס, פון בלוטיקן בירגער־קריג, פון פאַרצווייפלונג, איידער פון איבערצייגונג, פון קלאָרן באַוווסטזיין און פון אידעאַל. און ווער ווייסט צי עס וואָלט נישט אַרויסגעקומען פון טוקומאַנער קאָנגרעס, וועלכער איז פאַרגעקומען דאָרט אין אַ קאָלאָניאַל הויז אָן אַ סופיט מיט אַ ציגלנער פּאָדלאָגע און מיט גראַטעס אויף די פּאָר פענצטער — דאָס הויז וואָס איז היינט פאַרוואַנדלט אין אַ מוזיי; — ווער ווייסט צי עס וואָלט נישט אַרויסגעקומען פון טוקומאַנער קאָנגרעס אַ דעקלאַראַציע פאַר אַ מאָנאַרכיע, ווען עס וואָלט געווען אַ מאָנאַרכיסטישע איינִיקייט.

די אוניטאַרישע בוענאָס איירעסער דעפּוטאַטן זענען געקומען מיט אינסטרוקציעס פאַר אַ מאָנאַרכיע לויט דער ענגלישער, ד״ה מיט אַ קאָנסטיטוציע און אַ פּאַרלאַמענט. די דעפּוטאַטן פון די קוזשאָ פּראָווינצן אונטער דעם איינפלוס און פירערשאַפט פון גענעראַל סאַן מאַרטין, האָבן געהאַלטן מיט די פּאַרטעניער, די בוענאָס איירעסער, ד״ה פאַר אַ מין „דעמאָקראַטישער" מאָנאַרכיע, און די דעפּוטאַטן פון צענטער־ און צפון־פּראָווינצן זענען אויך געקומען מיט אַ דירעקטיוו פאַר אַ מאָנאַרכיע, אָבער נישט אַזאַ ווי עס ווילן די בוענאָס איירעסער, נאָר פאַר אַ מאָנאַרכיע פון אינדיאַנישן אָפּשטאַם. די דעפּוטאַטן וואָס זענען געקומען פון די פּראָווינצן פון הויך פּערו (היינט באָליוויע) זענען אויך געקומען מיט אַ דירעקטיוו פאַר אַ מאָנאַרכיע און קאָנדיציאָנעל, אַז דער קיניג זאָל זיין אַן אָפּשטאַמער פון דער אינקאַדינאַסטיע און די רעזידענץ פון דער אינקאַישער מאָנאַרכיע זאָל זיין אין קוסקאָ, די דאָזיקע טענדענץ האָט געהאַט מאָנועל בעלגראַנאָ פאַר אַן אָנהענגער און פּרעדיקער.

אָט די קעגנזעצלעכקייט פון די מאָנאַרכיסטן אין שייכות דער מאָנאַרכיע, האָט וואַרשיינלעך אָפּגעהאַלטן צו שטעלן דעם ענין אויפן טאָגאָרדענונג פון קאָנגרעס. און חוץ דעם, וואָס מען איז אַליין נישט געווען קיין איבערצייגטע און באַגייסטערטע מאָנאַרכיסטן נאָך דעם ווי מען האָט זיך באַפרייט פון אַ מאָנאַרכיע, האָט מען געוווסט, אַז די „באַרבאַרישע" דעמאָקראַטיע נעמט נישט אָן קיין שום מאָנאַרכיע. די מאַסן ווייסן נישט פון קיין קונצן, ווייסן נישט פון די פאַרשיידענע שאַטירונגען מאָנאַרכיסטישע, זיי ווייסן פון איין איינציקער מאָנאַרכיע, די וואָס האָט זיי פאַרשקלאַפט. און די דעפּוטאַטן האָבן געקענט קלערן, אַז זייער באַשלוס פאַר אַ מאָנאַרכיע וועט קיין האַפט נישט האָבן. די באַפרייטע אַרגענטינער פאָלקס־מאַסן וועלן דאָס אָפּוואַרפן.

און אָנשטאָט אַ קיניג האָט דער טוקומאַנער קאָנגרעס באַשטימט אַ „העכסטן דירעקטאָר" פון לאַנד. קיין מלוכה־פּרעזידענט איז נאָך נישט גע־

ווען, זיין אָרט האָט פאַרנומען דער „העכסטער דירעקטאָר“ און ער האָט גע־האַט נאָך מער פולמאַכטן איידער אַ פּרעזידענט. זיינע פולמאַכטן זענען גע־ווען אַזוי ווי פון אַן אַבסאָלוטן דיקטאַטאָר מיט דעם אונטערשיד וואָס אַ דיקטאַטאָר נעמט זיך אַליין זיין אַבסאָלוטיזם און מיט דעם נאָך וויכטיקערן אונטערשיד וואָס דער העכסטער דירעקטאָר איז נישט באַשטימט געוואָרן צו־ליב דיקטאַטור, נאָר צוליב איינשטעלן אָרדענונג דורך באַזייטיקן פון ביר־גער־קריג די שאַרפקייטן און ברענגען צו אַ געוויסער האַרמאָניע און פאַר־שטענדיקונג די צדדים. דערביי האָבן געשפילט אַ גרויסע ראָל די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון דער פּערזאָן, וואָס איז געוואָרן באַשטימט צוזאַמען מיטן אַמט, זיינע באַציאונגען, זיין פּאָפּולאַריטעט, זיין נישט קאָמפּראָמעטירט־קייט און זיין פּרעסטיזש ביי די צדדים און צוליב דעם האָט דער טוקומאַנער קאָנגרעס באַשטימט פורעדאָנען פאַרן „העכסטן דירעקטאָר“.

היינט זעט נישט אויס די דאָזיקע באַשטימונג צו זיין אַזוי וויכטיק, אָבער דעמאָלט האָט מען געהאַלטן, אַז דער טוקומאַנער קאָנגרעס האָט אויפ־געטאָן צוויי זאַכן פון גלייכער וויכטיקייט: באַשטימט דעם אַמט און די פּערזאָן פון „העכסטן דירעקטאָר“ און דערקלערט די אומאָפּהענגיקייט פון אַרגענטינע.

דאָס באַשטימען דעם „העכסטן דירעקטאָר“ איז געווען ווי אַן אויסגאַנג פון די מאָנאַרכיסטישע שטימונגען, וואָס זענען באַלד נאָך דעם צערונען גע־וואָרן. און וואָס שייך דער דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט, וועלכע איז ערשט דעם 9טן יולי געשטעלט געוואָרן צו דער אָפּשטימונג פאַר די פאַרזאַמלטע דעפּוטאַטן פון טוקומאַנער קאָנגרעס, האָט זי אין יענעם היס־טאָרישן מאָמענט באַדייט אַ דעצידירנדיקן זיג איבער די באַנייטע און נייע אימפּעריאַליסטישע פּרעטענזיעס ווידער צו פאַרוואַנדלען אַרגענטינע אין אַן אונטערגעיאָכטער קאָלאָניע.

עס איז דאָך געווען פאַר דער אָפּשטימונג פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע אַ געוויסע מורא און פיבער. דאָס איז צו זען פון אַ פּריוואַטער באַראַטונג דעם 8טן יולי נאָר פון אַ טייל דעפּוטאַטן, ספּעציעל וועגן דער אומאָפּהענגיקייט. (צום גליק איז געווען די מערהייט דעפּוטאַטן אויף דער דאָזיקער באַראַטונג); דאָס איז אויך צו זען אין דער פאָרם ווי אַזוי עס איז דעם 9טן יולי געשטעלט געוואָרן צו דער אָפּשטימונג די דעקלאַראַציע:

„וויל דער קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע פּראָווינצן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ פאַרמירן אַן איין איינציקע פרייע און אומאָפּהענגיקע נאַציאָן (אומ־אָפּהענגיק) פון די שפּאַנישע קיניגן?“ די דעפּוטאַטן האָבן איינשטימיק גע־ענטפערט אַז — יאָ. עס איז אָבער אויסגעקומען, אַז די אומאָפּהענגיקייט איז נאָר לגבי שפּאַניע. ערשט אין צוויי טעג אַרום האָט דער קאָנגרעס פאַ־

ריכט זיין פעלער און דעם 21סטן יולי — ווען דער „העכסטער דירעקטאָר" איז געקומען אין קאָנגרעס שווערן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט — איז אויף דער אָנווייזונג פון דעפּוטאַט מעדראַנאָ צוגעגעבן געוואָרן צו דער דעקלאַראַציע פון זיין אומאָפּהענגיק פון די שפּאַנישע קיניגן, זייערע פאַרטרעטער און פון דער מעטראָפּאָלי — „און פון יעדער אַנדערער אויסלענדישער דאָמיניע, מיטן לעבן, פאַרמעגן און רייכטום".

נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע איז דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע טענדענצן און פּאַרטייען פאַרגעזעצט געוואָרן און פאַרשריבן מיט בלוט אַ סך בלעטער פון דער אַרגענטינער געשיכטע, אָבער די דערקלערטע אומאָפּהענגיקייט, אין וועלכער דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די פאַרזיכערונג פון דער מאַי־רעוואָלוציע און פון די דעמאָקראַטישע און פרייהייט־דעקלאַראַציעס פון דער פאַרזאַמלונג פון 1813 האָט דעפיניטיוו אָפּגעוואָרפן יעדע קאָלאָניאַלע און אימפּעריאַליסטישע פּרעטענזיע אויף אַרגענטינע און צוזאַמען מיט דעם אויך געמאַכט אַ סוף צו די מאָנאַרכיסטישע שטימונגען, נויגונגען און פּלענער, וואָס זענען פאַר אַרגענטינע געווען אַזוי פרעמד, עקזאָטיש און פיינטלעך, ווי עס איז דאָס היינט דער טאָטאַליטאַריזם.

ווען נישט די היסטאָרישע פאַקטן און דאָקומענטן — וואָלט מען היינט נישט געגלויבט, אַז אין אַרגענטינע, דאָס לאַנד וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון די דעמאָקראַטישע אידעאַלן פון דער מאַי־רעוואָלוציע און וואָס איז פון דעם פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע און פון דער נאַטור אַליין דעמאָקראַטיש, איז געווען אַ מאָנאַרכיסטישע שטימונג און באַוועגונג.

4. — די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון 9טן יולי 1816

די אַרגענטינישע אומאָפּהענגיקייט, אָנגענומען און דערקלערט געוואָרן פונעם טוקומאַנער לאַנד־קאָנגרעס דעם 9טן יולי 1916, איז אַ פעסטונג פון דעמאָקראַטיע, פון פרייהייט, פון מענטשן־רעכט, פאַראייביקט אין דער דעקלאַראַציע פון דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע: „פאַר אונדז, פאַר די וואָס וועלן קומען נאָך אונדז און פאַר אַלע פרייע מענטשן פון דער וועלט".

אונטערגעשריבן פון פ. נאַרסיסאָ לאַפרידאַ, דעפּוטאַט פון סאַן כואַן און פאַרזיצער פונעם טוקומאַנער היסטאָרישן קאָנגרעס און אויך אונטערגעשריבן פון כואַן כאָסע פּאַסאָ, דעפּוטאַט פון בוענאָס איירעס אַלס דער סעקרעטאַר פון קאָנגרעס און פון די אַנדערע 27 דעפּוטאַטן פון די פּראָווינצן און פון די שטעט בוענאָס איירעס, סאַן כואַן, קאַטאַמאַרקאַ, כוכוי, טוקומאַן, סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ, טשאַרקאַס, קאָרדאָבאַ סאַלטאַ, מיסקע, ריאָכאַ,

מענדאָסאָ, טשיטשאַס — זאָגט דער „אַקט", אָדער די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע:

„מיר, די רעפּרעזענטאַנטן פון די פּאַראַייניקטע פּראָווינצן פון דרום־אַמעריקע, פאַרזאַמלט אויפן אַלגעמיינעם קאָנגרעס און אונטער דער השגחה פון דעם וואָס לעבט אייביק אויף דער גאַנצער וועלט און אין נאָמען און מיט דער אויטאָריטעט פונעם פאָלק, וואָס מיר רעפּרעזענטירן, שווערנדיק פאַרן הימל, פאַר די פעלקער און פאַר די מענטשן פונעם גאַנצן גלאָבוס, מיט דער גערעכטיקייט, וואָס רעגולירט אונדזערע שטימען, דערקלערן מיר פייערלעך פאַר דער געשטאַלט פון דער וועלט, אַז עס איז דער איינהייטלעכער און אומצווייפלהאַפטער ווילן פון די פּראָווינצן איבערצורייסן די גוואַלדזאַמע פאַרבינדונג, וואָס האָט זיי צוגעבונדן צו די קיניגן פון שפּאַניע, אָפּנעמען די רעכטן, פון וועלכע מען האָט זיי באַרויבט און נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ פרייער און אומאָפּהענגיקער נאַציאָן, אומאָפּהענגיק פונעם קיניג פערנאַנדאָ דער 7טער, זיינע נאָכקומער און פון דער מעטראָפּאָליע. אין קאָנסעקווענץ האָבן זיי פאַקטיש און רעכטלעך די פולע מאַכט צו געבן זיך די מלוכה פאָרמען, וואָס די גערעכטיקייט פאָדערט ביי זייערע אַקטועלע אומשטענדן. אַלע, און יעדע איינע פון זיי וועט דאָס אַזוי פּובליקירן, דערקלערן און ראַטיפיצירן, פאַרפליכטנדיק זיך, אויף אונדזער אופן, דאָס אויסצופאָלגן מיט דער פאַרזיכערונג און גאַראַנטיע פון זייער לעבן, פאַרמעגן און פּרעסטיזש".

5. — סאַן מאַרטין און די דעפיניטיווע באַפרייאונג

די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פונעם טוקומאַנער קאָנגרעס אין יולי 1816 איז געווען אַ דעצידירטער און פּרינציפּיעלער עטאַפּ פון דער מאַי־רעוואָלוציע, אָבער די דעקלאַראַציע האָט מען נאָך געדאַרפט רעאַליזירן, די אומאָפּהענגיקייט פאַרווירקלעכן אין מיליטערישן קאַמף קעגן די באַוואָפנטע כוחות פון שפּאַניע.

דאָן האָט סאַן מאַרטין געשאַפן די באַפרייערישע אַנדן־אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט געקרייצט די אַנדן, געקעמפט און באַזיגט די שפּאַניער אין דער שלאַכט פון מאַיפּו, וואָס האָט באַפרייט טשילע און נאָכדעם דורכן פּאַציפיק זיך אַריינגעקריגן אין פּערו, ווו עס איז געווען דער צענטער פון די שפּאַנישע כוחות. סאַן מאַרטין האָט צוליב דער באַפרייאונג פון אַרגענטינע געזען, אַז דער דאָזיקער צענטער זאָל אויפהערן צו זיין, צוליב דעם איז ער מיט זיין אַרמיי געקומען קיין פּערו. דאָ זענען די שפּאַניער דעפיניטיוו באַזיגט געוואָרן און דורך דעם איז געקומען דער סוף פונעם שפּאַנישן קאָלאָניאַליזם אין דרום־אַמעריקע און די רעאַליזירונג פון דער אָנגעגומענער אומאָפּהענגיקייט אין אַרגענטינע.

דער קאַמף האָט געדויערט פיר יאָר נאָך דעם טוקומאַנער קאָנגרעס. אין די דאָזיקע יאָרן איז אויך אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אויפן צפון־מערב פון אַרגענטינע, אויפן פראָנט פון באָליוויאַ, וואָס האָט געהייסן אַלטאָ פּערו. דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט אַן אַרמיי פון גאַוטשאָס אונטער דער אָנפירונג פון מאַרטין גועמעס. די גאַוטשאָס אין לאַנד, אָדער די ווייניק־קולטורעלע פאָלקס־

באַפרייער

סאַן מאַרטין

מאַסן אין אינערן פון לאַנד, זענען פּסיכאָלאָגיש געווען אין בירגערקריג מיט דער בורזשואַזיע פון דער פּאָרט־שטאָט (פּאָרטעניאָס), בוענאָס איירעס, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער רעגירונגס־מאַכט. אגב אויך צעקריגט צווישן זיך, אָבער אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם קאָלאָניאַליזם און אויסקעמפן דיווירקלעכע אומאָפּהענגיקייט זענען אַלע געווען אויפן פּלאַץ.

קאַפּיטל VIII

אוניטאַרישע רעגירונג — ריוואַדאַוויאַ

1. — פעדעראַליסטישע־גאַוטשיסטישע אָפּאָזיציע

עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַ מיליטערישער קאַמף אויף דער גאַנצער מיזרח־זייט פון לאַנד, פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס אויפן דרום ביז פּאַראַגוויי און בראַזיל אויפן צפון און אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר דער רעגירונג און פאַר אָריענטאַציע אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אומאָפּהענגיקער מלוכה.

סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכער אָרגאַניזאַטאָר

בערנאַרדינאַ ריוואַדאַוויאַ

דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אַנטוויקלט צווישן דער שטאָט און דעם דאָרף; צווישן דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע און דער פעלדישער גאַוטשאָקראַטיע; צווישן דעם „פראַק” און דעם „פּאָנטשאָ“, וואָס האָבן זיך גרוי־

פירט אין פּאָליטישע פּאַרטייען — די היסטאָרישע פּאַרטייען פון „אוני־טאַריער" און „פעדעראַליסטן".

ביי דער מאַכט האָט זיך געפונען אַן עלעמענט, וועלכער איז נאָך נישט געווען באַפרייט פון מאָנאַרכיזם. זיין מאָנאַרכיסטישקייט איז נישט געווען פון איבערצייגונג און פון באַגייסטערונג פאַר מאָנאַרכיע, נאָר איבער זיין אומצוטרוי צו דער פאָלקס־מאַסע, אַן אַנאַלפאַבעטישע, אַ נאָמאַדישע, אַ קול־טורלאָזע. זי האָט אויך געמיינט אַז אַ מאָנאַרכיע וועט בעסער איידער אַ רע־פובליקאַנישער סיסטעם קענען שאַפן די איינהייט פון לאַנד, וואָס איז נאָך געווען אַ שטרעבונג. מען איז נישט געווען אידייאיש קעגן דעמאָקראַטיע, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט פרייהייט, וואָס איז געווען דאָס געזאַנג פון דער מאַי־רעוואָלוציע, נאָר מען האָט נישט געגלויבט אין די פאָלקס־מאַסן און מען האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון געבן די פאָלקס־מאַסן מלוכה־רעכטן; רעכטן צו פירן די מלוכה דורך זייערע רעפּרעזענטאַנטן; די רעכטן וואָס מען האָט זיך דאָך געזען געצוווּנגען צו געבן זענען געווען אויפן שפּיץ מעסער, באַגרעניצט און דאָס מיט ווידערווילן און גאַנץ אָפט זיי צוריקגעצויגן. עס איז געווען דער פּרינציפּ ביי יענע, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער מאַכט אַ צענטראַליזירטע, איינהייטלעכע אָדער אוניטאַרישע מלוכה. ווי מענטשן פון געדאַנק האָבן זיי אויסגעטראַכט, פאַרקוקנדיק זיך אויף אייראָפּעאישע קאָנ־סטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיעס, אַ מלוכה רעזשים און געוואָלט איינפירן די מלוכה לויט זייער אויסגעטראַכטן סיסטעם. געוואָלט אָבער נישט געקענט, נישט געקוקט אויף די מאַכט־ און גוואַלד־מיטלען צו אימפּאָנירן זייער רע־זשים.

פון דער צווייטער זייט און באַזייטיקט פון דער מאַכט, זענען געשטאַנען די גרינג־געשעצטע, אָבער שטענדיק קאַמפּס־פעאיקע פאָלקס־מאַסן. שוין די גרינגשעצנדיקע און אומצוטרוילעכע שטעלונג פון דער רעגירונג צו די פאָלקס־מאַסן האָט זיי פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפער אָפּאָזיציע, וועלכע נישט האָבנדיק קיין פאַרטרעטונג אין די מלוכה־אינסטאַנצן, האָבן זיי נישט גע־האַט קיין צוטרוי צו דער רעגירונג, נישט געגלויבט איר. אין עקאָנאָמישער נויט און רעכטלאָז האָבן זיך די פאָלקסמאַסן געזען ווי אָפּגענאַרט אין זייע־רע דערוואַרטונגען, אין זייערע האָפענונגען און זיי האָבן רעבעלירט, אָדער זענען געווען אין צושטאַנד פון רעבעלירונג. זיי זענען געווען מער אינטואי־טיוו איידער באַוווסטזיניק קעגן די הויפּט זאַכן פון וואָס עס האָט געדענקט די רעגירונג: זיי זענען געווען קעגן מאָנאַרכיע, קעגן צענטראַליזם, קעגן דער אוניטאַרישער מלוכה סיסטעם; זיי האָבן געוואָלט רעכטן, וואָס דאָס איז געווען די נאַטירלעכע פאָדערונג פון די מאַסן, וואָס זענען דער דעמאָ־קראַטישער קערפּער; זיי האָבן געוואָלט אַ דעצענטראַליזאַציע אין דער פאָרם

פון אַ פעדעראַטיווער מלוכה מיט אויטאָנאָמיע פאַר יעדער פּראָווינץ; זיי האָבן געוואָלט אַ רעגירונג וואָס זאָל באַשיצן זייערע שטרעבונגען און זייערע אינטערעסן; זיי האָבן געוואָלט די מאַכט.

די צוויי קעגנזעצלעכע ווילנס אין שייכות דער אַרגענטינישער מלוכה האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין די צוויי היסטאָרישע פּאַרטייען: די אוניטאַרישע פּאַרטיי און די פעדעראַליסטישע. די ערשטע איז געווען לויט איר עלעמענט אַן אַריסטאָקראַטישע, די צווייטע אַ דעמאָקראַטישע; די ערשטע לויטער אינטעליגענץ, די צווייטע אַנאַלפאַבעטישע מאַסע; די ערשטע אַ קאָפּ כמעט אָן אַ קערפּער, די צווייטע אַ קערפּער כמעט אָן אַ קאָפּ.

אָבער צווישן דער אינטעליגענץ איז שטענדיק ווייניקער אייניקייט איידער ביי דער מאַסע. צווישן דער קליינער צאָל אינטעליגענץ איז גרויס די צאָל פּרעטענדענטן אויף גרויסקייט, אויף פירערשאַפט, אויף הערשאַפט, וואָס צערייסט זיי, וואָס דאָס שטעלט זיי אין קאַמף איינער קעגן צווייטן און עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז צוליב גרויסקייט, צוליב עגאָאיסטישער אַמביציע, צוליב הערשזוכט זאָל אַן אינטעליגענט אַריבערלויפן אין אַ וועלכן עס איז לאַגער, וווּ ער זעט אַ מעגלעכקייט צו קענען דערגרייכן זיין אַמביציע. און נישט שטענדיק דאַרף מען זיין אַ גרויסער אינטעליגענט, אַ גרויסער דענקער אויף צו געווינען די מאַסן. ס'איז גענוג צו האָבן אַ סך געוואַגטקייט, אַ סך חוצפה און וויסן ווי אויסצונוצן אַ מאָמענט און אויסנוצן די פאַרביטערונג פון די מאַסן, זייערע שטימונגען, זייער רעבעלישקייט, שטעלן זיך כלומרשט צו דינסט פון זייערע באַדערפעונישן; אָנכאַפּן דאָס וואָס זיי ווילן אין באַטרעפנדיקן מאָמענט און ווערן דער כלומרשטער אויסדריקער פון זייערע אינטערעסן, פון זייערע שטרעבונגען, פון זייערע פאָדערונגען, און ער געווינט זיי די מאַסן, וואָס זענען באַשרענקט אין דענקען און וואָס פילן אַ באַדערפעניש אין אַ דענקער, אין זייערן אַ דענקער, אין זייערן אַ פירער, און זיי גלויבן אין אים בלינד, און זיי גיבן זיך אים איבער, און זיי לאָזן זיך פון אים פירן אפילו אין פייער, מיינענדיק אַז ער פירט זיי צו דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע שטרעבונגען, און לאָזן זיך, ביז אַ געוויסן מאָמענט פאַרפירן.

2. — דאָן כואַן מאַנועל ראָסאַס

אַזוי איז אויך געשען אין יענעם געשיכטלעכן אַרגענטינער מאָמענט, וועלכער ווערט דאָ דערמאָנט. די פּאָליטישע שטאַנדלאָזיקייט פון דער אוניטאַרישער רעגירונג, וואָס האָט זיך איזאָלירט פון די פאָלקס־מאַסן, פון זייערע אינטערעסן און פון זייערע שטרעבונגען; וואָס האָט זיך באַצויגן מיט

גרינגשעצונג, מיט אומצוטרוי און מיט מורא צו די פאָלקס־מאַסן; וואָס האָט מורא געהאַט פאַר אַ רעפובליקאַנישן דעמאָקראַטישן רעפּרעזענטאַטיוון רעזשים; וואָס האָט געגעבן אַ באַגרעניצטע וואַל־רעכט און האָט פון דעם אויך נישט געהאַלטן; וואָס האָט אַרויסגעגעבן געזעצן דורך דעקרעטן און צערודערט דאָס אינסטיטוציאָנעלע לעבן מיט כסדרדיקע פיבערהאַפטע ענ־דערונגען און רעגירונגס־קריזיסן און פאַרפאָלגונגען אויף די פאָליטישע קעג־נער — אַט די דאָזיקע לאַגע איז אויסגענוצט געוואָרן פון איינעם פון די פּראָווינציעלע קאודיזשאָס (רעדלפירער), דער קאַפּריזנער און עקסטראַוואַ־גאַנטער — ווי עס באַצייכנט עסטראַדא דאָן כואַן מאַנועל ראָסאַסן — אייגנשאַפטן, וואָס זענען געווען ליב דעם גאוטש. און ער, דער קאודיזשאָ דאָן כואַן מאַנועל ראָסאַס האָט געוווּסט אויסצונוצן די שטימונגען פון די רעכטלאָזע, ווען ער האָט געוווּנען פאַר זיינע הערשזוכט אַמביציעס און ער איז געוואָרן דער פירער פון דער פעדעראַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז גע־ווען אויסגעשפּרייט איבער די פּראָווינצן און ער איז געוואָרן דער דיקטאַ־טאָר פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס, און מיט דער מאַכט פון דער פּראָ־ווינץ בוענאָס איירעס אין זיינע הענט האָט ער געזוכט נאָך מער צו צערודערן די אוניטאַרישע מלוכה סיטואַציעס פון לאַנד, רעבעלירט קעגן דער קאָנסטי־טוציע און די גרונט־געזעצן, אויסגעשפּרייט זיינע פאַרשווערונגען איבער אַנדערע פּראָווינצן; זיך גענומען אַלץ מער מאַכט, ביז ער האָט דערגרייכט דורך געשאַפענע סיטואַציעס, די אַבסאָלוטע מאַכט, די זעלבסטהערשאַפט פון לאַנד, די „די סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן“.

קאַפּיטל IX

טאָטאַליטאַרישע דיקטאַטור

1. — די סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן

דעם 7טן מערץ 1835 האָט אַ פאַרזאַמלונג וואָס האָט געהייסן „האָנאָראַבלע סאַלע פון רעפּרעזענטאַנטן" סאַנקציאָנירט אַ „געזעץ", וועלכער באַשטימט פאַר „גענעראַל גובערנאַטאָר און קאַפּיטאַן פון דער פּראָווינץ אויף אַ צייט פון פינף יאָר — דעם בריגאַדיר גענעראַל דאָן כואַן מאַנועל דע ראָסאַס", אין וועמענס הענט „עס ווערט איבערגעגעבן די גאַנצע סומע פון דער עפנטלעכער מאַכט פון דער פּראָווינץ אָן קיין שום אַנדערע באַשרענקונגען ווי די פאָלגנדיקע: א) אָפּהיטן, פאַרטיידיקן און פּראָטעזשירן די קאַטוילישע, אַפּאָסטאָלישע רוימישע רעליגיע און ב) אונטערהאַלטן און שטיצן די נאַציאָנאַלע זאַך פון דער פ ע ד ע ר אַ צ י ע, וואָס עס האָט פּראָקלאַמירט דאָס פאָלק.

די אויסאיבונג פון דער דאָזיקער אויסעראָרדנטלעכער מאַכט וועט דויערן אַזוי לאַנג ווי דער געוויילטער גובערנאַטאָר וועט דאָס האַלטן פאַר נויטיק.

זאָל איבערגעשריבן ווערן די דאָזיקע רעזאָלוציע פאַרן בריגאַדיר גענעראַל, ער זאָל פּערזענלעך קומען אין דער דאָזיקער סאַלע מיטוואָך צוועלף בייטאָג איבערצונעמען די מאַכט, וואָס ווערט אים אָנפאַרטרויט; שווערן אַז ער וועט איר אויסאיבן געטריי און אַזוי ווי ער וועט דאָס האַלטן פאַר לויבבאַר לטובת דער פּראָווינץ און דער גאַנצער רעפּובליק".

דאָ בעטן זיך אַ סך באַמערקונגען. אייניקע מוזן געמאַכט ווערן: אין מערץ 1835 האָט ראָסאַס ו י ד ע ר איבערגענומען די טאָטאַליטאַרע מאַכט, וועלכע ער האָט שוין געהאַט באַקומען אויפן זעלביקן אופן אין דעצעמבער 1829, ווען דער גאַוטשיזם, אָדער די פעדעראַליסטן מיטן לאַ ריאָכער פאַקונדאָ קיראָגאַ בראַש, האָט שוין באַהערשט די סיטואַציע אין לאַנד, האָבנדיק באַזיגט די אוניטאַרישע רעגירונג אין 1827, ווען זי, פאַרקערפּערט אין ערשטן אַרגענטינער פּרעזידענט — בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ, האָט זיך געזען געצוווּנגען צו דימיטירן.

ראָסאַס איז אין 1829 באַשטימט געוואָרן פאַרן אַבסאָלוטן רעגירער

מיט אַלע פולמאַכטן אויף אַ צייט פון דריי יאָר, וואָס האָבן זיך אין כאַאָס און אין טעראָר פראָלאָנגירט ביז זיין ווידער־דערוויילונג אין 1835 אויף אַ צייט פון פינף יאָר, וואָס האָבן זיך ווייטער פראָלאָנגירט, מיט דער פאָראויס־דיקער הסכמה פון ציטירטן געזעץ, ביז 1852, ווען זיין טאָטאַליטאַרישע רע־גירונג איז דעפיניטיוו באַקעמפט געוואָרן.

וואָס איז שייך די טאָטאַליטאַרע מאַכט אָדער די אַבסאָלוטע דיקטאַ־טור, וואָס די ראַסיסטישע לעגיסלאַטור האָט אָנגענומען קעגן זיך; קעגן דער „פעדעראַציע", וואָס דער „געזעץ" הייסט פאַרטיידיקן; קעגן דעמאָקראַטיע און קעגן פרייהייט צוליב וואָס די גאַוטשאָס און די פאָלקסמאַסן האָבן גע־קעמפט קעגן דער אוניטאַרישער רעגירונג — איז זי געווען די „פּראָלעטאַ־רישע דיקטאַטור" פון ניינצנטן יאָרהונדערט אין דעם דרום־לאַנד פון אַמע־ריקע, נאָר די פּראָלעטאַרישקייט פון דער דיקטאַטור איז אַזוי ווייט געווען פון אמת, ווי ווייט עס איז פון אמת די פּראָלעטאַרישקייט פון דער דיקטאַ־טור אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דעם מיזרח־לאַנד פון אייראָפּע.

נישט אין סאָוועט רוסלאַנד דיקטירט דער פּראָלעטאַריאַט, און נישט אין אַרגענטינע האָט דיקטירט דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס דאָס איז געווען די אָרעמע באַפעלקערונג פון שטאָט און די גאַוטשישע פון די פעלדער.

דאָס פאָלק, דער פּראָלעטאַריאַט איז נאַטירלעך, אייגנשאַפטלעך, דע־מאָקראַטיש, דער אַבסאָלוטער קעגנזאַץ פון דיקטאַטור שטענדיק און אומע־טום.

2. — די ראַסיסטישע טעראָריסטישע רעגירונג

דאָס גלייכן איז מיט פרייהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט, וואָס איז נאַטירלעך און אייגנשאַפטלעך פאָלקסטימלעך־פּראָלעטאַריש; וואָס געפינט זיך אין די רעכטן פונעם מענטש און אין די באַדערפעענישן און שטרעבונגען צו פרייהייט און צו אַ בעסער לעבן. דאָס שטימט נישט מיט קיין דיקטאַ־טור, מחמת זי איז די נעגאַציע פון פרייהייט, פון רעכט און פון גערעכטי־קייט.

און מיט דער „סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן", וואָס דאָן כואַן מאַ־נועל ראָסאַס האָט געהאַט, באַהערשט די דיקטאַטור אַלץ מיט טעראָר און האַלט זיך נישט אָפּ פון קיין מיטל, ווי נידערטרעכטיק און פאַרברעכעריש דאָס זאָל זיין, פאַרניכטנדיק אויך די פרייהייט און דאָס רעכט פון דער איי־גענער פּאַרטיי, אייגענע מענטשן און די פּאַרטיי אינגאַנצן.

די אַרגענטינער שטאָטישע פאָלקס־מאַסן און די גאַוטשאָס, אויף וועל־מען עס האָט זיך באַרופן די פעדעראַליסטישע באַוועגונג און וואָס האָבן ראַ־

סאַסן איבערגעגעבן די רעגירונג מיט דער „סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן", האָבן נישט געקענט זען אין דער דיקטאַטור די רעאַליזירונג פון זייערע שטרעבונגען און אויב זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַקטיווע קעגנער פון דער טאָטאַליטאַרישער רעגירונג, וואָס זיי האָבן געשאַפן, זענען זיי פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער אייגענער דיקטאַטור און אויף דעם טעראָריסטישן אופן, ווי דאָס איז נאַטירלעך און אייגנשאַפטלעך פון יעדער דיקטאַטור.

3. — די מאַזאָרקאַ

אין דער נאַטור פון דער דיקטאַטור ווערט געבוירן איר פאַרשווערונג. די באַשאַפערן פון אַ באַוועגונג קעגן דער דיקטאַטאָרישער מאַכט איז קודם־כל די דיקטאַטור אַליין; זי, אין דער געשטאַלט פון טעראָר, פאַרפאָלגונג, אונטערדריקונג, איז די סיבה און די אַרויסרופערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז נאַטירלעך אין איר אומפאַנג אַ פאַרשווערערישע איבער דעם רעזשים אָן פרייהייט און אָן רעכט. די דערשיינונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז געוויינלעך בעת און אונטער דער הערשנדער דיקטאַטור, אַ מאַרטירערישע, איז אַ סימן אַז נישט אַלץ איז דערשטיקט, אַז דער געוויסן פון פאָלק לעבט; ער געפינט זיך אין דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס איז אַ טרייסט פאַר די קרבנות; וואָס טראָגט האָפענונג פאַר די אונטערדריקטע און וואָס דערהייבט זיך אַליין און דאָס גאַנצע לאַנד פאַר די אויגן פון דער וועלט.

אַזאַ איז דער באַדייט פון אַן אמתדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מעג זי זיין ווי קוואַנטיטאַטיוו קליין, וואָס ווערט דעריבער גיך באַקעמפט פון דער פאַקטישער מאַכט. און די דיקטאַטור, וואָס איז אַליין די פאַרשווערונג פון פאַרשווערונגען דעמאַסקירט זיך און שטעלט זיך פאַר אין איר קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען.

4. — פאַרשווערונגען, אויפשטאַנדן און מאַרטיראָלאָגיע

אין די אַקטן־ביכער פון „גוטן אָרט" אויף רעקאָלעטאַ, זענען פאַרצייכנט מיטן דאַטום פון 28סטן און 29סטן יוני 1839 און מיטן אונטערשריפט פון נעם דעמאָלטיקן בוענאָס איירעסער פאָליציי שעף וויקטאָריקאָ די פאָלגנדע צוויי קאָמוניקאַציעס: „זאָל לעבן די פעדעראַציע! דערהאַלט אויפן צפון צעמענטאַר דעם קערפּער פון דאָקטער מאַנועל וו. מאַסאַ, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן" און — „זאָל לעבן די פעדעראַציע! דערהאַלט אויפן צפון צע־

מענטאר דעם קערפּער פון פאַרברעכער ראַמאָן מאַסאַ, וועלכער איז היינגע־ריכטעט געוואָרן״.

דער איבערשריפט: „זאָל לעבן די פעדעראַציע!״ איז שוין געווען אַ פאַרמילדערטע לאָזונג פון דעם פריערדיקן, וואָס האָט געזאָגט: „זאָל לעבן די הייליקע פעדעראַציע, אַ טויט די ווילדע אוניטאַריער!״ מיט וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן יעדעס אָפיציעלע פּאַפּיר.

סיסטעמאַטיש אויסצופירן מאָרד־אָנפאַלן, איז געווען די זאַך פון אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן „מאַזאָרקע״.

דער פּאָטער, דאָקטער מאַנועל וו. מאַסאַ, איז געפאַלן ווי אַן אומשול־דיקער קרבן. ווי עס הייסט איז ער געווען אַ געטרייער פון ראָסאַסן. ביי דער דיקטאַטור פון ראָסאַס איז אויך געווען אַזאַ פאָרס ווי אַ לעגיסלאַטור און אַ געריכט, פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דעם דיקטאַטאָר און צו זיין דינסט. דער דאָקטער מאַנועל וו. מאַסא איז געווען פאָרזיצער פון ראָסאַסעס בוענאָס איירעסער לעגיסלאַטור און אויך דער פאָרזיצער פון ראָסאַסעס העכסטן געריכט. אין אַ טאָג האָט ער באַשטימט פון זיינע אַמטן זיך אָפּצו־זאָגן. עס הייסט, אַז ער האָט דאָס באַשלאָסן אין אָנבליק פון אַ פאַרשווערע־רישער אַקציע, וואָס עס האָט אונטערגענומען זיין זון ראַמאָן, זייענדיק קאָ־ראָנעל אין ראָסאַסעס אַרמיי. אָבער ווער ווייסט צי ער האָט נישט אויסגע־פאָלגט אַ ווונק פונעם דיקטאַטאָר, וועלכער האָט צו קיינעם נישט געהאַט קיין צוטרוי און אוודאי נישט צו אַ פאָטער פון אַ זון אַ פאַרשווערער. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז דער פאָטער מאסא אַלס פאָרזיצער פון דער לעגיסלאַטור איבערגעפאַלן געוואָרן פון ראָסאַסעס „מאַזאָרקע״ טאַקע אין דער לעגיסלאַטור בעת ער האָט געשריבן זיין דימיסיע און דערשלאָגן געוואָרן אויפן אָרט צום טויט. ראָסאַס האָט געהייסן אַרעסטירן און דערשיסן איי־נעם פון די מערדער דעם קאַפּיטאַן מאַנועל גאַעטאַן, דאָס ווערט דערקלערט מיט אַזאַ טאַקטיק פונעם דיקטאַטאָר ביי וועמען דאָס לעבן פון אַ מענטשן האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע און מיט דעם טויט פון זיינעם אַ געטרייען האָט ער געוואָלט באַווייזן, אַז ער האָט נישט געשיקט דערמאָרדן דעם פאָר־זיצער פון דער לעגיסלאַטור.

אין קעגנזאַץ צום פאָטער איז דער זון דער קאָראָנעל ראַמאָן מאַסא שוין נישט געווען קיין „אומשולדיקער״ קרבן. צוויי שעה נאָך דעם פאָטערס דערמאָרדונג האָט ראָסאַס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דערשיסן דעם זון. לויט דער ליטעראַטור וואָס שילדערט די עפּאָכע פון ראָסאַסן און זיין אינטים לעבן און פראָצעדור האָט דער טיראַן אויפן געבעט פון זיינע קרובים („מאַ־נועליטאַ ראָסאַס״) אָפּגערופן די דערמאָרדונג פון ראַמאָן מאַסאַ. עס איז אָבער געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז דער אָפּרוף זאָל אָנקומען צו שפּעט. פאַר־

טאָג איז ראַמאָן דערשאָסן געוואָרן אין תפיסה און אַ פּאָליציי־וואָגן האָט אַוועקגעפירט ביידע מתים, פאָטער און זון, אויפן בית־עולם פון רעקאָלעטאַ, וווּ מען האָט זיי אַריינגעלייגט אין איין גרוב.

ראַמאָן מאַסאַ, אַ שעף פון אַ מיליטערישן רעגימענט, אין בוענאָס איי־רעס איז צוגעשטאַנען צו אַ רעוואָלוציאָנערער גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „דער קלוב פון פינף" מיט דער אויפגאַבע דורך אַ מיליטערישן אויפשטאַנד אַראָפּצוזעצן ראָסאָס רעגירונג און באַפרייען דאָס לאַנד פון זיין טעראָריס־טישער דיקטאַטור. מאסא האָט גענומען אויף זיך אַנצופירן מיט דער פאַר־שווערונג, אָבער זי איז דורכגעפאַלן דורך אַ מסירה פון אַן אָפיציר, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר אַ צוטרוילעכן מיטאַרבעטער אין דעם געגרייטן אויפשטאַנד.

זון און פאָטער מאסא זענען נישט געווען די ערשטע קרבנות פון ראָ־סאָס דיקטאַטאָרישן רעזשים און נישט די לעצטע. דער דאָזיקער רעזשים וואָס האָט אָנגעהאַלטן איבער צוואַנציק יאָר איז געווען אַ רעזשים פון טע־ראָר, פון בלוט־פאַרגיסונגען, פון קרבנות און פון מורא, וואָס דאָס איז די אייגנשאַפט פון יעדן אַנטידעמאָקראַטישן, רעכטלאָזן און דיקטאַטאָרישן רע־זשים, וואָס רעדוצירט זיך צו דער אַבסאָלוטיסטישער אָדער טאָטאַליטאַ־רישער הערשאַפט פון אַ פּערזאָן.

דאָס איז געשען אין 1839 ווען מאַנועל ראָסאָס האָט שוין געהערשט צען יאָר צייט און ער האָט שוין פולשטענדיק געהאַט באַהערשט ס׳גאַנצע לאַנד. אָבער דער טיראַן איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיין הערשאַפט. ער האָט נישט קיין איין רויִקן טאָג. ער איז כסדר אַרומגערינגלט מיט גע־שפּענסטער, און נישט האָבנדיק קיין אַנדער אָנהאַלט ווי נאָר די מאַכט, די גוואַלד. הערשט ער מיט טעראָר און וואַרפט זיך פון גוואַלד צו גוואַלד. דאָס קען נישט אַרויסרופן עפּעס אַנדערש ווי צער און צאָרן און די נאַטירלעכסטע דערשיינונג פונעם גוואַלדזאַמען רעזשים איז די פאַרשווערונג און דער באַ־וואָפנטער אויפשטאַנד.

די אַרויסגערופענע פאַרשווערונג פאַלט דורך איבער מסירה, פאַראַט, אָדער פון נישט גענוג שטאַרקייט, אָבער זי באַנייט זיך כסדר און הייבט זיך ווידער אויף יעדעס נייע מאָל מיט מער כוחות. עס איז נישט קיין אַוואַנ־טורע, עס איז נישט קיין געוואַגטע שפּיל אין פאַרשווערונגען, עס איז דאָס אומפאַרמיידלעכע אונטער אַ טיראַנישן רעזשים. עס איז דאָס קינד פון גוואַלד, וואָס וואַקסט אויס נאַטירלעך קעגן דער גוואַלד, און פריער אָדער שפּעטער מוז די רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונג זיגן אויב זי טראָגט נאָר אין זיך דעם קערן פון גערעכטיקייט, אויב זי טראָגט באַפרייאונג און רעכט.

***

עס איז געווען אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון אָרגאַניזירן דאָס באַ־פרייטע לאַנד דורך דער מאַי־רעוואָלוציע. די באַפעלקערונג האָט זיך צע־טיילט אין צוויי „קלאַסן": איינער אַ דענקערישער, אַן אילוזאָרישער, און דער צווייטער אַ ליידנשאַפטלעכער און אַ רעאַליסטישער. דער ערשטער אַן אַריסטאָקראַטישער, אַ באַגייסטערטער פון די שענסטע פרייהייט־אידעען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער דער וועלט, אָבער מיט אומצוטרוי און גרינג־שעצונג צו די דעמאָקראַטישע מאַסן, איבער וועמען ער האָט געוואָלט הערשן דורך אַ קאָנצענטראַציע פון דער מאַכט, און דער צווייטער אַ פּאָלקיסטישער, אַ דעמאָקראַטישער אין זיין וועזן, אָבער פּאָליטיש נישט דערצויגן, אַ באַ־ווּוסטלאָזער און מיט אומצוטרוי און האַס קעגן דער שטאָטישער אַריסטאָ־קראַטיע. און פון די צוויי קעגנזאַצן זענען אַרויסגעקומען די צוויי היסטאָ־רישע פּאַרטייען: די „אוניטאַריער" פון ערשטן „קלאַס" און די „פעדעראַ־ליסטן", פון צווייטן „קלאַס". און דער קאַמף צווישן די צוויי פּאַרטייען פאַר דער מאַכט איז אַוועק אויף די וועגן פון גוואַלד. די ערשטע קרבנות דורך מאָרד זענען געפאַלן פון די פעדעראַליסטן (פון געדאַנק פאַר אַ פעדעראַליס־טישן מלוכה רעזשים פון לאַנד), אונטער דער אוניטאַרישער רעגירונג. דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן דעם אַוואַנס פון דער פעדעראַציע און דורך איר איז ראָסאַס געקומען צו דער מאַכט. אָבער די מאַכט אין די הענט פון ראָסאַסן איז נישט געשטעלט געוואָרן צום דינסט די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזירונג פון דער מלוכה אין גייסט פון דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און אידעען, נאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטידעמאָקראַטישן פאַקטאָר און אין אַ גוואַלד־זאַמען רעזשים, נישט נאָר קעגן די אוניטאַריער, נאָר אויך קעגן די פעדע־ראַליסטן, כאָטש ראָסאַסעס רעגירונג האָט נישט אויפגעהערט צו באַנוצן זיך מיטן פעדעראַליסטישן נאָמען און אין דעם נאָמען געפירט זיין טעראָריסטי־שע דיקטאַטור.

די דיקטאַטור האָט אָבער נישט געקענט, ווי גרויזאַם זי זאָל נישט זיין, שטערן דעם געבורט און דאָס אויסוואַקסן פון דעם רעוואָלוציאָנערן כוח קעגן איר. עס איז געווען די רעוואָלוציאָנערע יוגנט אָרגאַניזירט אין דער היסטאָ־רישער מאַי־אַסאָציאַציע, וואָס האָט גייסטיק מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ סינ־טעז פון די פּרינציפּן, אידעען און שטרעבונגען פוןביידע פּאַרטייען; איז גע־ווען די פאָרזעצונג פון דער מאַי־רעוואָלוציע, וועמענס פאַרשריט עס איז אי־בערגעשלאָגן געוואָרן פון דער ראָסיסטישער דיקטאַטור, און אינספּירירט פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט, האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון עטשע־וועריאַ, סאַרמיענטאָ, אַלבערדי און אורקיזאַ, באַקעמפט די דיקטאַטור און דערגרייכט די קאָנסטיטוציאָנעל דעמאָקראַטישע איינשטעלונג פון לאַנד.

5. — דרום־אויפשטאַנד

מיר האָבן דערציילט פון איין היסטאָרישן עפּיזאָד אין דעם פערטל יאָרהונדערט פון דער ראַסיסטישער דיקטאַטור און אָט איז נאָך אַן עפּיזאָד: עס איז נאָך איינער פון יענע עפּיזאָדן, וואָס האָבן געשאַפן דורך קאַמף און דורך דערהויבנדיקער מסירת נפש דאָס ליבעראַלע, דאָס דעמאָקראַטישע, דאָס פרייע אַרגענטינע — גרינטלעכע, אומבאגרענעצטע און אייביקע מענטשלעכע ווערטן, וואָס האָבן געעפנט די טירן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ פאַר אַלע פרייע מענטשן פון דער וועלט און מעגלעך געמאַכט דאָס צוזאַמענלעבן פון מענטש און מענטש, פון פאָלק און פאָלק פון וואָס אויך מיר יידן האָבן גענאָסן און געניסן.

מיר ריידן פון די מאַרטירער אין קאַמף פאַר פרייהייט, וועמענס קעפּ, אויפגעשטאָכענע אויף טיראַנישע שפּיזן עס זענען געוואָרן אויסגעשטעלט אויף די פּלאַסעס פון דאָלאָרעס און טשאַסקאָמוס, ווי מאָנומענטאַלע טראָפייען פון ראָסאַס טריאומף; טריאומפן, וואָס האָבן געפירט די בלוטיקע דיקטאַטור צו איר טויט אויף וועגן, וואָס זענען געוואָרן באַלויכטן מיט די קעפּ פון די מאַרטירער —

מיר ריידן וועגן דעם דרומדיקן רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד קעגן דער טאָטאַליטאַרישער רעגירונג אין צווייטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט דאָ אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, וואָס האָט פּרעטענדירט, מיסברויכנדיק אַ פרייהייטלעכע און דעמאָקראַטישע באַוועגונג, צו דערשטיקן די פרייהייט און די דעמאָקראַטיע באַלד אין די ערשטע טעג פון זייער לעבן און פון זייערע ערשטע טריט אין דער נייער וועלט, אין אַמעריקע, וואָס איז באַרופן צו האַלטן הויך און אומבאַפלעקט די פאָן פון די בעסטע מענטשלעכע דערגרייכונגען, קעגנאיבער דער מענטשלעכער קאָרופּציע, ברוטאַליזאַציע און דערנידערונג פון דער אַלטער וועלט דער אייראָפּעאישער —

אַ צענדליק יאָרן, אַז דאָס פאָלק האָט שוין געשלעפּט אויף זיך דעם שווערן און דערנידערדיקן קרייץ פון ראָסאַסעס אַבסאָלוטיסטישער, דעספּאָטישער און דיקטאַטאָרישער רעגירונג, פאַר וועמענס פאַרניכטונג עס האָבן זיך געשאַפן אין פאַרשיידענע פונקטן פון לאַנד און עס האָבן געאַרבעט אונטערערדיש רעוואָלוציאָנערע גרופּירונגען, צווישן זיי די רומפולע מאַי־אַסאָציאַציע, פאָרמירט אין 1837 אונטער דער פירערשאַפט פונעם דיכטער און סאָציאַליסט עסטעבאַן עטשעווערריאַ, וועלכער האָט אויך אין אַ פּאָעמע פאַראייביקט די דרום־רעוואָלוציע; עס האָט זיך געפּלאַנט אַ רעוואָלוציאָנערער מאַרש אויף בוענאָס איירעס, אַרויסגייענדיק פון דער זעלבער פּראָווינץ בוענאָס איירעס דורך וועלכער ראָסאַס איז געקומען צו דער מאַכט אין דער זעל־

בער צייט, ווען אין די פּראָווינצן ענטרע ריאָס און קאָריענטעס, צום טייל אויך אין די פּראָווינצן קאָרדאָבאַ, מענדאָסאַ און סאַן כואַן האָט זיך געשאַפן און זיך אַנטוויקלט אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; דער רעוואָלוציאָנערער פּלאַן איז געווען אַ פאָלקיסטישער. עס האָבן זיך געהאַט איינגעשטעלט אונטער דעם דרוק און טעראָר רעזשים פריינטלעכע און אפילו חברלעכע און קרבנות־גרייטע באַציאונגען צווישן די פאַרשיידענע שיכטן, קלאַסן און עלעמענטן פון דער געזעלשאַפט און עס זענען אויך געווען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אידעע, פאַר פרייהייט און פאַר באַפרייען זיך פון דיקטאַטאָרישן רעזשים, טיילן פון דער אַרמיי לויט אירע פירער, אָפיצירן, גענעראַלן אויף וועמען מען האָט זיך צום גרויסן טייל געשטיצט. כאָטש די דיקטאַטור און איר טעראָר האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף אַלעמען, האָט דאָך איבער דעם נישט אויפגעהערט די קלאַסן־עקזיסטענץ, נישט אויפגעהערט אָרעם און רייך, לוין־אַרבעטער און באַלעבאַטים, אָרעמע פּויערים און רייכע פּריצים, וואָס זענען געווען די צוויי הויפּט־קלאַסן, עס האָבן אָבער צום גרויסן טייל יאָ אויפגעהערט צו זיין די פריערדיקע צוויי פאַרשאַרפטע טענדענצן צווישן שטאָט און דאָרף, באַזונדערס איז די דאָזיקע שאַרפקייט באַזייטיקט געוואָרן צווישן דער ווירטשאַפטלעכער גרעסטער פּראָווינץ בוענאָס איירעס און דער הויפּט־שטאָט מיטן זעלביקן נאָמען. מחמת די שטאָטישע גבירים, די אינטעליגענץ און די ליבעראַלן וואָס האָבן פאַרמירט די פאַרפאָלגטע אוניטאַרישע פּאַרטיי זענען אַוועק אין דער פּראָווינץ, אַוועק אפילו אויף די וויסטע פעלדער און זיך גענומען צו לאַנד־ווירטשאַפט, פּיצוכט און דאָס נישט נאָר איבער דער פאַרפאָלגונג נאָר אויך צוליב עקאָנאָמישע אָדער מאַטעריאַליסטישע צוועקן. די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך געוויזן נאָך פאַר דער דערשיינונג פון ראָסאַסן, מחמת אין אייראָפּע האָבן זיך געעפנט גינסטיקע מערק פאַרן אַרגענטינער פלייש און עס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן אַ האַנדל מיט אויסלאַנד מיט זייער גוטע, פּאָזיטיווע, רעזולטאַטן פאַר אַרגענטינע, אָדער ריכטיקער — פאַר די אַרגענטינער, וועלכע האָבן געהאַט וואָס צו פאַרקויפן פאַר אויסלאַנד. אָבער דאָס קומען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט פון די שטאָטישע פּליטים מיט די מענטשן פון דער פּראָווינץ אין דער פּראָווינציעלער סביבה; דאָס קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם פּראָווינציעל שטעטלדיקן איינוווינער, מיט דעם דאָרפסמענטש מיט וועמען די שטאָטישע האָבן זיך איינגעלעבט דורך טוען די זעלביקע אַרבעטן צוליב וואָס עס האָט זיך געשאַפן צווישן זיי געמיינזאַמע אינטערעסן — פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט זייער קולטור וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון שטאָט און איר געטיילט צווישן די פּראָווינצער מאַסן; זייער ליבעראַלע באַציאונג צו אַלעמען, אפילו אויך צו דעם פון ציוויליזאַציע נאַקעטן פעלד־פּעאָן און דעם אויטענטישן גאוטש,

אויך זייער חברלעכע באַציאונג צו אַלעמען, וואָס דאָס האָט זיך גענומען פון
זייער פּאָליטישער פאַרפּאָלגט זיין און פון די אידעאַלן און שטרעבונגען וואָס
זיי האָבן געטראָגן פאַר באַפרייאונג, ווי אויך די בעסערע אַרבעט און לויך־
קאָנדיציעס וואָס זיי האָבן איינגעשטעלט — דאָס אַלץ, ווי אויך דאָס וואָס
זיי האָבן אויסגעטאָן דעם שטאָטישן אַריסטאָקראַטישן פראַק און האָבן אָנ־
געטאָן פּראָווינציעלע און אפילו דאָרפס־קליידער און זיי האָבן איינגעאָרדנט
זייער פריוואַט לעבן אויפן לעבנסשטייגער פונעם פּראָווינצער און דעם
פעלד־מענטש און מיט זיי זיך פאַרווײַלט און זיך פאַראייניקט מיט זייער גע־
זעלשאַפטלעך לעבן — האָט געוווּנען דעם צוטרוי און די פאַרשטענדיקונג
פונעם פּראָווינצער און פונעם פעלד־מענטש פאַר דער רעוואָלוציאָנערער זאַך,
פאַר דעם באַפרייען זיך און דאָס לאַנד פון דער ראָסיסטישער הערשאַפט און
פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

ראָסאַס מיט זיין פאַרשפרייטער שפּיאָנאַזש־נעץ, וואָס דאָס איז די
אייגנשאַפט פון יעדער דיקטאַטור מחמת די פאַראַנענע סיבות מורא צו
האָבן פאַר דער עקזיסטענץ און פחדנות האָט אוודאי געהאַט אויב נישט גאָר
גענויע אָבער דאָך ידיעות וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געוווּסט
וואָס עס גרייט זיך און געהאַט אַן אַנונג פון די פאַרשווערונגען, וועלכע ער
האָט געזען צו דערשטיקן דורך אַרעסטירן און טויטן יעדן אויף וועמען עס
איז נאָר געפאַלן זיין חשד אָדער איז געוואָרן געמסרט פון זיינע שפּיאָנען —
דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן פון די רעוואָלוציאָנערע פּלענער ווען
אפילו מען האָט נישט געזען קיין באַלדיקן און פולשטענדיקן דערפאָלג; פּלע־
נער וואָס האָבן זיך נישט זעלטן אויסגעוויקלט מיט טראַגישע פעלערן און
ביי וועלכע עס האָבן נישט זעלטן געפעלט פאַראַט אָדער פאַרעטער.

און ביי אַזוינע אומשטענדן האָט אַ גרופּע פון אַכט מענטשן אין דאָלאָ־
רעס גענומען אויף זיך די אָנפירונג פון אויספירן דעם פּלאַן פון דער דרום־
רעוואָלוציע, דאָס זענען געווען זייער אָנגעזעענע און פּרעסטיזשירטע מענטשן
פון די פּראָווינציעלע בוענאָס איירעסער דעפּאַרטאַמענטן, דאָלאָרעס, טשאַס־
קאָמוס און מאָנסאלוואָ. עס זענען געווען דריי מיליטאַרן און פינף ציווילע;
די ערשטע זענען געווען דער סערזשאַנט מאַיאָר פּעדראָ קאסטעלי, אַ זון פון
היסטאָרישן קאַסטעלי פון דער מאַי־רעוואָלוציע; דער קאָראָנעל מאַנועל רי־
קאָ און דער קאָראָנעל אַמבראָסיאָ קראַמער, וועלכער האָט געקעמפט צוזאַ־
מען מיט סאַן מאַרטינען פאַר דער באַפרייאונג פון אַרגענטינע און פון דרום
אַמעריקע; די ציווילע זענען געווען די ברידער כואַן ראַמאָן און וואַלענטין
אַזעזאַ; די ברידער ראמאָס מעכיאַ, פראַנציסקאָ מאדעראָ און מאַרטינעז קאַס־
טראָ און מיט זיי זענען געווען פון דריי ביז פיר טויזנט מענטשן גרייט צום
אויפשטאַנד אויפן ערשטן סיגנאַל. דער פּלאַן איז געווען צום גרעסטן טייל

געשטיצט אויף דעם „באַפרייאונגס לעגיאָן" אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל לאַוואַזשע, וועלכער איז געשטאַנען אויף דעם אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ און ס'איז געווען אָפּגערעדט, אַז לאַוואַזשע מיט זיין לעגיאָן זאָל זיך דערנענטערן צום פונקט פון אויפשטאַנד, קומען אויפן ברעג פון טוזשו און ביי אַ געהעריקן סיגנאַל אונטערקומען. האָט אָבער לאַוואַזשע געענדערט זיין פּלאַן, וואַרשיינלעך איבער דער שווערקייט צוצוקומען צו דרום און אפשר אויך סטראַטעגיש אַרויסצוטרעטן אויף אַ צווייטער זייט אַ נאָענטע פון דעם אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ און ער איז אַריבער קיין ענטרע ריאָס צו שטעלן זיך דאָ אין פראָנט פון דער באַוועגונג איבערלאָזנדיק דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון דרום אויף זיין אייגענער באַראַט.

לאַוואַזשעס שריט איז געווען אַ קלאַפּ פאַרן פּלאַן פון דרום־אויפשטאַנד, וועלכער האָט אָבער שוין נישט געקאָנט אָפּגעהאַלטן ווערן, עס איז שוין פול געווען מיט אים די לופט און די מאַסן־שטימונג און נישט נאָר וואָס מען האָט דעם אויפשטאַנד נישט געקענט אָפּהאַלטן, נאָר מען האָט אים געמוזט אונטעראיילן מחמת ער איז שוין געווען דענונצירט פאַרן טיראַן, וועלכער האָט שוין געיאָגט מיט זיינע רעפּרעסיעס.

דאָס ערשטע וואָס האָט געטריבן שנעלער דורכצופירן דעם אויפשטאַנד איז געווען די דערשיסונג פון ראַמאָן מאַסאַ, אויף וועמען עס איז געפאַלן אַ חשד פון דער פאַרשווערונג; ראָסאַס האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז מיטן טויט פון מאַסאַ ענדיקט זיך נישט די פאַרשווערונג, זי האָט אָפּצווייגונגען און מ'דאַרף פּאַקן זייערע פירער. צוגעהאָלפן אים אין דעם האָט איינער אַ דאָלאַ־רעסער באַנדיט, וועלכער איז געוואָרן אַ פּערסאָנאַזש פאַר אַרגענטינישער נאָוועלע און טעאַטער אונטערן נאָמען כואַן קועזשאַ. אין אַ טאָג קומט דער דאָזיקער פאַרשוין אין הויז פון אַרטיקן פרידנס־ריכטער מאַנועל סאַנטשעז און ווייזט אים אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן ראָסאַס, וואָס ער האָט געפונען ביי דער טיר פון דער קירכע. דער ריכטער, וועלכער איז געווען פון רעוואָלוציאָ־נערן לאַגער האָט פאַרבירט צונישט מאַכן דעם ווערט פון דער דאָזיקער פּראָ־קלאַמאַציע און ער האָט דעם דענונציאַנט געראָטן פאַרברענען דאָס שטיקל פּאַפּיר, אָבער כואַן קועזשאַ האָט זיך געשטעלט און דערקלערט, אַז ער וועט דעם ריכטער דענונצירן פאַרן גובערנאַטאָר ראָסאַס. אין דעם פאַל האָט דער ריכטער אַליין איבערגעשיקט די פּראָקלאַמאַציע ראָסאַסן, פון וועמען עס איז באַלד געקומען צום ריכטער אַ באַפעל: אַרעסטירן פיר „ווילדע אוניטאַריער" ווער זיי זאָלן נישט זיין, שמידן זיי אין קייטן און זיי באַלד שיקן אומקאָ־מוניקירט קיין בוענאָס איירעס.

דער ריכטער האָט דעם באַפעל איבערגעגעבן די פירער פונעם אויפ־שטאַנד פּלאַן, ריקאָ און קאַסטעלי און עס האָט שוין מער קיין פראַגע נישט

געקענט זיין ביי זיי פון אָפּוואַרטן. דער אויפשטאַנד איז באַלד געוואָרן דער־קלערט.

דאָס איז געשען מיט זונאויפגיין אין טאָג פון 29סטן אָקטאָבער 1839, ווען מאַנועל ריקאָ אין באַגלייטונג פון אַ הונדערט רעוואָלוציאָנערן איז גע־קומען אויף דער פּלאַסע פון דאָלאָרעס און פּראָקלאַמירט דעם פאָלקס־אויפ־שטאַנד קעגן טיראַן כואַן מאַנועל ראָסאַס אין נאָמען פון פרייהייט. אַלע איינוווינער האָבן זיך אונטער אַלאַרמען פאַרזאַמלט אויף דער פּלאַסע, וווּ עס איז אויפגעהויבן געוואָרן די בלוי־ווייסע אַרגענטינער פרייהייטס־פאָן, וועלכע איז אָפּגעשאַפט געוועזן פון ראָסאַסעס רעגירונג. עס זענען אויפן אָרט פאַרברענט געוואָרן די עמבלעמען, וואָס זענען באַשטאַנען דער עיקר אין דעם טיראַנס פּאָרטרעט און דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. ענלעכע אַקטן זענען פאָרגעקומען אין דער זעלביקער צייט אין טשאַסקאָמוס און אין מאַנ־סעלווא מיט פּעדראָ קאַסטעלי און אַמבראָסיאָ קראַמער בראש. אונטער די פענער פונעם אויפשטאַנד האָבן זיך געזאַמלט טויזנטער מענטשן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער רעוואָלוציאָנערער מאַרש אויף בוענאָס איירעס אונטער די פריידיקע רופן פון פרייהייט, אָבער דער מאַרש איז צוריקגעשטויסן גע־וואָרן נישט ווייט פון לאַ פּלאַטאַ, אין טשאַסקאָמוס דעם 7טן נאָוועמבער. מיט וואָס דער דרום־אויפשטאַנד איז געוואָרן באַקעמפט.

צו די פריער שוין דערמאָנטע פאַטאַלע קלעפּ פאַר די רעוואָלוציאָנערן, זענען ביי דער געצוווּנגענער איילקייט צו דערקלערן דעם אויפשטאַנד צו־געקומען נאָך טויט־קלעפּ: די רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געשטיצט און האָבן געהאַט די פאַרזיכערונג פון אָפיצירן פונעם קאַוואַלעריע־רעגימענט, וואָס איז געשטאַנען אין אַסול און פון נאָך אַנדערע רעגימענטן אין דער פּראָווינץ, אַז זיי וועלן צושטיין, אָבער ביי זיי האָט אַ פּנים דער גענעראַל געשפּילט אַ גרע־סערע ראָל איידער די רעוואָלוציאָנערע זאַך און פאַר זיי איז געווען גענוג נישט צו זען דעם גענעראַל לאַוואַזשע בראש פון אויפשטאַנד, זיי זאָלן זיך אויך צוריקציען אין דעציזידירטן מאָמענט און נישט נאָר וואָס זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן, נאָר האָבן זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון טיראַן און זיי זענען פאַראייניקט געוואָרן מיט די טרופּן אונטער דער קאָמאַנדע פון פּרודענסיאָ ראָסאַס, דעם טיראַנס ברודער און צוזאַמען אַטאַקירט דעם רע־וואָלוציאָנערן אויפשטאַנד און אים באַקעמפט מיט אומבאַשרייבלעכער ברוּ־טאַליטעט. ווער פון די רעוואָלוציאָנערן עס איז אַריינגעפאַלן אַ לעבעדיקער אין די הענט פון די ראָסיסטן איז זיין קאָפּ געוואָרן אָפּגעהאַקט און די אָפּגע־האַקטע קעפּ זענען אויפגעשטאָכן געוואָרן אויף שפּיזן און זיי אויסגעשטעלט אויף די וועגן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרש, אַ זעקס הונדערט מאַן פון די פרייהייט־קעמפער האָבן זיך געראַטעוועט אויף פראַנצויזישע שיפן אין פאָרט

פון טוזשו, ווהין עס האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטלויפן, די קעפּ פון קאַס־טעלי און קראַמער, אויפגעשטאָכענע אויף שפּיזן זענען אַ סך טעג אויסגע־שטעלט געווען אויף די פּלאַסעס פון דאַלאַרעס און טשאַסקאָמוס.

דער דרום־אויפשטאַנד איז אין יענע טעג נאָר פיזיש געוואָרן באַקעמפט. דער פיזישער כוח איז אָבער נישט מער ווי דאָס געצייג פון מאָראַלישן כוח און מאָראַליש איז דער דרום־אויפשטאַנד נישט געוואָרן באַזיגט, נאָר באַ־קרעפטיקט, פאַרשטאַרקט און איז געגאַנגען בראש פון דער פונאַנדערגע־וואקסענער באַפרייאונג־באַוועגונג פון גאַנצן לאַנד, וואָס האָט זיגרייך פאַר־ענדיקט מיט דעם אָנגעהויבענעם קאַמף פון דער דרום־רעוואָלוציע און באַ־פרייט דאָס לאַנד פון דער ראָסיסטישער דיקטאַטור.

קאַפּיטל X

די מאַי־אַסאָציאַציע

1. — סאָציאַליסטישע דאָגמע.

מיר קומען צו צו דעם געשיכטלעכן מאָמענט פון דער „מאַי־אַסאָציאַ־ציע“, אָרגאַניזירט פון עסטעבאַן עטשעוועריאַ, דער גייסטיקער און גייסט־רייכער פירער פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע בעת דער דיקטאַטור פון ראָסאַס אויפן 27סטן יאָר פון דער מאַי־רעוואָלוציע.

עטשעוועריא, ווי אַלבערדי, ווי סאַרמיענטאָ, ווי אַנדערע יונגע שרייבער און ביכלל מענטשן פון דער שטודירנדיקער יוגנט אין יענער צייט און פון די ליטעראַרישע קרייזן — איז נישט געווען קיין אוניטאַריער, נישט קיין פעדעראַליסט; ער איז געווען אַ סאָציאַליסט אין דעם זין פון שטרעבן און אַקטיווירן פאַר אַ גערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, אַ מאַטעריעלע און אַ מאָראַלישע, לטובת יעדן מענטשלעכן יחיד און לטובת דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס באַשטייט דאָך פון די יחידים.

אַ סאָציאַליסטישער טרוימער? אַ פאַנטאַזיאָר? נישט אויסגעשלאָסן, אָבער נישט נאָר טרוימער, נאָר אויך פּרעדיקער, אָרגאַניזאַטאָר, קעמפער.

און דער סאָציאַליזם פון די עטשעוועריאַס איז נישט געווען בלויז טעאָריע, אויך נישט קיין בלויזע צוקונפט־מוזיק, נאָר טעאָריע מיט פּראַק־טיק; צוקונפט פאַרבונדן מיט דער קעגנוואַרט.

אין דער מאַי־רעוואָלוציע; אין אירע פּרינציפּן, אידעען און אידעאַלן איז געזען געוואָרן דער סאָציאַליזם, וואָס האָט געדאַרפט פאַרווירקלעכט אָדער רעאַליזירט ווערן מיט, אָדער לויט אַ סאָציאַליסטישן פּראָגראַם, פאַר־מולירט דורך דער מאַי־אַסאָציאַציע.

„שוין לאַנג, אַז מיר, ווי אַנדערע, גייען און זוכן דאָס ליכט פון סאָציאַליסטישן קריטעריום — שרייבט עטשעוועריאַ אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו זיין „סאָציאַליסטישע דאָגמע“ אין אויגוסט 1846 — און ווי לאַנג אַנ־דערע וועלן דאָס אונדז נישט אַנטדעקן, דאַרף עס אונדז דערלויבט זיין אָנ־צונעמען פאַרן וועגווייזער דאָס פון אונדז פאַרגעזעענע“ און „אַז מאָרגן וועט ווער עס איז פּראָקלאַמירן אַ בעסערע סאָציאַלע דאָקטרין ווי אונדזערע, אָדער עס וועט זיך ווייזן אַ מער פולשטענדיקע אינטעליגענץ פון לעבן און פון די

באַדערפעניש פון אונדזער לאַנד, וועלן מיר דאָס אָן שווערקייט אָננעמען און פראָפאַגאַנדירן פאַר דעם מיט דער זעלביקער איבערגעגעבנקייט".

די סאָציאַלע אידעע, די שטרעבונג, באַוועגונג אין גאַנג איז דער לייט־מאָטיוו, וואָס גייט דורך דאָס גאַנצע ווערק — גייט נישט אויף אַ גלייכער

פאָרגייער פון אַרגענטינער סאָציאַליזם

עסטעבאַן עטשעווערריאַ

ליניע, נאָר צום גרויסן טייל אויף אַ פאַרפלאָנטערטער, וואָס ווערט איבער־געריסן און ווידער פאַרבונדן, חזרן זיך איבער אין שרייבן געוויסע מאָ־מענטן, וואָס איך זע זיי נישט צו באַזייטיקן, נאָר פאַרקערט: זיי באַטאָנען, אונטערשטרייכן, דערגאַנצן. און איצט — צו דער זאַך.

ס׳איז געווען אין די ערשטע צוואנציק יאָר נאָך דער מאַי־רעוואָלוציע: יאָרן פון פייערדיקן קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע פּראַקציעס, וואָס יעדע פון זיי האָט זיך געהאַלטן פאַר די אמתע אויסדריקערן פון די רע־וואָלוציאָנערע פּרינציפּן און געקעמפט פאַר מאַכט כדי די פּרינציפּן איינ־צופירן אין לעבן.

פונעם פּראַקציאָנעלן קאַמף האָבן זיך געשאַפן צוויי פראָנטן, קעגנזעצ־לעכע, אין דער פאָרם פון צוויי הויפּט־פּאַרטייען, היסטאָריש־באַקאַנטע אונ־טערן נאָמען „אוניטאַרישע" פאַרטיי — איינע און „פעדעראַליסטישע" פאַר־טיי — די צווייטע.

שוין די נעמען אַליין פון די צוויי פּאַרטייען זאָגן עפּעס פון זייער אונ־טערשייד. די ערשטע, די אוניטאַרישע האָט געוואָלט אַלץ פאַראייניקן, צענ־טראַליזירן. די צווייטע, די פעדעראַליסטישע, האָט געוואָלט דעם קעגנזאַץ: דעצענטראַליזאַציע און וואָס מער אויטאָנאָמיע, טעריטאָריעלע, פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע, אַדמיניסטראַטיווע. די ערשטע האָבן אויסגעדריקט דעם עקאָנאָמישן אינטערעס פון שטאָט, די צווייטע דעם עקאָנאָמישן אינטערעס פון פעלד; די ערשטע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט ציוויליזאַציע, קולטור, בילדונג און מיט פּראָגרעסי־ווע אידעען און די צווייטע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּראָסטע, פעל־דישע מאַסן, פּרימיטיווע, קולטורלאָזע.

גייסטיק זענען שטאַרקער געווען די אוניטאַריער, אָבער אַזוי ווי דער קאַמף איז נישט געווען נאָר אַ גייסטיקער, נאָר אויך און דער עיקר אַ פי־זישער, אַ באַוואָפנטער, האָבן די פעדעראַליסטן באַזיגט די אוניטאַריער און פאַרנומען די מאַכט.

די דאָזיקע מאַכט איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיקטאַטור, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן 25 יאָר — אַ צייט, וואָס ווערט אין דער אַרגענטי־נער געשיכטע אָנגערופן: די טעראָריסטישע און דער אַרגענטינער מוסאָליני פון יענער צייט איז געווען מאַנועל ראָסאַס.

אַ טייל פון דער אַרגענטינער שטודירנדיקער יוגנט, וועלכע איז גע־בוירן געוואָרן אין צייט פון דער מאַי־רעוואָלוציע און איז אויפגעוואַקסן אין איר פיבערהאַפטיקן ערשטן פערטל יאָרהונדערט, איינזאַפּנדיק אין זיך די אידעאָלאָגיעס און די קאַמפּס־שטימונגען פון דער עפּאָכע, האָט נישט גע־

קאַנט גלייכגילטיק בלייבן צו דער רעוואָלוציאָנערער זאַך, וועלכע איז דער־שטיקט געוואָרן אין בלוטיקן קאַמף צווישן די צוויי פּאַרטייען.

פון איין זייט זענען די אוניטאַריער רעדוצירט געוואָרן צו אַ קליינער פאַרפאָלגטער גרופּע, וועמענס מיטגלידער עס זענען זיך צעלאָפן אין אויס־לאַנד און פון דער צווייטער זייט האָט זיך די פעדעראַליסטישע פּאַרטיי פאַרוואַנדלט אין דער דיקטאַטאָרישער מאַכט, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון איין פּערזאָן און די דאָזיקע אוניפּערסאָנאַלע דיקטאַטור האָט מיט טעראָר פאַרניכטעט די אַלע פרייהייטן און רעכטן מיט וועמענס גייסט עס איז געווען דורכגעדרונגען די מאַי־רעוואָלוציע.

אין דער דאָזיקער לאַגע איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון שאַפן אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן אַנדערש פון די צוויי אַלטע פּאַרטייען; עס זאָל זיין אַ פּאַרטיי מיט אַ פּראָגראַם און מיט אַ ציל, וועמענס פּראָגראַם און וועמענס ציל עס זאָל פאַרזיכערן פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע איינ־וווינער און די פרייהייט און די גלייכהייט זאָל טראָגן אין זיך די טרייב־קראַפט צו שטענדיקן פּראָגרעס לטובת דעם גאַנצן קאָלעקטיוו און לטובת יעדן יחיד פונעם קאָלעקטיוו.

דעם דאָזיקן פּראָגראַם האָבן זיינע טאַטעס אָנגערופן „סאָציאַליסטישער קריטעריום״, וועלכער איז נאָך געווען פאַרבאָרגן אין דעם גאַנצן קנויל פון סאָציאַלע, פּאָליטישע און קאָנסטיטוציאָנעלע פּראָבלעמען, צו וועמענס שטו־דיום די יוגנט האָט זיך געוואָרפן, אויסנוצנדיק פאַר דעם צוועק זייערע ריי־זעס און זייער זיין אין אויסלאַנד, הויפּטזעכלעך אין פראַנקרייך.

פראַנקרייך איז אין יענער צייט פאַר די אַמעריקאַנער, און הויפּטזעכ־לעך פאַר די לאַטייניש אַמעריקאַנער, נישט געווען גלאַט אַ לאַנד מיט וועמען מען קומט אין פאַרבינדונג, אָדער ווו אַהין די שטודירנדיקע יוגנט פאָרט פער־פעקציאָנירן זיך אין זייער אוניווערזיטאַרישער בילדונג, נאָר עס איז געווען פראַנקרייך דער לייכטנדיקער זייל פון רעוואָלוציע, וועלכע האָט פּראָקלאַ־מירט מענטשן־רעכט און די לאָזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט. דאָס דאָזיקע פראַנקרייך האָט אינספּירירט די אַמעריקאַנישע רע־וואָלוציעס און באַגייסטערט די יוגנט.

טייל פון דער אַרגענטינער שטודירנדיקער יוגנט זענען ספּעציעל גע־פאָרן אין פראַנקרייך שטודירן די סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס, שטרעבונגען און באַוועגונגען, טייל זענען, זייענדיק אין פראַנקרייך, אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין די שטודיעס פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען מיט דעם אייפער אָנ־צווענדן זייערע שטודיעס אין זייער היימלאַנד. נישט קיין קליינע ווירקונג האָט געהאַט אויף דער דאָזיקער אַרגענטינער יוגנט דער סען סימאָניזם, וועלכער האָט געפּרעדיקט אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אָן פאַמיליע־

פריווילעגיעס, אַן ירושה־אייגנטום; אַן הערשער און באַהערשטע, אַן עקספּלאָ־טירער און עקספּלאָטירטע; אַ געזעלשאַפט וואָס זאָל זיין ווי אַן אַסאָציאַציע, אין וועלכער אַלע זענען גלייכע מיטגלידער און פון וועלכער יעדער באַקומט דאָס, וואָס ער האָט זיך פאַרדינט פאַר זיין אַרבעט, לויט זיינע פעאיקייטן.

***

איינער פון דער דאָזיקער אַרגענטינער יוגנט איז געווען עסטעבאַן עטשעוועריאַ, אַ פּאָעט, אַן אויסגעצייכנטער שילער אין דער שול פאַר „מאָ־ראַלע וויסנשאַפטן", פון וועלכער ער איז אַרויס אויף צו פאַרדינען זיך זיין לעבנסמיטל אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטער און אויף צו שאַפן זיך מעגלעכ־קייטן פאַר אַ רייזע אין אייראָפּע, וווּ ער האָט געלעבט און געלערנט פינף יאָר און צוריקגעקומען מיט אַ באַגאַזש פון סאָציאַלע אידעען און מיט אַן איניציאַטיוו פאַר אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

צו אים זענען צוגעשטאַנען אַזוינע היסטאָריש־געוואָרענע פּערזענלעכ־קייטן ווי אַלבערדי, גוטיערעז, סאַרמיענטאָ, זייער געשעצטע און באַליבטע דורך זייער טאַלאַנט, דענקערישקייט און אידעאַליזם, אין די האַלב און גאַנץ פאַרבאָרגענע יוגנט־קרייזן, וועלכע פלעגן זיך צוזאַמענקומען אויף „ליטעראַרישע שמועסן" אויף וועלכע ראָסאַס האָט געוואָרפן אַן אויג.

2. — סימבאָלישע ווערטער

איז אין 1837סטן יאָר, אונטער דער פולער הערשאַפט פון ראָסאַס טעראָריסטישער דיקטאַטור, צוזאַמענגערופן געוואָרן אַזאַ אונטערערדישע פאַרזאַמלונג פון אַזוינע פינף און דרייסיק רעוואָלוציאָנער־געשטימטע סטו־דענטן; די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען צו קאָנסטיטואירן זיך אונטערן נאָ־מען פון „מאַי אַסאָציאַציע", אָדער „אַסאָציאַציע פון נייעם דור". די אַסאָ־ציאַציע איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ מוסטער פאַר דער פאָרם און פאַרן אינ־האַלט פון דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וועלכע דאַרף זיך אָנ־הייבן טאַקע פון דער אַסאָציאַציע אַליין, פון איר אויסשפרייטן זיך איבערן גאַנצן לאַנד און פון דער פאַרווירקלעכונג פון אירע פּרינציפּן.

וועלכע זענען געווען אירע פּרינציפּן?

זיי זענען אויסגעדריקט געוואָרן אין עטשעוועריאַס אַן עקספּאָזע, וועל־כע ער האָט אָנגערופן אַנאַליטיש: „סימבאָלישע ווערטער" און סינטעטיש: סאָציאַליסטישע לערע, אָדער „דאָגמאַ סאָסיאַליסטאַ":

„אַסאָציאַציע — מיינט פּראָגרעס, פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכ־קייט, וואָס צוזאַמען בילדן זיי די גרויסע סאָציאַלע און הומאַניטאַרע איינ־

הייט, וועלכע וועט זיין די צוקונפט פון די פעלקער און פון דער מענטש־הייט.

פרייהייט קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורך אַסאָציאַציע, אָדער דורך דעם קאָנקורס פון אַלע אינדיווידועלע קרעפטן, וואָס שטרעבן צו איין ענד־לאַזער זאַך — צום כסדרדיקן פּראָגרעס.

יענע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע וועט זיין די בעסטע, וועלכע וועט געבן מער גאַראַנטיעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער גלייכהייט און פאַר דער פרייער און האַרמאָנישער אויסאיבונג פון די מענטשלעכע פעאיקייטן.

דער וועג צו פרייהייט איז די גלייכהייט; פרייהייט און גלייכהייט זענען די פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע.

דער דעמאָקראַטישער רעזשים איז דער לוינבאַרסטער, ער איז אויך דער רעאַליזירבאַרסטער.

פּראָגרעס — די מענטשהייט איז ווי איין מענטש, וואָס לעבט שטענ־דיק און פּראָגרעסירט כסדר. מיט איין פוס שטייט ער אין דער קעגנוואַרט און מיטן אַנדערן אין דער צוקונפט. און אַזוי שפּאַנט ער אָן אויפהער זוכנ־דיק דעם פאַרשפּראָכענעם גן־עדן פון זיינע האָפענונגען.

אַ פאָלק וואָס אַרבעט נישט צו פאַרבעסערן זיינע לעבנס־באַדינגונגען — פאַלגט נישט דעם געזעץ פון זיין.

די רעוואָלוציע פאַר אונדז איז דער פּראָגרעס. אַמעריקע האָט זיך באַפרייט פון שפּאַניע צוליב פאַרבעסערן זיך דאָס לעבן. זינט דער באַ־פרייאונג געפינט זיך אַמעריקע אויף די וועגן פון פּראָגרעס.

אייראָפּע איז דער צענטער פון ציוויליזאַציע און הומאַניטאַרישן פּראָ־גרעס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן.

אַמעריקע דאַרף דעריבער לערנען די פּראָגרעסיווע באַוועגונג פון דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ, אָבער נישט בלינד איר נאָכפאָלגן, נאָר נע־מען פון איר דאָס, וואָס קען פּאַסיק זיין פאַר די אייגענע באַדערפענישן, פאַרן אייגענעם פאַרשריט.

אַ פאָלק וואָס פאַרשקלאַפט זיין אינטעליגענץ צו דער אינטעליגענץ פון אַן אַנדער פאָלק איז אַ נאַריש פאָלק.

אַ פאָלק וואָס בלייבט שטיין און פּראָגרעסירט נישט, האָט נישט קיין מיסיע און וועט קיינמאָל גאָרנישט דערגרייכן.

ברידערלעכקייט — איז די גאָלדענע קייט וואָס פאַרבינדט ריינע הער־צער. אָן ברידערלעכקייט איז נישטאָ קיין מאַכט, קיין אייניקייט. דער קעגנזאַץ פון ברידערלעכקייט איז עגאָאיזם. דער עגאָאיזם האָט נישט קיין נשמה, פילט נישט קיין ליבע, קיין מיטלייד, קיין סימפּאַטיע צו זיינע מיט־מענטשן. אַלע זיינע אַקטן זענען נאָר צו באַפרידיקן זיין איך, אַלע זיינע

גערדאַנקען דרייען זיך נאָר אַרום זיין איך. חוב, ערע, גערעכטיקייט זענען פאַר אים פוסטע ווערטער. זיין איך איז דער צענטער פון דער וועלט. די טיראַנען זענען די פאַרקערפּערער פון עגאָאיזם.

באַקעמפן דעם עגאָאיזם הייסט קעמפן פאַר ברידערלעכקייט.

גלייכהייט — הייסט אַז די מענטשן זאָלן דערפילן זייערע קעגנזייטי־קע רעכטן און פליכטן.

די גלייכהייט באַשטייט אין דעם, אַז די דאָזיקע רעכטן און פליכטן זאָלן גלייך פאַרטיילט זיין צווישן אַלע.

עס קאָן נישט זיין קיין גלייכהייט דאָרט, ווו דער רייכער קלאַס האָט מער רעכטן פאַר דעם אָרעמען; ווו איין קלאַס מאָנאָפּאָליזירט פאַר זיך די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן; ווו די מאַכט פּאַראַליזירט איינעמס אַקציע און פאַרשטאַרקט דעם צווייטנס; ווו די שטייערן זענען נישט פּראָפּאָרציאָ־נעל צעטיילט לויט יעדנס פאַרמעגן; ווו נאָר דער אָרעמער קלאַס טראָגט די גאַנצע סאָציאַלע לאַסט; ווו יעדער חונף צו דער מאַכט קאָן שטערן די פרייהייט פון אַ בירגער; ווו רעגירונגס־באַאַמטע זענען נאָר קנעכטישע אַגענטן פון דער מאַכט און נישט קיין ווירדיקע אַרבעטער פון פאָלק; ווו עס איז דאָ און עס ווערט געטיילט פּריווילעגיעס.

די געזעלשאַפט אָדער די מאַכט, וועלכע רעפּרעזענטירט איר, דאַרף געבן אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט די זעלבע פּראָטעקציע, די זעל־בע זיכערקייט, די זעלבע פרייהייט. אויב מען גיט דאָס איינע און אַנדע־רע נישט איז דאָס אומגלייכהייט, איז דאָס טיראַניי.

פרייהייט — איז דאָס רעכט פון יעדן מענטש צו קאָנען אומגעשטערט אויסאיבן זיינע פעאיקייטן פאַר זיין ווילזיין, נישט שטערנדיק די זעלביקע רעכט פון אַ צווייטן. טו נישט אַ צווייטן דאָס וואָס דו ווילסט נישט מ'זאָל דיר טאָן — דאָס איז די איינציקע גרעניץ פון דער מענטשלעכער פריי־הייט.

עס איז נישטאָ קיין פרייהייט דאָרט, ווו דער מענטש קאָן זיך נישט רירן לויט זיין איינזען; ווו עס איז אים נישט דערלויבט צו דיספּאָנירן מיט דער פּרוכט פון זיין אַרבעט, ווו ער קאָן באַליידיקט און מיסהאַנדלט ווערן פון אַרביטראַרישע מאַכט־אַגענטן; ווו ער קאָן אָפּגעריסן ווערן פון זיינע פיזישע און גייסטיקע אַרבעטן צוליב אַ קאַפּריז פון די וואָס שטייען ביי דער מאַכט; ווו מען שניידט אים אָפּ דאָס רעכט אויסצודריקן עפנטלעך זיין וואָרט און זיין מיינונג, ווו מען צווינגט אויף אים אַרויף אַ רעליגיע, פון וועלכער ער האַלט נישט".

***

די רעוואָלוציע גייט — זאָגט די „סאָציאַליסטישע לערע" פון דער „מאַי אַסאָציאַציע", אָבער זי גייט אין קייטן. איז עס די אויפגאַבע פון נייעם דור די קייטן צו צערייסן און דערגרייכן דעם ציל פון דער איניציאַטיוו, וואָס קאָן רעזומירט ווערן אין צוויי פּראָבלעמען: פּאָליטישע באַפרייאונג און סאָציאַלע באַפרייאונג.

דאָס ערשטע, וואָס מיינט אַמעריקעס באַפרייען זיך פון קאָלאָניאַלן און מאָנאַרכיסטישן יאָך, איז געלייזט. עס בלייבט צו לייזן דאָס צווייטע. ווי אַזוי?

די „סאָציאַליסטישע לערע", וואָס איז געווען דאָס פּראָגראַם פון דער מאַי־אַסאָציאַציע זאָגט:

„די סאָציאַלע באַפרייאונג קאָן קומען דורך דער געהעריקער אַנווענדונג פון די אַלע עלעמענטן: פּאָליטישע, פילאָזאָפישע, וויסנשאַפטלעכע, קינסטלערישע און אינדוסטריעלע, וואָס שאַפן דעם סאָציאַלן בנין. די באַזע אויף וועלכער עס באַוועגן זיך די אַלע עלעמענטן דאַרף זיין די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פאַרזיכערן די גלייכהייט און די פרייהייט, דורך פּאַסנדע געזעצן פאַר אַלע און פאַר יעדן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט פריי און ברייט אויסצואיבן זיינע פעאיקייטן.

אונדזער זאַמל־ און אויסגאַנגס־פונקט — זאָגט זיך דאָרט ווייטער — וועט זיין די דעמאָקראַטיע.

פּאָליטיק, פילאָזאָפיע, קונסט, וויסנשאַפט, אינדוסטריע — די גאַנצע גייסטיקע און מאַטעריעלע אַרבעט דאַרף זיין צו פונדאַמענטירן די דעמאָקראַטישע אימפּעריע.

אַ פּאָליטיק וואָס האָט נישט אַזאַ בליק ווילן מיר נישט.

אַ פילאָזאָפיע וואָס קאָאָפּערירט נישט צו אַנטוויקלען דעם דעמאָקראַטישן געדאַנק, וואַרפן מיר אָפּ.

אַ רעליגיע וואָס נעמט נישט אָן דעם דעמאָקראַטישן געדאַנק און פּריידיקט אים נישט, איז נישט אונדזערע.

אַ קונסט וואָס איז נישט אינספּירירט פון דעמאָקראַטישן און באַפרייאונגס־גייסט און איז נישט דער אויסדרוק פון אינדיווידועלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז פלאַך.

אַ וויסנשאַפט וואָס באַלייכט נישט איז אומנוציק.

אַן אינדוסטריע, וואָס פירט נישט צו דער באַפרייאונג פון די מאַסן און צו זייער דערהויבונג, נאָר קאָנצענטרירט רייכטום אין ווייניק הענט, פאַראַכטן מיר.

און אויף צו דערגרייכן די פולשטענדיקע קלאַסן־גלייכהייט און די

מאַסן־באַפרייאונג איז נויטיק די רעאַליזירונג פון דעם פּרינציפּ, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן פון דער פראַנצויזישער קאָנווענץ:
אַז אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס האָבן דעם צוועק גייסטיק, פיזיש און מאָראַליש צו פאַרבעסערן דעם גרעסטן און דעם אָרעמסטן קלאַס".

***

מ'דאַרף נעמען אין אַכט ביי וועלכע אומשטענדן עס איז דאָ צום ערשטן מאָל גערעדט געוואָרן וועגן אַ סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע, אַ סאָציאַליסטישע לערע, וואָס זאָל זיין דאָס פּראָגראַם פון אַ פּראַקטישער באַוועגונג, וואָס האָט פאַר אַלעם געהאַט צו פירן אַ קאַמף קעגן אַ טעראָ־ריסטישער דיקטאַטור, כדי אָפּצושאַצן די באַדייטונג פון יענער באַוועגונג, וועלכע איז געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאַנד און אפשר די ערשטע אין דער וועלט, וואָס האָט אויסדריקלעך אָנגערופן איר פּראָגראַם סאָציאַליסטישע אָריענטאַציע פון אַ סאָציאַליסטישער לערע.

3. — מאַניפעסט פון דער מאַי־אַסאָציאַציע

עס איז געווען אינמיטן דער עפּאָכע וואָס ווערט פון דער אַרגענט־נער געשיכטע באַצייכנט אַלס דיקטאַטאָרישע, מיט אירע אומפאַרמיידלעכע באַגלייטער פון טיראַניי, דעספּאָטיע און טעראָר, ווען פרייהייט און רעכט איז אונטערדריקט; ווען עס איז פאַרבאָטן יעדע אָפּאָזיציע; ווען די גאַנצע מאַכט ווערט קאָנצענטרירט אין איין האַנט פון אַ הערשער און ווען דער הערשער הערשט נאָר דורך געוואַלד, רעפּרעסיעס, שטראָף און מאָרד, אויס דער מורא, מיט וועלכער עס לעבט אַזאַ רעזשים און וואָס ווערט די קאָש־מאַרע פירערן פון דער דיקטאַטור, וועלכע זעט זיך אין שטענדיקע געפאַרן, אין כסדרדיקע פאַרשווערונגען, האָט נישט און קען נישט האָבן צו קיינעם קיין צוטרוי און זעט זיך נאָר אַרומגערינגלט מיט שונאים, מיט וועמען די דיקטאַטור פירט אַ שטענדיקע, גרוילנדיקע און בלוטיקע מילחמה.
אין יענעם מאָמענט — דעם 23סטן יוני 1837 — איז אין בוענאָס איירעס געגרינדעט געוואָרן די מאַי־אַסאָציאַציע פון דער אינטעלעקטועלער יוגנט, וואָס האָט דערשפּירט איר מיסיע צו פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון דער מאַי־רעוואָלוציע, אַזוי ווי די יוגנט האָט זיי אין איר רייפקייט אויפ־גענומען און באַגריפן, און האָט דורך אירע פאַרויסגייער און וואָרטזאָגער געשאַפן די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז פאַרטייאיש נישט געווען קיין אוני־טאַרישע, נישט קיין פעדעראַליסטישע, נאָר לויט יענער צייט, אַ סאָציאַ־ליסטישע, וואָס האָט אויך געהאַלטן פאַר סאָציאַליסטיש די אידעאַלן פון

פ. וואלד

דער מאַי־רעוואָלוציע, און די דאָזיקע אַרגענטיניש־היסטאָרישע אָרגאַני־זאַציע, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „מאַי־אַסאָציאַציע״, האָט דאַטירט אין בוענאָס איירעס, אויגוסט 1837, אַרויסגעלאָזט איר ערשטן מאַניפעסט.

מאַניפעסט צו דער אַרגענטינער יוגנט און צו אַלע ווירדיקע קינדער פון פאָטערלאַנד:

1. די טיראַנען האָבן געזייט האָס און פון אומרעכט האָבן זיי אויפגעשטעלט זייער טראָן אויף די ברוכשטיקער פון דער אַנאַרכיע.

2. נישטאָ פאַר אונדז קיין געזעץ, קיין רעכט, קיין פאָטערלאַנד, קיין פריי־הייט.

3. פאַרשטויסענע און וואַנדערער גייען מיר, ווי די יידן זענען געגאַנגען זוכן דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד.

4. דאָס איז די ירושה, וואָס מען האָט אונדז געלאָזט: פינצטערניש, דערני־דערונג,, קנעכטשאַפט; דאָס איז דער פּאַטרימאָניום, וואָס איז אונדז געבליבן פון דער רעוואָלוציע; דאָס איז די פרוכט פון דעם בלוט און פון די קרבנות פון אונ־דזערע העראָאישע עלטערן.

5. ווי אַ פאַרשאָלטענע ראַסע זענען מיר ווי פאַרמישפּט דורך אַן אומגערעכטן געזעץ צו ליידן די שטראָף פאַר די פאַרברעכנס און פעלערן פון דעם דור, וועלכער האָט אונדז געבוירן.

6. אונדזער געבעט איז דאָס געבעט פון טאַנטאַלאָ: מיר ווילן און קענען נישט באַפרידיקן אונדזער ווילן; מיר האָבן אַמביציע און מיר קענען זי נישט פאַרווירקלעכן: אונדזער ליבע צו פרייהייט איז אַ כימערע. אומבאַהאָלפן זענען אונדזערע רופן פאַרן פאָטערלאַנד.

7. אָבער מיר זענען שוין דערוואַקסן און מיר פילן זיך מיט גענוג כוח צו טראָגן דעם מענלעכן מאַנטל, וואָס ווערט אונדז געשטערט פון דער זיגערישער נאַרישקייט. מיר ווילן ריידן, קלאָגן זיך און מען פאַרמאַכט אונדז דאָס מויל.

8. ביים דונערן פונעם קאַנאָן האָבן מיר, קינדער, אין חלום געזען אַ פאָ־טערלאַנד און ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען, דערוואַקסענע, האָבן מיר געטראָפן, אנשטאָט אַ פאָטערלאַנד, אַ וויסטע, פאַרזייט מיט מתים און חורבות און איבער זיי האָט געפלאַטערט אַ פאַרבלוטיקטע פאָן פון ברודער־קריג.

9. דאָרט אונטערן שאָטן זיצט דער דעספּאָטיזם, שטום און אין אייביקן פאַר־געטערן זיך אַליין, און אין זיין אָרום זשומעט און עס בעט די בלינדע מאַסע, ווי צו אַ גאָט.

10. „דאָס איז מיין פאָטערלאַנד״, שרייען זיי, „אָט איז דער גאָט באַשיצער פון די אַרגענטינער; פאַרגעטערט אים; פאַלט צו די פיס פון זיין טראָן און ער וועט אייך בענטשן; פאַרגעטערט אים אָדער איר וועט זיין פאַרשאָלטן און זיין צאָרן, נקמה און נידערטרעכטיקייט וועט פאַלן אויף אייך״.

1. אַזוי ריידן זיי צו זייערע ברידער: ׳גלויבט אָדער איר ווערט פאַרניכ־טעט״. פליישיקער עגאאיזם דאָס איז זייער גאָט, און זיי האָבן אים געמאַכט אַ מיזבח פון זייערע ברודיקע הערצער.

12. אָך און וויי צו אייך, וואָס נאַרישער ווי בהמות בייגט איר זיך צו אַ מאָנסטעריעזן אָפּגאָט.

13. אך און וויי צו יענע, וואס קווענקלען ווען די טיראניי פאשעט זיך מיט די גערערים פונעם פאטערלאנד.

14. אך און וויי צו יענע וואס ברענגען קרבנות צו די נידערטרעכטיקע אמ־ביציעס פון די טיראנען.

15. פאר זיי די שאנד, פאר זיי די שקלאפעריי; פאר זיי די קללה פון די דורות.

16. און מיר וואס זאגן? וועלן אויך גיין מיט זיי די קינדער פון די מאי און יולי העלדן? וועט גיין דער דור פון די גיגאנטן איינשליסן זיך אין כאר פון די פארשאלטענע געצנדינער, וואס האבן נישט קיין אנדערן גאט ווי דעם עגא־איזם; קיין אנדער פאטערלאנד ווי נידערטרעכטיקע אמביציעס, קיין אנדערן בא־גריף פון מענטשלעכער ווירדיקייט ווי די ווירדיקייט פון די ברוטאלע?

17. וואס וועלן זאגן דארט אין די פארגעסענע קברים די ליכטיקע מארטי־רער פון דער אמעריקאנער זעלבסטשטענדיקייטן!

18. הערט, הערט, זייער רוף. הערט דאס געבעט פון זייער אומבאפלעקט בלוט:

19. „אונדזער מיסיע איז געווען געבן אייך זעלבסטשטענדיקייט און געבן אייך אין ירושה א פאטערלאנד”.

20. „וואס האט איר געטאן מיט דעם? איר האט עס ארויסגעשטעלט אויפן מארק; איר האט דאס, ווי א זונה פארקויפט און פראסטיטואירט צו די טירא־נען; איר האט זי געשענדעט פאר די אויגן פון דער וועלט; איר האט זי ווי א געפאלענע איבערגעגעבן צו בייזע צינגער; און איצט, ווען איר זעט זי פאר־שמוצט, אויסגענוצט, פארוועלקט, שטויסט איר זי אפ מיט עקל, ווי א זונה”.

21. „וואכט אויף, ארגענטינער פאטריאטן, יוגנט, קינדער פון פאטערלאנדס טאטעס, זעט, אז אונדזערע האפענונגען זאלן נישט בלייבן אויסגעחוזקט”.

22. „וועט איר אויך פאר אייערע קינדער לאזן א ירושה פון דערנידערונג און קנעכטשאפט?”

23. „צערייסט די קייטן, וואס אונטערדריקן אייך! פאראייניקט אייך שטארק און עפנט די הייליקייט פון אייערע הערצער פארן פאטערלאנד אונטער אייער שוץ”.

24. „פארברידערט זיך און טוט; פאלט נישט אריין אין די גרייזן פון אייע־רע עלטערן. מיר האבן זיך פארלוירן, ווייל מיר האבן געשריגן פרייהייט, פריי־הייט, און מיר זענען נישט געווען פארברידערט; די צעריסנקייט האט נוצלאזן גע־מאכט אלע אונדזערע קרבנות”.

25. „די אמביציעזע עגאאיסטן האבן פארשארפט די צעריסנקייט, כדי אויפ־צוקלייבן די פרוכטן פון אונדזער שוויים, און דאס פאטערלאנד גייט אויס אין זייערע שמוציקע הענט”.

26. „די שקלאפן אדער די מענטשן אונטערגעווארפענע דער אבסאלוטיסטי־שער מאכט האבן נישט קיין פאטערלאנד; ווארום דאס פאטערלאנד איז נישט די ערד, וו מען איז געבוירן, נאר די פרייע אויסאיבונג און פולער גענוס פון ביר־גער־רעכט”.

27. „איר האט נישט קיין פאטערלאנד; נאר א בירגער האט א פאטערלאנד; דאס געזעץ גיט דאס אים און די טיראניי נעמט דאס ביי אים צו; אייער פאטער־

לאנד האט אַ שקלאַפן־באַנדע פאַרקויפט, זי האט אבער נישט געקענט פאַרקויפן אייערע נאַבעלע הערצער".

28. „שטייט אויף, ווירדיקע קינדער פון פאַטערלאַנדס טאַטעס און מאַרשירט פאַראייניקט צו דערגרייכן די פרייהייט און דעם רומפולן גורל פון דער אַרגענטינער נאַציאָן".

29. „אין דער אייניקייט איז דער כוח. דאס צעריסענע קיניגרייך וועט פאַרשווינדן, האט געזאָגט דער וועלט־רעטער".

30. „פאַראייניקט אייך און שטאַרקט אייער אינטעליגענץ און אייערע הענט צו ווידערשטיין דעם דרוק. עס איז דער איינציקער מיטל צו דערגרייכן דעם טאָג פון אויפבויען דאס פאַטערלאַנד".

31. „פאַראייניקט זיך און גייט; אייער מיסיע איז גרויס און אַזוי גרויס ווי אונדזערע".

32. „זאָל אייך נישט אפּהאַלטן קיין מורא, קיין געפאַר. געדענקט אַז אייערע ברידער זענען אויך אונטערדריקט. אייער פרייהייט ווי זייערע וועט נישט דערגרייכט ווערן ווי נאָר מיט בלוט. דער טריאומף קומט פון קוראַזש; פון פאַטריאָטיזם".

33. „געדענקט, אַז די טוגנט איז אַקציע און אַז יעדער געדאַנק וואס ווערט נישט רעאַליזירט איז אַ מענטשלעך אומווירדיקע כימערע".

34. „זייט שטענדיק גרייט, ווארום די צייט פון באַפרייערישן קרייץ־צוג דערנענטערט זיך. די הערשאַפט פון אמת וועט נישט קומען, ווי נאָר דורך מלחמה".

35. „עס וועט זיין האַרב דאס, וואס עס דערוואַרט אייך, אבער איר וועט זיגן מיט גאָטס הילף און מיט אייער אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט".

36. „פאַלט טויזנט מאָל, אבער אַזוי פיל מאָל שטייט ווידער אויף. די פרייהייט, אַזוי ווי דער גיגאַנט פון דער פאַבל, וועט אין יעדן פאַל זיך אָננעמען מיט נייעם מוט און שטויסקראַפט. גרויס וועט זי ווערן פון שטורעם און פאַרגעטערט דורך דער מאַרטירעריי".

37. „דאס וואס איר וועט דערגרייכן וועט זיין די פרייהייט פון אַ האַלבער וועלט: אַרבעטנדיק פאַר דער באַפרייאונג פון אייער פאַטערלאַנד, וועט איר אַרבעטן פאַר דער באַפרייאונג פון אַמעריקע".

38. „צו אייך געהערט די איניציאַטיוו, אַזוי ווי אויף אייערע טאַטעס איז אויסגעפאַלן די איניציאַטיוו פון דער אַמעריקאַנישער זעלבסטשטענדיקייט".

39. „איר וועט נישט בלייבן שטיין אויף אַן אָרט ווען פון מיזרח און מערב, פון דרום און צפון באַוועגן זיך די פעלקער און גייען ווי מיט פאַרבאָרגענע כוחות צו דערגרייכן זייער גרויסזיין און ווילשטאַנד".

40. „איר וועט זיך נישט לייגן שלאָפן אין די געצעלטן וואס אייערע טאַטעס האבן אויפגעשטעלט, ווארום אין זיי איז טרויער און די טיראַניי לויערט אויף אייך!"

41. „די וועלט גייט פאָראויס, גייט מיט איר, אויב איר ווילט זיך דערהויבן צו דער ווירדיקייט פון פרייע מענטשן".

42. „אבער געדענקט, כדי צו זיגן, מוזט איר זיין פאַראייניקט, און אַז נאָר אין האַרמאָניע פון אַלע אייערע כוחות וועט איר קענען אויסוויקלען אייער מיסיע און דערפירן אייער פאַטערלאַנד צו דעם ראַנג פון אַ פרייער נאַציע, אַ זעלבשטענדיקע און אַ מעכטיקע".

אַט דאָס איז גאָטס געבאָט, אַט דאָס איז דער רוף פון פּאַטערלאַנד, אַט דאָס איז די הייליקע שבועה פון יונגן דור.

דעם פּחדן, דעם עגאָאיסט, דעם שעדיקער — אַ קללה.

דעם וואָס דינט דער טיראַניי, אָדער פאַרקויפט זיך צו איר גאָלד — אַ קללה.

דעם וואָס פאַראַט די פּרינציפּן פון פרייהייט, פון ערע און פון פּאַטריאָטיזם — אַ קללה.

דעם וואָס קווענקלט אין גרויסן טאָג פון פּאַטערלאַנדס קינדער — אַ קללה.

דעם וואָס קוקט אויף צוריק און שמייכלט, ווען עס שאַלט דער טראָמפּייט פון פּאַטערלאַנדס דעגענעראַציע — אַ קללה.

אַט איז די שטימע פון דער נייער גענעראַציע, און פון די גענעראַציעס וואָס וועלן קומען.

געבענטשט זאָלן זיין יענע, וואָס פאַרלירן זיך נישט אין די קאָנפליקטן, און גלייבן אין זייער פעסטקייט, פון זיי וועט קומען דער זיג.

געבענטשט זאָלן זיין יענע, וואָס ווערן נישט פאַרצווייפלט, גלייבן אין דער צוקונפט און אין פאָרשריט פון דער מענטשהייט. פון זיי וועט קומען דער זיג.

געבענטשט זאָלן זיין יענע, וואָס אַרבעטן פעסט פאַר ווערן די ווירדיקע קינדער פון פּאַטערלאַנד, דורך זיי וועט קומען די ברכה פון די נאָכפאָלגער.

געבענטשט זאָלן זיי יענע, וואָס מאַכן נישט קיין אָפּמאַך מיט דער טיראַניי און פילן ווי עס שלאָגט זייער האַרץ ריין און פריי.

געבענטשט זאָל זיין די אַרגענטינער יוגנט, וואָס איז גרייט צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון די העראָאישע פּאַטערלאַנדס טאַטעס.

געבענטשט זאָל זיין אונדזער זאַדן"

4. — פופצן דעקלאַראַציעס

ווי אַ באַשטאַנד־טייל פון דער „סאָציאַליסטישער דאָגמע", וואָס די מאַי־אַסאָציאַציע האָט אָנגענומען פאַר איר פּראָגראַם מיטן אויסבליק דאָס זאָל זיין דאָס פּראָגראַם פון פּאַטערלאַנד, פון דער מלוכה און פון דער רע־גירונג, גייען פופצן דעקלאַראַציעס.

עס זענען דעקלאַראַציעס וועגן: „אַסאָציאַציע"; „פּראָגרעס"; „ברי־דערלעכקייט"; „גלייכהייט"; „פרייהייט"; „רעליגיע"; „נאָרמע פון סאָציאַ־לער אויפפירונג"; „רעוואָלוציאָנערער רום"; „פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון דער מאַי רעוואָלוציע"; „אומאָפּהענגיקייט"; „אַמעריקאַנישער גייסט"; „אָר־גאַניזאַציע פונעם פּאַטערלאַנד אויף אַ דעמאָקראַטישן יסוד"; „פּרינציפּן־פאַרברידערונג"; „צונויפשמעלצונג פון פּראָגרעסיווע דאָקטרינען"; „שטע־לונג צו פּראַקציעס און קאַמף פאַר דער מאַכט".

די געזעלשאַפט — זאָגט עטשעווערריאַ אין ערשטן קאַפּיטל פון די „סימבאָ־לישע ווערטער" — איז אַ פאַקט אַז אָפּגעדרוקטער אויף די בלעטער פון דער געשיכטע, און עס איז אַ קאָנדיציע, די פרייע אויסאיבונג און פולע אַנטוויקלונג

פון מענטשנס מעגלעכקייטן בעת עס איז אים געגעבן געוואָרן די וועלט. זי איז דאָס ברייטע טעאַטער, וווּ זיין מאַכט האָט אויפשוווּנג, וואָס עס שפּייזט זיך זיין אינטעליגענץ און וווּ עס ווערן כסדר געבוירן די פּרוכטן פון זיין אומדערמידלע־כער אַקציע.

אַן אַסאָציאַציע איז נישטאָ קיין פּאָרשריט, נאָך מער: זי איז די קאָנדיציע פון יעדער ציוויליזאַציע און פון יעדן פּאָרשריט.

אַרבעטן פאַר דעם עס זאָל פּאָרשפּרייט ווערן צווישן אַלע קלאַסן דער גייסט פון אַסאָציאַציע מיינט צולייגן די האַנט צו דעם גרויסן ווערק פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע פון אונדזער פאַטערלאַנד.

עס קען נישט זיין קיין אמתדיקע אַסאָציאַציע ווי נאָר צווישן גלייכע. די אומגלייכהייט שאַפט האַס און לײדנשאַפטן, וואָס דערשטיקן די ברידערלעכקייט און צערייסן די סאָציאַלע פאַרבינדונגען.

כדי אויסצובראַיטערן דעם האָריזאָנט פון דער אַסאָציאַציע און איז דער זעל־בער צייט איר באַקרעפטיקן איז נויטיק צו ניוועלירן די סאָציאַלע אינדיווידוּאַ־ליטעטן, אָדער מאַכן עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן די גלייכהייט.

כדי די אַסאָציאַציע זאָל ברייט אַנטשפּרעכן אירע צילן איז נויטיק איר צו אָרגאַניזירן און איר קאָנסטיטואירן אויף אַזאַ אופן, עס זאָלן זיך נישט צוזאַמענ־שטויסן און קעגנזייטיק זיך נישט שעדיקן די סאָציאַלע אינטערעסן און די אינ־דיווידועלע, אָדער זען צו קאָמבינירן צווישן זיך די דאָזיקע ביידע עלעמענטן: דעם סאָציאַלן עלעמענט און דעם אינדיווידועלן: דעם פאַטערלאַנד און די זעלב־שטענדיקייט פונעם בירגער. אויף דער פאַרבינדונג און אויף דער האַרמאָניע פון די דאָזיקע צוויי פּרינציפּן שטיצט זיך יעדער פּראָבלעם פון דער סאָציאַלער וויסנ־שאַפט.

דאָס רעכט פונעם מענטשן און דאָס רעכט פון דער אַסאָציאַציע זענען ביידע גלייכבאַרעכטיקט.

די פּאָליטיק דאַרף ריכטן אירע אַנשטרענגונגען צו פאַרזיכערן דורך אַסאָ־ציאַציע יעדן בירגער זיין פרייהייט און זיין אינדיווידואַליטעט.

די געזעלשאַפט דאַרף שיצן די אינדיווידועלע זעלבסטשטענדיקייט פון אַלע אירע מיטגלידער, אַזוי ווי אַלע אינדיווידואַליטעטן זענען אַבליגירט בייצוטראָגן זייערע כוחות לטובת דעם פאַטערלאַנד.

די געזעלשאַפט דאַרף נישט פאַרשלינגען דעם בירגער, נישט פאָדערן פון אים אַלס קרבן זיין אינדיווידואַליטעט. דער סאָציאַלער אינטערעס דערלויבט אָבער אויך נישט די פּרעדאָמיניע פון די אינדיווידועלע אינטערעסן, ווארום אין אַזאַ פאַל וואָלט די געזעלשאַפט אויפגעלייזט געוואָרן, דאָס מוז געשען, ווען די גע־זעלשאַפט־מיטגלידער זענען נישט צווישן זיך פאַרבונדן מיט געמיינזאַמע אינ־טערעסן.

דער ווילן פון אַ פאָלק אָדער פון אַ מערהייט קען נישט איינשטעלן אַ רעכט, וואָס זאָל זיין אַנגרייפעריש אויף דעם אינדיווידועלן רעכט, ווייל נישטאָ אויף דער ערד אַן אַבסאָלוטע אויטאָריטעט: ווייל קיינער איז נישט אַבסאָלוט גערעכט און ווייל איבער אַלע מענטשלעכע געזעצן איז דאָס געזעץ פון געוויסן און פון פאַטערלאַנד.

קיין אמתדיקע אויטאָריטעט הערשט נישט ווי נאָר אין נאָמען פון רעכט, פון גערעכטיקייט און פון אמת. דעם נאַציאָנאַלן ווילן, דעם אמתדיק געזעלשאַפטלעכן

געוויסן, קומט אויס צו אינטערפּרעטירן און דעצידירן וועגן דאָס גערעכטע, דאָס אמתדיקע און דאָס אָבליגאַטאָרישע: אַט דאָס איז די דאָמיניקע פונעם פּאָזיטיוון געזעץ. אָבער ווייטער פון דאָזיקן געזעץ און אין אַ העכערער ספערע זענען פאַראַן די רעכטן פונעם מענטש, וואָס זייענדיק די באַזע און די הויפּט קאָנדיציע פון דער סאָציאַלער אָרדענונג שטייען זיי איבער דעם פּאָזיטיוון געזעץ און באַהערשן אים.

קיין מערהייט, קיין פּאַרטיי אָדער פאַרזאַמלונג האָט נישט דאָס רעכט צו איינשטעלן אַ געזעץ, וואָס אַטאַקירט די נאַטור־געזעצן און די געזעלשאַפטלעכע אויפהאַלט־פּרינציפּן, אָדער שטעלן אונטערן קאַפּריז פון אַ מענטשן די זיכערקייט, די פרייהייט און דאָס לעבן פון אַלע.

אַ פאָלק, וואָס באַגייט אַזאַ אַטענטאַט איז אומגערעכט אָדער נאַריש, ווארום ער באַנוצט אַ רעכט, וואָס געהערט אים נישט; ווארום ער פאַרקויפט דאָס וואָס איז נישט זיין: די פרייהייט פון אַנדערע; ווייל ער פאַרקויפט זיך אַליין, וואָס ער טאָר דאָס נישט און ווייל ער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שקלאַף בעת ער איז פריי דורך דעם געזעץ פון גאָט און פון דער נאַטור.

דער ווילן פון אַ פאָלק קען קיינמאָל נישט אננעמען פאַר גערעכט דאָס וואָס איז אין תוך אומגערעכט.

אָנגעבן מלוכה־מאָטיוון צו באַווירדיקן דאָס פאַרגוואַלטיקן די דאָזיקע רעכטן, הייסט פּאַקטיש צובינדן די מענטשן צו דער פאַרניכטנדער הערשאַפט פון גוואַלד און אַרביטראַרישקייט.

דאָס געזונט פון פאָלק קען זיך נישט שטיצן אויף קיין אַנדערער זאַך, ווי נאָר אויף דעם אומבאַרירלעכן רעספּעקט פון אַלעמענס רעכטן און פון די רעכטן פון יעדן פון זיינע מיטגלידער.

די געזעלשאַפט, כדי אויסצואיבן אירע רעכטן אויף אירע מיטגלידער, דאַרף זי וויסן, אַז זי איז אַלעמען שולדיק גערעכטיקייט, גלייכע שוץ און געזעצן וואָס פאַרזיכערן די פּערזאָן, זיין גוטס און זיין פרייהייט. זי די געזעלשאַפט פאַרפּליכטעט זיך צו באַשיצן אַלעמען פון אומרעכט, אָדער פון גוואַלד, צו האַלטן זיי אין דער מדרגה, זיי זאָלן מיט זייערע ליידנשאַפטן זיך קעגנזייטיק נישט שעדיקן; געבן זיי מיטלען צו אַרבעטן אומגעשטערט פאַר זייער אייגענעם ווילזיין נישט צו שעדיקן דעם ווילזיין פון די אַנדערע; צו שטעלן יעדן אונטער דער שוץ פון אַלע, ער זאָל קענען רואיק געניסן פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט, אָדער האָט דערגרייכט פון זיין אַרבעט, זיין אינדוסטריע אָדער פון זיין טאַלאַנט.

יענע סאָציאַלע מאַכט, וועלכע טוט נישט אַזוי, וואָס אנשטאָט צו פאַרברידערן, צערייסט זי; וואָס פאַרזייט אומצוטרוי און קנאה; וואָס צעפלאַקערט דעם פּאַרטיי־גייסט און די נקמה; וואָס שאַפט שפּיאָנאַזש און מסירה און זעט צו פאַרוואַנדלען די געזעלשאַפט אין אַ באַנדע מסרים, תלינים און קרבנות — אַזאַ מאַכט איז ניידערטרעכטיק, אוממאָראַליש און שווינדלער.

די רעגירונגס־אינסטיטוציע איז נישט נוצלעך, נישט מאָראַליש און נישט נייטיק, אויב זי זעט נישט צו פאַרזיכערן יעדן בירגער זיינע רעכטן און באַזונדער זיין פרייהייט.

די פּערפעקציע פון דער געזעלשאַפט געפינט זיך אין דעם גראַד פון פרייהייט פאַר אַלע און פאַר יעדן. דאָס צו דערגרייכן איז נייטיק צו פּרעדיקן ברידערלעכקייט, קעגנזייטיקע אַפּפּערוויליקייט צווישן די מיטגלידער פון דער זעלבער פאַ־

מיליע; איז נייטיק צו ארבעטן פאר דעם, אז אלע אינדיווידועלע כוחות, זאלן זיך נישט איזאלירן און נישט זיך קאנצענטרירן אין זייער עגאאיזם, נאר זאלן גלייכצייטיק און קאלעקטיוו שטרעבן צו איין איינציקן ציל: צום פארשריט און גרויס פון דער נאציאן.

די אינדיווידועלע הערשזוכטיקייט האט אונדז געשעדיקט. די עגאאיסטישע לײדנשאפטן האבן געזייט אנארכיע אויף דער ערד פון פרייהייט און האבן פארוויסט אירע פרוכטן. פון דעם האט זיך גענומען די סאציאלע רייסעניש. עס איז דער עגאאיזם וואס האט זיך אריינגעריסן אין די הערצער און ווייזט זיין העסלעך פרצוף; דאס איז דער עגאאיזם, וואס מאכט, אז די הערצער זאלן נישט פילן גלייך דעם זעלבן קלאנג פון די ווערטער און זאלן נישט זען גלייך זייערע סימבאלן; דאס האט דער עגאאיזם געמאכט אז די אינטעליגענץ זאל נישט זיין פאראייניקט דורך איין געמיינזאמען גלויבן אין פאטערלאנד פון גלייכהייט, פון ברידערלעכקייט און פון פרייהייט.

ווי אזוי אויפמונטערן די דאזיקע געזעלשאפט אין צעפאלונג?

ווי אזוי מאכן פרעדאמינירן דעם געזעלשאפטלעכן עלעמענט מיט א מענטשלעך הארץ און ראטעווען דאס פאטערלאנד און די ציוויליזאציע? דער מיטל געפינט זיך נאר אין גייסט פון אסאציאציע.

אסאציאציע, פראגרעס, פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, זיי זענען טערמינען פארבונדן צווישן זיך און שאפן דעם גרויסן סאציאלן און הומאניטארן סינטעז: דערהויבענע סימבאלן פון א גליקלעכער צוקונפט פון די פעלקער, פון דער מענטשהייט.

די פרייהייט קען נישט זיין פארווירקלעכט ווי נאר דורך דער גלייכהייט; און די גלייכהייט קען נישט זיין פארווירקלעכט אן דער הילף פון אסאציאציע, אדער די צוזאמענארבעט פון אלע אינדיווידועלע כוחות פאר דעם איינציקן אומדעפינירטן צוועק — דער כסדרדיקער פארשריט, ווי דאס איז די פונדאמענטאלע פארמול פון דער פילאזאפיע פון נײנצנטן יארהונדערט.

יענע סאציאלע ארגאניזאציע וועט זיין מער פערפעקט, וואס וועט געבן מער גאראנטיעס פאר דער אנטוויקלונג פון דער פרייהייט און פון דער גלייכהייט, און וואס וועט געבן ברייטערע מעגלעכקייטן פאר דער פרייער און הארמאנישער אויסאיבונג פון די מענטשלעכע מעגלעכקייטן; עס וועט זיין די בעסטע יענע רעגירונג, וואס וועט האבן מער אנאלאגיע צו אונדזערע געוווינהייטן און צו אונדזער כאציאלער קאנדיציע.

דער וועג צו קומען צו פרייהייט איז די גלייכהייט; די פרייהייט און די גלייכהייט זענען די שאפנדיקע פרינציפן פון דער דעמאקראטיע.

די דעמאקראטיע איז דעריבער דער לויבנבארסטער רעזשים און דער איינציקער מעגלעכער צווישן אונדז.

צוגרייטן די עלעמענטן צו ארגאניזירן און קאנסטיטואירן די דעמאקראטיע, וואס איז אייגנטלעך פארווארצלט אין אונדזער געזעלשאפט — אט דאס איז אויך אונדזער מיסיע.

די אסאציאציע פון דער נייער ארגענטינער גענעראציע רעפרעזענטירט אין איר פראוויזארישער ארגאניזאציע די צוקונפט פון דער ארגענטינער נאציאן. איר מיסיע איז אן ארגאנישע, זי וועט זען צו פארשפרייטן איר גייסט און איר לערע; אויסברייטערן דעם קרייז פון אירע פראגרעסיווע טענדענצן; צוציען די געמיטער

צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע, אייניקן די מיינונגען און קאָנצענטרירן זיי אין פאַטערלאַנד און אויף די פּרינציפּן פון גלייכהייט, פון פרייהייט און פון ברידערלעכקייט פון אַלע מענטשן.

די אַסאָציאַציע וועט זען צו פאַרמיטלען און שטעלן אין האַרמאָניע דעם בירגער מיטן פאַטערלאַנד; דעם יחיד מיט דער געזעלשאַפט און וועט צוגרייטן די עלעמענטן צו אָרגאַניזירן די אָרגענטינער נאַציאָנאַליטעט אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן.

זי, אַלס דעפיניטיווע אינסטיטוציע וועט זען צו פאַרבינדערן די צוויי פונדאַמענטאַלע אידייען פון דער עפּאָכע: פאַטערלאַנד און הומאַניטעט, און וועט זען, אַז די פּראָגרעסיווע באַוועגונג פון דער נאַציאָן זאָל גיין אין איינקלאַנג מיט דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג פון דער גרויסער הומאַניטאַרער אַסאָציאַציע.״

דער צוועלפטער קאַפּיטל פון די „סימבאָלישע ווערטער״ פון דער „סאָציאַליסטישער דאָגמע״ פּרעדיקט פאַר „צונויפגיסן אַלע פּראָגרעסיווע געדאַנקען אין איין אייניהייטלעכן צענטער״:

„מיר פּרעטענדירן נישט צונויפגיסן דאָס גוטע מיטן שלעכטן, אָדער מאַכן אַן אומריינעם צונויפמיש פון אומגלייכע עלעמענטן.

„מיר ווילן אָבער יאָ פאָרמירן אַ סיסטעם פון געמיינזאַמע גלויבנס און פון לייכטנדע פּרינציפּן, וואָס זאָלן אונדז דינען פאַר אַ וועגווייזער.

„אונדזער פילאָזאָפיע טראָגט דעם לאָזונג: נישט דעפינירטן פאַרשריט.

„די סימבאָלן פון אונדזער גלויבן זענען: ברידערלעכקייט, גלייכהייט, פרייהייט, אַסאָציאַציע.

„מיר גייען צו דער דעמאָקראַטיע — אָרגאַניזירן די אַסאָציאַציע אויף אַזאַ אופן, אַז דורך אַ רייע פאַרשריטן זאָל זי קומען צו גלייכהייט און צו פרייהייט, אָדער צו דער דעמאָקראַטיע — דאָס איז אונדזער גרונט־געדאַנק.

„אונדזער אויסגאַנג־פּונקט וועט זיין די דעמאָקראַטיע.

„פּאָליטיק, פילאָזאָפיע, רעליגיע, קונסט, וויסנשאַפט, אינדוסטריע — די גאַנצע אינטעליגענטע און מאַטעריעלע אַרבעט דאַרף גיין אין דער ריכטונג צו איינשטעלן די דעמאָקראַטישע הערשאַפט.

„אַ פּאָליטיק וואָס קוקט אַנדערש ווילן מיר נישט.

„אַ פילאָזאָפיע, וואָס אַרבעט נישט מיט פאַר דער דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג ווארפן מיר אָפּ.

„אַ רעליגיע וואָס נעמט נישט אָן און פּרעדיקט נישט דעמאָקראַטישקייט, איז נישט אונדזערע.

„אַ קונסט וואָס איז נישט דעמאָקראַטיש אינספּירירט און איז נישט דער אויסדרוק פונעם יחיד אין דער געזעלשאַפט, וועט זיין פרוכטלאָז.

„אַ וויסנשאַפט, וואָס באַלייכט נישט, איז נישט אין צייט.

„אַן אינדוסטריע, וואָס זעט נישט צו באַפרייען די מאַסן און דערהויבן זיי צו גלייכהייט, נאָר שטרעבט צו קאָנצענטרירן דעם רייכטום אין אייניקע הענט, פאַראַכטן מיר.

„כדי צו דערגרייכן די פולשטענדיקע פאַרווירקלעכונג פון קלאַסן־גלייכהייט און די באַפרייאונג פון די מאַסן, איז נויטיק אַז אַלע סאָציאַלע אינסטיטוציעס

זאלן האבן פאר א צוועק די אינטעלעקטועלע, פיזישע און מאראלישע באַרבעסע־רונג פונעם צאלרייכסטן און אָרעמסטן קלאַס".

5. — פאָליטישע עמיגראַציע און דעפּאָרטאַציע

די מענטשן פון דער מאַי־אַסאָציאַציע זענען אפשר ווייניקער פאַרפאָלגט געוואָרן ווי די אוניטאַריער און די פעדעראַליסטן אויף וועמען עס איז געפאַלן אַ חשד פון אומטרייהייט צום דיקטאַטאָר, אָבער זייער גייסטיק סאָציאַליס־טישע טעטיקייט, וואָס זיי האָבן אַנגעהויבן אין זייער פּאַטערלאַנד פון געבורט, אין אַרגענטינע, באַזונדערס אין בוענאָס איירעס, האָבן זיי געקאָנט פאַרזעצן נאָר אין אויסלאַנד, ווו זיי זענען אַנטלאָפן און ווו מען האָט זיי דעפּאָרטירט; אַזוי האָט עסטעבאַן עטשעווערי געשריבן די אַרגענטינישע סאָציאַליסטישע תורה אין מאָנטעווידעאָ, ווו אַהין ער האָט פּאָליטיש עמיגרירט; אַזוי האָט סאַרמיענטאָ אויפגעשריבן אויף אַ באַרגשטיין אין די אַנדן, אויפן וועג פון זיין דעפּאָרטאַציע: „טיראַנען, אידעען טויט מען נישט!" און אין טשילע וווהין ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן האָט ער אויפגעשריבן: „פאַקונדאָ" מיט אַן אָנגעגליטער פען און מיט בלוט פון ראָסאַס קרבנות און מאַרטירער, וועגן דער „באַרבאַריע און ציוויליזאַציע" אין אַרגענטינע און אַזוי האָט אויך ערגעץ אין אויסלאַנד כואַן באַוטיסטאַ אַלבערדי געשריבן די „באַזעס", אינספּירירט פון דער סאָציאַליסטישער דאָגמע; פון די אידעען און די געדאַנקען סינטעטיזירט אינעם פּראָגראַם, פון דער מאַי־אַסאָציאַציע; אין די גרונט־געזעצן, פרייהייטלעכע קאָנסטיטוציעס פון פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע און פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער — סאָציאַלע פּרינציפּן, געדאַנקען און אידעען, וואָס האָבן זיך איבערגעטראָגן און טיף אַריינגעדרונגען אין דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע אין לעבן און אין סאָציאַלן שטרעבן.

אין יוני 1846, זייענדיק אין מאָנטעווידעאָ, האָט עטשעווערי געשריבן אין אַ שריפט, וואָס הייסט: רעטראָספּעקטיווע בלעטערונג („אַכעאַדאַ רעטראָספּעקטיוואַ"):

„מיר וועלן פאַרענדיקן אונדזער זאַך. אויב מיר האָבן זיך אַריינגעטאָן אין אַזויפיל פּרטים, איז עס מחמת עס איז זייער וויכטיק צו האָבן אַ ידיעה פונעם אָפּשטאַם און פון דעם גאַנג פון דער איינציקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אונדזער לאַנד, אָנגעהויבן אין אַן עפּאָכע פון אַבסאָלוטער פינצטערניש; זי האָט ביז איצט (1846) נישט געגעבן קיין פּראַקטישן רעזולטאַט, ווייל עס האָט איר געפעלט דער באָדן פאַר אָנווענדונג: דאָס פאַטערלאַנד; אָבער אין דער ספערע פון אידעען האָט זי געמאַכט און מאַכט

ווייטער איר פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג; זי האָט געהאַט אירע אַפּאָסטאָלן און אירע מאַרטירער, פאַרזייענדיק גוטע זריעה; זי האָט אויך געלייזט וויכ־טיקע אַקטועלע ענינים; האָט געשאַפן פאַרדינסטפולע ווערק און האָט אַקטיוו קאָאָפּערירט אין קאַמף קעגן ראַסאַם; אַ באַוועגונג וואָס וועט אָן ספק געפי־נען אין דער צוקונפט אירע נאָכפאָלגער, ווייל זי רעפּרעזענטירט אַלע אייגנ־שאַפטלעכע אַספּיראַציעס פון אַן עפּאָכע".

קאָנסטיטוציאָנעלע עפּאָכע

קאַפּיטל XI

די באַפרייאונג און די אָרגאַניזאַציע פון דער רעפּובליק

1. — לעצטער און אַנטשיידענער קאַמף

דער גענעראַל כוסטאָ דע אורקיסאַ איז נישט געוועזן קיין „ווילדער אורניטאַריער״, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ (אויב עס איז געוועזן אַזאַ זאַך אין ראָסיסטישן רעזשים); ער איז אויך נישט באַוווסטזיניק געוועזן קיין מאַי־אַסאָציאַנער, וואָס זענען נישט געוועזן קיין אוניטאַריער, מחמת זיי זענען געוועזן סאָציאַל, דעמאָקראַטיש און פרייהייטלעך אַ סך ווייטגייענדיקער פון די אוניטאַריער און זענען אידעיש געוועזן נענטער צו די פעדעראַליסטן; דער גענעראַל כוסטאָ דע אורקיסאַ איז געוועזן ראָסאַס אַ מענטש, מחמת פעדעראַליסט, אָפיציאַליסט, גובערנאַטאָר פון ענטרע ריאָס און מחמת אַ מיליטערישער קאָמאַנדאַנט פון דער מזרח־צפון אַרמיי פון ראַסאָס רעגירונג, זייענדיק אונטערגעאָרדנט ראָסאַסן אַלס דער הויפּט־קאָמאַנדאַט פון דער גאַנצער אַרמיי פון לאַנד און אַלס אַליינהערשער מיט דער „סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן״ אין זיינע הענט. אָבער אורקיסאַ איז אין זיין הינטערבאַוווסטזיין געוועזן אַ מאַי־אַסאָציאַנער, וואָס האָט די אידעען פון עטשעווערי‏אַ און פון גוטיערעז, פון סאַרמיענטאָ און פון אַלבערדי געטראָגן אפשר מער אין זיין געפיל ווי אין געדאַנק און ביי אים האָט זיך דאָס אויסגעדריקט אין דעם פעדעראַציאָניזם, ווי אַ דעמאָקראַטישע באַוועגונג פון די אַרבעטער און די פאָלקסמאַסן פון אינערן פון לאַנד, נישט אַזוי ראָסיסטיש קעגן ביז פיזישן אויסראָטן די אוניטאַריער, ווי אורקיזיש אַנטקעגן דעם אוניטאַריזם ווי אַ צענטריסטישע מאַכט פון דער בורזשואַזיע פון דער פאָרטשטאָט, וואָס אָן רו, אָן פרידן און אין פאַרביטערטן קאַמף האָט זיך נאָר געקאָנט זען איר הערשזיכטיקע דיקטאַטור און איר טעראָר.

און ווען דער דאָזיקער אוניטאַריזם, ווי אורקיסאַ האָט אים געזען, איז מער נישט געוועזן, נישט ביי דער מאַכט און נישט אין קיין אָפּאָזיציאָנעלער באַוועגונג, מחמת אין לאַנד איז אַזאַ באַוועגונג נישט געוועזן, דער ראָסיסטישער טעראָר־רעזשים האָט זיך שוין אויסגעאיבט קעגן די הויפּט פיגורן, ווי פאַקונדאָ קיראָגאַ, אויף וועמענס כוחות מאַנועל ראָסאַס האָט זיך אַרויפגעקראָגן צו דער אַבסאָלוטיסטישער מלוכה־מאַכט און אין אויסלאַנד וווּ אַזאַ

באַפרייערישע באַוועגונג איז יאָ געווען, איז זי געווען אַ מאַי־אַסאָציאַציאָ־נערע, אָדער מאַי־רעוואָלוציאָנערע, בעת דאָס ערגסטע פון די אוניטאַר־ער האָט איבערגענומען די פּערזענלעכע רעגירונג פון ראָסאַס, וואָס האָט דאָס ערגסטע מולטיפּליקירט ביז טאָטאַליטאַריזם פון יענער צייט, שענדנדיק דאָס אידעאַלע פון דער פעדעראַציע, אָדער דעם פעדעראַליזם, וועמען די אורקי־סאָס זענען טריי געבליבן, איז עס געווען נאַטירלעך, אַז דער גענעראַל אור־קיסאַ, גובערנאַטאָר און גענעראַל־קאַפּיטאַן פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון ענטרע ריאָס און דער מיליטערישער זיגער פון קאָריענטעס און פון דער באַנ־דאַ אָריענטאַל (ווי עס האָט געהייסן אורוגוויי) זאָל פאַרנעמען אַ באַפריי־אונגס־קאַמף קעגן דער רעגירונג פון זיין הויפּט־קאָמאַנדיר, קעגן דעם אַנטי־פעדעראַליסטישן רעזשים פון ראָסאַס.

2. — פרייהייט זיגט — ס'פאַלט די דיקטאַטור

דער אונטערשייד אין קאַמף פאַר באַפרייען דאָס פאַטערלאַנד צווישן אורקיסאַ און עטשעווערִיאַ, סאַרמיענטאַ, אַלבערדי, וואַרעלאַ, וויסענטע לאָ־פּעז (מחבר פונעם אַרגענטינער הימן) און נאָך פּאָליטישע עמיגראַנטן און

באַפרייער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעפּובליק



כוסטאַ כאָסע דע אורקיסאַ

דעפּאָרטירטע — איז דער, וואָס זיי, געניאַלע מענטשן, סאָציאַלע דענקער, דיכטער, האָבן געפירט דעם באַפרייאונגס־קאַמף מיט דער פעדער, די פּען, און אורקיסאַ, אָדער די אורקיסאָס האָבן געפירט דעם קאַמף מיט דער שווערד. עס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין אונטערשיד נאָר אַ קאָאָפּעראַציע; אַ נישט־אָפּגערעדטע, אַ נישט־פאַרשטענדיקטע, אָבער דאָך אַ קאָאָפּעראַציע אין קאַמף פאַר דער זעלביקער זאַך: פאַר באַפרייען דאָס לאַנד פון דער טאָטאַליטאַרישער קאָנטר־רעוואָלוציע; פאַרניכטן די שטערונג צו קאָנסטיטוירן די פרייהייטלעכע און דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

די רעוואָלוציאָנערע באַפרייערישע באַוועגונג אין לאַנד מיט יאָרן פריער פאַרן ענדגילטיקן זיג פון אורקיסאַ אין קאַסעראָס איז געקעפּט געוואָרן פון ראָסאַס.

דער אַראָפּגעהאַקטער קאָפּ פון מאַרקאָס מ. דע אַוועזשאַנעדאַ, אויפגעשטאָכן אויף אַ שפּיז און אַרויסגעשטעלט פאַר דער עפנטלעכקייט אויף דער פּלאַסע אינדעפּענדענסיאַ פון טוקומאַן, אַזוי ווי דער אַראָפּגעהאַקטער קאָפּ פון קאַסטעלי וואָס איז אויפן זעלביקן אופן אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויף דער פּלאַסע פון דאָלאָרעס, האָבן ראָסיסטיש באַוויזן דעם גורל פון דער אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון צפון און פון דרום אין די ערשטע יאָרן פון דער ראָסיסטישער דיקטאַטור, זיי האָבן אָבער אויך באַוויזן די עקזיסטענץ פון אַ באַפרייערישער באַוועגונג, טראָץ דעם טעראָר — אַ געדאַנקלעכע אָדער אידעישע באַוועגונג, וואָס מען קוילעט נישט; אַ באַוועגונג וואָס קרעפטיקט זיך, שפּרייט זיך אויס און ווירקט דורך אירע מאַרטירער, אירע קאַסטעליס און אַוועזשאַנעדאָס.

און אויב אין די ערשטע טעג פון פעברואַר פון 1852, ווען אורקיסאַ איז אַרויס בראש פון אַן אַליאירטער אַרמיי פון 24 טויזנט מענטשן (אַליאירטע פון אַרגענטינער, אורוגווייער און בראַזיליאַנער) צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דער דיקטאַטור און באַלד, ביי מאָנטע קאַסעראָס, פולשטענדיק באַזיגט די ראָסיסטישע מאַכט, דאָרט רעפּרעזענטירט דורך ראָסאָסן אַליין בראש פון זיין קאָנצענטרירטער אַרמיי, האָבן אין דעם זיג אַ סך מיטגעווירקט די אַראָפּגעהאַקטע קעפּ פון די אַוועזשאַנעדאָס און די קאַסטעליס, די אַרויסגעשטעלטע אויף די עפנטלעכע פּלאַסעס פון טוקומאַן און פון דאָלאָרעס; עס האָבן אין דער באַפרייאונג גייסטיק מיטגעווירקט די פּיזיש־דערשטיקטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון צפון און פון דרום, אַזוי ווי עס האָט מיטגעווירקט די אידעאַליסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג פון די מאַיִאַסאָציאָנערן, דורך דעם ראָסיסטישן רעזשים צעוואָרפן און צעשפּרייט אייבערן לאַנד און אין די אַרומיקע שכנישע לענדער; אַ געדאַנקלעכע באַוועגונג

אויסגעדריקט אין וואָרט און אין שריפט, אין פאָרשונג און אין פּרעדיקט; אין גייסט און אין פאָרם פון עטשעוועריאַס „סאָציאַליסטישע דאָגמע"; סאַרמיענטאָס „פאַקונדאָ"; אַלבערדיס „באַזעס" — סאָציאַלע יסודות, פּרינציפּן און אידעען מיט וואָס עס איז אויסגעבויט געוואָרן די רעפּובליק.

3. — ראָסאַס אַנטלויפט

און ראָסאַס, וואָס האָט פאַרשוואַרצט, פאַרבלאָטיקט און פאַרבלוטיקט פינף און צוואַנציק יאָר פון די צוויי און פערציק, זינט דער מאַי־רעוואָלוציאָנערער באַפרייאונג; טאָטאַליטאַריש געהערשט אין מוראדיקער סתירה צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישקייט פון זיין אייגענער פעדעראַציע אין איר אָנהייב, וואָס ער „מיט דער סומע פון אַלע מאַכטן" האָט פאַרגוואַלטיקט און אומגעברענגט און עס האָט אויסגעזען, אַז צו זיין אַליינהערשאַפט וועט קיינמאָל נישט קומען קיין סוף, — האָט באַלד, ביים ענדגילטיקן זיג פון דער מאַי־רעוואָלוציאָנערער זאַך אין מאָנטע קאַסעראָס, אין שוץ פון דער נאַכט, גענומען און אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, אַרויפכאַפּנדיק זיך אויף דער ענגלישער קריגס־שיף „קאָנפליקט", וואָס האָט זיך געפונען אין די וואַסערן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ.

4. — אורקיסאַ — באַפרייער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעפּובליק.

און אורקיסאַ, וואָס האָט זיך דעם 1טן מאַי 1851 דערקלערט פריי און אומאָפּהענגיק פון ראָסאַס און וועלכער איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, נאָך דעם, ווי ראָסאַס „רעפּרעזענטאַנטן סאַלע" האָט אורקיסאַן דערקלערט פאַר אַ „פאַרעטער און משוגענעם", האָט, נישט אין גייסט פון אַ מיליטערישן טריאומף, וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט אַ סך ענלעכקייט צו סאַן מאַרטינס באַפרייערישער אונטערנעמונג — נאָר אין פרייהייטלעך דעמאָקראַטישן גייסט פון דער מאַי־רעוואָלוציע און פון דער מאַי־אַסאָציאַציע, באַלד צוגעטראָטן צו דער אָרגאַניזירונג פון דער רעפּובליק אויף אַ פעדעראַטיווער באַזע.

„אַלע אַרגענטינער, וואָס זענען איבער פּאָליטישע סיבות אַרויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד, אָדער זענען אַנטלאָפן, מעגן זיך דרייסט אומקערן אין זייערע היימען און געניסן און אויסאיבן זייערע בירגערלעכע רעכטן" — דערקלערט אורקיסאַ דורך אַ דעקרעט, בעת ער גייט אַרויס פון בוענאָס איירעס, פון פּאַלערמאָ, ווו ער האָט אָפיציעל פאַרנומען די רעזידענץ פון ראָ־

סאָס — דער רעגירונגס־הויף — גייענדיק קיין סאַנטאַ פע צו דער אָרגאַני־זירונג פונעם אַלגעמיינעם קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס פון לאַנד. דער קאָנ־גרעס, דאָס הייסט די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג מיט דער מיסיע צו שאַפן דעם געזעץ פון די געזעצן — די קאָנסטיטוציע פון דער רעפּובליק — זאָל אין אײַנקלאַנג מיט פעדעראַלע פּרינציפּן באַשטיין פון רעפּרעזענטאַנטן פון די פּראָווינצן, מיט גלייכע רעכטן, אַלציינס צי דאָס זענען גרויסע פּראָ־ווינצן צי קליינע; אָרעמע צי רייכע; פּאַרטענישע צי מיטללענדישע; יעדע פּראָווינץ שיקט צו דעם קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס צוויי דעפּוטאַטן, פרײַ און דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענע, ווי דאָס איז נאָר מעגלעך געווען ביי יענע באַדינגונגען.

עס איז דער אַלגעמיינער קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס, גערופן, לויט אַ באַשלוס פון אַ גובערנאַטאָרן פאַרזאַמלונג פּרעזידירט פון אורקיסאַ, אויפן 20סטן נאָוועמבער פון זעלביקן יאָר 1852, ווען די דיקטאַטור־רעגירונג פון מאַנועל ראָסאַס, וואָס האָט געדויערט אַ פערטל יאָרהונדערט איז באַזיגט גע־וואָרן; עס איז אין דעם יאָר פון מאָנטע קאָסעראָס. עס אָריענטירט די פרײַ־הייט און די דעמאָקראַטיע.

5. — אינספּיראַציעס — אָריענטאַציעס

בוענאָס איירעס איז פּרעטענציעז און רעבעלירט. עס קומען צו דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג אין דער שטאָט סאַנטאַ־פע די דעפּוטאַטן פון סאַלטא און פון קאַטאַמאַרקאַ; פון קאָרדאָבאַ און פון קאָריענטעס; פון מענדאָסאַ און פון ענטרע ריאָס; פון טוקומאַן און פון כוכוי; פון סאַן כואַן און פון סאַן לואיס; פון סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ און פון לאַ ריאָכאַ און פון דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע. נאָר פון בוענאָס איירעס איז נישט געקומען קיין דע־לעגאַציע און האָט זיך געפונען ווי אין אַ בירגער־קריג אָן אַ קריגס־דערקלע־רונג.

אורקיסאַ האָט דעריבער נישט געעפנט די קאָנסטיטואירנדיקע פאַר־זאַמלונג. ער האָט אָבער צוגעשטעלט זיין דערעפענונגס־רעדע, וועלכע איז פאַר די פאַרזאַמלטע דעפּוטאַטן פון די קאָנפעדערירטע פּראָווינצן אין דעם קאַבילדאָ פון סאַנטאַ פע פאָרגעלייענט געוואָרן פון אורקיסאָס מיניסטער לואיס כאָסע דע לאַ פעניאַ און אורקיסאַ האָט אין דער פאָרגעלייענטער דער־עפענונגס־רעדע געזאָגט:

„די ווינטשן און די ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטן פון די אַרגענטינער פעלקער קענען מיך נישט צווינגען צו באַרירן די באַשיידנקייט פון מיין כאַראַקטער. דער שכל און די פּראַקטיק פון די עפנטלעכע זאַכן האָבן מיר באַוויזן, אַז די

שווערד פון אַ ווירדיקן מיליטאַר מוז נאָר זיין דער אינסטרומענט פון אַ אידעע און די שטיצע פון אַ פּאָליטישן פּרינציפּ.

די דעקלאַראַציע פון 1טן מאַי, וואָס איך האָב געמאַכט אויף די ברעגן פונעם אורוגווי, איז אויסגעפאָלגט געוואָרן דעם 3טן פעברואַר ביי די ברעגן פונעם פּלאַטאַ. „קאָנסטיטוציע פאַר דער רעפּובליק", איז געווען אויפגעשריבן אויף מיינע פענער און מיטן באַזיגן דעם גענעראַל דאָן כואַן מאַנועל דע ראָסאַס, איז באַזיגט געוואָרן די הויפּט שטערונג צו רעאַליזירן די דאָזיקע לאָזונג — אַ דערשטיקטע, אָבער אַ לעבהאַפטיקע אין אונדזער גאַנצן לאַנד, פונעם ליטאָראַל ביז די קאָרדילערן.

נאָך שטערונגען זענען געבליבן בייצוקומען. מאָראַלישע שטערונגען, פּרוכטן פון איזאָלאַציע, פון דער באַוואַפנטער דיוויזיע, פון מיינונגען, פון איגנאָראַנץ צו די אמתע אינטערעסן, פון לאָקאַלע אינסטינקטן און פון אַ טיראַנישער און קאָרומפּירטער אַדמיניסטראַציע, וואָס דער קוואַל פון דעם אַלעם האָט געפּלייצט מיט גיפט אונטער דער האַנט פון ראָסאַס.

אַנטאַגאָניסטיש צו זיין פּאָליטיק, האָב איך גענומען אַ קעגנזעצלעכע ריכטונג, כדי צו געבן איינהייטלעכקייט די געדאַנקען און די אינטערעסן.

די אומטאָלעראַנץ, די פאַרפאָלגונג, די אויסראָטונג — זענען געווען די באַזע פון זיין פּאָליטיק; און איך האָב אָנגענומען אַ פּאָליטיק פון פאַרגעסן דאָס פאַרגאַנגענע און דער צוזאַמענגוס פון די פּאַרטייען.

אַ פּרינציפּיעלער פעדעראַליסט, האָב איך נישט געוואָלט אַנדערש זען, ווי נאָר אַלס פּאַטריאָטן די ערשטע ראַט־מיטגלידער פון דער בוענאָס איירעסער פּראָווינצישער רעגירונג, כאָטש זיי זענען געקומען פון די רייען, וועלכע איך האָב נעהאַט באַקעמפט.

פאַרוואָס? ווייל אין מיינעם אַ דעקרעט אַלס גובערנאַטאָר פון ענטרע ריאָס האָב איך געהאַט געזאָגט, אַז „דער אוניטאַרישער סיסטעם קען באַטראַכט ווערן פאַר נישט צוגעפּאַסט צום לאַנד, אָבער נישט ווי אַ קרימינעלע זאַך, און אַז די יורשים פון דער גלאָריע פון דער זעלביקער רעוואָלוציע האָבן באַדאַרפט צודעקן מיט אַ דיקן שלייער די פאַרגאַנגענע טעותים". אַזוי האָט זיך רעאַליזירט דער אָנהויב פון צוזאַמענגיסן זיך און פון האַרמאָניזירן די געדאַכטע קעגנערשאַפטן וועגן דער מלוכה־אָרגאַניזאַציע.

ווייל איך האָב געוואָלט און וויל, אַז מיר זאָלן פאַרמירן איין פאַמיליע, כדי אַלע ווי איינער זאָלן מיר דערהויבן דאָס פאָטערלאַנד צו דער הויך, גרויס און פּראָספּעריטעט צו וואָס עס איז באַרופן.

מען האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. עס איז אַזוי איבערגעשראָקן און אָנגעשפּיצט געווען דער פּאַרטיי־גייסט, אַז עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן דער פעדעראַלער לאָזונג פון מיינע וואָפן מיט דער בלוטיקער לאָזונג פונעם טיראַן.

איך האָב נישט באַשטראָפט ווי אַ דעספּאָט און מ'האָט געגלויבט, אַז איך טאָלעריר דעם פאַרברעכן.

איך האָב זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן צו שאַפן און העלפן שאַפן די רעפּובליק.

מיין אויפריכטיקייט אין שייכות דעם פאָלק פון בוענאָס איירעס איז באַוויזן מיט מיין אויפפירן זיך. ביים איבערנעמען די מאַכט דעם 28סטן יולי האָב

איך באַזייטיקט פון דער אויטאָריטעט יענע אַלע פּרעראָגאַטיוועס וועמענס מיס־ברויך עס האָט פאַראורזאַכט אַזוי פיל אומגליק.

איך האָב דיקטירט אַ געזעץ פון פאַרגעסן לטובת אַלע אפּוועזנדיקע פונעם פאָטערלאַנד; כ'האָב אָפּגעשאַפט קאָנפיסקאַציע און כ'האָב אָפּגעשאַפט טויטשטראָף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכנס".

אורקיסאַ באַריכטעט ווייטער פון זיין רעגירן אין דער פּראָווינץ און שטעלט זיך אָפּ מיט באַדויערן אויף דער סיטואַציע פון בוענאָס איירעס, וואָס איז צום טיפסטן אָנגעגריפן געוואָרן פון ראָסאַס טאָטאַליטאַריזם און זיין מענסאַכע פאַרענדיקט ער זאָגנדיק:

„איך רעדט צו אייך ווי אַ בירגער און ווי אַ מענטש, וואָס האָט דאָס רעכט צו דענקען פון די ערנסטע זאַכן פון זיין פאָטערלאַנד; און נישט אַלס קריגער, נישט אַלס פונקציאָנאַר, נישט אַלס פּאָליטיקער וועל איך טאָן מער ווי די געזעצן וועלן מיר דערלויבן.

איך פּרעטענדיר נישט, אַז מיינע מיינונגען צי מיינע פריערדיקע אַקטן זאָלן אייך דינען פאַר אַ באַזע צו רעגולירן אויף זיי דאָס ווערק פון אייער געוויסן און פון אייער האַרץ. איך וועל זיין דער ערשטער אויסצופאָלגן אייערע סוווערענע באַשטימונגען. מיין פּערזענלעכער קרעדיט איז פאַרבונדן מיט דער פרייהייט און מיט דער צוטרעפלעכקייט פון אייערע דעליבעראַציעס. דאָס גליק פון דער רעפּובליק געפינט זיך אין אייערע הענט".

ווי קלאָר עס הערט זיך דער דעמאָקראַטישער טאָן אין דער מענסאַכע פון גענעראַל אורקיסאַ, דער העלד פון מאָנטע קאַסעראָס, דער באַזיגער פון מאַנועל ראָסאַס, וועמענס אָרט אורקיסאַ האָט פאַקטיש פאַרנומען, אָבער — מיט אָפּזאָגן זיך פון דער „סומע פון אַלע מאַכטן" און מיט קורצן, ציטטוויי־ליקן, לאָזן זיך דאָס נייטיקסטע אויף אַ דעמאָקראַטישן און פרייהייטלעכן אופן צו אָרגאַניזירן און קאָנטראָלירן דעם איבערגאַנג פון באַפרייטן לאַנד אין איר נייער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער צייט.

נאָך זעקס חדשים סעסיע: שטודירן, טראַכטן, דיסקוטירן, דעבאַטירן, אַרבעטן, דעצידירן — פריי און דעמאָקראַטיש, האָט דער „אַלגעמיינער קאָנ־סטיטואירנדיקער קאָנגרעס", פאַרזאַמלט אין דעם קאַבילדאָ פון סאַנטאַ פע, דעם 1טן מאַי 1853, אָנגענומען די קאָנסטיטוציע פון דער „אַרגענטינער פע־דעראַציע".

די דעפּוטאַטן, מיט מאַנדאַטן פון זייערע ווייעלער פון די פּראָווינצן, אין וואָס עס איז שוין פּאָליטיש איינגעטיילט געווען דאָס לאַנד, האָבן אויסגע־פירט זייער אויפגאַבע רעאַל, ווי מענטשן־עקספּאָנענטן פון דער סאָציאַלער, פּאָליטישער, טעריטאָריאַלער, ווירטשאַפטלעכער און דעמאָגראַפישער ווירק־לעכקייט פון 1853 אין אַרגענטינע, אָבער אין דעם דאָזיקן רעאַלן ווערק פון דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע זענען אַריין סאָציאַליסטישע אידעען פון

סאָציאַלע דענקער און דערציער



כואַן ב. אַלבערדי

דאָמינגאָ פ. סאַרמיענטאָ

אייראָפּע, פון דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און זייערע פּרינציפּן פון מענטשן־רעכט אין פּראַקטישן מלוכה־פּראָגראַם; עס איז אַריין אין איר דער גייסט פון דער אַרגענטינער מאַי־רעוואָלוציע, וואָס איז דער אויסדרוק פון באַפרייאונג, פון פרייהייט און די סאָציאַליסטישע מיסיע פון ניינצנטן יאָרהונדערט אויפן דרום פונעם מערב־העמיספער און לטובת אַר־געטינע, וואָס איז ווי אַ נאַציע, ווי אַן אומאָפּהענגיק לאַנד, געבוירן גע־וואָרן פון דער מאַי־רעוואָלוציע; עס איז אַריין אין דער קאָנסטיטוציע דער סאָציאַליזם פון דער אַרגענטינער מאַי־אַסאָציאַציע, דורך איר לערער און גייסטיקן פירער עסטעבאַן עטשעווערי און פון זיינע געניאַלע נאָכפאָלגער דאָמינגאָ פ. סאַרמיענטאָ און באַזונדערס אין שייכות צו דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע — אַלבערדי.

6. — „באַזעם" פון אַלבערדי

דער מיטגליד פון דער מאַי־אַסאָציאַציע כואַן ב. אַלבערדי, אויף פּאָלי־טישער עמיגראַציע אין דער צייט פון מאַנועל ראָסאַס רעגירונג, שרייבט פון וואַלפּאַראַיסאָ, טשילע, דעם 30סטן מאַי 1852 צו דאָן כוסטאָ כאָסע דע אור־קיסאַ, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט באַזיגט ראָסאַסן:

„צו אייער עקסעלענץ הער גענעראל דאן כוסטא כאסע דע אורקיסא

וואלפאראיסא, מאי 30 פון 1852.

הער גענעראל:

די ארגענטינער פון אומעטום, אפילו די באשיידנסטע און אומבאקאנטע, זענען שולדיק אייער עקסעלענץ דעם טיפסטן אויסדרוק פון אונדזער אייביקער דאנקבארקייט פאר אייער העלדישקייט, אז א ביישפיל, מיט וואס איר האט געוווסט צוריקצושטעלן די פרייהייט פונעם פאטערלאנד, וואס איז אפגעשאפט געווען אין משך פון אזוי פיל יארן. אין קורצע חדשים האט אייער עקסעלענץ רעאליזירט דאס, וואס אין א סך יארן האבן אונטערגענומען, אבער אן רעזולטאט, די ערשטע מאכטן פון אייראפע און א מעכטיקע פארטיי אין דער ארגענטינער רעפובליק. דער וואס האט אזא וונדער באוויזן — פארוואס זאל ער נישט פעיק זיין אונדז צו געבן נאך א רעזולטאט? אויך אזא אויסערגעוויינלעכער, נאך וואס אונדזער לאנד שטרעבט שוין פערציק יאר? — די גרויסע גלאריע וואס האט ביז אהער צו קייגעם נישט געהערט און וואס באשטייט פון געבן א דויערהאפטע קאנסטיטוציע דער רעפובליק; מיט דעם דאזיקן געדאנק האב איך זיך אפגעגעבן אין פארלויף פון א סך נעכט פאר דער רעדאקציע פונעם בוך „באזעס", וועגן דער פאליטישער ארגאניזאציע פון אונדזער לאנד; א בוך וואס איך האב דעם כבוד איבערצוגעבן צום גוטן זין פון אייער עקסעלענץ; אין אים איז גארנישט מיינס, אויסער די ארבעט שוואך אויסצודריקן דאס, וואס געהער דעם אלגעמיינעם גוטן זין פון דער איצטיקער צייט און צו דער דערפארונג פון אונדזער פאטערלאנד. איך ווינטש צו זען די גלאריע פון אייער עקסעלענץ פארבונדן מיטן ווערק פון דער לאנד־קאנסטיטוציע; חוץ דעם — אז ביידע זאלן זיך קעגנזייטיק שטיצן, איז נויטיק, אז די קאנסטיטוציע זאל שטיין אויף מעכטיקע באזעס. עס דערגרייכן צו אונדזערע טעג נאר יענע גרויסע געביידעס פון אמאליקע צייטן, וואס זענען צעמענטירט אויף גראניט; און די געשיכטע, די פרעצעדענטן פונעם לאנד, די נארמאלע פאקטן — זענען די גראניט פעלדזן אויף וואס עס רוען אפ די דויערהאפטע קאנסטיטוציעס. מיין גאנצער בוך איז רעדוצירט דאס צו באווייזן מיט דער אפליקאציע אין דער ארגענטינער רעפובליק. איך דערוואַרט צו געפינען אין דער גנעדיקייט פון אייער עקסעלענץ דאס אויפנעמען פון דעם, וואס פאַרדינט זיך דאס דורך גוטע כוונות און אז מיט גלייכער גוטסקייט פון אייער עקסעלענץ וועט איר אננעמען די זיכערקייט פון מיין דאנקבארקייט, אלס אן ארגענטינער בירגער און פון טיפן רעספעקט מיט וואס איך האב דעם כבוד אונטערצושרייבן זיך ווי א וואכזאמער דינער פון אייער עקסעלענץ.

כואן ב. אלבערדי".

און אורקיסא האט פון זיין רעזידענץ אין פאלערמא (בוענאס איירעס), וואס איז געווען די רעזידענץ פון באזיגטן ראסאס — דאס פאקטישע רעגירונגס־הויז פון לאנד — אלבערדין געענטפערט:

פ. וואלד

„דעם הער דאָקטער דאָן כוּאַן ב. אַלבערדי וואַלפּאַראַיסאַ.

פּאַלערמאַ (בוענאָס איירעס), יולי 22 פון 1852.

געשעצטער מיטפּאַטריאָט:

דער בריוו מיטן דאַטום פון 30סטן מאַי וואָס איר האָט מיר געשיקט צוזאַמען מיט אַן עקזעמפּליאַר פון אייער בוך „באַזעס" און אַרויסגיי־פּאַרצייכענישן פאַר דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרגענטינער רעפּובליק, האָט באַשטעטיקט ביי מיר די מיינונג, וואָס איך האָב פריער זיך שוין געהאַט געשאַפן וועגן אייער אויסגעצייכנטער קאַפּאַציטעט און גאָר באַזונדער וועגן אייער פּאַטריאָטיזם.

עס איז מיר זייער אנגענעם צו געפינען אין דער אַלגעמיינהייט פון די אַרגענטינער דעם ווונטש און די דעציזיע בייצוטראָגן, אַז אין אונדזער ליב פּאַטערלאַנד זאָל זיך ענדלעך קאָנסטיטואירן אַ סיסטעם פון ווערדיקע געזעצן אין איינקלאַנג מיטן פּאַטערלאַנדס אַנטשפּרעכנדן און גלאָריע און מיט פעיקייט צו פירן דאָס לאַנד צום גראַד פון פּראָספּעריטעט, וואָס געהערט אים.

גוט קענענדיק די דאָזיקע געפילן פון די אַרגענטינער, האָבנדיק זיי אין חשבון און זייערע דעצידירטע אָנשטרענגונגען, האָב איך זיך געשטעלט אין פראָנט פונעם גרויסן ווערק צו קאָנסטיטואירן די רעפּובליק. איך גלויב, אַז דאָס דאָזיקע וועט אויסגעפירט ווערן.

אייער גוט באַדענקט בוך איז, לויט מיין מיינונג, אַ זייער וויכטיקער בייטראָג פון קאָאָפּעראַציע. אין קיין מער פּאַסנדיקערער צייט האָט ער נישט געקענט געשריבן און פּובליקירט ווערן.

פון מיין זייט, נעם איך אים אָן ווי אַ ווירדיקע פייערונג פון פּאַטערלאַנד און פון אַ גוטן אַרגענטינער.

די גלאָריע צו קאָנסטיטואירן די רעפּובליק דאַרף זיין פון אַלע און פאַר אַלע. איך וועל שטענדיק זיין צופרידן פון דעם גוט האָבן פאַרשטאַנען דעם געדאַנק פון מיינע מיטבירגער און פון האָבן בייגעטראָגן צו זיין רעאַליזאַציע.

פאַר אייער ליכטיקן קריטעריום וועט זיך נישט באַהאַלטן דאָס, וואָס די דאָזיקע אונטערנעמונג מוז זיך אָנטרעפן אויף גרויסע שטערונגען, אגב האָבן זיך שוין איינִיקע טאַקע פּרעזענטירט; אָבער דער אינטערעס פונעם פּאַטערלאַנד שטעלט זיך איבער אַלץ. נאָך דעם האָבן באַזיגט אַזאַ מעכטיקע טיראַניי, שיינט מיר אַלץ איבעריקע פאַר קליינִיקייטן.

זאָל די אַרגענטינער רעפּובליק זיין גרויס און גליקלעך און מיינע פייערדיקסטע באַגערן וועלן זיין באַפרידיקט!

איר וועט שטענדיק געפינען אין מיר אַן אָפּשאַצער פון אייער טאַלאַנט און פון אייער פּאַטריאָטיזם און אין דעם זין — מיינע אויפריכטיקע געפילן פון אַ פאַרליבטן קאָנפּאַטריאָט און פריינט.

כוסטאַ כאָסע דע אורקיסאַ".

די ציטירטע בריוו זאָגן שוין עפּעס וועגן דעם אָפּשטאַם פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע און פון איר אייביקייט.

כואַן ב. אַלבערדי, וואָס דערמאָנט אין דער אַרגענטינער סאָציאַליסטי־

שער באַוועגונג פון דער מאַי־אַסאָציאַציע אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, האָט אין משך פון יאָרן וואַנדערונג, אויף פּאָליטישער עמיגראַציע, געהאַט גוט אין זינען די קאָנסטיטוציע, וואָס דאַרף געשאַפן ווערן אין זיין פאָטערלאַנד, פון וואַנען ער איז פאַרטריבן און ער האָט שטודירט די קאָנסטיטוציעס פון דער פרייער אייראָפּע און פון אַלע לענדער פון דער באַפרייטער אַמעריקע אויפן גרונט פון די רעוואָלוציעס, פון וואַנען די קאָנסטיטוציעס האָבן זיך גענומען און אויף אַזאַ אופן האָט אַלבערדי געשאַפן די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, איר פּראָיעקטירט, איר באַגרינדעט, איר אויפגעקלערט און דאָס אַלץ איינגעפּאַסט אין די ראַמען פון זיין בוך, וואָס ער רופט אָן „באַזעס".

7. — סאַרמיענטאָ

אַלבערדי וואָרנט קעגן די מעטאָדן און רעזשימען פון גוואַלד, וואָס מיר זענען דאָ נישט אויסן צו באַהאַנדלען. וואָס מיר ווילן, איז זען די געדאַנקען פונעם אידעאָלאָגישן מחבר פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע ביים שאַפן איר און אין שייכות צו דעם זאָגט אונדז אויך עפּעס דאָס ווייטערע בריוול פון דאָמינגאָ פ. סאַרמיענטאָ — נאָך איינער פון דער מאַי־אַסאָציאַציע, וועלכער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון זיין פאָטערלאַנד און וועלכער געפינט זיך אויך, דאַן, אויף פּאָליטישער עמיגראַציע, אין טשילע, ווו ער איז טעטיק אַלס דערציִער, לערער און שרייבער און ווו ער האָט געשריבן און צום ערשטן מאָל אין אַ טשילענער צייטונג פּובליקירט „פאַקונדאָ".

דאַטירט אין יונגאַי, סעפּטעמבער 16 פון 1852, שרייבט סאַרמיענטאָ:

„מיין ליבער אַלבערדי:

אייער קאָנסטיטוציע איז אַ מאָנומענט: דאָס זענט איר דער אידעאַלער געזעצגעבער אונטער די פאָרמען פון דער וויסנשאַפט.

אייער קאָנסטיטוציע איז אונדזער פאָן, אונדזער סימבאָל. אַזוי ווערט זי אָנגענומען אין דער אַרגענטינער רעפּובליק. איך גלייב אַז אייער בוך ב אַ ז ע ס וועט אויסאיבן אַ נוצלעכע ווירקונג.

עס איז מעגלעך, אַז אייער קאָנסטיטוציע זאָל זיין אָנגענומען; עס איז אויך מעגלעך, זי זאָל געענדערט ווערן, אַרומגעשניטן ווערן; אָבער די פעלקער וועלן דורך דעם אָפּגעשאַפטן אָדער געענדערטן זען דעם גייסט וואָס פירט עס: אייער בוך וועט דעריבער זיין די אַרגענטינער צען געבאָט: די פאָן פון אַלע האַרציקע מענטשן.

דאָמינגאָ פ. סאַרמיענטאָ"

קאַפּיטל XII

די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג פון 1853 אין סאַנטאַ פע

די קאָנסטיטוציע, ווי סאַרמיענטאָ רופט אָן אַלבערדיס „באַזעס", איז טאַקע געוואָרן די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, ווייל די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פון לאַנד, וואָס איז פאַרגעקומען אין סאַנטאַ פע, אין יאָר 1853, האָט איר אָנגענומען; עס האָבן איר אָנגענומען, ווי דאָס דערקלערט זיך אינעם פּרעאַמבול פון דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע: „די רעפּרעזענטאַנטן פונעם פאָלק פון דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע, פאַרזאַמלט אויף אַן אַלגעמיינעם קאָנגרעס דורך דעם ווילן און וואַלן פון די פּראָווינצן, וואָס בילדן די קאָנפעדעראַציע, צו דערפילן שוין עקזיסטירנדיקע פּאַקטן און מיטן צוועק צו קאָנסטיטואירן די נאַציאָנאַלע אייניקייט, באַפעסטיקן די גערעכטיקייט, קאָנסאָלידירן דעם אינערלעכן פרידן, פאַרזיכערן די געמיינזאַמע פאַרטיידיקונג, שאַפן אַלגעמיינעם וווילזיין און פאַרזיכערן דאָס גוטס פון דער פרייהייט פאַר אונדז, פאַר אונדזער נאָכקום און פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט, וואָס וועלן וווינען אין אַרגענטינע".

און ווייל דער מלוכה־שעף אין יענעם מאָמענט האָט, אויספאָלגנדיק זיינע רעכטן און פליכטן, דעקרעטירט:

„אַרטיקל 1. — זאָל מען האַלטן פאַרן גרונט־געזעץ איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע די אָנגענומענע פעדעראַלע קאָנסטיטוציע פונעם קאָנסטיטואירנדן קאָנגרעס אין דעם ערשטן טאָג פונעם איצטיקן חודש מאַי אין דער שטאָט סאַנטאַ פע.

אַרטיקל 2. — זאָל מען איר אָפּדרוקן און צעטיילן צו די פּראָווינציעלע רעגירונגען, זי זאָל פּראָקלאַמירט ווערן און איינגעשווירן ווערן אויטענטיש אויף עפנטלעכע אַקטן.

דערקלערט אין סאַן כאָסע דע פלאָרעס, פינף און צוואַנציק טעג פון חודש מאַי פון טויזנט אַכט הונדערט פופציק דריי.

כוסטאָ כ. דע אורקיסאַ."

עס לעבט דער מאַי־גייסט אין דער אָנגענומענער, דעקרעטירטער און איינגעפירטער קאָנסטיטוציע, וואָס וועט דאָ איבערגעגעבן ווערן; עס לעבן אין איר די געדאַנקען, די סאָציאַלע פּרינציפּן, אידעאַלן און דאָס מלוכה־פּראָגראַם פון דער מאַי־אַסאָציאַציע; עס לאָזן זיך הערן די „סימבאָלישע

ווערטער" פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט און די סאָציאַלע, דעמאָקראַטישע און עטישע אידעען פון עסטעבאַן עטשעוועריא, צוזאַמענגענומען אין זיין „דאָגמאַ סאָסיאַליסטאַ"; עס פלאַטערן איבער די שורות פון דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע די נשמות פון די רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער און עס שיינט אַרויס דער מוט און די גלאָריע פון די קעמפער פאַר אַ פרייער, שיינער און גערעכטער געזעלשאַפט, וואָס איז סאָציאַליזם, אַלציינס ווי אַזוי מען זאָל דאָס אָנרופן.

די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, איז דעריבער יונג אין אירע איבער הונדערט יאָר; איז אַקטועל אין 1955, ווען די שורות ווערן געשריבן און אַ סך נאָך נישט רעאַליזירטע סאָציאַלע שטרעבונגען געפינען זיך אין איר.

די קאָנסטיטוציע איז אָבער פאַר אַלץ דאָס רעאַלע סאָציאַלע ווערק פון ד אַ אין דעם באַשטימטן לאַנד, אויף דער און דער טייל פון דעם באַשטימטן קאָנטינענט מיט אַזאַ און אַזאַ געאָגראַפיע, קלימאַט און דעמאָגראַפיע און די קאָנסטיטוציע, וויפל מאָרגן זי זאָל נישט האָבן אין זיך, איז אָבער פאַר אַלץ דאָס ווערק פון ה יי נ ט, פון די טעג און פון די יאָרן, ווען זי איז געשריבן געוואָרן און ווען זי איז באַהאַנדלט געוואָרן און ווען זי איז אָנגענומען געוואָרן — לעגאַל, אויפן גרונט פון רעאַלע עקזיסטענצן, מאַטעריעלע און גייסטיקע; קולטורעלע און מאָראַלישע; אינטערעסן און באַדערפענישן, וואָס אין גאַנג פון די צייטן קענען זיי געענדערט ווערן, ווי דאָס ווערט טאַקע פאָרגעזען און אָנערקענט פון אונדזער קאָנסטיטוציע און דערפאַר נעמט זי אָן זאַכן, וואָס אין אַ הונדערט יאָר אַרום איז קוים צו פאַרשטיין פאַרוואָס מען האָט זיי אָנגענומען, מחמת זיי זעען אויס צו זיין אין סתירה צום גייסט פון דער קאָנסטיטוציע.

אַלבערדי — דער מחבר פון אונדזער קאָנסטיטוציע, וואָס מ'האָט איינציקע מאָל רעפאָרמירט און וואָס בלייבט דאָך דער עיקר די זעלביקע קאָנסטיטוציע פון 1853 (די רעפאָרמען זענען אייגנטלעך נישט מער ווי צייטמעסיקע צוגאָבן) — האָט אין זיין בוך „באַזעס" באַגרינדעט יעדן פונקט פון זיין קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, וואָס איז מיט קליינע פאָרמעלע ענדערונגען די קאָנסטיטוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן.

שרייבט, אַלבערדי אין דעם 18טן פון זיינע 37 באַגרינדונגען, אַז —

„אין דער מידבר, אינמיטן פון די ימים, אין אָנהייב פון אומבאַקאַנטע וועגן און פון די גרויסע אומזיכערע אונטערנעמונגען פון לעבן, נויטיקט זיך דער מענטש צו שטיצן זיך אויף גאָט.

„די רעליגיע דאַרף זיין היינט, אַזוי ווי אין 16טן יאָרהונדערט, דאָס ערשטע פון אונדזערע פונדאַמענטאַלע געזעצן.

„אין דער דאָזיקער פּאָליטישער שריפט וועט זי נאָר געזען זיין ווי אַ

שפרונג־פעדער אויפן סאָציאַלן געביט; ווי אַ מיטל פון פּאָליטישער אָרגאַני־זאַציע.

„אָבער אויפן דאָזיקן פּונקט אַזוי ווי אויף אַ סך אַנדערע דאַרף זיך אונ־דזער מאָדערנע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט אָפּטיילן פונעם קאָלאָניאַלן.

„דאָס קאָלאָניאַלע רעכט איז געווען אויסשליסלעך אין רעליגיע, ווי אין האַנדל, אין באַפעלקערן, אין דער אינדוסטריע אאַז״וו.

„אָבער אונדזער מאָדערנע אַמעריקאַנישע פּאָליטיק, וואָס אנשטאָט אויסשליסן, דאַרף זי זען צוצוציען, איינצושליסן, וועט נישט קענען צוריק־שטעלן דעם קאָלאָניאַלן סיסטעם פון אויסשליסן אַנדערע קולטן, נישט צו שע־דיקן די אויפגאַבן און די צילן פונעם נייעם אַמעריקאַנישן רעזשים. ער דאַרף פּראָטעזשירן די רעליגיע פון אונדזערע אבות, ווי אַן ערשטע באַדערפעניש פאַר אונדזער פּאָליטישער און סאָציאַלער אָרדענונג; אָבער פּראָטעזשירן איר דורך פ ר י י ה י י ט, דורך ט אָ ל ע ר אַ נ ץ און דורך אַלץ וואָס איז אייגן דעם ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ן רעזשים״.

***

קאָנסטיטוציע פון דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע

סאַנקציאָנירט אין 1853

דעקלאַראַציע

מיר, די רעפּרעזענטאַנטן פון פאָלק פון דער אַרגענטינער קאָנפע־דעראַציע, פאַרזאַמלט אויף אַן אַלגעמיינעם קאָנסטיטואירונגס קאָנגרעס מיט דעם ווילן און דערוויילונג פון די פּראָווינצן, וואָס בילדן זי, אויספאָלגנדיק פון פריער פאַראַנענע אָפּמאַכן מיט דעם צוועק צו בילדן די נאַציאָנאַלע איינהייט; באַקרעפטיקן די גערעכטיקייט; באַ־פעסטיקן דעם אינערלעכן פרידן; באַזאָרגן די געמיינזאַמע פאַרטיי־דיקונג און פאַרזיכערן דעם נוצן פון דער פרייהייט פאַר אונדז, פאַר אונדזער נאָכקום און פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט, וואָס וועלן וווינען אין אַרגענטינע, אָנרופנדיק דעם שוץ פון גאָט — דער קוואַל פון יעדן רעכט און גערעכטיקייט — פאַראָרדענען מיר, דעקרעטירן מיר און מיר שטעלן פעסט די דאָזיקע קאָנסטיטוציע פאַר דער אַרגענ־טינער קאָנפעדעראַציע.

ערשטע טייל

איינציקער קאַפּיטל

דעקלאַראַציעס, רעכטן און גאַראַנטיעס

אַרטיקל 1. — די אַרגענטינער נאַציאָן נעמט אָן פאַר איר רעגירונג די פעדעראַל־רעפּובליקאַנישע רעפּרעזענטאַטיווע פאָרם, ווי דאָס ווערט ווייטער פעסטגעשטעלט.

אַרטיקל 2. — די פעדעראַלע רעגירונג שטיצט דעם רוימיש־אַפּאָסטאָליש־קאַטוילישן קולט.

אַרטיקל 3. — די אויטאָריטעטן, וואָס פירן אָן מיט דער פעדעראַלער רעגירונג וווינען אין דער שטאָט בוענאָס איירעס, וואָס ווערט דערקלערט אַלס הויפּטשטאָט פון דער קאָנפעדעראַציע דורך אַ באַזונדערן געזעץ.

אַרטיקל 4. — די פעדעראַלע רעגירונג באַזאָרגט די אויסגאַבן פון לאַנד מיט די געלטער פון דער מלוכה־קאַסע, וואָס ווערן געשאַפן פון אָפּצאָל אויף אימפּאָרט און עקספּאָרט; פון פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען לענדערייען פון מלוכהשן אייגנטום; פון דער פאָסט און פון אַנדערע הכנסות, וואָס דער פּאַרלאַמענט וועט באַשטימען, אויך פון הלוואות און קרעדיטן, וואָס דער זעלביקער פּאַרלאַמענט וועט באַשטימען פאַר די באַדערפעונישן פון דער מלוכה, אָדער צוליב אונטערנעמונגען פון מלוכהשן נוצן.

אַרטיקל 5. — יעדע קאָנפעדערירטע פּראָווינץ וועט דיקטירן פאַר זיך אַ קאָנסטיטוציע אונטערן רעפּרעזענטאַטיוון רעפּובליקאַנישן סיסטעם אין הסכם מיט די פּרינציפּן, דעקלאַראַציעס און גאַראַנטיעס פון דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע, וואָס זאָל פאַרזיכערן איר געריכט־אַדמיניסטראַציע, איר מוניציפּאַלן רעזשים און די עלעמענטאַרע אומבאַצאָלטע בילדונג.

די פּראָווינציעלע רעגירונגס־קאָנסטיטוציעס וועלן רעווידירט ווערן פון פּאַרלאַמענט איידער זיי וועלן דערקלערט ווערן אין קראַפט. אונטער די דאָזיקע באַדינגונגען גאַראַנטירט די פעדעראַלע רעגירונג יעדער פּראָווינץ די אָנווענדונג און דעם גענוס פון אירע אינסטיטוציעס.

אַרטיקל 6. — די פעדעראַלע רעגירונג אינטערווענירט אין דער טעריטאָריע פון וועלכער עס איז פּראָווינץ צוריקצושטעלן די עפנטלע־

כע אָרדענונג, געשטערט פֿון אַן אױפֿשטאַנד, אָדער באַדראָט פֿון אַן אױסערלעכער אַטאַקע.

אַרטיקל 7. — עפֿנטלעכע אַקטן און יורידישע פּראָצעדורן פֿון איין פּראָװינץ גענוסן דעם פֿולן צוטרוי אין די אַנדערע פּראָװינצן. דער פּאַרלאַמענט קען דורך אַלגעמײנע געזעצן באַשטימען דעם אופֿן פֿון דערקענען די אַקטן און פּראָצעדורן און זײערע לעגאַלע עפֿעקטן.

אַרטיקל 8. — די בירגער פֿון װעלכער עס איז פּראָװינץ גענוסן אַלע רעכטן, פּריװילעגיעס און אומבאַריערלעכקײטן, װאָס זענען פֿאַרבונדן מיטן טיטל בירגער אין אַלע איבעריקע פּראָװינצן. דאָס אַרױסגעבן פֿאַרברעכער איז אַ קעגנזײטיקע פֿליכט צװישן אַלע פּראָװינצן.

אַרטיקל 9. — אױף דער גאַנצער טעריטאָריע פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע װעט נישט זײן קײן אַנדערע צאָלאַמטן װי נאָר די נאַציאָנאַלע. דער פּאַרלאַמענט װעט באַשטימען די טאַריפֿן.

אַרטיקל 10. — אין אינערן פֿון דער רעפּובליק איז פֿרײ פֿון אָפּצאָל די צירקולאַציע פֿון זאַכן, װאָס װאַקסן, אָדער װערן פֿאַבריצירט אין לאַנד, װי אױך אַלערלײ שטאָפֿן און סחורות, װאָס זענען דורכגעגאַנגען די דרױסנדיקע צאָל־אַמטן.

אַרטיקל 11. — די אַרטיקלען פֿון אינלענדישער אָדער אױסלענדישער פּראָדוקציע, אָדער פֿאַבריקאַציע, װי אױך יעדער מין פֿי, װאָס גײט דורך דעם לאַנד פֿון איין פּראָװינץ אין דער צװײטער, װעלן זײן פֿרײ פֿון דעם אַזױ גערופֿענעם טראַנזיט־אָפּצאָל און עס װעלן דערפֿון אױך פֿרײ זײן די װעגענער, שיפֿן אָדער לאַסט־בהמות, װאָס װעלן זײ פֿירן און קײן שום אַנדער אָפּצאָל װעט פֿון איצט אָן נישט טאָרן אױף זײ אַרױפֿגעלײגט װערן פֿאַרן דורכגײן דאָס לאַנד.

אַרטיקל 12. — די שיפֿן װאָס זענען באַשטימט צו גײן פֿון איין פּראָװינץ אין דער צװײטער װעלן נישט זײן געצװוּנגען אַרײנצוגײן אין פּאָרט, פֿאַראַנקערן און אָפּצאָלן פֿאַר טראַנזיט און עס טאָר אין קײן פֿאַל נישט געגעבן װערן פֿאַרצוג איין פּאָרט קעגן אַ צװײטן מיט דער הילף פֿון האַנדלס־רעגלען, אָדער געזעצן.

אַרטיקל 13. — עס װעלן קאָנען אָנגענומען װערן נײַע פּראָװינצן אין דער קאָנפֿעדעראַציע; עס װעט אָבער נישט טאָרן געמאַכט װערן אַ פּראָװינץ אױף דער טעריטאָריע פֿון אַן אַנדערער, אָדער אַנדערע און עס װעט אױך נישט טאָרן געמאַכט װערן פֿון עטלעכע פּראָװינצן אײנע אָן די צושטימונגען פֿון די לעגיסלאַטורן פֿון די פֿאַראינטערעסירטע פּראָװינצן און פֿונעם נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט.

אַרטיקל 14. — אַלע באַוווינער פֿונעם לאַנד געניסן פֿאָלגנדע רעכטן, אין הסכם מיט די געזעצן וואָס וועלן ריכטן זייער אָנווענדונג: דאָס זענען: אַרבעטן און פּראַקטיצירן יעדע לעגאַלע אינדוסטריע; רייזן אויפֿן וואַסער און האַנדלען; זיך ווענדן מיט פּעטיציעס צו דער מאַכט; אַריינקומען, פֿאַרבלייבן, דורכפֿאָרן און אַרויספֿאָרן פֿון דער אַרגענטינישער טעריטאָריע; פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע אידעען דורך דער פּרעסע אָן אַ פּאָרויסיקער צענזור; זיך באַנוצן מיט זייער אייגנטום און דאָס אויסנוצן; זיך פֿאַראייניקן צוליב נוצלעכע צוועקן; דינען פֿריי זייער קולטן אונטעררריכטן און זיך לערנען.

אַרטיקל 15. — אין דער אַרגענטינישער קאָנפֿעדעראַציע איז נישטאָ קיין שקלאַפֿן. די ווינציקע וואָס זענען פֿאַראַן, בלייבן פֿריי נאָכן שווערן פֿאַר דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע; און אַ באַזונדער געזעץ וועט רעגלען די אַנטשעדיקונג וואָס די דערקלערונג וועט פֿאַראורזאַכן. יעדער מין קאָנטראַקט צו קויפֿן און פֿאַרקויפֿן מענטשן איז אַ פֿאַרברעכן פֿאַר וועלכן עס וועלן זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך די, וואָס שליסן אים און דער נאָטאַריוס אָדער באַאַמטער וואָס וועלן אים אויטאָריזירן. און די שקלאַפֿן וואָס וועלן אויף וועלכן עס איז אופֿן אַריינגעפֿירט ווערן, בלייבן פֿריי מיט דעם בלויזן פֿאַקט פֿון באַטרעטן די טעריטאָריע פֿון דער רעפּובליק.

אַרטיקל 16. — די אַרגענטינישע קאָנפֿעדעראַציע אָנערקענט נישט קיין פֿאָרצוגלעכע רעכט פֿון יחוסדיקן בלוט אָדער געבורט: נישטאָ אין איר קיין פּערזענלעכע פּריווילעגיעס און קיין אַדל־טיטלען. אַלע אירע באַוווינער זענען גלייך פֿאַרן געזעץ און ווערן אָנגענומען אויף אַמטן אָן אַ שום אַנדערן באַדינג אַחוץ זייער טויגן. די גלייכהייט איז די באַזע פֿונעם שטייער און פֿון די מלוכה־לאַסטן.

אַרטיקל 17. — דאָס אייגנטום איז אומבאַרירבאַר און קיין שום איינוווינער פֿון דער קאָנפֿעדעראַציע קען נישט באַרויבט ווערן דערפֿון, סיידן לויט אַ געזעצלעך באַגרינדעטן אורטייל. די עקספּראָפּיאַציע צוליב אַלגעמיינעם נוצן דאַרף זיין קוואַליפֿיצירט פֿון אַ געזעץ און פֿריער אַנטשעדיקט. בלויז דער פּאַרלאַמענט לייגט אַרויף די שטייערן וועגן וועלכע עס רעדט זיך אינעם אַרטיקל 4. קיין שום פּערזענלעכער דינסט קען נישט געפֿאָדערט ווערן ווי נאָר לויטן געזעץ אָדער לויט אַ געזעצלעך באַגרינדעטן אורטייל. יעדער פֿאַרפֿאַסער אָדער דערפֿינדער איז דער אויסשליסלעכער אייגנטימער פֿון זיין ווערק, דערפֿינדונג אָדער אַנטדעקונג אויף דעם משך וואָס דאָס געזעץ וועט אים באַשטימען. די קאָנפֿיסקאַציע פֿון גיטער בלייבט אויף אייביק אויסגעמעקט פֿונעם

אַרגענטינישן שטראַף־קאָדעקס. קיין שום באַוואָפנטע קערפּערשאַפט טאָר נישט מאַכן קיין רעקוויזיציעס און נישט פאָדערן קיין הילף פון וועלכן עס איז מין.

אַרטיקל 18. — קיין שום איינוווינער פון דער קאָנפעדעראַציע טאָר נישט באַשטראָפט ווערן אָן אַ פאָרויסיקן אורטייל באַגרינדעט אויף געזעצן פון פאַר דעם פּראָצעסירטן טאַט און אויך נישט געמשפּט ווערן פון ספּעציעלע קאָמיסיעס אָדער אַרויסגענומען פון די ריכטער, באַשטימטע דורכן געזעץ איידער דער פּראָצעסירטער טאַט איז באַגאַנגען געוואָרן. קיינער טאָר נישט ווערן געצוווּנגען צו געבן אַ דעקלאַראַציע קעגן זיך אַליין; אויך נישט אַרעסטירט ווערן, ווי נאָר אויף אַ גשריבענעם באַפעל פון דער קאָמפּעטענטער מאַכט. עס איז אומבאַרירלעך די פאַרטיידיקונג פון דער פּערזאָן און פון די רעכטן אין געריכט. די וווינונג איז אומבאַרירלעך, ווי אויך די בריוולעכע קאָרעספּאָנדענץ און די פּריוואַטע פּאַפּירן; און אַ געזעץ וועט באַשטימען אין וועלכע פאַלן און מיט וועלכער באַרעכטיקונג מען וועט קענען די וווינונג באַפאַלן און באַזעצן. עס בלייבן אויף שטענדיק אָפּגעשאַפט דער טויט־שטראָף פאַר פּאָליטישע אורזאַכן, יעדער מין פּייני־קונג און שמייס, די מעסער און שפּיז עקזעקוציע. די תפיסות פון דער קאָנפעדעראַציע וועלן זיין געזונטע און ריינע, צוליב דער זיכערקייט און נישט צוליב דער שטראָף פון די פאַרברעכער, וואָס ווערן אין זיי געהאַלטן; און יעדער מאָסמיטל, וואָס וועט מיט דעם אויסרייד פון פאָרזיכטיקייט, פירן זיי צו פּייניקן מער ווי דאָס פאָדערט, וועט פאַר־אַנטוואָרטלעך מאַכן דעם ריכטער וואָס וועט דאָס מיטל אויטאָריזירן.

אַרטיקל 19. — די פּריוואַטע מעשים פון די מענטשן, וואָס באַ־ליידיקן נישט בשום אופן די עפנטלעכע אָרדענונג און מאָראַל און שע־דיקן אויך נישט אַ דריטן, געהערן זיך אָן בלויז צו גאָט און געפינען זיך אויסער דעם רשות פון די ריכטער. קיין שום באַוווינער פון דער אַרגענטינישער קאָנפעדעראַציע וועט נישט זיין געצוווּנגען צו טאָן דאָס וואָס דאָס געזעץ הייסט נישט און אויך נישט באַרויבט ווערן דער־פון, וואָס דאָס געזעץ פאַרווערט נישט.

אַרטיקל 20. — די אויסלענדער געניסן אויף דער טעריטאָריע פון דער קאָנפעדעראַציע אַלע ציווילע בירגער־רעכטן: זיי קענען פּראַק־טיצירן זייער אינדוסטריע, האַנדל און פּראָפעסיע; באַזיצן גרונט־גי־טער, זיי קויפן און פאַרקויפן; פאָרן אויף שיפן איבער די טייכן און ים־ברעגעס; פריי פּראַקטיצירן זייער קולט; שרייבן צוואות און חתונה האָבן אין הסכם מיט די געזעצן. זיי זענען נישט געצוווּנגען אָנצו־

נעמען די בירגערשאַפט און נישט צאָלן אויסערגעוויינלעכע צוואַנג־שטייערן. זיי באַקומען בירגערשאַפט נאָך צוויי יאָר כּסדרדיקן וווינען אין לאַנד; אָבער די מאַכט קען פאַרקירצן דעם טערמין לטובת דעם וואָס בעט דאָס, אָנגעבנדיק און באַשטעטיקנדיק זיינע פאַרדינסטן פאַר דער רעפּובליק.

אַרטיקל 21. — יעדער אַרגענטינישער בירגער איז מחויב זיך צו באַוואָפענען צום שוץ פונעם פאָטערלאַנד און פון דער דאָזיקער קאָנ־סטיטוציע, אין הסכם מיט די געזעצן, וואָס דער פּאַרלאַמענט וועט צו דעם צוועק אַרויסגעבן און מיט די דעקרעטן פון דער נאַציאָנאַלער אויספירנדיקער מאַכט. די נאַטוראַליזירטע בירגער זענען פריי צו לייסטן דאָס דינסט אָדער נישט, אין משך פון צען יאָר, גערעכנט פון דעם טאָג ווען זיי האָבן באַקומען זייער בירגער־קאַרטע.

אַרטיקל 22. — דאָס פאָלק באַשליסט נישט און רעגירט נישט, ווי נאָר דורך זיינע רעפּרעזענטאַנטן, וואָס ווערן געשאַפן פון דער דאָ־זיקער קאָנסטיטוציע. יעדע באַוואָפנטע קערפּערשאַפט אָדער גרופּע פּערזאָנען, וואָס נעמט זיך דאָס רעכט פונעם פאָלק און פאָדערט אין זיין נאָמען, באַגייט אַ פאַרברעכן.

אַרטיקל 23. — אין פאַל פון אַן אינערלעכער דערשיטערונג אָדער אַ דרויסנדיקן אָנגריף וואָס וועלן שטעלן אין געפאַר די אויסאָי־בונג פון דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע און פון די מאַכטן, וואָס זי האָט געשאַפן, וועט דערקלערט ווערן אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד די פּראָ־ווינץ אָדער טעריטאָריע ווו עס איז פאַראַן די שטערונג פון דער אָרד־דענונג און עס ווערן דאָרט אָפּגעשטעלט די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַ־ראַנטיעס. אָבער בעת אָט דער אָפּגעשטעלטקייט, וועט דער מלוכה־פּרעזידענט נישט קענען אַליין פאַרמשפּטן און נישט אָנווענדן קיין שטראָף; זיין מאַכט וועט זיך באַגרעניצן אין אַזאַ פאַל, בנוגע די מענטשן, זיי צו אַרעסטירן אָדער איבערפירן פון איין פונקט אויפן צווייטן אין לאַנד, אויב זיי וועלן נישט געפינען פאַר גלייכער אַרויס־צופאָרן פון דער אַרגענטינישער טעריטאָריע.

אַרטיקל 24. — דער פּאַרלאַמענט וועט אַרויסרוקן די רעפאָרם פון די איצטיקע געזעצן אין אַלע אָפּצווייגונגען און די איינפירונג פון אַ געריכט לויט געשווירענע.

אַרטיקל 25. — די פעדעראַלע רעגירונג וועט אַרויסרופן די איי־ראָפּעאישע איינוואַנדערונג און וועט נישט קענען באַשרענקען, באַ־גרעניצן אָדער באַלאַסטן מיט וועלכן עס איז שטייער דאָס אַריינקומען אין אַרגענטינע פון די אויסלענדער, וואָס קומען מיט דעם ווילן צו

באַרבעטן די ערד, אויסבעסערן די אינדוסטריעס איינפירן און לערנען וויסנשאַפטן און קונסט.

אַרטיקל 26. — די נאַוויגאַציע אויף די אינעווייניקסטע טייכן פונעם לאַנד איז פריי פאַר אַלע פענער, זיי דאַרפן נאָר אויספאָלגן די רעגלען, וואָס די נאַציאָנאַלע אויטאָריטעט וועט אַרויסגעבן.

אַרטיקל. — די פעדעראַלע רעגירונג איז מחויב צו באַפעסטיקן אירע פרידנס און האַנדלס־באַציאונגען מיט די אויסלענדישע מלוכות, דורך אָפּמאַכן וואָס זאָלן זיין אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון עפנטלעכן רעכט וואָס זענען אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע פעסטגעשטעלט.

אַרטיקל 28. — די פּרינציפּן, גאַראַנטיעס און רעכטן, אָנערקענטע אין די פריערדיקע אַרטיקלען, וועלן נישט קאָנען געענדערט ווערן פון די געזעצן, וואָס רעגלאַמענטירן זייער אָנווענדונג.

אַרטיקל 29. — דער פּאַרלאַמענט טאָר נישט געבן דער נאַציאָנאַלער רעגירונג און די פּראָווינציעלע לעגיסלאַטורן טאָרן נישט געבן די גובערנאַטאָרן אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן, נישט „די סומע פון די עפנטלעכע מאַכטן“ און נישט באַווייליקן זיי „אונטערטעניקייט“ אָדער „אויבערמאַכט“, איבער וועלכע דאָס לעבן, די ערע און דאָס פאַרמעגן פון די אַרגענטינער זאָל זיין אויסגעשטעלט אויף דעם גענאָד פון וועלכער עס איז רעגירונג אָדער פּערזאָן. אַזעלכע מעשים ברענגען מיט זיך זיכערע אַנולירונג און עס וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך די, וואָס וועלן דאָס פאָרמולירן, צושטימען אָדער אונטערשרייבן און זיי וועלן ציען אויף זיך די שטראָף אַלס שענדער און פאַררעטער פונעם פאָטערלאַנד.

אַרטיקל 30. — די דאָזיקע קאָנסטיטוציע קאָן טיילווייז אָדער אינגאַנצן רעפאָרמירט ווערן. די באַדערפעניש צו רעפאָרמירן דאַרף דערקלערט ווערן פונעם פּאַרלאַמענט נאָך אַן אָפּשטימונג און מיט די שטימען פון צוויי דריטל פון זיינע מיטגלידער; נאָר אַ ספּעציעל פאַררופענע קאָנווענץ פאַר דעם איז באַרעכטיקט צו באַהאַנדלען און אָננעמען די רעפאָרם.

אַרטיקל 31. — דאָס העכסטע געזעץ פון לאַנד איז די קאָנסטיטוציע; די געזעצן פון דער קאָנפעדעראַציע, אָנגענומען פון נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט, לויט דער קאָנסטיטוציע און די אָפּמאַכן מיט די אויסלענדישע מלוכות; די פּראָווינציעלע רעגירונגען נעמען דאָס אָן, ווען אפילו אין זייערע קאָנסטיטוציעס, אָדער אין זייערע געזעצן געפינט זיך עפּעס אין סתירה צו דעם.

שפּעטערע צוגאָבן

אַרטיקל 1. — דער פעדעראַלער פּאַרלאַמענט וועט נישט אָננעמען קיין געזעץ וואָס זאָל באַשרענקען די פרייהייט פון דרוק.

אַרטיקל 2. — די דעקלאַראַציעס פון רעכטן און גאַראַנטיעס, וואָס די קאָנסטיטוציע רעכנט אויס, זאָלן נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ נעגאַציע צו אַנדערע רעכטן און גאַראַנטיעס נישט אויסגערעכנטע, אָבער וואָס דרינגען אַרויס פונעם פּרינציפּ פון פאָלקס סוווערעניטעט און פון דעם רעפּובליקאַנישן רעגירונגס־רעזשים.

אַרטיקל 3. — די ריכטער פון די פעדעראַלע טריבונאַלן טאָרן נישט זיין אין דער זעלבער צייט ריכטער פון די פּראָווינציעלע געריכטן.

אַרטיקל 4. — די אָנגענומענע לאַנד־נעמען, זינט 1810, ווי „פאַרייניקטע פּראָווינצן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ", „אַרגענטינער רעפּובליק" און „אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע", וועלן אויך ווייטער זיין אָפיציעלע נעמען ביים אָנרופן אַ פּראָווינציעלע טעריטאָריע און רעגירונג; עס זאָלן אָבער באַנוצט ווערן די ווערטער „אַרגענטינער נאַציע" ביי דער פאָרמאַציע און סאַנקציע פון געזעצן.

***

דאָ איז איבערגעגעבן טעקסטועל און דאָקומענטאַל די ערשטע טייל פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון אַלבערדי, בעת ער האָט זיך געפונען אין אויסלאַנד, ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, אייבער דעם טאָטאַליטאַריש־דיקטאַטאָרישן רעזשים אין אַרגענטינע פון מאַנועל ראָסאַס און וואָס די דעפּוטאַטן פון דער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג אין סאַנטאַ פע האָבן אָנגענומען אין 1טן מאַי פון 1853.

עס איז די פּרינציפּיעלע, די סאָציאַלע, די פּאָליטישע און די אידעאַלע טייל פון דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, וואָס מיר זענען אויסן געווען צו עקספּאָנירן און מיט וואָס אַרגענטינע איז איבערגעגאַנגען פון איר ערשטן, העראָאישן, רעוואָלוציאָנערן און בלוטיקן האַלבן יאָרהונדערט, צו איר קאָנסטיטוציאָנעלן, קאָנסאָלידאַרישן, פרידלעכן און אָרגאַניזירטן צווייטן האַלבן יאָרהונדערט.

קאַפּיטל XIII

סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעטראָספּעקטיוו

1. — מאַריאַנאַ מאַרענאָס עקאָנאָמישע פּאָליטיק

סאָציאַליזם איז שטענדיק מער אַ מאָראַלישער ענין ווי אַ מאַטעריאַ־ליסטישער; מער אַ עטישע זאַך, איידער אַ עקאָנאָמישע. אַט רופט זיך דער ראַטנפאַרבאַנד — די מלוכה וואָס איז אויפגעקומען אויפן שטח פון דער אימפּעריע פון צאַרישן רוסלאַנד — „סאָציאַליסטישע רעפּובליקן"; די דאָ־זיקע מלוכה — אַ דיקטאַטאָרישע, אַ טאָטאַליטאַרישע — רופט זיך סאָציאַ־ליסטישע אויפן גרונט פון דעם, וואָס זי האָט סאָציאַליזירט, אָדער פאַר־שטאַטלעכט דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל; די גרויסע פּריוואַט־אייגנטומען, די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, די רוי־מאַטעריאַלן, דעם טראַנספּאָרט, דעם פאַרקער, די קאָמוניקאַציע, דעם האַנדל, די אינדוסטריע — און דאָך איז אין ראַטנפאַר־באַנד ווייניקער סאָציאַליזם איידער אין די פּראָגרעסיווע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אויף וויפיל אין זיי איז דאָ פרייהייט, מענטשן־רעכט און גערעכטי־קייט, אָדער די אַלע עטיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין די באַגריפן פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע און וואָס קאָנען נישט צוזאַמענ־לעבן מיט קיין דיקטאַטור און מיט קיין טאָטאַליטאַריזם.

אָבער די אומבאַדינגטע עטישע ווערטן פון סאָציאַליזם אָן וואָס עס איז קיין סאָציאַליזם נישטאָ, אפילו אויך נישט דאָרט, וווּ דער עקאָנאָמישער־מאַ־טעריאַליסטישער סאָציאַליזם ווערט רעאַליזירט אויף גאַנצע הונדערט פּראָ־צענט (מער אָדער ווייניקער קומט פאַר אַ עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישע סאָ־ציאַליזאַציע אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער), שליסן נישט אויס, איגנאָ־רירן נישט, נאָר רעספּעקטירן און אָנערקענען די עקאָנאָמישע ראָלע פאַרן סאָציאַליזם אין די היסטאָרישע געשעענישן; אין רעוואָלוציע ווי אין עוואָ־לוציע און אין דעם גאַנג פון סאָציאַלן לעבן.

די מענטשן וואָס האָבן דורכגעפירט די אַרגענטינער מאַי־רעוואָלוציע זענען געווען אינספּירירט פון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען און אידעאַלן אין דער וועלט, אַזוי ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט איר אוניווערסאַלן געדאַנק און אָפּקלאַנג. עס האָט אָבער אויך געשפּילט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע ראָל דער מאַטע־

ריאַליסטישער אינטערעס און דער עקאָנאָמישער מאָטיוו. נאָר אויב עס זענען געווען פאַרשידענע מאַטעריאַליסטישע אינטערעסן, אפילו קעגנזעצלעכע איינע קעגן די אַנדערע און אויב עס זענען געווען פאַרשידענע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, סיבות, טרייבקרעפטן, איז אויסגעקומען צו שפּילן די הויפּט־ראָלע און מיט דערפאָלג יענער מאַטעריאַליסטישער אינטערעס איינעם מיט יענעם עקאָנאָמישן מאָטיוו, וואָס איז אויך געווען דער מער סאָציאַל גע־רעכטלעכער און לטובֿות דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אַזאַ מאַטעריאַליסטיש־עקאָנאָמישער אינטערעס אין אַרגענטינע פאַר דער מאַי־רעוואָלוציע אין די ערשטע יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז גע־ווען אין דער פרייהייט פון האַנדל בכלל און אין דעם האַנדל מיט אויסלאַנד בפרט.

דער שפּאַנישער קאָלאָניאַליזם האָט פאַרווערט דעם פרייען האַנדל. דאָס האָט געשאַפן אַ שטענדיקן עקאָנאָמישן קריזיס, געשטערט די ווירטשאַפט־לעכע אַנטוויקלונג, די ציוויליזאַציע און די קולטור.

אָבער נאָך צוויי הונדערט און פופציק יאָר אונטערן דרוק פונעם ערגסטן קאָלאָניאַליזם, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר פרייען האַנדל; פאַר אָפענע טירן; פאַר אַ נויטיקן אויסטויש פון פּראָדוקטן, מאַטעריאַלן און רייכ־טום.

די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס אין אַרגענטינע איז זי געווען פון די גרונט־באַזיצער: הויפּטזאַכלעך פּי־אייגנטימער, אַגראַריער, האָט זיך אפילו אָנגע־טראָפן אויף אַ קעגנערשאַפט מיצד אַ קאָמערציעלן סעקטאָר פון דער גע־זעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשאַפן זיינע עקאָנאָמישע אינטערעסן — אויס־געקרימטע, אומלעגאַלע, אָבער קרעפטיקע, טאַקע אויפן באָדן פונעם דאָזיקן קאָלאָניאַליסטישן טאָטאַליטאַריזם; דאָס איז געווען דער איינגעשטעלטער קאָנטראַבאַנדע־האַנדל.

מאַריאַנאָ מאָרענאָ, אויך אַ סאָציאַליסטיש אינספּירירטער, האָט זיך געשטעלט בראש פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג פאַר פרייען האַנדל. עס איז היסטאָריש זיין לעגאַט — די שריפט וואָס מאָרענאָ אַלס אַדוואָקאַט פון די גוטבאַזיצער, האָט אין זייער רעפּרעזענטאַנץ פּרעזענטירט און פאַרטיי־דיקט פאַרן וויצע־קיניג סיסנעראָס — דער פאַרטרעטער פון שפּאַנישן קיניג פאַרן ווירײַנאַט פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ און די רעגירונג אין דער פּערזענלע־כער געשטאַלט פון אַליין־הערשער.

„די איינציקע, וואָס וועלן ליידן פונעם פרייען האַנדל וועלן זיין: ערשטנס: דער שווונג פון דער קאָנטראַבאַנדע, ווייל קיינער וועט זיך נישט וועלן איינשטעלן, אויב עס וועט עפנטלעך פאַרזיכערט זיין דער אימפּאָרט. צווייטנס: די פאַרבאָרגענע אַריינפירער, וואָס רופן זיך קאָנטראַבאַנדיסטן,

וועלן פֿאַרלירן דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן לעבן און וועלן מוזן נעמען אין האַנט אַ ביקס אָדער אַ נאָדל. דריטנס: וועלן זיך נישט נויטיקן אַזויפֿיל וועכטער און זיי וועלן נישט האָבן אַזויפֿיל עקסטרע פֿאַרדינסטן. פֿערטנס: די סוב־דעלעגאַטן און די אַנדערע באַטייליקטע אינעם פּאַקן די קאָנטראַבאַנד־סחורות וועלן בלייבן באַעוולט. פֿופֿטנס: עס וועט פֿאַלן דער מיליטערישער גייסט אָן די כסדרדיקע שלאַכטן פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטן. זעקסטנס: די תּפֿיסות וועלן נישט זיין אַזוי פֿיל, אויב עס וועלן נישט זיין אַזוי פֿיל באַשווינדלער אין זיי אַריינצוזעצן" — איראָניזירט מאָרענאָ וועגן דער „שעדלעכקייט" פֿאַרן לאַנד אויף וואָס עס האָבן אָנגעוויזן די קעגנער פֿונעם געפֿאָדערטן פֿרייען האַנדל, שרייבנדיק וועגן אימפּאָרט. און אין שייכות עקספּאָרט שרייבט מאָרענאָ:

„אונדזער אַגריקולטור, ווי זי וואָלט זיך דאָס צעבליט ביי אָפֿענע טירן מיט דער אויסזיכט צו עקספּאָרטירן אַלע עקספּאָרטירבאַרע פּרוכטן, וואָס דאָס פֿאַרשפּרעכט דעם אַרבעטס־מענטש אַ פֿאַרדינסטלעכן פֿאַרקויף. די וואָס הייבן איצט אָן מיט מורא אָן אַרבעט דורך דער אומזיכערקייט פֿון פֿאַרקויף, וועלן דאַן אַרבעטן מיט חשק, וואָס אינספּירירט אַ זיכערקייט פֿון פֿאַרדינסט און האָבנדיק שטענדיק אין זינען דעם ווערט פֿון דער פּראָדוקציע דורך דעם בלויז, וואָס עס מאַכט איר עקספּאָרט, וועט מען מאַכן חשבונות, באַגרינדעטע אויף קאָסטבאַרע אַרבעט און אין דער זעלביקער צייט וועט עס שאַפֿן פֿאַרמעגן די קולטיוווירער און אַ סך הכנסה דער רעגירונג".

מאָרענאָ עקספּאָנירט אין זיין שריפֿט פֿאַרן ווירריי סיסנעראָס געדאַנקען און טעאָריעס וועגן רייכטום, סחורות, געלט, קאָנקורענץ און אַנדערע עקאָנאָמישע ווערטן און קאָנקרעטיזירנדיק, שרייבט ער: „דעם באַלדיקן אינטערעס, וואָס עס האָבן מיינע רעפּרעזענטירטע איז: מען זאָל נישט שטערן די רעאַליזאַציע פֿון אַ פּלאַן, וואָס קאָן זיי אַרויסנעמען פֿון דער שטענדיקער נויט; וואָס האַלט זיי אין אַ רעדוצירט לעבן און מען זאָל האָבן צוטרויען צו זייער אמתער רעפּרעזענטאַנץ — אויפֿצוקלערן פֿאַר אייער עקסעלענץ וועגן די מיטלען, וואָס זאָלן דינען דער פּראָספּעריטעט פֿונעם לאַנד און די מלוכה קאַסע".

מאָרענאָ שילדערט די געדריקטע לאַגע פֿון די אַרבעטס־מאַסן, פֿון דער באַפֿעלקערונג ביכלל און פֿון די מלוכה־פֿינאַנצן אונטער די פֿאַרמאַכטע טירן און איבערגייענדיק צו אַ פּערספּעקטיווע אויפֿלעבונג ביי אָפֿענע טירן, שרייבט ער: „ביי דער פֿרייהייט פֿון עקספּאָרט וועט גיך קומען אַן אויפֿלעבונג, וואָס שטעלנדיק אין באַוועגונג די אָפּגעלייגטע פּראָדוקציע, וועט דאָס באַוועקן די נייע פּראָדוקטן און העכערנדיק די אַרבעטן צוליב די בעסערע

פאַרדינטסטן אַ דאַנק דער קאָנקורענץ פון די אָפּנעמער, וועט אויפבליען די אַגריקולטור".

ווירריי סיסנעראָס האָט נאָכגעגעבן... צו שטעלן זיך אין האַנדלס־באַציאונגען מיט ענגלאַנד, אָבער דאָס איז שוין געווען ווייניק דאַן אין סוף 1809, ערב דער מאַי־רעוואָלוציע.

2. — סאַן מאַרטין — דער באַפרייער

די מאַי־רעוואָלוציע וואָס איז פאַרגעקומען אָן בלוטפאַרגיסונג (ביז דער באַוואָפנטער רעאַקציע און בלוטיקער קאָנטר־רעוואָלוציע) האָט געעפנט די טירן פאַרן האַנדל, פאַר עקאָנאָמישע באַציאונגען ביכלל מיט דער גאַנצער וועלט און נישט נאָר פאַר עקאָנאָמישע באַציאונגען, האָט נישט געוויזן קיין ניסים. דער פרייער האַנדל, אָדער די פרייהייט פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג האָט געגעבן שאַנסן, מעגלעכקייטן, פערספעקטיוון און זי האָט געוויזן ווי פרימיטיוו און נישטיק עס איז די עקאָנאָמיע, וואָס איז געבליבן פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע. אַביסל פעל און פעטס פון בהמות, וועמענס פלייש מען האָט איבערגעלאָזט אויף די וויסטע פעלדער, איז געווען די גאַנצע עקאָנאָמישע באַזע פון לאַנד. מען האָט געדאַרפט אָנהייבן אַן עקאָנאָמיש לעבן פון אָנהייב אָן און דאָס איז געוואַלדיק שווער, אויב נישט אוממעגלעך אָן רו, אָן פרידן, אָן אַ קאָנסאָלידאַציע אין צייט פון רעוואָלוציע.

דער בירגער־קריג, אָדער דער קריג צווישן דער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך צעטיילט אין סאָציאַל־פּאָליטישע קעגנזאַצן מיט אומצוטרוי און שנאה פאַר דער באַדערפעניש צו בויען אינגאַנצן אַ ניי לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אין ערשטן יאָר פון דער באַפרייאונג און האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון דער ראָסיסטישער דיקטאַטור אין 1852. און נישט נאָר דער קריג צווישן דער באַפעלקערונג איז געווען.

שפּאַניע, באַלד ווי עס האָט פון איר אָפּגעטראָטן די פראַנצויזישע אינוואַזיע, (וואָס האָט אומדירעקט מיטגעהאָלפן דעם זיג פון דער מאַי־רעוואָלוציע), האָט דורך דער מאָביליזאַציע און אַקציע פון אירע באַוואָפנטע קרעפטן אין דרום־אַמעריקע נישט אנערקענט די מאַי־רעוואָלוציע; נישט אנערקענט די באַפרייאונג פונעם קאָלאָניאַליזם און געזען צו באַקעמפן די נאָך נישט דערקלערטע און די שוין יאָ דערקלערטע אומאָפּהענגיקייט פון אַרגענטינע און פון אירע אַנדערע קאָלאָניעס אין אַמעריקע.

דאָס איז שפּאַניע נישט געלונגען. אין קאַמף האָבן זיך געשאַפן די באַוואָפנטע כוחות פון דער רעוואָלוציע און עס איז געפירט געוואָרן אַ מיליטערישע און סטראַטעגישע אַקציע צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציאָנערע זאַך,

ווי דאָס איז, דער עיקר, אין יענעם מאָמענט געווען די באַפרייאונג פונעם קאָלאָניאַליזם און די אומאָפּהענגיקייט.

און פונעם באַפרייאונגס־קאַמף האָבן זיך אַרויסגעשטעלט זיינע קאַפּי־טאַנען; זיינע גענעראַלן; זיינע גענیאַלע פירער — זיין סאַן מאַרטין, וואָס ווערט אנערקענט אַלס באַפרייער נישט נאָר דורך זיין דערפאָלגרייכער פאַר־טיידיקונג פון דער מאַי־רעוואָלוציאָנערער זאַך, נאָר אויך דורך זיין דערפירן צו באַפרייען דעפיניטיוו די באַפרייאונג פון דער מורא פאַר דער שפּאַנישער מאַכט, וואָס איז אויף שטענדיק עלימינירט געוואָרן פון דרום־אַמעריקע.

דאָס איז געשען אין 1821, אין עלפטן יאָר פון דער מאַי־רעוואָלוציע, אין לימאַ, אין דער הויפּטשטאָט פון פּערו, ווו עס איז געווען דער שפּאַנישער הויפּט שטאַב, דער צענטער פון זיינע מיליטערישע אָפּעראַציעס, די לעצטע שפּאַניש־קאָלאָניאַלע פעסטונג, וואָס איז געפאַלן ביי כמעט אויסגעמיטענע שלאַכטן און בלוט־פאַרגיסונגען, אונטער אַ דערהויבענעם, גלאָריעזן טריאומף, ווען סאַן־מאַרטין — דער פּראָקלאַמירטער פּראָטעקטאָר פון פּערו — האָט פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, ווו ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פּריווילעגיעס, ווי אין טשילע, וואָס סאַן מאַרטין האָט אויך באַפרייט באַלד נאָך דעם העלדישן קרייצן די אַנדן.

פאַרזיכערט די באַפרייאונג פונעם קאָלאָניאַליזם און עלימינירט אויף שטענדיק די שפּאַנישע מיליטערישע רעאַקציע, האָט זיך געשאַפן די מעגלעכ־קייט און די דרינגלעכקייט צוצוטרעטן צו אָרגאַניזירן דאָס לאַנד סאָציאַל, פּאָליטיש און דער עיקר עקאָנאָמיש פאַרוואָס עס איז געווען אַרויסגערופן די באַרופענע ציווילע באַוועגונג.

דער אינערלעכער קריג האָט נישט אויפגעהערט: ער האָט זיך באַנייט און פאַרשטאַרקט, דאָך איז אין גאַנג פון יאָרן: פינף יאָר נאָך דעם באַזיגן די שפּאַניער אויפגעשטעלט געוואָרן אַ רעגירונג פון אַ קאָנגרעס מיט גע־זעצגעבערישע אַטריבוטן, וואָס האָט באַשטימט אַן עקזעקוטיווע מאַכט, אַ צענטראַליסטישע, אַן אוניטאַרישע און געוויילט אַ פּרעזידענט פאַרן גאַנצן לאַנד; עס איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק; בערנאַר־דינאָ ריוואַדאַוויאַ איז דאָס געווען.

3. — בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ — ענפיטעוזים

אינספּירירט פון די מאָדערנע סאָציאַלע אידעען, אין גייסט פון דער מאַי־רעוואָלוציע, פון דער אוניווערסאַלער מענטשן־רעכט, פּראָקלאַמירט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין 1789, האָט ריוואַדאַוויאַ, אין איינקלאַנג מיט דער אַרגענטינישער רעאַליטעט, אין 1826, זיך געשטעלט לייגן דעם

עקאָנאָמישן פונדאַמענט פונעם אומאָפּהענגיקן און אין שטח גוואַלדיק גרויסן, אומבאַפעלקערטן, ווירטשאַפטלעך פּרימיטיוון און רויען לאַנד און ער האָט דורך אַ קאָלאָניזאַציע־געזעץ געשאַפן אַ קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, וואָס האָט געהייסן „ענפיטעוזיס".

דאַטירט אין בוענאָס איירעס, דעם 18טן מאַי 1826 האָט דער אַלגעמיינער קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס פון די פּאַראַייניקטע פּראָווינצן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ אָנגענומען און דעקרעטירט דעם פאָלגנדיקן געזעץ:

אַרטיקל 1 — די ערד, וואָס איז דאָס אייגנטום פון דער מלוכה און וואָס טאָר נישט ווערן קיין פּריוואַט־אייגנטום, אין גאַנצן לאַנד נישט, לויטן געזעץ פון 15טן פעברואַר, וועט געגעבן ווערן אין ענפיטעוזיס (פאַרדונגען ווערן) אויף אַ טערמין נישט ווייניקער פון צוואַנציק יאָר, וואָס וועלן זיך אָנהייבן ציילן פון 1טן יאַנואַר 1821.

אַרטיקל 2 — דער וואָס וועט אויף אַזאַ אופן באַקומען ערד, וועט אין די ערשטע צען יאָר צאָלן אין דער מלוכה־קאַסע אַ רענט פון 8 פּראָצענט יערלעך אויף דעם פּרייז, וואָס וועט געשטעלט ווערן פאַר דער דאָזיקער ערד — אויב עס איז פאַר פּאַשע און 4 פּראָצענט אויב פאַר ברויט.

אַרטיקל 3 — דער ווערט פון דער ערד וועט גלייכהייטלעך באַשטימט ווערן פון אַ יורי פון פינף נאָענטע אייגנטימער, אָדער פון דריי אין פאַל עס זענען נישטאָ קיין פינף.

אַרטיקל 4 — די רעגירונג וועט באַשטימען די פאָרם, לויט וועלכער עס וועט צונויפגעשטעלט ווערן דער יורי און דעם ריכטער, וואָס וועט אים פּרעזידירן.

אַרטיקל 5 — אויב עס וועט ווערן אויסגעזעצט מיצד דעם אַרענדאַטאָר, אָדער מיצד דער מלוכה־קאַסע קעגן דעם פּרייז פון דער יורי, וועט וועגן דעם דעפיניטיוו באַשטימען אַ צווייטער יורי, אַזוי צונויפגעשטעלט ווי דער ערשטער.

אַרטיקל 6 — די רענט, לויט דעם 2טן אַרטיקל, וועט גיין פון ערשטן טאָג אַז ווען דער אַרענדאַטאָר נעמט פּאָסעסיע פון דער ערד.

אַרטיקל 7 — די געהעריקע רענט פאַרן ערשטן יאָר וועט איינגעצאָלט ווערן אויף האַלב אין די קומענדיקע צוויי יאָר.

אַרטיקל 8 — די פּעריאָדן פאַר די איינגעשטעלטע רענט וועלן באַשטימט ווערן פון דער רעגירונג.

אַרטיקל 9 — צום אויסגיין פון די צען יאָר, וואָס זענען אָנגעוויזן אין 2טן אַרטיקל, וועט די נאַציאָנאַלע לעגיסלאַטור רעגולירן די רענט, וואָס דער אַרענדאַטאָר וועט דאַרפן צאָלן אין די ווייטערדיקע יאָרן אויף דעם נייעם פּרייז פאַר דער זעלביקער ערד אין דער פאָרם ווי די לעגיסלאַטור וועט דאָס באַשטימען.

דאָס ווערט קאָמוניקירט פונעם קאָנגרעס צום עקסעלענטיסימען הער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק פאַר זיין אינטעליגענץ און די געהעריקע אויספירונג.

מאַנועל דע אַרראַזשאַ אי פּינעדאַ — פּאַרזיצער,

אַלעכאָ ווילשעגאַס — סעקרעטאַר".

עס איז אַן עקאָנאָמישער געזעץ אין וואָס עס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט, וואָס דער ערשטער פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק אין באשאף דאָן בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ האָט אַריינגעשיקט אין דעם געזעצגעבערישן קאָנגרעס, נישט נאָר אַלס עמערגענץ־מיטל צו באַפרייען דאָס נייע אַמעריקאַנישע לאַנד פון אַ שאַרפן און געפערלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, נאָר ווי אַן אַרבעט פון אַ פיל־פונקטיקן עקאָנאָמישן קאָנסטרוקטיוון מלוכהשן אַרבעטס־פּראָגראַם פאַר באַלדיקע באַדערפענישן און פאַר צוקונפטיקע.

די איינפירונג פון אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן; די ענדערונג פון אַן אַבסאָלוטיסטישע רעגירונג אויף אַ באַגרענעצטע און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע; די איינשטעלונג פון אַ רעפּרעזענטאַטיוון סיסטעם און אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים; דאָס אָפּשאַפן די געהיימנישן פון רעגירן און אַרויסשטעלן די רעגירונגס־טואונגען פאַר דער עפנטלעכקייט; דאָס באַשיצן די פּערזענלעכע פרייהייט; איינשטעלן פרייהייט פון גלויבן, פון געדאַנק; דאָס שאַפן אַן אוניווערזיטעט פאַר העכערע פּראָפעסיאָנעלע בילדונג; דאָס שאַפן אַ שול פאַר מיטעלער בילדונג און די אָנפאַנג־שול; דאָס שאַפן עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, ווי דעם באַנקוועזן, האַנדלס־בירזשע, אימיגראַציע־שוץ, אַגראַר־קאָלאָניעס; דאָס שאַפן די פאָסט־אינסטיטוציע (און וואָס האָט ריוואַדאַוויאַ אַלץ נישט געשאַפן אָדער פאַרגענומען אין די זעכצן חדשים פון זיין רעגירן אַלס פאַרגייערישער פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק?) — זענען נישט געווען נאָר עקאָנאָמישע ווערק. עס זענען אָבער געווען עקאָנאָמישע די פאַרבינדונגען צווישן אַלץ. דאָס וואָס עס איז נישט געווען עקאָנאָמישע פּאָליטיק, איז געווען פּאָליטישע עקאָנאָמיע. כאַראַקטעריסטיש איז דער ריוואַדאַווישער ענפיטעוזיס־געזעץ, וואָס דערלויבט מיינונגס־פאַרשידנקייטן. אַזוי דערלויבט ער צו מיינען, אַז ריוואַדאַוויאַ — דער סאָציאַליסטיש־אינספּירירטער און אָריענטירטער, וואָס האָט דעם 16טן מערץ 1826 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס „פאַרווערט אין גאַנצן לאַנד דאָס פאַרוואַנדלען אין פּריוואַט אייגנטום ערד און אַלע אַנדערע אומבאַוועגלעכע גיטער פון עפנטלעכן (מלוכהשן) אייגנטום דורך פאַרקויפן דאָס, אָדער אַוועקשענקען, אָדער דאָס טאָן אין אַ וועלכער עס איז אַנדערער פאָרם. און עס ווערט דערקלערט נול יעדער פּריוואַט אייגנטום טיטל, וואָס מען וועט קריגן נאָך דער דאָזיקער רעזאָלוציע" — האָט עס געטאָן אין גייסט פון סאָציאַליזם.

אָבער דער זעלביקער ענפיטעוזיס־געזעץ דערלויבט אויך צו מיינען, אַז ריוואַדאַוויאַ, מיט דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַלס דער מלוכה־פּרעזידענט, האָט עס געטאָן צוליב עכטער עקאָנאָמישער נויטווענדיקייט, צו האָבן מיט וואָס צו גאַראַנטירן די מלוכה־הלוואות, וואָס מ'האָט שוין געמאַכט

און וועלכע מען וועט דאַרפן מאַכן: צו סטימולירן די לאַנדווירטשאַפט און שאַפן אַ מעגלעכקייט פון אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע; צו שאַפן אַ קוואַל פון געזיכערטער, פּראָגרעסיווער און וואַקסנדער הכנסה פאַר דער מלוכה — און דאָס איז נישט אין סתירה צום סאָציאַליזם; אוודאי נישט צום עטישן, ראָמאַנטישן און אוטאָפּישן סאָציאַליזם פון יענער צייט, ווען פּריוואַט־אייגנטום איז נאָך נישט אַריין אין דער סאָציאַליסטישער טעמאַטיק און רי־וואַדאַוויאַ, אַ סאָציאַליסטישער דענקער, האָט גאָר אונטערגעשטראָכן די אומבאַרירלעכקייט פון פּריוואַט אייגנטום.

ריוואַדאַוויאַ אַלס מלוכה־פּרעזידענט פון דער אוניטאַרישער רעגירונג האָט דעמיטירט. דער אינערן פון לאַנד אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד, אונ־טער דער רויטער פאָן פון גאַוטשישן פעדעראַליזם, בראש פון טעראָריס־טישע קאָמאַנדאַנטן, האָט אַוואַנסירט. ריוואַדאַוויאַ האָט וואַרשיינלעך נישט געזען קיין מעגלעכקייט אַנצוגיין ווייטער מיטן פרידלעכן אויפבוי פון דער מלוכה אין אַנגעזיכט פון דאַזיקן אַוואַנס און — דעם 3טן יולי פון 1827 האָט דער קאָנגרעס אַקצעפּטירט ריוואַדאַוויאַס דעמיסיע.

עס איז געקומען די צייט פון דער פעדעראַליסטישער רעגירונג פון מאַנועל ראָסאַס, די פּערזענלעכע, אַליינהערשנדיקע, טאָטאַליטאַרישע רע־גירונג פון אומצוטרוי און טעראָר, ווי דאָס איז די אייגנשאַפט פון יעדער דיקטאַטאָרישער רעגירונג. דער „פעדעראַליזם" האָט זיך געוויזן אין דער געשטאַלט פון ראָסאַס, וואָס האָט פאַרקערפּערט א מוראדיקע מאַכט פון צעשטערונג: צעשטערונג פון אַלץ וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פון די אוניטאַריער: פון אַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן דורך דער מאַי־רעוואָלוציע: צעשטערונג פון דער פרייהייט פון דער גלייכהייט, פון דער ברידערלעכקייט און פון די מאַטעריעלע ווערטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין פאַרבינדונג מיט די מאָראַלישע ווערטן: אַ צעשטערונג, וואָס מיידט אויך נישט אויס די באַוועגונג, פון וועלכער מען איז אַליין אַרויסגעקומען: אירע אידעען, אירע פּרינציפּן, איר אָרגאַניזאַציע און אירע מענטשן.

4. — עקאָנאָמישער פּלאַן פון אַ סאָציאַליסטישער דאָגמע

די עטשעוועריאַנער באַוועגונג פון אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, וואָס איז אויפגעקומען דווקא אין דער ראָסיסטישער צייט, אָדער נישט געקוקט אויף דער דיקטאַטור, אונטער וועלכער יעדע באַוועגונג איז געווען אַ פאַרשווערערישע, כאָטש זי איז דאָס גאָר נישט אויסן געווען און האָט געמוזט זיין אַ געהיימע, אַן אונטערערדישע — האָט אויך געהאַט אַן עקאָ־

נאָמישן פּראָגראַם; אַן עקאָנאָמישער פּראָגראַם, אָדער פּלאַן, וואָס שטימט דאַכט זיך נישט מיט קיין אוטאָפּישן סאָציאַליזם און וואָס קער זיך נישט אַן מיט קיין דיכטער, ווי דאָס איז געווען עסטעבאַן עטשעווערריאַ — דער אָנפירער, דער אויפקלערער און דער פּראָפּאַגאַנדירער פון דער באַוועגונג און דאָך איז עס אַ היסטאָרישעווירקלעכקייט, די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דער „מאַי־אַסאָציאַציע", פון „נייער דור", וואָס די הויך־אידעאַליסטישע, באַפליגלטע באַוועגונג פון עטשעווערריאַ, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן עקאָנאָמישן פּלאַן, געצייכנט רעאַל פון דער דאָיקער, אַרגענטינישער ווירקלעכקייט פון 1837.

עס איז אין טאָטאַליטאַרישן רעזשים פון מאַנועל ראָסאַס אייגנעפירט געווען מיצד די מענטשן פון דער מאַי־אַסאָציאַציע אַ „ליטעראַרישער סאַלאָן". אויף איינער פון די פאָרלעזונגען אין דעם „ליטעראַרישן סאַלאָן" האָט עטשעווערריאַ עקספּאָנירט דעם עקאָנאָמישן קריטעריום פון דער אַסאָציאַציע.

לאָמיר הערן עטשעווערריאַן אַליין דורך אייניקע קורצע פראַגמענטן און ציטאַטן פון זיין דערמאָנטער פאָרלעזונג:

„מען האָט שוין געשריבן, אַז די עלעמענטן וואָס בילדן די מענטשלעכע ציוויליזאַציע זענען: דער אינדוסטריעלער עלעמענט, דער וויסנשאַפטלעכער, דער רעליגיעזער, דער פּאָליטישער, דער קינסטלערישער, דער פילאָזאָפישער".

„לאָמיר זיך לאָזן פאַר דער צוקונפט די אוטאָפּיעס און די כימערישע טעאָריעס. מיר וועלן האָבן איבערגענוג מיט סאַטיספאַקציע נאָכצוקומען אַקטועלע פאָדערונגען פון אונדזער לאַנד.

„איך וועל אָנהייבן פון יענע, וואָס לויט מיין מיינונג זענען זיי וויכטיקער און איך וועל צוערשטריידן פונעם אינדוסטריעלן עלעמענט, ווייל די אינדוסטריע איז דער קוואַל פון רייכטום און די מאַכט פון די פעלקער.

די אינדוסטריע איז די אַרבעט אָדער די מענטשלעכע אַקטיוויטעט, וואָס ווענדט זיך אָן צו מאָדיפיצירן און טראַנספאָרמירן די מאַטעריע, באַזייטיקן שטערונגען, זיין נוצלעך און דינען דעם אַלגעמיינעם ווילזיין. די אינדוסטריע איז שטענדיק אין פאַרבינדונג מיט די באַדערפעניש׳ן פונעם פאָלק, ווייל זי איז די טאַכטער פון דער באַדערפעניש.

„דער בעל־מלאכה קאָן זיך באַגנוגענען מיט זיין ווערקשטאַט פאַר זיך אַליין צו פאַרדינען אויף לעבן און צו באַפרידיקן זיינע באַגרענעצטע באַגערן; אָבער די גרויסע אָפּעראַציעס פון דער פאַבריק־אינדוסטריע, האַנדל און אַגראַר־אינדוסטריע, פאָדערן קאַפּיטאַל און הענט. מיר האָבן נישט דאָס

ערשטע און נישט דאָס צווייטע, דעריבער דאַרפן מיר שנאָרן פון אויסלאַנד דאָס נויטיקע אויף צו באַפרידיקן אונדזערע באַדערפעניש, געבנדיק פאַר אויסלאַנד די פּראָדוקטן פון אונדזער אינדוסטריע.

„עס איז אמת, אַז די פעלדער און די לאַנדווירטשאַפט האָבן נאָך דער רעוואָלוציע באַקומען אַן אומענדלעכן מער ווערט — אין פאַרגלייך מיט דעם ווערט וואָס זיי האָבן פריער געהאַט — אַ דאַנק דער פרייהייט פון האַנדל, אָבער דער דאָזיקער מער ווערט איז נישט געקומען אַלס רעזולטאַט פון אונ־דזער אינדוסטריע, נאָר דורך דער קאָנקורענץ פון אויסלאַנד, וואָס פאָדערט די דאָזיקע פּרוכטן.

„די איינפירונג פון אָרדענונג, אַקטיוויטעט און עקאָנאָמיע אויף אונ־דזערע פעלדער פאַרשפּרעכן אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון אונדזער צו־קונפטיקער גרויסקייט. אָבער לאָמיר זיך אויך אָנשטרענגען צו מאַכן, אַז די פּראָדוקטן פון די בהמות וואָס פּרוכפּערן זיך אויף אונדזערע פעלדער, רויע און אָן קיין שום נוצן, זאָלן ווערן אויסגעאַרבעט און טראַנספאָרמירט פון דער אינדוסטריע, כדי צו געבן זיי דעם ווערט, וואָס זיי האָבן אין אויסלאַנד, פון וואַנען מיר באַקומען זיי צוריק מאַנופאַקטורירט פאַר אַ טאָפּלטן אָדער נאָך גרעסערן פּרייז פון דעם פּרייז, פאַר וועלכן מיר האָבן זיי פאַרקויפט.

„מיין צוועק, ווי איר זעט, איז צו באַווייזן, אַז כדי אונדזער אינדוסטריע זאָל פּראָגרעסירן נאָרמאַל און זיכער, איז נויטיק צו נעמען זיך צו אונדזערע פּרימאַ־מאַטעריאַלן פון אונדזער ערד און זיי אויסאַרבעטן, טראַנספאָרמירן און אַזוי זיי שיקן קיין אויסלאַנד, און דאָס איז דאָך רעאַליזירבאַר מיט אַלע פּראָדוקטן פון אונדזערע קי און לעמער...

„עס איז ווייטיקלעך צוצוזען ווי אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכע אינ־דוסטריע, איצט אַזוי ווי פאַר דער רעוואָלוציע, איז צוגעבונדן צו דער באַ־וועגונג פון דער אַטמאָספער. רעגנט נישט, גייט אויס איר לעבן און פּראָדו־צירט גאָרנישט: די בהמות פגרן און די פאַרזייטע פעלדער פאַרוויסטן זיך. דער הויפּט קוואַל פון אונדזער רייכטום פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קוואַל פון נויט און אומגליק. צי קאָן מען נישט זוכן קיין מיטלען דאָס אויסצומיידן? אָדער כאָטש רעדוצירן צו אַ מינימום דאָס שלעכטס און זען עס זאָל נישט זיין אַזוי שלימזלדיק אונדזער אינדוסטריע? אויב די פערזאָנען אינדיווידועל, קאָנען דאָס נישט, איז עס די זאַך פון די רעגירונגען וואָס ווערן אינסטיטו־אירט פאַרן געמיינזאַמען וווילזיין און פּראָספּעריטעט. מען דאַרף נישט פאַר־שווענדן די מלוכה־מיטלען אויף אומפּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען, נאָר אויף שיצן, פּראָטעזשירן און סטימולירן די אינדוסטריע.

„דאָס וואָס עס פאָדערט זיך, אַז די אינדוסטריע זאָל פּראָספּערירן, איז

נישט קיין באַשרענקונג, קיין פאַרוועררונג, נאָר שוץ און פרייהייט. יעדער מענטש מעג טוען דאָס וואָס שיינט אים צו זיין גוט און אויף דעם אופן ווי דאָס לוינט זיך אים, ער דאַרף נאָר נישט שעדיקן דאָס רעכט פון אַן אַנדערן, וואָס האָט עס אויך צו געניסן פון דער זעלביקער פרייהייט.

„וואָס מיר זאָלן פאַרלאַנגען פאַר דער אינדוסטריע?

„פרייהייט, גאַראַנטיעס, פּראָטעקציע און שוץ — מיצד די רעגירונגען.

„דער אומדירעקטער שטייער — זאָגט ווייטער עטשעווערריאַ (און עס לאָזט זיך הערן זיין סאָציאַליסטישע עטיק) — איז נישט נאָר אומזיכער, נאָר אויך מאָנסטעריעז אומגערעכט ווייל ער באַפאַלט הויפּטזאַכלעך די אָרעמע, די גרויסע מערהייט פון די קאָנסומענטן. קיין בליק פון רחמנות פאַלט נישט אויף זיי; אויף זייער נויט; אויף זייערע באַדערפענישן; אויף זייער איגנאָראַנץ; אויף זייער מין אינדוסטריע.

„די לאַנד־איינוווינער האָט מען באַרויבט; אינעם בירגערקריג זענען זיי געהרגעט געוואָרן אין די טויזנטער; זייער בלוט איז געפלאָסן אין קאַמף פון דער אומאָפּהענגיקייט און אויף זיי לייגט מען אַרויף די שטייער־לאַסטן און מען באַשווערט זייער אינדוסטריע און מען לאָזט זיי נישט רואיק געניסן פון זייער אַרבעט.

„עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן „גלייכהייט" און עס האָט געהערשט אַ שוידערלעכע אומגלייכהייט; מען האָט געשריגן „פרייהייט" און זי האָט עקזיסטירט נאָר פאַר אַ געוויסער צאָל; מען האָט דיקטירט געזעצן און זיי האָבן פּראָטעזשירט דעם מעכטיקן. פאַרן אָרעמען איז נישטאָ קיין געזעץ, קיין גערעכטיקייט, קיין אינדיווידועלע רעכט, נאָר גוואַלד, שווערד, אומגערעכטע פאַרפאָלגונג. ער איז שטענדיק געווען אויסערן געזעץ...

„זינט דער רעוואָלוציע געפינען מיר זיך אין קריגס־צושטאַנד. עס הערשט אויף די פעלדער דער מיליטערישער רעזשים".

***

די קורצע ציטאַטן און פראַגמענטן פון פראַגמענטן פון עטשעווערריאַס „לעקטור", וואָס כואַן מאַריאַ גוטיערעז — עטשעווערריאַס חבר פון דער מאַיאַסאָציאַציע — האָט „געקענט דעשיפרירן פון די קאָנפוזע און דעסאָרדענירטע מאַנוסקריפּטן" (און וואָס דערציילן דאָך אַזוי פיל), זענען דאָ געבראַכט געוואָרן נאָר, כדי צו באַווייזן, ווי דער פאָרגייער פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דער פרייהייטס־דיכטער און סאָציאַלער טרוימער

פון אַ שיינער און גערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, איז געשטאַנען דאָ אויף דער אַרגענטינער ערד, אין זיין פאָטערלאַנד, מיט די אויגן אין דער ווירקלעכקייט און געדענקט פון די דאָיקע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און „...אנערקענענדיק די דאָזיקע אַלגעמיינע אומפאַרענדערלעכע געזעצן אין דער פּראָדוקציע פון רייכטום, וואָס עס האָבן אויסגעפונען די עקאָנאָמיסטן פילאָ־זאָפן, דאַרפן מיר אָבער זען אויסגעפינען, דורך אָבסערווירן די פאַקטן, די אָרטיקע געזעצן, וואָס שאַפן אין זייער אויסוויקלונג אונדזער אינדוסטריע, אָדער אונדזער נאַציאָנאַלן פאַרמעגן, כדי צו באַגרינדן אויף זיי אַן אמת־דיקע אַרגענטינישע עקאָנאָמישע וויסנשאַפט" — האָט עטשעווערריאַ אויך געזאָגט אין אַ „לעקטור" וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

עקאָנאָמישע אידעען, וואָס זענען אויף יעדן אופן געקומען צום אויס־דרוק, אין צענטן יאָר פון ראָסאַס דיקטאַטור, צוזאַמען מיט פּאָליטישע, הו־מאַנע און סאָציאַליסטישע אידעען, זענען געגאַנגען פאַראייניקט אויף נישט קיין אויסגעטראָטענע, נאָר אויף דערנערדיקע וועגן און אומוועגן, ביז דעם לאַנד־קאָנגרעס אין סאַנטאַ פע, אָדער ביז דער קאָנסטיטוציע פון 1853, וואָס האָט זיי אויפגענומען און אַריינגענומען אין איר פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, אין אירע איינשטעלונגען און אין אירע פעסטשטעלונגען; אין אירע קאַפּיטלען און אין אירע אַרטיקלען.

קאַפּיטל XIV

טראַנספאָרמאַציע פון דער באַפעלקערונג

1. — געמישטע, מולאַטן, אינדיאַנער, נעגער, ווייסע

אונדזער געשיכטע איז אַ מענטשלעכע און מענטשלעך זענען אירע פאַקטן און ענדערונגען.

מיר זענען אַרויס פון איין מענטשלעכער עפּאָכע און גייען אַריין אין אַ צווייטער. אין גאַנג פון די עפּאָכעס, אָדער צייטן, גייען מיט עוואָלוציאָנערע און רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען פון דער געזעלשאַפט אין באַשטאַנד פון אַ באַפעלקערונג, וואָס ענדערט זיך אין נייע לענדער, ווי אונדזער לאַנד. עס קומען פאָר ראַסן־ענדערונגען און מיט זיי פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע ענדערונגען.

אין דער מיט־צייט פון דער קאָלאָניאַלער געזעלשאַפט, אין 1700, האָבן אין אונדזער לאַנד, וואָס האָט געהייסן ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ און צו וועמען עס האָט אויך געהערט פּאַראַגוויי, געלעבט:

אינדיאַנער (אָרטיקע אורמענטשן) — — — — —	530.000
געמישטע (ווייסע מיט אינדיאַנער) — — — —	50.000
מולאַטן (ווייסע מיט נעגער) — — — — —	10.000
נעגער (שוואַרצע, אימפּאָרטירטע פון אַפריקע)	7.000
ווייסע אייראָפּעער (איינגעוואַנדערטע) — — —	2.500
ווייסע אַמעריקאַנער (דאָ געבוירענע) — — —	500
סך־הכל איינוווינער —	600.000

אין משך פון 110 יאָר, אין סוף פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע און אין אָנהייב פון דער מאַי־רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע איז פאָרגעקומען די ווייטערע ענדערונג:

געמישטע — — — — — — — — — — — — —	421.000
אינדיאַנער — — — — — — — — — — — —	210.000
מולאַטן — — — — — — — — — — — — —	60.000
נעגער — — — — — — — — — — — — — —	20.000
ווייסע אייראָפּעער — — — — — — — — —	6.000
ווייסע אַמעריקאַנער (דאָ געבוירענע) — — — —	3.000
סך־הכל איינוווינער — — —	720.000

פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג, וואָס טיילט זיך אין פינף ראַסן־גרופּעס, איז די אינדיאַנישע פון די אָרטיקע אור און נאַטור־מענטשן, וואָס לויט דעם אַרגענטינער סאָציאַליסטישן דענקער כאָסע אינכעניעראָס האָבן זיי זיך געפונען אין רעגיאָנען, אין וועלכע עס זענען נישט אַריינגעקומען קיין אייראָפּעער; די אינדיאַנער זענען געבליבן אומבאַרירט פון דער ציוויליזאַציע און זיי זענען נישט אַריין אין דער פאָרמאַציע פון דער אייראָפּעאיש־אַרגענטינישער ראַסע. עס וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן די פאַרמינדערונג פון די אינדיאַנער, ווען אַלע אַנדערע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג האָבן זיך פאַרמערט. די אינדיאַנער טרעטן אָפּ דאָס ערשטע אָרט פאַר די געמישטע און גייען אַראָפּ אויפן צווייטן אָרט.

אויב די קאָנסערוואַציע פון די אינדיאַנער האָט זיך גענומען פון זייער איזאָלאַציע, אָדער נישט קומען אין באַריר מיט ווייסע (אייראָפּעער), האָבן אַנדערע אינדיאַנער געלעבט אין געגנטן, וווּ עס זענען יאָ געקומען ווייסע איינגעוואַנדערטע פון אייראָפּע און קריאָזשעס, אָדער שוין דאָ געבוירענע ווייסע פון אייראָפּעאישע עלטערן. די געמישטע פון ווייסע מיט ברוינע (אינדיאַנער) באַהערשן די באַפעלקערונג דורך זייער צאָל און בילדן דעם הויפּט עלעמענט אין דער פאָרמאַציע פון דער אַרגענטינישער ראַסע.

די מולאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרמערט פון צען אויף זעכציק טויזנט, זענען אַ געמיש פון ווייס און שוואַרץ. די ווייסע זענען כמעט אַלע געווען שפּאַניער. אָדער פון שפּאַניע איינגעוואַנדערטע, מחמת אין דער קאָלאָניאַלער צייט האָט מען קיין אַנדערע ווייסע אַהער נישט אַריינגעלאָזט. און די שוואַרצע זענען נעגערס, וואָס מען האָט געבראַכט אַהער פון אַפריקע. אין קעגנזאַץ צו די געמישטע, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די גאַוטשישע באַפעלקערונג פון פעלד, פון דער לאַנדווירטשאַפט, איז די מולאַטישע באַפעלקערונג געווען נאָר פון שטאָט, וווּ עס זענען געבליבן די מערהייט ווייסע און כמעט אַלע נעגערס.

וואָס איז שייך די נעגערס, וועמענס צאָל עס האָט זיך פאַרגרעסערט פון

זיבן אויף צוואנציק טויזנט, איז דאָס אַ פאַרמערונג דורך אימפּאָרט און צום טייל אויך דורך געבורט אָן מישונג, ווי דאָס איז אויך דער פאַל מיט די ווייסע, מיט דעם אונטערשיד וואָס די ווייסע זענען געווען פרייע מענטשן, האָרן און די שוואַרצע — שקלאַפן.

אין דער מאַי־רעוואָלוציאָנערער צייט. זעכצן יאָר פון דער באַפרייאונג, ביי געעפנטע טירן פאַרן פרייען האַנדל מיט דער וועלט און פאַר אַן איינוואַנדערונג פון אַלע וועלט־טיילן, אָבער ליבערשט פון אייראָפּע, מחמת ציוויליזאַציע, קולטור, טעכניק, פּראָגרעס, איז אין די פאַראייניקטע פּראָווינצן פון אַרגענטינע, אָן באָליוויע, אורוגוויי און פּאַראַגוויי, די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון 630.000 איינוווינער, וואָס האָט זיך געטיילט אויף:

געמישטע	400.000
אינדיאַנער	132.000
מולאַטן	70.000
נעגער	15.000
ווייסע (דאָ געבוירענע)	8.000
ווייסע אייראָפּעער	5.000
סך־הכל איינוווינער	630.000

די פּאָזיציעס פון די גרויסע באַפעלקערונגס־גרופּעס האָבן זיך נישט געענדערט. די פאַרמינדערונג פון די געמישטע און די אינדיאַנער האָט זיך אוודאי גענומען פון דער טעריטאָריעלער פאַרקלענערונג פון אַרגענטינע, מחמת באָליוויע, פּאַראַגוויי און אורוגוויי האָבן זיך פאַרמירט אין באַזונדערע לענדער, אָבער די פּאָזיציע פון די אינדיאַנער פאַר זיך איז לגבי די געמישטע שטאַרק רעדוצירט. פון שטאַטישן עלעמענט פאַרנעמען די מולאַטן דעם ערשטן אָרט אין צאָל, וואָס איז אַ פאַרגרעסערטע, בעת די נעגערס האָבן זיך נישט נאָר נישט פאַרמערט, נאָר זייער צאָל האָט זיך פאַרקלענערט, דאָס דערקלערט זיך מיט דעם אָפּשאַפן פון שקלאַפן־האַנדל, איבער וואָס עס האָט אויפגעהערט דער אימפּאָרט פון נעגער און אויפן אָרט פון די וואָס זענען געשטאָרבן און אומגעקומען, זענען נישט צוגעקומען קיין אַנדערע. די קליינצאָליקע פּאָזיציעס פון די ווייסע האָבן זיך אויך געענדערט: די דאָ־געבוירענע זענען ארויף אויפן פאַרלעצטן אָרט און די אייראָפּעער זענען אַראָפּ אויפן לעצטן אָרט.

אין משך פון זעכצן יאָר אומרו, צערודערונג, כאַאָס, אומזיכערקייט און מילחמה האָט כמעט נישט געקאָנט זיין אָנגעווענדט דאָס שעפערישע פון דער

מאַי־רעוואָלוציע: די מענטשלעכע רעכטן, די פרייהייטן, די מאַסן־איינוואַנ־דערונג, וואָס דאָס איז אַזוי פאַרבונדן מיט דעם באַפעלקערן זיך און מיט די איבערגרופּירונגען.

נאָך דעם איז געקומען די צייט פון דער ראַסיסטישער דיקטאַטור, וואָס ווערט אויך באַצייכנט ווי די צייט פון די גאַוטשאָס — די געמישטע פעל־דישע און דאָמינירנדיקע באַפעלקערונג מיט איר צאָל, בלוט און שפּאַניש־אינדיאַנישן כאַראַקטער.

עס איז אַ צייט פון אַ פערטל יאָרהונדערט מיט די אַלע פריער דערמאָנ־טע נעגאַטיווע פאַקטאָרן, פאַרשטאַרקט פון אַ טאָטאַליטאַרן רעזשים, אַ טע־ראָריסטישן.

אין 1852, ווען עס האָט זיך געענדיקט די דאָזיקע צייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט, אַ פרייע און אַ קאָנסטיטוציאָנעלע, איז דער חשבון פון דער באַפעלקערונג, קאַלקולירנדיק אין מער אָדער ווייניקער גע־ווען:

געמישטע — — — — — — — — — — — —	553.000
מולאַטן — — — — — — — — — — — — —	110.000
נעגער — — — — — — — — — — — — —	15.000
דאָ געבוירענע ווייסע — — — — — — — — — —	15.000
אינדיאַנער — — — — — — — — — — — —	100.000
פון אייראָפּע איינגעוואַנדערטע — — — — — —	7.000
סך־הכל איינוווינער — — —	800.000

2. — שטאָט־מענטשן און פעלד־מענטשן

די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד איז דערוואַקסן צו אַכט הונדערט טויזנט. העכער צוויי דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג זענען די געמיש־טע (דאָ געבוירענע פון שפּאַניער און אינדיאַנער), זי איז די באַפעלקערונג פון די ברייטע אומענדלעכע פעלדער, אויף וועלכע עס גייען אַרום אַן אַ צאָל בהמות און מערן זיך און מולטיפּליקירן זיך. די מולאַטן, וואָס זענען אַ גע־מיש פון שפּאַניער מיט נעגער, אָדער אינדיאַנער מיט נעגער, אויך דאָ גע־בוירענע, האַלטן זיך אין פאַרמערן און זענען דורך דעם אַרויף אויפן צווייטן אָרט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד און אויפן ערשטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, בילדנדיק דעם פאַריער־קלאַס. די אינדיאַנער וואָס האַלטן אין אײַן פאַרקלענערן זייער צאָל, זענען אַראָפּ אויפן דריטן אָרט פון די באַפעל־

קערונגען; זיי געפינען זיך אין די ווייטערע געגנטן פון לאַנד און זיי ווערן „רעדוצירט". די נעגער האַלטן אָן זייער רעדוצירטע פּאָזיציע און צאָל מיט דער טענדענץ ווייטער צו רעדוצירן זיך, זיי בילדן שוין אין 1852 די קלענסטע גרופּע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג; זיי זענען די הויז־דינער פון פערזאָנען און זענען שקלאַפיש. נומעריש דערהויבן האָבן זיך די ווייסע; די דאָ־געבוירענע פון ווייסע אייראָפּעאישע עלטערן האָבן פאַר־טאָפּלט זייער צאָל. זיי בילדן די בורזשואַזיע פון לאַנד, די אינטעליגענץ פון פאָלק; זענען פּראָגרעסיוו, ליבעראַל, פרייהייטלעך, סאָציאַל־דעמאָקראַטיש און זענען דער מאַי־רעוואָלוציאָנערער עלעמענט. צו די דאָ־געבוירענע ווייסע שטעלט זיך צו די אַלץ־וואַקסנדיקע גרופּע פון די ווייסע איינגעוואַנדערטע אייראָפּעער. פון זיי צוזאַמען האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרמירן די אַרגענטי־נער באַפעלקערונג.

אין 1895 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָלקסציילונג אין לאַנד. דאָס איז געווען אין 43סטן יאָר פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער צייט. אין משך פון דעם קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט איז געווען פרידן אין לאַנד און עס האָט זיך געלאָזט אָנווענדן די קאָנסטיטוציע און בויען דאָס לאַנד; פ ר י ד ן אין קאָנטראַסט צו ק ר י ג מיט אויסלאַנד, אָדער מיט פּראָווינצן, אָדער צווישן פּראָווינצן אין לאַנד, וואָס איז געווען ביז דער קאָנסטיטוציע, מחמת בירגערקריג איז יאָ פאָרגעקומען און עס האָט זיך אויך שוין געהאַט אָנגע־הויבן דער מאָדערנער קלאַסנקאַמף אין אַרגענטינע צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט.

3. — איינוואַנדערונג

די דורכגעפירטע פאָלקס־ציילונג אין 1895 האָט געוויזן, ערשטנס, אַ רעלאַטיוו גרויסע פאַרמערן זיך פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד, וואָס דאָס איז אין הסכם מיטן אינטערעס צו באַפעלקערן דאָס לאַנד און צווייטנס האָט זיך דורך דער פאָלקסציילונג באַוויזן די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאָרגע־קומען אין דער באַפעלקערונג אין דער געשטאַלט פון איבערגרופּירן זיך מיט דער טענדענץ צו ענדערן די פאָרמאַציע פון דער אַרגענטינער באַפעלקערונג און איר כאַראַקטער.

פון 800.000 אין 1952 איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן צו דער צאָל פון 4.000.000 אין 1895. און עס זענען אַרויף אויף די ערשטע זייער נומעריש אויסגעוואַקסענע פּאָזיציעס די באַפעלקערונגען, וועלכע זענען פריער געשטאַנען אין גאָר קליינע גרופּעס אויף די גאָר לעצטע אונטערשטע פּאָ־זיציעס.

אַט איז דאָס בילד פון די ציפער, אַרויסגעשטעלט פון דער פאָלקסציי־לונג אין דער רעפובליק אַרגענטינע פון 1895:

דאָ געבוירענע (אַרגענטינער) ווייסע — — — — —	1.295.000
איינגעוואַנדערטע (אייראָפּעער) ווייסע — — —	1.000.000
דאָ געבוירענע (אַרגענטינער) געמישטע: אייראָפּעער מיט אינדיאַנער — — — — — — — — — —	1.500.000
דאָ געב. (אַרג.) מולאַטן: געמיש פון ווייסע מיט שוואַרצע — — — — — — — — — — — —	150.000
אורמענטשן (אַרגענטינער) אינדיאַנער — — — — —	60.000
וואַרשיינלעך דאָ געבוירענע (אַרגענטינער) נעגער —	5.000
סך־הכל איינוווינער אין גאַנצן לאַנד —	4.000.000

דאָס באַפעלקערונגס בילד וואַקסט אויס מיט אַ גיכערן טעמפּאָ אין גאַנג פון די ווייטערע ניינצן יאָר, צווישן 1895 און 1914, ווען עס איז דורכגע־פירט געוואָרן די דריטע נאַציאָנאַלע (אַללענדישע) פאָלקס־ציילונג.

עס אַקצענטירט זיך און עס דעפינירט זיך די אַרגענטינער באַפעלקערונג ווי אַ ווייסע פון אייראָפּעער און פון אייראָפּעאישער אָפּשטאַמונג מיט אַ צו־מישונג פון „געמישטער", „מולאַטישער", אינדיאַנישער און אַזיאַטישער טונקלקייט, ביי אַ רעדוצירן זיך פון די „געמישטע" (שפּאַניש־אינדיאַנישע), מיט די אינדיאַנער, וואָס זענען אַראָפּ אַלס די קלענסטע גרופּן אויפן לעצטן אָרט ביי אַ פאַרשווינדן פון די שוואַרצע, וואָס ווי יחידים וואַרפן זיי זיך נאָך אַדורך ווי חן־פינטעלעך אויפן פּנים פון דער באַפעלקערונג, אָבער זיי פאַר־נעמען מער נישט קיין אָרט אין דער באַפעלקערונג.

די באַפעלקערונג אין 1914 באַשטייט פון אַכט מיליאָן און טיילט זיך לויט קאָליר, ראַסע און אָפּשטאַם אין:

ווייסע אין אַרגענטינע געבוירענע — — — — — — —	4.120.000
ווייסע פון אייראָפּע איינגעוואַנדערטע — — — — — —	2.360.000
געמישטע פון ווייסע שפּאַניער מיט ברוינע אינדיאַנער — —	1.300.000
מולאַטן פון ווייסע מיט שוואַרצע געמישט — — — — —	200.000
אינדיאַנער, אור־מענטשן, אומגעמישטע — — — — — —	20.000
סך־הכל איינוווינער — —	8.000.000

די „געמישטע", די „מולאַטן" און די אינדיאַנער זענען אין אַרגענטינע געבוירענע.

אַלגעמיינע מאָדערנע פּראָלעטאַרישע און
סאָציאַליסטישע באַוועגונג

קאַפּיטל XV

קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און קאָנצענטראַציע פון אַרבעט

1. — פּריוואַט־אייגנטום און סאָציאַליזם

וויסענטע פידעל לאָפּעז — דער אַרגענטינער היסטאָריקער — שרייבט פון דער מאַי־רעוואָלוציע, פון אירע מענטשן און פון אירע צוועקן, ווי פון אַ בורזשואַזנע רעוואָלוציע. אָבער בורזשואַזיע האָט געמיינט די מענטשן פון שטאָט, דער נייער סאָציאַלער, אויפגעקומענער כוח, אַ פרייהייטלעכער, אַ ליבעראַלער, אַ דעמאָקראַטישער, אַ פּראָגרעסיווער, אַ רעוואָלוציאָנערער, וואָס האָט אין פראַנקרייך דורכגעפירט די היסטאָרישע סאָציאַלע רעוואָלוציע פון 1789, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די הערשאַפט פון פעאָדאַליזם און געשאַפן אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג פון מענטשן־רעכט.

די אַרגענטינער בורזשואַזיע איז נישט געווען אַזוי אָפּגעשיידט שטאָטיש. דאָס פעלד אין דער קאָלאָניאַלער צייט איז אַריין אין שטאָט, וואָס איז נישט אַרויס פון דאָרף. דער לאַנדווירטשאַפטלער איז געווען דער סוחר פון זיינע פּראָדוקטן און דער סוחר — אַ באַלעבאָס פון שטאָט — איז געווען אין דער זעלביקער צייט אַ פיי־ און פעלד־אייגנטימער, אַן ערדבאַזיצער.

איז דאָך דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אַרויסטריט דאָ געקומען פון די לאַנדווירטשאַפטלער. די היסטאָרישע רעפּרעזענטאַנץ פון מאַריאַנאָ מאָרענאָ פאַר פרייען האַנדל מיט דער וועלט, וואָס איז געפאָדערט געוואָרן ביי דער קאָלאָניאַלער רעגירונג אין דער געשטאַלט פון ווירעינאַט, בראש מיטן שפּאַנישן וויצע־קיניג, איז געווען פון די גוטבאַזיצער. מאָרענאָ איז געווען זייער אַדוואָקאַט. אויב דאָ איז געווען אַ בורזשואַזיע, איז איר באַשטאַנד געווען פון די מאָרענאָס; פון די בעלגראַנאָס; פון די סאַן מאַרטינס; פון די ריוואַדאַוויאַס — פריער און פון די עטשעווערייאַס, סאַרמיענטאָס, אַלבערדיס — שפּעטער; איז זי באַשטאַנען פון דער אינטעליגענץ, פון דער אינטעלעקטואַליטעט, ליטעראַטן, דענקער, וואָס זענען שטאָטיש און די אַרגענטינער בורזשואַזיע, אין וועלכער עס האָבן זיך אויך געפונען לוין־אַרבעטער, ווי עטשעווערייאַ, ווי סאַרמיענטאָ, איז דאָס געווען נאָר גייסטיק און פּאָליטיש — רעוואָלוציאָנער.

פעאָדאַליעס האָבן זיך ערשט שפּעטער געשאַפן אין לאַנד. דאָ איז עס געווען דער פעלד־קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך געשאַפן איינציייטיק מיטן שטאָט־קאַפּיטאַליזם. אָבער די אַרגענטינער מאַי־רעוואָלוציע האָט אויך גע־האַט אָפּצושאַפן אַ פעאָדאַליזם מיט אינקוויזיציע און מיט שקלאַפעריי, ווי דאָס איז געווען דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער פעאָדאַליזם, וואָס האָט דאָ גע־הערשט הונדערטער יאָרן און די סאָציאַליסטיש־אינספּירירטע מאַי־רעוואָ־לוציע, וואָס האָט באַפרייט אַרגענטינע און מיטגעהאָלפן דאָס באַפרייען זיך און די אומאָפּהענגיקייט פון די אַרומיקע אַמעריקאַנער לענדער, טראָגנדיק אירע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, אידעען און פּלענער — זיי אַנצוווענדן אין לעבן, אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער נייער פרייער געזעלשאַפט אין דעם באַפרייטן לאַנד פונעם קאָלאָניאַליזם און פון דער אונטערוואָרפנקייט צו אַן אויסלענדישער מיטלאַלטערלעכער מלוכה־מאַכט און רעגירונג — האָט אָנער־קענט פּריוואַט־אייגנטום.

„די געזעלשאַפט — זאָגט עטשעוועריאַ אין זיין „דאָגמאַ סאָסיאַליסטאַ״ — איז שולדיק יעדן פון אירע מיטגלידער: גערעכטיקייט, גלייכע פּראָ־טעקציע און געזעצן, וואָס זאָלן פאַרזיכערן זיין פּערזאָן, זיינע גיטער און זיין פרייהייט״... „אים געבן די מיטלען צו אַרבעטן אָן וועלכע עס איז שטערונג פאַר זיין אייגענעם ווילזיין, נאָר נישט צום שאָדן די אַנדערע; שטעלן יעדן א יי נ ע ם אונטער דער שוץ פון אַ ל ע, כדי ער זאָל קענען בשלום גע־ניסן פון דעם וואָס ער האָט, אָדער וואָס ער האָט דערגרייכט פון זיין אַר־בעט, זיין אינדוסטריע אָדער זיינע טאַלאַנטן״.

גלייך צו אַנדערע פּרינציפּיעלע און אידעאישע איינשטעלונגען אין דער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע פון 1853 איז אויך איינגעשטעלט געוואָרן דאָס רעכט אויף פּריוואַט אייגנטום. דאָרט אין איר פערצנטן אַרטיקל וואָס זאָגט: „אַלע איינוווינער פון דער קאָנפעדעראַציע געניסן פון די ווייטערע רעכטן אין הסכם מיט די געזעצן, וואָס רעגלאַמענטירן די רעכטן: צו אַרבעטן און זיך פאַרנעמען מיט יעדער לעגאַלער אינדוסטריע; נאַוועגירן און האַנדלען״; „פּובליקירן זיינע אידעען דורך דער פּרעסע אָן אַ פּאַראויסדיקער צענזור; נוצן און זיך באַנוצן מיט זיין אייגנטום״ און אַזוי ווייטער.

איז דאָס אין סתירה צום סאָציאַליזם אין אַרגענטינע? ניין.

סאָציאַליזם ווי אַ שטרעבונג צו אַ גערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, הייבט זיך אָן מיט אַ באַוועגונג פאַר די מינימאַלסטע סאָציאַליסטישע דער־גרייכונגען און איז אומענדלעך אין זיינע רעאַליזירונגען. פרייהייט אין גייסט פון סאָציאַליזם איז אַליין אומענדלעך און יעדע פרייהייט איז סאָציאַליס־טיש; אָפּשאַפן שקלאַפעריי איז אוודאי אויך אַ סאָציאַליסטישע זאַך.

אין דער עפּאָכע פון דער מאַי־רעוואָלוציע, ווענמענס פאַרזעצונג עס איז

די קאָנסטיטוציאָנעלע עפּאָכע, איז דער פּריוואַט־אייגנטום — אַ קלענער, אַ צעוואָרפענער — נאָך גאָר נישט געווען קיין סאָציאַלער פּראָבלעם. אויב מען האָט דאָך פון סאָציאַלן שטאַנדפונקט געזען און מיט אויפמערקזאַמקייט, פּריוואַט אייגנטום, האָט מען דאָס געזען ווי אַ סאָציאַלע באַדערפעניש, עס זאָלן זיך שאַפן, ז יי ן און זיך אַנטוויקלען מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ט י־ ש ע ווערטן, אַגראַרישע און אורבאַנישע; פעלדישע און שטאָטישע; אינ־ דוסטריעלע און קאָמערציעלע, אָן וואָס אַ פאָלק, אַ לאַנד און אפילו אַ יחיד קאָן זיך נישט באַגיין; ס׳איז נישט געווען קיין פראַגע וועגן מאַרקסיזם, אפילו אויך נישט וועגן מאַטעריאַליזם, נאָר אין ז יי ן, אין עקזיסטענץ.

היינט, אין אונדזער צייט, אַ גאַנצער יאָרהונדערט נאָך יענער, פון וועל־ כע עס ווערט דאָ דערציילט, מיט אַזוי פיל דערגרייכטע סאָציאַלע וויסנשאַפט און דערפאַרונג, איז דער ענין פּריוואַט־אייגנטום אין שייכות מיט סאָציאַ־ ליזם ווייט נישט דעפינירט.

פּריוואַט־אייגנטום הייבט זיך אָן ביי אַ ביסן ברויט, וואָס געהער צו מ י ר אָדער צו ד י ר און דערגייט צו אומענדלעכע דימענסיעס און צו שווינדלדיקע ציפערן פון אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע און אַנדערע אונטער־ נעמונגען, וואָס געהערן צו איינעם, אָדער צו אייניקע.

אויב קאַפּיטאַליזם כאַראַקטעריזירט זיך מיט דער קאָנצענטראַציע פון פּריוואַט־אייגנטום, אָדער פּריוואַט־קאַפּיטאַל צוליב פּראָפיט און צוליב פאַר־ גרעסערן זיך, שליסט דאָס אָבער נישט אויס, אין די גוט אַנטוויקלטע קאַפּי־ טאַליסטישע לענדער, סאָציאַליזם, נישט נאָר אין דער שטרעבונג, נאָר אויך אין רעאַליזירונג, אויף וויפיל אַלגעמיינע, מענטשלעך־סאָציאַלע, געמיינ־ שאַפטלעכע, אָדער געזעלשאַפטלעכע מאַטעריאַליסטישע פאַרבעסערונג, עקאָ־ נאָמישער ווילזיין, מאָראַלישע דערהייבונג, פאַרזיכערונג, פריי פון מורא, גוטע און ווירדיקע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, אַ העכערער לעבנס־ ניוואָ; פרייהייט צו אַרבעטן פאַר ווייטערע דערגרייכונגען, פרייהייט בכלל; גלייכהייט און סאָציאַלע גערעכטיקייט — איז סאָציאַליסטיש. בעת עס איז אין סתירה צו סאָציאַליזם אַ לאַנד, וווּ עס איז פּערמאַנענט מאַטעריאַליסטיש שלעכט, עקאָנאָמיש אויף געהאַקטע צרות, מאָראַליש פאַרדאָרבן און געפאַלן; וווּ מען איז מיט גאָרנישט זיכער; וווּ מען לעבט שטענדיק אין מורא, וווּ די באַציאונג פון מענטש צו מענטש איז נישטאָ און אויף איר אָרט איז אומ־ צוטרוי, האַס און בייזוויליקייט; וווּ דער לעבנס־ניוואָ איז אַ נידעריקער; וווּ קיין פרייהייט איז נישטאָ און מען זעט נישט זי זאָל זיין און וווּ עס איז נישטאָ קיין גלייכהייט און וווּ עס איז נישטאָ קיין שום גערעכטיקייט — מעג אין דעם דאָזיקן לאַנד נישט זיין קיין קאַפּיטאַליזם אין דער געשטאַלט פון גרויסן און מיטעלן פּריוואַט־אייגנטום.

פון דער אַנדערער זייט איז עס געווענדט אין דער דעמאָקראַטישער און פרייהייטלעכער רעגירונג, וואָס קומט אַרויס פון פרייע וואַלן, פרייען ווילן און פרייען פאַרשטאַנד פון פאָלק צו פירן אַ סאָציאַלע אָרדענונג אין גייסט פון סאָציאַליזם, וואָס נעמט אַריין די סאָציאַליזירונג פון דער עפנטלעכער באַדינונג, גרויסע קאָנצענטרירטע פּראָדוקציע־מיטלען און נאַטור־קוואַלן, נישט צוליב אַ מצווה צו סאָציאַליזירן, נאָר אויב דאָס לוינט זיך פאַר דער געזעלשאַפט; אויב עס וועט דורך דעם זיין בעסער פאַר אַלעמען, אָדער כמעט פאַר אַלעמען.

און פּאַקטיש איז נישטאָ קיין לאַנד, ווו עס זאָל נישט זיין אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע סאָציאַליזאַציע, אָדער נאַציאָנאַליזאַציע און עס גייט אָן דער פּראָצעס.

דאָ אין אַרגענטינע האָט זיך עס געהאַנדלט פון אויפבויען אַ לאַנד, וואָס איז געווען גרויס אָבער וויסט. עס האָט געהאַט אין זיך גאָר גרויסע מעגלעכקייטן, עס האָט אָבער געפעלט דער מענטש, באַפעלקערונג און עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעך אונטערנעמערישער אינטערעס און טאָקע אויך קאַפּיטאַל און איבער אַלעס — אַרבעט, אַרבעט און אַרבעט, נישט אַז ווייניקע זאָלן אַרבעטן אַ סך און איבער די כוחות, נאָר עס זאָלן קומען פון דער אַלטער וועלט, דער עיקר פון אייראָפּע, וואָס מער מענטשן־אַרבעטער און זאָלן אַרבעטן געמעסיקט און זאָלן זען זיך צו שאַפן אַ שיין לעבן פון בויען זיך די נייע היים דאָ אין דער נייער וועלט.

אַזוי דערקלערט זיך דער גרויסער אינטערעס פאַר דער איינוואַנדערונג, וועלכער האָט זיך שוין מאַניפעסטירט באַלד צומאָרגנס פון דער מאַי־רעוואָלוציע; דעם 4טן סעפּטעמבער 1812 האָט די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אין באַשטאַנד פונעם טריאומוויראַט פון פעליסיאַנאָ טשיקלאַנאָ, כואַן מאַריאַ דע פּועירעדאָן און בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו שטיצן די איינוואַנדערונג. אַ דעקרעט, וואָס דריקט אויס אָן אינטערעס, וועלכער האָט אין 1955 נישט אויפגעהערט צו זיין, זאָגט: „אַזוי ווי די באַפעלקערונג איז דער פּרינציפּ פון דער אינדוסטריע און דער פונדאַמענט פונעם גליק פון דער מלוכה, דאַרפן דורך אַלע מיטלען געשטיצט ווערן די מלאכות, די אינדוסטריעס, די אַגריקולטור און די באַקוועמלעכקייט אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע פּראָווינצן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ". דאָס מיינט שטיצן אַלץ, וואָס זאָל אַרויסרופן דאָס באַפעלקערן זיך פון לאַנד. עס רעדט זיך אויך פון דירעקט שטיצן די איינוואַנדערונג, וואָס גייט דורך ווי אַ לייט־מאָטיוו אין דער סאָציאַלער פּאָליטיק פון דער אַרגענטינער געשיכטע אַלס אַ כאַראַקטעריסטיש איינוואַנדערונגס לאַנד און וואָס הערט זיך פון דער אַלבערדיינישער פילאָזאָפיע, אַז „רעגירן הייסט באַפעלקערן".

2. אינדוסטריעלע עוואָלוציע

ביז 1845 איז נאָך דאָ די פּראָדוקציע געווען אַ פּרימיטיווע, אַ היימישע. קיין פאַבריקן זענען נאָך נישט געווען. די ווערקשטאַטן, וואָס זענען געווען, זענען זיי געווען אין די וווינונגען פון זייערע באַלעבאַטים, די פּריוואַט־אייגנטימער, וואָס זענען אַליין געווען די אַרבעטער.

ערשט אין מיטן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, דעם ניינצנטן, זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַרגענטינע די ערשטע עטלעכע דאַמף־מאַשינען. די ערשטע מאַשין איז איינגעשטעלט געוואָרן אין אַ מיל אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1845. ביז 1853 זענען איינגעשטעלט געוואָרן נאָך דריי דאַמף־מאַשינען און אין 1857 איז געלאָפן איבער בוענאָס איירעסער גאַסן דער ערשטער באַן־לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פונעם באַנהויף, וועלכער איז געווען, ווו עס איז היינט דער טעאַטער „קאָלאָן" אויף דער פּלאַסע לאַוואַזשע, וואָס איז געווען אַ פּאַרק — דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַן אינדוסטריע אין לאַנד מיט מעכאַניזירטע און מאַטאָריזירטע אַרבעטס־מיטלען, און דער אָנזאָג פון אַ פּראָלעטאַריזאַציע אויפן אָרט פון דער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט, פון דער מאַנופאַקטור.

אויף צו באַדינען די בוענאָס איירעסער באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען אין 1853 פון 76 טויזנט איינוווינער, האָבן געאַרבעט 743 ווערקשטאַטן און 106 פאַבריקן.

אַ ווערקשטאַט האָט געהייסן אַן אָרט, ווו די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן פון באַלעבאָס אַליין אויף אייגענעם חשבון און דער איינציקער פרעמדער עלעמענט איז געווען אַ לערן־יינגל. די ווערקשטאַטן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם גרעסטן פּלאַץ אין דער מאַנופאַקטור, זענען געווען היימישע זאַכן, אינדיווידועלע אַרבעט.

אַ פאַבריק האָט געהייסן אַן אָרט פון אַרבעט, ווו די אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן דורך געדונגענע מענטשן אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער צאָל; ווו די אַרבעט איז געווען קאָלעקטיוו אויף וויפל אַלע געדונגענע מענטשן האָבן געאַרבעט פאַרן זעלביקן אונטערנעמער, אונטער זיין דירעקציע און אויף זיין חשבון און ווו די אינטערעסן צווישן דעם אונטערנעמער און די געדונגענע האָבן זיך דיפערענצירט.

די פאַבריק ווי אַן אָרט פון קאָלעקטיווער אַרבעט און עקספּלואַטירטער, אויף וויפל דער אונטערנעמער האָט פאַר זיך גענומען אַ טייל פון דעם ווערט, אָדער פון דעם פאַרדינסט פון דער אַרבעט, וועלכע איז געמאַכט גע־

וואָרן פון די געדונגענע, איז אויך געווען דאָס אָרט פון אַרבעטער־קאָנצענ־טראַציע. אויב אין 1853 איז נאָר אין די פאַבריקן געווען דער פאַקטאָר פון לוין־אַרבעטער, האָבן אין די בוענאָס איירעסער 106 פאַבריקן געאַרבעט 1500 אַרבעטער, וואָס מאַכט אויס דורכשניטלעך 14 אַרבעטער אין אַ פאַבריק. ד. ה. אַ קאָנצענטראַציע פון אַזאַ צאָל אַרבעטער, וואָס איבערצייגן זיך אין זייער געמיינזאַמקייט דורך דער געמיינזאַמער אַרבעט, לוין און לעבנס־באַדינגונ־גען.

די פאַבריק, אפילו איידער זי איז געטריבן געוואָרן פון דאַמף מיט אַזאַ און אַזאַ צאָל פערדקראַפט, האָט זיך אונטערשיידט פונעם זעלבסטשטענדיקן ווערקשטאַט מיט דעם אָנהויב קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און אַרבעט, איז שוין געווען דער עקאָנאָמיש־פּראָגרעסיווער פאַקטאָר אין פּראָצעס פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, וועלכע איז אַוועק מיט אַ שטאַרקערן טעמפּאָ אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

אין 1853 דאָס יאָר, ווען ס'איז אָנגענומען געוואָרן די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע, זענען געווען אין בוענאָס איירעס, דער אינדוסטריעלער צענ־טער פון לאַנד, סך־הכל 849 אַרבעט־פלעצער (743 ווערקשטאַטן און 106 פאַבריקן). די אַרבעט־פלעצער האָבן אין 1887 שוין דערגרייכט צו דער צאָל פון 10,349. ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין דעם צווואוקס פון 9500 אַר־בעט־פלעצער אין אַ פאַרלויף פון 34 יאָר, ביי אַ באַפעלקערונג וואָס האָט זיך פאַרמערט אין דער זעלבער צייט פון 76 טויזנט איינוווינער צו 433 טויזנט, זאָלן זיך אויך האָבן פאַרמערט די זעלבסטשטענדיקע ווערקשטאַטן, אָבער אָן אַ פאַרגלייך צו דער זעלבסטשטענדיקער אַרבעט איז געגאַנגען דער פאַרמערונג־פּראָצעס פון דער לוין־אַרבעט, די פּראָלעטאַריזאַציע.

1500 לוין־אַרבעטער זענען געווען אין בוענאָס איירעס אין 1853, זייער צאָל איז אין 1887 שוין געווען אויסגעוואקסן צו 42 טויזנט 321 לוין־אַר־בעטער.

נאָך בולטער איז דער פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע און די קאָנצענ־טראַציע פון קאַפּיטאַל און אַרבעט אין משך פון די ווייטערע 8 יאָר, צווישן 1887 און 1895. אין די דאָזיקע 8 יאָר איז פאָרגעקומען אַ פאַרמינדערונג אין דער צאָל אַרבעט־פלעצער. אָנשטאָט צען טויזנט 349 אין 1887 איז אין 1895 נאָר פאַראַן 8,439, כמעט צוויי טויזנט אַרבעט־פלעצער ווייניקער, אָבער מיט כמעט אַ פאַרדאָפּלטער לוין־אַרבעטערשאַפט ווי מיט 8 יאָר צו־ריק. אין 1887 האָבן מיר 42 טויזנט 321 אַרבעטער און אין 1895 שוין 72 טויזנט 761 באַשעפטיקטע לוין־אַרבעטער. דאָס ווייזט אַ באַדייטנדיקע פאַר־מינדערונג פון זעלבסטשטענדיקער אַרבעט פון איין זייט און פון דער צוויי־טער זייט אַ פּראָפּאָרציאָנעל גרויסער אויסוואָקס פון לוין־אַרבעט.

און נאָך בולטער זעט זיך דער פּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעס, ווען מען פאַרגלייכט דעם באַשטאַנד פון אַרבעט־פּלעצער און לוין־אַרבעטער פון 1853 מיט דעם באַשטאַנד פון 1895.

אויף 849 אַרבעט־פּלעצער (743 וואַרשטאַטן און 106 פאַבריקן) אין 1853 זענען געווען 1.500 לוין־אַרבעטער און אויף 8.439 אַרבעט־פּלעצער אין 1895 האָבן מיר שוין 72 טויזנט 761 לוין־אַרבעטער אין בוענאָס איירעס.

אין 1853 האָט אויסגעמאַכט 1.77 אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ; אין 1887 האָט אויסגעמאַכט 4.06 אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ און אין 1895 האָט שוין אויסגעמאַכט 8.7 אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ.

די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג, וואָס ברענגט מיט זיך דעם פּראָלעטאַריזאַציע־פּראָצעס גייט אויף דער פּראָווינץ מיט אַ שוואַכערן טעמפּאָ, איידער אינעם אינדוסטריעלן צענטר פון לאַנד, איידער אין דער הויפּטשטאָט. דערמיט דערקלערט זיך אַ געוויסע רעדוקציע אין דער דורכשניטלעכער צאָל לוין־אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ, ווען מען נעמט אין חשבון דעם באַשטאַנד פון אַרבעט־פּלעצער און לוין־אַרבעטער פון גאַנצן לאַנד.

אין דעם זעלבן יאָר 1895 איז געווען אין גאַנצן לאַנד 24 טויזנט 114 אַרבעט־פּלעצער מיט 147 טויזנט 782 באַשעפטיקטע לוין־אַרבעטער, וואָס דאָס מאַכט אויס 7.2 אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ, ווען אין בוענאָס־איירעס אַליין מאַכט אויס 8.7 אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ.

אָבער אַזוי די דורכשניט־צאָל פון איבער זיבן אַרבעטער אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ אין לאַנד, ווי די אַלגעמיינע צאָל פון 174 טויזנט 782 לוין־אַרבעטער אויף אַ באַפעלקערונג אין גאַנצן לאַנד, וואָס האָט אין 1895 געציילט נישט מער פון 3 מיליאָן 955 טויזנט 110 איינוווינער, שטעלט שוין אַרויס אַ באַדייטנדיקע לוין־אַרבעטער מאַסע, אַוועקגעשטעלט אין באַזונדערע לעבנס־באַדינגונגען מיט אינטערעסן און פאָדערונגען, וועלכע דיפערענצירן זיך פון די אינטערעסן און פאָדערונגען פון די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן.

3. — אינטערעסן פון באַלעבאַטים און אינטערעסן פון אַרבעטער

דער לוין־אַרבעטער גייט אַריין אין חשבון פון די פּראָדוקציאָנס קאָסטן פונעם אונטערנעמער. עס איז זיין אינטערעס צו באַקומען פונעם אַרבעטער, וואָס מער אַרבעט און באַצאָלן פאַר איר וואָס ווינציקער, כדי עס זאָל אים בלייבן וואָס מער פּראָפיט, בעת דער אַרבעטער האָט נאַטירלעך אַן אַנדערן חשבון אַלס דער פאַרקויפער פון אַרבעט, וואָס דאָס איז דער אַרבעטער אַליין. די קעגנזעצלעכע חשבונות און אינטערעסן דרייען זיך דער עיקר אַרום דעם

לוין און די אַרבעט־צייט און עס קומען אַרויס פראַגן פון מעכאַניזאַציע, פון פרייזן אויף פּראָדוקטן, פון באַוואָרענישן, פון פּראָטעקציע — אויף איין זייט און אויף דער צווייטער זייט — פראַגן פון אַרבעטלאָזיקייט, פון יקרות, פון פאַראייניקונגען, אָרגאַניזאַציע און קאַמף.

אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען די אינדוסטריאַליזאַציע און די פּראָלעטאַריזאַציע האָט דערגרייכט אַ געוויסע רייפקייט און עס איז געבוירן געוואָרן די אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דאָס לאַנד געליטן פון אַ געלט־פיבער און ווי שטענדיק האָט פון דעם פיבער צום מייסטן געליטן דער לוין־אַרבעטער.

קלאָר, אַז דער אונטערנעמער, טריי צו זיך, שטעלט קיינמאָל נישט קיין צו־גרויסן לוין דעם אַרבעטער. ער טוט דאָס אַוודאי נישט, ווען ער איז צו דעם נישט געצוווּנגען דורך דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אָדער דורך אַ געזעץ. ער שטעלט אַזאַ לוין, אַז דער אַרבעטער זאָל קוים האָבן צו קויפן פאַר אים זיינע לעבנסמיטלען, ווי פאַר אַן אַרבעטער, און שטענדיק איז דער לוין קלענער פון די באַדערפענישן.

4. — געלט, לוין און אַרבעטלאָזיקייט

אין די 70ער יאָרן איז דער לוין פאַר אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער געווען 1.50 פעזעס. צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע אויף קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז דער לוין געשטיגן ביז 2.50 צום סוף פון די 70ער יאָרן. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלט־פיבער און די פּאַפּיר־פעזע, וואָס האָט פריער געהאַט דעם זעלבן ווערט פון דער גאָלד־פעזע, האָט אָנגעהויבן צו פאַלן צוערשט אויף 74 סענט, דערנאָך אויף ווייניקער, ביז זי איז געפאַלן אויף 27 סענט סוף 80קער יאָרן.

דורך דעם פאַלן פון דער פּאַפּיר־פעזע, מיט וואָס מען האָט געצאָלט דעם לוין, איז פאַקטיש רעדוצירט געוואָרן דער לוין, ווען די קאָסטן פון די לעבנסמיטלען זענען נישט געוואָרן רעדוצירט. אויב אין 1880 האָט מען געקאָנט קויפן פאַרן טאָג־לוין 20 קילאָ ברויט, האָט מען אין 1891 נאָר געקאָנט קויפן 11 קילאָ ברויט פאַרן זעלבן טאָג־לוין. דער רעאַלער לוין איז אַזוי אַרום רעדוצירט געוואָרן צו דער העלפט.

וואָס איז שייך די אַרבעט־באַדינגונגען זענען זיי דיקטירט געוואָרן פונעם אונטערנעמער. דער אַרבעטס־טאָג האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. אַ וועכנטלעכער רו־טאָג איז געווען אַ זעלטנהייט, אַ פּריווילעגיע. פון היגיענע אָדער באַקוועמלעכקייט ביי דער אַרבעט האָט מען נישט געוווּסט; פון פאַרזיכערונג קעגן אַקצידענטן ביי דער אַרבעט האָט מען אַפילו נישט געטראַכט,

די באַציאונג צו דעם אַרבעטער איז געווען ווי צו אַן אינסטרומענט, וועל־כער וועדט ווינציק געשוינט.

חוץ דער פּילבאַרקייט פון דער רעאַלער לוין־רעדוקציע דורך דער אַנט־ווערטיקונג פון דער פּעזע אין די 90ער יאָרן, אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך געלאָזט פילן דורך דעם יקרות אויף לעבנסמיטלען, כאָטש דער נאָמינעלער לוין איז נישט געוואָרן רעדוצירט, האָט זיך שוין אין דער זעלביקער עפּאָכע אָנגעהויבן פילן די דערשיינונג פון אַרבעטלאָזיקייט.

איינע פון די סיבות פון דער נייער דערשיינונג איז געווען די מעכאַני־שע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פון טראַנספּאָרט.

לויט סטאַטיסטישע אָנווייזונגען און קאַלקולאַציעס האָבן אין בוענאָס־איירעס אין יאָר 1895 פונקציאָנירט 1.088 מאָטאָרן אויפן אָרט פון די 4 מאָטאָרן, וואָס זענען געווען אין 1853. די טויזנט אַכט און אַכציק מאָטאָרן האָבן געאַרבעט מיט 11 טויזנט 74 פערדקראַפט און געטריבן מאַשינען, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון האַנט־אַרבעטער.

דער זעלביקער פּראָצעס פון מאָטאָריזאַציע און מאַשיניזאַציע איז גע־גאַנגען אין אינערן פון לאַנד, אין די שטעט און אויך אויף די פעלדער, ווו די אַגריקולטור איז באַלד געשטעלט געוואָרן קאַפּיטאַליסטיש־עקסטענסיוו מיט דעם אינטערעס און די באַדערפעניש צו איינפירן מאַשינען אויפן אָרט פון פּרימיטיוון געצייג — אַזוי, אַז אין 1895 האָבן שוין פונקציאָנירט אי־בערן לאַנד 3954 מאָטאָרן מיט 60 טויזנט פערדקראַפט. די איינפירונג פון דער אייזנבאַן, די אויסברייטערונג פון אירע ליניעס און די פאַרמערונג פון דער צאָל לאָקאָמאָטיוון האָט אויך אַרויסגעשטעלט פון דער אַרבעט אַ מאָסע מענטשן באַשעפטיקטע ביים פּרימיטיוון טראַנספּאָרט און אַרום אים.

די דערשיינונג פון אַרבעטלאָזיקייט, וואָס איז געקומען איינצייטיק מיט דער רעאַלער לוין־רעדוקציע האָט אַלאַרמירט די אַרבעטער.

די אַרבעטער־צייטונג „על אָברעראָ״, וועלכע איז שוין דעמאָלט דער־שינען אין בוענאָס איירעס, שרייבט דעם 9טן יאַנואַר 1891: „מיר גלויבן נישט צו האָבן קיין טעות אויב מיר שטרייכן אונטער אַ צאָל פון צען טויזנט אַרבעטער אָן אַרבעט, אין דער שטאָט בוענאָס איירעס.

„צען טויזנט שקלאַפן פון נויט, דערשיטערט פון הונגער, פון נישט האָבן מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן, נישט פאַר זיך און נישט פאַר זייערע פאַמיליעס, וואָלטן געוואָלט אַרבעטן ביי וואָס עס זאָל נאָר זיין, ווו דאָס זאָל נאָר זיין, אַבי צו פאַרדינען אויף עסן פאַר זייערע קינדער״.

און דעם 16טן יאַנואַר פון זעלבן יאָר 1891 איז פאָרגעקומען אין בוע־נאָס איירעס אַ מיטינג פון אַרבעטלאָזע צו בעטן דער רעגירונג זי זאָל זען אַנ־

צונעמען מיטלען עס זאָל פאַרלייכטערט ווערן די אומגליקלעכע לאַגע פון די אַרבעטסלאָזע.

און די אַרבעטלאָזיקייט, וואָס ווערט דורך דער דערמאָנטער אַרבעטער צייטונג דאָקומענטירט, איז נישט געווען בלויז אַ לאָקאַלע דערשיינונג, נאָר אין בוענאָס איירעס; זי איז געווען אַ דערשיינונג איבערן גאַנצן לאַנד און נישט קיין צופעליקע דערשיינונג. זי איז געווען אַ קאָנסעקווענץ פון דער מע־כאַניזאַציע פון דער אַרבעט, ווען דער אַרבעטסטאָג איז נישט געוואָרן רע־דוצירט.

שווערע אַרבעט־באַדינגונגען, יקרות דורך דער אַנטווערטיקונג פון דער מטבע, מיט וועלכער מען האָט געצאָלט דעם לוין אין די 90קער יאָרן און די ביטערע נויט, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין די זעלביקע יאָרן — דאָס אַלץ ביי אַ פּראָצעס פון פּראָלעטאַריזאַציע דורך קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און מעכאַניזאַציע פון דער אַרבעט, האָט אַרויסגערופן צום לעבן דעם אָנהויב פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע.

קאַפּיטל XVI

קלאַסנבאַוווסטזיין און קלאַסנקאַמף

1. — קולטור און וויסן.

ווער ווייסט אין וואָסערע פאָרמען די אַרבעטער־באַוועגונג אין איר אָנהייב וואָלט זיך אויסגעגאָסן דורך דער געוועזענער קולטורלאָזיקייט פו־נעם איינגעבוירענעם אַרגענטינער אַרבעטער; דורך זיין געוועזענעם נידע־ריקן לעבנס־ניוואָ; דורך זיינע פיינלעכע אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען; דורך זיינע מענטשלעכע דערנידערונגען; דורך זיין בייסנדיקער נויט — ווער ווייסט צי דער אָנהויב פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט זיך נישט אויס־געגאָסן אין ברעכן מאַשינען, אין רויב און מאָרד — אויב זי וואָלט נישט געהאַט באַלד אַ סאָציאַלע אָריענטאַציע, אַ פּאָליטישן באַוווסטזיין, אידעאָ־לאָגישע שטרעבונגען, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן קולטור אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, אָרדענונג, אינטעליגענץ.

דער דאָזיקער גייסטיקער אוצר איז שוין געווען צו געפינען אינעם אַר־גענטינישן ליבעראַליזם, דעמאָקראַטישקייט און סאָציאַליזם, אויסגעדריקט פון דער מאַי־רעוואָלוציע; אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון לאַנד, אין דער „סאָציאַליסטישער דאָגמע" פון עטשעוועריאַ, אין דער „מאַי אַסאָציאַציע" אין די צייטן פון ראָסאַס; אַ ליבעראַליזם, וואָס האָט זיך צום גרויסן טייל אָנגענומען פון די סאָציאַלע אידעען פון פראַנקרייך און פון דער וועלט, וואָס האָבן באַווירקט און באַאיינפלוסט די גרויסע, די אומ־שטערבלעכע, די היסטאָרישע געשעענישן פון לאַנד, און עס האָט זיך אויך דער דערמאָנטער גייסטיקער אוצר גענומען פון דער איינוואַנדערונג, פון די מענטשן, וואָס זענען געקומען פון אייראָפּע און האָבן געבראַכט מיט זיך זייער קולטור, זייערע ידיעות וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען, זייער דערפאַרונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, זייער פּאָליטישע דערציאונג, זייער באַציאונג צו זאַכן און זייער אידעאַליזם.

און די איינוואַנדערונג איז דאָ נישט געווען קיין אַריינגעשמוגלטע, נישט קיין איינגעבעטענע. זי איז געווען אַ געווינטשטע, אַן אַרויסגערופענע, אַן אייפערדיק באַגערטע צו העלפן באַפעלקערן דאָס גרויסע, כמעט ליידיקע לאַנד; צו העלפן עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, קולטורעל און געזעלשאַפטלעך בויען

דאָס לאַנד. אַנהייבנדיק פון דער מאַי־רעוואָלוציע, וואָס האָט געהאַט פאַר איינע פון אירע הויפּט־אימפּולסן די שטרעבונג צו עפענען די טירן פאַר דער וועלט, האָבן די גרויסע שאַפער פון דער רעפּובליק כסדר געווענדט זייערע אויגן צו דער איינוואַנדערונג.

2. — די ערשטע אַרבעטער פאַריינען

ערשטע זוימען פאַר ערשטע שפּראָצונגען פון אַן אַרבעטער באַוועגונג זענען פאַרזייט געוואָרן אינמיטן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, דאָס ביינצנ־טע, זיי זענען געווען פאַר קעגנזייטיקער הילף צווישן אַרבעטער פון זעל־ביקן פאַך.

אַנכעל מ. כימענעז דערמאָנט אין זיינס אַ בראָשור די גרינדונג פון אַ שוסטער אַרבעטער פאַריין אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1857, אויפן נאָ־מען „סאַן קריספּין". אין זעלביקן יאָר האָט זיך געגרינדעט, אויך צוליב קעגנזייטיקער הילף, אַ פאַריין פון דרוקער־אַרבעטער, וועלכער האָט זיך מיט יאָרן שפּעטער, אין 1878 פאַראייניקט מיט אַ צווייטן דרוקער־אַרבעטער פאַריין, וועלכער האָט געהייסן „אוניאָן טיפּאָגראַפיקאַ". אין 1885 איז גע־וואָרן געגרינדעט „לאַ אינטערנאַסיאָנאַל דע קאַרפּינטעראָס, עבאַניסטאָס אי־אַנעקסאָס" — אַ פאַריין פון האָלץ אַרבעטער, וועמענס „אינטערנאַציאָנאַל", ווי ער האָט זיך גערופן איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון פאַרשיידענע נאַ־ציאָנאַליטעטן. אין 1887 האָט זיך געגרינדעט „לאַ פראַטערנידאַד" — פאַ־ריין פון באַן־פירער, אָדער פון מאַשיניסטן און הייצער און אין 1890 האָבן זיך געגרינדעט פאַריינען פון מויערער, פון היטן מאַכער און פון דייטשע דרוקער.

3. — דער ערשטער אַרבעטער שטרייק

דער ערשטער שטרייק אין בוענאָס איירעס איז דערקלערט און אויס־געפירט געוואָרן פון דרוקער אַרבעטער.

און עס איז אפשר נישט נאָר אַ צופאַל, וואָס דער ערשטער שטרייק איז געווען פון דרוקער. דאָך אַן אַרבעט, וואָס האָט צו טאָן מיט אינטעליגענץ, מיט קולטור, מיט וויסן. דערצו זענען דאָס געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער פּרעסע, אין די טעגלעכע צייטונגען.

דעם 31סטן אויגוסט פון 1878 האָבן זיך פאַרזאַמלט די דרוקער־אַרבע־טער אין אַ טעאַטער, וואָס האָט געהייסן „אַלעגריאַ"" און באַשלאָסן שיקן אַ קאָמיסיע צו די דרוקער־באַלעבאַטים צו בעטן ביי זיי פאַרקלענערן דעם

אַרבעטסטאָג און העכערן דעם לוין — די קלאַסישע פאָדערונגען פון אַרבע־טער.

די פאָדערונג איז פון די דרוקעריי באַלעבאַטים אָפּגעוואָרפן געוואָרן און די אַרבעטער זענען אַרויס אין שטרייק.

אַ חודש צייט האָט געדויערט דער שטרייק. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אָנפאַל מצד די אַרבעטער, אַזאַ „אומרעכט" איז נאָך נישט געהערט געוואָרן... מ'האָט אַוועקגעשטעלט ביי די קאַסטנס שריפט מענטשן נישט פון פאַך; מ'האָט אַרויסגערופן פּאָליציי צו באַשיצן די באַלעבאַטים און פאַרפאָלגן די שטרייקער. גרויסע צייטונגען האָבן זיך געמוזט רעדוצירן ביז אַ מינימום; קליינע צייטונגען האָבן זיך אינגאַנצן געמוזט אָפּשטעלן. די דע־מאָלטיקע צייטונג „על נאַסיאָנאַל", וועלכע האָט באַקומען שטרייקברעכער, האָט זיך עפנטלעך פאַרענטפערט, אַז זי האָט געמוזט בייטן דעם פּערסאָ־נאַל „אין אַנבליק פון אַן אויסברוך פון איבערגעטריבענע פּרעטענזיעס אויף רעכטן. נאָכגעבן זיי וואָלט באַדייט אַן איבערקערעניש אין די אַרבעט־איינ־שטעלונגען".

דער דאָזיקער אַרבעטער שטרייק, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַריבער אַ חודש איז דאָך געווונען געוואָרן.

עס איז דערגרייכט געוואָרן דער עיקר אַ קלענערן אַרבעטסטאָג. ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז ווינטער זאָל דער אַרבעטסטאָג זיין פון צען שעה און זומער — צוועלף שעה.

דער זיג האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די באַלעבאַטים האָבן גענומען איינפירן שטיקאַרבעט און געוווּנען פאַר דעם די אַרבעטער, דורך דער איינ־ריידעניש פון גרעסערע פאַרדינסטן, אַזוי האָט עס טאַקע אויסגעזען. און מען האָט אַזוי צוביסלעך יעדן טאָג געאַרבעט עפּעס מער, כדי מער צו פאַר־דינען, ביז עס איז פאַרלוירן געגאַנגען די דערגרייכונג פון אַ פאַרקלענערטן אַרבעטסטאָג.

4. — עקאָנאָמישע שטרייקן און סאָלידאַרישע

ס'זענען אַוועק אַ קנאַפּ צענדליק יאָר אָן שטרייקן ביז 1887, ווען ס'איז ווידער אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון שוסטער פאַר דער זעלבער פאָדע־רונג, פאַר וועלכער עס האָבן מיט ניין יאָר צוריק געשטרייקט די דרוקער: פאַר פאַרקלענערן דעם אַרבעטסטאָג און העכערן דעם לוין.

אין יאָר 1888 האָבן אויסגעבראָכן שטרייקן פון באַן־אַרבעטער. איינער פון זיי אַ צופעליקער אויף דער צענטראַל־אַרגענטינער־באַן. דער דאָזיקער שטרייק איז געווען פאַר באַפרייען אַן אַרבעטער, אַ לאָקאָמאָטיוו־פירער,

וועלכער איז אַרעסטירט און שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן איבער אַ טראַפּיק־אַקצידענט. דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דעם שטרייק איז געווען דאָס, וואָס די אַרבעטער האָבן אין דעם פאַל געשטרייקט שוין נישט נאָר פאַר עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, נאָר אויך שוין אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט און אַלס שטיצע פון אַ פאָדערונג פון אַ מאָראַלישן כאַראַקטער.

דער צווייטער שטרייק אין זעלביקן יאָר איז געווען אויף דער דרום־באַן. ער האָט אָנגענומען זייער ערנסטע פאָרמען, אָדער מ׳האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ זייער ערנסטער געשעעניש, דורך דעם ווידערשטאַנד פון אַזאַ עמפּרעסע, ווי דאָס איז געווען די באַן־קאָמפּאַניע מיט איר גרויסן איינפלוס אין די הויכע רעגירונג־ספערן. כאָטש דער שטרייק איז פאַרשפּילט געוואָרן, האָט ער אָבער דורך דעם נישט פאַרלוירן זיין באַדייט און זיין לערע.

ס׳איז געווען בעת דער אַנטווערטיקונג פון דער צירקולירנדיקער פּאַפּיר פּעזע, מיט וועלכער מען האָט געצאָלט דעם לוין. די פּאַפּיר פּעזע האָט שוין געהאַט פאַרלוירן אַ דריטל פון איר קויף־קראַפט, אָדער פון דעם ווערט פון דער גאָלד פּעזע, וואָס איז פריער געווען גלייך צו דער פּאַפּיר פּעזע. עס האָבן געפאָדערט די אַרבעטער מ׳זאָל זיי צאָלן דעם לוין מיט גאָלד־פּעזעס. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ פאָדערונג קעגן דער רעאַלער לוין־רעדוקציע. מען האָט די פאָדערונגען אָפּגעוואָרפן און די אַרבעטער זענען אַרויס אין שטרייק.

5. — די עפנטלעכע מאַכט

דער שטרייק איז גענומען געוואָרן זייער ערנסט און ס׳איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן די פּאָליציי־מאַכט אים צו באַקעמפן מיט וואָפן אין די הענט. אין אַ טאָג, ווען די שטרייקנדיקע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער פּלאַסאַ הערעראַ, האָט דער פּאָליציי־שעף אַרויסגעשיקט אַ שטאַרקן פּיקעט מיט ביקסן־באַוואָפנטע פייערלעשער, וואָס זענען שוין דאַן באַנוצט געוואָרן אויך פאַר פּאָליצייאישע צוועקן, און דער אַרויסגעשיקטער פּיקעט האָט אָפּגעפייערט אויף דער פאַרזאַמלונג, כדי איר צו צעטרייבן. אַ סך זענען געוואָרן פאַרוואונדעט און 160 שטרייקנדיקע באַן־אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן.

דער שטרייק איז דאָס מאָל אויפגעגעבן געוואָרן. די אַרבעטער האָבן אויף אַזאַ פּילבאַרן אופן דערקענט דעם מלוכה־כוח אויף דער זייט פון די באַלעבאַטים, דאָס האָט זיי נישט אָפּגעהאַלטן פון קאַמף פאַר זייערע פאָדערונגען, אָבער ביים באַשטימען ווייטערע שטרייקן האָבן זיי זיך געמוזט רעכענען אויך מיטן מלוכה־כוח. דאָס האָט באַקרעפטיקט זייער באַוווסטזיין און די באַדערפעניש פון אַ פּערמאַנענטער פאַראייניקט און אָרגאַניזירט זיין.

די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון אייניקייט און אָרגאַניזאַציע — דאָס איינצי־קע מיט וואָס די אַרבעטער האָבן זיך געקענט דינען אין זייער קאַמף — האָבן נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך. מען האָט אָנגעהויבן נאָכגעבן די פאָדערונגען, מיט אָדער אָן שטרייקן; די זעלביקע באַן־אַרבעטער האָבן אין 1889 דערגרייכט זייער פאָדערונג, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק פאַר־שפּילט געוואָרן. און מען האָט זיי געצאָלט דעם לוין אין גאָלד פּעזאָס.

אין זעלביקן יאָר, דעם 16טן מערץ, זענען אַרויס אין שטרייק דריי טויזנט סטאָלער אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין דער „סאָסיעדאַד אינטערנאַ־סיאָנאַל דע אָברעראָס קאַרפּינטעראָס, עבאַניסטאַס אי אַנעקסאָס". זיי האָבן געפאָדערט 20 פּראָצענט לוין־העכערונג און געוווּנען.

אין דעם זעלביקן חודש זענען אַרויס אין שטרייק זעקס טויזנט מויע־רער, אָרגאַניזירט אין „אוניאָן אָברעראָס אַלבאַנילעס". זיי האָבן געפאָדערט אַ לוין־העכערונג, „כדי אויסצוגלייכן דעם לוין מיט די קאָסטן אויף לעבנס־מיטל". און זיי האָבן געוווּנען.

אויפן גרונט פון די געשאַפענע עקאָנאָמישע אומשטענדן: די קאָנצענ־טראַציע פון קאַפּיטאַל און אַרבעט; די מאַשיניזאַציע און פּראָלעטאַריזאַציע, וואָס ביי דעם אומענדלעכן אַרבעטס־טאָג, האָט עס געבראַכט מיט זיך דעם פאַקטאָר פון אַרבעטלאָזיקייט און זיינע פאָלגן פון נויט און הונגער, דערצו די אַנטווערטיקונג פון דער לוין־פּעזע, וואָס האָט געשאַפן דעם יקרות אויף לעבנסמיטלען — איז געבוירן געוואָרן אין לעצטן פערטל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט די מאָדערנע אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד.

6. — אָרגאַניזאַציע און אַקציע

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פון אָרגאַניזאַציע אויף אַזוי־פיל אויף וויפיל די ערשטע אַרבעטער־פאַריינען פון שוסטער און פון דרוי־קער זענען געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1857, מיט 21 יאָר פאַרן ערשטן שטרייק, אָבער די דערמאָנטע ערשטע פאַריינען האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק נאָר קעגנזייטיקע הילף. דאָס איז אויך געווען דער צוועק פון אַנ־דערע פאַריינען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געגרינדעט, צווישן זיי דער פאַ־ריין פון די באַן־אַרבעטער. אָבער דאָס ווערן פון דער אייגנטלעכער כאַראַק־טעריסטישער אַרבעטער־באַוועגונג הייבט זיך ערשט אָן צום סוף פון די 60קער יאָרן מיטן אָנהויב פון דער שטרייק באַוועגונג.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שטרייקן אומאָפּהענגיק פון דעם צי עס איז געווען אָדער נישט אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין. דאָס הייסט, אַז דאָרט ווו עס איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין איז דער שטרייק געוואָרן אָרגאַ־

ניזירט און געפירט פון פאַריין, אָבער דאָרט וווּ עס איז נישט געווען קיין פאַריין, איז דער שטרייק סיי ווי אויסגעבראָכן.

דער שטרייק האָט געשטאַרקט די פאַראַנענע אָרגאַניזאַציע, האָט פאַרוואַנדלט די אַרבעטער־פאַריינען פאַר קעגנזייטיקער הילף אין פּראָפעסיאָנעלע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס און האָט אַרויסגערופן צו אָרגאַניזירן זיך אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען יענע אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט זייערע פאַריינען.

אַזוי אַרום האָט דער שטרייק געשפּילט גאָר אַ וויכטיקע ראָל אין דעם ווערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס ווערן אין קאַמף דורך שטרייקן האָט געדויערט אַ צייט פון אַכצן יאָר, פון 1878 ביז 1896, עס איז די אָנהייב־עפּאָכע פון דער אַרגענטינער מאָדערנער אַרבעטער באַוועגונג. אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט די שטרייק־באַוועגונג דורכגעמאַכט איר אַנטוויקלונג, איר אויסברייטערן זיך. דאָס איז פעסטגעשטעלט מיט די פאָלגנדיקע דאַטן פון שטרייקן אין בוענאָס איירעס:

אין 1878 איין שטרייק פון דרוקער.

אין 1887 איין שטרייק פון שוסטער.

אין 1888, צוויי שטרייקן פון באַן־אַרבעטער.

אין 1889 דריי שטרייקן: באַן־אַרבעטער, סטאָליער און מויערער.

אין 1890 פיר שטרייקן: מויערער, סטאָליער, שוסטער און באַן־אַרבעטער.

אין 1891 צוויי שטרייקן: באַן־אַרבעטער און היטן־מאַכער.

אין 1892 זיבן שטרייקן: היטן־מאַכער, דרוקער, פריזירער, לאַמטערן־צינדער, מוניציפּאַל־אַרבעטער, באַן־אַרבעטער און טאַבאַק־אַרבעטער.

אין 1893 דריי שטרייקן: שוסטער, גיפּסער און ציגאַרעטן־מאַכער.

אין 1894 ניין שטרייקן: מויערער, מעבל־אַרבעטער, גאַרבער, גלעזער, בלעכער, גיפּסער, סטעלמאַכער, מאַלער, קוילן־אויסלאָדער.

אין 1895 ניינצן שטרייקן: גיפּסער, פּאָרט־אַרבעטער, ים־אַרבעטער, באַהייץ אַרבעטער, סטאָליער, קעסל־אַרבעטער, פאַריינען פון פּאָרט, בעקער, מאַזשאַראַלעס, גאַלפאַניסטן, שניידער, מאַרמאָר־אַרבעטער, לאָקשן־מאַכער, מאַלער, פּאָרט־סטאָליער, זאָטלער, שלאָסער, סטעלמאַכער און דאַך־בלעכער.

אין 1896 זעקס און צוואַנציק שטרייקן: לאָקשן מאַכער, סטעלמאַכער, גאַרבער, בראָנזער, בלעכער, ציגאַרעטן־מאַכער, גלעזער, זייגערמאַכער, דרוקער, באַן־אַרבעטער, אַלפּאַרגאַטן־מאַכער, גאַז־אַרבעטער, בעקער, שניידער, טעלעפּאָניסטן, זוילן־מאַכער, לאָקאָמאָטיוו־פירער.

לויט אַ פובליקאַציע פון 1897 אין דער שוין דעמאָלסדיקער סאָציאַ־ליסטישער שריפט „לאַ וואַנגוואַרדיאַ“ וועלכע שטעלט זיך אָפּ אויף די שטרייקן פון די יאָרן 1895 און 1896, וואַרשיינלעך צוליב זייער צאָל, האָבן זיך אין די שטרייקן פון 1895 באַטייליקט 21 טויזנט 978 אַרבעטער. 14 שטרייקן זענען געווען פאַר העכערן דעם לוין; 9 פאַר רעדוצירן די אַרבעט־צייט. איינער, פון די בעקער, איז געווען פאַר אָפּשאַפן נאַכט־אַרבעט; 14 שטרייקן זענען געווונען געוואָרן און 5 זענען געוואָרן פאַרשפּילט.

אין די שטרייקן פון 1896 האָבן זיך באַטייליקט 24 טויזנט 900 אַר־בעטער. 6 שטרייקן זענען געווען פאַר לוין־העכערונגען; 12 פאַר רעדוצירן דעם אַרבעטסטאָג; 7 פאַר אָפּשאַפן שטיק־אַרבעט. 4 שטרייקן זענען געווונען געוואָרן און 12 פאַרשפּילט.

אין די שטרייקן פון די דערמאָנטע צוויי יאָרן איז צו באַמערקן: 1) אין 1896 אַ גרויסע צאָל שטרייקן מיט אַ גרעסערער צאָל שטרייקנדיקע איידער אין 1895, ווען די צאָל שטרייקן און שטרייקנדיקע לגבי די פריערדיקע יאָרן איז שוין געווען אַ גרויסע; 2) מער שטרייקן פאַר רעדוצירן דעם אַרבעטס־טאָג; 3) ערשטע שטרייקן פאַר אָפּשאַפן שטיק־אַרבעט, וואָס דאָס איז גע־קומען פון דער דערפאַרונג, אַז די דערגרייכונגען ווערן צעשטערט דורך דער איינפירונג פון שטיקאַרבעט; 4) אַ גרעסערע צאָל פאַרשפּילטע שטרייקן, וואָס דערקלערט זיך מיט דעם שטאַרקערן ווידערשטאַנד פון די באַלעבאַטים קעגן דער פאָדערונג פון פאַרקירצן די אַרבעט־צייט און אין אַנבליק פון דער שטרייק־באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן אַ סיסטעמאַטישע, אָרגאַניזירטע און אָפטע דערשיינונג.

7. — אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס.

די אַרבעטער־באַוועגונג געזען דורך די שטרייקן אין לעצטן פערטל פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט אין דער זעלביקער עפּאָכע געמאַכט דעם אָנהויב פון איר אָרגאַניזאַציאָנעלער אַנטוויקלונג.

אין יאָר 1879 האָבן זיך פאַראייניקט צוויי דרוקער פאַריינען: דער „טי־פּאָגראַפיקאַ באָנאַערענסאַ“, געגרינדעט אין 1857 פאַר קעגנזייטיקער הילף, מיטן „אוניאָן טיפּאָגראַפיקאַ“, געגרינדעט אין 1878 אַלס פּראָפעסיאָנעלע אָדער עקאָנאָמישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

אין 1885 האָט זיך געגרינדעט דער פאַריין פון סטאָליער און מעבל־אַרבעטער.

אין 1886 האָט זיך געגרינדעט דער פאַריין פון בעקער־אַרבעטער.

אין 1887 האָט זיך געגרינדעט די „פראַטערנידאַד”, דער פאַריין פון לאָקאָמאָטיוו־פירער און הייצער.

אין 1890 האָבן זיך געגרינדעט די פאַריינען פון מויערער און היטן־מאַכער.

און פון 1890 ביז 1895 זענען צוגעקומען פראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון ווייך און ליקאָר־אַרבעטער; פון סטעלמאַכער; פון שפּייז־געוועלבער אָנגעשטעלטע; שניצער, שלאָסער, מעכאַניקער, בלעכער, גאַז־אַרבעטער, ציגל־מאַכער, מאַרמאָר־אַרבעטער, טראַמוויי־אַרבעטער (טראַמוויי אויף פערד); צעמענט־אַרבעטער, מאַלער, שניידער, טאַבאַק־אַרבעטער, זאָטלער, טאַפּיצירער, טאָקער, גיפּסער, מאָזאַיקער, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן געגנטלעכע סעקציעס פון פאַריינען: באַראַקאַסער סעקציעס פון מויערער, פון מאַלער; בעלגראַנער סעקציע פון מויערער — זיי, אַזוי ווי די לאָקאַלע סעקציעס פון די באַן־אַרבעטער פון טוקומאַן, קאָרדאָבאַ, סאַנטאַ פע, פּאַראַנאַ, מענדאָסאַ, האָבן שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אָנהויב פון אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום אַ גאַנצן אינדוסטריע־צווייג פון פאַרשיידענע געגנטן.

קאַפּיטל XVII

סאָציאַליסטישע אינספּיראַציע און אָריענטאַציע

1. — סאָציאָלאָגישע גרופּירונגען

ביי דער גאַנצער אָנשטרענגונג, אין דער דאָזיקער אַרבעט, אויסצוטיילן דעם פּראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישן פאַקטאָר און כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָלט מען דאָך נישט פאַרשטאַנען די באַוועגונג, אַזוי אין איר אָנפאַנג, ווי אין איר ווייטערער אַנטוויקלונג, ווען מען זעט נישט יענע סאָציאַל־פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע פעדים, וואָס זענען געשפּינען געוואָרן אין די גייסטיקע שפּינערייען פון דער וועלט אונטער די שטרעבונגען צו פרייהייט, געזעלשאַפטלעכע פאַרבעסערונג, הומאַניזם, סאָציאַליזם — פעדים, וואָס האָבן זיך איבערגעוואָרפן פון לאַנד צו לאַנד דורך די סאָציאַלע דענקער, דורך די וואַנדערונגען, וועלכע זענען אַרויסגעקומען פון די צענטערן פון די נייע סאָציאַלע באַוועגונגען, פון די גרויסע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין די אייראָפּעאישע לענדער, טראַגנדיק מיט זיך די פאַרשיידענע שאַטירונגען, ריכטונגען, טענדענצן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיי האָבן געשאַפן דעם נערוו פון דער אַרגענטינער אַרבעטער באַוועגונג, איר נשמה, איר האָפענונג, מוט, באַגייסטערונג, ענטוזיאַזם, מאָראַלישן כוח און באַוווסטזיין.

אַ רויטער פאָדים ציט זיך דורך דער אַרגענטינער געשיכטע ביז ער באַהעפט זיך מיט דער אידעאָלאָגיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס שרייבט עסטעבאַן עטשעוועריאַ, דער פירער פון דער היסטאָרישער „מאַי אַסאָציאַציע" אין 1838:

„דער פּראָלעטאַריער אַרבעט טאָג און נאַכט רייכער צו מאַכן דעם לייטיקגייער, דעם באַלעבאָס; ער גיט אַוועק דעם שווייס פון זיין פּנים צו דערהאַלטן זיך און זיין פאַמיליע און ער ווערט נישט באַלוינט פאַר זיין אַרבעט, קוים וואָס ער האָט אויף עסן. ער קאָן גאָרנישט אָפּשפּאָרן אויף דערציען זיינע קינדער, היילן זיך, ווען ער ווערט קראַנק, פאַרזאָרגן זיך אויף נישט פאָרויסגעזעענע באַדערפענישן און צוגרייטן זיך אַ באַקוועמע עלטער; דער פּראָלעטאַריער קאָן נישט ווערן באַלעבאָס, קאָן נישט אַרויס פון זיין

פאָרגייער פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג

גאטהאלד הומעל

נ. א. לאלעמאן



זשאוע נאַזאט

ווילהעלם שולץ



שאַרל מאולי

אויגוסט קוהן



א. ד. פּאַלאַנקאַס

דאָמינגאָ רוסאָ

מיזעראַבלער לאַגע, קען נישט האַביליטירן זיך צו קענען אויסאיבן אַ וועלכע עס איז סאָציאַלע רעכט.

„עס טרייבט אים דער אייגנטימער פון די פּראָדוקציע־אינסטרומענטן: ער ווערט אויסגענוצט ווי אַ לאַסט־בהמה פאַר אַ מיזעראַבלען לוין, אַזוי לאַנג ביז ער ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט, ווען ער ווערט קראַנק, אָדער איז שוין אַן אויסגעשעפּטער. און וויפיל, אין מאָמענטן פון אינדוסטריעלן אָדער האַנדלס־קריזיס, אָדער דורך דער דערפינדונג פון אַ מאַשין, געפינען נישט איבער דעם קיין אַרבעט פאַר זייערע הענט, וואָס זיי שטעלן אויס צו בעטלען, און אַ סך מאָל צום פאַרברעכן, אָדער זיי שרייבן, פאַרצווייפלט אָן אויף דער פאָן פון באַפרייאונג די דאָזיקע שרעקלעכע לאָזונג פון די ליאָנער אַרבעטער: „לעבן אַרבעטנדיק, אָדער שטאַרבן קעמפנדיק".

נאָך די אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס פון 1848 און שפּעטער, נאָך דער פּאַריזער קאָמונע פון 1871, זענען געקומען מענטשן, ווי אַרויסגעריסן זיך פון יענע קאַמפן, אָדער ריכטיקער: פון יענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרפאָלגונגען און שטיקונגען. אָפּגעריסן פון קאַמף געאָגראַפיש, האָבן זיי דאָך נישט איבערגעריסן מיט אים מאָראַליש, נישט איבערגעריסן מיטן אידעאַל אונטער וועמענס פענער זיי האָבן געקעמפט און האָבן אפילו אָנגעהאַלטן ביז אַ געוויסער צייט זייערע פאַרטייאישע שאַטירונגען פון דער אַלטער היים.

און פון דעם האָט זיך גענומען אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1872 אַ „פראַנצויזישע סעקציע" פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אַסאָציאַציע" און עס האָט זיך געשפּינען ווייטער דער פאָדים פון עטשעווערי‎אַ. אַליין אָנגעליטן, אָנגעוויטיקט, איז די פראָזע פון דער „פראַנצויזישער סעקציע" געווען אָנגעזאַפּט מיט קאַמף און האָט געזאָגט אין איר פּרינציפּן דעקלאַראַציע: „אַז עס איז נויטיק צו ענדערן די פאַרוויסטנדיקע געזעלשאַפט פון

פאַראַזיטן, פון דעם קלאַס, וואָס לעבט און געניסט פון די פרוכטן פון דער ערד און פון דער אינדוסטריע אויפן חשבון פון יענע, וואָס אַרבעטן און שוויצן; אַז עס איז דער חוב פון די מיטגלידער אָפצוואַרפן יעדע רעגירונג, וואָס וועט נישט זיין די פאַרקערפּערונג פון די אַרבעטער; אַז דער אַרבעטער זייענדיק דער פּראָדוקטאָר פון אַלץ, וואָס איז נוצלעך און נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ און פאַרן ווילשטאַנד פון דער מענטשהייט, דאַרף האָבן דאָס רעכט צו דיקטירן די געזעצן, וואָס פירן אָן מיט דער אוניווערסאַלער געזעלשאַפט".

אין יאָר 1873 האָבן זיך געגרינדעט אין בוענאָס איירעס נאָך צוויי סעקציעס פון דער זעלביקער אידעאָלאָגיע און פון דער זעלביקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אַסאָציאַציע, וועלכע האָט אין 1872 אָפּגעהאַלטן אין האַג אַ קאָנפערענץ. עס איז געווען אַן איטאַליענישע סעקציע און אַ שפּאַנישע.

אין יאָר 1882 ווערט אויך געגרינדעט אין בוענאָס איירעס אַ קולטור־פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דייטשע סאָציאַליסטן, דער קלוב „פאָרווערטס" מיט דער אויפגאַבע „מיטצואַרבעטן פאַר דעם פאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און צילן אין איינקלאַנג מיטן פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד".

די שאַטירונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין די אייראָפּעאישע צענטערן פון דער אַרבעטער באַוועגונג האָבן שטענדיק געהאַט דאָ זייער אָפּשפּיגלונג. עס זענען געווען מאַרקסיסטישע שאַטירונגען און באַקוניסטישע, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, אַנאַרכיסטישע און סינדיקאַליסטישע. זייערע דיסקוסיעס און שטרייטיקייטן, צייטנווייז גאַנץליידנשאַפטלעכע, וואָס האָבן נישט זעלטן געפירט צו שפּאַלטונגען און סעפּאַראַציעס, האָבן דאָך אין דער זעלביקער צייט שטאַרקער פאַראייניקט די אָנהענגער פון דער זעלביקער אידעע און אויסגעברייטערט זייערע ווירקונגס־קרייזן. און צוזאַמענגענומען זענען די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע גרופּירונגען געווען די פאָראויסגייער, די פאָנען־טרעגער, די אינספּירירער און די אָריענטירער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג.

די ענלעכקייט פון די לעבנס־באַדינגונגען פאַר אַלע אַרבעטער אָן אונטערשיד פון פּראָפעסיע; די ענלעכקייט פון זייערע שטרעבונגען און פון זייערע פאָדערונגען; די ענלעכקייט פון די מיטלען צו פאַרבעסערן זיך דאָס לעבן — האָט שוין אַליין געקאָנט פירן צו דעם געדאַנק פון אייניקייט און אָרגאַניזאַציע נישט נאָר צווישן די אַרבעטער יחידים, נאָר אויך צווישן די אַרבעטער־קאָלעקטיוון. אין קאַמף האָט זיך דער געדאַנק וועגן אַן אָרגאַניזאַציע פון אָרגאַניזאַציעס פאַרשטאַרקט. אין דעם שטרייק פון איין פאַך

האָט זיך אַרויסגעוויזן די סאָלידאַרישע באַדערפעניש און די שטיצע פון די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן. חוץ דעם האָבן די געשעענישן און די פאַקטן געלערנט, אַז נישט יעדער שטרייק ווערט געוווּנען; אַז דער ווידערשטאַנד פון די באַלעבאַטים ווערט כסדר איינגעשפּאַרטער, האַרטער; אַז אין נאָמען פון אָרדענונג און זיכערקייט מישט זיך אַריין אין דעם קאַמף צווישן אַר־בעט און קאַפּיטאַל די מלוכה־מאַכט; אַז כאָטש דער שטרייק אַלס אַ מיטל צו צווינגען דעם באַלעבאָס נאָכצוגעבן פאָדערונגען, קאָן נישט זיין אויפגעגע־געבן, דאַרף ער אָבער נישט זיין דער איינציקער מיטל. עס איז שוין געווען אַ דערפאַרונג פון באַלעבאַטים און פון פאַקטאָרן, וואָס האָבן ווי מיטן עלנ־בויגן אָפּגעריבן דאָס וואָס די פינגער האָבן אונטערגעשריבן. היינט האָט מען למשל נאָכגעגעבן די פאָדערונג פון אַ קלענערן אַרבעטסטאָג און מאָרגן האָט מען די דערגרייכונג אָפּגעשאַפט דורך שטיק־אַרבעט; היינט האָט מען גע־קאָנט נאָכגעבן די פאָדערונג פון אַ העכערן לוין און מאָרגן איז דער לוין רעדוצירט געוואָרן דורך בייטן דעם פערסאָנאַל, דורך יקרות אויף די לעבנס־מיטלען אָדער דורך אַנטווערטיקן די פּעזע. צו דעם האָבן זיך צוגעשטעלט אַזוינע דערשיינונגען, ווי אַרבעטסלאָזיקייט און רעפּרעסיעס — דאָס אַלץ האָט געמוזט שאַפן און אַנטוויקלען דעם געדאַנק — וועלכער קומט ביים אַרבעטער צוזאַמען מיט דער טאַט — וועגן פאַראייניקן אַלע אָרגאַניזאַציעס אין איינער צוליב געמיינזאַמע אינטערעסן און שטרעבונגען; צוליב געמיינ־זאַמע פאָדערונגען און קאַמף; צוליב געמיינזאַמע דערגרייכונגען נישט נאָר ביי די פּריוואַט באַלעבאַטים פון פאַבריקן, ווערקשטאַטן, געשעפטן, נאָר אויך ביי דער מלוכה, דורך געזעצן, וואָס זאָלן מיטהעלפן די דערגרייכונגען און זיי פאַרזיכערן.

אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז די ערשטע גרונט פּראָיעקטן פאַר אַן אַרבעט געזעצגעבונג, וואָס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַרגענטינער פּאַרלאַמענט, זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן פון די אַרבעטער אַליין, קאָלעק־טיוו, דורך דער ערשטער פאַראייניקונג פון זייערע אָרגאַניזאַציעס.

און אָט די דאָזיקע באַוועגונג, געשאַפן פון די אָרטיקע באַדינגונגען האָט באַקומען אימפּולס, לעבהאַפטיקייט און רעאַליזאַציע אין ליכט פון די נייע סאָציאַלע אידעען, אוניווערסאַלע, וואָס האָבן שוין אויך דאָ געהאַט זייערע איבערגעגעבענע אָנהענגער, פאַראייניקט אין סאָציאַל־פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע גרופּירונגען פון איינגעוואַנדערטע.

2. — דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קלוב „פאָרווערטס"

עס איז אויסגעפאַלן דער גורל דווקא אויף דער מער געמעסיקטער פון די אידעאָלאָגישע גרופּירונגען, אויף דעם דייטשן סאָציאַליסטישן קלוב „פאָרווערטס" צו זיין דער איניציאַטאָר און דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער קאָנצענטראַציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, וואָס דאָס איז געשען איינצייטיק מיט די ערשטע שפּאַן פון דער באַוועגונג אויפן אָפּע־נעם ברייטן שליאַך.

דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קלוב „פאָרווערטס", וועלכער איז געווען פאַרטראַטן דורך דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער פון דייטש־לאַנד, ווילהעלם ליבקנעכט אויפן פּאַריזער קאָנגרעס פון צווייטן סאָציאַליס־טישן אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל אין יאָר 1889, האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אויספירן דעם באַשלוס פון דערמאָנטן קאָנגרעס אין שייכות דער פייע־רונג פון 1טן מאַי און די לאָזונגען פון דער פייערונג.

3. — די פייערונג פון ערשטן מאַי 1890

צוליבן 1טן מאַי האָט דער קלוב „פאָרווערטס" אין יאַנואַר פון 1890 באַשטימט אַ קאָמיסיע פון זיינע מיטגלידער י. וויניגער, א. באַקע, ג. שולץ, א. קון און מ. יאצקעל — צו שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט די פאַראַנענע אַרבעטער פאַריינען, דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס און פרייהייטלעך אידעי־שע גרופּירונגען — צוליב פייערן דעם 1טן מאַי און אויסאַרבעטן דאָס פּראָ־גראַם פון דער פייערונג.

די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אָנגענומען אַן איינלאַדונג, וואָס וויניגער האָט רעדאַקטירט. די איינלאַדונג האָט דערמאָנט די רעזאָלוציע פון אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס אין פּאַריז, וואָס האָט דערקלערט דעם 1טן מאַי פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן טאָג פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט; אַז דער טאָג וועט שוין געפייערט ווערן אין אייראָפּע און אַמעריקע און אומעטום וועט אַרויסגעשטעלט ווערן די פאָדערונג פאַר אַן 8 שעהדיקן אַרבעטסטאָג. צום שלוס איז איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ באַראַטונג אויף דעם 30סטן מערץ 1890 אין לאָקאַל פון „פאָרווערטס" קלוב אין בוענאָס איירעס און ס׳איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר דער באַראַטונג דער פאָלגענדער טאָג־אָרדע־נונג:

1. — באַריכט פון דער קאָמיסיע, וואָס וועט געגעבן ווערן אין פאַר־שיידענע שפּראַכן.

2. — וויילן אַ דעפיניטיוון קאָמיטעט.

3. — דער 1טער מאַי — אַ יום־טוב;
4. — אינטערנאַציאָנאַלער מיטינג.
5. — פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט ער זאָל סאַנקציאָנירן שוץ־געזעצן לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס.

4. — אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט

עס איז פאָרגעקומען די באַראַטונג פון 30סטן מערץ. זי האָט אָנגענומען דעם צוגעשטעלטן טאָג־אָרדענונג, האָט באַשטימט זיך רופן „קאָמיטע אינטערנאַסיאָנאַל אָברערא״ (אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט), באַשטימט אַז אין דעפיניטיוון קאָמיטעט זאָלן אַריינגיין צו דריי דעלעגאַטן פון יעדן אָנגעשלאָסענעם פאַריין, און אַזוי קאָנסטיטואירט מיט יאָזעף וויניגער אַלס פּאָרזיצער און בערנאַרדאָ סאַנטשעז אַלס סעקרעטאַר, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן:

1. — רופן די אַרבעטער פון בוענאָס איירעס אויף אַ מיטינג צו פייערן דעם 1טן מאַי.
2. — שאַפן אַן אַרבעטער פעדעראַציע אין דער רעפּובליק.
3. — אַרויסגעבן אַ צייטשריפט צו פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער־קלאַס.
4. — ווענדן זיך מיט אַ פּעטיציע צום נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט ער זאָל סאַנקציאָנירן געזעצן לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס.

אין איינקלאַנג מיטן באַשלאָסענעם טאָג־אָרדענונג האָט דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט״ אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט „צו אַלע אַרבעטער פון דער אַרגענטינער רעפּובליק״. אין דעם מאַניפעסט איז אַריינגענומען דער פּראָיעקט אַריינצוטראָגן אים אין פּאַרלאַמענט נאָכדעם ווי ער וועט ווערן דיסקוטירט און אָנגענומען אויפן „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער מיטינג״ פון 1טן מאַי. ס׳איז אויך אין דעם מאַניפעסט אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן אַן אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע. דער מאַניפעסט, אַרויסגעגעבן אין פערציק טויזנט עקזעמפּליאַרן, האָט זיך געענדיקט מיט אַן אַפּיל און בלאַנקן אויף אונטערשריפטן, וואָס זענען געזאַמלט געוואָרן צווישן די אַרבעטער.

דער אָרגאַניזירטער ערשטער 1טער מאַי־מיטינג איז פאָרגעקומען אינעם „פּראַדאָ עספּאַניאָל״, אַ פאַרווײַלונגס גאָרטן אויף דער פּלאַסע רעקאָלעטאַ. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אייניקע טויזנט אַרבעטער. מען האָט גערעדט פון דער טריבונע אויף פיר שפּראַכן: שפּאַניש, דייטש, איטאַליעניש און פראַנצויזיש. דער פּאָרזיצער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וויניגער, האָט

אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער איניציאַטיוו, אָרגאַניזאַציע, אויפגאַבן, טעטי־קייט און רעזולטאַטן פון „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט". אינעם באַריכט זענען אָנגערופן געוואָרן די פאָלגענדע פאַריינען, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער איניציאַטיוו:

פון בוענאָס איירעס: קלוב „פאָרווערטס", אינטערנאַציאָנאַלער פאַריין פון סטאָליער, דייטשע דרוקער, קאָסמאָפּאָליטישער פאַריין פון היטן־מאַכער געזעלן, גענעראַל פאַרזאַמלונג פון דייטשע אַרבעטער אין בוענאָס איירעס, „סירקולאָ סאָסיאַליסטאַ אינטערנאַסיאָנאַל" (אַנאַרכיסטישע גרופּע).

„לאַ פּרענסאַ" פון 30סטן אַפּריל 1890 האָט אינפאָרמירט, אַז אין דער ביר־האַלע פון דער גאַס סעררי‌טאָ 334 האָבן זיך בייגאַכט פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון „סירקולאָ אינטערנאַסיאָנאַל סאָסיאַליסטאַ" מיטן צוועק צו באַשטימען וועגן אָנשליסן זיך אין דער אַרבעטער מאַניפעסטאַציע פון 1טן מאַי. נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע איז באַשלאָסן געוואָרן זיך אָנצושליסן אין דער מאַניפעסטאַציע, אונטערשטרייכנדיק די נישט־איינשטימי־קייט מיט דער מעסיקייט פון די מאַרקסיסטן, וואָס זענען די איניציאַטאָרס פון דער דאָזיקער אוניווערסאַלער באַוועגונג. אין דעם צעטל פון די אָנגעשלאָסענע זענען אויך אַריין: דער פאַריין „ל'אַנקאָראַ", אי־טאַליענישער פאַריין פון באַראַקאַס, איטאַליעניש רעפּובליקאַנישער צענטער, רעפּובליקאַנישע אַליאַנץ (איטאַליעניש), סקאַנדינאַווישער פאַריין „גאָרדען", פאַריין „פיגלי דעל וועסוביאָ", רעפּובליקאַנישער קרייז „ט. קאַמפּאַנעלאַ", נידערלענדישער פאַראיין, „אוניאָנע קאַלאַברעסע", סאָסיעטאַ „איטאַליאַ אוניטאַ", איטאַליענישער מאַנדאָליניסטישער קרייז, רעפּובליקאַנישער קרייז „מאַציני".

פון לאַ פּלאַטאַ: דרום־אַמעריקאַנישע אַרבעטער קאָנפעדעראַציע.
פון עסקינאַ: איטאַליענישער פאַריין „אוניאָנע בענעוואָלענצאַ".
25 דע מאַזשאָ: איטאַליענישער הילפס־פאַריין.
לאָבאָס: איטאַליענישער הילפס־פאַריין.
טשיווילקאָי: איטאַליענישער פאַריין פאַר קעגנזייטיקער הילף.
פּערגאַמינאָ: פאַריין פאַראייניקטע קראַפט (איטאַליעניש).
קאַפּיזשאַ: איטאַליענישער פאַריין.
ראָזאַריאָ: אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג.
סאַנטאַ פע: אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג.

5. — אַרבעטער פּעטיציע אין דער נאַציאָנאַלער דעפּוטאַטן־קאַמער

דער 1טער מאַי־מיטינג האָט אָנגענומען דעם באַריכט, וועמענס צוויי הויפּטזאַכן עס איז געווען די גרינדונג פון אַן אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע און אַ פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט.

איינע פון די צוויי גרויסע בירגערלעכע צייטונגען אין לאַנד „לאַ נאַסיאָן" האָט אין 2טן מאַי 1890 פּובליקירט די פאָלגענדע כראָניק פונעם ערשטן 1טן מאַי־מיטינג אין אַרגענטינע:

„אינעם פּראַדאָ עספּאַניאָל, סוף אַווענידאַ רעפּובליקאַ איז נעכטן פאָרגעקומען דער מיטינג פון די אַרבעטער גערופן פונעם דאָיקן סאָציאַליזם, נאָכפאָלגנדיק די אַלגעמיינע באַוועגונג פונעם אייראָפּעאישן סאָציאַליזם.

3.15 נ"מ איז די סעסיע דערעפנט געוואָרן ביי דער אָנוועזנהייט פון 1.200 פּערזאָן, אָדער נאָך מער. אַ דרייסיק פון זיי מיט רויטע שלייפלעך האָבן פאַרנומען די טריבונע אויף אַ סצענישער לאָזשע פונעם קאָנצערט־גאָרטן. דער ערשטער האָט גערעדט אַ דייטשער הער. ער האָט געלויבט דעם סאָציאַליזם, באַגריסט דעם גלאָריעזן דאַטום פון 1טן מאַי 1890, וועמענס זון עס האָט געפונען פאַרזאַמלט אין זייערע לענדער די סאָציאַליסטן פון דער גאַנצער וועלט.

באַלד האָט גערעדט אַ פראַנצויז מיטן זעלביקן טאָן און גרונט.

דריי איטאַליענער און אַ שפּאַניאָל האָבן פאַרמערט די זעלביקע געפילן און דערמאָנט די זעלביקע אַספּיראַציעס, וואָס וועלן טריאומפירן אין דעם גרויסן טאָג פון אוניווערסאַלער קאָנגרעגאַציע. די רעליגיע, די פּאָליטיק, די געזעלשאַפט, די רעגירונג, האָט מען שטאַרק צעטריסלט, מחמת שלעכט אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס. אַלץ דאַרף זיין רעפאָרמירט אין זין פון גלייכהייט.

די וויוואַטן פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דער פרייהייט און פאַר דער אַרגענטינער רעפּובליק האָבן געהאַט שטורמישע אָפּקלאַנגען.

עס זענען געווען ווייניק אַרגענטינער, דאָס פרייט אונדז זייער. עס איז געזאַמלט געוואָרן 120 פּעזאָס".

(די זאַמלונג איז געווען צו שטיצן די פאַרפאָלגטע פאַר פייערן דעם 1טן מאַי).

די אַנדערע גרויסע בירגערלעכע צייטונג „לאַ פּרענסאַ" האָט פּובליקירט:

„אינעם פּראַדאָ עספּאַניאָל איז פאָרגעקומען דער אַנונסירטער אַרבעטער־מיטינג לויטן פּראָגראַם, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פּאַריז.

3 אַזייגער נאַכמיטיק האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט פון 1500 ביז 1800 פערזאָן, די מערהייט דייטשן און איטאַליענער.

דער פאָרזיצער הער וויניגער האָט געהאַלטן אַן עלאָקווענטע רעדע, וואָס איבער מאַנגל אין פּלאַץ קאָנען מיר זי ליידער נישט פּובליקירן. ער האָט פאַרענדיקט אַזוי: „דער זיג פונעם סאָציאַליזם איז נאָר אַן ענין פון צייט".

עס האָבן אויך גערעדט בערנאַרדאָ סאָנטשעס, כאַצקל, א. אולע, קאַר־לאָס מאַולי, ג. מאַראַקאָ, לואיס אַלעסיני, גילבערט, בערטאַני, ג. פענעלאָ, ראַבאַסאַ, אַגאַציני, זשערוואַזשי, וויסענטי און נאָך אַנדערע.

מ׳האָט באַריכט פון 800 אונטערשריפטן וואָס זענען צוזאַמענגענומען געוואָרן אויף אַ פּעטיציע אין נאַציאָנאַלן קאָנגרעס צוליב באַשיצן דעם אַר־בעטער־קלאַס.

צום סוף איז אָנגענומען געוואָרן צו פאַרמירן אַ ברייטע פעדעראַציע פון די אַרבעטער פאַריינען.

דער פאָרזיצער האָט דערקלערט פאַר פאַרענדיקט די פאַרזאַמלונג און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער בעסטער אָרדענונג.

אויפדערנאַכט איז געווען אַ קליינער פעסטיוואַל מיט געזאַנג, מוזיק און באַל אין „פאָרווערטס"־קלוב, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט".

די דערמאָנטע פּעטיציע, וועמענס סכעמע ס׳איז געדרוקט געוואָרן אי־נעם מאַניפעסט „צו אַלע אַרבעטער פון דער אַרגענטינער רעפּובליק" איז מיט 7432 אונטערשריפטן אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער אין יוני 1890.

פּעטיציע

„צו דער האָנאָראַבלער קאַמער פון דעפּוטאַטן פון דער נאַציאָן פון דער רע־פּובליק אַרגענטינע:

אין באַנוץ מיט דער פּעטיציע־רעכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע פון דער דאָזיקער רעפּובליק ווענדעט זיך צום האָנאָ־ראַבלען קאָנגרעס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט פון דער שטאָט אין פאַרטרעטערשאַפט פון די אָנגעשלאָסענע פאַריינען און פון טויזנטער, וועל־כע האָבן אונדז צוגעשיקט זייערע אונטערשריפטן פון די פאַרשידענע אָרטשאַפטן פון לאַנד, צו פאַרלאַנגען פּראָטעקציאָנאַליסטישע געזעצן פאַרן אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָלן זיין באַזירט אין די פאָלגנדיקע פּראָפּאָזיציעס:

1. — באַגרעניצן דעם אַרבעטסטאָג פאַר דערוואַקסענע אויף אַ מאַקסימום פון אַכט שעה.

2. — פאַרבאָטן אַרבעטן קינדער פאַר 14 יאָר און רעדוצירן דעם אַרבעטס־

טאָג אויף זעקס שעה פאַר דער יוגנט פון ביידע געשלעכטער פון 14 ביז 18 יאָר.

3. — אָפּשאַפן די אַרבעט ביינאַכט, מיטן אויסנאַם פון געוויסע אינדוסטריע־צווייגן, וועמענס נאַטור עס פאָדערט אַן אומאונטערבראָכלעכע פונקציע.

4. — פאַרבאָטן אַרבעטן פרויען אין יענע אַלע אינדוסטריע־צווייגן, וואָס זענען שעדלעך דעם פרויען־אָרגאַניזם.

5. — אָפּשאַפן די אַרבעט ביינאַכט פאַר פרויען און פאַר מינדעריעריקע אַר־בעטער פון 18 יאָר.

6. — אומאונטערבראָכלעכע רו פון 36 שעה מינימום יעדע וואָך פאַר אַלע אַרבעטער.

7. — פאַרבאָטן יענע אינדוסטריע און יענע פאַבריקאַציע־סיסטעם, וואָס איז שעדלעך פאַרן געזונט פון די אַרבעטער.

8. — פאַרבאָטן אַרבעט אויף שטיק.

9. — איינפירן אַ גענויע אינספּעקציע אין די פאַבריקן און וואַרקשטאַטן דורך באַצאָלטע דעלעגאַטן פון דער מלוכה. ווינציקסטנס די העלפט פון זיי זאָלן זיין געוויילט פון די אַרבעטער.

10. — איינפירן אַן ענערגישע סאַניטאַרישע אינספּעקציע אויף די וווינונגען; אַ שטרענגן קאָנטראָל אויף דער פאַבריקאַציע און פאַרקויף פון געטראַנקען און שפּייזן; שטרענג באַשטראָפן די פאַבריקאַנטן פון געפעלשטע פּראָדוקטן.

11. — אָבליגאַטאָרישע סעקוראַציע פון די אַרבעטער קעגן אַקצידענטן אויפן חשבון פון די באַלעבאַטים און די מלוכה.

12. — שאַפן ספּעציעלע טריבונאַלן צוזאַמענגעשטעלטע פון נאָמינירטע בוררים, טייל פון אַרבעטער און טייל פון באַלעבאַטים, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן אומזיסט צום שנעלן לייזן פון אַלע ענינים צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים.

די ערשטע טייל פון די דאָזיקע פּראָפּאָזיציעס אַנטשפּרעכן אַ טייל פון די רעזאָלוציעס פונעם אַרבעטער קאָנגרעס אין פּאַריז, דורכגעפירט פאַרגאַנגענעם יאָר. מיר ברענגען זיי אויך פאַר דעם האָנאָראַבלען קאָנגרעס פון לאַנד, אויס־פאָלגנדיק דעם ווונטש פון יענע רעפּרעזענטאַנטן און נאָכפאָלגנדיק דעם ביישפּיל פון אונדזערע חברים פון אַלע לענדער. מיר טוען דאָס אויך מיט דעם פאַרגע־פּיל, אַז די לייזונג פונעם גרויסן פּראָבלעם צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט קאָן אַנדערש נישט זיין, ווי נאָר דורך איינהייטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע באַשטימונ־גען אין אַלע לענדער.

די לעצטע דריי פּראָפּאָזיציעס זענען געמאַכט אויפן גרונט פון באַזונדערע דערשיינונגען אין דעם לאַנד, מיסברויכערישע און אומגליקלעכע, אונטער וועלכע עס זענען אונטערגעוואָרפן די אַרבעטער פון ד ע ר רעפּובליק.

לויט אונדזער פאַרשטיין קאָן קיין צווייפל נישט זיין אין דער גערעכטיקייט, פּאַסנדיקייט און דרינגלעכקייט פון אונדזער פּעטיציע. אַריינגיין דאָ אין מער דערקלערונגען האַלטן מיר פאַר איבערפלעכלעך. און אויב עס איז נויטיק קענען די ווירדיקע מיטגלידער פונעם קאָנגרעס געפינען איבער גענוג אַרגומענטן אין אונדזער מאַניפעסט פונעם 1טן מאַי, וואָס האָט געדינט אַלס באַזע פאַרן צונויפ־נעמען די אונטערשריפטן, וואָס ווערן ביינגעלייגט.

מיטן פולסטן צוטרוי געבן מיר איבער די פּעטיציע אין די הענט פון האָ־נאָראַבלען קאָנגרעס פון דער גרויסער אַרגענטינער רעפּובליק, דערוואַרטנדיק, אַז

די דאָזיקע פּראָפּאָזיציעס פון טויזנטער ערלעכע און פלייסיקע אַרבעטער וועלן פאָרדינען שנעל באַהאַנדלט צו ווערן פון די ווירדיקע לעגיסלאַטאָרן. האָפנדיק צו שטעלן זייער פּאַטערלאַנד צווישן די פאָרגעשריטנסטע נאַציאָנען פון דער מאָ־דערנער ציוויליזאַציע וועלן זיי נישט פאַרגעסן צו שטיצן מיט אַלץ וואָס עס איז מעגלעך יענעם צאָלרייכן קלאַס פון וועמענס אַרבעט און וווילשטאַנד עס איז צום גרויסן טייל אָפּהענגיק די פּראָספּעריטעט און דער פאָרשריט פון לאַנד און די גרויסע צוקונפט פון דער אַרגענטינער נאַציאָן".

די פּעטיציע טראָגט דעם סטעמפּל פון „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער קאָמיטעט" אין וועמענס נאָמען עס זענען אונטערגעשריבן:

כאָסע וויניגער — פּרעזידענט; בערנאַרדאָ סאַנטשעז — סעקרעטאַר; אוגוסטאָ קוהן — קאַסיר; ג. מאַראָקאָ, אָסוואַלדאָ זייפּערט, מאַרסעלאָ כאַצקל, פּ. קאַלדאַראַ, ג. קאַפּאַדיליפּאָ, פּ. גאַליעטי, ד. זשערוואַטי, ק. א. גאָערלינג, פּ. האַרטינג, ג. לאַראַקע, קאַרלאָס מאולי, אָסקאַר מענגען, כ. מאָסקאָ, פּ. מאָטאַדעלי, נ. וואַלענטי, ג. פּאַנעלאַ, יאָזעף פּאַול, כ. פיגניע־רעס, פּ. דע פּרואיסנערע, ג. סאשע, גיזשערמאָ שולץ, פּ. טערצאַגליאַ, א. אוהלע, ק. וויזשאַרעאַל, ס. צאַנטער, לואיס פּ. סאַארעס, דאָמינגאָ בעניטעז, פּעדראָ בורגאָס, לואיס מ. ראַן — קאָמיטעט־מיטגלידער.

עס זענען בייגעלייגט בלעטער מיט די צוזאַמענגעקליבענע 7.432 אונ־טערשריפטן.

די דאָזיקע פּעטיציע האָט גערוט איבער צוויי יאָר אין דער קאַרטאָ־טעקע פון דער דעפּוטאַטן־קאַמער און מיטן דאַטום פון 1טן אויגוסט 1892 איז זי אַריין אין אַרכיוו.

חוץ דעם וואָס אין פּאַרלאַמענט איז נישט געווען קיין פאַרטרעטער־שאַפט פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאָל פּרוּוון ברענגען אויפן טאָג־אָרדענונג אַזוינע סאָציאַלע פראַגן, ווי דאָס איז אַרויסגעשטעלט געווען אין דער פּע־טיציע, האָט זיך די מלוכה בראש מיט דער רעגירונג פון כואַרעז סעלמאַן געפינען אין אַ פינאַנציעל־עקאָנאָמיש־פּאָליטיש קריטישן מאָמענט. עס האָט זיך געגרייט אַ בירגער־קריג, וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין דער גע־שטאַלט פון אַ רעוואָלוציאָנערן בירגערלעכן אויפשטאַנד אונטער דער פּי־רערשאַפט פון דער יונגער „אוניאָן סיוויקאַ ראַדיקאַל" (פון וואַנען עס שטאַמט די ראַדיקאַלע פּאַרטיי). דער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכן אין יולי פון דעם זעלביקן יאָר 1890. ער איז אונטערדריקט געוואָרן. עס איז דעקרעטירט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד. ער האָט אָנגעהאַלטן חדשים. דער פּאַרלאַמענט האָט זיך נישט געפונען אין קיין נאָרמאַלן צושטאַנד. ער האָט סיי ווי נישט געקענט אויפנעמען נייע פּראָבלעמען, שוין אָפּגערעדט פון

אַזוינע פּראָבלעמען, פון וועלכע ער האָט געהערט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

אונטער דער געשאַפענער אויסנאַם־לאַגע האָט דאָך דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט אויפגעהאַלטן זיין עקזיסטענץ, פאַרגעזעצט מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער ערשטער אַרבעטער פעדעראַציע און באַלד ווי דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָט זיך געענדיקט, האָט דער קאָמיטעט, נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעפירט אַ מיטינג פון אַרבעטלאָזע, געשיקט אַ מעמאָראַנדום צום מלוכה־פּרעזידענט, ד״ר קאַרלאָס פּעלעגריני, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דימיטירטן פּרעזידענט סעלמאַן.

„טויזנטער און טויזנטער מיטגלידער פונעם אַרבעטער קלאַס — זאָגט דער דאָזיקער מעמאָראַנדום פון 24סטן יאַנואַר 1891 — האָבן געזען ווי זייערע קליינע קאַפּיטאַלעכלעך זענען פאַרשלונגען געוואָרן פון גרויסן קאַפּיטאַל. און זיי אַליין זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט, זייענדיק געצוווּנגען צו פאַרקויפן זייער אַרבעטקראַפט דעם קאַפּיטאַל, וועלכער וואַרפט זיי אַרויס אויף דער גאַס אין יעדן מאָמענט, ווען דאָס לוינט זיינע אָנזאַמלונגס־טענדענצן. טויזנטער קליינע באַלעבאַטימלעך זענען פאַרשוווּנדן און יענע וואָס זענען נאָך געבליבן, האָבן געמאַכט אַ גרויסן לוין־שניט, זוכנדיק זייער רעטונג אין דער אומבאַגרענעצטער עקספּלאָטאַציע פון זייערע אַרבעטער״.

די אָרגאַניזאַציע פון אָרגאַניזאַציעס: די ערשטע אַרבעטער פעדעראַציע

אָבער דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קאָמיטעט, אין פּרינציפּ שוין פאַרוואַנדלט אין אַ „פעדעראַסיאָן דע אָבּרעראָס דע לאַ רעפּובּליקאַ אַרגענטינאַ״ (אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע) האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף דעם גליק וואָס זאָל קומען פון פריצישן פּאַרלאַמענט און דעם מלוכה־פּרעזידענט און אין דער זעלביקער צייט, ווען ער האָט געמאַכט צו זיי, אַלס מלוכה־מאַכטן, זיינע ווענדונגען, האָט ער, ווי געזאָגט, פאַרגעזעצט מיטן אָנהייב אָרגאַניזאַציע פונעם אַרגענטינער אַרבעטער־קלאַס. געגרייט דעם ערשטן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פּראָיעקטירט סטאַטוטן פאַר דער ערשטער אַרבעטער צענטראַלע, אַ טעטיקייט־פּראָגראַם אאַז״וו.

דער ערשער קאָנגרעס פון דער ערשטער אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע איז פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס אויף דער גאַס סאַן כאָסע נומער 7, דעם 14טן אויגוסט פון יאָר 1891. עס האָבן אָנטיילגענומען

פינף פאַריינען: „אינטערנאַציאָנאַל פון סטאָליער אַרבעטער, טישלער און פאַרשיידענע פאַכן“; דייטשע דרוקער; „לאָקאַלע סעקציע“ פון סאַנטאַ פע (אַרטיקע פאַראייניקונג פון פאַריינען); „לאָקאַלע סעקציע“ פון טשאַסקאָמוס און „סעקסיאָן וואַריאָס“ פון בוענאָס איירעס (פאַריין פון פאַרשיידענע פאַכן).

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דעם סטאַטוטן־פּראָיעקט מיט וואָס עס איז דעפיניטיוו געגרינדעט און קאָנסטיטואירט געוואָרן די ערשטע אַרבעטער צענטראַלע, אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע; אַ טעטיקייט־פּראָגראַם און געוויילט דעם דעפיניטיוון „פעדעראַלן קאָמיטעט“.

דער ערשטער אַרטיקל פון ערשטן קאַפּיטל פון די אָנגענומענע סטאַטוטן שטעלט פעסט אַז:

„די פעדעראַסיאָן דע לאָס אָברעראָס דע לאַ רעכיאָן אַרכענטינאַ („רעכיאָן“ ווערט דאָ געמיינט דאָס לאַנד) האָט פאַר אַ צוועק צו רעאַליזירן די אייניקייט פון די אַרבעטער אין דעם לאַנד צו פאַרטיידיקן זייערע מאַטעריעלע און מאָראַלישע אינטערעסן, פּראַקטיצירן די סאָלידאַריטעט מיט די ברידער פון אַלע אַנדערע לענדער אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל און זיינע מאָנאָפּאָליזירער — אַ קאַמף אָנערקענט אַלס איינער פון די מיטלען צו דערגרייכן די פולשטענדיקע עמאַנציפּאַציע פון דער אַרבעט“.

דער צווייטער אַרטיקל פון 2טן קאַפּיטל ווייזט אָן אויף די הויפּטמיטלען און זאָגט:

„די הויפּטמיטלען צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער זענען:

די אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער דורך עכטע אַרבעטער פאַריינען און פאַך־סעקציעס.

סאָלידאַריטעט אין אַלע פאַלן פון קאַמף פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן.

פּראָפּאַגאַנדע און בילדונג דורך דער פּרעסע, ביבליאָטעקן, קאָנפערענצן, בראָשורן אאז״וו.

דער דריטער אַרטיקל פון 3טן קאַפּיטל שטעלט אַרויס די אָרגאַנישקייט פון דער פעדעראַציע:

„דער אָרגאַניזם פון דער פעדעראַציע באַשטייט פון די פאָלגענדע דריי פאַקטאָרן:

א) לאָקאַלע קאָמיטעטן.
ב) קאָנגרעס פון דעלעגאַטן.
ג) פעדעראַלער קאָמיטעט.

די איבעריקע קאַפּיטלען שטעלן זיך אָפּ פּרטימדיק אויף דער אָרגאַ־ניזאַציע אין באַשטאַנד פון די דערמאָנטע דריי „פאַקטאָרן", מיטן אויס־נאַם פון 8טן קאַפּיטל, 21סטער אַרטיקל, וועגן „אַרבעטער יום־טוב" און זאָגט:

„די דאָזיקע פעדעראַציע דערקלערט פאַר אַן אַרבעטער יום־טוב דעם טאָג פון 1טן מאַי פאַר אַלע אַרבעטער פון לאַנד אַרגענטינע".

חוץ די סטאַטוטן האָט דער דאָזיקער ערשטער אַרבעטער קאָנגרעס אין אַרגענטינע אָנגענומען די פאָלגענדיקע פּרינציפּן־דעקלאַראַציע:

„דער קאָנגרעס, אָנערקענענדיק אַז דער פּריוואַט־אייגנטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז דער קוואַל פון אַלדאָס שלעכטס אין וואָס עס געפינט זיך דער אַרבעטער־קלאַס, דערקלערט זיך פאַר דעם פולשטענדיקן אָפּשאַפן פון אינדיווידועלע אייגנטום אין איינשטימיקייט מיט אַלע אַר־בעטער פּאַרטייען פון אַלע לענדער".

וואָס איז שייך דעם טעטיקייטס־פּראָגראַם, האָט דער קאָנגרעס באַ־שטימט אַ קאָמיסיע פון זיינע דעלעגאַטן: שטאַרקע, קוהן, נאָקע, שולץ און קאַראַטע, כדי אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם „ענלעך צו די פּראָגראַמען פון די אייראָפּעאישע אַרבעטער פּאַרטייען און האָבן אין זינען דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן אַרבעטער קאָנגרעס פון פּאַריז פונעם יאָר 1889".

אָבער נישט וואַרטנדיק אויפן גאַנצן פּראָגראַם־פּראָיעקט פון דער באַ־שטימטער קאָמיסיע, האָט דער קאָנגרעס שוין באַשלאָסן: פירן אַן אַקציע פאַר דערגרייכן אַן אַכט שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַ כסדרדיקע רו פון 36 שעה וועכנטלעך.

צום שלוס האָט דער קאָנגרעס געוויילט דעם פעדעראַלן קאָמיטעט פון דער ערשטער דעפיניטיוו געגרינדעטער אַרבעטער צענטראַלע. עס זע־נען געוויילט געוואָרן: באַזשעס, זשירבאָ, קאַראַטע, קאַפּירוזאַן, הומעל, קוהן, פערעירא, ראָקאָ, שולץ, מאָולי און פאַלאַנקאַס.

די צייטונג פון דער געגרינדעטער אַרבעטער פעדעראַציע „על אָברע־ראָ" האָט אין איר לעצטן נומער פון 1891 געשריבן אין שייכות דער פע־דעראַציע, אַז „זי האָט פראַנק און ספּאָנטאַן זיך מודה געווען אין סאָציאַ־ליסטישן גלויבן און נישט געקוקט אויף דעם וואָס זי איז נאָך ווייניק אימ־פּאָזאַנט לויט אירע כוחות און די צאָל אָנגעשלאָסענע חברים אין די פּראָ־פעסיאָנעל אָרגאַניזירטע סעקציעס, איז זי אַ מעכטיקע און אומבאַזיגבאַרע פּאַרטיי, טאָקע דורך איר סאָציאַליסטישן כאַראַקטער".

פ. וואלד

צווייטער קאָנגרעס פון ערשטער „פּאָראַ״

דעם 1טן אָקטאָבער פון יאָר 1892 האָט די אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע דורכגעפירט אין בוענאָס איירעס איר צווייטן קאָנגרעס.

דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט געהאַט צו באַהאַנדלען דעם זייער טיפן און זייער ווייטגייענדיקן פּראָגראַם־פּראָיעקט פון אַ דורכאויס סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרן פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע געוויילט פאַר דעם צוועק פון ערשטן קאָנגרעס.

אין דאָזיקן צווייטן קאָנגרעס האָבן אָנטיילגענומען דורך זייערע דעלעגאַטן די פאַריינען פון קעלנער און קיכער; טראַמוויי־אַרבעטער (טראַמוויי אויף פערד); מויערער, בעדנער, בעקער, דרוקער, „סעקציע פאַרשידענע פאַכן״ און לאָקאַלע פעדעראַציעס פון מענדאָסאַ, סאַנטאַ פע און ראָזאַריאָ.

דער פּראָגראַם, וועלכן דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען איז דער פאָלגענדער:

„אנערקענענדיק:

אַז די הייַנטיקע געזעלשאַפט איז אומגערעכט, ווייל זי צעטיילט אירע מיטגלידער אין צוויי אומגלייכע און אַנטאַגאַניסטישע קלאַסן; איינע, די בורזשואַזיע, וואָס זייענדיק די באַזיצערין פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, איז זי דער הערשנדער קלאַס; דער צווייטער, דער פּראָלעטאַריאַט, נישט פאַרמאָגנדיק מער ווי זיין אַרבעטקראַפט, וועלכע ער מוז פאַרקויפן פאַר דעם פּרייז, וואָס זיין באַלעבאָס, בורזשוי, קאַפּיטאַליסט, וויל אים צאָלן, כדי צו קענען קריגן די נויטיקסטע לעבנסמיטלען — איז דער באַהערשטער קלאַס.

אַז דער פאַקט, וואָס די פּראָדוקטאָרן — די אַרבעטער — זענען נישט די באַזיצער פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, איז די ערשטע סיבה פון דער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט און דעריבער פון דער שקלאַפעריי אין אַלע אירע פאָרמען: סאָציאַלע נויט, פיזישע און אינטעלעקטועלע אָפּגעשוואַכטקייט און פּאָליטישע אָפּהענגיקייט.

אַז די פּריווילעגירטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע זענען גאַראַנטירט פון דער געזעלשאַפטלעכער מאַכט, מיט וועלכער זיי דינען זיך צו באַהערשן דעם פּראָלעטאַריאַט.

אַז דער נאַטירלעכער געזעץ פון עוואָלוציע און פון דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, דאָס רעכט און די גערעכטיקייט, פאָדערט אַז די אומגלייכהייט און דער אַנטאַגאָניזם צווישן איין קלאַס און דעם צווייטן זאָלן פאַרשווינדן, רעפאָרמירנדיק אָדער צעשטערנדיק דעם סאָציאַלן צושטאַנד וואָס שאַפט זיי.

אַז דאָס קאָן נישט אַנדערש דערגרייכט ווערן, ווי נאָר דורך טראַנספאָרמירן דעם אינדיווידועלן אָדער קאָרפּאָראַטיוון אייגנטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין געמיינזאַמען אייגנטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אַז דער כוח מיט וועלכן דער פּראָלעטאַריאַט וועט דאַרפן האָבן צו באַזייטיקן די שטערונגען צו דער טראַנספאָרמאַציע האָט צו זיין די פּאָליטישע מאַכט, מיט וועלכער עס דינט זיך די בורזשואַזיע נישט צו דערלויבן דעם פּראָלעטאַריאַט דערגרייכן זיינע רעכטן.

דערקלערט דעריבער די אַרגענטינער אַרבעטער פעדעראַציע, אַז עס זענען אירע אַספּיראַציעס:

1. — די פּאָליטישע מאַכט דעם אַרבעטער־קלאַס.

2. — טראַנספאָרמירן דעם פּריוואַט אָדער קאָרפּאָראַטיוון אייגנטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין קאָלעקטיוו, סאָציאַלן, געמיינזאַמען אייגנטום. דאָס הייסט סאָציאַליזירן די פּראָדוקציאָנס מיטלען.

3. — אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אויף דער באַזע פון אַן עקאָנאָמישער פעדעראַציע.

4. — אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונג פון דער פּראָדוקציע.

5. — גלייכהייט פון אַלעמען אין שייכות אַקציע און אַנטוויקלונגס־מיטלען.

6. — גלייכהייט פון שאַנסן פאַר אַלעמען.

פּאָליטישע טייל — רעכט פון אַסאָציאַציע, פאַרזאַמלונג און פון קאָאַליציע. פרעסע פרייהייט. ברייטע נאַטוראַליזאַציע פון אויסלענדער. פּשוטע אַלגעמיינע וואַל־רעכט. אינדיווידועלע זיכערקייט. אומבאַרירלעכקייט פון דער קאָרעספּאָנדענץ און פון דער וווינונג. אומזיסטיקער געריכט. געשווירענע ריכטער פאַר אַלע מינים פאַרברעכנס. אָפּשאַפן טויט־שטראָף, אָפּשאַפן די שטענדיקע אַרמיי און איינפירן אַלגעמיינע באַוואָפענונג פון פאָלק. אָפּשאַפן די עפנטלעכע חובות, דערקלערן די רעליגיע פאַר אַ פּריוואַטן ענין. אָפּטיילן די קירכע פון שטאַט. אָפּשאַפן דעם ביודזשעט פאַרן קלער און קאָנפיסקירן זיינע גיטער. זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די קאָמונעס (מוניציפּאַליטעטן).

עקאָנאָמישער טייל: — אַכט שעהדיקער אַרבעטסטאָג. רעגלאַמענטירן פרויען־ און קינדער־אַרבעט. סעקוראַציע. היגיענע ביי דער אַרבעט. פאַבריק און ווערקשטאַט־אינספּעקציע. גלייכער לוין פאַר גלייכער אַרבעט פון פרויען און מענער, אאַז״וו.״

דריי חדשים נאָך דעם קאָנגרעס, וועלכער האָט אָנגענומען דעם דערמאָנטן פּראָגראַם האָט די פעדעראַציע אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

וואַרשיינלעך געווען צו שווער, צו קאָמפּליצירט און ווייט אַריבער די גרעניצן פון אַן אָנפאַנגערישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, דערצו איז די סאָציאַליסטישע פּאָליטיק געווען אין דעם פּראָגראַם צו שאַרף אונטערגעשטראָכן.

אַנאַרכיזם

די אַנאַרכיסטן, מיטן גאַנצן ברען פון אַ ברידער־קאַמף קעגן מאַרקסיזם, דעמאָקראַטיע, „שטאַט סאָציאַליזם״ און פאַרלאַמענטאַריזם; אַ קאַמף, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעצונדן אינעם צענטער פונעם אינטערנאַציאָ־

נאָלן אַרבעטער לאַגער, האָבן אויפגעהויבן אויך דאָ אַ קאַמף קעגן דער יונגער פעדעראַציע, קעגן איר סאָציאַל פּאָליטישער ליניע און קעגן אירע פירער — מאַרקסיסטן — „אויטאָריטעט סאָציאַליסטן״ און „מיטאַרבעטער מיט דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע״ און עס איז נישט שווער געווען צו צעשטערן די פעדעראַציע. עס איז נישט געווען איר אויפגאַבע צו פירן אַ ברידער־קאַמף און איז פיזיש נישט געווען בכוח אויסצוהאַלטן ליידנשאַפטלעכע אַטאַקעס פון איין זייט און אַ גלייכגילטיקייט מצד די אַרבעטער פון דער צווייטער זייט.

אונטער יענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדן, אונטער וועלכע די אַרבעטער האָבן געלעבט האָט אויף זיי געקאָנט ווירקן די פלאַם־פייערדיקע אַגיטאַציע און אידעאָלאָגיע פון די אַנאַרכיסטן.

עס רעדט זיך פון אַנאַרכיסטן און דערווייל נישט פון אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל צום ערשטן האָט זיך דאָ דער אַנאַרכיזם געוויזן אין דער געשטאַלט פון אינדיווידואַליזם, וואָס האָט צווישן אַלע זיינע נעגאַציעס, ווי באַלדיקע פאַרבעסערונגען — „אָפּנאַרערישע״, רעפאָרמען, רעגירונג, פּאַרלאַמענט, מערהייט — אויך נעגירט אָרגאַניזאַציע, ווייל אָרגאַניזאַציע מיינט אויך אָפּשטימונגען, סטאַטוטן, רעגלאַמענטן, וואָס מען דאַרף אויספאָלגן, דיסציפּלין, אונטערוואַרפן זיך אַן איינגעשטעלטער אָרדענונג, אַ מערהייט און נאָך אַזוינע זאַכן, וואָס זענען אין סתירה צו דער אַבסאָלוטער פרייהייט — דער אידעאַל פון אַ נייער, אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט פון פרייע קאַמערעס, זעלבסטבאַשטימענדיקע, אָן צוואַנג, אָן אונטערוואָרפנקייט. דאָס וועט דערגרייכט ווערן דורך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע פון די פאָלקסמאַסן, ספּאָנטאַן אונטער דער ווירקונג פון אַנאַרכיסטישן וואָרט און פון דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור...

די אַנאַרכיסטן, יחידים, אינדיווידואַליסטן, האָבן זיך אַפילו יאָ גרופּירט אין „סענטראָס דע עסטודיאָס סאָסיאַלעס״, „אַקראַטאַס״, די „הונגערי־קע פון באַראַקאַס״, „ראַוואַשאָל״, „נע דיאָ, נע פּאַדראָנע״, „ל׳אַנאַרקיאַ״ און אַנדערע, אָבער דאָס זענען געווען פרייע גרופּירונגען פון יחידים מיט זעלבסט־אָנערקענטע רעכטן און אָן קאָלעקטיווע פאַרפליכטונגען. עס האָט זיי פאַראייניקט איין הויפּט־אידעע: דער אַנאַרכיזם. און זיי זענען געווען פול מיט טעמפּעראַמענט, מיט אימפּעט אין זייער וואָרט, אין זייער שריפט, אָנהייבנדיק מיט אָן אויסגאַבע, וואָס האָט געהייסן „על פּערסעגידאָ״ (דער פאַרפאָלגטער) ביז דער אַנאַרכיסטישער צייטונג „לאַ פּראָטעסטאַ הומאַנאַ״, שפּעטער „לאַ פּראָטעסטאַ״. מער איידער אַלע אַנדערע גרופּירונגען האָבן זיי געטראָגן זייער פּלאַמיק וואָרט אויף עפנטלעכע אַקטן, אייגענע און פון אַנ־

דערע. פאַר זיי האָט נישט עקזיסטירט קיין „דיינס". ווער עס האָט געמאַכט אַן עפנטלעכן אַקט, אַ מיטינג, זענען זיי געקומען די ערשטע און גענומען „ווערטער" צו דיסקוטירן, דעבאַטירן, אַראָפּרייסן. נישט זעלטן זענען פון די ווערטער אַרויסגעקומען קלעפּ און גאַנץ אָפט פלעגן זיך אַזוינע דעבאַטעס ענדיקן אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט...

אויפן געביט פון וואָרט-טעטיקייט האָבן די אַנאַרכיסטן געהאַט דאָ פּאַר אַ גייסטיקן פירער און פּראָפּאַגאַנדיסט דעם איטאַליענישן פּובליציסט ענריקע מאַלאַטעסטאַ; שפּעטער האָבן זיי געהאַט אַ צווייטן אַנאַרכיסטישן פירער פון איטאַליע און אַ גרויסער אָנצינדנדיקער רעדנער: פּיעטראָ גאָרי.

גאָרי איז אָבער שוין געווען ווייניקער אַנאַרכיסטיש פונעם הונדערט פּראָצענטיקן אינדיווידואַליזם. אויפן געביט פון אָרגאַניזאַציע איז ער געווען אַדער געוואָרן נאָכגעביק צוליב צוועקמעסיקייט. די אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער זאָל דינען פּאַר אַ פעלד פון אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. און כדי צו האָבן דאָס פעלד איז נייטיק די אָרגאַניזאַציע. און כדי נישט צו זיין געשטערט איז נייטיק צו באַהערשן די אָרגאַניזאַציע. און אַזוי, אונטער דער ווירקונג פון גאָרי און דערשפּירנדיק אַ מעגלעכקייט צו באַווירקן די מאַסן, וואָס זענען צום גרעסטן טייל הייס-בלוטיקע לאַטיינער מיט מער האַרץ איידער מוח, האָבן די אַנאַרכיסטן פאַרלאָזט דעם אינדיווידואַליזם, זיך גענומען צו דער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער, אַריינצוטראָגן אין איר די אַנאַרכיסטישע פּרינציפּן און איר שטעלן פאַר אַ ציל: אַנאַרכיזם-קאָמוניזם.

די צווייטע פּאָראַ

אין יוני 1894 איז געגרינדעט געוואָרן די צווייטע אַרבעטער-צענטראַלע.

די צווייטע צענטראַלע, וואָס האָט געהייסן „פעדעראַסיאָן אָברעראַ אַרגענטינאַ" און געהאַט איר סעקרעטאַריאַט אין קעלער פון טעאַטער „וויקטאָריאַ" אין בוענאָס-איירעס, אויף סאַן כאַסע און וויקטאָריאַ, האָט אָבער געהאַט נאָך ווייניקער עקזיסטענץ פון דער ערשטער.

דאָ זענען שוין געקומען אין שאַרפן צוזאַמענשטויס צוויי טענדענצן, די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע און ווער פון זיי עס זאָל נישט האָבן געזיגט, איז עס פאַר דער יונגער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע געווען אַ טויט-קלאַפּ.

די נייע אַרגענטינער אַרבעטער-פעדעראַציע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אַרבעטער.

דער דאָזיקער אויפרוף דאָקומענטירט אַ ריי פאַקטאָרן און שפּיגלט

אויך אָפּ יענעם מאָמענט, ווען עס איז געוואָרן פאַרענדיקט די ערשטע פּיאָ־נערישע עפּאָכע פון דער אַרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג.

לאָמיר אים איבערגעבן דאָס וואָרט ביי וואָרט:

„צו די אַרבעטער אין אַלגעמיין: סאַלוט!

חברים:

אונדזער לאַגע ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ שווערער!

אויב פריער האָט דער לוין אונדזערער אונדז געגעבן אַ רעלאַטיווע מעג־לעכקייט צו באַפרידיקן אונדזערע באַדערפענישן, ווייסט איר אַלע, אַז היינט פאַרדינען מיר קוים אויף עסן.

נעכטן איז געווען אַן איבערפלוס פון אַרבעט. דעריבער זענען נישט געווען קיין אַרבעטלאָזע אַרבעטער. מען האָט אויך נישט געשיקט אונדזערע פרויען און קינדער אין די פאַבריקן. היינט זענען אַ סך אָן אַרבעט אייניקע חדשים פון יאָר. דאָס מאַכט אַז דער לוין זאָל ווערן וואָס אַ טאָג קלענער.

פריער האָבן מיר נישט געהאַט קיין רעגלאַמענט אין די ווערקשטאַטן. היינט ווייסן מיר אַלע ווי עס איז געשטעלט געוואָרן אין קראַפט גאַנצע שטראָף־קאָדעקסן. נישט נאָר וואָס זיי צווינגען אונדז אָפּצוהיטן אַן אייזערנע דיסציפּלין, נאָר זיי אימפּאָנירן אונדז אַ ריי שטראָפן און אָראָפּרעכענונגען, וואָס רעדוצירט אונדזער לוין צו אַ חוזק.

דאַרפן מיר, חברים, בלייבן גלייכגילטיק פאַר אַזוינע פאַקטן?

גלויבט איר, אַז די באַלעבאַטים וועלן מיט זייער אייגענעם ווילן זיך זאָרגן צו פאַרבעסערן אונדזער איצטיקע לאַגע?

קיינער וועט זיך נישט זאָרגן מיט אונדזער נויט. די באַפרייאונג פון די אַרבעטער מוז זיין דאָס ווערק פון די אַרבעטער אַליין — האָט שוין גע־זאָגט קאַרל מאַרקס — זאָלן מיר פאַרווירקלעכן דעם הויכן געדאַנק פונעם גרויסן פילאָזאָף; זאָלן מיר פאַראייניקן אונדזערע כוחות, שליסן אונדזערע רייען, זאָלן מיר פאָרמירן אַ קאָמפּאַקטן פאַרבאַנד און מיר וועלן דערגרייכן פאַרבעסערונגען, וואָס זאָלן אונדז געבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן ווי פרייע מענטשן און נישט ווי שקלאַפן.

אַרבעטער!

גייט אַריין יעדער פון אייך אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון אייער פאַך און איר וועט עפּעס ביישטייערן צו דעם צוועק פון פאַרבעסערן אייער איצ־טיקע לאַגע.

שווער פאַר איזאָלירטע פאַריינען, צו פירן דעם קאַמף קעגן די באַלע־באַטישע אַוואַנסן. עס זענען שוין אַ גאַנצע ריי די פאַריינען, וואָס פאָרמירן די פעדעראַציע. די פאַריינען, זייענדיק אויטאָנאָם, זענען זיי פאַראייניקט אין דעם זינען פון זיין אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע.

די קאָנפעדערירטע פאַריינען זענען: שטעלמאַכער, מעכאַנישע שלאָסער, דרוקער, בעדנער, בלעכער, סטאָליער, לאָקשן־מאַכער, זאָטלער, טאָקער, טאַבאַק־אַרבעטער, פאַריין פאַר סאָציאַלער פאַרבעסערונג פון די אַרבעטער פון טאַלאָסאַ.

ווי איר זעט, חברים, זענען עלף פאַך־פאַריינען פאַרייניקט אין פאַל פון אַ שטרייק. דאָס איז שוין אַן אומצעברעכבאַרער כוח.

איר, וואָס נעמט נאָך נישט קיין אָנטייל אין די אַרבעטער־פאַריינען, פאַרלאָזט די דאָזיקע פאַרברעכערישע אַפּאַטיע; פאַרייניקט זיך מיט אייערע חברים אויב איר ווילט נישט אייער לאַגע זאָל זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרערגערן.

חברים!

שבת דעם 12טן היינטיקן חודש, 8 אַזייגער אָוונט, וועט געגעבן ווערן אַ קאָנפערענץ אין סאַלאָן פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־צענטער (סענטראָ סאָסיאַליסטאַ אָברעראָ) וויקטאָריאַ 1398, אויף דער טעמע: „די פעדעראַציע". די איינציקע רעדנער וועלן זיין די חברים אַדריאַן פאַטראָני, אַניבאַל קאַנאַוועסיאָ און ראַמאָן פאַטאַי.

עס ווערן איינגעלאַדן צוליב דעם מאָטיוו די אַרבעטער, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער.

זאָל לעבן די אייניקייט פון די אַרבעטער!

בוענאָס־איירעס, 1טער אָקטאָבער פון 1895.

דער פעדעראַלער קאָמיטעט."

און נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען האָט די צענטראַלע, די צווייטע „פעדעראַסיאָן אָברעראָ" נישט געהאַט גענוג כוח צו עקזיסטירן און האָט געמוזט אויפגעבן איר עקזיסטענץ איידער עס האָט זיך געענדיקט דאָס יאָר 1895.

די דריטע פּרווּאַ

די אויפלעזונג פון איין צענטראַלע איז געווען נישט מער ווי אַ פּויזע צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אַ צווייטער צענטראַלע. מיט דער רעאָרגאַניזאַציע פאַרנעמען זיך ווידער די סאָציאַליסטן און אַ גרופּע פאַריינען, וועלכע האָבן אויך געהערט צו די ערשטע פעדעראַציעס מיט אַ סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס האָט געמיינט, אַז די אַרבעטער, ווי אַנגעהעריקע צום אַרבעטער־קלאַס, מיט באַזונדערע קלאַסן־אינטערעסן זאָל זיך אָרגאַניזירן, זיך פאַרייניקן און קעמפן פאַר פאַרבעסערונגען און דערגרייכונגען, פלאַנמעסיק, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש.

אין דעם גייסט זענען זיך אין יוני 1896 ווידער צונויפגעקומען דעלע־גאַטן פון אַ צאָל אַרבעטער פאַריינען פון זאַטלער, שטעלמאַכער, טראַנס־פּאָרטלער, סטאָליער, בעדנער, טאָקער, מעכאַניקער, לאַקשנמאַכער און פון אַן אַרבעטער פאַריין פון טאָלאָסאַ און פונדאַסניי באַשטימט שאַפן אַן אַר־בעטער צענטראַלע.

די פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט אַ פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט אויסצו־אַרבעטן אַ סטאַטוטן־פּראָיעקט פאַר דער נייער פעדעראַציע. דער פּראָיעקט איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו אַלע פאַריינען און דעם 21סטן דעצעמ־בער פון זעלבן יאָר 1896 איז פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס, אויף וועלכן עס זע־נען געווען רעפּרעזענטירט דורך זייערע דעלעגאַטן די פּראָפעסיאָנעלע אַר־בעטער פאַריינען פון שניידער, קאָוואַלעס, זייגערמאַכער, זילבער־אַרבעטער, דרוקער, בעדנער, לאַקשן־מאַכער, מעכאַניקער, אייזנגיסער, מאַלער, מעבל־אַרבעטער און זאַטלער, חוץ שריפטלעכע אָנשליסונגען, וואָס עס האָבן צוגע־שיקט די פאַריינען פון מויערער, האָלץ־אַרבעטער, שטעלמאַכער, אינסטאַלי־רער, באַגילטער, טעפּעכער מאַכער, שיך־צושניידער, גלעזער, דאַך־בלעכער און גאַלפאַניסטן.

דער קאָנגרעס האָט דערקלערט פאַר געגרינדעט די דריטע פעדעראַציע, וועלכע האָט דורך אירע סטאַטוטן דערקלערט, אַז:

„א) זי פאַרייניקט אין זיך די פאַרשידענע פאַך־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פאַר אַ צוועק צו פאַרבעסערן און פאַרטיידיקן די אַרבעט־באַדינגונגען דורך אַסאָציאַציע.

ב) שאַפט נייע פאַריינען דאָרט, ווו זיי זענען נישט פאַראַן און העלפט זיי צו קאָנסטיטואירן זיך.

ג) פּראַקטיצירט ווי געהעריק דעם סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ צווישן די אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס.

ד) האַלט אָן ענגע פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אַנדערע לענדער, וואָס האָבן זיך געשטעלט די זעלביקע אויפגאַבן צוליב פּראַקטיצירן דעם סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ אויף וויפיל דאָס וועט מעגלעך זיין.

ה) ווירקן אויף די מלוכה־מאַכטן עס זאָלן געשאַפן ווערן געזעצן לטובת די אַרבעטער, ווי אַן אַכט־שעהדיקער אַרבעטס טאָג, אַ מינימום־לוין, גליי־כער לוין פאַר גלייכער אַרבעט פון פרויען און מענער אאַז״וו.

אויסער דעם דאָזיקן צוועק און דאָס אַלץ וואָס איז מיט אים דירעקט פאַרבונדן וועט די פעדעראַציע נישט פאַרטיידיקן קיין אַנדערע עקאָנאָמישע פּרינציפּן; דערקלערט, אַז זי געהערט נישט צו קיין פּאַרטיי, האַלט נישט פון קיין רעליגיע און אָנערקענט נישט קיין ראַסן, אָדער נאַציאָנאַלע אויסנאַ־

מען. אירע מיטגלידער זענען פריי פערזענלעך צו פארטיידיקן אדער פראפא־גאנדירן, וועלכע מיינונגען זיי ווילן".

די דריטע פעדעראציע שטרייכט אונטער איר נישט־אנגעהעריקייט צו קיין פארטיי, זי האלט זיך אפ פון אזא סאציאל־אידעאלאגישער דעקלאראציע, ווי די פריערדיקע פעדעראציעס האבן געמאכט, קאנקרעטיזירט זיך אין אירע אויפגאבן ביז אויסשליסלעכקייט פון „נישט פארטיידיקן קיין אנדערע עקא־נאמישע פרינציפן", וואס דאס דערקלערט זיך מיט דעם ווילן צו עפענען די טירן פאר די אנארכיסטן, וועלכע האבן אנגעהויבן האבן א ווירקונג אויף די ארבעטער. עס איז געווען דער ערשטער פרווו פאר א נייטראלער פראפע־סיאנעלער ארבעטער־ארגאניזאציע, נייטראל צו די קעגנזעצלעכע אידעאלא־גיעס און אריענטאציעס אין ארבעטער־לאגער, כדי צו קענען עקזיסטירן און פירן די באוועגונג צוליב די געמיינזאמע באדערפענישן און פאדערונגען.

די אנארכיסטן און די ארבעטער אונטער זייער איינפלוס ווארפן אבער אפ די נייטראליטעט און מיט מער אייפער זענען זיי צו געווינען די ארבעטער פאר זייער אריענטאציע. דאס שטערט די קאנסאלידאציע פון דער נייער אר־בעטער צענטראלע, זי ווערט נישט פארשטארקט נאר נומעריש און ארגאניש אלץ שוואכער. זי הערט כמעט אויף צו זיין.

עס קומט ארויס פון איר א נייע איניציאטיוו מיט א מער אויסדריק־לעכן פאליטישן כאראקטער מיט פאדערונגען צו די מלוכהשע און מוניצי־פאלע אינסטיטוציעס, באזירט אויף דאס קאנסטיטוציאנעלע רעכט פון פע־טיציעס.

א צאל סינדיקאטן שליסן זיך אן אין דער איניציאטיוו צו פירן א גע־מיינזאמע אקציע פאר אן ארבעט־רעקלאמענטאציע.

עס ווערט אויסגעארבעט אן „ארגאנישע קארטע", וועלכע זאגט:

„אין דער שטאט בוענאס איירעס ווערט געגרינדעט אן „אלגעמיינע פעדעראציע פון ארבעטער ארגאניזאציעס" מיט די פאלגענדע אויפגאבן:

1. — דערגרייכן די רעגלאמענטאציע פון ארבעטסטאג פאר מענער, פרויען און קינדער.

2. — דערגרייכן זונטיק־רו דורך א מלוכה־געזעץ.

3. — קעמפן פאר אפשאפן שטיק־ארבעטער.

4. — פאדערן געזעצן וואס זאלן איינשטעלן די פאראנטווארטלעכקייט פון די באלעבאטים פאר די אקצידענטן ביי דער ארבעט.

5. — פאדערן איינשטעלן ארביטראזש־געריכטן פארמירט א העלפט דורך ארבעטער און א העלפט דורך באלעבאטים, כדי צו אנטשיידן די סכסוכים פון ארבעט צווישן די באלעבאטים און ארבעטער.

6. — פאדערן היגיעניזאציע פון די ארבעטער־וווינונגען.

7. — דערגרייכן פון דער מלוכה פענסיעס און סובסידיעס פאַר אַרבעטער־זקנים און פאַר אינוואַלידן פון דער אַרבעט.

כדי צו רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבן וועט די פעדעראַציע מאַכן פעטיציעס צו די מלוכה מאַכטן: נאַציאָנאַלע, פּראָווינציעלע און מוניציפּאַלע און אויב אירע פּעטיציעס וועלן נישט מיט סאַטיספאַקציע פאַר די אַרבעטער באַהאַנדלט ווערן, וועט די פעדעראַציע אָנווענדן די מיטלען, וואָס וועלן איר נאָר מעגלעך זיין אין די לעגאַלע גרעניצן, כדי צו דערגרייכן די פאָדערונגען.

די פעדעראַציע וועט האָבן די מיסיע צו שטיצן די איינהייט פון אַרבעטער־קלאַס און וועט דורך דער פאַסנדיקער פּראָפּאַגאַנדע מיטהעלפן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען".

אויך דער דאָזיקער פּרווו האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. דער ציטירטער פּראָיעקט פאַר דער נייער פעדעראַציע איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו די עקזיסטירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין בוענאָס איירעס. זיי זאָלן אים דיסקוטירן און באַשטימען זייערע באַפולמעכטיקטע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס פון 18טן יוני 1900. אָבער די גרעסטע טייל פאַריינען האָבן נישט געענטפערט, דער קאָנגרעס איז נישט פאָרגעקומען.

נאָך דעם נייעם דורכפאַל ווערט געגרינדעט דורך אַ רעדוצירטער גרופּע פאַריינען אויף דער איניציאַטיוו פון מעבל־אַרבעטער פאַריין אַ צייטשריפט אויפן נאָמען „לאַ אָרגאַניזאַסיאָן". עס איז די צווייטע אַרבעטער צייטונג אין לאַנד, אַרויסגעגעבן אַלס פּרעסע אָרגאַן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. (די ערשטע האָט געהייסן „על אָברעראָ" — דער אַרבעטער — וועלכע האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 12טן דעצעמבער 1890 אַלס אָרגאַן פון דער ערשטער אַרבעטער־פעדעראַציע. „לאַ אָרגאַניזאַסיאָן" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין יאַנואַר פון יאָר 1901 מיט דער ספּעציעלער אויפגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירן די פאַרייניקונג פון די אַרבעטער אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און די פאַרייניקונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע. די פּראָפּאַגאַנדע דורך דער צייטשריפט האָט אַ ווירקונג.

אויף דער איניציאַטיוו פון שלאָסער אַרבעטער פאַריין קומט פאַר דעם 2טן מערץ פון 1901 אַ דעלעגאַטן פאַרזאַמלונג פון פערצן פאַריינען, זי באַשטימט צו גרינדן די פערטע אַרבעטער פעדעראַציע דורך אַ קאָנגרעס, צו וועלכן עס זאָלן איינגעלאַדן ווערן אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון לאַנד.

די פערטע פאָראַ

דעם 25סטן מאַי פון יאָר 1901 איז אין בוענאָס איירעס פאָרגעקומען דער גרינדונגס־קאָנגרעס פון דער 4טער פאָראַ. אויף איר זענען צום ערשטן מאָל פאַרטראָטן אַ צאָל סינדיקאַטן פון דער פּראָווינץ. פון שטאָט בוענאָס

איירעס זענען געווען פאַרטראָטן די אַרבעטער פאַריינען פון מויערער, דרור־קער, טראַנספּאָרטלער, מעבל־אַרבעטער פון צענטער און פון אָעסטע, בלע־כער, מעכאַניקער, קוישן־מאַכער, מאַרמאָר־אַרבעטער, בעקער, שטיין־אַרבע־טער, גיפּסער, זאָטלער, זעגל־אַרבעטער, טעפּיכער־מאַכער און שוסטער. פון דער פּראָווינץ: מויערער פון לאַ פּלאַטאַ, מויערער פון קילמעס, מויערער פון ראָזאַריאָ, מויערער פון פּערגאַמינאָ, מויערער פון באַנפיעלד, אויסלאָדער פון סאַן ניקאָלאַס, בעקער פון טשיווילקאָי, בעקער פון לאַ פּלאַטאַ, באַן־אַר־בעטער פון ראָזאַריאָ, בעקער פון סאַן־ניקאָלאַס, האָלץ־אַרבעטער פון ראָזאַ־ריאָ און פּאָרט־אַרבעטער פון לאַ פּלאַטאַ.

צווישן די דעלעגאַטן זענען פאַראַן אַנאַרכיסטן. זיי זענען אין דער מינ־דערהייט. דער קאָנגרעס רעכנט זיך אָבער שוין מיטן אַנאַרכיסטישן פאַקטאָר און טראָגט אַרויס אַזעלכע רעזאָלוציעס, וואָס זענען אַ געוויסע פּשרה צווישן דער סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע און דער אַנאַרכיסטישער, צום טייל אויך די סינדיקאַליסטישע אָריענטאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן: רעזאָלוציעס דורכגעדרונגען מיט דער פּאָרזיכט פאַר אַ מעגלעכער צוזאַמענ־אַרבעט און וואָס זענען צו קאָנצענטרירן די אויפגאַבן אויסשליסלעך פאַר סינדיקאַלער אַקציע, פון וואָס עס האָט זיך געקאָנט זען באַפרידיקט דער סינ־דיקאַליזם.

די באַזיסן פון דער נייער פעדעראַציע, וועלכע ווערט שפּעטער פאַר־וואַנדלט אין אַן אַנאַרכיסטישע דערקלערן, אַז —

„אָנערקענענדיק אַז דער קאָנגרעס באַשטייט פון ווידער־שטאַנד פאַריינען, אָדער בעסער געזאָגט פון אָרגאַניזירטע קאָלעק־טיוויטעטן פאַר עקאָנאָמישן קאַמף און רעכנענדיק זיך מיט דעם, אַז אין די דאָזיקע קאָלעקטיוויטעטן קענען זיין אַלע אַליאירטע פּאָלי־טישע טענדענצן, וואָס זענען פאַראַן, ווערט דערקלערט, אַז די פּעד־דעראַציע האָט נישט קיין קאָמפּראָמיס מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נישט מיט דער אַנאַרכיסטישער און נישט מיט קיין אַנ־דערער פּאַרטיי, אַז איר אָרגאַניזאַציע, אַנטוויקלונג און טעטיקייט־ספּערע איז אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק, אויטאָנאָם און אַז די אָר־גאַניזאַציע באַשטימט פון דאָזיקן קאָנגרעס איז ריין און אויסשליס־לעך אַ ווידערשטאַנדלעכע".

ס׳ווערט פון קאָנגרעס צום ערשטן מאָל אויפגענומען דער גענעראַל־שטרייק אַלס אַ פּרינציפּיעלער ענין. זיין רעזאָלוציע וועגן דעם זאָגט: „די פאָאָ (פעדעראַסיאָן אָברערא אַרכענטינאַ), אָנערקענענדיק דעם גענעראַל־שטרייק אַלס די העכסטע באַזע פון עקאָנאָמישן קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און

אַרבעט, שטרייכט אונטער די באַדערפעניש צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן די אַרבעטער דעם געדאַנק, אַז אַן אַלגעמיין אָפּהאַלטן זיך פון דער אַרבעט איז אַן אַרויסרוף קעגן דער הערשנדער בורזשואַזיע, ווען עס ווייזט זיך דער פּאַסנדער מאָמענט פאַר אַזאַ באַוועגונג מיט מעגלעכקייטן אויף דערפאָלג".

דער קאָנגרעס נעמט אָן די 1טע מאַי פייערונג „אַלס פייערלעכער פּראָטעסט־אַקט.

זונטיק־רו. דער קאָנגרעס דערקלערט די באַדערפעניש פון אַ טאָג רו נאָך זעקס טעג אַרבעט.

אַרביטראַזש. די פּאָאַ שטרייכט אונטער די באַדערפעניש צו דערוואַרטן נאָר פון דער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט די אינטעגראַלע דערגרייכונגען פון די אַרבעטערס רעכטן, זי רעזערווירט זיך נאָר אין אייניקע פאַלן דאָס רעכט צו באַשליסן עקאָנאָמישע קאָנפליקטן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל דורך אַן אַרביטראַזש־געריכט, אָננעמענדיק פאַר אַזאַ געריכט נאָר יענע פּערזאָנען, וועלכע זענען אַ גאַראַנטיע צו רעספּעקטירן די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס.

אַרבעטער־געזעצן. „דער אַרבעטער־קאָנגרעס פון דער פּאָאַ דערקלערט, אַז ס'איז נויטיק צו פירן אַן ענערגישע אַגיטאַציע צו דערגרייכן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַקצידענטן ביי דער אַרבעט; פאַרבאָטן די אַרבעט פון דער פרוי ווען דאָס קען שעדלעך זיין פאַר איר מוטערשאַפט, אָדער באַרירן איר מאָראַל; פאַרבאָטן די אַרבעט פון מינדער־יעריקע פאַר 11 יאָר אַלט.

דער קאָנגרעס אָנערקענט, אַז דער געזעץ ווערט שטענדיק אָנגענומען לטובת די קאַפּיטאַליסטן און זיי קענען אים אויך נישט אויספאָלגן, דעריבער באַשטימט ער, אַז די אַרבעטער דאַרפן אַלעס דערוואַרטן פון זייער וויסן און אייניקייט און אָפּוואַרפן די ווענדונג צו די מלוכה־מאַכטן נאָך וועלכע עס איז פאַרבעסערונג".

ווייטער האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ רייע רעזאָלוציעס, וואָס זענען שוין געווען אין די פּראָגראַמען פון די פריערדיקע פעדעראַציעס, ווי רעדוצירן דעם אַרבעטסטאָג, העכערן דעם לוין, אָפּשאַפן נאַכט־אַרבעט, אָפּשאַפן „טרעסט סיסטעם", קעגנזייטיקע הילף אין די פאַבריקן; גלייכער לוין פאַר מענער און פרויען און שאַפן אַ „הילפס פאָנד פאַר די קרבנות פון דער פּראָפּאַגאַנדע".

די פּאָאַ

די אַנאַרכיסטישע אָריענטאַציע האָט שוין אַ באַדייטנדיקן אויסדרוק דורך די רעזאָלוציעס פון ערשטן קאָנגרעס פון דער פּאָאַ. די נעגאַציע צו פּאָליטישער אַקציע, צו געזעצן, די כאַראַקטער־ענדערונג פון דער 1טער מאַי פייערונג אאַז״וו. אָבער זי זעט זיך נאָך באַגרענעצט. די מערהייט דעלעגאַטן פון קאָנגרעס איז איינגעגאַנגען אויף פּשרות מיט דער אַנאַרכיסטישער אָריענטאַציע, האָט אָבער אויך אָנגעהאַלטן די סאָציאַליסטישע און צוליב אייניקייט טיילוויז אַ סינדיקאַליסטישע אָריענטאַציע. די אַנאַרכיסטן האָט דאָס נישט באַפרידיקט און זיי האָבן געזוכט דורך אַלע מיטלען צו באַהערשן דעם צווייטן קאָנגרעס פון דער פּאָאַ און אימפּאָנירן מער זייער אָריענטאַציע.

דער צווייטער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען דעם 19טן און 20סטן אַפּריל 1902 אין בוענאָס איירעס, אין סאַלאָן „פאָרווערטס" מיט 76 דעלעגאַטן, די מערהייט אַנאַרכיסטן, פון 47 פאַריינען. ס'איז געקומען צו אַ שאַרפן קאַמף ביים באַהאַנדלען די מאַנדאַטן. די סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן האָבן אָנגעוויזן אויף אַ צאָל דעלעגאַטן, וואָס זענען געקומען דורך שווינדל: פון פאַריינען נישט־עקזיסטירנדיקע; אויף דעלעגאַטן מיט געפעלשטע מאַנדאַטן, זיי האָבן געפאָדערט אַז אַזוינע דעלעגאַציעס זאָלן צוליב דער ערלעכקייט, ערנסטקייט און פּרעסטיזש פון קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן ווערן, אָבער דאָס איז נישט געשען און 34 דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 19 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען אַוועק פון קאָנגרעס.

אָבער נישט געקוקט וואָס דער קאָנגרעס איז געבליבן אין די הענט פון די אַנאַרכיסטן אַליין איז אויף אים דאָך נאָך נישט אינגאַנצן דעפינירט געוואָרן די אַנאַרכיסטישע אָריענטאַציע, דאָס איז געטאָן געוואָרן שפּעטער אויפן פינפטן קאָנגרעס, אָבער דער דאָזיקער צווייטער קאָנגרעס נאָכדעם ווי ער איז פאַרלאָזט געוואָרן פון די אַנדערע דעלעגאַטן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם ערשטן אַרבעטער קאָנגרעס אין אַרגענטינע, וועלכער איז געוואָרן באַהערשט פון די אַנאַרכיסטן.

די כאַראַקטעריסטישע רעזאָלוציעס פון דעם דאָזיקן קאָנגרעס זענען:

1טער מאַי. — „דער קאָנגרעס, אָנערקענענדיק, אַז דער 1טער מאַי איז אַ דאַטום פון טרויער און פון דערגרייכונגען פאַרן אַרבעטער־קלאַס, וואַרפט אָפּ יעדן אָנשלוס (אין מאַניפעסטאַציעס) צו פּאָליטישע פּאַרטייען און לאַדט איין אַלע פאַריינען, אויסשליסלעך פּראָפעסיאָנעלע, און די אַרבעטער אין אַלגעמיין זיי זאָלן אים (דעם 1טן מאַי) פייערן ווירדיק, אָנשליסנדיק זיך צו דער פּאָאַ.

די אָנגעשלאָסענע פּאַרייִנען אויפן קאָנגרעס, אין פאַל זיי וועלן נישט קענען קומען צו דער מאַניפעסטאַציע פון דער פּאַאַ, זאָלן זיי אויך נישט גיין צו קיין אַנדערער מאַניפעסטאַציע, אָרגאַניזירט פון אַ וועלכער עס איז אַנ־דערער גרופּע".

דער קאָנגרעס טראָגט אַרויס אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ער דערקלערט די שעדלעכקייט פון דער נאַכט־אַרבעט אין די בעקערייען אויפן געזונט און לעבן פון די אַרבעטער, אָבער אין קעגנזאַץ צו רעזאָלוציעס פון פריערדיקע קאָנגרעסן, וואָס פאָדערן אַ געזעץ קעגן דער נאַכט־אַרבעט, באַשליסט דער קאָנגרעס צו „רעקאָמענדירן אַן אַקטיווע אַגיטאַציע פאַר דער פאַרבאָטונג פון דער נאַכט־אַרבעט".

דער קאָנגרעס טראָגט אַרויס אַ רעזאָלוציע וועגן מיליטאַריזם, וואָס זאָגט: „אָנערקענענדיק אַז דער מיליטאַריזם איז קעגן די אינטערעסן פון דער מענטשהייט, שטימט ער פאַר דעם, אַז עס זאָל געפירט ווערן אַ וואָס מעגלעך גרעסערע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם דאָזיקן באַרבאַרישן סיסטעם אין דעם זין, אַז וואָס מער רעקרוטן זאָלן אַוועק, איבער דער גרענעץ, איידער בלייבן לע־גאַלע און באַצאָלטע מערדער".

קאַמפּס־מיטלען. — „דער צווייטער קאָנגרעס דערקלערט, אַז די שטרייקן דאַרפן זיין פון גרעסטן ווידערשטאַנד־כאַראַקטער און צוליב זייער דערפאָלג רעקאָמענדירט ער די אָרגאַניזאַציע און די אויפקלערונג פון די אַר־בעטער, אָנערקענט דעם גענעראַל־שטרייק אַלס די העכסטע באַזע פון עקאָ־נאָמישן קאַמף, האַלט חוץ דעם, אַז דער באָיקאָט און סאַבאָטאַזש געבן שטאַרקע רעזולטאַטן פאַר דער אַרבעטער־זאַך און שטעלט זיך די אויפגאַבע אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען כדי צו באַשיצן די קרבנות פון דער פּראָ־פּאַגאַנדע פאַרן דאָזיקן קאַמף־סיסטעם".

דאָ וועלן מיר מאַכן אַ פּויזע אינעם געשיכטלעכן פּראָצעס פון דעם אָרגאַניזירן זיך פון דער סינדיקאַלער, אָדער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַ־וועגונג, די אָריענטאַציעס, וואָס האָבן זיך אימפּאָנירט, דער אינערלעכער קאַמף פאַר גייסטיק איר באַהערשן, כדי צו דערציילן פונעם באַשאַף און פו־נעם אויפקום פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענ־טינע.

קאַפּיטל XVIII

אויפקום פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

1 — די ערשטע סאָציאַליסטישע גרופּעס.

אין אַ ביר־שענק אויף פּאַסעאָ דע כוליאָ, ווו דייטשן זענען געוווינט געווען צו קומען, איז אין לעצטן זונטיק פון דעצעמבער 1881 פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דייטשע אַרבעטער צו שמועסן וועגן שאַפן אַ דייטשע אַרבעטער אַסאָציאַציע.

דאָרט איז געווען קאַרל מוצקע און נאָך דייטשע סאָציאַליסטן, וואָס זענען אַוועק פון דייטשלאַנד, וואָס איז דעמאָלט אַרונטערגעפאַלן, אין 1870 און ווייטער, אונטער די ביסמאַרקישע אַנטי־סאָציאַליסטן געזעצן.

גרינגע, נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר אין לאַנד, האָבן זיי געפילט אַ באַדערפעניש צו פאַרזאַמלען זיך, צו אָרגאַניזירן זיך און פאַרזעצן דאָ, אין דעם אַמעריקאַנישן לאַנד, ווו זיי זענען, אַ טעטיקייט אין סאָציאַליסטישן גייסט, וואָס מאָנט עפּעס און לאָזט נישט רוען.

נאָך אַ צוזאַמענקום און נאָך אַ צוזאַמענקום און עס איז אַזוי אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דרייצן דייטשן געגרינדעט געוואָרן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „פאָרווערטס קלוב“, מיט אויגוסט לאַצקע — פאָרזיצער; קאַרל מוצקע — קאַסיר און טעאָדאָר וועבער — סעקרעטאַר און מיט אַ דעקלאַראַציע צו „קאָאָפּערירן פאַר דער רעאַליזירונג פון די פּרינציפּן און צוועקן פונעם סאָציאַליזם אין איינקלאַנג מיטן פּראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד“.

דעם 1טן יאַנואַר 1882 איז דאָס געשען.

דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „פאָרווערטס קלוב“ איז געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, אין דער קאָנסטיטוציאַנעלער עפּאָכע, אין גאַנג פון די צייטן פון אינדוסטריעלער איניציאַטיוו און אַנטוויקלונג, פון אויסקריסטאַליזירן זיך פון די מאָדערנע סאָציאַלע קלאַסן; פון אָנהייבן זיך קאָנצענטרירן קאַפּיטאַל און אַרבעט מיט קעגנזעצלעכע אינטערעסן, קאָנפליקטן און קלאַסן־קאַמף.

און עס איז געווען די דאָזיקע דייטשע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע, וואָס איז געווען אַלס אַרגענטינער סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־

ציע רעפּרעזענטירט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קאָנ־גרעס אין פּאַריז אין יאָר 1889, וועלכער האָט באַשטימט דעם 1טן מאַי פון יעדן יאָר אַלס אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פון די אַרבעטער און פאָרמולירט פאָדערונגען, אוניווערסאַלע, פּראָלעטאַרישע, סאָציאַליסטישע, פאַר די הער־שנדע קלאַסן אין אַלע לענדער און פאַר די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען; און ס'איז געווען די דייטשע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע דאָ אין אַרגענטינע, וואָס האָט דאָ שוין אין 1890 איניציאירט און אָנגעפירט מיט דער אָרגאַני־זאַציע צו פייערן דעם 1טן מאַי אויף אַ פּרעכטיקן און פּראַקטישן אופן און געבן לעבן אויך די אַנדערע רעזאָלוציעס פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל, צופּאַסנדיק זיי צו די אַרגענטינער וויטאַלע באַדערפענישן און צייט־מעסיקע שטרעבונגען; און עס איז געווען די דייטשע די ערשטע מאָדערנע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וואָס האָט איניציאירט און אָנגע־פירט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די אַרבעטער, וואָס איז אונ־טער איר אָנפירונג כמעט נישט געווען אָפּגעשיידט פון דער פּאָליטישער באַ־וועגונג. זי האָט געגרינדעט די ערשטע קאָנסום־קאָאָפּעראַטיווע אין לאַנד, האָט אויפגעבויט דאָס ערשטע סאָציאַליסטישע הויז און האָט דאָ אַרויסגע־געבן (אין דייטש) די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג „פאָרווערטס״, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין בוענאָס איירעס דעם 2טן אָקטאָבער פון 1886.

אין 1891 האָט זיך אויך געגרינדעט אַ פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע גרופּע. זי איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון אַדאָם דאָמ־בראָווסקי, צו דערמאָנען נאָר איינעם פון די גרינדער און די מיטגלידער פון דער גרופּע, וואָס איז פאַרשטענדלעך דער עיקר טעטיק געווען צווישן די פראַנצויזישע „גרינגע״, ווי מ'פלעגט אָנרופן די אימיגראַנטן און די וואָס זע־נען נישט לאַנג אין לאַנד. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע גרופּע האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט אין פראַנצויזיש: „ל'עגאַליטע״.

די איטאַליענישע אימיגראַציע, וואָס איז פון אָנהייב אָן דאָ געווען די גרעסטע, האָט אויך מיט זיך געבראַכט סאָציאַליסטן און זיי האָבן נישט גע־רוט ביז וואַנען זיי האָבן דאָ געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון איטאַליענער. דאָס איז געשען דעם 8טן אַפּריל 1894 אין אַ קאַפע דאָ אין בוענאָס איירעס אויף סעריטאָ אין די דריי הונדערטער. די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: „פאַשיאָ דעי לאַ־וואָראַטאָרי״, האָט אָנגענומען פאַר איר פּראָגראַם דאָס פּראָגראַם פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איטאַליע, האָט באַשטימט און טאָקע אַרויסגעגעבן אַן אָרגאַן, וואָס האָט געהייסן: „לאַ ריווענדיקאַציאָנע״,

וואָס איז דערשינען ביז 1908. קאַסאַנאַ, אַריענטי, קאַפּעליני, מאַולי, קאַשעלי, ראָסי, ע. כימענעז, טאַליאַוויליאַ און פּאַרענטי זענען געווען אין איר ערשטער אַנפירער־קאָמיסיע און איז אין 1896 געווען פון די צעשפּרייטע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין שטאָט בוענאָס איירעס און אין גאַנצן לאַנד, וואָס האָבן קאָנסטיטואירט די אַלגעמיינע אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

עס האָט זיך אויך געהאַט געשאַפן אַ מין צענטראַליזירטע סאָציאַליסטישע גרופּע פון שפּאַנישע סאָציאַליסטן איינגעוואַנדערטע מיט די גרויסע מיגראַציע־שטראָמען פון שפּאַנישע אַרבעטער און פּאַלקסמענטשן, וואָס האָבן גענומען אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע און דער עיקר קיין אַרגענטינע ערשט נאָך דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער עפּאָכע; אויך פון געבוירענע אין אַרגענטינע, אַרבעטער, סטודענטן, אינטעלעקטואַלן, וואָס שפּאַניש, די אַרגענטינער לאַנד־שפּראַך, איז זייער לעבנס־שפּראַך; צו דער דאָזיקער גרופּע זענען אויך צוגעשטאַנען יחידים פון די אַנדערע, אייגנטלעך, קולטור־נאַציאָנאַלע גרופּעס, ווי מאַולי, קוהן, הומעל, סאַלאַמאַ.

פון אויסגעגאַנגענע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פעדעראַציעס איז געבליבן אַ גרופּע וואָס האָט געהייסן „סעקסיאָן וואַריאַ“; אַ גרופּע אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן און פון איר איז דאָס קאָנסטיטואירט געוואָרן די ערשטע שפּאַניש־אַרגענטינישע סאָציאַליסטישע גרופּע מיט דער טענדענץ צו פאָרמירן די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע לאַנד־פּאַרטיי אין אַרגענטינע. דאָס איז געשען דאָ אין בוענאָס איירעס אין דעם קאַפע „קרוז בלאַנקאַ“, אויף דער גאַס קוזשאַ, וואָס איז שפּעטער געביטן געוואָרן אויף סאַרמיענטאַ. דעם 14טן דעצעמבער פון 1892. די גרופּע האָט זיך באַלד אַ נאָמען געגעבן „אַרבעטער־פּאַרטיי, בוענאָס איירעסער סעקציע“, וואָס איז אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום, דעם 14טן יולי פון 1894, געביטן געוואָרן אויף: „צענטראָ סאָסיאַליסטאַ אָברעראָ“ און באַשטימט:

„1) דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־צענטער איז אַ פּאָליטישע אַסאָציאַציע וועמענס פּראָגראַם עס איז דאָס פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון אַלע לענדער, מיט מאָדיפיקאַציעס, וואָס פאָדערן די לאָקאַלע אומשטענדן.

2) כדי צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן אמת, וועט דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־צענטער אַרויסגעבן פּובליקאַציעס, געבן קאָנפערענצן און וועט האָבן אַ ביבליאָטעק.

3) וועט זען וואָס פריער זיך צו פאַרוואַנדלען אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון דער ארגענטינער רעפּובליק, אויפרודערנדיק די

אָרגאַניזאַציע פון לאָקאַלע סעקציעס צו קאָנפעדערירן זיך אין די אַלע ער־טער, וווּ דער אַרבעטער־קלאַס וועט שוין פעאיק זיין פאַרן פּאָליטישן קאַמף און וועט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־גרופּעס, מיט אי־דענטישע צוועקן, נאָר האָבן זיך איבער אַ וועלכן עס איז מאָטיוו באַזונדער אָרגאַניזירט.

4) מיט אַלע מיטלען וועט זי מיטהעלפן די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציע פון אַרבעטער־קלאַס."

דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־צענטער, וואָס האָט זיך געשטעלט די דערמאָנטע, באַלדיקע, אויפגאַבעס, האָט זיך קאָנסטיטואירט און באַשטימט פאַר זיין ערשטער אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע, וואָס אין דעמאָקראַטישן אַרגענטינע זענען די דאָזיקע קאָמיסיעס סיסטעמאַטיש די אָנפירער פון די אָרגאַניזאַציעס: אוגוסט קוהן, גענעראַל־סעקרעטאַר; היפּאָליטאָ קורעט, אַקטן־סעקרעטאַר; מאַריאַנאָ גארמיא, קאַסיר; כאָסע קאַסאַט, בוכהאַלטער; זשאַן טולוז, כאַימע סיוראָ און איזידראָ סאַלאָמאָ, מיטגלידער.

דעם 29סטן אויגוסט פון 1897 האָט זיך דער סאָציאַליסטישער אַרבע־טער־צענטער אַריינגעצויגן אין דעם הויז אויף מעכיקאָ 2070, וואָס איז ספּע־ציעל פאַר אים, אָדער אונטער זיין אויפזיכט בכלל פאַר דער סאָציאַליסטי־באַוועגונג אויפגעבויט געוואָרן פונעם דייטשישן סאָציאַליסט קריסטיאַן האָופּט.

דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־צענטער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פּרעסע־אָרגאַן: "על סאָסיאַליסטאַ". קיין צו לאַנג לעבן האָט ער נישט גע־האַט, אָבער זעקס נומערן האָט ער דאָך באַוויזן אַרויסצוגעבן.

דעם 7טן אַפּריל פון 1894 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דאָ אין בוע־נאָס איירעס "לאַ וואַנגוואַרדיאַ", וועכנטלעך, זיך אָנגעבנדיק אַלס "וויסנ־שאַפטלעכע סאָציאַליסטישע צייטשריפט — פאַרטיידיקער פונעם אַרבעטער־קלאַס", מיט ד"ר כואַן ב. כוסטאַ אַלס רעדאַקטאָר.

ביי אַ טישל אין דער קאַפע "פּראַנסעס", אויף עסמעראַלדאַ אין די דריי הונדערטער איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצוגעבן "לאַ וואַנגוואַרדיאַ". כוסטאַ האָט צושטייער געגעבן זיין קאַטש פון מעדיצין־דאָקטער, וואָס איז פאַר־קויפט געוואָרן; קוהן האָט צושטייער געגעבן זיינע אָפּגעשפּאָרטע דריי הונ־דערט פּעזעס, צוזאַמען האָט עס געשאַפן דעם נויטיקן קאַפּיטאַל, פאַר וועלכן מ'האָט אויף אַ ליציטאַציע אָפּגעקויפט אַ קליינע אָפּגענוצטע דרוקעריי און מ'האָט זיך געשטעלט אַרבעטן.

אין זעלביקן יאָר 1894 האָט אַ גרופּע סטודענטן, שרייבער און אַדוואָ־קאַטן געגרינדעט אַ צענטער פון סאָציאַליסטן אוניווערזיטאַריער. כאָסע אינ־

כעניעראָס איז דער ערשטער סעקרעטאַר פון דעם צענטער און אַנכעל מ. כימענעז, א. פעראַרי, ר. ראָדריגעז, ה. גוגליאַלמעלי און כ. פירפּאָ — מיט־גלידער פון זיין אָנפיר־קאָמיסיע.

עס גרינדעט זיך, אַלץ אין זעלביקן יאָר, אַ „רעוואָלוציאָנערער סאָציאַ־ליסטישער צענטער" אין באַראַקאַס; אין 1895 גרינדעט זיך אַ סאָציאַליס־טישער צענטער אין מיטן שטאָט. אין דער געגנט וואָס הייסט באַלוואַנערא און וואָס געפינט זיך צווישן די גאַסן פּאַראַגוויי און מעקסיקאָ און אַזשאַ־קוטשאָ און מעדראַנאָ. די גרינדונג פון סאָציאַליסטישע צענטערן אין משך פון די צוויי יאָר 1895 און 1896 גייט אַריבער די גרעניצן פון בוענאָס איי־רעס און סאָציאַליסטישע צענטערן ווערן געגרינדעט אין קאָרדאָבאָ און אין קילמעס; אין ראָזאַריע און אין טוקומאַן; אין טאַלאַסאַ און אין באַהיאַ בלאַנ־קאַ; אין סאַן אַנטאָניאָ דע אַרעקאָ און אין פּאַראַנאַ; אין כונין און אין סאַן פערנאַנדאָ און טיגרע.

און צום שלוס פון דעם אַרטיקל וועט אינטערעסאַנט זיין צו דערציילן, אַז דעם 19טן מאַי 1896, ערב דער קאָנסטיטואירונג פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַרגענטינע, האָט זיך דאָ אין בוענאָס איירעס געגרינדעט אַ שטודירנדיקער סאָציאַליסטישער צענטער מיט דער ספּעציע־לער אויפגאַבע „צו שטודירן די סאָציאַלע פּראָבלעמען אין אַלגעמיין און פון לאַנד ספּעציעל, באַשטימענדיק פאַר סעקרעטאַר דעם אַרגענטינער בעלעט־ריסט ראָבערטאָ ס. פּאַירא, אַנטאָניאָ פּיניערא — קאַסיר און דעם אַרגענטי־נער דיכטער לעפּאָלדאָ לוגאָנעס — ביבליאָטעקאַר.

דער ערשטער פּראָגראַם פון סיסטעמאַטישע קאָנפערענצן צו פאַר־שפּרייטן צווישן די אַרבעטער וויסנשאַפט האָט דער שטודיר־צענטער אויס־געשטעלט אַזוי:

דעם 8טן יוני — „פונעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד". לעקטאָר: כואַן ב. כוסטאָ.

דעם 22סטן יוני — „פון די פאַרבינדונגען פון דער ביאָלאָגיע מיט דער סאָציאָלאָגיע". לעקטאָר: כואַן ב. כוסטאָ.

דעם 6טן יולי — „פון די פאַרבינדונגען פון דער ביאָלאָגיע מיט דער סאָציאָלאָגיע. לעקטאָר: ראָבערטאָ ס. פּאַירא.

דעם 20סטן יולי — „פון עקאָנאָמישן קאָנצעפּט פון דער געשיכטע". לעקטאָר: כואַן ב. כוסטאָ.

דעם 3טן אויגוסט — „טעאָריע פון די רעליגיעס". לעקטאָר: עמיליאָ ראָקע.

דעם 17טן אויגוסט — „שטודיום פון די ביז־איצטיקע שריפטן אין

לאַנד וועגן וויסנשאַפטלעכער סאָציאָלאָגיע". לעקטאָר: כאָסע א. לעבראָן.
און אין 1897 האָט דער סאָציאַליסטישער שטודירנדיקער צענטער געגרינדעט די אַרבעטער ביבליאָטעק, וועמען ער האָט איבערגעגעבן זיין גאַנצן שטודיר־מאַטעריאַל און טויזנט ביכער.

2 — די גרינדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי

די פיר שוין עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין אָנהויב פון 1894 האָבן באַשלאָסן צו פאָרמירן זיך אין איין סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך אָנגערופן: „אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי" אין הסכם מיט דער ווירקלעכקייט, וואָס די גרופּעס זענען באַשטאַנען פון אַרבעטער, פון סאָציאַליסטן און פון פאַרשידענע אידיאָמאַטישע, עטנאָגראַפישע אָדער קולטור־נאַציאָנאַלע איינהייטן פון דייטשן, פון פראַנצויזן, פון איטאַליענער און פון שפּאַניער.

די גרינדונג פון דער פּאַרטיי איז פאָרגעקומען דעם 7טן אַפּריל פון 1894. זי האָט אָנגענומען דאָס פאָלגנדיקע פּראָגראַם:

„פּאָליטישע טייל — דירעקטע געזעצגעבונג דורכן פאָלק: רעכט אויף איניציאַטיוו און אויף רעפערענדום פאַר שאַפן געזעצן. רעכט אויף צוריקרופן די אויסגעקליבענע, ווען זיי טוען נישט זייער אויפגאַבע אויף סאַטיספאַקציע פון זייערע וויילער. אָפּשאַפן די פּרעזידענץ און די וויצע־פּרעזידענץ פון דער רעפּובליק. אָפּשאַפן דעם סענאַט; שאַפן אַן עקזעקוטיוו־קאָמיסיע וועמענס מיטגלידער עס זאָלן זיין געוויילטע און קענען זיין צוריקגערופן אין יעדן מאָמענט דורך דער דעפּוטאַטן־קאַמער — די איינציקע געזעצגעבנדיקע קערפּערשאַפט. אָננעמען פון די פּראָווינצן און פון די מוניציפּאַליטעטן אידענטישע רעפאָרמען פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. רעפּרעזענטאַנץ פון די מינדערהייטן. נאַטוראַליזאַציע פון די אויסלענדער. אומבאַצאָלטער געריכט. געשווירענע פאַר אַלע מינים פאַרברעכנס. אָפּשאַפן טויטשטראָף. אָפּשאַפן די פּערמאַנענטע אַרמיי און אַלגעמיינע באַוואָפענונג פון פאָלק. אָפּטיילן די קירכע פון שטאַט. אייגענע רעגירונג פון די קאָמונעס.

סאָציאַלע און עקאָנאָמישע טייל: — לעגאַל באַגרעניצן אויף אַכט שעה דעם אַרבעטסטאָג פאַר דערוואַקסענע און פּראָפּאָרציאָנעל צו דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענטשלעכער אַרבעט.

באַגרעניצן אויף זעקס שעה דעם אַרבעטסטאָג פאַר יוגנטלעכע פון 14 ביז 18 יאָר אַלט.

פאַרווערן אַרבעטן פרויען ביי אַנטיהיגיענישער אַרבעט.

פאַרווערן נאַכט־אַרבעט דאָרט ווו דער אַלגעמיינער וווילזיין פאָדערט דאָס נישט.

שול־דערציאונג פאַר אַלע קינדער, יינגער פון 14 יאָר. אָבליגאַטאָרי־שע שול, אומבאַצאָלטע, וועלטלעכע און צוגעגנגלעך פאַר אַלע, דורך דער עפנ־טלעכער פאַרזאָרגונג פון עסן, קליידער, ביכער, אויב דאָס איז נויטיק.

לעגאַל פאַרווערן די באַלעבאַטים צו מאַכן אַרבעטן די אַרבעטער פון זעקס טעג אין יעדע זיבן טעג. לעגאַלער מינימום־לוין באַשטימט דורך אַ סטאַטיסטישער קאָמיסיע פון אַרבעטער, רעגולירט לויט די פרייזן פון די אַרטיקלען פאַר ערשטער באַדערפעניש. גלייכער לוין פאַר פרויען ווי פאַר מענער, ווען די געמאַכטע אַרבעט פון ביידע איז די זעלביקע. שאַפן ספּעציע־לע געריכטן צוזאַמענגעשטעלט איין טייל פון די באַלעבאַטים און די צווייטע טייל פון די אַרבעטער, צוליב גיכער לייזונג פון די ענינים צווישן ביידע. פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די באַלעבאַטים פאַר די אַקצידענטן ביי דער אַר־בעט. שאַפן וואַך־קאָמיסיעס אויסגעקליבענע פון די אַרבעטער פאַר אינספּעק־ציאָנירן די וווינונגען, די ווערקשטאַטן אאַז״וו, שאַפן אומבאַצאָלטע פּראָפע־סיאָנעלע שולן און פון מיטעלער בילדונג. אַנולירן אַלע קאָנטראַקטן, וואָס גיבן איבער עפנטלעכע פאַרמעגנס, ווי פּאַרטן, באַנען, אאַז״וו. אָפּשאַפן אַלע אומדירעקטע שטייערן און פאַרוואַנדלען די דירעקטע אין שטייער אויף רענט און אויף ירושות. אָפּשאַפן דעם קלער־בודזשעט און קאָנפיסקירן זיינע גיטער. אָפּשאַפן דעם עפנטלעכן חוב״.

דער דאָזיקער קלאַסישער פּראָגראַם, וואָס איז אויפגעשריבן געוואָרן פונעם דרוקער־אַרבעטער עסטעבאַן כימענעז, איז נישט געווען דער דעפיני־טיווער (קיין סאָציאַליסטיש פּראָגראַם איז נישט דעפיניטיוו), אָבער באַזיש, אויף וואָס עס האָבן זיך געבויט די ווייטערדיקע פּראָגראַמען אין איינקלאַנג מיט די צייטמעסיקע פאָדערונגען.

דעם 13טן אַפּריל פון 1895 האָט אַ פאַרזאַמלונג פון פופצן דעלעגאַטן אין רעפּרעזענטאַנץ פון פינף אָנגעשלאָסענע צענטערן: סאָציאַליסטישער אַרבעטער צענטער, פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער צענטער, אוניווערזי־טאַריער סאָציאַליסטישער צענטער, דייטשער סאָציאַליסטישער „פאָרווערטס קלוב״ און דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער צענטער „פאַשיאָ דעי לאַ־וואָראַטאָרי״ — אויסגעקליבן אַ צענטראַל קאָמיטעט פון דער „אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי״, באַשטימענדיק דעם שפּעטער באַוווסטן אַרגענטינער דענקער, פּובליציסט, סאָציאָלאָג כאָסע אינכעניעראָס פאַר גענעראַל סעקרעטאַר; ענעאַס אַריענטי איגערער און אַקטן־סעקרעטאַר

און אניבאַל קאנוועסיאַ אַדמיניסטראַטיווער סעקרעטאַר און דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אין משך פון אַ יאָר אַנדערהאַלבן געשאַפן אַן אָרגאַנישן סטאַטוט, אַ גענויערן און מער פּרעציזן מינימום פּראָגראַם אינגאַנצן געשטיצט אויף דעם ציטירטן; אַרויסגעלאָזט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי דעם ערשטן מאַניפעסט געווידמעט די פייערונג פון 1טן מאַי און וואָס ענדיקט זיך מיט אַ וויוואַט פאַרן 1טן מאַי און מיט אַ וויוואַט פאַר אַן 8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג; האָט שוין אין הסכם מיט זיין אָרגאַנישן סטאַטוט אָרגאַניזירט אַ ספּע־ציעלע פּאַרטיי־קאָנווענץ צו באַשטימען וועגן פּרעזענטירן זיך אָדער נישט צו די קומענדיקע פּאַרלאַמענט־וואַלן.

דעם 13טן אָקטאָבער פון 1895 איז אין קעלער פון טעאַטראָ אַנרוביאַ, אין בוענאָס איירעס אויף וויקטאָריאַ און סאַן כאָסע, רעאַליזירט געוואָרן די קאָנווענץ פון דער פּאַרטיי וועגן די קומענדיקע פּאַרלאַמענט וואַלן. עס באַטייליקן זיך צו פינף דעלעגאַטן פון יעדן אַנגעשלאָסענעם צענטער. ד״ר כואַן ב. כוסטאַ איז פאַרזיצער: כאָסע אינכעניעראָס — סעקרעטאַר.

די קאָנווענץ האָט אָנגענומען און באַשלאָסן:

ענדערן דעם פּאַרטיי נאָמען פון „אינטערנאַציאָנאַלע״ אויף „אַרגענטינער״, דעם נאָמען און נישט דעם כאַראַקטער. אנשטאט אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, אַרגענטינער סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, אונטערשטרייכנדיק איר דאַיקייט. אין דעם זין איז אויך אָנגענומען געוואָרן, אַז די פּאַרטיי־מיטגלידער דאַרפן זיך נאַטוראַליזירן צוליב האָבן בירגער־רעכט און אַז מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דאַרפן זיין אַר־גענטינער בירגער; האָט באַשטימט צו פּרעזענטירן זיך מיט אייגענע קאַנ־דידאַטן צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן פון 8טן מערץ 1896 צום ערשטן מאָל און נאָר, דאָס מאָל, אין דער פעדעראַל שטאָט בוענאָס איירעס, ווו עס האָבן גע־דאַרפט געקליבן ווערן פינף נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן; ס׳איז באַשטימט גע־וואָרן צו ענדערן דעם „צענטראַל״ אויף „עקזעקוטיוו״־קאָמיטעט און באַלד געקליבן דעם ערשטן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער אַרגענטינער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער פּאַרטיי און עס זענען אַריין כואַן ב. כוסטאַ, ענעאַס אַריענ־טי, אַדריאַן פּאַטראַני, כואַן שאפער, כאָסע אינכעניעראָס, כאָסע א. לעבראָן, און גערמאַן מילער — מיטגלידער טיטולאַרן און אַניבאַל קאנאַוועסיאַ, עמי־ליאָ אנרוביא און מיגעל פּיצא — מיטגלידער פאַרטרעטער.

אויף זיין ערשטער זיצונג האָט דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט באַשטימט כוסטאַן פאַר אינערן סעקרעטאַר, אינכעניעראָס — אויסערן סעקרעטאַר און לעבראָן — קאַסיר און באַהאַנדלט וועגן דעם אַרעסט פון אַ צאָל סאָציאַליסטן ביים פאַרשפּרייטן דעם ערשטן פּאַרטיי מאַניפעסט איבערן שטאָט.

אויף זיינע ווייטערדיקע זיצונגען האָט דער עקזעקוטיוו באַשטימט אַ קאָמיסיע פון כוסטאַ, לעבראַן און פּאַטראַני צוצוגרייטן אַ סטאַטוטן־פּראָיעקט פאַרן קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס פון דער פּאַרטיי און באַשטימט די פּאַרטיי זאָל זיין רעפּרעזענטירט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן אין יאָר 1896, צושיקנדיק פריער צום ביוראָ פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל די פאָלגענדע פאָרשלאָגן:

„1. — אַז די סאָציאַליסטן פון אייראָפּע, וואָס באַזעצן זיך אין אַמעריקע זאָלן צופּאַסן זייער אַקציע צו דעם אָרט ווו זיי אַקטואירן, כדי זייערע אידעען זאָלן בעסער אַסימילירט ווערן און זייער פּראָפּאַגאַנדע זאָל זיין ווירקנדיקער.

2. — אַז דער קאָנגרעס זאָל זיך אַרויסזאָגן קעגן דועל אַלס אַן אַבסורדע און באַרבאַרישע געוווינהייט, וואָס איז אין אָפּענער סתירה צו דער פּשוטער און פּאָזיטיווער מאָראַל פון אַרבעטער־קלאַס און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".

דעם 9טן פעברואַר 1896 איז פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג אויסצוקלייבן צום ערשטן מאָל אין אַרגענטינע קאַנדידאַטן פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַר דעפּוטאַטן אין נאַציאָנאַלן קאָנגרעס, ווי עס הייסט אין אַרגענטינע דער לאַנד־פּאַרלאַמענט.

עס איז נישט געווען די קלענסטע אויסזיכט עס זאָל געוויילט ווערן אַ סאָציאַליסטישער קאַנדידאַט, ווען אפילו עס זאָלן זיין וואַלן און נישט קיין חוזק, אָבער די פּאַרטיי איז צוגעגאַנגען הייליק און מוסטערהאַפט צו דעם דעמאָקראַטישן ענין, האָט אפילו פאַרבויגן חברישקייט און פּאַרטייאישקייט, כדי צו זיין אַבסאָלוט אין אָרדענונג מיט דער בירגערישקייט און האָט געמאַכט, אַז אירע קאַנדידאַטן זאָלן ווי קאַנדידאַטן אין דער פּאַרטיי געקליבן ווערן נאָר פון יענע מיטגלידער, וואָס זענען בירגער אַלס אין אַרגענטינע געבוירענע אָדער דאָ נאַטוראַליזירטע, ווייסנדיק, אַז די מערהייט פון דער פּאַרטיי באַשטייט פון איינגעוואַנדערטע און גאָר ווייניק פון זיי זענען נאַטוראַליזירט.

צו דער פאַרזאַמלונג פאַר אויסקלייבן די פּאַרטיי־קאַנדידאַטן האָט איר עקזעקוטיוו־קאָמיטעט צעשיקט די פאָלגנדיקע איינלאַדונג:

„דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט לאַדט איין די מיטגלידער פון די סאָציאַליסטישע גרופּעס פון שטאָט, וואָס זענען איינגעשריבן אין די וואַל־רעגיסטערס, צו דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי, וואָס וועט פאָרקומען זונטיק דעם 9טן פעברואַר אין לאָקאַל פון „פאָרווערטס" קלוב אויף דער

גאַס רינקאָן 1141, כדי אויסצוקלייבן פינף קאַנדידאַטן פאַר דעפּוטאַטן פון דער הויפּטשטאָט".

און אַזוי האָט די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי צום ערשטן מאָל אַרויסגעשטעלט פאַר קאַנדידאַטן אויף דעפּוטאַטן צום נאַציאָ-נאַלן קאָנגרעס צו די וואַלן פון 8טן מערץ פון 1896 דעם פאָלגנדן וואַל-צעטל:

כואַן ב. כוסטאַ — מעדיקער;
כואַן שאַפּער — שוסטער;
אַדריאַן פּאַטראָני — מאָלער;
גערמאַן א. לאַלעמאַנט — אינזשעניער;
גאַבריעל אַבאַד — באַנהייצער.

די ראַדיקאַלן האָבן געהאַט באַיקאָטירט די וואַלן, אַזוי אַז די צווייטע פּאַרטיי מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג צו זיי איז געווען די סאָציאַליסטישע (די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַ פּרינציפּיעלע און פּערמאַנענטע נעגאַטיווע שטעלונג צו וואַלן) און די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען מיט אייגענע קאַנדידאַטן צו די וואַלן מיט אַזאַ פרומקייט און מיט דער גאַנצער זיכערקייט נישט דורכצופירן קיין איין קאַנדידאַט, איז אַרויס מיט אַ וואַל-פּלאַטפאָרם באַזירט אויפן ערשטן מינימום-פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און איז אַרויס איבער די גאַסן מיט אַ שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנ-דע און מיט אַ מינדלעכער, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די פּרעכטיקע עפנטלע-כע פּלאַסעס פון בוענאָס איירעס אין אירע מאַסן-טריבונעס, וואָס דאָס איז נאָך נישט געזען געוואָרן און נאָך נישט געהערט געוואָרן אין לאַנד.

3 — קאָנסטיטואירונגס-קאָנגרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1896

אין די לעצטע טעג פון יוני 1896 איז רעאַליזירט געוואָרן דער קאָנ-סטיטואירונגס-קאָנגרעס פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי. דער קאָנגרעס איז דורכגעפירט געוואָרן אין בוענאָס איירעס אין הויז פון סאָציאַליסטישן „פאָרווערטס-קלוב" מיטן אָנטייל פון 85 דעלע-גאַטן, צווישן זיי ראָבערטאָ ס. פּאַירא פון סאָציאַליסטישן צענטער אין טו-קומאַן; לעאָפּאָלדאָ לוגאָנעס און אַנכעל מ. כימענעז פון סאָציאַליסטישן צענ-טער אין קאָרדאָבאַ. די דעלעגאַטן האָבן רעפּרעזענטירט 19 סאָציאַליסטישע צענטערן, 15 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און 1 קאָאָפּעראַטיוון פאַריין. 10 פון די סאָציאַליסטישע צענטערן זענען געווען פון דער שטאָט בוענאָס איי-

רעס און 9 פון די פּראָווינצן, צו איינעם פון די פאָלגענדע שטעט: טאָלאָסאָ (פון דאָ איז אויך געווען די איינציקע קאָאָפּעראַטיווע); קילמעס, סאַן פער־נאַנדאָ און טיגרע (איין צענטער); סאַן אַנטאָניאָ דע ארעקאָ, כונין, פּאַראַנאַ, ראָזאַריע, („פּאָרווערטס קלוב״); טוקומאַן און פון קאָרדאָבאַ. צווישן די צענ־טערן פון דער שטאָט בוענאָס איירעס זענען געווען: די דייטשע גרופּע, די פראַנצויזישע גרופּע, די איטאַליענישע גרופּע און די אוניווערזיטאַרישע גרופּע. די דעלעגאַטן פון דער ערשטער זענען געווען: א. קאהלע, כ. שאַפער און ס. פעלדמאַן; פון דער צווייטער: ס. באלעט און ע. טהול; פון דער דרי־טער: ע. אריענטי און ק. מאולי און די דעלעגאַטן פון דער פערטער גרופּע: כ. אינכעניעראָס און ג. סאַרמיענטאָ. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען אַלע געווען פון שטאָט בוענאָס איירעס. צווישן זיי איז געווען אַ פראַנצויזישער דרוקער פאַריין מיט א. דעמבראָווסקי אַלס דעלעגאַט און אַ דייטשע סעקציע פון דרוקער פאַריין מיט גילמעיער אַלס דעלעגאַט. לויט די פּראָפעסיעס האָבן זיך אין דאָזיקן ערשטן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס באַטייליקט: אַ טיפּאָגראַ־פישער שוץ פאַריין, פראַנצויזישער דרוקער פאַריין, זאַטלער, סטעלמאַכער, בראַנדז־אַרבעטער, מעכאַניקער, גלעזער, לאָקשן־מאַכער, סטאָלער, טראַפיק־קאָנדוקטאָרן, דייטשע דרוקער, בעדנער, בלעכער, גאַרבער און קאָטשן־מאַ־כער.

ווי קומען פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָדער ווי זיי הייסן דאָ בכלל: סינ־דיקאַטן אויף אַ קאָנגרעס פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי? מיט צען יאָר שפּעטער האָט שוין דאָס נישט געקאָנט געמאָלט זיין. אין 1896 איז דאָס געווען אַ פאַקט. מען האָט אפילו נאָך נישט געדענקט פון אַ צעשיידונג צווישן דער פּאָליטישער אַרבעטער באַוועגונג און דער עקאָנאָמי־שער. אויב נאָר אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע — האָט מען געהאַלטן — דאַרף זי זיין אויף אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. מעג זי אפילו נאָך נישט זיין אָנגע־שלאָסן אין דער פּאַרטיי. מיט וואָס אייגנטלעך פאַרנעמט זיך דער סאָציאַ־ליסטישער קאָנגרעס, אויב נישט מיט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון אַרבעטער קלאַס?

דער אַרגענטינער סאָציאַלער דענקער, דער פאָרזעצער פון סאָציאַל־פּאָ־ליטישן געדאַנקען־גאַנג פון די היסטאָרישע אַרגענטינישע פּאָרגייער עטשע־ווערין, אַלבערדי, סאַרמיענטאָ און פון די סאָציאַלע אידעען און אידעאַלן פון דער אַרגענטינער מאַי־רעוואָלוציע, מאַי־אַסאָציאַציע און פון דער קאָנסטי־טוציע פון דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע פון 1953, האָט כואַן ב. כוסטאָ, אַלס דער אינערלעכער סעקרעטאַר פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי אויפגעשריבן די פאָלגענדע איינלאַדונג ספּעציעל צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען:

פ. וואלד

גרינדער און טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

כואן ב. כוסטא

בוענאָס איירעס, 1896.

אין די טעג פון 28סטן און 29סטן יוני, פון לויפנדיקן יאָר, וועט זיך פאַרזאַמלען אין בוענאָס איירעס דער קאָנגרעס פון דעלעגאַטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כּדי צו פאַרנעמען זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי און מיט עקאָנאָמישע ענינים, וועמענס דיסקוסיע עס וועט זיין פון אַלגעמיינעם אינטערעס און צום נאָענטסטן פאַרן אַר־בעטער־קלאַס. די פאָרם פון אָנשליסן זיך אין דעם קאָנגרעס איז די זעלביקע, וואָס איז אָנגענומען פון די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָנגרעסן, וואָס ווערן דורכגעפירט אין אייראָפּע: אויפן געביט פון קלאַסן־קאַמף, וואָס ווערט אונטערגעהאַלטן פון פּראָלעטאַריאַט,

בדי צו קומען צו זיין עמאַנציפּאַציע, אַנערקענען די באַדערפעניש פון פּאָליטישער אַקציע און פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

עס זענען קלאָר די שאַנסן פון דערציאונג און וויסן פונעם קאָנגרעס, וואָס קענען אַרויסקומען פון אייער אָנטייל אין אים מיט וואָס איר וועט נישט טאָן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר נאָכפאָלגן די ליניע, וואָס איז איינגעפירט פון די מעכטיקסטע און גוט־אָרגאַני־זירטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון דער וועלט.

דאָס אָנשליסן זיך אין דעם קאָנגרעס מיינט נישט אָנשליסן זיך אין דער פּאַרטיי. אייער פאַריין וועט זיין באַטראַכט ווי אַן איינהייט, וואָס פאַרמירט נישט קיין טייל פון דער פּאַרטיי און אייערע דעלעגאַטן אויפן קאָנגרעס וועלן נאָר האָבן באַראַטונג און שטים־רעכט ביים באַהאַנדלען די עקאָנאָמישע ענינים, סיידן אַז איר וועט מאַכן אַן אויסדריק־לעכע אָנשלוס־דעקלאַראַציע אין אונדזער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

אויב איר וועט באַשליסן צו זיין רעפּרעזענטירט אויפן נאָענטן קאָנגרעס, ווי מיר דערוואַרטן דאָס לטובת דער אַרבעטער זאַך, קאָנט איר שיקן צו איין דעלעגאַט אויף יע־דע הונדערט מיטגלידער, זיי דאַרפן זיך פּרעזענטירן מיט זייערע קרעדענציאַלן. איר קאָנט צושיקן צום קאָמיטעט אייערע פּראָפּאָזיציעס, וואָס וועלן אין אייער נאָמען פּרעזענטירט ווערן פאַרן קאָנגרעס.

כואַן ב. כוסטאַ".

דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין דער באַשטימטער צייט. ס'איז אויס־געקליבן געוואָרן אַ פּרעזידיום נאָך פאַר דער ערשטער סעסיע. עס זענען גע־ווילט געוואָרן: אַנטאָניאָ פּיניערא — פּאָרזיצער; דאָמינגאָ ריסאָ — וויצע און ניקאַנאָר סאַרמיענטאָ — קאַסיר און פאַרן נעמען באַהאַנדלען די פּרינ־ציפּן־דעקלאַראַציע, די סטאַטוטן און דעם מינימום פּראָגראַם וועגן וואָס עס איז געוועזן דער קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס, האָט כוסטאַ אַלס אינפאָרמאַנט און וואָס איז געוועזן דער שרייבער פון די דריי פונדאַמענטאַלע זאַכן פון דער פּאַרטיי און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע געמאַכט דעם פאָלגענדן אַריינפיר:

„דאָס וואָס דער קאָמיטעט האָט זיך פאָרגענומען מיטן אויסאַרבעטן די דאָזיקע פּראָיעקטן איז צו כאַראַקטעריזירן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי אין איר טאָפּלטער געשטאַלט פון אַ קלאַסן־באַוועגונג און פון אַן עקאָנאָמישער באַוועגונג. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז פאַר אַלעם די פּאַרטיי פון די אַרבעטער, פון די פּראָלעטאַריער, פון די וואָס פאַרמאָגן נישט מער ווי זייער אַרבעטס־קראַפט: די טירן פון דער פּאַרטיי זענען פונ־דעסטוועגן אָפן פאַר די יחידים פון אַנדערע קלאַסן, וואָס ווילן אונטער־שטעלנדיק זייערע אינטערעסן אונטער די פונעם פּראָלעטאַריער קלאַס. דאָס וויכטיקע איז פאַטענטירן אונדזער אומאָפּהענגיקייט פון יעדן קאַפּיטאַליס־טישן אינטערעס אָדער פונעם קליינבירגערלעכן; וואָס דאָס מיינט נישט, אַז אין אַלע פאַלן און אין אַלע ענינים זענען זיי קעגן אונדזערע. אין דעם ענין

געלט, למשל האָט דער פּראָלעטאַריאַט די זעלביקע אינטערעסן ווי דער אינטעליגענטער און פֿאַרגעשריטענער קאַפּיטאַליזם. דאָס אַלץ וויל זאָגן, אַז אונדזער באַוועגונג איז פֿאַר אַלעם אַן עקאָנאָמישע. מיר זענען נישט קיין אידעאָלאָגן וואָס קעמפֿן פֿאַר הוילע גערעכטיקייט אַספּיראַציעס אָדער פֿאַר הוילע פֿרייהייט; מיר ווילן קודם־כל עקאָנאָמישע פֿאַרבעסערונג און מיר ווייסן אַז אַזוי וועלן מיר אויך דערגרייכן דאָס אַנדערע. אינעם סטאַטוטן־פּראָיעקט האָט דער קאָמיטעט אַקצענטירט דעם דעמאָקראַטישן און דעם גלייכהייטס־כאַראַקטער פֿון דער פּאַרטיי; דאָ קאָן נישט זיין קיין מינדעריאָריקייט, אַלע זענען מיר באַוווסטזיניק, אַלע זענען מיר פֿאַראַנטוואָרטלעך. דעריבער שטעלן מיר איין די אַלגעמיינע אָפּשטימונג, די דירעקטע קאָנסולטע וועגן דער מיינונג פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי ביי וויכטיקע ענינים. נישט גלויבנדיק אַז אין דעם לאַנד דאַרף מען שוין פֿאָדערן שטימרעכט פֿאַר פֿרויען, באַפֿרידיקט דער סטאַטוטן־פּראָיעקט צום טייל די דאָזיקע אַספּיראַציע מיט דעם וואָס די פֿרויען זענען ווילקומען אין אונדזער פּאַרטיי און מיט דעם וואָס די פֿרויען האָבן שטימרעכט אין אַלע אינערלעכע ענינים.

מיר הייבן אָן שפּעטער מיט דרייסיק יאָר ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע און טאַקע איבער דעם וואָס מיר הייבן אָן שפּעטער, דאַרפֿן מיר אָנהייבן בעסער, באַנוצנדיק זיך מיט דער אָנגעזאַמלטער דערפֿאַרונג פֿון דער אוניווערסאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר וואָלטן גאָר ווייניק אויפֿגעטאָן, אויב מיר וואָלטן אַרויסגעגאַנגען פֿון זעלביקן שטאַנדפּונקט פֿון וואַנען עס זענען אַרויס די סאָציאַליסטישע אידעען פֿון אייראָפּע. כּדי צו זען ווי אַזוי עס האָט עוואָלוציאָנירט די אַרבעטער באַוועגונג, וועט דאָס בעסטע זיין צו פֿאַרגלייכן די דאָזיקע באַוועגונג פֿון ענגלאַנד, דייטשלאַנד און בעלגיע. אין ענגלאַנד האָט זי זיך אָנגעהויבן ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלע באַוועגונג און אַזוי קאָנסערווירט זי זיך און דאָס איז איינע פֿון די סיבות פֿון איר סטאַגנאַציע און פֿון איר הינטערשטעליקייט. אין דייטשלאַנד האָט פּרעדאָמינירט דער פּאָליטישער כאַראַקטער פֿון דער באַוועגונג און אַזוי האָט זי זיך שטאַרק אַנטוויקלט; אין בעלגיע, וווּ די באַוועגונג האָט זיך שפּעטער אָנגעהויבן איז באַלד איר כאַראַקטער געווען אַ פּראָפֿעסיאָנעלער און אַ פּאָליטישער מיט אַ קאָאָפּעראַטיוון עלעמענט אַלס צוגאָב און אויף אַזאַ אופֿן איז די בעלגישע אַרבעטער באַוועגונג פֿאַרהעלטנישמעסיק אַ סך באַדייטנדיקער ווי אַנדערשוווּ. מיר דאַרפֿן זוכן אונדזער מאָדעל צווישן די גאָר לעצטע אַדאָפּטירטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און די סאָציאַליסטישע אידעען אין דעם לאַנד, וואָס איז יונגפֿרוילעך אויפֿן געביט פֿון אידעען, וועלן זיי אָננעמען אַ פּרינציפּיעלע וויכטיקייט, אויב נישט קיין דעציזירנדיקע. באַמערקט נאָר ווי אומבאַדייטנדיק עס איז אונדזער פּאַרטיי, איז זי דאָך די איינציקע וואָס רע־

פּרעזענטירט אין לאַנד פּאָזיטיווע אידעען פון פּאָליטיק און פון רעגירונג. מיר אַדאַפּטירן אַן קווענקלעניש אַלץ וואָס איז וויסן און מיר וועלן זיין רע־וואָלוציאָנערן דורך דעם אמת פון וואָס מיר האַלטן און דורך דעם כוח וואָס עס גיט אונדז די אייניקייט. דאָס איז זייער פאַרשידן פון די פאַלשע רעוואָ־לוציאָנערן, די פּלאָגע פון די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, וואָס ווילן נאָר טראַנספאָרמירן דאָ עקזיסטירנדיקע, אַן פעאיקייט עפּעס בעסערס אוועקצו־שטעלן אויף זייער אָרט. אין די אומשטענדן אין וועלכע מיר אַקטואירן צווינ־גען אונדז אויך אָנצונעמען אַ גוט־דעפינירטע שטעלונג לגבי די אויסלענ־דער, וואָס מיר דאַרפן אָננעמען אין דער פּאַרטיי, צוליב פּראָפּאַגאַנדע, כאָטש זיי האָבן נישט קיין פּאָליטישע רעכט. וואָס איז שייך פּראָגראַם, צווינגט אונדז די באַשרענקטע פּאָליטישע דערציאונג פון אַרגענטינער פאָלק צו זיין באַ־שיידן און פּרעזענטירן נאָר די מער פאַרשטענדלעכע רעפאָרמען און די דרינג־לעכסטע צו רעאַליזירן און די לייכטסטע, וואָס דאָס מיינט נישט אַז איבער דעם מעגן מיר זיך באַגרעניצן מיט ריין עקאָנאָמישע ענינים, אָדער רעגלאַ־מענטאַרישע פון אַרבעט, ווייל פּונקט אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז די עקאָנאָמישע באַזע איז די פון אַלע סאָציאַלע פענאָמענס, ווייסן מיר אויך פון דער וויר־קונג וואָס עס האָבן אויפן עקאָנאָמישן צושטאַנד אַנדערע עלעמענטן און אי־בער אַלץ דער אינטעלעקטועלער פון פאָלק".

דער קאָנסטיטואירונגס קאָנגרעס האָט אָנגענומען די פּאַרטיי־קאָנסטי־טוציע (סטאַטוטן), איר פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און איר מינימום פּראָגראַם. צום סוף האָט דער דאָזיקער ערשטער קאָנגרעס פון דער זיך־אָרגאַניזירנדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע באַשטימט די מיטגלידער פאַרן רעדאַקציע קאָלעגיום פון דער „לאַ וואַנגואַרדיאַ" שוין אַלס פּאַרטיי צייטונג און האָט אויסגעקליבן די פאָלגענדע מיטגלידער פאַרן ערשטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ קאָנגרעס: היפּאָליטאָ קורעט, לוסיא באַלדאָווינאַ, כאָסע אינכעניעראָס, כאָסע א. לעבראָן, אַנטאָניאָ פּיניערא, מי־געל פּיצאַ, כואַן שאַפּער — טיטולאַרן און סאַנטיאַגאָ פּעלדמאַן, פראַנציסקאָ קונעאָ און כואַן טולוז — פּאַרטרעטער.

4 — פּרינציפּן דעקלאַראַציע

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, רעפּרעזענטירט דורך אירע דעלעגאַטן, פאַרזאַמלט אויף אַ קאָנגרעס, דערקלערט:

אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז אונטערדריקט און עקספּלואַטירט פון הערשנדיקן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

אַז דער קלאַס, אַלס דער באַלעבאָס פון דער פּראָדוקציע און האַבנדיק צו זיין דיספּאָזיציע אַלע מלוכה קרעפטן צו פּאַרטיידיקן זיינע פּריווילעגיעס, נעמט צו

פאַר זיך די גרעסטע טייל פון דעם וואָס עס פּראָדוצירן די אַרבעטער און לאָזט זיי נאָר דאָס נויטיקע צו קאָנען ווייטער אָנהאַלטן אין דינסט פון דער פּראָדוקציע.

אַז איבער דעם, ווי לאַנג אַ מינדערהייט פון פּאַראַזיטן וועט לעבן אין לוקסוס און הולטאַיסטווע, וועלן די וואָס אַרבעטן שטענדיק לעבן אין אומזיכערקייט, אין ענגשאַפט און בכלל אין נויט.

אַז אין דער אַרגענטינער רעפּובליק, נישט געקוקט אויף דער גרויסער עקס־טענסיע פון אומעקספּלואַטירטער ערד, האָט די אינדיווידועלע אַפּראָפּיאַציע פון דער ערד פולשטענדיק איינגעשטעלט באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַז די דאָזיקע באַדינגונגען ווערן נאָך ערגער ווי זיי זענען דורך דער אומפּע־איקייט און רויבערישקייט פונעם רייכן קלאַס און דורך דער איגנאָראַנץ פונעם פאָלק.

אַז דער רייכער קלאַס, בעת ער היט אָפּ זיין אַקציע־פרייהייט טוט נישט מער ווי נאָר ער עקספּלואַטירט וואָס אַ טאָג אַלץ מער די אַרבעטער, און וואָס עס העלפט אים די אַפּליקאַציע פון די מאַשינען און די קאָנצענטראַציע פון רייכטום.

אַז, נאָך דעם, אָדער דער אַרבעטער־קלאַס בלייבט פויל און ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ מער פאַרשקלאַפט, אָדער ער שטייט אויף צו פאַרטיידיקן זיינע באַלדיקע אינ־טערעסן, גרייטן זיין באַפרייאונג פון קאַפּיטאַליסטישן יאָך.

אַז נישט נאָר די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פונעם אַרבעטער־קלאַס פאָדערט זיין אַקטיוויטעט, נאָר דאָס פאָדערן אויך די הויכע פּרינציפּן פון רעכט און גערעכטי־קייט, וואָס שטימען נישט מיט דער אַקטועלער אָרדענונג פון די זאַכן.

אַז די עגאָאיסטישע עוואָלוציע דעטערמינירט די פאָרמאַציע פון פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזמען יעדעס מאָל אַלץ גרעסער, אין וועלכע גרויסע מאַסן אַרבעטער געווייגען זיך איין צו דער איינטיילונג פון דער אַרבעט און צו קאָאָפּעראַציע.

אַז אַזוי, אין דער זעלביקער צייט ווען עס דערווייטערט זיך פאַר די אַרבעטער יעדע מעגלעכקייט אויף פּריוואַט־אייגנטום פון די פּראָדוקציע און טויש־מיטלען, פאָרמירן זיך די מאַטעריעלע עלעמענטן און די נייטיקע אידעען צו פאַרבייטן דעם איצטיקן קאַפּיטאַליסטישן רעזשים אויף אַ געזעלשאַפט אין וועלכער דאָס אייגנטום פון דער פּראָדוקציע זאָל זיין קאָלעקטיוו אָדער סאָציאַל און אין וועלכער יעדער איינער זאָל זיין דער באַלעבאָס פונעם פּראָדוקט פון זיין אַרבעט און אויפן אָרט פון דער עקאָנאָמישער אַנאַרכיע און פונעם נידעריקן עגאָאיזם איצטער זאָל קומען אַ ווייסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און אַ רערהויבענע סאָציאַלע מאָראַל.

אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע אין ווידערשטאַנד פון פּריווילעגירטן קלאַס, קאָן ווערן דורכגעפירט דורך די קרעפטן פון אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס.

אַז בעת די בורזשואַזיע רעספּעקטירט די איצטיקע פּאָליטישע רעכטן און ברייטערט זיי אויס דורך אוניווערסאַלע וואַל־רעכט, וועט דאָס נוצן זיך מיט די דאָזיקע רעכטן און מיט דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס זיין די מיט־לען פון אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און פאַרבעסערונג און וועלן דינען פאַר צוגרייטן די דאָזיקע קרעפטן.

איבער דעם:

רופט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דעם אַרבעטער־קלאַס אַנצושליסן זיך אין זיינע

דייען פון דער קלאַסן־פּאַרטיי און אַנטוויקלען זיינע קרעפטן און גרייטן זיין עמאַנ־ציפּאַציע.

5 — מינימום פּראָגראַם

1. אַרבעטסטאָג פון 8 שעה פאַר דערוואַקסענע, פון 6 שעה פאַר יוגנטלעכע פון 14 יאָר אַלט ביז 18 און פאַרווערן אינדוסטריעלע אַרבעט פאַר יינגערע פון 14 יאָר. אַבליגירטער אָפּרו פון 36 שעה כסדר וועכנטלעך.
2. פאַר גלייכע פּראָדוקציע גלייכער לוין פאַר די אַרבעטער פון ביידע גע־שלעכטער.
3. היגיענישע רעגלאַמענטאַציע ביי אינדוסטריעלער אַרבעט, באַגרענעצן די אַרבעט ביינאַכט נאָר פאַר אומבאַדינגטע פאַלן. פאַרווערן די אַרבעט פון פרויען, וואָס שטעלט אין געפאַר איר מוטערשאַפט און וואָס אַטאַקירט די מאָראַליטעט.
4. שאַפן אינספּעקטאָרינס־קאָמיסיעס פון די פאַבריקן און פון די וווינונגען. די קאָמיסיעס זאָלן זיין באַשטימט פון די אַרבעטער און באַצאָלט פון דער מלוכה.
5. שאַפן געריכטן, אַ העלפט פון זייער באַשטאַנד באַשטימט פון די אַרבע־טער, די אַנדערע העלפט פון די באַלעבאַטים צו לייזן די קאָנפליקטן צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער.
6. פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די באַלעבאַטים פאַר די אַקצידענטן ביי דער אַרבעט.
7. אָפּשאַפן אומדירעקטע שטייערן און ספּעציעל די שטייערן אויף קאָנסום און צאָלאַמט שטייער.
8. דירעקטן און פּראָגרעסיוון שטייער אויף רענט.
9. גראַדמעסיקע פאַרניכטונג פון פּאַפּיר־געלט און בכלל אָננעמען מיטלען צו באַוואָרניקן דאָס געלט און דאָס געבן אַ סטאַבילן ווערט.
10. לעגאַלע אָנערקענונג פון די אַרבעטער־אַסאָציאַציעס.
11. אָפּשאַפן יעדע קינסטלעכע שוץ פון דער איינוואַנדערונג.
12. אָפּשאַפן די ספּעציעלע געזעצן קעגן אַרבעטער.
13. וועלטלעכע שול, אַבליגירטע פאַר אַלע קינדער ביז 14 יאָר, זייענדיק אויפן חשבון פון דער רעגירונג־מלוכה דאָס אויסהאַלטן די שילער אין פאַלן ווען דאָס וועט נייטיק זיין.
14. אוניווערסאַלע וואַלרעכט פאַר אַלע נאַציאָנאַלע, פּראָווינציעלע און מוני־ציפּאַלע וואַלן. געהיימע שטימען.
15. מוניציפּאַלע אויטאָנאָמיע.
16. געוויילטע געריכטן פון פאָלק פאַר אַלע מינים פאַרברעכנס.
17. אָפּטיילן די קירכע פונעם שטאַט. אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס פונעם קלער און אומקערן דער מלוכה די גיטער וואָס דער שטאַט האָט געגעבן דעם קלער.
18. אָפּשאַפן די שטענדיקע אַרמיי און אַלגעמיינע באַוואָפענונג פון פאָלק.
19. רעכט צוריקצורופן די אויסגעקליבענע רעפּרעזענטאַנטן אין פאַלן זיי פאַלגן נישט אויס דעם מאַנדאַט פון זייערע וויילער.
20. אָפּשאַפן טויטשטראָף.
21. אָנערקענען בירגער־רעכט פאַר די אויסלענדער וואָס געפינען זיך איין יאָר אין לאַנד.

6 — פּאַרלאַמענט וואַלן אין 1898

די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע האָט געהייסן אַלע צוויי יאָר דורכפירן וואַלן פאַר אַ העלפט דעפּוטאַטן אין נאַציאָנאַלן קאָנגרעס (לאַנד־פּאַרלאַמענט). איז אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע גערופן געוואָרן פון דער רעגירונג צו וואַלן אויף דעם 10טן אַפּריל 1898.

די בירגער, דאָס הייסט די וואַל־באַרעכטיקטע און איינגעשריבענע אין די וואַל־רייסטערס פון דער פעדעראַל־שטאָט בוענאָס איירעס, זענען גערופן געוואָרן אויסצוקלייבן פופצן דעפּוטאַטן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָן אָרגאַניזירטע נאָך איר ערשטן קאָנגרעס, אַ קאָנסטיטואירטע מיט אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און מיט אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס האָט געדינט אַזוי ווי ער גייט און שטייט פאַר דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער פּאַרטיי צו די פּאַרלאַמענט־וואַלן אין 1898, האָט באַשטימט זיך צו פּרעזענטירן מיט אייגענע קאַנדידאַטן צו די וואַלן.

ערשטע מיליטאַנטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

ד״ר ענריקע דיקמאַן

לעאָפּאָלדאָ לוגאָנעס

די פּאַרטיי האָט זיך פּרינציפּיעל געשטיצט אויף די אַרבעטער, אויף וועמען די אַנאַרכיסטן האָבן שוין אָנגעהויבן צו האָבן אַ גרויסע ווירקונג און די אַנאַרכיסטן האָבן נעגירט די וואַלן.

די ראַדיקאַלן, די דאָזיקע צווייטע טראַדיציאָנעלע פּאַרטיי אין לאַנד,

האָבן זיך נישט פּרעזענטירט מיט קאַנדידאַטן צו די וואַלן אָבער די סאָציאַ־ליסטן האָבן גאָרנישט געקאָנט האָבן פון דעם, ווייל די ראַדיקאַלן האָבן באָי־קאָטירט די וואַלן טאַקע איבער דעם, וואָס זיי זענען געווען קאָרומפּירט, פול מיט שווינדל און טעראָר. אויסער דעם זענען די באַוווסטזיניקע אַרבעטער אין יענער צייט געווען אויסלענדער און נישט קיין נאַטוראַליזירטע און טאָמער איז אויך שוין געווען אַ מינדערהייט פון היגע, איינגעבוירענע אַרבעטער, איז בכלל זייער קולטור־ניוואָ געווען אַזוינע אַז פאַר אַ גלאָז וויין אין דער „באַליטשע" פון דער „עסקינאַ" האָט מען געקויפט זייער שטימע.

איז פּראַקטיש די זייער גוט אָרגאַניזירטע פּרינציפּיעלע און אידעאָ־לאָגישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געווען פולשטענדיק זיכער אין איר דורכ־פאַל און פונדעסטוועגן האָט זי באַשטימט צו פּרעזענטירן זיך צו די וואַלן און זי איז געגאַנגען צו די וואַלן און געפירט אַ סאָציאַליסטישע וואַל־אַקציע מיט דעם פאָלגנדן צעטל פון אירע קאַנדידאַטן:

ארגענטינער סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי
קאַנדידאַטן פאַר נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן פון דער הויפּטשטאָט
צו די וואַלן פון 10טן אַפּריל 1898

ענעאַס אָריענטי — אַ דרעקסלער
קאַרלאָס אלגעלט — אַרכיטעקט
לוסיאָ באַלדאָווינאָ — טיפּאָגראַף
ענריקע דיקמאַן — סטודענט
פראַנציסקאָ דאַגינאָ — גראַווירער
אַגוסטאָ קוהן — סטראַטיפּער
מאַנועל מעיער גאָנזאַלעז — פּראָפעסאָר
גערמאַן מילער — סטאָלער
אַלפרעדאָ פאַסקואלעטי — מאָלער
אַדריאַן פעטראָני — מאָלער
האַנאָריאָ א. פינאָ — רעכן־מייסטער
אַנטאָניאָ פיניערא — קאָמערציאַנט
כאָסע פּראַט — שוסטער
קאַרלאָס ראָקע — אינזשעניער
ווימסענטע ראָסאָענז — סטאָלער

—

געזיגט האָט ביי די דאָזיקע „וואַלן", אַזוי ווי ביי פריערדיקע, דער שווינדל מיט דער הילף פון טעראָר אונטער דער שוץ פון דער עפנטלעכער מאַכט.

די צייטונג „לאַ נאַסיאָן“ האָט געשריבן: „די וואַלן פון זונטיק זענען עפּעס אַזוינס וואָס דעקט אַלע פּריערדיקע. דאָס איז געווען אַ גראָטעסק פאַר־זעעניש פון דעם וואָס קאָן זיין אַ דיסקרעטע אימיטאַציע“.

און די אַנדערע גרויסע צייטונג „לאַ פּרענסאַ“ האָט געשריבן: „עס האָט זיך נישט געבייטיקט קיין פּרטימדיקע באַווייזן, אַז דאָס פאָלק פון בוע־נאָס איירעס (אין די פּראָווינצן איז געווען נאָך ערגער) זאָל משפּטן די גרויס פון דער פאַלסיפיקאַציע; ס'איז גענוג געווען צו וויסן אַז די ציילונג האָט אַרויסגעוואָרפן דעם ציפער פון 24.000 וויילער. ווער האָט דאָס געזען באַ־וועגן זיך אין שטאָט נעכטן אַזוינע פאָלקסמאַסן? אַפילו קיין פינפט־חלק נישט“.

אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די סאָציאַליסטן צו פּרעזענטירן זיך אין די פּאָליטישע מאָמענטן פון וואַלן, וואָס האָבן איר געדינט פאַר פאָלקס־דערציאונג.

קאַפּיטל XIX

די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע

1. — מיט אַלע מיטלען

מיר האָבן שוין געזען, ווי די אַנטוויקלונג פון דער מעכאַניק, פון דער אינדוסטריע; די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, די פּראָלעטאַריזאַציע פון די זעלבסטשטענדיקע בעל־מלאכות — פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט דער אומענדלעכער אַרבעטסטאָג, די אוממענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען, דער קלעגלעכער לוין, די שרעקלעכע נויט, דאָס פעלן פון יעדער פאַרזיכערונג און די אויסברעכן פון אַרבעטלאָזיקייט, יקרות און די אַנטוועטיקונג פון דער לוין־פּעזע אין די ניינציקער יאָרן — זענען געווען די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די אַרבעטער־באַוועגונג.

אַוודאי האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דער באַוועגונג סאָציאַלע געדאַנ־קען; אַוודאי איז זי באַשטראַלט געוואָרן פון באַפרייאונגס־אידעען פון דער סאָציאַליסטישער זון, וואָס איז אויפגעגאַנגען איבער דער ערד; אַוודאי איז מען אונטערגעקומען מיט ווייסנשאַפטלעכע באַטראַכטונגען, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון טיפע סאָציאַלע פאָרשונגען אויפן מערב אין צענטער פון ציוויליזאַציע און סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונגען פון ניינצנטן יאָרהונדערט; אַוודאי האָט מען געזען אַריינצוטראָגן אין דער, פון די דערמאָנטע סיבות אַרויסגערופענער, באַוועגונג די געדאַנקען אויסגעאַרבעטע אין די סאָציאַל־פילאָזאָפישע לאַבאָראַטאָריעס פון די סאָציאַלע זשעניעס, כדי אַריינצוטראָגן אין איר סיסטעמאַטישקייט, פּלאַנמעסיקייט, ריכטונג, וואָס אין דער זעלבי־קער צייט, וואָס דאָס איז נייטיק געווען פאַר דער באַוועגונג אַליין, איז ער אומדירעקט אויך געווען לטובת דער געזעלשאַפטלעכער רו און אָרדענונג אויף וויפל דאָס מיידט אויס כאַאָס און ווילדע אויסברוכן, גוואַלד און צע־שטערערישקייט, וואָס קענען זיין פאַר אַלעמען שעדלעך און פאַר קיינעם נישט נוצלעך.

אָבער די סאָציאַל־פּאָליטישע רעאַקציע, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן דער יונגער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך מיט קיין זאַך נישט גערעכנט, אויך נישט מיט דער אומבאַהאָלפנקייט פון איר פּאָליטיק און פון אירע גוואַלדזאַמע און דערנידעריקנדיקע מעשים אויף וויפל מען האָט געצילט מיט

זיי אָפּצוהאַלטן די אַרבעטער־באַוועגונג און איר דערשטיקן. די רעאַקציע האָט נישט דיסקוטירט, זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אומענדלעכע דעבאַטן און קריגערייען, האָט זיך נישט פּראַקציאַנירט, האָט זיך נישט געיאָגט אויס־צוכאַפּן איינער ביים אַנדערן די העגעמאָניע. קעגנאיבער דער אַרבעטער־באַוועגונג איז זי געווען האַרמאָניש, אייניק און האָט גענוצט אויסצונוצן אַלע מיטלען, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, רעפּרעסיווע, צו וועלכע זי האָט זיך שנעל געכאַפּט צו באַקעמפן די אַרבעטער־באַוועגונג און אירע דערגרייכונגען. האָט דערביי אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט אויף קיין איין מאָמענט אויסצונוצן די שוואַכקייטן אויפן פּראָלעטאַרישן פראָנט, ווו עס האָט זיך געפירט דער פּרינציפּן, אידעען און מעטאָדן־קאַמף ווייט אַריבער דער ראַציאָנאַלער גרע־נעץ. זי האָט אַריינגעפירט אין די אַרבעטער־רייען, אויף די דיסקוסיע־פאַר־זאַמלונגען, אין די סינדיקאַטן און אויף די אַרבעט־פּלעצער אַגענטן־פּראָוואָ־קאַטאָרן, וואָס זענען געווען די גרעסטע און פייערדיקסטע אָנגרייפער קעגן די „רעפאָרמיסטן", קעגן די „לעגאַליסטן", קעגן די מעסיקע מעטאָדן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; זיי האָבן זיך אַרויסגעשטעלט פאַר די רעוואָלו־ציאָנערסטע רעוואָלוציאָנערן; פאַר די אַנאַרכיסטישסטע אַנאַרכיסטן און גע־זען צו ווירקן עס זאָל זיין אָנגענומען אַזוינע שריט, וואָס זאָלן אין דער זעל־ביקער צייט אויפרייסן די באַוועגונג פון אינעווייניק און אַרויסרופן די „היי־טער פון אָרדענונג" צו אַטאַקירן די באַוועגונג פון דרויסן אונטער דעם אַליאַרם פון אַן אַנאַרכיסטישער געפאַר, וואָס קומט טעראָריזירן און צע־שטערן דורך גוואַלד די געזעלשאַפט...

די עקאָנאָמישע סיבות האָבן געטאָן זייערס. זיי האָבן אַרויסגערופן די אַרבעטער צום קאַמף, צו פאָדערן פאַרבעסערונגען און צו שטרייקן פאַר זיי. די צאָל שטרייקן האָבן זיך פון יאָר צו יאָר פאַרמערט. אָנגעהויבן פון איין איינציקן שטרייק אין יאָר 1878 פון דרוקער, האָט עס דערגרייכט אין 1896 צו 26 שטרייקן פון פאַרשידענע פאַכן בלויז אין בוענאָס איירעס.

2. — קעגן יעדער באַוועגונג פון די אַרבעטער

אין יעדן עקאָנאָמישן שטרייק האָבן די באַלעבאַטים געזען אַ בונט, אַן אויפשטאַנד און זיי האָבן אַלאַרמירט דער מאַכט, דער רעגירונג, דער פּאָלי־ציי, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט צו אינטערווענירן מיט געיעגן אויף די שטרייקנדע, מיט אַרעסטן, מיט איבערפאַלונגען אויף די אַרבעטער־פאַריינען, מיט רעפּרעסיעס — דאָס האָט אַרויסגערופן פּראָטעסט און סאָלי־דאַריטעט־שטרייקן, וואָס גייען אַריבער די גרענעצן פון באַשיידענע עקאָנאָמישע פאָדערונגען ביים באַלעבאָס און קומען אין קעמפערישן

באַריר מיט דער מאַכט. אין אַזוינע פאַלן דערוועקט זיך ביי איר אויך אַן איי־גענער אינטערעס צו דערשטיקן די באַוועגונג און זי טוט דאָס מיטן גאַנצן חשק און מיט אַלע אירע מיטלען.

אָבער נישט געקוקט אויף די רעפּרעסיעס מאַרשירט די באַוועגונג פאָר־אויס אויף דעם דערנער־וועג. זי ווערט אַטאַקירט, געשלאָגן, פאַרוווּנדעט, אָבער זי הערט נישט אויף צו זיין, ווי פון אַ הייליקער מיסיע ווערט זי אויפגעהאַלטן און געפירט פאָראויס.

עס גייען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע פאָדערונגען, און שטרייקן; מיט זייערע מפּלות און זיגן; עס גייען מיט זיי די סאָציאַליס־טישע גרופּירונגען: די דייטשישע, פראַנצויזישע, איטאַליענישע, שפּאַנישע, אינטערנאַציאָנאַלע, סטודענטישע, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן און פאָר־מירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי; עס גייען מיט זיי די אַנאַרכיסטישע גרו־פּירונגען: „סענטראָס דע עסטודיאָס סאָסיאַלעס", די שפּאַנישע גרופּע „ראַ־מאַשאַל", די איטאַליענישע גרופּע „נע דיאָ, נע פּאַדראָנע", די פראַנצויזישע גרופּע „ל'אַנאַרקיאַ" און אַנדערע; עס גייט מיט זיי אַ סאָציאַליסטישע פּרע־סע: „פאָרווערטס", „על אָברעראָ", „על סאָסיאַליסטאַ", „ל'אווניר סאָ־סיאַל", „לאַ וואַנגוואַרדיאַ"; עס גייט מיט זיי אַ אַנאַרכיסטישע פּרעסע: „על פּערסעגידאָ, „אַווענירע", „לאַ פּראָטעסטאַ הומאַנאַ". דאָס געדרעדטע און דאָס געשריבענע אַרבעטער־וואָרט אַנטוויקלט זיך, פאַרשפּרייט זיך. עס וואַקסן אין צאָל די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, זייערע פאַרזאַמלונגען, זייע־רע עפנטלעכע מיטינגען, פאָדערונגען, שטרייקן, פּראָטעסטן, סאָלידאַריטעט־אַקטן, קאָנגרעסן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי הייבט שוין אָן אַרויסקומען מיט אייגענע קאַנדידאַטן צו פּאַרלאַמענט־וואַלן, מיט פּאָליטישע פּראָגראַ־מען און וואַל־קאַמפּאַניעס.

***

די רעאַקציע זעט די דאָזיקע גאַנצע באַוועגונג אונטער איין פּאַן, דער שוואַרץ־רויטער־אַנאַרכיסטישער און אַלאַרמירט קעגן דער געפאַר און איג־טערוועגירט און פאַרפאָלגט.

אָט איז איינער פון די ערשטע אומצייליקע אילוסטראַטיווע עפּיזאָדן:

אין נאָוועמבער פון יאָר 1895 האָט אַ „סאָציאַליסטישער אַרבעטער־צענטער" אָרגאַניזירט אַ קאָנפערענץ, אין בוענאָס איירעס, אין קעלער פון טעאַטער וויקטאָריאַ. רעפערענט איז געווען אינזשעניער טאָמאַס ב. האַלוואַי. דער רעפעראַט: וועגן סאָציאַליזם.

די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַ טאַקטיק צו קומען אויף די סאָציאַליסטי־

שע קאָנפערענצן נישט אַלס צוהערער, נאָר אַלס דעבאַטאַנטן. זענען זיי אויך געקומען אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ דעבאַטירן, איבערצונעמען זי, אָדער איר אויפרייסן. דאָס לעצטע איז געלונגען דורך מאַכן אַ טומל, אַ געשלעג. די פּאָליציי צו היטן די אָרדענונג, האָט אויף דעם אויסגעקוקט. זי האָט צעטריבן די קאָנפערענץ און אַרעסטירט 80 פּערזאָן, די גרעסטע טייל סאָ־ציאַליסטן, צווישן זיי די אָרגאַניזאַטאָרס. צווישן די אַרעסטירטע האָט נישט געפעלט דער, וואָס איז געוואָרן דער פירער פון סאָציאַליזם אין אַרגענטינע און די גרויסע אַרגענטינער פּערזענלעכקייט, כואַן ב. כוסטאַ און דער דע־מאָלדיקער סטודענט, ענריקע דיקמאַן.

3. — באָמבעס

נאָך אַן אילוסטראַציע פון דעם אופן וויאַזוי די עפּנטלעכע מאַכט האָט אָנגעהויבן איר אינטערווענץ אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז די פאָלגנדע:

עס האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט געגרינדעט די אַרבעטער־פעדעראַציע אין 1894. אויף דער גאַס אייראַפּע, וואָס הייסט היינט קאַרלאָס קאַלוואָ, איז געווען דער לאָקאַל פון דער פעדעראַציע צוזאַמען מיט אַ סאָציאַליסטישן צענטער און אייניקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין אַ שיינעם טאָג, ווען דער לאָקאַל איז געווען געשלאָסן, ווייל דער עולם איז געווען ביי דער אַר־בעט, אָדער ווייל מען האָט זיך געהיטן פון אַרעסט, איז געקומען אַ באַנדע מיט העק, האַמערס און דלאָטעס און אויפגעבראָכן די טירן, צעבראָכן דאָס מעבל און פאַרנומען די ביכער און אַרכיוון — דאָס איז געווען פון דער גע־היים־פּאָליציי מיט אַ פאַראָרדענונג פון ריכטער נאַוואַראָ צו מאַכן אַ רעווי־זיע. נאָך דער דאָזיקער „רעוויזיע" האָט מען פּאָליצייאיש געשלאָסן דעם לאָקאַל.

די אַרבעטער האָבן אויף דעם וויזיט געענטפערט מיט אַ פּראָטעסט־מיטינג.

אין דעם אַלאַרם קעגן דער „אַנאַרכיסטישער געפאַר" האָט מען שוין דעמאָלט געהערט דעם טאָן פון פאַרשווערונגען. דער טאָן איז געקומען פון דער רעאַקציע און פון דער געהיים־פּאָליציי צו איר דינסט. די דאָזיקע „פאַר־שווערונגען", כאָטש זיי זענען שטענדיק געקומען אין באַגלייט פון דינאַמיט־באָמבעס, זענען דאָך נישט געווען אַזוי שעדלעך, ווייל זיי זענען געווען נישט מער ווי אויסגעטראַכטע, צוגעטראַכטע. די באָמבעס האָט מען געפֿו־נען אין שווערער מי אויף די ערטער, וווּ מען האָט זיי אַוועקגעלייגט און איי־דער זיי האָבן אויפגעריסן. נאָר אין זעלטענע פאַלן האָט אויפגעריסן אַזאַ

באַמבע אונטערגעלייגט פון געהיים־אַגענטן און אויף אַן אָרט, ווו עס האָט נאָר געקענט שאַטן אַ צופעליקן פאַרבייגייער, כדי דורך דעם אַביסל צוצע־שלאָגן די אַלגעמיינע עפנטלעכע מיינונג, וואָס האָט איראַניזירט איבער די אויסגעטראַכטע באָמבעס. די געהיים־אַגענטור ביי וועמען דאָס מין באָמ־בעס און פאַרשווערונגען איז געוואָרן אַ סיסטעם, לויט די קאָמענטאַרן פון יענער צייט און פון דער שפּעטערער צייט, איז אַוודאי עפּעס אַנדערש נישט אויסן געווען, ווי נאָר צו באַרעכטיקן רעפּרעסיעס אויף דער אַרבעטער־באַ־וועגונג.

די באַלעבאַטים, די פאַבריקאַנטן, די גרעסערע אינדוסטריעלע אונטער־נעמער, אָרגאַניזירט אין דער „אוניאָן אינדוסטריאַל אַרכענטינאַ", האָט גע־פאָדערט פון דער רעגירונג מער רעפּרעסיעס קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין נאָוועמבער פון 1896 ווענדעט זיך דער „אוניאָן אינדוסטריאַל" צו דער רעגירונג פון גענעראַל ראָקאַ מיט דער פאָדערונג אַרויסצושיקן פון לאַנד די „שטערער פון דער סאָציאַלער אָרדענונג".

די דאָזיקע קלאַסיסטישע אָרגאַניזאַציע פון די קאַפּיטאַליסטן האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די רעפּרעסיעס, וואָס זי האָט געפאָדערט פון דער מלוכה־מאַכט און האָט אויך באַשלאָסן אַ קאָלעקטיוון ווידערשטאַנד קעגן דער קאָ־לעקטיווער אַרבעטער־באַוועגונג. „אוניאָן אינדוסטריאַל" האָט באַשלאָסן: „אָפּוואַרפן יעדע קאָלעקטיווע פאָדערונג פון די אַרבעטער פון איין אָדער מער וואַרשטאַטן". דאָס האָט געהייסן נישט אָנערקענען קיין פאָדערונג, וואָס קומט פון אַ געמיינזאַמער פאַרשטענדיקונג פון אַרבעטער, דורך וואָס מען האָט אויך געזוכט צו דעסאָריענטירן די אַרבעטער, דעמאָראַליזירן זיי, מאַכן זיי זאָלן זיך מורא האָבן צו פאַרייניקן, צו אָרגאַניזירן, צו סאָלידאַריזירן זיך, צו שטרייקן.

די ווענדונג אַרויסצושיקן די „שטערער פון דער געזעלשאַפטלעכער אָר־דענונג" איז נישט אַריין אין דער פוסטקייט. נישט געקוקט אויף דער אָנ־האַלטנדיקער איינוואַנדערונגס־פּאָליטיק, אויף דער פּאָליטיק צו פאַרלייכטערן און שטיצן אָפיציעל די איינוואַנדערונג, אין וואָס דאָס לאַנד האָט זיך גע־נייטיקט פון שטענדיק אָן, איז דאָך די דערמאָנטע ווענדונג — וועמענס רע־זולטאַט עס איז נאָך היינט אַזוי פילבאַר — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געזעץ־פּראָיעקט אין יאָר 1899 דורך דעם דעמאָלטיקן נאַציאָנאַלן סענאַטאָר מיגעל קאַנע.

4. — „ליידיקגייער"

דער דאָזיקער פּראָיעקט צו דעפּאָרטירן אויסלענדער איז אַריינגעקומען אין סענאַט אין דער זעלבער צייט, ווען דער פּאָליציי־שעף פון בוענאָס איירעס, ד״ר מאַנועל מוכיקאַ פּאַריאַס האָט פאָרגעטראָגן דעם אינערן־מיניסטער, ד״ר כאָאַקין וו. גאָנסאַלעז, אַ געזעץ־פּראָיעקט צו „אונטערדריקן ליידיקגייעריי".

די „ליידיקגייעריי" — דאָס האָט מען געמיינט די אַרבעטלאָזע, וואָס האָבן אין יענעם קריזיס־יאָר פון 1899 דערגרייכט צו דער צאָל פון פערציק טויזנט בלויז אין בוענאָס איירעס. און מיט דעם „אונטערדריקן די ליידיקגייעריי" האָט מען נישט געמיינט באַזאָרגן די אַרבעטלאָזע מיט אַרבעט, נאָר אונטערדריקן די אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז אַרויס אויפן ברייטן וועג אויך דורך דער אַרבעטלאָזיקייט.

דער פּאָליציי־שעף האָט באַגרינדעט זיין פּראָיעקט מיט צוויי ווערטער, וואָס זענען געוואָרן קלאַסיש אין אַרגענטינע: „דאָ אַרבעט נישט יענער ווער עס וויל נישט"...

דעם מחבר פונעם פּראָיעקט האָט מען אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: מען האָט אַרויסגעלאָזט און פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט אַ ידיעה, אַז עס פּאָדערט זיך אַרבעטער פון אַלע פאַכן. יענע וואָס ווילן אַרבעטן זאָלן קומען דאָ און דאָ. דער אָנגעגעבענער אַדרעס איז געווען די פּריוואַטע וווינונג פון פּאָליציי־שעף מוכיקאַ.

און צומאָרגנס, פּאַרטאָג, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מאַסן אַרבעטלאָזע אַרבעטער צום פּריוואַטן הויז פון פּאָליציי־שעף — נישט ווייסנדיק, אַז דאָ וווינט דער פּאָליציי־שעף. די מאַסע איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. אַכט אַזייגער איז די גאַס געווען שוואַרץ, אָנגעפּאַקט מיט טויזנטער אַרבעטלאָזע, אומרואיקע, אומגעדולדיקע, פון וואַרטן. ענדלעך איז מוכיקאַ אַרויס אויפן באַלקאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט איז אָנגעלאָפן דער זיכערקייט־עסקוואַדראָן און אויף זיין אופן, צעטרייבנדיק די מאַסע, איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ קען מען קריגן עפּעס אַנדערש, נישט קיין אַרבעט...

דער פּאָליציי־שעף מוכיקאַ האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס שפּיצל שטאַמט אַוודאי פון די סאָציאַליסטן און אין דעם זעלבן טאָג האָבן זיך פּרעזענטירט געהיים־אַגענטן אויף מעכיקאַ 2070. ער האָט נאָר נישט באַוויזן צו געבן קיין אַרבעט די „ליידיקגייער" וואָס זענען געקומען בעטן אַרבעט.

שטאַרקער פון די רעפּרעסיעס זענען געווען די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט די אַרבעטער אויף דער גאַס, צום קאַמף קעגן דער בויט,

קעגן הונגער, קעגן דער אַרבעטלאָזיקייט. די שטרייק־באַוועגונג האָט אָנגע־נומען וואָס אַמאָל אַלץ ברייטערע פאַרמען און איבער די רעפּרעסיעס אויך שאַרפערע פאָרמען, ביז עס דערגייט צו אַ גענעראַל־שטרייק אין בוענאָס איירעס און אין אייניקע שטעט פון די פּראָווינצן — דער ערשטער גענעראַל־שטרייק אין לאַנד — אין נאָוועמבער פון 1902 איז דאָס געשען.

5. — סאָלדאַטן — שטרייקברעכער

די אַרבעט איז געוואָרן פּאַראַליזירט אין די וואַרשטאַטן, פאַבריקן, אין פּאָרט. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די טראַפיק. קעגן דעם שטרייק, וואָס לויט די אַנאַרכיסטישע שרייבער אַראַנגאָ און סאַנטיזשאַן אין זייער בוך „דער אַנאַרכיזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג" איז ער געווען אַ פאַרמעסט פון כּו־חות און געטראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, האָט די רעגירונג מאָבי־ליזירט אירע באַוואָפנטע קרעפטן — די פּאָליציייִשע און די מיליטערישע — דעם שטרייק צו דערשטיקן דורך אַ דאָפּלטער אָפּעראַציע: דירעקט פאַר־פאַלגן גוואַלדזאַם די שטרייקנדע און שטעלן מיליטער אַלס שטרייק־ברעכער. דער שטרייק האָט אָבער אַלץ אָנגעהאַלטן. מיט דעם געיעג אויף שטרייקנדע אין די גאַסן און מיט דעם אַרעסטירן 500 מאַן — לויט דער פּאָליציי־כראָ־ניק— אָדער 2.000 מאַן לויט דער באַשרייבונג פון סאַנטיזשאַן, האָט מען נישט באַוויזן מאַכן אַרבעטן די פאַבריקן אָדער צוריקשטעלן דעם טראַפיק און די אַרבעט אין פּאָרט, און מען האָט דאָס אויך נישט באַוויזן מיט שטעלן אַ צאָל סאָלדאַטן פאַר שטרייק־ברעכער. לויט סאַנטיזשאַן זענען אַרויס אין שטרייק פערציק טויזנט מאַן און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג האָט ער שוין אַרומגעכאַפּט איבער הונדערט טויזנט מאַן.

6 — געזעץ נומער 4144

דאַן האָט מען זיך געכאַפּט צו מיגעל קאַנעס געזעץ־פּראָיעקט קעגן „אומגעוואונטשענע" אויסלענדער און דעם 23סטן נאָוועמבער פון דעם זעלבן יאָר 1902 האָט מען אין משך פון צוויי און אַ האַלבער שעה סאַנקציאָנירט דעם געזעץ אין ביידע קאַמערן פון פּאַרלאַמענט און עס האָט אים דעקרעטירט די רעגירונג און טאַקע אים באַלד אָנגעווענדט.

עס איז דער „לעי דע רעסידענסיאַ", וואָס טראָגט דעם נומער 4144. ער איז קורץ און שאַרף. אָט איז זיין פולער טעקסט:

„דער סענאַט און די דעפּוטאַטן־קאַמער סאַנקציאָנירן מיט דער קראַפט פון געזעץ:

אַרטיקל 1 — די אויספיר־מאַכט (רעגירונג) וועט קענען פאַראָרדענען עס זאָלן אַרויס פון לאַנד יענע אַלע אויסלענדער, וואָס זענען געווען פאַרמשפּט אָדער פאַרפאָלגט דורך די אויסלענדישע געריכטן פאַר געוויינלעכע פאַרברעכנס.

אַרטיקל 2 — די אויספיר־מאַכט וועט קענען פאַראָרדענען עס זאָל אַרויס פון לאַנד יעדער אויסלענדער, וועמענס אויפפירונג עס קאָמפּראָמעטירט די נאַציאָנאַלע (לאַנד) זיכערקייט אָדער שטערט די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

אַרטיקל 3 — די אויספיר־מאַכט וועט קענען פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין לאַנד יעדן אויסלענדער וועמענס אַנטעצעדענטן עס דערלויבן אים אַריינצונעמען צווישן יענע, צו וועלכע עס באַציען זיך די פריערדיקע אַרטיקלען.

אַרטיקל 4 — דער אויסלענדער קעגן וועמען עס איז דעקרעטירט געוואָרן די עקספּולסיע, וועט האָבן דריי טעג צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די רעגירונג קען אָבער, אַלס מיטל פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, פאַראָרדענען זיין אַרעסט ביז דעם מאָמענט פון אויסוואַנדערן.

אַרטיקל 5 — קאָמוניקירן דאָס דער אויספיר־מאַכט".

כאָטש דער געזעץ דערמאָנט נישט מיט קיין איין וואָרט דעם אַרבעטער אָדער דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער דאָך קעגן איר געווענדט, ווייל מ׳האָט געהאַלטן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג איז אַן אויסלענדישע זאַך, אָדער די זאַך פון אויסלענדער. ער איז סאַנקציאָנירט געוואָרן אין דער הייסער מינוט פון קאַמף, אין גרויס איילעניש און איז דער ערשטער רעפּרעסיווער געזעץ קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד.

באַלד ווי דער דאָזיקער געזעץ איז סאַנקציאָנירט געוואָרן, האָט מען אים אָנגעווענדט קעגן די פירער און קעגן יענע, אויף וועלכע עס איז געפאַלן אַ חשד, אַז זיי זענען פירער פון דער אַרבעטער באַוועגונג און וועלכע זענען שוין טיילווייז געווען אַרעסטירט. דער געדאַנק זיי אַרויסצושיקן פון לאַנד איז שוין געווען פאַרן געזעץ. די רעגירונג האָט שוין געהאַט באַשטימט די דעפּאָרטאַציע אַלס רעפּרעסיע און שוין אפילו געהאַלטן אין אַרעסט צוגעגרייט די ערשטע צאָל צום דעפּאָרטירן. דער געזעץ איז נאָר געווען אַ סאַנקציע צו די פון פריער שוין באַשטימטע מיטלען.

7 — באַלאַגערונגס־צושטאַנד

אָבער די באַוועגונג האָט דאָך אָוואַנסירט, דער גענעראַל־שטרייק האָט אָנגעהאַלטן. אָנגעהויבן פון באַשיידענע עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון דער פעאָנאַדע אין די באַראַקן און פון צענטראַלן מאַרק פון אַרגענטינער פּראָדוקטן, ביי דער אָנוועזנהייט פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטלאָזע, מיט דעם

אָנשלוס פון אַנדערע פאַכן, אויס סאָלידאַריטעט מיט די ערשטע, קעגן דער שטרייקברעכערישער אינטערווענץ פון דער מאַכט, האָט זיך דער שטרייק אויסגעשפּרייט און פאַרשאַרפט קעגן דעם רעזידענץ־געזעץ און פאַרן אָפּ־שאַפן דעם דאָזיקן געזעץ.

די צאָל אַרעסטירטע נישט־אויסלענדער, אָן אַ פאַרגלייך גרעסער פון די אויסלענדער אַרעסטירטע און צום דעפּאָרטירן איז אַליין שוין געווען אַ באַווייז, אַז די באַוועגונג איז נישט קיין אויסלענדישע און עס זענען נישט נאָר אויסלענדער די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער אין שטרייק. דאַן האָט מען זיך געכאַפּט צו נאָך אַן עקסטרעמערן מיטל, וואָס איז שוין געווען גלייך פאַר אַרגענטינער ווי פאַר אויסלענדער. אָנווענדנדיק מיט דער גאַנצער ליידנ־שאַפט דעם נאָר־וואָס אָנגענומענעם רעזידענץ־געזעץ, אָנהאַלטנדיק דאָס גע־יעג אויף די שטרייקנדיקע, די מאַסן־אַרעסטן און דאָס שטעלן מיליטער צו דער אַרבעט אַלס שטרייקברעכער, האָט מען צו דעם אויך דערקלערט באַלאַ־גערונגס־צושטאַנד דעם 24סטן נאָוועמבער פון 1902. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אַז אין לאַנד איז דערקלערט און אָנגעווענדט געוואָרן באַלאַגע־רונגס־צושטאַנד קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס לאַנד איז געשטעלט געוואָרן אין אַ מיליטערישער סיטואַציע, אין אַ מלחמה סיטואַציע, ווען די רעגירונגס־מאַכט ווערט אויפגעבונדן און אויפן אָרט פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלן און געזעצלעכן רעזשים, טרעט אַריין דער אַד־מיניסטראַטיווער רעזשים, אַן אַבסאָלוטיסטישער און דיקטאַטאָרישער און עס הערן אויף די רעכטן און פרייהייטן.

עס זענען געשלאָסן געוואָרן אַלע לאָקאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון די אַנאַרכיסטישע גרופּעס. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן די פּראָלעטאַרישע פּרעסע אָן אונטערשיד פון טענ־דענץ און אָריענטאַציע; עס איז פאַרבאָטן געוואָרן יעדע פאַרזאַמלונג, יעדער צוזאַמענטרעף פון אַרבעטער. עס זענען דורכגעפירט געוואָרן מאַסן־אַרעסטן פון אַרבעטער, וועמען מען האָט אַרויסגענומען פון זייערע וווינונגען, פון זייערע בעטן און אָן אונטערשיד פון אַרגענטינער און אויסלענדער; אָן אונ־טערשיד פון אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן און פאַרטיילאָזע. עס איז באַקעמפט געוואָרן די שטרייק־באַוועגונג „מאַנאָ מיליטאַרי" דורך דער נאַציאָנאַלער אַרמיי.

8. — דער היסטאָרישער מאָמענט דאָקומענטירט

יענער היסטאָרישער מאָמענט איז דאָקומענטירט אין אַ ברייטן, גע־נויען, אויפקלערערישן מאַניפעסט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צום פאָלק.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַלס קאָנסטיטואירטע פּאַרטיי דאָס זעקסטע יאָר און האָט אין יענעם מאָמענט געהאַט אַלס גענעראַל סעקרעטאַר דעם ד"ר ניקאָלאַס רעפּעטאָ, הייבט אָן איר מאַניפעסט אַזוי:

„די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַשטימט זאָגן איר וואָרט דעם פאָלק, כדי צו אויפקלערן פונוואַנען עס שטאַמט דער איצטיקער שטרייק, זיין כאַראַקטער און די שטעלונג, וואָס עס האָט אָנגענומען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

דער אָנהויב פון דער שטרייק־באַוועגונג איז געווען די גערעכטסטע פאָדערונג פון אַ באַשיידן און אַרבעטזאַם פאָלק, דורך וועמענס אַרבעט דאָס פאָלק איז ענג פאַרבונדן מיט די רייכסטע עקאָנאָמישע קוואַלן פון לאַנד. עס איז דאָס פאָלק פון די פּעאָנען פון די באַראַקן „מערקאַדאָ סענטראַל דע פרוטאָס". אַ יאָר צייט האָט מען געקעמפט צו פאַרבעסערן די טרויעריקסטע און אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען. ביזן סוף פאַרגאַנגענעם יאָר איז די לאַגע פון די אַרבעטער אין דעם פאָך געווען אַ שרעקלעכע: מען האָט געאַרבעט 14 שעה אין טאָג ביי דער שווערסטער אַרבעט און נישט פאַרדינט אויף דאָס נויטיקסטע. אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און הילף פון חברים פון סאָציאַליסטישן צענטער אין דרום באַראַקאַס האָבן זיך די דאָזיקע אַרבעטער אָרגאַניזירט אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. באַלד ווי זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט, האָבן זיי דערגרייכט אַ פאַרבעסערונג: פאַרקלענערט אַביסל דעם אַרבעטס־טאָג און געהעכערט דעם לוין.

אָבער אין גיכן האָבן די באַלעבאַטים צונישט געמאַכט די דערגרייכונג. דער יונגער און קרעפטיקער פאַריין האָט זיך געזען געצווונגען פונדאַסניי אָנצוהייבן די באַמיאונגען און אין אָקטאָבער פון לויפנדיקן יאָר איבערגעגעבן אַ נאָטע דער „קאַמאַראַ מערקאַנטיל", זי זאָל קאָמוניקירן די באַלעבאַטים פון באַראַקאַס, דער „מערקאַדאָ סענטראַל דע פרוטאָס", די עקספּאָרטירער אז"וו די פאָלגענדיקע פאַרבעסערונגען, וואָס ווערן געפאָדערט פון די אַרבעטער פון דעם פאָך:

1. — אָפּשאַפן שטיק־אַרבעט.

2. — פיר פּעזאָס אַ טאָג אַלס מינימום פאַר די פּעאָנען פון „מערקאַדאָ" און פון די „באַראַקן".

3. — ניין שעה אַרבעט אין טאָג.

4. — דריטהאַלבן פּעזאָס טעגלעכער לוין פאַר די מינדעריעריקע פון 15 יאָר.

5. — אָנערקענען דעם פאַריין מצד די באַלעבאַטים".

די פּאָדערונגען — לויט דער ווייטערער דערקלערונג פונעם מאַניפעסט — זענען נישט נאָכגעגעבן געוואָרן. מען האָט אפילו נישט געוואָלט אַרייַנגיין אין פאַרהאַנדלונגען. דאַן האָבן זיך די אַרבעטער פאַרזאַמלט און באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין שטרייק פאַר די פּאָדערונגען.

דער שטרייק האָט געוואונען די סימפּאַטיע פון אַלע פאַכן און פון דער עפנטלעכער מיינונג, און דער שטרייק וואָלט פולשטענדיק געוואונען געוואָרן, אויב די רעגירונג מיט איר אומגעהערטער און איינזייטיקער שטעלונג וואָלט נישט פּרעטענדירט צו דערשטיקן אים דורך צושטעלן די באַלעבאַטים פּעאָנאָדע און זעלנער צו פאַרבייטן מיט זיי די אַרבעטער אין שטרייק.

אין קעגנווירקונג צו דער אַקציע פון דער רעגירונג האָבן צוויי פאַרבינדעטע פאַכן מיט די באַראַנקערן זיך דערקלערטע אין שטרייק. די דאָזיקע פאַכן זענען געווען די לאַסט־אַרבעטער און די פורלייט. אָן זייער אַרבעט האָט צו גאָרנישט געניצט די הילף פון דער רעגירונג דעם קאַפּיטאַל צו ברעכן דעם שטרייק פון די באַראַנקערן. דער שטרייק פון די לאַסט־אַרבעטער און פורלייט איז געווען אַן אַקט פון באַוווסטזיין און אמתדיקער פּראַקטישער סאָלידאַריטעט וואָס האָט פאַרדינט אָנערקענונג און די סימפּאַטיע פון אַלע וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג.״

אין מאַניפעסט ווערט ווייטער דערציילט ווי פון די רעגירונג־ספערן האָבן זיך אַרויסגעטראָגן קלאַנגען פון סאַנקציאָנירן באַלד דעם רעזידענץ־געזעץ, פון דעקרעטירן באַלאַגערונג־צושטאַנד — קלאַנגען וואָס זענען נישט געווען קיין פוסטע און וואָס האָבן פאַרשאַרפט די סיטואַציע.

מיטן צוועק אָפּצושרעקן די רעגירונג און אָפּצוהאַלטן איר פון דערמאָנטן געזעץ און פון באַלאַגערונג־צושטאַנד האָבן אייניקע פעדעראַציעס אונטער אַנאַרכיסטישער ווירקונג אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן אויפרוף און רוף צו אַ גענעראַל־שטרייק.

דער אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אין יענעם טאָג, דעם 22סטן נאָוועמבער באַשטימט אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון ענעאַס אַריענטי, פראַנציסקאָ קונעאָ און סעלענדאָ קאַסטראָ, זי זאָל גיין צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און אים איבערגעבן דאָס פאָלגנדע:

„1. — ס'איז נייטיק די רעגירונג זאָל אָפּלייקענען די קלאַנגען, אַז מען גייט דיקטירן אַ רעזידענץ־געזעץ און דעקרעטירן באַלאַגערונג־צושטאַנד; קלאַנגען וואָס האָבן אויפגעברויזט די אַרבעטער, אימפּולסירנדיק זיי צו גענעראַליזירן די שטרייק־באַוועגונג.

2. — עס איז נייטיק די רעגירונג זאָל צוריקציִען דאָס מיליטער, וואָס זי האָט געשטעלט צו דער אַרבעט אויפן אָרט פון די שטרייקנדע, כדי דער

אויסגעבראָכענער קאָנפליקט זאָל קענען זיין געלייזט אויסשליסלעך צווישן די אַרבעטער און די באַלעבאַטים.

3. — עס איז נייטיק די רעגירונג זאָל נישט באַקעמפן דאָס רעכט, וואָס עס האָבן די לאָדער פון די פּראָדוקטן מיט זייערע פאָדערונגען און מען זאָל פאַרשטיין, אַז דער שטרייק פון די לאַסט־אַרבעטער און פורלייט איז אויסן נישט מער ווי צו פאַרזיכערן דעם זיג פון די דערמאָנטע פאָדערונגען."

אָבער די קאָמיסיע איז אין יענעם טאָג, דעם 22סטן נאָוועמבער, נישט אויפגענומען געוואָרן פון מלוכה־פּרעזידענט. ביינאַכט איז סאַנקציאָנירט געוואָרן דער רעזידענץ־געזעץ.

צומאָרגנס האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּובליקירט אין די שטאָטישע צייטונגען די פאָלגנדע דעקלאַראַציע:

„1. — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט שטיצן מאָראַליש און מאַטעריעל דעם שטרייק פון די פעאָנען פון מערקאַדאָ סענטראַל דע פרוטאָס, ווייל דער שטרייק איז אַ גערעכטער און אַ צייטמעסיקער, און וועט אויך שטיצן דעם שטרייק פון די לאַסט־אַרבעטער און פון די פורלייט, וועלכער איז צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון ערשטן שטרייק.

2. — די פּאַרטיי פּראָטעסטירט קעגן דאָס אויפפירן זיך פון דער רעגירונג — אַנשטאָט אָפּצוהיטן איר נייטראַליטעט, פּרעטענדירט זי צו פאַרבייטן די אַרבעטער אין שטרייק מיט סאָלדאַטן און מאַטראָזן.

3. — באַדויערט דעם שריט פון אייניקע פּראָפעסיאָנעלע פאַרייגען, וואָס אונטער דער ווירקונג פון דער אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציע, זענען זיי אַרויס אין שטרייק נאָר אויס סאָלידאַריטעט צו די באַראַנקערן, לאַסט־אַרבעטער און פורלייט, וואָס איז אין דעם מאָמענט קעגנווירקנדיק, ווייל בעסער וואָלט געווען אויף אונטערצוהאַלטן דעם שטרייק פון די דערמאָנטע פאַכן און מיטהעלפן פאַר זייער זיג, ווען די אַרבעטער פון די אַנדערע פאַכן זאָלן אַרבעטן און שטיצן די שטרייקנדע מיט אַ טייל פון זייער לוין.

4. — באַדויערט די האַנדלונג פון מלוכה־פּרעזידענט פאַר נישט אויפנעמען די דעלעגאַציע פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געגאַנגען אים באַקאַנט מאַכן מיט די אמתע סיבות פון דער שטרייק־באַוועגונג און רעקאָמענדירן די מיטלען צו לייזן דעם שטרייק.

5. — פאַרדאַמט ענערגיש דעם סאַנקציאָנירטן רעזידענץ־געזעץ דורך דעם אַרגענטינער קאָנגרעס, סאַנקציאָנירט מיט אַזאַ אומדערהערטער איילעניש און אינספּירירט אויסשליסלעך אין אַ צוועק צו פאַרניכטן די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע. איבער דעם אָרגאַניזירט די פּאַרטיי אַ פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע קעגן דאָזיקן געזעץ דינסטיק דעם 25סטן נאָוועמבער."

כדי די פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע זאָל זיין אַן אימפּאָנענטע און דער טרייסטער אויסדרוק פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, האָט די פּאַר־טיי זיך געווענדעט צו די דעמאָלט שוין פּאַקטיש עקזיסטירנדיקע צוויי אַר־בעטער־צענטראַלעס, צו דער פּאָראַ און צום „קאָמיטעט פון פּראָפעסיאָנעלער פּראָפּאַגאַנדע", מיט אַ נאָטע דאַטירט דעם 23סטן נאָוועמבער פון 1902 און מיטן אונטערשריפט פון נ. רעפּעטאָ אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר.

דער נאָר וואָס סאַנקציאָנירטער געזעץ — זאָגט די נאָטע — איז אַ טויט־קלאַפּ וואָס ווערט געגעבן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון לאַנד. אין אַנבליק פון דער גרויסער געפאַר פאַר דער אַרבעטער זאַך איז נויטיק, אַז אַלע אַרבעטער כוחות זאָלן זיך פאַראייניקן מיט דעם געמיינזאַמען צוועק דורכצו־פירן אַ מעכטיקע פּראָטעסט מאַניפעסטאַציע קעגן דעם נידערטרעכטיקן גע־זעץ, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין קיין לאַנד פון דער וועלט.

אין פּראָנט פון דער געמיינזאַמער געפאַר דאַרפן מיר אָוועקלייגן אַלע אַנטאַגאָניזמען, כדי צו ראַטעווען אונדזערע פּראָפּאַגאַנדיסטן־אויסלענדער, (וואָס זענען צאָלרייך) פון דער פאַרפאָלגונג, וואָס ווערט אָנגעהויבן צו פאַר־ניכטן דאָס ווערק, וואָס האָט אונדז געקאָסט אַזוי פיל מי און קרבנות.

די פּראָפּאָזיציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אָנגענומען גע־וואָרן פונעם „קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעלער פּראָפּאַגאַנדע" און איז אָפּגע־וואָרפן געוואָרן פון דער פּאָאַ.

אַ נאָטע, אונטערגעשריבן פון כאָסע לעגאַספּי, אַלס ענטפער אויף דער ווענדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זאָגט: „די אַדמיניסטראַטיווע קאָ־מיסיע, לויט דער באַשטימונג פון פעדעראַלן קאָמיטעט (פון דער פּאָאַ) באַ־שטימט, אַז דער איינציקער מיטל צו באַקעמפן דעם דערמאָנטן רעזידענץ־געזעץ איז דער גענעראַל־שטרייק, צו אים ווערן גערופן אַלע פּראָפעסיאָנע־לע פאַראיינען זיך אָנצושליסן".

די געפּלאַנטע פּראָטעסט מאַניפעסטאַציע האָט שוין נישט געקאָנט פאָרקומען דעם 25סטן נאָוועמבער. אין ערשטן פאַל איבער אַ פּאָלעמיק צווישן די צוויי אַרבעטער צענטראַלעס אין באַצוג צום גענעראַל שטרייק און אין צווייטן פאַל איבער דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד, וועלכער איז דערקלערט געוואָרן דעם 24סטן נאָוועמבער אויפן פאָרשלאַג פון דער רעגירונג מיט דער סאַנקציע פון פּאַרלאַמענט. די מאַניפעסטאַציע איז אָבער דאָך פאָרגעקומען, אָן דעם אָנטייל פון דער פּאָאַ, דעם 11טן יאַנואַר פון 1903, באַלד נאָך דעם ווי עס האָט אויפגעהערט דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד, אונטער וועמענס פליגל עס איז גוואַלדזאַם דערשטיקט געוואָרן די שטרייק־באַוועגונג.

לויט אַ כראָניק פון דער בירגערלעכער צייטונג „על פּאַיס" האָבן זיך

אין דער מאַניפעסטאַציע באַטייליקט צוועלף טויזנט מאַן. מיטן אָנשלוס פאַרנעם „קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעלער פּראָפּאַגאַנדע“, אין רעפּרעזענטאַנץ פון 32 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. עס איז אין איר אויך געווען אָנגעשלאָסן די מאַסאָנישע לאָזשאַ „אוניאָן כוסטאַ“. דער מאַניפעסטאַציע־צוג איז אַרויס פון פּלאַסע קאָנסטיטוסיאָן ביז פּלאַסע קאָלאָן אין פראָנט פון רעגירונגס־הויז, וווּ עס איז דורכגעפירט געוואָרן דער פינאַל־מיטינג, אויף וועמענס טריבונע עס האָבן גערעדט פראַנציסקאָ קונעאָ, כואַן ב. כוסטאָ, מאַנועל מעיער גאָנזאַלעז, ענריקע דעל וואַזשע איבערלוסעאַ, אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, לואיס באָפי און אַדריאַן פּאַטראָני.

קאַפּיטל XX

אַרבעטער צענטראַלעס

1. — אוכעטע

די אַרבעטער באַוועגונג מיט אַלע אירע פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און שאַטירונגען האָט פיזיש געליטן, געהאַט גרויסע פאַרלוסטן דורך דעם רעזידענץ־געזעץ און דעם באַלאַגערונג־צושטאַנד, אָבער מאָראַליש, גייסטיק, איז זי געוואָרן דערהויבן, איז זי געוואַקסן מיט מער דערפאַרונג, מיט מער איבערצייגונג — דאָס האָט גיך אויסגעהיילט אירע ווונדן, איר געקרעפּ־טיקט; זי האָט זיך קאָנסאָלידירט און עס האָט זיך באַנייט איר פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציע, פון אַנטוויקלונג, פון קאַמף. אָבער אין דאָזיקן פּראָצעס האָבן זיך ווידער אַרויסגערוקט די פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, אָריענטאַציעס, טענדענצן, וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער און דעפינירטער.

אין דעם זין האָב איך שוין דערמאָנט די פאַקטישע עקזיסטענץ פון צוויי אַרבעטער צענטראַלעס: די פ.אָ.אַ. און דער קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעלער פּראָפּאַגאַנדע.

די פ.אָ.אַ. איז אונדז שוין באַקאַנט. אַ פאַקטישע און פאָרמעלע צענטראַלע פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועמענס פירערשאַפט עס איז אַריין צו די אַנאַרכיסטן און וואָס האָט אָנגענומען זייער אָריענטאַציע אויף דער אַרבע־טער באַוועגונג — אַן אָריענטאַציע, וואָס האָט פון דער פ.אָ.אַ. אַרויסגעשטויסן אַ צווייטע אָריענטאַציע, אַ סאָציאַליסטישע, צוזאַמען מיט די אַרבעטער און זייערע פאַריינען פון דער דאָזיקער אָריענטאַציע.

פונעם צווייטן קאָנגרעס פון דער פ.אָ.אַ. אין אַפּריל 1902 זענען אַוועק — ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען — 34 דעלעגאַטן רעפּרעזענטאַנטן פון 19 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אויף דער איניציאַטיוו פון מעבל־אַרבעטער פאַריין האָבן זיך די צוריקגעצויגענע פון קאָנגרעס פאַרזאַמלט דעם 18טן מאַי און באַשלאָסן:

1. — נישט אָננעמען די רעזאָלוציעס פון פ.אָ.אַ.־קאָנגרעס.
2. — נישט אָנשליסן זיך אין דער פ.אָ.אַ.
3. — אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעלער פּראָפּאַגאַנדע.
4. — אַרויסגעבן אַ פּראָפעסיאָנעלע צייטשריפט.

דער קאָמיטעט איז קאָנסטיטואירט געוואָרן אין יוני. ער האָט געהייסן פּראָפּאַגאַנדע קאָמיטעט, אָבער איז פּאַקטיש געווען דער פאַרבאַנד פון יענע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער פאָאַ, און איז אָנגעגאַנגען מיטן אָרגאַניזירן פונעם ערשטן קאָנגרעס פון דער צווייטער צענטראַלע.

דער דאָזיקער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען דעם 7טן מערץ 1903 אין בוענאָס איירעס, אין סאַלאָן פון דייטשן סאָציאַליסטישן קלוב „פאָרווערטס", רינקאָן 1141. עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט 75 דעלעגאַטן פון 22 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון שטאָט און 19 פון די פּראָווינצן. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אין סאָציאַליסטישן גייסט, סטאַטוטן, אַקציע־פּראָגראַם און דערקלערט פאַר דעפיניטיוו געגרינדעט די אַרבעטער צענטראַלע אויפן נאָמען „אוניאָן כענעראַל דע טראַבאַכאַדאָרעס דע לאַ רעפּובליקאַ אַרכענטינאַ" (אַלגעמיינער אַרבעטער פאַרבאַנד פון דער אַרגענטינער רעפּובליק).

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער אָריענטאַציע פון דער צווייטער צענטראַלע, וועלן מיר איבערגעבן אייניקע פון יענע רעזאָלוציעס פון ערשטן קאָנגרעס, פון וועלכע עס זעט זיך אַרויס איר אַנדערשקייט קעגנאיבער דער אָריענטאַציע פון דער פאָאַ.

קודם־כל די פעסטשטעלונג רעזאָלוציע:

„דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער קאָנגרעס אין באַשטאַנד פון 41 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, גערופן פונעם „קאָמיטע דע פּראָפּאַגאַנדאַ גרעמיאַל", דערקלערט פאַר קאָנסטיטואירט די נייע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען פון „אוניאָן כענעראַל דע טראַבאַכאַדאָרעס דע לאַ רעפּובליקאַ אַרכענטינאַ" — אוכעטע.

דער ענין גענעראַל־שטרייק איז געווען די הויפּטזאַך וועגן וואָס עס האָבן דעבאַטירט אַלע סעקטאָרן פון דער אַרבעטער באַוועגונג. די רעזאָלוציע פון דער אוניאָן כענעראַל דע טראַבאַכאַדאָרעס זאָגט:

„דער גענעראַל־שטרייק קאָן זיין אַ קרעפטיקער קאַמפּס־מיטל, ווען ער ווערט דערקלערט פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס קאָן פאַרזיכערן די מעגלעכקייטן פון זיין זיג; ער קאָן זיין נוצלעך ביי ענינים וואָס באַרירן דירעקט דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס און אַלס אַקט פון ווידערשטאַנד און פּראָטעסט; עס ווערט אָבער אַבסאָלוט אָפּגעוואָרפן דער גענעראַל־שטרייק יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַלס צוועק גוואַלד און רעוואָלטע, ווייל ווייט פון צו זיין לטובת דעם פּראָלעטאַריאַט רופט ער אַרויס אַ גוואַלדזאַמע רעאַקציע פון קאַפּיטאַליסטן־קלאַס און שוואַכט אָפּ די אַרבעטער אָרגאַניזאַציע".

חוץ די רעזאָלוציעס פון קאַמף פאַר אָפּשאַפן דעם רעזידענץ־געזעץ, וואָס דאָס איז כסדר געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג פון אַלע אַרבעטער־קאָנגרעסן און אַנדערע רעזאָלוציעס וועגן באָיקאָט, שטיק־אַרבעט, קאָאָפּעראַטיוויזם אאַז״וו, וואָס זענען געווען אַנדערש אין דער פאָרם פון אויספירן זיי, אָבער אין תוך די זעלביקע, האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ ריי פּרינציפּיעלע רעזאָלוציעס, וואָס גייען אויף אַ קעגנגעזעצטער ליניע צו די פּרינציפּיעלע איינשטעלונגען פון דער פּאָא. איינע פון זיי איז וועגן פּאָליטישן קאַמף:

„דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז אומאָפּהענגיק פון פּראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישן קאַמף זאָלן די אַרבעטער זיך אָפּגעבן צו פּאָליטישן קאַמף, צו דערגרייכן אַרבעט־שוץ געזעצן, שטימען פאַר יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן אין זייערע פּראָגראַמען קאָנקרעטע רעפאָרמען און פאַר אַרבעט־געזעצן״.

נאָך אַ רעזאָלוציע אַ ספּעציעלע וועגן אַרבעט־געזעצן זאָגט:

„דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט דעם אַרבעטער־קלאַס, דורך די מיטלען וואָס ער וועט האָבן, זען צו דערגרייכן דורך די מלוכה־מאַכטן געזעצן לטובת די אַרבעטער־אינטערעסן, ווי 8 שעהדיקער אַרבעטסטאָג, רעגלאַמענטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבעט, שאַפן אַ פּענסיע־קאַסע, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די באַלעבאַטים פאַר אַקצידענטן ביי דער אַרבעט און אָבליגאַטאָרישע זונטיק־רו״.

דעם קאָנגרעס אינטערעסירט אויך פּראָבלעמען, וואָס ליגן אויף דער פלאַך פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אָבער באַרירן קודם־כל די אַרבעטער און ער טראָגט אַרויס אַ רעזאָלוציע וועגן פאָלקס־בילדונג, וועגן שולן פאַר קינדער און זאָגט:

„אָנערקענענדיק, אַז עס זענען דערליידיקט די אינטערנאַציאָנאַלע ענינים, וואָס לויט דער אַרגענטינער בורזשואַזיע איז געווען נויטיק צו באַשטימען גוואַלדיקע סומעס פאַרן ביודזשעט פון מלחמה און פלאָט; און אַזוי ווי עס איז אַ פעסטגעשטעלטער אמת דורך דער פאַראַנענער סטאַטיסטיק, אַז 59 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד איז אַנאַלפאַבעטיש, איז צו ווינטשן, אַז אין 1904 זאָל דער נאַציאָנאַלער ביודזשעט זיין רעדוצירט אויף מיליטאַריזם און אין דער זעלביקער פּראָפּאָרץ זאָל ער זיין געהעכערט אויף פאָלקס־בילדונג״.

אין דעם זין פון אינטערעסירן זיך מיט ענינים, וואָס גייען אַריבער די גרענעצן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין האָט די אוכעטע זיך אויך פאַראינטערעסירט, אַז די אויסלענדישע אַרבעטער זאָלן האָבן בירגער־רעכט. איר צווייטער קאָנגרעס פון אַפּריל 1904 טראָגט אַרויס אַ רעזאָלוציע וואָס זאָגט:

„דער קאָנגרעס אָנערקענט די באַדערפעניש נישט נאָר צו ראַטן די אויסלענדישע אַרבעטער זיי זאָלן זיך נאַטוראַליזירן, נאָר אויך צו פירן אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די נאַטוראַליזאַציע זאָל נישט באַגעגענען קיין שטערונגען און זאָל קענען גרינג דערגרייכט ווערן".

אין שייכות די באַציאונגען צווישן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אוכעטע זענען זיי געווען נאָענטע, ווי דאָס איז צו זען פון אַ רעזאָלוציע, וואָס דער זעלבער צווייטער קאָנגרעס האָט אַרויסגעטראָגן וועגן 1טן מאַי:

„דער קאָנגרעס אָנערקענט די פייערונג פון 1טן מאַי אַלס אַ דאַטום באַשטימט פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט צו אונטערשטרייכן די קאָנדיציע פון אונטערדריקטן און עקספּלאָאַטירטן קלאַס; אונטערשטרייכן זיין פאָדערונג צו איינפירן אַן 8 שעהדיקן אַרבעס־טאָג און זיין כאַראַקטער פון פּראָטעסט קעגן מיליטאַריזם, און באַשטימט, אַז אוכעטע פייערט דעם 1טן מאַי אין איינקלאַנג מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".

לויט אַלפרעדאָ פערנאַנדעז אין זיין בוך „על מאָווימיענטאָ אָברעראָ ען לאַ אַרכענטינאַ" איז אוכעטע געווען אַ צווייג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און לויט זיין מיינונג נישט גינסטיק פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, ווייל חוץ דעם, וואָס אוכעטע האָט צוליב דעם נישט געהאַט „די כימפּאַטיע און דעם אָנשלוס פון די אַרבעטער, וואָס האָבן אַנדערש געדענקט, איז זי געזען געוואָרן פון דער רעגירונג ווי אַ קעגנערישער וואַל־כוח און האָט איר דערפאַר באַקעמפט מיט אַלע מיטלען".

לויט כאַסינטאָ אָדאָנע אין זיין בוך „היסטאָריאַ דעל סאָסיאַליסמאָ אַרכענטינאָ" איז אוכעטע, אין איר ערשטער עפּאָכע, געווען סאָציאַליסטיש און „פאַרשטאַנען די באַדערפעניש פון די אַרבעטער, חוץ דעם קאַמף פאַר פאַרבעסערונג אויפן עקאָנאָמישן פעלד, אויך צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף, נישט אַרויסלאָזנדיק פון אויג די בירגערישע אָבליגאַציעס אויסצופאָלגן אַלע געזעצן און סאַנקציעס אָנגענומענע דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס", און האָט דעריבער געראָטן די אַרבעטער צו באַטייליקן זיך אין די וואַל־קאַמפּאַניעס און שטימען פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, מיט וועמען אוכעטע האָט זיך אויך פאַרשטענדיקט ביים דורכפירן אַגיטאַציעס מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטער".

אוכעטע איז אין משך פון 3 יאָר אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקער אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט. אָנגעהויבן איר אַקטיוו אין 1903 מיט 41 אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן מיט 41 טויזנט 164 מיטגלידער, האָט זי — לויט אַ באַריכט אויף איר פערטן קאָנגרעס פון 1906 — רעפּרעזענטירט 55 אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן מיט 73 טויזנט 872 מיטגלידער — אַ כוח וואָס איז

זיך פונאַנדערגעוואקסן און דערגרייכט אין 1905 צו רעפּרעזענטירן 80 אָנ־געשלאָסענע סינדיקאַטן מיט 74 טויזנט 433 מיטגלידער און אין 1906 האָט שוין אוכעטע מיט זיך פאַרגעשטעלט 95 אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן מיט 102 טויזנט 586 מיטגלידער.

דאָס פונאַנדערוואקסן זיך פון דער אָרגאַניזאַציע האָט באַדייט דאָס פּר־באַנדערוואקסן זיך פון דער באַוועגונג, פון קאַמף, פון שטרייקן פאַר אַ קלע־נערן אַרבעטס־טאָג, פאַר אַ גרעסערן לוין און פאַר פאַרשיידענע אַנדערע פאַר־בעסערונגען, וואָס זענען צום גרעסטן טייל געוווּנען געוואָרן.

2. — אַרבעטס קאַמער

אוכעטע האָט אין דער עפּאָכע פון איר פונאַנדערוואקסן זיך אויך אויס־געשפּרייט אירע איניציאַטיוון און אַקטיוויטעטן אויף אַנדערע געביטן. דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער אַרבעטסקאַמער (קאַמאַראַ דע טראַבאַכאָ), וואָס אוכעטע האָט געשאַפן.

צו דער דערעפענונג פון דער אַרבעטסקאַמער דעם 29סטן יאַנואַר פון 1905, און דווקא אויף פלאָרידאַ, איז אפילו אַדורכגעפירט געוואָרן אַ גרוי־סע מאַניפעסטאַציע איבערן שטאָט, דאָס איז געווען איינע פון די זעלטענע אַרבעטער מאַניפעסטאַציעס, וואָס האָט נישט געטראָגן קיין פּראָטעסט־כאַ־ראַקטער, נאָר אַן אויסדרוק פון אייגענער שאַפונג פאַר אייגענע אינטערעסן.

עס זענען געווען די אויפגאַבן פון דער אַרבעטס־קאַמער: אַרבעט פאַר־מיטלונג, פּאַטראָניזירן די אַרבעטער אין אַלע זייערע לעבנס־אינטערעסן, פירן אַן אַקציע אויף אַלע פראָנטן פאַר אַ העכערן לעבנס ניוואָ פון די אַרבעטער, זאָרגן זיך פאַרן געזונט און פאַר דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער דערהויבונג פון די אַרבעטער, זען אַז די אַרבעט־געזעצן, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן שאַפן, זאָלן ווערן אויסגעפאָלגט און אַרויסרופן נייע געזעצן צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע קאָנדיציעס פון פּראָלעטאַריאַט.

צו די איניציאַטיוועס פון אוכעטע האָט אויך געהערט אַ פאַבריק פון סיגאַרעטן. צוליב וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט איין פּעזעדיקע אַקציעס אויף 6 פּראָצענט יערלעך רווח. אויף די דערעפענונג פון דער דאָזיקער פּראָלע־טאַרישער פאַבריק, אויף ריוואַדאַוויאָ 1958, דעם 30סטן אויגוסט פון 1904, איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ פייערלעכער מאַניפעסטאַציע פון פלאַסאַ קאָנ־סטיטוסיאָן ביז פלאַסאַ אָנסע.

די פאַבריק האָט אַרויסגעלאָזט סיגאַרעטן אונטער דריי מאַרקעס: „אַל־באַ", „פּראָלעטאַריאָס" און „פאַרוועניר". דעם ערשטן חודש האָט זי פאַר־קויפט 83 טויזנט פּעקלעך. אין 4 חדשים איז דער פאַרקויף געשטיגן אויף

144 טויזנט פּעקלעך אַ חודש. אויפן 9טן חודש האָט שוין דער פּאַרקויף געהאַלטן ביי 230 טויזנט פּעקלעך.

געוויינלעך גיט אַ פּראָלעטאַרישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג ווייניקער פּראָפיט, אָבער אַ פּראָפיט האָט די פאַבריק געגעבן און ער איז גוט צונוץ געקומען, דער עיקר אויף צו שטיצן שטרייקן.

3. — פעלד־אַרבעטער

צו יענעם פּעריאָד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג געהער אויך אַ קאָנגרעס צו אָרגאַניזירן די פעלד־אַרבעטער. די איניציאַטיוו האָט גענומען דער „קאָסמאָפּאָליטישער פאַריין“ פון פּאַראַנאַ, פּראָווינץ ענטרע ריאָס. עס זענען צו אים געוואָרן איינגעלאָדן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, סאָציאַליסטישע צענטערן און אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען געווען אין צפון פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס און אויפן דרום פון דער פּראָווינץ סאַנטאַפּע.

דער קאָנגרעס איז פאַרגעקומען אין פּערגאַמינאָ אין אויגוסט פון 1904. עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס פון סאַראַטע, קאַמפּאַנאַ, באַראַדערא, ראַזאַריע, סאַן ניקאָלאַס, פּאַראַנאַ, אַלסינא, פּערגאַמינאָ, כונין און פון לאַ פּלאַטאַ. צוזאַמען צוועלף אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געהאַט 3.400 מיטגלידער.

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען צו פאָרמירן אַ פעדעראַציע פון פעלד־אַרבעטער געגעבן זיך אָרגאַנישע פאָרמען, „באַדויערט די שפּאַלטונג (די עקזיסטענץ פון צוויי אַרבעטער צענטראַלעס) און האַלט זיך אָפּ פון ראַטן די אַנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס אַנצושליסן זיך אין וועלכער עס איז פון די צוויי צענטראַלעס, ביז וואַנען עס וועלן זיך נישט האָבן פאַראייניקט די כוחות אין איין איינציקער פעדעראַציע“ און נעמט אָן צו פירן אַ טעטיקייט לויט אַ דאָרפישן אַרבעט פּראָגראַם.

פון דעם פּראָגראַם טיילן זיך אויס פאָדערונגען באַלד צו דערגרייכן זיי אין דער פאָרם פון אַן איינגעשטעלטן אַרבעט רעגלאַמענט: אַרבעטסטאָג פון זון ביז זון מיט דריי שעה אָפּרו; אַ האַלבע שעה אויף פרישטיק; צוויי שעה מיטיק און אַ האַלבע שעה אויף מאַטע. דער לוין זאָל זיין פון 3 ביז 4 פּעזאָס אַ טאָג. אַזוי ווי די פעלד־אַרבעט איז געווען מיט עסן אויפן חשבון פון באַלעבאָס ווערט אָנגעוויזן וואָס פאַר אַן עסן עס זאָל זיין; אָפּשאַפן שטיקאַרבעט, אאַז״וו.

די פעדעראַציע פון די פעלד־אַרבעטער, וואָס איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר־

אין דעם אָרגאַניזירן זיך פון דער סאָציאַלער באַוועגונג פון די אַרבעטער אין לאַנד, באַדויערט די שוין פאַראַנענע שפּאַלטונג אין דער געשטאַלט פון דער פאָאַ און די אוכעטע, זי אַקצענטירט אָבער מיט זיך אַליין, אויב נישט שפּאַל־טונג, איז אומאייניקייט אין דער אַרבעטער באַוועגונג, בלייבנדיק אַליין אוי־סער ביידע צענטראַלעס און איז די ערשטע פון די אַזוי גערופענע „אויטאָ־נאָמישע" סינדיקאַטן, וואָס האָבן אַליין געשאַפן אַ מערצאָל און סומירט האָבן זיי פאַרמערט די מערצאָל פון נישט פאַרייניקטע און פון קעגנזעצלע־כע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַלגעמיינער ארבעטער און סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג אין לאַנד.

4. — פאָראַ

די פאָאַ, וואָס האָט אויף איר 4טן קאָנגרעס אין 1904 צוגעגעבן צו איר נאָמען דאָס וואָרט „רעכיאָנאַל" צו הייסן „פעדעראַסיאָן אָברערא רעכיאָנאַל אַרכענטינא", אָדער לויט די ערשטע אותיות פ.אָ.ר.אַ., האָט כסדר אונטער־געשטראָכן איר אַנאַרכיסטישע אָריענטאַציע ביז זי האָט אויף איר פינפטן קאָנגרעס אין אויגוסט פון 1905 אָנגענומען די פאָלגענדע דעקלאַראַציע, וועל־כע זי האָט מער קיינמאָל נישט געענדערט:

„דער פינפטער קאָנגרעס, קאָנסעקווענט מיט די פילאָזאָפישע פּרינציפּן, וואָס באַרעכטיקן דאָס זיין פון דער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פעדע־ראַציעס, דערקלערט, אַז ער נעמט אָן און רעקאָמענדירט אַלע זיינע אָנגע־שלאָסענע צו פירן די ברייטסטע פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג אין דעם זין צו באַאיינפלוסן די אַרבעטער מיט די עקאָנאָמיש־פילאָזאָפישע פּרינ־ציפּן פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם".

דאָס שאַרפע אונטערשטרייכן איין אָריענטאַציע, האָט נאָר געקענט זיין דורך דער באַזייטיקונג פון דער אָרגאַניזאַציע אַנדערע אָריענטאַציעס, וועמענס טרעגער עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין אַ צווייטער צענטראַלע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער „אוניאָן כענעראַל דע טראַבאַכאַדאָ־רעס", אָדער לויט די ערשטע אותיות — אוכעטע.

די אוכעטע האָט אָנגעהויבן און געלעבט אַ העלפט פון איר לעבן מיט אַן אויספּירלעך סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע און פירונג. זי האָט אָבער אין דער אַנדערער העלפט פון איר לעבן פאַרלאָזט די סאָציאַליסטישע אָריענ־טאַציע און אָנגענומען די סינדיקאַליסטישע.

5. — סינדיקאַליזם

די סינדיקאַליסטישע טעאָריע איז געקומען שפּעטער פון דער סאָציאַ־ליסטישער און אַנאַרכיסטישער, אָבער זי איז געקומען. אירע טעאָרעטיקער אין אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט זענען געווען סאָרעל אין פראַנקרייך; לאַבריאָלאַ אין איטאַליע און אַנדערע.

דער סינדיקאַליזם האָט אויסגעשלאָסן פּאָליטישע פּאַרטייען, פּאַרלאַ־מענטאַריזם, מלוכה־אָרגאַניזאַציע און האָט געזען די סאָציאַלע רעוואָלוציע נאָר דורך די סינדיקאַטן. דעם קאַפּיטאַליסטישן פּריוואַט אייגנטום פאַר־וואַנדלט מען אין אַ קאָלעקטיוון פון סינדיקאַט, ער פירט אָן מיט אַלע באַדער־פעניש פון זיינע מיטגלידער. דער סינדיקאַליזם שליסט אויס אַלע אומדי־רעקטע און אויסער סינדיקאַלע אַקציעס, מעגן זיי זיין לטובת דעם פּראָלע־טאַריאַט (וואָס ער האַלט נישט, אַז זיי זענען בכוח) און פירט נאָר סינדי־קאַלע דירעקטע אַקציעס, נישט צולאָזנדיק צו די סינדיקאַלע אַקציעס קיין מענטשן, וואָס זענען נישט קיין לוין־אַרבעטער, אויך נישט אַזוינע, וואָס זענען געוויילטע, אָדער נאָר קאַנדידאַטן געוויילט צו ווערן אין מלוכה־אינ־סטיטוציעס, ווי שטאָטראַט, פּאַרלאַמענט און אַזוי ווייטער.

פראַנציסקאָ קונעאָ למשל, אַ פּיאָנער און לאַנגיאָריקער פירער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, איז שפּעטער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אַ קאָנ־גרעס, צו וועלכן ער איז געקומען אַלס דעלעגאַט פון זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ קאַנדידאַט צו פּאַרלאַמענט־וואַלן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די סינדיקאַליסטישע אידעאָלאָגיע, אָריענטאַציע און מעטאָדיק האָט אין אַרגענטינע געפונען אירע ערשטע אָנהענגער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אָנהייבנדיק פון 1904 האָבן די סינדיקאַליסטן פאָרמירט גרופּעס אין די פּאַרטיי־צענטערן מיטן צוועק איבערצוקערן די גאַנצע פּאַרטיי צום סינדי־קאַליזם, זיי האָבן אויך אָנגעהויבן ווירקן אויף דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און נאַטירלעך אויף דער אוכעטע, וואָס איז געווען אידעאיש און פּרינ־ציפּיעל נאָענט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די סינדיקאַליסטן, וואָס אַמאָל מער אין צאָל, האָבן געפירט אין דער פּאַרטיי אַ גאַנץ העפטיקן קאַמף. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז דער זיבע־טער פּאַרטיי־קאָנגרעס, פאַרגעקומען אין כונין, אין יאָר 1906 זאָל אין משך פון פינף טעג צייט, אַרויסגערופן פון די סינדיקאַליסטן, דעבאַטירן וועגן פּאַר־לאַמענטאַריזם, מיליטאַריזם, פּאַטריאָטיזם, סאָציאַליזם, סינדיקאַליזם און

לידער־וועטעראַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי



ניקאָלאַס רעפּעטא

צום סוף פון דער דעבאַטע איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַזאַ רעזאָלוציע:

„דער זיבעטער קאָנגרעס וואָלט גערן געזען, אַז די גרופּע מיטגלידער סינדיקאַליסטן זאָלן זיך קאָנסטיטואירן אין אַן אויטאָנאָמישער פּאַרטיי מיטן צוועק צו עקספּערימענטירן זייער דאָקטרין און טאַקטיק".

די סינדיקאַליסטן זענען דורך דער דאָזיקער רעזאָלוציע אַוועק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; זיי האָבן מיטגענומען אַ סך מיטגלידער און גאַנצע צענטערן. דאָס איז געווען די ערשטע אָפּשפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. קיין „אויטאָנאָמישע פּאַרטיי" האָבן זיי נישט געגרינדעט, זייער „פּאַרטיי" איז געוואָרן די אוכעטע, אין וועלכער זיי האָבן שוין אויסגעאיבט אַ ווירקונג אויף אירע קאָנגרעסן נאָך בעת זיי זענען געווען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעם פּערטן קאָנגרעס פון אוכעטע, אין דעצעמבער פון 1906, האָבן שוין די סינדיקאַליסטן מאַיאָריזירט און עס איז געענדערט געוואָרן די אָריענטאַציע פון דער „אוכעטע" אויף אַ סינדיקאַליסטישער.

קאַפּיטל XXI

דער ערשטער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין אַרגענטינער פּאַרלאַמענט

1. — פּאַלאַסיאָס — דעפּוטאַט פון באָקאַ

אין יענעם סאָציאַל־פּאָליטישן מאָמענט אין לאַנד צווישן 1902 און 1906, האָט דער סאָציאַליזם דורכגעפירט אַ זיג אויפן פּאַרלאַמענטאַרישן פראָנט: צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון לאַנד איז אַריין אינעם אַרגענטינער לאַנד־קאָנגרעס אַ סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט פון בוענאָס איירעס.

ביי דער אין צאָל באַגרעניצטער באַפעלקערונג, ביי דער נאָך באַגרעניצטער צאָל וואַל־באַרעכטיקטע און ביי דעם נאָך מער באַגרעניצטן אינטערעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן צום פּאַרלאַמענט, איז געווען גענוג געווילט צו ווערן מיט אַזאַ נישטיקער צאָל שטימען, וואָס היינט זעט דאָס אויס אַ שפּאַס; דערצו האָט נאָך מיטגעהאָלפן דער דעמאָלטיקער וואַל־מאָדוס, לויט וועלכן יעדע וואַל־סעקציע פון שטאָט האָט באַזונדער געווילט איר דעפּוטאַט.

אויף אַזאַ אופן איז פאַר קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס געוויילט געוואָרן דעפּוטאַט דורך די וואַלן פון מערץ 1904; געוויילט געוואָרן אין דער 4טער וואַל־סעקציע (באָקאָ) דורך 840 שטימען, וואָס דאָס איז געווען די מערהייט שטימען אין יענער סעקציע.

די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט גערופן צו וואַלן די בירגער פון 9 וואַל־סעקציעס פון דער שטאָט בוענאָס איירעס אויף מערץ 1904 אויף צו ווילן 9 דעפּוטאַטן. צו איין דעפּוטאַט פון יעדער סעקציע.

האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אין הסכם מיט אירע פּרינציפּן זיך אויך פּרעזענטירט מיט איר פאָלגענדן קאַנדידאַטן־צעטל:

וואַל־קרייז:

2. ד״ר ענריקע דעל וואַזשע איבערלוסעאַ — אַדוואָקאַט.
4. ד״ר אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס — אַדוואָקאַט.
6. אַדריאַן פּאַטראָני — מאָלער.

8. פראַנציסקאָ קונעאָ — מעכאַניק.
10. ד״ר כואַן ב. כוסטאָ — מעדיקער.
12. וויקטאָר קוען — האַנדלס־אָנגעשטעלטער.
16. ענריקע דיקמאַן — סטודענט.
18. באַרטאַלאָ באָסיאָ — אַפּטייקער.
19. אַלעכאַנדראָ מאַנטעקאַן — אייבינדער.

די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן האָבן באַקומען: אין 2טן וואַל־קרייז — 39 שטימען; אין 4טן — 840; אין 6טן וואַל־קרייז — 14 שטימען; אין 8טן וואַל־קרייז — 119 שטימען; אין 10טן וואַל־קרייז — 110 שטימען; אין 12טן וואַל־קרייז — 18 שטימען; אין 16טן — 15 שטימען; אין 18טן — 17 שטימען און אין 19טן וואַל־קרייז — 82 שטימען.

דער 4טער וואַל־קרייז איז באָקאָ — אַ טיפּיש־אַרגענטינישער אַרבעטער צענטער, ווו נישט געקוקט אויף דער קאָרופּציע האָט די מערהייט געשטימט פאַרן סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט און דער קאַנדידאַט איז געווען דער יונגער און ריטערלעכער אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, וואָס האָט באַצויבערט די מאַסן מיט זיין אימפּאָזאַנטער און ראָמאַנטישער פיגור, מיט זיינע עלאָקווענטע, עלעקטריזירנדיקע רעדעס; מיט זיין רעבעלדישקייט (זיין דאָקטאָראַט טעזיס וועגן דער נויט איז פון דער אוניווערזיטעט יעראַרכיע אָפּגעוואָרפן געוואָרן איבער זיינע קאָנצעפּטן וועגן אַרבעט און אַרבעטער). פּאַלאַסיאָס איז געווען די באַגייסטערונג, די נשמה, פון די פאָלקס־מאַסן און פון דער שטודירנדיקער יוגנט. די גאַס ביי וועמען דער סאָציאַליזם איז נישט געווען אַזוי באַקאַנט, האָט דאָך אָנגערופן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי „על פּאַרטידאָ דע פּאַלאַסיאָס״.

דאָס אַריינקומען פון אַ סאָציאַליסט אין פּאַרלאַמענט איז געווען ווי אַ דורכברוך דעם סאָציאַל־פּאָליטישן פראָנט פון פריציש־קאַפּיטאַליסטישן קלאַס מיטן פּאַרלאַמענט אַלס זיינע אַ פעסטונג. דאָס האָט באַדייט אַ פּאָליטישע רע־וואָלוציע. דורך דעם איינציקן סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט האָט זיך איבערגע־טראָגן אין פּאַרלאַמענט אַריין דער אויפברויז פון די אַרבעטער, דער פּראָ־טעסט פון דער אַרבעטער באַוועגונג קעגן אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג; די פאָדערונגען פון אַרבעטער־קלאַס, זיינע שטרעבונגען, אַ נייער צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען. שוין ביים איינגלידערן זיך פון ערשטן סאָציאַליסטישן דע־פּוטאַט אין אַרגענטינער פּאַרלאַמענט איז דורכגעבראָכן געוואָרן אַ טראַדיציע קעגן פרייען געדאַנק — די שבועה פון די לעגיסלאַטאָרן פאַר „גאָט און פאַר די הייליקע עוואַנגעליעס״. פּאַלאַסיאָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שבועה, ער האָט אַרויסגערופן איבער דעם אַ גרויסע דעבאַטע אין פּאַרלאַמענט און

עס איז דערגרייכט געוואָרן, אַז די שבועה זאָל זיין ווי איינער וויל און עס איז אויך גוט אַ שבועה פאַרן פאָטערלאַנד, מעג זיין אָן גאָט און אָן הייליקע וואַנגעליעס, נאָר פאַר טריישאַפט צו דער אויפגאַבע פונעם לעגיסלאַטאָר.

דער אַריינקום פון סאָציאַליזם אין פאַרלאַמענט און דאָס קרעפטיקע פאַרגאַנדערוואַקסן זיך פון דער יונגער, קעמפערישער און זיגערישער אַרבעטער־באַוועגונג, נישט געקוקט אויף אירע אינערלעכע שאַטירונגען און רייסענישן, האָט נישט ווינציק באַאומרואיקט די פריציש־קאַפּיטאַליסטישע מאַכט. און אין דער זעלביקער צייט ווען מ׳האָט מאָביליזירט די עקאָנאָמישע און באַוואָפנטע קרעפטן קעגן די קעמפנדיקע אַרבעטער אויף דער גאַס, אין פאַבריקן און וואַרשטאַטן; אין שטאָט און אין דאָרף, איז מען אויפן פאַרלאַמענטאַריש־געזעצגעבערישן פעלד פאַרלאָפן דעם וועג מיט כלומרשטע אַרבעט געזעץ־פּראָיעקטן.

דעם 1טן מאַי 1904 איז דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט מיט אַ גאַנצן עפנטלעך באַקאַנטן פּראָגראַם אַריין אין פאַרלאַמענט און דעם 6טן מאַי האָט שוין די רעגירונג אַריינגעטראָגן אַ פּראָיעקט פון אַן אַרבעט־געזעץ, אַ פּראָיעקט, וועלכער האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַ שאַרפע אַלגעמיינע באַוועגונג פון די אַרבעטער, פון זייערע אַלע אָרגאַניזירטע און אַקטיווע סעקטאָרן, מחמת דאָס איינציקע פּאָזיטיווע, פון וואָס דער פאַרלאַמענט האָט שפּעטער אויסגעאַרבעט אַ געזעץ פון אַ באַשרענקטן זונטיק־רו, איז געווען אַרומגענומען מיט נעגאַציעס קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, רעפּרעסיעס, פאַרבאָטונגען און פאַרפאָלגונגען — אַ גאַנצער שטראָף־קאָדעקס קעגן שטרייקן, קעגן באָיקאָט און פאַר שטרייק־ברעכעריי, וואָס דער פּראָיעקט האָט אָנגערופן מיטן שיינעם נאָמען „פרייהייט פון אַרבעט״.

2 — ערשטע סאָציאַליסטישע געזעצן און אַרבעט אין פאַרלאַמענט

אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס אַלס סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט איז אַריין אינעם אַרגענטינער לאַנד־קאָנגרעס מיט אַ וואַל־פּלאַטפאָרם, און מיט אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס דאָס איז אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך ביי סאָציאַליסטן ווי אַ פּרינציפּיעלע און פאַרוואָס עס ווערט עפנטלעך פּראָפּאַגאַנדירט אומאָפּהענגיק פון דער דערוויילונג פונעם קאַנדידאַט אָדער פון זיין דורכפאַל.

וועלן מיר דאָ נאָר דערמאָנען וואָס דער איינציקער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין איין טייל פונעם פאַרלאַמענט האָט אויפגעטאָן אין הסכם מיט זיין מאַנדאַט:

ער האָט פּראָיעקטירט און דער פּאַרלאַמענט האָט סאַנקציאָנירט די פאָלגענדע געזעצן:

פּראָגרעסיווער שטייער אויף ירושות.
זונטיק־רו, אָדער איין טאָג רו אין דער וואָך.
פאַרווערן שטייער אויפן וואַסער־קאָנסום אין דער קאָנווענטיזשאָ.
באַפרייען פון צאָלן פּאַטענט די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוועס.
שיצן און רעגלאַמענטירן די אַרבעט פון פרויען און קינדער.



אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס

פאַרווערן דעם פרויען־האַנדל (קאָנטראַ לאַ טראַטאַ דע בלאַנקאַס).
די סאַנקציעס זענען נישט דאָס זעלביקע ווי די פּראָיעקטן, אָבער עפּעס בלייבט דאָך פון די פּראָיעקטן אין די געזעצן.
און אָט איז אַ ציקל פון געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס פּאַלאַסיאָס האָט אַרייַנגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט און וואָס זענען אין זיינע פּאַרלאַמענטאַרישע פיר יאָר געבליבן אין פּאַרלאַמענט פּראָיעקטן:
אָפּשאַפן דעם רעזידענץ־געזעץ — נומער 4144.
באַגרעניצן די יוריסדיקציע פון דער פּאָליציי.
איינשטעלן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג.
אָפּשאַפן טויטשטראָף.
איינשטעלן אַ גרויסן פּאַטענט אויף שענקן און פאַרווערן די פאַבריקאַציע און דעם פאַרקויף פון „אַכענכאַ״.
רעכט צו גטן זיך.
פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די באַלעבאַטים אין די אַקצידענטן ביי דער אַרבעט.
פאַרקלענערן דעם שטייער אויף אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

פּאַלאַסיאָס אַלס גרויסער און דער גרעסטער טריבון פון לאַנד, האָט נישט אויסגעמיטן די פּאַרלאַמענט־סעסיעס אַלס טריבונע צו לאָזן הערן דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט, קריטיק און שטעלונג צו אַלע ענינים, שריט און געשעענישן און ווען שוין צום סוף פון זיין דעפּוטאַטישן פּעריאָד אין 1908סטן יאָר איז די רעגירונג פון פּרעזידענט פיגעראָאַ אַלקאָרטאַ געווען אין פאַרדראָס אויפן פּאַרלאַמענט, וואָס האָט נישט סאַנקציאָנירט זיין בודזשעטפּראָיעקט און ער האָט דעם פּאַרלאַמענט געשלאָסן און אָוועקגעשטעלט ביי די פאַרמאַכטע טירן באַוואָפנטע קרעפטן, האָט פּאַלאַסיאָס נאָך אַלס דעפּוטאַט פאַרעפנטלעכט אַ מאַניפעסט וואָס דערקלערט:
„אין מיין כאַראַקטער אַלס רעפּרעזענטאַנט פון פאָלק, געשיקט אין קאָנגרעס פון אַ פּאַרטיי מיט פּרינציפּן, וואָס האָט באַזייטיקט פון די וואַלן די קליינלעכקייט און מיר איבערגעגעבן אַ ריינעם דיפּלאָם, פּראָטעסטיר איך קעגן דעם אַטענטאַט פון דער רעגירונג וואָס נעמט זיך די סומע פון די עפנטלעכע מאַכטן מיטן שליסן דעם פּאַרלאַמענט. וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען די שטעלונג פונעם קאָנגרעס, קאָן נישט די רעגירונג זיין דער ריכטער פון זיינע אַקטן נישט אַנגרייפנדיק די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע, וואָס דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק דאַרף זיין דער ערשטער זי צו רעספּעקטירן. מיר האָבן צו לאַנגזאַם פּראָגרעסירט, ווייל די גוואַלדזאַמקייט, באַזונדערס די קאָלעקטיווע האָט כאַראַקטעריזירט אונדזער אומאָרגאַנישער דעמאָקראַטיע פאַר־

שטומפּעדיק די פּאָפּולערע ענערגיעס. די דאָזיקע רעבעליאָנעס זענען גע־קומען פון אונטן און מיר האָבן קיין רעכט נישט זיי צו באַקעמפן ווען, ווי איצטער, אָרגאַניזירט זיך די גוואַלדזאַמקייט פון אויבן. עס איז אַ היסטאָ־רישער געזעץ, אַז גוואַלד ברענגט גוואַלד. מיין ווידערווילן קעגן דער פון אונטן ווייל זי שאַפט גאָרנישט קיין סטאַבילעס, אָבער מיין מער ענערגישער ווידערווילן קעגן דער פון אויבן, וואָס איז באַוווסטזיניקער און דעריבער גע־פערלעכער.

מיין קול אַלס רעפּרעזענטאַנט פון פאָלק איז דערשטיקט געוואָרן דורך דער גוואַלד פון דער רעגירונג, וואָס האָט צעבראָכן די לעגאַליטעט, זאָל קאָנ־סטאַטירט זיין מיין פּראָטעסט. — אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס״.

3 — די פּאַרלאַמענט־וואַלן פון 1908

אין דעם זעלביקן יאָר, ווען די רעגירונג פון פיגעראָאַ אַלקאָרטאַ האָט געשלאָסן דעם פּאַרלאַמענט, האָט די זעלביקע רעגירונג געמוזט רופן, לויט דער קאָנסטיטוציע, צו וואַלן צו באַנייען מיט אַ העלפט דעם באַשטאַנד פון דער דעפּוטאַטן־קאַמער. די שטאָט בוענאָס איירעס האָט געדאַרפט וויילן עלף דעפּוטאַטן. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך סיסטעמאַטיש פּרעזענ־טירט. זי האָט אַרויסגעשטעלט איר פאָלגענדן וואַלצעטל, אין וועלכן עס זע־נען שוין אַריין נייע אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך צוגע־שטעלט צו די פריערדיקע.

אָט איז דער וואַל־צעטל:

אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

נאַציאָנאַלע לעגיסלאַטיווע וואַלן פון 8טן מערץ 1908

קאַנדידאַטן פאַר דעפּוטאַטן

ד״ר אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס

אַלעכסאַנדראָ מאַנטעקאָן

ד״ר כואַן ב. כוסטאָ

אַנטאָניאָ זאַקאַניני

ד״ר ניקאָלאַס רעפּעטאָ

גרעגאָריאָ ר. פּינטאָ

ד״ר מאַריאָ בראַוואָ

פּראַנציסקאָ קוענאָ

ד״ר ע. דעל וואַזשע איבערלוסעאַ

כאָסע בלאַנקאָ

ד״ר ענריקע דיקמאַן.

עס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן אין די 20 וואַל־קרייזן פון דער שטאָט בוענאָס איירעס 26.283 וויילער. די וואַלן זענען געווען באַשווינדל־טע. די רעגירונגס־פּאַרטיי וואָס האָט אין יענעם יאָר געהייסן „פּאַרטידאָ או־טאָנאָמיסטאַ נאַסיאָנאַל״ האָט געציילט 15.115 שטימען; די סאָציאַליסטי־שע פּאַרטיי 7462 שטימען. לויט דער צאָל שטימען איז די סאָציאַליסטישע שוין געווען די ערשטע נאָך דער אָפּיציעזער און איז דורכגעפאַלן. דער וואַל־מאָדוס איז געווען פון גאַנצן דיסטריקט. געוויילט געוואָרן זענען נאָר די פון דער מערהייט.

קאַפּיטל XXII

די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַנגריף

1 — ערשטער מאַי 1904

אין די אויגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע איז די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג געוואַקסן מיט אַן אַלאַרמירנדיקן טעמפּאָ און די עפּנטלעכע מאַכט איר צו דינסט איז אַרויס אין אַנגריף.

ס'איז געגאַנג געווען דער קלענסטער אינצידענט פון אומפּאַרזיכטיקייט אָדער פּראָוואָקאַציע, אַז עס זאָל זיך גיסן בלוט אין די גאַסן.

דעם 1טן מאַי 1904 זענען געגאַנגען פּאַראַלעל צוויי באַזונדערע מאַ־ניפעסטאַציעס איבער די צענטראַלע גאַסן פון בוענאָס איירעס. איינע די סאָציאַליסטישע פון פּלאַסאַ קאָנסטיטוסיאָן ביז פּלאַסאַ קאָלאָן, די צווייטע די אַנאַרכיסטישע, אָדער פון דער פּאַראַ — פון פּלאַסאַ לאַריאַ (היינט: פּלאַ־סאַ קאָנגרעסאָ) ביז פּלאַסאַ מאַזיני, איז איבער עפּעס אַן אינצידענט, בעת די מאַניפעסטאַציע האָט זיך געפונען אויף פּאַסעאָ דע כוליאָ (היינט: אַלעם) צווישן וויאַמאָנטע און קאָרדאָבאַ, די פּאָליציי אָנגעפאַלן און אויסער אַנדערע קאָנסעקווענצן זענען געבליבן אויפן אָרט פון דער מאַניפעסטאַציע צוויי טויטע און 24 פאַרוווּנדעטע.

2 — בלוט אויף די גאַסן פון ראָזאַריאָ

אין דעם זעלביקן יאָר, דעם 22סטן נאָוועמבער האָבן זיך אין ראָזאַריאָ פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט אַרבעטער אין שטרייק אין די עלעקטרישע פאַבריקן און אין אַנדערע פאַכן, וווּ אַהין די רעגירונג האָט געשיקט פון בוע־נאָס איירעס מיליטער פאַר שטרייקברעכער.

די דאָזיקע פאַרזאַמלונג איז פון דער פּאָליציי צעשטערט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז די שטיינער האָבן זיך געוואַשן אין בלוט.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אַרויס מיט אַן ענערגישן פּראָטעסט־מאַניפעסט:

„די אַרגענטינער רעגירונג וויל פאַרגוואַלטיקן אונדזערע רעכטן, אַוועק־רייסן דעם אַרבעטער פון וואַרשטאַט און פון דער פאַמיליע אונטער דעם

אויסרייד פון אַ פאַלשער דעפענסע פון אַ פאַלשן פאַטריאָטיזם. פאַרוואַנדלט זיך אויך אין אַן עמפּרעסע פון שטרייקברעכער צו פאַרבייטן די שטרייקנ־דיקע.

איר פּאָליצײַ און איר אַרמיי פּרעטענדירן אומזיניק צו שטערן אונדזער אַקציע. עקזאַלטירט די געמיטער און פּראָוואָצירט קאָנפליקטן. דאָס איז איר נויטיק צוליב גוואַלדזאַמע רעפּרעסיעס.

די פּאַמפּאַ־האָרדעס פון ראָזאַריע האָבן געבראַכט פאַר אַ קרבן דאָס לעבן פון חברים.

מיר פּראָטעסטירן און פאַרדאַמען די בלוטיקע איבערפאַלן, וואָס פּרע־טענדירן צו ווערן אַ סיסטעם".

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט גערופן אַ פּראָטעסט מיטינג אויף דעם 27סטן נאָוועמבער. די פּאָליצײַ שעפאַטור האָט אים פאַרבאָטן. די פּאַראַ האָט דערקלערט אַ גענעראַל־שטרייק. נישט געקוקט אויף די אידעאָלאָגישע און אַנדערע קעגנזאַצן צווישן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די אַנאַר־כיסטישע פּאַראַ, דערקלערט די פּאַרטיי איר אָנשלוס אין דערקלערטן גענע־ראַל־שטרייק פון דער פּאַראַ און רופט אויך אין איר נאָמען די אַרבעטער צו וואַרפן די אַרבעט אויס פּראָטעסט קעגן די איבערגעחזרטע בלוטיקע אָנ־פאַלן. דער גענעראַל־שטרייק ווערט דורכגעפירט אייניציייטיק אין בוענאָס איירעס און ראָזאַריע דעם 1טן און 2טן דעצעמבער 1904. עס איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע. די גאַנצע אַרבעט און דער האַנדל איז געווען פּאַראַליזירט.

3 — באַלאַגערונגס צושטאַנד

די רעגירונג אין אירע אַטאַקעס אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעכאַפּט נישט נאָר אין עקסטרעמיסטישע שריט פון אַן אַרבעטער סעקטאָר. זי האָט זיך אויך געוואָרפן אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַלן, צו וועלכע די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס האָבן קיין שייכות נישט גע־האַט און האָבן דאָס עפנטלעך דערקלערט.

אַזאַ פאַל איז געווען מיטן אויפשטאַנד פון די ראַדיקאַלן דעם 4טן פעברואַר 1905.

אין טאָג פון אויפשטאַנד איז געוואָרן דערקלערט באַלאַגערונגס־צו־שטאַנד און דאָס ערשטע וואַרפט מען זיך אויף דער אַרבעטער באַוועגונג: מען שליסט אַלע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע לאָקאַלן. מען קאָנפיסקירט און מען שטעלט אָפּ די אַרבעטער פּרעסע. מען רייסט זיך אַריין אין אַרבע־

טער ווינונגען. אַרבעטער ווערן מאַסנווייז אַרעסטירט, געשליידערט אין די תפיסות, אויף קריגס־שיפן, און אַ סך ווערן דעפּאָרטירט.

עס זענען דעמאָלט געשטאַנען אין שטרייק די אַרבעטער פון דער דרום־באַן, חוץ די שטרייקן אין בוענאָס איירעס פון אַלפּאַרגאַטן־אַרבעטער, מעטאַליסטן, זעגער, טאַפּיצירער און פון אַנדערע פאַכן. מען האָט ליידנשאַפטלעך געוואָלט דערשטיקן די שטרייק־באַוועגונג, אָן באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן, און דער אומבאַהאָלפענער ראַדיקאַלער אויפשטאַנד, וועלכער איז איינס און צוויי דערשטיקט געוואָרן איז געווען דער געווונטשענער אויסרייד צו דערקלערן באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

און דער דאָזיקער באַלאַגערונגס צושטאַנד איז דערקלערט געוואָרן אויף גאַנצע דריי חדשים און דווקא ביז דעם 5טן מאַי, כדי אויך שוין צו צעשטערן די 1טע מאַי פייערונג.

אויף דעם 7טן מאַי האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי באַשטימט אַ פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע.

4 — פאַרווערט די רויטע פאָן

די רעגירונג, וואָס האָט קעגנאיבער דעם אַרבעטער־קלאַס רעגירט פּאָליצייאיש און דורך דער פּאָליציי, האָט נישט געהאַט קיין מאָטיוו צו פאַרבאָטן די מאַניפעסטאַציע, האָט זי אַרויסגעשטעלט אַ נייעם פאַרבאָט — קעגן דער רויטער פאָן.

צום ערשטן מאָל, אַז עס איז פאַרבאָטן געוואָרן די רויטע פאָן אויף עפנטלעכע אַקטן. מען האָט אוודאי געמיינט, אַז מ׳וועט פאַרבאָטן אַרויסטראָגן די רויטע פאָן וועט מען זיך אָפּזאָגן פון דער מאַניפעסטאַציע, אָבער מען האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט, פאַרקערט מ׳האָט געזוכט זי זאָל זיין געוויס אימפּאָנענט אָן דער רויטער פאָן. עס איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, די פאָראַ, די אוכעטע און די קאָנפעדעראַציע פון די האַנדלס־אַנגעשטעלטע און מען האָט די מאַניפעסטאַציע דורכגעפירט געמיינזאַם דעם 21סטן מאַי 1905.

דער ריזיקער מאַרשרוט איז אַרויס פון פּלאַסאַ קאָנסטיטוסיאָן צו פּלאַסאַ לאַוואַזשע. אָבער אויך די דאָזיקע מאַניפעסטאַציע איז נישט אַראָפּ אָן בלוט־פאַרגיסונג. שוין אויפן וועג זענען פאָרגעקומען אינצידענטן מיט דער פּאָליציי. פּלאַסאַ לאַוואַזשע איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטאַרק באַוואָפנטער פוסגייער און רייטער פּאָליציי און ווי דאָס וואָלט נאָך געווען ווייניק, האָט מען אויך צוגעשיקט דעם קאָרפּוס פייערלעשער, וואָס איז שוין אויך

דעמאָלט גענוצט געוואָרן פאַר פּאָליציי אין אויסערגעוויינטלעכע פאַלן, באַלד ווי די מאַניפעסטאַנטן האָבן אָנגעפילט די פּלאַסאַ און איבער דעם ים קעפ האָט זיך אויפגעהויבן פראַנציסקאָ קונעאַ אַלס ערשטער רעדנער אין נאָמען פון אוכעטע, האָט עמיצער אַרויפגעצויגן אויף אַ האַנט שטעקן אַ רויט טיכל און פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּגערעדטער סיגנאַל האָט זיך די פּאָליציי מיט אַנטבלויזטע שווערדן און פייער־געווער אַ וואָרף געטאָן אויף דער פאַרזאַמלטער מאַסע.

ווען די פּלאַסאַ איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן אָפּגערייניקט, זענען געבליבן פון דעם איבערפאַל צוויי טויטע און צוואַנציק פאַרוווּנדעטע.

5 — ווידער באַלאַגערונגס צושטאַנד

אין דעם זעלביקן יאָר אין אָקטאָבער איז נאָך אַמאָל דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד אויף אַ צייט פון דריי חדשים און איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס מאָל איז דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד דערקלערט געוואָרן דירעקט קעגן דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג.

די פּאָרט און דאָק־אַרבעטער פון בוענאָס איירעס זענען אַרויס אין שטרייק פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען. דער שטרייק האָט באַלד אַרומגעכאַפּט אַלע פּאָרטן פון לאַנד און אויך די באַן־אַרבעטער פון ראָזאַריע. דער שטרייק איז געווען אַ רואיקער. נישט געווען קיין אינצידענטן צווישן שטרייקנדיקע און שטרייקברעכער, ווייל עס איז געווען אייניקייט און סאָלידאַריטעט און זיכערקייט, אָבער גראָד דאָס האָט צום מיינסטן געערגערט און אויפגעטראָגן די קאַפּיטאַליסטן, ספּעציעל יענע, וועמענס פּראָפיט־אינטערעסן עס זענען פון דעם שטרייק דירעקט באַרירט געוואָרן. זיי זענען געשטאַנען פאַר דער אַלטערנאַטיוו: נאָכגעבן, אָדער אַרויספאָדערן די רעגירונג צו אַטאַקירן די באַוועגונג. און זיי האָבן באַשלאָסן דאָס צווייטע.

באַלד איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד, מחמת נאָר אונטער אַזאַ צושטאַנד האָט די רעגירונג זיך דערלויבט יענע אַלע גוואַלדזאַמע מעשים, וואָס די קאָנסטיטוציע און די געזעצן האָבן נישט דערלויבט. די באַלעבאַטים האָבן אויסגעפירט זייערס, דער עקאָנאָמישער שטרייק פון די פּאָרט און דאָק אַרבעטער איז געוואָרן דערשטיקט, פאַרשפּילט, אָבער דאָס מאָל האָט די אַרבעטער־באַוועגונג געענטפערט מיט אַ גענעראַל־שטרייק, נישט געקוקט אויפן באַלאַגערונגס־צושטאַנד. דעם גענעראַל־שטרייק האָבן דערקלערט ביידע אַרבעטער צענטראַלעס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געמיינזאַם.

אַ מאַניפעסט צום שטרייק, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט ענדיקט זיך אַזוי:

„חברים און אַרבעטער: זאָלן מיר אונטערהאַלטן די זאַך פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער צו ראַטעווען דעם גורל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, און זאָלן מיר אָנהאַלטן דעם גענעראַל־שטרייק נישט געקוקט אויפן באַלאַגערונגס־צושטאַנד, כדי צונישט צו מאַכן דעם צוועק פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג — אויספיר־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי".

דער זעלביקער קאָמיטעט האָט באַלד אָװעקגעשיקט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט געהאַט זיין סעקרעטאַריאַט אין בריסל די פאָלגענדע טעלעגראַמע:

„די רעגירונג האָט גוואַלדזאַם דערשטיקט דעם דאָקער שטרייק. ס'איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונג צושטאַנד אויף דריי חדשים. מיר בעטן סאָלידאַריטעט פון די אייראָפּעאישע דאָקערס".

6 — אין באַהיאַ בלאַנקאַ 1907

אין יולי פון 1907 זענען די פּאָרט־אַרבעטער פון באַהיאַ בלאַנקאַ אין שטרייק, זיי פאַרזאַמלען זיך און אויף איינער פון אַזאַ פאַרזאַמלונג קומט אַ פּיקעט מאַטראָסן און אונטער דער געהעריקער קאָמאַנדע ווערט אָפּגעפייערט אויף דער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג און עס פאַלן טויט זעקס אַרבעטער און אַ 12 יאָריק קינד פון אַן אַרבעטער און 24 ווערן שווער פאַרוואונדעט. די אינעוויי־ניקסטע ווענט פון פאָלקס־הויז, ווו די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, זענען ווי אַ זיפּ געלעכערט געוואָרן פון די קוילן און דער פּאָל האָט זיך געוואַשן אין בלוט.

ביידע צענטראַלעס, פאָראַ און אוכעטע האָבן געמיינזאַם דערקלערט און דורכגעפירט אַ גענעראַל־שטרייק. אין דער זעלביקער צייט האָט דער איינציקער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, אַלפרעדאָ פּאַלאַסיאָס, אינטערפּעלירט דעם פלאָט־מיניסטער וועגן דער שחיטה אין באַהיאַ בלאַנקאַ (פּאָרט אינכעניעראָ וויטע), און געפאָדערט דער קאָמאַנדאַנט זאָל אָראָפּגע־זעצט ווערן. אַזוי איז דאָס געשען.

7 — ערשטער מאי אין בוענאָס איירעס 1909

אין 1909 האָט די רעגירונג פון פיגעראָאַ אַלקאָרטאַ זיך ערשט אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דעם 1טן מאַי גייען צוויי מאַניפעסטאַציעס: אַ סאָציאַליסטישע, וועל־



אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע 1טער מאַי־מאַניפעסטאַציע, ב״א 1909. רעכטס די פאָן פון „אַוואַנגאַרד״.

כע גייט אַרויס פֿון פֿלאַסאַ קאָנסטיטוסיאָן — די פֿלאַסאַ פֿון שטענדיקע סאָציאַליסטישע אַרויסמאַרשן — און פֿון דער אַנאַרכיסטישער פּאַראַ, וועלכע גייט אַרויס פֿון פֿלאַסאַ לאַריאַ — די פֿלאַסאַ פֿון פּאַראַס שטענדיקע אַרויסמאַרשן. בעת די סאָציאַליסטישע מאַניפֿעסטאַציע מיט אַ וואַלד רויטע פֿענער און מונטער אונטער מוזיק און געזאַנג פֿון אַרבעטער הימנען, האָט מאַרשירט איבער לימאַ אין דער ריכטונג צו פֿלאַסאַ קאַלאָן, איז אַנטקעגנגעלאָפֿן אַ פּאַרצאַרנטע מאַסע מיט אויפֿגעהויבענע טיכלעך, פֿון וועלכע עס האָט געטריפֿט בלוט!... אַ פּאָליציי עסקוואַדראָן האָט אַטאַקירט די פּאַראַ־מאַניפֿעסטאַציע און אונטער דעם פֿייער־האָגל פֿון קוילן און דעם געהאַק פֿון שווערדן זענען אויפֿן אָרט דערהרגעט געוואָרן אַכט אַרבעטער און איבער פֿערציק שווער פֿאַרוואונדעט.

די סאָציאַליסטישע מאַניפֿעסטאַציע האָט נישט אָפּגעשטעלט איר מאַרש־פּאַרויס. אין אירע רייען האָט זי אַריינגענומען די צעשטערטע מאַניפֿעסטאַציע פֿון דער פּאַראַ און מיט אַנטבלויזטע קעפּ פֿאַר די געפֿאַלענע קרבנות, ווייטער געגאַנגען אויף איר אָנגעצייכנטן וועג, ביז פֿלאַסאַ קאָלאָן, אין פֿראָנט פֿון רעגירונגס־הויז און דאָרט פֿון דער טריבונע איז דערקלערט געוואָרן דער צער און צאָרנדיקער פּראָטעסט און עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ גענעראַל־שטרייק.

פּאַראַ און אוכעטע און די אויטאָנאָמע סינדיקאַטן האָבן זיך נאַטירלעך באַלד אָנגעשלאָסן אין דעם גענעראַל־שטרייק, וואָס האָט פּאַראַליזירט די שטאָט און דאָס לאַנד אויף גאַנצע אַכט בלוטיקע טעג מיט אַ סך פּראָוואָקאַציעס, אַ סך קרבנות און נאָך מער העראָאישקייט פֿון די אַרבעטער. דער גענעראַל־שטרייק, געפֿירט פֿון אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט, אין וועלכן ס'איז אויך אָנגעשלאָסן געוואָרן אַ געמיינזאַמער קאָמיטעט פֿון יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, איז ערשט דערקלערט געוואָרן פֿאַר געענדיקט אויף דער קאָנדיציע פֿון פֿאָדערונגען וועלכע דער פּאַרזיצער פֿון סענאַט, ד״ר בעניטאָ ווייזשאַנועוואַ האָט אין נאָמען פֿון מלוכה־פּרעזידענט דערקלערט פֿאַר נאָכגעגעבן.

8 — אַטאַקע אויף פּאָרגעשריטענע אידעען

נאָך דער „מאַי־וואָך״ איז אָבער נישט געוואָרן אָפּגעקילט אין דער אַרבעטער־מאַסע אַ ברענענדיקער נקמה־געפֿיל פֿאַר די אומגעקומענע. דער דאָזיקער געפֿיל איז אויסגעבראָכן אין אַן אַטענטאַט דעם 14טן נאָוועמבער 1909 אויפֿן פּאָליציי־שעף קאָראָנעל ראַמאָן ל. פֿאַלקאָן. עס האָט דעם אַטענטאַט, מיט אַ דינאַמיט באָמבע, אויסגעפֿירט אינדיווידועל, דער יידישער

אַנאַרכיסטישער יונגער אַרבעטער, סימאָן ראַדאָוויצקי, ער איז אויפן אָרט געוואָרן אַרעסטירט.

כאָטש עס איז אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן אויסגעפירט געוואָרן אַ קאָלעקטיווער נקמה־געפיל, איז דאָך דער אַקט געווען אַן אינדיווידועלער. דאָס איז געווען גענוג קלאָר, דאָך האָט די רעגירונג ווידער דערקלערט באַלאַגערונג־צושטאַנד אויף צוויי חדשים און איבערן גאַנצן לאַנד.

סאָציאַליסטישער פירער, דיכטער און פובליציסט

מאַריא בראַווא

זענען דאָס געווען צוויי חדשים מיט פאַרמעסט אויסצוראָטן די אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס שליסן אַלע אַרבעטער צענטערן אָן אונטערשיד פון ריכטונג, די מאַסן־אַרעסטן, מאַסן דעפּאָרטאַציעס, זענען געווען פון די מילדע אַקציעס פון דער אָפיציעלער רעאַקציע. עס איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ געיעג נישט אויסמיידנדיק פּאָגראָם־מעשים אויף דער יידישער און אַרבעטער גאַס; אויף אַלע וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן אין טרעגער פון „אידעאַס אַוואַנסאַדאַס״ (פאָרגעשריטענע אידעען).

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט איבערגעטראָגן אויך די דאָזיקע אַטאַקע און איז ווייטער געגאַנגען איר וועג.

9 — אין 1910 — הונדערט יאָריקער יובילײ פון דער מאַי־רעוואָלוציע

עס האָט זיך דערנענטערט דאָס יאָר 1910.

מען האָט זיך מיט גרויס פאַרנעם געגרייט צו פייערן דעם הונדערט־יאָריקן יובילײ פון דער מאַי־רעוואָלוציע, וואָס האָט באַפרייט דאָס לאַנד פון שפּאַנישן קאָלאָניאַלן יאָך. עס איז אַ סך געבויט געוואָרן. די גאַנצע עקאָנאָמישע מאַשין האָט געקלאַפּט. עס האָט געיאָגט די אַרבעט. מען האָט געצאַרבעט איבערשעהן, טורנעס. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט פאַרנאַכלעסיקט דעם גינסטיקן עקאָנאָמישן מאָמענט צו פאָדערן פאַרבעסערונגען, וואָס זענען אין גוטן מוט נישט נאָכגעגעבן געוואָרן.

עס האָבן זיך אויפגעהויבן שטרייק־כוואַליעס. מען האָט געשטרייקט אין אַלע פאַכן און געזיגט.

עס זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן גראַנדיעזע מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס פאַר פּאָליטישע פאָדערונגען. ס׳איז אויסגעפירט געוואָרן צו בייטן תפיסה פערסאָנאַלן פאַר זייער ברוטאַלער באַהאַנדלונג קעגן די אַרעסטירטע אַרבעטער. עס איז געפאָדערט געוואָרן ביי דער רעגירונג:

אָפּשאַפן דעם רעזידענץ־געזעץ;

באַפרייען די אַרעסטירטע און פאַרצעסירטע פאַר סאָציאַלע ענינים;

אַמניסטיע פאַר יענע וואָס זענען עובר געווען אויף מיליטער־געזעצן און דעזערטירטע.

וואָלט דאָך געווען רעכט די אַלע פאָדערונגען צו אָנערקענען לכבוד דעם פרייהייט יום־טוב פון לאַנד, אָבער מען האָט זיי נישט אָנערקענט און די אַרבעטער צענטראַלעס האָבן דערקלערט אַ גענעראַל־שטרייק אויף דעם 18טן מאַי — אַ וואָך פאַרן יאָרטאָג פון דער מאַי־רעוואָלוציע.

אויף אַ מיטינג פון פופציק טויזנט אַרבעטער איז דער באַשלוס פּראָקלאַמירט געוואָרן.

די רעגירונג האָט שוין צום דריטן מאָל געענטפערט מיט באַלאַגערונגס־צושטאַנד דורך אַ דעקרעט פון 14טן מאַי,, דאָס מאָל אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. אין דער נאַכט פון 14טן אויפן 15טן מאַי איז דאָס אַלץ וואָס האָט געטראָגן „פאַרגעשריטענע אידעען" געוואָרן פאַגראָמירט. אונטער דער שוץ פון דער באַוואָפנטער מאַכט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטאָט אַ צעגהוליעטע „שטודירנדיקע יוגנט" און „פּאַטריאָטישע" האָרדעס און האָבן אונטערגעצונדן די דרוקעריי פון דער אַנאַרכיסטישער „לאַ פּראָטעסטאַ", צעבראָכן און צעניששטערט די דרוקעריי און פאַרלאַג פון דער סאָציאַליסטישער

„לאַ וואַנגוואַרדיאַ״, פּאַגראַמירט אויף לאַ פּאַז די לאָקאַלן פון די יידישע סאָ־ציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס „אַוואַנגאַרד״ און „ביבליאָטעקא רוסאַ״; טייל ביכער צעריסן אויפן אָרט און די איבעריקע אַרויסגעטראָגן אויף פּלאַסא קאָנגרעסאָ און געמאַכט פון זיי אַ שייטערהויפן און פאַרברענט; עס זענען איבערגעפאַלן און פּאָגראָמירט געוואָרן די לאָקאַלן פון פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען פון קולטורעלע און פון קעגנזייטיקער הילף־אינסטיטוציעס און אומ־שולדיקע בוכהאַנדלונגען, אָבער מיט „פאַרגעשריטענע אידעען״ אויף זייערע פּאָליצעס.

דאָס איז געווען דער פאַרשפּיל פאַרן שליסן אַלע אַרבעטער לאָקאַלן, פאַרן אָפּשטעלן אַלע פרייהייטן און רעכטן; פאַר מאַסן־אַרעסטן, דעפּאָר־טאַציעס און אַלע מינים פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן געקאָנט געמאַכט ווערן אונטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

10 — געזעץ פון סאָציאַלן שוץ

מען האָט דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד נישט געענדיקט פריער ביז מען האָט געשאַפן אַ געזעץ, וואָס האָט באַדייט אַ געוויסער פּערמאַנענטער באַ־לאַגערונג־צושטאַנד אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס איז געווען דער אַזוי גערופענער געזעץ פון „דעפענסאַ סאָסיאַל״ מיט 34 אַרטיקלען פון קסענאָפאָביע, פאַרבאָטן, רעפּרעסיעס און די האַרבסטע שטראָפן קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. כדי צו סאַנקציאָנירן און דעקרעטירן אַזאַ געזעץ אין אייניקע שעה — אין קעגנזאַץ צו דער פּראָצעדור פון שאַפן אַ געזעץ, וואָס דויערט אַמאָל יאָרן — האָט מען געדאַרפט אַן „אַנאַרכיס־טישע״ באָמבע און מען האָט איר געפונען אונטער אַ ליידיק בענקל אין מוני־ציפּאַלן טעאַטער „קאָלאָן״ בעת אַ לירישער פאָרשטעלונג דעם 26סטן יוני 1910.

און די אַרבעטער־באַוועגונג אַ מאַרטיריזירטע, איז ווייטער געגאַנגען אויף דעם דערנערדיקן וועג — דעם איינציקן, האָט זיך אָרגאַניזירט, גע־קרעפטיקט, געוואַקסן, געשטרייקט, געזיגט, געליטן מפּלות, געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געגאַנגען.

קאַפּיטל XXIII

אייניקייט באַוועגונג פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט

1 — ערשטער אייניקייטס קאָנגרעס

אין יענעם יאָר ווען אוכעטע האָט אָנגענומען די סינדיקאַליסטישע אָריענטאַציע און אויפן אָרט פון סאָציאַליסטן זענען סינדיקאַליסטן געוואָרן אירע פירער, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד געציילט הונדערטער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט הונדערטער טויזנטער מיטגלידער. איין טייל פון זיי האָט געהערט צו איין אַרבעטער צענטראַלע, א צווייטע טייל צו דער צווייטער אַרבעטער־צענטראַלע און אַ דריטער טייל זענען געווען איזאָלירטע, אָדער „אויטאָנאָמישע״ פאַריינען, וואָס האָבן נישט געוואָלט באַלאַנגען צו קיינע פון די צוויי צענטראַלעס איבער זייערע אונטערגעשטראָכענע פּאַרטייאישע אָריענטאַציעס. עס האָט אָבער געלאָקט די שטרעבונג פון זיין פאַרייניקט און אָרגאַניזירט אין איין צענטראַלע און גראַד אין יענעם מאָמענט, ווען ביידע צענטראַלעס האָבן זיך אַזוי קעגנזעצלעך שאַרף דעפינירט איז געבוירן געוואָרן אַן איניציאַטיוו פון פאַרייניקן זיך.

די דאָזיקע איניציאַטיוו איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף קאָנגרעסן פון ביידע צענטראַלעס און ביידע האָבן איר אין פּרינציפּ אָנגענומען.

ס'איז גערופן געוואָרן, דורך דער פאָראָ דער „אייניקייט קאָנגרעס פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס״. דער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1907 אין בוענאָס איירעס, אין סאַלאָן „ווערדי״. עס זענען געווען אויף אים פאַרטראָטן 186 פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון לאַנד. ער איז געוואָרן באַהערשט פון די אַנאַרכיסטן, אַזוי אין צאָל ווי אין דעצידירטקייט. די אויטאָנאָמיסטן זענען אין לויף פון די הייסע דעבאַטן וועגן אידעאָלאָגיע געוואָרן פּעסימיסטיש צום רעזולטאַט פון קאָנגרעס און אויפגעהערט קומען צו די זיצונגען. די סינדיקאַליסטן האָבן זיך ביי די פּרינציפּיעלע אָפּשטימונגען אָפּגעהאַלטן אָדער געזען צו זיין אָפּוועזנד. דער עיקר האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער דעקלאַראַציע פאַר אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם. פאַר איר האָבן געשטימט 62 קעגן 9 ביי 38 אָפּגעהאַלטענע און 77 זענען ביי דער אָפּשטימונג נישט געווען.

די פאַרייניקונג איז דורכגעפאַלן. אויסער דער פאָראָ, וועלכע האָט סיי

ווי געהאַט אַזאַ דעקלאַראַציע פון איר פינפטן קאָנגרעס, זענען אַלע איבעריקע צוריק אַוועק צו זיך, אָדער צו זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס.

2 — קאָראַ

דער געדאַנק פון פאַרייניקן זיך איז דאָך געבליבן לעבן.

אין 1909 איז געמאַכט געוואָרן אַ צווייטער פּרווו.

אוכעטע איז געווען אַ סך אָפּגעשוואַכט: פון 95 פאַריינען אין 1906 איז זי געבליבן מיט 26 און פון איבער 102 טויזנט מיטגלידער, איז זי געבליבן מיט 22 טויזנט.

פאָראַ איז געווען ווייניקער אָפּגעשוואַכט, אָבער זי האָט אויך געהאַט פאַרלוירן אַ צאָל פאַריינען. זי האָט צו דעם נייעם אייניקייט קאָנגרעס גע־האַט אַ נעגאַטיווע באַציאונג.

דער קאָנגרעס איז דאָך פאַרגעקומען מיטן אָנטייל פון 48 פאַריינען, די גרעסטע טייל פון אוכעטע, אייניקע אויטאָנאָמישע און אייניקע אַנאַרכיסטי־שע. די לעצטע האָבן פאַרגעשלאָגן אָנצונעמען די דעקלאַראַציע פאַר אַנאַר־כיסטישן קאָמוניזם. דער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. איבער דעם האָבן זיי אָנגענומען אַ רעזערווירטע שטעלונג צו דער נייער צענטראַלע.

אוכעטע איז אויף דעם קאָנגרעס אויפגעלייזט געוואָרן אין דער נייער צענטראַלע, וואָס האָט אָנגענומען דעם נאָמען „קאָנפעדעראַסיאָן אָברעראַ רע־כיאָנאַל אַרכענטינאַ“ — אַרבעטער קאָנפעדעראַציע פון אַרגענטינער רעגיאָן — אָדער לויט די ערשטע אותיות — ק.אָ.ר.אַ.

3 — אַ קאָנגרעס אין מאָנטעווידעאָ

אַ דריטע איניציאַטיווע צו פאַרייניקן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס איז אויסגעפאַלן אויף אַ קאָנגרעס פון דער דרום־אַמעריקאַנישער שטיין־אַרבע־טער פעדעראַציע אין מאָנטעווידעאָ, יוני 1912. פאַר דעם צוועק האָט ער איינגעלאַדן דעלעגאַציעס פון פאָראַ און פון דער קאָראַ. זיי האָבן געשיקט דעלעגאַטן. עס איז באַשטימט געוואָרן דורכפירן אַ פאַרייניקונגס קאָנגרעס. די פאָראַ האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט. ער איז דאָך דורכגעפירט געוואָרן דעם 30סטן נאָוועמבער 1912. ער האָט זיך באַגרעניצט מיט באַשטימען אַ קאָמיסיע אויסצואַרבעטן אַ דעקלאַראַציע פון דער נייער צענטראַלע, צו־שטעלן די דעקלאַראַציע צו אַ רעפערענדום פון די פאַריינען, זיי, אונטער דער ווירקונג פון דער פאָראַ, האָבן געענטפערט נעגאַטיוו. די פאַרייניקונג איז ווי־דער דורכגעפאַלן.

אַ פערטע איניציאַטיוו איז געמאַכט געוואָרן פון דער קאָראַ אַליין. אין איר זענען געזעסן די גוטע סינדיקאַליסטישע פּאָליטיקער און זיי האָבן נישט גערוט. דורכגעפאַלן איין איניציאַטיוו, איז באַלד געוואָרן געפּלאַנט אַ צווייטע. „שוין ביים ערשטן פאַרייניקונגס קאָנגרעס, באַהערשט פון די אַנאַרכיסטן, האָט זיך ביי די סינדיקאַליסטן געצייכנט אַ פּלאַן אַריינצוגיין אין דער אַנאַרכיסטישער פאָראַ און, אויסרעכנענדיק אויף דער אָרגאַניזאַציאָנעלער שוואַכקייט פון די אַנאַרכיסטן, איבערנעמען פון אינעווייניק די פאָראַ, אָבער דעמאָלט האָט מען די דאָזיקע פּאָליטיק נישט דורכגעפירט. מען האָט דאָס געמאַכט שפּעטער און פּלאַנמעסיקער.

4 — קאָנצענטראַציע קאָנגרעס

די נייע איניציאַטיוו איז געגאַנגען אין אָנהויב אונטער דעם לאָזונג פון אַ „קאָנצענטראַציע קאָנגרעס", צו וועלכן די פאָראַ איז אינגאַנצן נישט איינגעלאַדן געוואָרן. דער דאָזיקער קאָנגרעס פון די קאָראַ פאַראיינען און אויטאָנאָמישע האָט זיך אָנגעהויבן אין יוני 1914, אָנגענומען אַ דעקלאַראַציע און באַשטימט אַ פאָרזעצונג אין צוויי חדשים אַרום.

דער קאָנגרעס האָט געוויילט אַ „קאָנצענטראַציע קאָמיטעט" און האָט איבערגעריסן זיינע זיצונגען.

דער „קאָנצענטראַציע־קאָמיטעט" האָט צעשיקט אַ צירקולאַר צו די סינדיקאַטן פון דער קאָראַ און צו די אויטאָנאָמישע און זיי פאָרגעשלאָגן, צוליב אייניקייט, אויפלייזן די קאָראַ און אומקאָנדיציאָנעל אַריינטרעטן אין דער פאָראַ.

אַזוי איז דאָס געוואָרן אָנגענומען און באַשטעטיקט אויף דער פאָרזעצונג פון קאָנגרעס אין סעפּטעמבער. און אין איינקלאַנג מיט אַ רעזאָלוציע פון זיבעטן פאָראַ קאָנגרעס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרטרעטערשאַפט אין באַשטאַנד פון די דעלעגאַטן כואַן לאַפּעראַנאַ, דאַוויד שקאָלניקאָוו און פערנאַנדאָ קאַסאַנאָווע אַריינצוגיין אין פעדעראַל־ראַט פון דער פאָראַ.

און דאָס מאָל איז די פּאָליטיק פון די אַפּאָליטישע סינדיקאַליסטן געלונגען דורכגעפירט געוואָרן. אַלע זענען אַריין אין דער פאָראַ. עס איז ווי דורך אַ כישוף געוואָרן מיטאַמאָל איין איינציקע אַרבעטער צענטראַלע, אין וועלכער עס האָבן זיך אויך אַריינגעגאָסן די אויטאָנאָמישע פאַריינען.

5 — 9טער פּאַראַ קאָנגרעס

און דעם 15טן אַפּריל 1915 איז פֿאָרגעקומען דער 9טער אָרדנטלעכער קאָנגרעס פון דער פֿאָראַ.

ס'איז געווען אין צייט פון דער אייראָפּעאישער מלחמה. די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט דער וועלט זענען געווען איבערגעריסן. די אַרבעט — צום גרויסן טייל פּאַראַליזירט. קריזיס, אַרבעטסלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג האָבן דעמאָראַליזירט די אַרבעטער־מאַסן. עס זענען זיך צעפאַלן אַ סך פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. צוליב דעם איז די גאַנצע קאָנצענטראַציע אין דער איינציקער צענטראַלע באַשטאַנען נישט מער ווי פון 60 פאַריינען, פון זיי 46 סינדיקאַליסטישע, אויטאָנאָמישע און אייניקע לויזע אַנאַרכיסטישע און נאָר 14 פאַריינען וואָס האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי דער אַנאַרכיסטישער דעקלאַראַציע פון פינפטן קאָנגרעס.

און דער דאָזיקער 9טער קאָנגרעס האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער אַנאַרכיסטישער דעקלאַראַציע און ער האָט אָנגענומען, אַז —

„די פֿאָראַ איז אַן עכטע אַרבעטער אינסטיטוציע, אָרגאַניזירט פון פאַךגרופּעס, וועמענס קאָמפּאָנענטן עס געהערן צו די פאַרשידנסטע דאָקטרינאַרישע און אידעאָלאָגישע טענדענצן; אַז כדי אָנצוהאַלטן אַ סאָלידע געמיינשאַפט איז נויטיק די ברייטסטע פרייהייט פון געדאַנק, כאָטש עס איז אומבאַדינגט, אַז די אַקציעס מוזן זיין רעוואָלוציאָנעריש אָריענטירט פון קלאַסןקאַמף, פון דירעקטער אַקציע און מיט אַבסאָלוטער נישט פאַרבונדנקייט מיט די גרופּעס און פּאַרטייען, ווען די מיטגלידער אינדיווידועל מיליטירן אויסער דער עכטער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער. די פֿאָראַ נעמט דעריבער נישט אָן און ראָט נישט אָנצונעמען קיין פילאָזאָפישע סיסטעם און קיין באַשטימטע אידעאָלאָגיע", אאַז"וו.

די אַנאַרכיסטן אין דער מינדערהייט, און ווי פאַרטרעטער פון 14 פאַריינען האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון קאָנגרעס, וואָס האָט אויסגעשלאָסן די אַנאַרכיסטישע דעקלאַראַציע און אָריענטאַציע פון דער פֿאָראַ, און זענען אַוועק און זיך דערקלערט פאַר דער פֿאָראַ פון פינפטן קאָנגרעס — „פֿאָראַ דעל קינטאָ קאָנגרעסאָ".

און פון איין פֿאָראַ איז ווידער געוואָרן צוויי. איינע האָט געהייסן „פֿאָראַ דעל נאָווענאָ קאָנגרעסאָ" און די צווייטע — „פֿאָראַ דעל קינטאָ קאָנגרעסאָ", ווייל אויף די דאָזיקע קאָנגרעסן זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן זייערע קעגנזעצלעכע אָריענטאַציע דעקלאַראַציעס.

קאַפּיטל XXIV

די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי

1. — אירע ערשטע פופצן יאָר:

א) אָרגאַניזאַציע

די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך געגרינדעט פונדאַמענטאַל, אָנהייבנדיק פון 1894 און אין 1896 האָט זי זיך קאָנסטיטואירט.

צו די נאַציאָנאַל־קולטורעלע סאָציאַליסטישע גרופּעס פון דייטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער, וואָס זענען געווען פון די גרינדונגס עלעמענטן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, האָט זיך אין איר אויך איינגעגלידערט די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" אין 1907 און אין 1908.

אין 1907 אומאָרגאַניש, אָבער נאָענט און אַקטיוו אין אידעאישער און חברישער באַציאונג מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. עס איז געווען אין דעם יאָר ווען די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" האָט זיך געגרינדעט דאָ אין בוענאָס איירעס און אין 1908, ווען דער „אַוואַנגאַרד" האָט זיך געשפּאָלטן, איז איין „אַוואַנגאַרד" געבליבן אויטאָנאָם און דער אַנדערער איז איינגעגלידערט געוואָרן אין דער לאַנד־פּאַרטיי ווי אַן אידיאָמאַטישע גרופּע, אָדער ווי אַ צענטער אין דער פּאַרטיי.

די פּאַרטיי איז אָרגאַניזאַציאָנעל באַשטאַנען פון צענטערן. אין קליינע ערטער צו איין צענטער אויף אַן אָרט; אין גרויסע שטעט צו מער צענטערן, פון די צענטערן האָבן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל פאָרמירט לאָקאַלע פעדעראַציעס און פּראָווינציעלע. די אָרדנטלעכע קאָנגרעסן זענען געווען די העכסטע באַשטימונג אינסטאַנצן פון דער פּאַרטיי; פון זיי זענען אַרויסגעקומען די אַללענדישע (נאַציאָנאַלע) אויספיר קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי, וואָס זענען שפּעטער לויט רעפאָרמירטע סטאַטוטן אַרויסגעקומען פון אַלגעמיינע אָפּשטימונגען (מיטגלידער פּלעביסציטן), פון וואַנען עס זענען שפּעטער אויך אַרויסגעקומען די פּאַרטיי־קאַנדידאַטן צו וואַלן.

מיר זעען דעם 9טן אָרדנטלעכן קאָנגרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 24סטן און 25סטן דעצעמבער 1910, אין בוענאָס איירעס אין סאַלאָן פון „פאָרווערטס". דער שרייבער (דיכטער,

פּראָזאַיקער, פּובליציסט) מאַריאַ בראַוואָ וואָס איז דעמאָלט געווען סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, האָט אויפגעשריבן אַ באַריכט צו דעם קאָנגרעס. דער דאָזיקער באַריכט איז אַ זאַכלעכער און דאָקומענטירטער היסטאָרישער איבערבליק פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד פון אָנהויב אָן ביז 1910. איז עס אַ קוואַל פון וועלכן עס שעפּט דער שרייבער פון ד ע ר געשיכטע.

איך דערמאָן דאָ דעם דאָזיקן קאָנגרעס וואָס איז נישט קיין אויסערגעוויינלעכער, נאָר איינער פון די געוויינלעכע קאָנגרעסן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איך בין אויסן מיטן פאַרשטעלן אים צו דערגאַנצן דאָס אַרטיקל „אָרגאַניזאַציע" פון דער פּאַרטיי.

דער ניינטער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין סוף פון דעם יובּיליי־יאָר ווען די פּאַרטיי, איר צענטראַלער לאָקאַל אויף דעפענסאַ 888, איר דרוקעריי, צייטונג, אירע ביבליאָטעקן, צענטערן — זענען פאַראַמירט געוואָרן און נאָכדעם ווי זי האָט איבערגעלעבט אַ געצוואונגענע פּאַראַליזאַציע פון לאַנגדויערנדיקן באַלאַגערונגס־צושטאַנד.

עס האָבן זיך באַטייליקט 28 צענטערן צווישן זיי אַ פּרויען צענטער מיט פעניאַ טשערטקאָף רעפּעטאָ אַלס דעלעגאַטן.

אייניקע צענטערן פון בוענאָס איירעס, ווי דער 8טער, 10טער און 11טער, זענען געווען פאַרייניקט, דעריבער זענען פון דער הויפּטשטאָט אַליין געווען אויפן קאָנגרעס עלף איינהייטן. 17 זענען געווען פון די פּראָווינצן. דרייצן פון פאַרשיידענע שטעט פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס און פיר פון קאָרדאָבאַ, ראָזאַריע, בוטשאַרדאָ און טוקומאַן. פּאָסאַדאַס (מיסיאָנעס) איז אויך געווען אָנגעשלאָסן, אָבער אָן דעלעגאַטן.

עס זענען געווען 40 דעלעגאַטן. 20 פון שטאָט און 20 פון די פּראָווינצן, צווישן די דעלעגאַטן איז געווען אַדאָלפאָ דיקמאַן.

פּאָרזיצער איז געווען פראַנציסקאָ קונעאָ. סעקרעטאַרן: מאַנועל ט. לאַפּעז און אַנטאָניאָ דע טאָמאַסאָ.

דער קאָנגרעס האָט באַהאַנדלט די ווייטערע ענינים און באַשטימט:

צו אַרבעטן פאַר דער איינפירונג פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן: נאַציאָנאַלע, פּראָווינציעלע און מוניציפּאַלע.

פאַר אָפּשאַפן די שטייערן אויפן קאָנסום און פּראָדוקציע פון די ערשטע לעבנסמיטלען און פאַר איינפירן דירעקטן און פּראָגרעסיוון שטייער אויף רענט פון ערד.

רעגלאַמענטירן די רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס.

איינגלידערן אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטישע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס.

אָפּשאָפן דעם געזעץ פון „סאָציאַלער פּאַרטיידיקונג" אויף וויפיל ער־צילט קעגן דער פרייהייט פון געדאַנק, פון פאַרזאַמלונג, פון וואָרט, פון דרוק און קעגן דעם רעכט פון שטרייק, באָיקאָט און אַנדערע אַקציעס פון דער פּאָ־ליטישער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון אַרבעטער קלאַס.

פאַר פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי אין אויספיר־קאָמיטעט פון סאָציאַ־ליסטישן אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל זענען געוויילט געוואָרן אַקילעס קאַמ־ביער, מאַנועל אוגאַרטע און ענריקע דיקמאַן.

פאַר פּראָיעקטירן אַ רעוויזיע פון די פּאַרטיי סטאַטוטן — עדואַרדאָ פּאַריני, וויסענטע ראָסאַענס, ענריקע דעל וואַזשע איבערלוסעאַ און מאַרטין קאַסאַרעטאָ.

פאַר דירעקטאָר פון „לאַ וואַנגואַרדיאַ", די אָפיציעלע פּאַרטיי צייטונג — מאַריאָ בראַוואָ.

פאַר מיטגלידער פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פאַרן נייעם פּעריאָד: כואַן ב: כוסטאָ, ניקאָלאַס רעפּעטאָ, ענריקע דעל וואַזשע איבערלו־סעאַ, פראַנציסקאָ קונעאָ, אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, באַסיליאָ וווידאַל, דאָמינ־גאָ דע אַרמאַס, אַנטאָניאָ דע טאָמאַסאָ, קאַרלאָס ב. קאָמיאַנס, פערנאַנדאָ גי־זשאָט, כואַן א לואַני און פאַר פאַרטרעטער: ראַפאַעל ראָקאַ, כואַן ב. קאַדריאָ, פערנאַנדאָ דע אַנדרעיס, סימאָן נאַכעראַ און מאַנועל ט. לאָפּעז.

ב) מיטגלידער

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט נישט געפירט קיין דירעקטע אַקציע פאַר פאַרשרייבן נייע מיטגלידער. עס איז גאָר געווען שווער צו ווערן אַ מיטגליד. מ׳האָט געדאַרפט זיין ריין, מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט קעגן סאָ־ציאַליזם און דורכגיין אַ פּראָצעדור. מ׳האָט זיך נישט געזאָרגט, אַז די מיט־גלידער צאָל זאָל זיין אַ גרעסערע און די דאָזיקע צאָל האָט נישט געשפּילט קיין ראָלע אין דער פּאַרטיי און נישט אויסער דער פּאַרטיי.

די מיטגלידער און פּאַרטיי־צענטערן אין ציפער פון 1896 ביז 1912 לאָזן זיך פאַרשטעלן דורך דער פאָלגענדער טאַבעלע:

מיטגלידער

יאָר	צאָל
1902	8.912
1903	13.303
1904	18.871
1905	17.094

יאָר	צאָל
1906	16.031
1907	12.687
1908	15.197
1909	12.893
1910	14.699
1911	11.016

צענטערן

יאָר	ב׳ איירעס	פּראָווינצן	טאָטאַל
1896	10	9	19
1898	9	2	11
1900	7	9	16
1901	10	11	21
1903	15	21	36
1904	19	29	48
1905	19	24	43
1906	19	26	45
1907	15	26	41
1908	19	24	43
1910	14	22	40
1911	15	20	35
1912	21	39	60

ג) שטימען פון ווײלער

עס זענען געווען נאַציאָנאַלע וואַלן, פּראָווינציעלע און מוניציפּאַלע.

די נאַציאָנאַלע זענען געווען פאַר פּרעזידענט און וויצע פון דער רעפּוב־ליק און פאַר דעפּוטאַטן אין נאַציאָנאַלן קאָנגרעס. די דעפּוטאַטן־וואַלן זענען פאָרגעקומען אַלע צוויי יאָר צו קלייבן אַ העלפט פונעם דעפּוטאַטן באַשטאַנד.

אין לאַנד זענען געווען ווייניק איינוווינער. די איינוווינער פון די נאַ־ציאָנאַלע טעריטאָריעס (10 זענען געווען) האָבן נישט געהאַט קיין וואַל־רעכט. די פרויען אין גאַנצן לאַנד האָבן נישט געהאַט קיין בירגער־רעכט.

פון די איינוווינער, אַראָפּגערעכנט די פרויען, די קינדער און יוגנטלעכע ביז 18 יאָר; די אויסלענדער פון וועלכע גאָר ווייניק האָבן זיך נאַטוראַלי־זירט, איז די צאָל בירגער, אָדער וואַלבאַרעכטיקטע אויף אַן אָרט געווען

זייער אַ קליינע. פון איר האָט אַ גרויסער פּראָצענט נישט געשטימט (דאָס איז די סיבה פון דעם איצטיקן געזעץ וואָס אָבליגירט שטימען) איבער זיין קעגן דעם פּאַרלאַמענט — איין טייל און די אַנדערע — איבער דעם וואָס די וואַלן זענען געוואָרן באַשווינדלט, באַגנבעט און געקויפט.

ביי אַזאַ וואַלן־ווירקלעכקייט האָט זיך פּרעזענטירט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט אירע קאַנדידאַטן צו אַלע וואַלן; די פּאַרטיי וועמענס מיטגלי־דער צאָל עס איז געווען אַ קליינע און די גרויסע מערהייט פון איר זענען געווען אויסלענדער און האָבן נישט געהאַט קיין וואַלרעכט.

און אָט ריידן די ציפערן פון די שטימען ביי וואַלן, וואָס די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען:

אין דער הויפּטשטאָט בוענאָס איירעס ביי נאַציאָנאַלע וואַלן פאַר דע־פּוטאַטן:

יאָר	שטימען
1896	134
1898	105
1900	135
1902	165
1904	1257
1906	1660
1908	5100
1910	7006

ביי פּראָווינציעלע וואַלן פאַר דעפּוטאַטן:

יאָר	אָרט	שטימען
1904	באַראַדערא	56
1904	קאָנקאָרדיאַ	73
1904	ק. דעל אורוגווײ	26
1907	סאַן ניקאָלאַס	179
1910	פּערגאַמינאַ	43
1905	אַוועזשאַנעדאַ	20
1903	ס. דעל עסטעראָ	11

די פּאַנאָראַמע פון וואַלן און פון די שטימען האָט זיך אינגאַנצן געענ־דערט ווען זיי האָבן זיך רעאַליזירט לויט דעם נייעם סאַענס פּעניַשן וואַל־געזעץ, וואָס האָט עפּנטלעך געטראָגן דעם נאָמען פון מלוכה־פּרעזידענט ראָ־

קע סאַענס פעניאַ, וועלכער איז געקליבן געוואָרן אין 1910 און וועמענס גרויסער סאָציאַל־פּאָליטישער אויפטו עס איז געווען דער וואַל־געזעץ, וואָס איז צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט געוואָרן ביי די וואַלן פון 1912, ווען די ראַדיקאַלן האָבן אויפגעגעבן זייער אָבסטינענץ נאָך צוואַנציק יאָר באָיקאָטירן די וואַלן.

ד) די ערשטע רעפּרעזענטאַנטן

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָס האָט געגרייכט אין די דרייסיקער יאָרן וויט אַריבער די הונדערט טויזנט שטימען בלויז אין דער שטאָט בוענאָס איירעס מיט אַריבער פערציק רעפּרעזענטאַנטן אין נאַציאָנאַלן דעפּאַרטאַמענט און אַ גרויסע צאָל רעפּרעזענטאַנטן אין בוענאָס איירעסער מוניציפּאַליטעט, חוץ אירע רעפּרעזענטאַנטן אין די פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטן און מוניציפּאַל־ראַטן, האָט איר ערשטן געוויילטן רעפּרעזענטאַנט געהאַט אין דער שטאָט סאַן ניקאָלאַס פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס.

דאָס איז געווען אגוסטין רעינעס, ערשטער סאָציאַליסטישער מוניציפּאַל־ראַטמאַן אין אַרגענטינע און ערשטער סאָציאַליסטישער רעפּרעזענטאַנט בכלל אין אַ מלוכה אינסטיטוציע פון לאַנד. רעינעס איז געוויילט געוואָרן אין סאַן ניקאָלאַס ביי די מוניציפּאַלע וואַלן דעם 23סטן נאָוועמבער 1903. ער איז געוויילט געוואָרן, האָבנדיק באַקומען אַרום און אַרום 65 שטימען, וואָס זענען געווען דער גרעסטער רעשט פון דער קאַלקולאַציע ביי פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן.

און דער צווייטער סאָציאַליסטישער רעפּרעזענטאַנט איז געווען אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, וועלכער איז געוויילט געוואָרן אין 1904 אין דער שטאָט־טייל באָקאַ פון בוענאָס איירעס פאַר דעפּוטאַט אין נאַציאָנאַלן קאָנגרעס.

ה) קאָאָפּעראַטיוועס, קעגנזייטיקע הילף, ביבליאָטעקן

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פאַר אַ זאַך פון דער פּאַרטיי אַליין, אָבער די קאָאָפּעראַטיווע, פאַר קאָנסום אָדער פאַר פּראָדוקציע, אויפן געביט פון ווירטשאַפט, אַדמיניסטראַציע, בכלל קאָלעקטיווע עקאָנאָמישע טעטיקייט אָן שווינדל און אָן דעם צוועק פון פּראָפיט דורך עקספּלואַטאַציע — איז סאָציאַליסטיש. צוליב דעם האָט זיך די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אומדירעקט פון אָנהייב אָן זיך פּאַראינטערעסירט פאַרן שאַפן, פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר דער אַנטוויק־

לונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין לאַנד. סאָציאַליסטישע צענטערן און מיליטאַנטן, אויב זיי זענען נישט די ערשטע שאַפער פון קאָאָפּעראַטיוועס אין לאַנד, זענען זיי פון די גאָר ערשטע.

אין 1896 איז אין בוענאָס איירעס געגרינדעט געוואָרן אַ פּרעסע־קאָאָ־פּעראַטיווע. די מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זענען געווען אירע מיטגלידער־אַקציאָנערן. איר ערשטער אַדמיניסטראַטיווער ראַט איז באַשטאַנען פון: אוגוסטאָ קוהן — אַדמיניסטראַטאָר; אַדאָלפאָ ע. זאַקמאַן — רעכנמייסטער; כואַן ב. כוסטאַ — קאַסיר און איסידראָ סאַלאַמאַ און לאָרענזאָ וואַזשעס — מיטגלידער.

אין 1897 האָבן די סאָציאַליסטן אין קאָנקאָרדיאַ, ענטרע ריאָס, געשאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי.

אין 1898 האָבן די סאָציאַליסטן: קאַסטראָ, דאָנאָסאָ, כעראָסאָ און סאַר־טאָרי אין כוניך, פּראָווינץ בוענאָס איירעס, געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע פון אַרבעטער, וואָס האָט זיך שפּעטער אויפגעלייזט, כדי צו גרינדן אַ גרעסע־רע פון פליייש, אין 1904 און נאָך אַ גרעסערע פון קאָנסום בכלל אין 1906.

אין 1898 ווערט געגרינדעט אין בוענאָס איירעס אַן אַרבעטער קאָנסום קאָאָפּעראַטיווע מיט די סאָציאַליסטן כוסטאָ, פּאַטראָני, גאַמעז, מאַרגאַל און פּראַט אין איר ערשטן אַדמיניסטראַטיוון ראַט.

אין 1902 ווערט געגרינדעט אַ קאָסמאָפּאָליטישע קאָאָפּעראַטיווע אין קאַמפּאַנאַ פאַר „אויסאַרבעטן און פאַרן קאָנסום פון ברויט״.

אין 1903 גרינדעט דער סאָציאַליסטישער צענטער פון סאַן ניקאָלאַס אַ יאַטקע קאָאָפּעראַטיווע.

אין זעלביקן יאָר שאַפן די סאָציאַליסטן קאָנסום קאָאָפּעראַטיוועס אין לאַ פּלאַטאַ און אין באַראַדעראָ.

אין 1904 שאַפן סאָציאַליסטן אַ ברויט־קאָאָפּעראַטיווע אין באַהיאַ בלאַנקאַ. אין 1905 אַ קליידער־קאָאָפּעראַטיווע אין ראָזאַריאָ; אין 1906 אַ קאָנסום קאָאָפּעראַטיווע אין טאַלאָסאַ. אין 1906 נאָך אַ קאָאָפּעראַטיווע (אַ בעקעריי) אין בוענאָס איירעס, אין זעלביקן יאָר נאָך אַ קאָאָפּעראַטיווע אין סאַן ניקאָלאַס און אין באַנפיעלד און אין 1907 איז געגרינדעט געוואָרן אין בוענאָס איירעס די קאָאָפּעראַטיווע „אַרבעטער היים״ (אויף שפּאַניש: „על האָגאַר אָברעראָ״), וואָס איז געוואָרן די גרעסטע קאָאָפּעראַטיווע אין לאַנד. דער הויפּט צוועק פון דער קאָאָפּעראַטיווע „אַרבעטער היים״ איז אַליין בויען און העלפן בויען די מיטגלידער הייזער פאַר וווינונגען, און זי פאַרנעמט זיך אויך מיט קאָנסום, שפּאָרקאַסע און מיט אַ געוויסער פּראָדוקציע פון שניי־דעריי.

זי האָט זיך געגרינדעט פון 17 אָנפירנדיקע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און עס זענען אריין אין איר ערשטער אָנפיר־קאָמיסיע: כוסטאַ, רעפּעטאָ, דיקמאַן, אַטענסיאָ, דע אַרמאַס, פּעטראַלי און הערמידאַ.

באַלד אין ערשטן יאָר האָט די קאָאָפּעראַטיווע „אַרבעטער היים" דערגרייכט צו 357 מיטגלידער וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף 1186 אַקציעס.

אין יאָר 1955, ווען די שורות ווערן געשריבן האָט די קאָאָפּעראַטיווע „אַרבעטער היים" 37.903 מיטגלידער פאַרשריבענע אויף 1.047.594 אַקציעס אויף אַ באַטרעף פון 104.759.400 פּעזאָס. רעאַליזירטער קאַפּיטאַל 75 און אַ האַלבן מיליאָן און אָפּעררירט אין יאָר אויף אַ באַטרעף פון 95 מיליאָן פּעזאָס. האָט 320 הייזער מיט 920 פאַרדונגענע וווינונגען.

ביבליאָטעקן

עס איז געווען אַ סיסטעם אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז דאָ וווּ עס ווערט אַ צענטער, אַ יוגנט־גרופּע, ווערט גלייכצייטיק אַ ביבליאָטעק. זי איז געווען פון ערשטער באַדערפעניש און האָט מיט זיך געשאַפן אַ קולטור־טעטיקייט.

אין סאָציאַליסטישן יאָרבוך פון 1931 איז פּובליקירט דאַטעס וועגן באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי אין נאָוועמבער 1931.

עס איז דאָס יאָר פון דער פאַקטישער רעגירונג פון גענעראַל אורייבורו. נאָך דער מיליטערישער סעפּטעמבער רעוואָלוציע פון 1930 און ערב דער געוויילטער קאָנסטיטוציאָנעלער רעגירונג פון גענעראַל כוסטאָ.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אין יענעם מאָמענט באַשטאַנען פון 345 צענטערן אין לאַנד און 98 יוגנט־גרופּעס אין באַשטאַנד פון 4500 מיטגלידער, וואָס געהערן נישט צום מיטגלידער באַשטאַנד פון 16.214 דערוואַקסענע.

די פּאַרטיי האָט פאַרמאָגט 24 אייגענע פאָלקס־הייזער אין אַזאַ צאָל אָרטשאַפטן, איינשליסלעך דאָס קאָלאָסאַלע פאָלקס־הויז אין בוענאָס איירעס אויף ריוואַדאַוויאַ 2150.

345 סאָציאַליסטישע צענטערן האָט געמיינט 345 ביבליאָטעקן מיט דער גרויסער „אַרבעטער ביבליאָטעק" אין בוענאָס איירעס, געגרינדעט איינצייטיק מיט דער גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און טאַקע פון אירע גרינדער און וואָס האָט אַליין פאַרמאָגט אַן אוצר פון דרייסיק טויזנט ביבליאָגראַפישע איינסן.

און אַ ביבליאָטעק איז געווען נישט נאָר שאַפּעס מיט ביכער פאַר לייע־נער, נאָר אויך קולטור־צענטערן פון פאַרשיידענע קולטורעלע טעטיקייטן, ווי קאָנפערענצן, פּאָפּולערע, אָדער פאָלקס־אוניווערסיטעטן.

דאָ איז כדאַי צו דערמאָנען דעם פאַריין „ליכט" („סאָסיעדאַד לוס") אין באַראַקאַס, בוענאָס איירעס, געשאַפן, אויסגעהאַלטן און אַנטוויקלט פון סאָ־ציאַליסטן מיט ד"ר אַנכעל מ. כימענעס אין דער מיט, וואָס זייענדיק דעפּו־טאַט, האָט ער זיין גאַנצן האָנאָראַר אַוועקגעגעבן פאַרן פאַריין „ליכט" וואָס פאַרמאָגט אַן אייגן פּרעכטיק הויז אויף סואַרעז 1301, אַ פּאַלאַץ מיט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, מיט אַ פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן ביכער און בראָשורן און אילוסטראַציע־פּלאַקאַטן ביי די 800.000 עקזעמפּלאַרן און באַ־דינט איר גרויסע עפנטלעכע ביבליאָטעק.

קעגנזייטיקע הילף

קאָנקרעט מיינט עס קראַנקן־הילף, געזונטהייט פאַרזאָרגונג, מעדיציני־שע הילף, סאַניטאַרישע, אָבער נישט קיין צדקה, נישט קיין פילאַנטראָפּיע, נאָר ווירדיקע, חברלעכע הילף: איך — דיר; דו — מיר, וואָס דערנידעריקט נישט, נאָר דערהויבט.

מיט קעגנזייטיקער הילף האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָפעסיאָנעלע באַווע־גונג אין לאַנד. די באַן־אַרבעטער, ווי די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן האָבן אָנגעהויבן זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס מיט דער טעטיקייט פון קעגנזייטיקער הילף, מוטואַליטעט.

די אַרבעטער אַסאָציאַציע פון קעגנזייטיקער הילף אין בוענאָס איירעס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון סאָציאַליסטן: ד"ר אַנכעל מ. כימענעס (אָנ־צורופן נאָר איינעם, וואָס האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט איניציאַטיוועס, איבערגעגעבנקייט, באַהאַוונטקייט און אינטענסיווע ווי עקסטענסיווע טעטי־קייט אויף די פעלדער פון פאָלקס־קולטור, קאָאָפּעראַטיוויזם און קעגנזייטי־קער הילף) איז געגרינדעט געוואָרן דעם 25סטן מאַי 1905 אין 95סטן יאָר־טאָג פון דער מאַי־רעוואָלוציע.

עס איז געוואָרן פופציק יאָר ווי די דאָזיקע אַרבעטער געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקער הילף (אַסאָסיאַסיאָן אָברערא דע סאָקאָראָס מוטואָס") עקזיס־טירט און דערגרייכט צו אַ צאָל פון 25.137 מיטגלידער, וואָס 20.133 פון זיי האָבן זיך אינעם לעצטן טעטיקייטס יאָר 1954־5 געלאָזט באַדינען מיט דער מעדיצינישער הילף פון 104 מעדיקער און אָדאָנטאָלאָגן, 30 אַקושערן און 35 קראַנקנבאַדינער.

קאַפּיטל XXV

אונטער דעם סאָענס פּענישן וואָל־געזעץ

1 — פּרעזידענט ראָקע סאָענס פּעניאַ

עס איז אויסגעוועזן איר קאָנסטיטוציאָנעלע צייט די רעגירונג פון פיגע־ראָאַ אַלקאָרטאַ און מיט איר האָט זיך געענדיקט די מיסהאַנדלונג פון דער אַרגענטינער דעמאָקראַטיע און עס איז איבערגעבראָכן געוואָרן די קאַפּיטאַ־ליסטישע רעאַקציע, וואָס איז געקומען צום קולמינאַציע־פּונקט מיט איר טע־ראָר, רעפּרעסיע און פאַרפאָלגונג אָן אַ גרעניץ קעגן דער יונגער מאָדערנער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד, וואָס די רעאַקציע האָט דורכגעפירט דורך דער רעגירונג, איר צו דינסט.

דער לעצטער אַקט פון דער אַלקאָרטאַ רעגירונג איז געווען די נאַציאָ־נאַלע וואַלן פאַר פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און וויצע פאַר אַ נייעם פּרע־זידענטישן פעריאָד פון זעקס יאָר און פאַר באַנייען מיט אַ העלפט דעפּוטאַטן דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס, אָדער פעדעראַלן פּאַרלאַמענט. „וואַלן", וועלכע גייען מיט געענדזנפּיסלעך אין רעזשים פון קאָרופּציע און טעראָר מיט אַ זייער באַגרעניצטער צאָל בירגער.

די דאָזיקע „וואַלן" זענען פאָרגעקומען סוף 1910 — דאָס ליכטיקע פון הונדערט יאָריקן יובילייי פון דער מאַי־רעוואָלוציע, וואָס איז באַפּלעקט גע־וואָרן פון דער רעאַקציע. געזיגט האָט די נישט־אָפיציעלע רעגירונגס־פּאַרטיי (פון קיין אָפיציעלע רעגירונגס־פּאַרטיי, ווי אין דער היינטיקער צייט פון טאָ־טאַליטאַריזם, האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געוווסט). דער גאָרנישט באַקאַנ־טער און מיט גאָרנישט זיך אויסגעצייכנטער ד״ר ראָקע סאָענס פּעניאַ איז געווען דער קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, אַרויסגעשטעלט, ביי זיין אָפּוועזנהייט פון לאַנד, פון דער נישט אָפיציעלער קאָנסערוואַטיווער רעגירונגס־פּאַרטיי (די ראַדיקאַלן האָבן אָנגעהאַלטן זייער באָיקאָט אויף די „וואַלן"); ער איז געווען דער איינציקער קאַנדידאַט און ער איז דורך די דאָ־זיקע וואַלן געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק.

דער ד״ר ראָקע סאָענס פּעניאַ האָט זיך געפונען אין אייראָפּע, ווען ער איז דאָ אין אַרגענטינע געוויילט געוואָרן פּרעזידענט. נישט אויף אַ רייזע האָט ער זיך געפונען אין אייראָפּע, נאָר סטאַביל, ער האָט דאָרט געלעבט

שוין פון יאָרן, ווו וואַלן, ווי אַזוי זיי זענען געזעצלעך געווען, זענען זיי גע־ווען וואַלן, ריינע, קאָרעקטע.

סאַענס פעניאַ איז געווען אַ מענטש פון הערשנדיקן קלאַס אין אַרגענ־טינע און ער האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט קעגן זיין קלאַס און ער איז אים נישט געווען אומטריי, אָבער ער איז געווען אָנגענומען מיט איי־ראָפּעאיזם און אויב ער האָט אָנגענומען צו זיין קאַנדידאַט און צו ווערן פּרע־זידענט פון זיין פאָטערלאַנד, וואָס מען ליבט פון דערוויטנס מער ווי פון דער נאָענט, דורך אַזאַ וואַל־רעזשים, וואָס איז ווייט נישט געווען קיין כבוד און וואָס האָט גאָרנישט געשטימט מיט קיין ווירדיקייט און ער האָט גע־ווּסט, אַז דער פּאָליטישער קלימאַט דאָ איז אַ פאַרכמאַרעטער, האָט ער דאָס וואַרשיינלעך געטאָן אויפן רוף פון געוויסן און פון דער ווירדיקייט פאָרצו־נעמען אַלס מלוכה־פּרעזידענט אַ פּאָליטיש־קולטורעלע און סאַניטאַרישע אַק־ציע אויפן דעמאָקראַטישן רעגירונגס־וועזן מיט אַן אויסזיכט אויף אַ פּאָזי־טיוון רעזולטאַט, וואָס נאָר אַ פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האָט געקאָנט האָבן.

און דער ד״ר ראָקע סאַענס פעניאַ, שוין אַ קאָנסטיטוציאָנעל דערוויילֿ־טער פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק, איז געקומען פון אייראָפּע, נישט נאָר פון געאָגראַפישן, נאָר אויך פון געשיכטלעכן, ציוויליזאַטאָרישן, קולטורעלן און מענטשן־רעכטלעכן אייראָפּע, און ער האָט איבערגענומען די מלוכה־מאַכט און געשאַפן, אָדער רעפאָרמירט דעם וואַל־געזעץ, נישט אויף קיין דיקטאַטאָרישן, אוודאי נישט אויף קיין גוואַלדזאַמען אופן, נאָר אויף אַ נאָרמאַלן, לעגאַלן, דעמאָקראַטישן אופן מיט דער הילף פון דער פּרעסע, פון דער עפנטלעכער מיינונג, פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאַרטייען און דער עיקר — מיט דער הילף פון דער דעמאָקראַטישער אינסטיטוציע, ווי דאָס איז דער פּאַרלאַמענט.

דער נייער, אָדער רעפאָרמירטער וואַל־געזעץ, וואָס דער פּרעזידענט ראָ־קע סאַענס פעניאַ, אָדער זיין רעגירונג האָט פּראָיעקטירט, געווירקט און גע־פּועלט ער זאָל ווערן אָנגענומען און דערנאָך אים איינגעפירט אין לעבן — איז נאָר אויסן געווען צו מאַכן, אַז די וואַלן זאָלן זיין וואַלן. צוליב דעם האָט דער סאַענס־פעניאַ געזעץ פאַרזיכערט:

1. דער וואַל־באַרעכטיקטער זאָל אָנווענדן זיין רעכט, זאָל שטימען און פאַרן פאַקט פון אַ לאַנגאַניקער, שוין איינגעוואָרצלטער אַבסטינענץ גע־מאַכט, אַז דער וואַל־באַרעכטיקטער זאָל אויך זיין אַ וואַל־פאַרפליכטעטער, דער בירגער זאָל געזעצלעך אָבליגירט זיין צו באַטייליקן זיך אין די וואַלן, וויבאַלד די סיבות אויף וואָס עס האָט זיך געשטיצט די אַבסטינענץ זענען באַ־זייטיקט.

2. די פרייהייט פון דער שטימע און איר געהיימניש, אַזוי אַז יעדער בירגער זאָל שטימען פאַר וועמען און פאַרוואָס ער וויל, נאָר ער אַליין זאָל דאָס וויסן, די שטימען נאָך די וואַלן זאָלן נישט אויסגעטוישט ווערן, עס זאָלן נישט שטימען קיין טויטע און קיין לעבעדיקער זאָל מער נישט שטימען ווי נאָר איין מאָל אין זעלבן טאָג ביי די זעלביקע וואַלן. צום וואַלטיש זאָל יעדער בירגער קומען נאָר מיט איין און זיין בירגער־ביכל און נישט מיט קיין מעסער און רעוואָלווער.

3. אַז עס זאָל זיין אַ וואַל־קאָנטראָל פון אַלע פּאַרטייען, וואָס באַטייליקן זיך און דער עיקר פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען.

4. עס זאָל זיין אָפּאָזיציע פאַרזיכערט דורך אַ וואַל־סיסטעם פון אַ מערהייט און מינדערהייט.

2 — וואַלן־פּאַנאָראַמע

דער סאַענס־פּעניַשער וואַל־געזעץ, ווי באַשיידן ער זאָל נישט אויסזען און ווי באַשיידן ער זאָל נישט זיין, האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע איבערקערעניש; אַ רעוואָלוציע אָן בלוט־פאַרגיסונג. די וואַלן זענען געוואָרן אַ כבוד פון אַלעמען און אַ געניוס. דער בירגער גייט שטימען און ער פילט זיך ווירדיק, זיכער און שטראַלט פון פרייד. ביי די וואַלטישן זיצן האָבן ביי האַנט די פאַרטרעטער פון די קעגנזעצלעכע פּאַרטייען באַפריינדעט דורך דער זעלביקער קאָנטראָלירנדיקער אַרבעט און עס הערשט פרידן, רו און אין צופרידנקייט דערציילט מען זיך די שרעקלעכע עפּיזאָדן פון די געוועזענע „וואַלן".

עס גייען צו וואַלן די פּאָליטישע פּאַרטייען, צווישן זיי שוין אויך די ראַדיקאַלע נאָך צוואַנציק יאָר אַבסטינענץ. מ'גייט צו די וואַלן מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיט אויפקלערונג און מיט מאַניפעסטאַציעס פאַר פּרינציפּן, אידעען, פּלאַטפאָרמען, פּראָגראַמען. עס גייט פאָרויס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דעם גייסט און עס גייען איר נאָך די אַנדערע פּאַרטייען. די ראַדיקאַלן דערקלערן פאַר זייער פּראָגראַם די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע פון 1853. עס קומט פאָר די ציילונג אונטערן קאָנטראָל פון די באַשטימטע פאָרשטייער פון די פּאַרטייען און פאַר די אויגן פון דער בירגער־מאַסע וואָס האָט דערפילט איר רעכט און איר חוב און מען ציילט די פרייע און אייגנוויליקע שטימען מיט רעספּעקט און דערהויבנקייט.

עס בליט אויף אַ בירגערשאַפט וואָס אין פּראָפּאָרץ צו דער צאָל־באַשרענקטער באַפעלקערונג לאָזט זי זען אַ וואַקסנדיקן סאָציאַלן אינטערעס,

איבער פאַרשטענדלעכע נאָרמאַלע סיבות באַטייליקן זיך נישט אין די וואַלן אַ געוויסער פּראָצענט, למשל 20 פּראָצענט (קראַנקע, אָפּוועזנדע, געשטאָר־בענע און פּרינציפּיעלע קעגנער) און 80 פּראָצענט פון די וואַל־באַרעכטיקטע באַטייליקן זיך יאָ, וואָס פריער פאַרן סאַענס פּענישן וואַל־געזעץ איז געווען פאַרקערט: 20 פּראָצענט פון די בירגער האָבן זיך באַטייליקט און 80 פּראָ־צענט נישט.

אין 1912 איז פאָרגעקומען צום ערשטן מאָל וואַלן לויטן נייעם געזעץ. פאַר אַ מוסטער קאָן דינען די שטימען פאַר דער יונגער סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועמען די טראַדיציאָנעלע האָבן געזען ווי אַ פאַרטיי פון אויסלענ־דער, פון די „טשערטקאָווס״... (אייניקע פון דער געוועזענער יידישער קאָ־לאָניסטישער פאַמיליע טשערטקאָוו האָבן געהערט צו דער פאַרטיי. מאַריאַנאַ טשערטקאָוו איז געווען די ערשטע פרוי פון כואַן ב. כוסטאַ און איר שוועס־טער פאַני איז געווען די פרוי פון ניקאָלאַס רעפּעטאָ).

32.512 שטימען האָבן די סאָציאַליסטן באַקומען אין דער שטאָט בוע־נאָס איירעס ביי די ערשטע וואַלן לויטן סאַענס פּענישן געזעץ אין 1912 קעגן 7945 שטימען וואָס די פאַרטיי האָט באַקומען אין 1910 — די לעצטע „וואַלן״ ביי פיגעראָאַ אַלקאָרטאַס רעגירונג. די צאָל שטימען פאַר דער סאָ־ציאַליסטישער פאַרטיי איז אין אַ יאָר אַרום אין 1913 שוין געווען 48.720.

אין 1914 האָבן זיך די סאָציאַליסטישע שטימען פאַרקלענערט אויף 44.355 און אין 1916 אויף 42.745. דאָס דערקלערט זיך מיט דער פיינלע־כער עקאָנאָמישער סיטואַציע אין לאַנד (אַרבעטלאָזיקייט, הונגער, דעמאָ־ראַליזאַציע) אונטער דער קאַטאַסטראָפאַלער ווירקונג פון די ערשטע צוויי יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין אויגוסט 1914.

די מערהייט פאַרטיי (מערהייט, פאַר ציען די מערהייט שטימען פון די בירגער און האָבן די מערהייט פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט) איז באַלד גע־וואָרן די ראַדיקאַלע פאַרטיי — אַ טראַדיציאָנעלע, אַ פּאַטריאָטישע, אָן אַר־גענטיניסטישע, אַ רעליגיעז־מיסטישע — אין קאָנצעפּט פון די פאָלקיסטישע מאַסן; חוץ דעם האָט די ראַדיקאַלע פאַרטיי וואָס האָט געהייסן: „אוניאָן סי־וויקאַ ראַדיקאַל״ (ראַדיקאַלער בירגער פאַרבאַנד), געזען געוואָרן ווי אַ פּראָ־גרעסיווע באַוועגונג מיט אַ רעוואָלוציאָנערער געשיכטע פון אויפשטאַנדן לטובות דער געזעלשאַפט. אירע אויפשטאַנדן, באַזונדערס דער פון 1890 איז דורכגעפאַלן. איר גרויסער פירער לעאַנדראָ אַלעם איז אין אַנבליק פונעם רע־וואָלוציאָנערן דורכפאַל באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווי אַ שיפס־קאַפּיטאַן אויפן צעשטורעמטן ים, בעת די שיף וואָס ער פירט גייט אונטער. אָבער דעם רום

פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זי געטראָגן און האָט אויך געטראָגן דעם אָריאָל פון מאַרטיראָלאָגיע. האָט די גרויסע מערהייט פון וויילער־מאַסן געשטימט פאַר די ראַדיקאַלן, באַלד ווי זי האָט זיך פּרעזענטירט צו די וואַלן אונטער דער שוץ און צו פאַרדאַנקען דעם סאַענס פּענישן וואָל־געזעץ, נאָך איידער די ראַדיקאַלן זענען געשטאַנען ביי דער מאַכט, ביים רעגירונגס־רודער.

אויך דער מאָמענט איז פאַר אַרגענטינע אַ מערקווירדיקער, אַ געשיכט־לעכער.

די באַזע און די זיכערקייט צו געווינען ביי וואַלן און זיין די מערהייט פּאַרטיי איז שטענדיק געווען און איז נאָך — די רעגירונג. די רעגירונגס־פּאַר־טיי רעכנט אויף דער מאַסע רעגירונגס אָדער מלוכה־באַאַמטע, פונקציאָנאַרן, אָנגעשטעלטע און זייערע פאַמיליאַרן, וועמענס שטימען אַליין עס איז איבער גענוג צו געווינען די מערהייט און איר אָנהאַלטן אויב מען האָט איר שוין. און ווען מען מיינט, אַז די פאַראַנענע אָנגעשטעלטע זענען נישט גענוג צו פאַרזיכערן דעם וואַל־זיג פון דער רעגירונג, אָדער פון איר פּאַרטיי, שטעלט מען אָן מער.

ביי דער רעגירונג פון ראָקע סאַענס פּעניאַ איז דאָס נישט געווען; דאָס האָט נישט געקענט זיין טאָקע אין גייסט פון דער פּאָליטישער סאַנאַציע, פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען דער רעוואָלוציאָניסטישער וואַל־געזעץ, איבער וואָס די רעגירונג פון סאַענס פּעניאַ האָט אידעיש איבערגעריסן מיט דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וואָס האָט אים אַרויסגעשטעלט פאַר קאַנדידאַט, מיט איר טראַדיציע, מיט אירע פירונגען און איז אַזוי באַזייטיקט געוואָרן פון דער מאַכט, געוואָרן אויס רעגירונגס־פּאַרטיי.

די רעגירונג איז אַזוי געבליבן אַ רעגירונג, וואָס שטיצט נישט קיין פּאַרטיי, ווערט פון קיין פּאַרטיי נישט געשטיצט. די אָנגעשטעלטע זענען, אָן מורא צו פאַרלירן די פּרנסה דורך פאַרלירן דעם פּאָסטן, פריי צו שטימען, פאַר וועמען איינער וויל, טאָקע ווי פרייע בירגער.

די רעגירונג פון ראָקע סאַענס פּעניאַ איז דורך דעם וואַל־געזעץ וואָס איז געווען איר ווערק אַליין אויך געווען אַ מוסטערהאַפטע רעגירונג פון דער אַרגענטינער רעפּובליק אין דינסט דער פרייהייט און דער דעמאָקראַטיע.

דער פּרעזידענט סאַענס פּעניאַ איז נישט אויסגעווען זיין טערמין. אַ פיזישע קראַנקייט האָט אים אַוועקגענומען פון מלוכה־רודער, אים אַוועקגע־לייגט אויפן קראַנקנבעט און אים אומגעבראַכט, אָבער וויקטאָרינאָ דע לאַ פּלאַסאַ דער וויצע־פּרעזידענט פון דער רעפּובליק וואָס האָט פאַרטראָטן סאַענס פּעניאַן אין דער פּרעזידענץ, האָט ווייטער געפירט די רעגירונג אויף די ריינע און ליכטיקע וועגן די סאַענס פּענישע.

3 — דער פּאַרלאַמענט

אין קאָנסעקווענץ פון די וואַלן, אָנגעפירט, קאָנטראָלירט און אויסגעפירט אין הסכם און לאָיאַל מיטן סאַענס פּענישן וואַל־געזעץ האָט זיך געענדערט דער פּאַרטייאישער צוזאַמענשטעל פון פּאַרלאַמענט. עס גייען אַרויס דורך ענדיקן זייער טערמין די קאָנסערוואַטאָרן און עס גייען כסדר אַריין אויף זייער אָרט די ראַדיקאַלן דורך דער מערהייט וויילער און אין דער מערהייט פון פּאַרלאַמענט און די סאָציאַליסטן דורך און אין דער מינדערהייט.

פון די וואַלן אין שטאָט בוענאָס איירעס זענען געוויילט געוואָרן אין 1912 צוויי דעפּוטאַטן סאָציאַליסטן; אין 1913 נאָך צוויי דעפּוטאַטן סאָציאַליסטן און 30 עלעקטאָרן פאַר אַ סענאַטאָר.

30 איז געווען די מערהייט עלעקטאָרן צו וויילן דעם סענאַטאָר און עס איז געוויילט געוואָרן דער קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ד״ר ענריקע דעל וואַזשע איבערלוסעאַ — דער ערשטער סאָציאַליסטישער סענאַטאָר (און פון לינקן פליגל אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) אין אַרגענטינע און אין גאַנץ אַמעריקע; אין 1914 ווערן געוויילט נאָך זיבן סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן (די מערהייט), וואָס פאָרמירן אין דער נאַציאָנאַלער דעפּוטאַטן־קאַמער אַ סאָציאַליסטישן סעקטאָר און בלאָק פון עלף דעפּוטאַטן מיט 1 נאַציאָנאַלן סענאַטאָר. דער סעקטאָר ווערט פאַרשטאַרקט מיט נאָך אַ דעפּוטאַט און פון די וואַלן אין 1916 (ווען עס זענען געוויילט געוואָרן דריי סאָציאַליסטן, אָבער צוויי האָבן געענדיקט זייער טערמין). אין דעם פּאָליטישן מאָמענט האָבן זיך שוין געפונען די ערשטע צוויי סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן כאַסינטאָ אָדאָנע און אַדאָלפאָ דיקמאַן אין דער פּראָווינציעלער לעגיסלאַטור פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס און אין מענדאָסאַ איז אויך געוויילט געוואָרן אַ סאָציאַליסט פאַר דעפּוטאַט אין פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט פון מענדאָסאַ.

נאָך די נאַציאָנאַלע וואַלן אין 1916 איז שוין אינגאַנצן געענדערט דער באַשטאַנד פון דער דעפּוטאַטן־קאַמער. די ראַדיקאַלן פאַרנעמען דעם מערהייט סעקטאָר; די קאָנסערוואַטאָרן זענען רעדוצירט צו אַ קליינעם טייל פון מינדערהייט סעקטאָר. די סאָציאַליסטן אין אים זענען אין צאָל אויך שוין אַ באַדייטנדיקע גרופּע, אָבער די סאָציאַליסטן זענען, ביי זעלטענע אויסנאַמען, די בעסטע פּאַרלאַמענטאַריער, אמתדיקע סאָציאַלע געזעצגעבער; זענען בכלל מענטשן מיט טאַלאַנט, אינטעלעקטואַלן, פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי אויך דער ערשטער אַרבעטער אין פּאַרלאַמענט — דער פּאָלקס־רעדנער פראַנציסקאָ קונעאָ און דאָס זענען מענטשן מיט סאָציאַלע פּרינציפּן, מיט סאָציאַליס־

טישע אידעען און מיט אַ מיטגענומענעם פּראָגראַם צו רעאַליזירן און זיי זע־נען אַקטיוו און ווירקן און פירן דורך געזעצן און סאַנקציעס גאָר נישט ווי קיין מינדערהייט.

4 — די רעגירונג

און אין זעלביקן יאָר קומען פאָר קאָנסטיטוציאָנעלע פּרעזידענץ־וואַלן און עס ווערט פאָרמעל אויס די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג, וואָס איז פאַק־טיש שוין אויסגעגאַנגען ביי דער רעגירונג פון סאַענס פּעניאַ. עס ווערט דער־ווילט אַ ראַדיקאַלע רעגירונג פון דער רעפּובליק. היפּאָליטאָ איריגאָזשען דער קאַנדידאַט פון די ראַדיקאַלן איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער רע־פּובליק. עס האָט זיך געענדיקט די רעגירונג פונעם „רעכימען" — ווי דאָס האָט געהייסן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעגירונג פון דער „קאָוסאָ".

וועגן היפּאָליטאָ איריגאָזשען האָט מען אַ סך גערעדט, אַ סך געשריבן, דיקע ביכער געשריבן. ער אַליין האָט נישט גערעדט, נישט געשריבן, זעלטן זיך ווו געוויזן; אַ מיסטיקער, אַ פאַרבאָרגענער, אַן איינזאַמער, וואָס האָט גע־לעבט ווי דער אָרימסטער פון פאָלק, האָט ער געהאַט אַ געטלעכן איינפלוס אויף זיינע פּאַרטיי־מענטשן, וואָס האָבן אים געזען אין די הימלען... וואָס האָבן אים פאַרהייליקט, פאַרגעטערט און אַלץ גוזאָגט און אַלץ געטאָן אין זיין נאָמען, צי ער האָט פון דעם געוווּסט, אָדער נישט געוווּסט. אין די היס־טאָרישע יאַנואַר־טעג, אין דער „טראַגישער וואָך" פון 1919, ווען צו אים איז געקומען אַ יידישע דעלעגאַציע, האָט דער פּרעזידענט איריגאָזשען נישט גע־ווּסט וואָס אין דרויסן איז געשען, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט, וואָס עס געשעט אין לאַנד...

איז טאַקע געווען זייער כאַאָטיש די פּאָליטישע סיטואַציע פון לאַנד באַלד פון אָנהויב אָן פון דער איריגאָזשעניסטישער רעגירונג.

עס איז טאַקע פאָרגעקומען אַ בירגערלעכע רעוואָלוציע, אָבער אַ פרייד־לעכע, אַ רואיקע, אַ געזעצלעכע, דורך שטימען, דורך וואַלן, ריינע, שיינע, דערהויבענע וואַלן. די רעגירונג פון היפּאָליטאָ איריגאָזשען איז אָבער נישט געווען די פאָרזעצונג פון דער דאָזיקער אָרדנטלעכער רעוואָלוציע, נאָר ווי זי וואָלט אַרויס פון אַ כאַאָטישער איבערקערעניש.

און דאָך האָט זיך געפילט די פּאָליטישע ענדערונג צום בעסערן, פרייער, גערעכטלעכער, פריינטלעכער פאַר דער סאָציאַלער זאַך; גינסטיקער פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג (דאָס וואָס איז שפּעטער געקומען, האָט נאָר געקאָנט קומען פון כאַאָס). דער ראַדיקאַליזם, וואָס האָט געהאַט אין זיין פּאַרטיי, נישט

קיין באַזונדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, אָבער אַ סך יחידים אַרבעטער האָט ער יאָ געהאַט. האָט באַלד צונויפגעמישט די פּאַרטיי מיט דער רעגירונג און איר דערקלערט פאַר אַן „אָבררעריסטישע" (אַרבעטער פריינטלעכע).

אין פּאַרלאַמענט האָבן זיך שוין געפונען אַ סך סאָציאַלע געזעץ־פּראָיעקטן אַריינגעטראָגענע פון די סאָציאַליסטן פון 4טן יאָר אָן און עס זענען געווען די סאָציאַליסטן די איניציאַטאָרן צו שאַפן און אָפּצושאַפן דרינגלעך געזעצן, וואָס מען האָט געדאַרפט שאַפן און געזעצן, וועלכע מ'האָט געדאַרפט אָפּשאַפן, אָבער ביי דער ראַדיקאַלער רעגירונג, וואָס האָט קיינמאָל נישט דערקלערט באַלאַגערונגס־צושטאַנד און נישט דעפּאָרטירט קיין מענטשן פאַר טראָגן פּראָגרעסיווע אידעען, איז געווען לייכטער דורכצופירן די סאָציאַליסטישע איניציאַטיוועס. אַזוי איז באַלד אָפּגעשאַפט געוואָרן דער רעפּרעסיווער געזעץ פון „דעפענסאַ סאָסיאַל". עס האָבן אָנגעהויבן דורכגיין געזעצן לטובת דעם אַרבעטער; עס ווערט נישט אָפּגעשאַפט, ווי די סאָציאַליסטן האָבן דאָס פאָרגעשלאָגן, דער רעזידענץ־געזעץ נומער 4144 וועגן דעפּאָרטאַציע, ווייל די רעגירונג וויל זיך לאָזן אַן אינסטרומענט פאַר אַנדערע עלעמענטן, אוממאָראַלישע, אַנטיסאָציאַלע, אָבער דער פּאַרלאַמענט באַשטימט, אַז דער דאָזיקער געזעץ וועלכער איז געשאַפן געוואָרן צו שטערן די אַרבעטער באַוועגונג און איז נאָר אָנגעווענדט געוואָרן קעגן איר, צו דעפּאָרטירן אירע מענטשן, זאָל נישט זיין אָנגעווענדט קעגן דער אַרבעטער באַוועגונג. עס ווערט אויך געזעצלעך אָנערקענט דער ערשטער מאַי אין זיין קלאַסישן באַדייט אַלס פייערלעכער טאָג פון די אַרבעטער, אין וועלכן עס שליסט זיך אויך אָן די רעגירונג פון לאַנד.

קאַפּיטל XXVI

די ערשטע וועלט־מלחמה

1 — דאָס פייער פון דער מלחמה שפּירט זיך

אַרגענטינע איז פילבאַר צו געשעענישן אין אייראָפּע, מיט וועמען זי געפינט זיך אין נאָענטן עקאָנאָמישן קאָנטאַקט און אין דעמאָגראַפישן; אין מאַטעריעלן און אין גייסטיקן. אַרגענטינע לעבט מאַטעריעל און עקאָנאָמיש פון דעם וואָס זי גיט עסן אייראָפּע און פון אייראָפּע באַקומט זי אַלע מינים אַרטיקלען פאַרן געברויך און מאַטעריאַלן אַליין אויסצואַרבעטן אַרטיקלען, און אַרבעט־געצייג און מאַשינען פאַר דער אַרבעט און פאַר דער פּראָדוקציע.

די באַפעלקערונג אין אַרגענטינע איז צום גרויסן טייל פון אייראָפּע, אפילו די געבוירענע אין אַרגענטינע זענען אויך פאַרבונדן מיט אייראָפּע דורך די געפילן און די געדאַנקען פון זייערע אייראָפּעאישע עלטערן.

די אַרגענטינער באַפעלקערונג, וואָס איז נשמהדיק, האַרציק, אַליין איי־ראָפּעאיש, איז פאַמיליאַר פאַרבונדן מיט אייראָפּע; ווער האָט דאָס נישט אין 1914 אַ טאַטע אין אייראָפּע? אַ מאַמע, אַ באָבע, אַ זיידע, אַ מומע, אַ פעטער, ברידער, שוועסטער און די ברייט פאַרוואָרצלטע און פאַרצווייגטע פאַמיליע.

האָט זיך באַלד טיף געשפּירט דאָ די מלחמה אין אייראָפּע, וואָס האָט אויפגעריסן די לעבנסנייטיקע מאַטעריעל־עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען, וואָס האָט אונטערגעצונדן דעם ים צווישן די צוויי קאָנטינענטן; וואָס האָט געברענט די פאַמיליען־בענדער און וואָס האָט פאַרוווּנדעט די געפילן.

אָנשטאָט אַרבעט, פּראָדוקציע און לעבנסמיטלען זענען אָנגעקומען די מלחמה־ידיעות מיט אַזוינע געוואַלדיקע גרויסע ציפערן פון צעשטערונג פון מענטשלעכע לעבנס און פאַרמעגנס און אין די פּאָרטן קומען נישט אָן מער קיין שיפן מיט לעבנסמיטלען פון אייראָפּע און עס בלייבן אין די פּאָרטן די געלאָדענע שיפן מיט לעבנסמיטלען קיין אייראָפּע און שיפן פאַר אויפלאָדענען.

פּאַראַליזירט זיך דאָס עקאָנאָמישע לעבן און עס ווערט אַ שניידיקער קריזיס מיט כוואַליעס פון אַרבעטלאָזיקייט, פון נויט, פון הונגער.

פ. וואלד

2 — די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג

דאָס צערודערטע און צום גרויסן טייל פּאַראַליזירטע עקאָנאָמישע לעבן, דער קריזיס, די נויט, די אַרבעטלאָזיקייט, דער הונגער, האָבן אַריינגעוואָרפן די אַרבעטער אין אַ פאַרצווייפלטער סיטואַציע און די אַרבעטער אָרגאַני־זאַציע האָט אין אַנבליק פון אַזוינע מעכטיקע מלחמה־קאָנסעקווענצן זיך דער־פילט שוואַך און אומבאַהאָלפן.

גוטע, קוואַליפיצירטע אַרבעטער־„אָפּיציאַלן" — האָבן זיך איינגעבעטן צו אַרבעטן פאַר האַלבע אָפּיציאַלן, ד"ה פאַר אַ האַלבן לוין און אפילו פאַרן לוין פונעם פעאָן — דעם שוואַרץ־אַרבעטער. דאָס האָט אַראָפּגעזעצט די אַרבעטער דערגרייכונגען און די ווירדע פונעם אַרבעטער און עס האָט גע־שאַפן אַ סיטואַציע פון האַלב הונגערן אַרבעטנדיק אַזוי פיל און נאָך מער ווי פריער, אָבער דער גרוילהאַפטער כוח וואָס האָט געטריבן צו דעם האָט נישט דערלויבט קיין אַקציע פונעם סינדיקאַט און האָט אים נאָר געמאַכט פילן זיין שוואַכקייט.

צו דער דאָזיקער לאַגע האָט זיך צוגעשטעלט אַ מאָראַלישער פּיין, אַ געוויסן־לייד, אַ פאַרצווייפלטע פראַגע: וואָס איז געוואָרן מיטן „פּראָלע־טאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך"? ווו איז דער אמת פון דער פּראָ־לעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט? ווי איז די איבערצייגונג פונעם אַנטימיליטאַריזם פון דער אַרבעטער באַוועגונג? פאַרוואָס גייען אַר־בעטער אין מלחמה, וואָס איז די פּראַקטיק פון מיליטאַריזם צום דינסט דעם אימפּעריאַליזם־קאַפּיטאַליזם?

די מלחמה איז דער בלוטיקער חוזק פון די פּראָלעטאַרישע און סאָציאַ־ליסטישע אידעאַלן, שטרעבונגען, פּרינציפּן; איז דער ציניִשער קאָנטראַסט פון דער ציוויליזאַציע, קולטור, הומאַניזם, שלום, שאַפן, לעבן — דאָס ווייסט דאָך יעדער באַוווסטזיניקער אַרבעטער און ווייסט, אַז דער אַרבעטער איז נאָר דער קרבן פון דער מלחמה; אַז מער ווי אינוואַלידיק, נויט און טויט האָט ער פון איר נישט צו דערוואַרטן.

און מיטן באַוווסטזיין אָדער אָן אים איז מען געגאַנגען אין מלחמה, אין דעם וועלט־פּאָגראָם און אין דער שחיטה און מ'האָט אויך דורך דעם אָנ־געגריפן מאָראַליש די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער באַוועגונג אויף דער וועלט, איר דעמאָראַליזירט, אָפּגעשוואַכט און זייער געשעדיקט.

און דאָס וואָס עס רעדט זיך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד אַרגענטינע, רעדט זיך אויך פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיט אי־דעאישע, עקאָנאָמישע און קלאַסיסטישע אומצאָליקע פעדים פאַרבונדן מיט

דער סינדיקאַלער, אָדער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פֿון אַרבעטער קלאַס, זייענדיק אַליין זיין פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציע.

האָבן זיך אַזוי אַריינגעקראָגן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּעסי־מיסטישע שטימונגען און אויפּרייסערישע, נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און צעשטערערישע און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי.

אויף אַ סאָציאַליסטישן קאָנגרעס ווייזט זיך אַ נאַציאָנאַלע פֿאָן, בעת די קלאַסישע איז די אינטערנאַציאָנאַלע, די רויטע.

פֿאַר דער טיר פֿון דער סאָציאַליסטישער צייטונג „לאַ וואַנגואַרדיאַ", אויף רעקאָנקיסטאַ, שיסט איינער אויפֿן פּירער פֿון דער אַרגענטינער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג ד"ר כואַן ב. כוסטאַ און שרייט אויס: „סאַי אַרכענטי־נאָ", וואָס דערמאָנט אין דעם „פּאַטריאָטישן" אַטענטאַט אויף זשאַן זשאָ־רעס אין פּאַריז אַ טאָג פֿאַר דער מלחמה.

אין דער דעפּוטאַטן קאַמער האַלט מען אין איין אַרויסרופֿן כוסטאַן אויף דועלן, וואָס כוסטאַ וואַרפֿט אָפּ. פּאַלאַסיאָס, וועלכער איז ווידער דעפּוטאַט און אַ ריטער גייט זיך יאָ דועלירן און גראָד פֿאַר דער סאָציאַליסטישער זאַך און איבער דעם גייט ער אַרויס פֿון דער פּאַרטיי, ווייל די פּאַרטיי האָט אַ פּונקט אין די סטאַטוטן, וואָס פֿאַרווערט דועל. מיט פּאַלאַסיאָסן זענען אַרויס פֿון דער פּאַרטיי אַ גאַנצע גרופּע און פֿאַרמירט אַ באַזונדערע סאָציאַליסטי־שע פּאַרטיי אָן אַ דועל־פּונקט אין אירע סטאַטוטן. עס איז געווען די צווייטע אָפּשפּאַלטונג פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין די מלחמה־יאָרן, ווען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיך אימפּאָנירט, נישט אַזוי דער נאַציאָנאַליזם, אוודאי נישט דער פֿאַלשער פּאַ־טריאָטיזם, ווי דער אַרגענטיניזם, האָט מען אָפּגעשאָפֿט די אין דער פּאַרטיי עקזיסטירנדיקע אַזוי גערופֿענע אידיאָמאַטישע גרופּעס, אָדער צענטערן.

פֿון פֿיר אַזוינע גרופּעס: די דייטשע, די איטאַליענישע, די פֿראַנצויזי־שע און די יידישע (אוואַנגאַרד), זענען אין 1914 געבליבן צוויי. די ערשטע און די לעצטע. די צוויי מיטלסטע — לאַטייניש, וועלכע האָבן פֿריער רע־פּרעזענטירט מאַסן וואָס האָבן גערעדט אויף אייגענע שפּראַכן, איז ביי זיי אויסגעגאַנגען די רעפּרעזענטאַנץ, ווייל די דאָזיקע מאַסן האָבן זיך שפּראַכ־לעך אַסימילירט און עס איז ביי זיי אויסגעגאַנגען די באַדערפֿעניש פֿאַר עק־זיסטענץ און זיי האָבן זיך אויפֿגעלייזט.

מיט דער דייטשער גרופּע „פֿאָרווערטס", וואָס איז געווען די פֿאַר־גייערן פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַרגענטינע, האָט זיך געעפֿנט אַ דעבאַטע טאַקע אויפֿן גרונט פֿון דער מלחמה און די דעבאַטע האָט זיך גע־ענדיקט מיט דעם באַזייטיקן זיך פֿון דער פּאַרטיי; נישט די דעבאַטע איז גע־

ווען די סיבה, נאָר דאָס וואָס די פּאַרטיי האָט גענומען דעם קורס פון אַרגענ־טינישקייט און געוואָלט זיך באַפרייען פון דער אויסלענדישקייט און פון יעדן נאַציאָנאַליזם, וואָס איז נישט דער אַרגענטינישער. וואָס איז שייך די יידי־שע (רוסיש־ריידנדיקע און פּרינציפּיעלע אַסימילאַטאָרן) גרופּע „אַוואַנגאַרד" איז איר עקזיסטענץ נישט געווען פון ערשטער באַדערפעניש און אַ וויר־קונגסלאָזע ביי דער עקזיסטענץ פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אַוואַנגאַרד, וואָס האָט מיט פולשטענדיקער קולטור־רעלער אויטאָנאָמיע אָנגעפירט מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד אַרגענטינע אין אידעאישער, סיסטעמאַטישער און אַקטיווער פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון לאַנד און מיט זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אָרגאַני־זאַציעס.

האָט די פּאַרטיי — גאַנץ דעמאָקראַטיש ווי זי האָט זיך געפירט — נישט באַזייטיקט די באַשטימטע אידיאָמאַטישע גרופּעס, נאָר האָט אין גייסט פון אַרגענטינישקייט פּרינציפּיעל אָפּגעשאַפט ביי זיך דעם וועזן פון אויס־לענדישקייט און פון אַנדערע שפּראַכן גרופּעס און אין דעם גייסט האָט די פּאַרטיי אויך אָנגענומען, אַז אַלע אירע מיטגלידער, וואָס געפינען זיך אין די קאָנסטיטוציאָנעלע און געזעצלעכע באַדינגונגען פון לאַנד, דאַרפן זיין, אָדער ווערן אַרגענטינער בירגער.

3 — „שפּורלאָז פאַרזונקען" שיפן אונטער דער אַרגענטינער פאָן

אַרגענטינע איז געווען פון די פענאָמענאַלע לענדער, וואָס האָט זיך גע־האַלטן נייטראַל צו דער מלחמה, איז געווען מיט אַלע אין דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען, איינשטעלונגען, אַזוי מיט דייטשלאַנד ווי מיט ענגלאַנד; מיט פראַנקרייך ווי מיט עסטרייך אאַז"וו.

דער אַמבאַסאַדאָר פון דעם האָהענצאָלערישן, יונקערשן, מיליטערישן, קריגערישן און אָנגרייפערישן דייטשלאַנד, איז דאָ געווען אַ גראַף לוקסבורג, האָט ער כסדר געהאַלטן וואָך אויף די שיפן אָנגעלאָדענע מיט עסן, מיט לעבנסמיטלען, וואָס זענען אונטער דער פאָן פונעם נייטראַלן אַרגענטינע אַרויס פון די אַרגענטינער פּאָרטן צו פירן ברויט פאַר די מענטשן פון די איירלאָפּעאישע לענדער און ער, דער גראַף לוקסבורג האָט באַלד דעפּעשירט צו די דייטשע קרייצערס און די אַנדערע קריגסשיפן, וואָס האָבן געלויערט אויף די וועגן פונעם אַטלאַנטיק וועגן די שיפן, וואָס גייען אונטער דער אַר־גענטינער פאָן און צוגעגעבן זיין באַרימט־געוואָרענע פראַזע איבער דער גאַנ־צער וועלט: „שפּורלאָז פאַרזונקען".

די דאָזיקע שיפן זענען אין ערגעץ נישט אָנגעקומען און קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען, זיי זענען צעלעכערט אונטערגעגאַנגען אין די טיפע־נישן פונעם אָקעאַן אַזוי, אַז עס איז פון זיי קיין שפור נישט געבליבן.

די רעגירונג פון היפּאָליטאָ איריגאָזשען האָט נישט רעאַגירט.

רעאַגירט האָט דער סאָציאַליסטישער בלאָק, וועלכער איז באַשטאַנען פון צוועלף דעפּוטאַטן און אַ סענאַטאָר, ער האָט פּראָיעקטירט און דורכגעפירט אין פּאַרלאַמענט, אַז דער גראַף לוקסבורג, דער מחבר פון „שפּורלאָז פאַרזונקען", זאָל אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד. און עס זאָל דערקלערט ווערן פאַר איבערגעריסן די באַציאונגען מיט דייטשלאַנד. און עס זאָל געפאָדערט ווערן אַנטשעדיקונג אאַז"וו.

די דאָזיקע רעאַגירונג פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע, וואָס די רעגירונג פון די ראַדיקאַלן האָט נישט אויסגעפירט, האָט אין דער פּאַרטיי אַרויסגערופן אַן אויפברויז, וואָס האָט לאַנג אָנגעהאַלטן. דאָס איז געווען נאָך אַ שריט און אַ געוואַגטער, אַן איינגעשטעלטער און שוין גאָר אַ שאַקירנדיקער קעגן דער סאָציאַליסטישער איינשטעלונג אין שייכות מלחמה. אַ פּרינציפּיעלע נעגאַטיווע איינשטעלונג פאַר יעדן פאַל, שטענדיק, אומעטום.

דער דייטשער סאָציאַליסטישער פירער אויגוסט בעבעל, וועלכער איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, האָט, ווען ער האָט געלעבט און איז געווען דעפּוטאַט אין רייכסטאַג — דערקלערט אין איינער פון זיינע באַרימטע 24 שעהדיקע רעדעס, אַז אין פאַל פון אַן אָנגריף אויף דייטשלאַנד, וועט ער זיין דער ערשטער, וואָס וועט נעמען אַ ביקס אויפן אַקסל און גיין אין דער מלחמה. אַזוי האָט דערקלערט בעבעל ווי אַ יחיד, אפשר האָט ער אויך אַזוי אַן אַ מאַנדאַט און אין פאַרויס אויסגעדריקט די האַנדלונג אין אַזאַ פאַל פון דער מערהייט דייטשע סאָציאַליסטן, אָבער דאָס איז נישט געווען די אוניווערסאַלע איינשטעלונג פון סאָציאַליזם.

אמת, אַז אין דער מלחמה ווירקלעכקייט איז די דאָזיקע סאָציאַליסטישע איינשטעלונג, ווי אַנדערע, אויפגעריסן געוואָרן און פאַרן פאַקט פון סאָציאַליסטישן גיין אין מלחמה האָבן אַרגענטינער סאָציאַליסטן און נישט נאָר אַרגענטינער, געקענט זאָגן און געזאָגט, אַז וויבאַלד גיין, איז אויף דער זייט, וווּ עס איז דערקלערט: מלחמה דער מלחמה, דעם מיליטאַריזם, דעם אימפּעריאַליזם און די אויטאָנאָמישע אַליין־באַשטימונג פון די פעלקער און וווּ עס ווערט געפּלאַנט אַן אינטערנאַציאָנאַל פון די פעלקער, וואָס זאָל פרידלעך און אין פרידן און גערעכטלעך באַהאַנדלען אַלע ענינים צווישן פאָלק און פאָלק און אויף דער זייט וווּ עס ווערט פּראָקלאַמירט מענטשן־רעכט אין אַלע לענדער און פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, וואָס דאָס שטימט מיט סאָציאַליזם.

דאָ האָט עס נאָך נישט געהאַלטן פון גיין אין מלחמה, כאָטש ווען עס זאָל אויסגעפירט ווערן די פּאַרלאַמענט סאַנקציע קעגן דעם „שפּורלאָז פאַר־זונקען", וואָלט מען אפשר אין קאָנסעקווענץ באַדאַרפט ווייטער שיקן שיפן מיט לעבנסמיטלען קיין אייראָפּע אין באַגלייט מיט איינסן פון אַרגענטינער קריגס־פלאָט. ווי האָט דאַן געזאָגט דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט כוסטאָ וואָס איז געבליבן מיט אַ צייכן פונעם „פּאַטריאָטישן" אַטענטאַט אויף אים: זאָל מען כאָטש אַמאָל געברויכן דעם „באַוואָפנטן פרידן", אָדער קריגס־פלאָט קעגן וואָס מיר סאָציאַליסטן האָבן געפירט אַן אַקציע... דאָס איז גע־זאָגט געוואָרן מיט כוסטיסטישן הומאָר, ווי אַ שפּאַס, אָבער לויט דער סאַנק־ציאָנירטער איניציאַטיוו פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע לעגיסלאַטאָרן, האָט דאָס געקאָנט זיין אַן ערנסטע ווירקלעכקייט.

און פונעם אויפברויז אין דער פּאַרטיי, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן איז אַרויסגעקומען אַ דריטע אָפּשפּאַלטונג פון אַ גרופּע אין וועמענס צענטער עס איז געשטאַנען אַן אָפּאָזיציע, וועלכע איז געוואָרן טאָלערירט נישט געקוקט, וואָס זי האָט סיסטעמאַטיש עפנטלעך נאָר קריטיקירט און אַטאַקירט די פּאַר־טיי פירונג.

דער ד"ר לייבאָוו איז געוועזן דער טעאָרעטיקער פון דער דאָזיקער סאָ־ציאַליסטישער אָפּאָזיציע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט: „פּאַ־לאַבראַ סאָסיאַליסטאַ". די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע איז אַ סך פאַרשטאַרקט געוואָרן אין צאָל, אין טעטיקייט און מיט אַזוינע אינטעלעקטועלע און אַקטי־וויסטישע קרעפטן, ווי פּענעלאָן, פּאַלקאָס, אַנכעליקאָ מענדאָסאַ, גיאָלדי, קאַנטאָר, אידאַ באַנדאַראָוו און נאָך אַנדערע, וואָס זענען געקומען פון דער נייער אָפּשפּאַלטונג, און זי האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ צווייטער פּאַרטיי וואָס האָט געהייסן: „אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי".

קאַפּיטל XXVII

רעוואָלוציעס אין אייראָפּע

1. — געווונען די מלחמה

די וועלט־מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען אין אייראָפּע, ווען אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין פעברואַר פון 1917, אָבער אין פּערספּעקטיוו איז שוין די מלחמה געווען אַ געווונענע — אויף דער זייט פון די אַליאירטע.

ווילסאָן, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע האָט שוין געהאַט אויסגעאַרבעט פאַר דער פרידנס־קאָנפערענץ אַ פּראָיעקט פון פערצן געבאָטן, וואָס זענען נאָך נישט פון קיין געווונענע מלחמה געהערט געוואָרן, זיי זענען פולשטענדיק געווען אין איינקלאַנג מיט אַלץ, וואָס די פרייהייטלעכע און דעמאָקראַטישע לענדער (וועלכע האָבן באַהערשט די אַליאַנץ) האָבן פּראָקלאַמירט בעת דער מלחמה און וואָס זענען געווען דורכויס רעוואָלוציאָנערע.

דאָס וואָס דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד איז אַליין אַרויס פון דער „מלחמה קעגן מלחמה“, האָט געמאַכט, אַז די געווונענע זאָל זיך פאַרציען ביז נאָוועמבער 1918, אָבער די געווונענע מלחמה אין פּאָטענץ האָט זיך געלאָזט זען פאַרן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע און אין איר אָנבליק און גייסט איז געקומען די נייע צייט פון אָן זיגער און אָן באַזיגטע; פון זעלבסט־באַשטימונג פון די פעלקער; פון דעמיליטאַריזאַציע און אַנטוואָפענונג. פון פעלקער־פאַרברידערונג און פון האָבן דערקלערט די מלחמה פאַר אַ פאַרברעכן; פון פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט אויף דער וועלט און פון אַ בעסער, שענער און ווירדיקער לעבן פון אַלע מענטשן וואָס אַרבעטן.

2 — די רוסישע רעוואָלוציע פאַר אַלע און איבער אַלע

עס איז געקומען די ערשטע די רוסישע רעוואָלוציע, אַ פּראָלעטאַרישע, אַ סאָציאַליסטישע, וואָס האָט קודם־כל אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר, אַ סוף גע־

מאַכט צו דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע און פּראָקלאַמירט די רעפּובליק פון פריי־הייט, פון גלייכהייט און פון ברידערלעכקייט.

און עס איז געקומען די עסטרייכישע רעוואָלוציע — אויך אַ פּראָלע־טאַרישע, אַ סאָציאַליסטישע און עס איז געפאַלן די האַבסבורגער דינאַסטיע און עס איז געוואָרן אַן עסטרייכישע רעפּובליק.

און עס זענען אויפגעקומען אומאָהענגיקע רעפּובליקן פון די געוועזענע אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און יוגאָסלאַוויע.

און עס איז געקומען אויך אין דייטשלאַנד די רעוואָלוציע און עס איז אַנטלאָפן דער קייסער ווילהעלם און עס איז געפאַלן די האָהענצאָלער־די־נאַסטיע און עס איז אויפגעקומען אַ רעפּובליק.

עס איז געגאַנגען די פאָלקס־רעוואָלוציע אין אייראָפּע און עס זענען געפאַלן אימפּעריעס: די רוסישע, די עסטרייכישע, די דייטשע און עס איז ווידער אויפגעשטאַנען אַ פאַרייניקט אומאָפּהענגיק פּוילן מיט אַ דעמאָקראַ־טישער רעפּובליק. און עס זענען אויפגעשטאַנען מיט פרייהייטלעכע דעמאָ־קראַטישע רעפּובליקן ליטע און לעטלאַנד און פינלאַנד.

עס זענען געפאַלן קרוינען, טראָנען, מאָנאַרכיעס, דינאַסטיעס, אימ־פּעריעס און עס זענען אויפגעקומען דעמאָקראַטישע רעפּובליקן מיט פּראָלע־טאַרישע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע מענטשן ביי דער מלוכה־מאַכט.

און עס זענען אויפגעשטאַנען אַלטע אונטערדריקטע פעלקער אין דער געשטאַלט פון נייע, פרייע און דעמאָקראַטישע לענדער.

די אַלטע פאַרבלוטיקטע און פאַרבלאָטיקטע וועלט גייט אונטער און עס גייט אויף אַ נייע, אַ ריינע, אַ שיינע — אַ סאָציאַליסטישע מיט דער אינטער־נאַציאָנאַליסטישער, רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — פאָרויס!

אַזוי האָט דאָס אויסגעזען.

אין אַזאַ געשטאַלט האָבן זיך די היסטאָרישע געשעענישן פון אייראָפּע אָפּגעשפּיגלט דאָ אין די וויזיעס און אין די אילוזיעס; אין די סענטימענטן און אין די מענטאַליטעטן און געווירקט און געשאַפן שטימונג —

אַ מונטערע, אַ געהייטערטע ביי די אַרבעטער.

אַ צעשראָקענע, אַלאַרמירנדיקע ביי די קאַפּיטאַליסטן און ביי דער רע־גירונג.

3 — די אַרבעטער באַוועגונג

אין אָנבליק פון דער געווונענער מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו ענדערן צום בעסערן די עקאָנאָמישע סיטואַציע.

עס האָט אויפגעהערט דער בייסנדיקער עקאָנאָמישער קריזיס.
דער אומבאַפרידיקטער געברויך איז געווען אויסגעהונגערט.
עס איז געווען נויטיק צו פּראָדוצירן, אַ סך צו פּראָדוצירן, וואָס אַ טאָג אַלץ מער, וואָס מער די איינוווינער האָבן צוריק געקראָגן די מעגלעכקייט צו קויפן.
עס האָט זיך געפאָדערט אַרבעט, וואָס מער אַרבעט.
עס האָט אויפגעהערט די אַרבעטלאָזיקייט.
די אַרבעטער באַוועגונג האָט אויפגעלעבט, אויסגעוואַקסן, זיך אויסגעשפּרייט.
עס זענען צוריק דערהויבן געוואָרן די אַראָפּגעזעצטע אַרבעטס־באַדינגונגען און מען האָט געפאָדערט עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען. דאָרט ווו מען האָט אָפּגעוואָרפן די פאַרבעסערונג פאָדערונגען, האָט מען געשטרייקט.
די שטרייקן האָבן זיך אויסגעשפּרייט, זיך פאַרפלייצט און צעכוואַליעט.
און די באַוועגונג איז געוואַקסן.
צום צענטן קאָנגרעס פון דער „נייענטער פּאַראָ״, דאָן אין 1918 האָבן זיך פּרעזענטירט 199 אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן מיט 144 טויזנט מיטגלידער.
באַגייסטערט און באַרעשט פון די רעוואָלוציעס פון אייראָפּע מיט דער רוסישער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע פאָרויס, האָט דער קאָנגרעס פון דער „נייענטער פּאַראָ״ (9טער, ווייל ס׳איז געווען נאָך אַ פּאַראָ, וואָס האָט געהייסן די „פינפטע״) אַרויסגעטראָגן אַ סאָלידאַריטעט דערקלערונג פאַרן „רוסישן מאַקסימאַליזם״ (אַזוי האָט אין יענעם מאָמענט איבער די באָלשעוויסטישע שריט געהייסן די רוסישע רעוואָלוציע אין זין פון באַלד איינפירן מאַקסימאַלע זאַכן אין קאָנטראַסט צו מינימאַלע).

4 — די טראַגישע וואָך

אין דער שטרייק־כוואַליע זענען אויך אַריין די מעטאַל פאַבריקן פון וואַסענאַ.
האָט דער פאַבריקאַנט געליאַרעמט, אַז ביי אים איז נישט קיין שטרייק, נאָר אַ בונט, אַן אויפשטאַנד — אַ רעוואָלוציע.
די רעגירונג האָט זיך טאַקע גלעגנהייטלעך דערקלערט פאַר אַן אַרבעטערישע, מחמת מיטגעפיל מיט נויטליידנדיקע אָרעמע מענטשן, זי האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט דערקלערט פאַר אַ פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע און אוודאי נישט פאַר קיין „מאַקסימאַליסטישע״. חוץ דעם איז דאָך די רעגירונג

אויך אַריין אין דער מורא פאַר די געפאַרן פון „מאַקסימאַליסטישן" אַוואַנס אויך דאָ אין לאַנד און האָט זיך געזען צו באַשיצן.

אויף דער דאַזיקער מורא וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די רעגירונג מיט אַ שטענדיקער מיסטישער מענטאַליטעט, וואָס איז גרייט געווען צו גלויבן אין אַלץ און אָנצונעמען די טראַגי־קאָמישסטע שריט — האָט פון אירע פאַרבאַר־גענע קוקווינקלען אויסגעקוקט די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע וואָס איז גע־וואָרן באַזייטיקט פון דער מלוכה־מאַכט, אָבער האָט נישט רעזיגנירט. זי האָט געטאָן אַלץ, נישט אָפּהאַלטנדיק זיך פון פאַנטאַסטישע, נידערטרעכטיקע און סאָציאַל פאַרברעכערישע שריט, וואָס איר פעיקייט דערצו, האָט זי באַוויזן אין די אַוועקגעגאַנגענע צייטן, ווען ביי איר איז געווען די מלוכה־מאַכט; זי האָט ווייטער אָנגעהאַלטן איר קאַמף צו באַקעמפן ביז פאַרניכטן די פּראָלע־טאַרישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, זעענדיק גלייכצייטיק צוריק־צוקומען צו דער מאַכט.

קיין עלעמענטן און מיטלען האָבן איר נישט געפעלט.

מיט קליינע אויסנאַמען זענען די באַוואָפנטע קרעפטן פון דער פּאָליציי און פון דער אַרמיי באַהערשט געווען פון אירע עלעמענטן מיט די קאָמאַנדעס אין זייערע הענט; אירע זענען די „ניניאָס ביען", די דאָזיקע קינדער פון ווויל־מאַג, וואָס האָבן זייער ליידיקגייערײַ אויסגעפילט מיט אַוואַנטורעס און פאַר־ברעכנס, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועט מען נישט כאַפּן און אוודאי נישט באַ־שטראָפן; די דאָזיקע „ניניאָס" זענען אויך געווען צום גרעסטן טייל די אוני־ווערזיטעט סטודענטן, וואָס האָבן באַקומען זייערע דיפּלאָמען און טיטלען נישט לערנענדיק און נישט געברויכנדיק זיי אין דער פּראַקטיק פון קיין פּראָ־פעסיע.

קיין עקאָנאָמישע כוחות האָט דער רעאַקציע נישט געפעלט. זי האָט גיכער געקאָנט אויסהאַלטן אַ שטרייק, איידער דער הונגעריקער אַרבעטער; קיין פינאַנציעלע מיטלען האָט איר אוודאי נישט געפעלט אויסצוהאַלטן פּראָ־וואָקאַטאָרן, באַלוינען פאַר פּראָוואָקאַציעס; צאָלן גרויסע האָנאָראַרן מחברים פון מוראדיקע פאַנטאַזיעס, פאַלשע קלאַנגען און נישט געשטויגענע געשעע־נישן, וואָס קאָנען פירן אין באָד אַריין אַזאַ מיסטישע רעגירונג ווי די געווע־זענע איריגאָזשעניסטישע.

אַזוי דערקלערט זיך דאָס די אינטערווענץ פון די באַוואָפנטע קרעפטן אין אַ פּשוטן עקאָנאָמישן שטרייק פון די אַרבעטער אין די פאַבריקן פון פּרי־וואַטן קאַפּיטאַליסט, ווען ער, אָדער זיינע קנעכט האָבן געמאַכט אַ ליאַרם:

— אַ בונט, אַן אויפשטאַנד — אַ רעוואָלוציע!

דעם 7טן יאַנואַר 1919 איז דאָס געשען, ווען די גאַסן אין נועוואַ פּאָמ־

פּעזשאַ, ווו עס האָבן זיך געפונען די מעטאַל פאַבריקן פון וואסענא האָבן זיך געוואַשן אין מענטשלעך בלוט אונטער דער שחיטה פון די באַוואָפנטע כוחות פון דער רעגירונג אויף די אַרבעטער אין שטרייק.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער „טראַגישער וואָך" וואָס איז אין יענע טעג שוין אַזוי אָנגערופן געוואָרן פון דער אַנאָנימער פאָלקס מאַסע און איז אויף דעם נאָמען מיט בלוט פאַרשריבן געוואָרן אין דער אַרגענטינער געשיכטע.

די געשעעניש האָט אַריינגעטראָפן אין דער אָנגעגליטער סטיכיע, זי האָט אָנגעצונדן די מאַסן, וואָס זענען ספּאָנטאַן אָן קיינעמס רוף אַרויס אויף די גאַסן.

בוענאָס איירעס, ווי גרויס זי איז שוין געווען, איז געווען אין די פלאַמען פון צאָרן.

אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַרבעט, מיט פּראָדוקציע, מיט האַנדל, מיט פאַרקער, קאָמוניקאַציע איז געבליבן פּאַראַליזירט. נאָר אויף די גאַסן האָט געברויזט. עס איז געגאַנגען אַן איינגעהאַלטענער שטורעם פאַרן אויסברוך.

די דערקלערונג פון גענעראַל שטרייק מצדביידע צענטראַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, די „פאָראַ" פון 9טן קאָנגרעס און די „פאָראַ" פון פינפטן קאָנגרעס און געשטיצט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — האָט שוין געטראָפן דעם גענעראַל שטרייק אַן אַבסאָלוטן מיט זיין פּראָטעסט־כאַראַקטער און איבערן גאַנצן לאַנד.

די אָנפירונג האָט נישט פאַרגעזען אַזאַ באַוועגונג און דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן. עס איז נישט געווען אין איר קיין פּלאַן און קיין פּראָגראַם.

דער צער און צאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אויסגיסן אין עקסצעסן: צעשמעטערן שויפּענצטער, וואָס האָבן נישט געהאַט אַראָפּגעלאָזט די מעטאַלענע פאָרהאַנגען, אונטערצינדן אויטאָמאָבילן און טראַמווייען, וועלכע מ'האָט געטראָפן אין גאַס, אָדער גאָר אַזוינע זינלאָזע זאַכן ווי עפענען וואַסער רערן אויף דער גאַס און אַרויסרייסן די שטיינער פון ברוק און ברעכן לאַמטערנס.

אָבער מערקווירדיק: קיין מענטש פּערזענלעך איז פון קיינעם נישט באַרירט געוואָרן. עס איז אויך נישט געווען קיין רויב.

דעם 8טן יאַנואַר איז געגאַנגען די קאָלעקטיווע לויה פון די אומגעקומענע אַרבעטער.

די פּאָליציי איז געווען צוריקגעצויגן.

אַן אומענדלעכע מענטשן־כוואַליע איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון

שטאָט אויף טשאַקאַריטאַ. אויפן וועג פונעם טרויער און פּראָטעסט־מאַרש זענען פאָרגעקומען אייניקע עקסצעסן, אפשר מיט דער טענדענץ צו צעשטערן די לויה וואָס איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע דעמאָנסטראַציע און אפשר מאַכן אַ נייע שחיטה.

די לויה־דעמאָנסטראַציע איז נישט אויפגעריסן געוואָרן, אָבער די שחיטה איז יאָ דורכגעפירט געוואָרן ביים אָנקומען פון דער מאַסע צום צע־מענטעריום אויף טשאַקאַריטאַ.

אין דער פינצטער פון דער נאַכט האָבן די באַוואָפנטע קרעפטן פון דער רעגירונג, קאָנצענטרירט ביים צעמענטעריום אָפּגעפייערט זאַלפּן אויף דער אָנקומענדיקער מאַסע מיט די טויטע אויף די אַקסלען.

9טער יאַנואַר.

דער גענעראַל־שטרייק איז אַן אַבסאָלוטער.

אַלץ איז פּאַראַליזירט. די געשעפטן געשלאָסן. מען גייט צופוס, נישטאָ מיט וואָס צו פאָרן.

עס הייבט אָן קומען מיליטער, אויסגעשטאַט און באַוואָפנט ווי צו אַ מלחמה.

פון דער רעגירונג איז אַרויס אַן אויפרוף צו דער „פּאַטריאָטישער יוגנט״, זי זאָל זיך מאָביליזירן צו העלפן ראַטעווען דאָס פאַטערלאַנד...

אַזוינע פּלאַקאַטן זענען צעקלעפּט געוואָרן אין די גאַסן.

די „פּאַטריאָטישע יוגנט״ האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער פּלאַסאַ קאָנגרעסאָ און אויף אַנדערע פּלאַסעס — באַוואָפנט.

אין שוץ פון רייטער פּאָליציי האָבן זיך פאַרנאַכט גרעסערע גרופּעס גע־לאָזט איבער די גאַסן, מער אין די יידישע קוואַרטאַלן ווי אין אַנדערע מיט אַזוינע אויסגעשרייען, ווי „פוערא לאָס עקסטראַנכעראָס! מועראַן לאָס מאַק־סימאַליסטאַס! מועראַן לאָס כודיאָס!״ (אַרויס מיט די אויסלענדער. אַ טויט די מאַקסימאַליסטן, אַ טויט די יידן) און די אויסגעשרייען זענען געגאַנגען אין באַגלייט מיט שיסעריי און מיט געוויינען פון די מענטשן וואָס מען האָט געשלאָגן, געהרגעט.

דאָ און דאָרט האָבן געפלאַקערט פייערן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אין שיין פון אַזאַ פייער אויף דער גאַס עקוואַדאָר האָט זיך געזען דער פּאָגראָם אויפן לאָקאַל פון „אַוואַנגאַרד״.

עס האָט געברענט און געפלאַקערט אויף דער גאַס די ביבליאָטעק, דאָס מעבל, דער אַרכיוו פון דער אָרגאַניזאַציע. צוויי רויטע פענער זענען אַוועק־געטראָגן געוואָרן ווי טראָפייען.

רייטער־פּאָליציי האָט געהיטן די „אָרדענונג".
דאָס איז איין אַקט פֿון אַ סך צו „ראַטעווען דאָס פֿאָטערלאַנד".
די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין אָפּעראַציע קוואַרטאַלן.
די יידישע קוואַרטאַלן, וואָס זיי האָבן אָנגערופן „באַריאָס רוסאָס", אָדער „באַריאָס כודיאָס", האָבן „גענאָסן" פֿון ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט.

אַזאַ „באַריאָ" איז געווען די געגנט צווישן די גאַסן קאַזשאַאָ און מעדראַנאָ און צווישן וויקטאָריא און קאָרדאָבאַ. וויזשאַ קרעספּאָ, קאַבאַזשיטאָ, פּאַטערנאַל און באָקאַ־באַראַקאַס האָבן אויך געהאַט זייערע „באַריאָס".
אַ גאַנצע נאַכט זענען אָנגעגאַנגען די טעראָריסטישע הויז־אַרעסטן.
די נאַכט־מוזיק אין שטאָט איז דאָס מאָל געווען אַ הילכיקע: די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט.
אין דער פֿינצטערניש און אין כאַאָס האָבן אויך געשאָסן איינע אויף די אַנדערע די פֿאַרשידענע גרופּעס פֿון די באַוואָפֿנטע קרעפֿטן פֿון דער רעגירונג.
דעם 10טן יאַנואַר און די ווייטערע טעג פֿון דער „וואָך" האָבן אָנגעהאַלטן די אַרעסטן.
די שטאָט איז געווען מיליטעריש אָקופּירט. אין די גאַסן זענען געווען צעשטעלט סאָלדאַטן באַוואָפֿנט ווי אין אַ מלחמה.

אין דעם טאָג האָט מען „אַנטדעקט די רעוואָלוציע" בראש מיטן פּרעזידענט פֿון דער מאַקסימאַליסטישער רעגירונג, וועלכער איז אונטערערדיש געווען פֿון פֿריער צוגעגרייט...

אין יענעם טאָג בין איך — דער שרייבער פֿון די שורות — אויך אַרעסטירט געוואָרן. איך האָב געזען מיין אַרעסט ווי איינער פֿון אָן אַ צאָל אַנדערע און עס איז מיר נישט איינגעפֿאַלן, אַז עס זאָל זיך האָבן געוועבט אַ לעגענדע פֿון אַ באַלדיקע מאַקסימאַליסטישע רעגירונג אין אַרגענטינע, פֿאַר וועלכער עס איז שוין באַשטימט אַ פּרעזידענט אַ דיקטאַטאָר, וועלכער פֿירט שוין אָן מיט דער רעוואָלוציע, שטייט אין צענטער פֿון די געשעענישן און אַז דער דאָזיקער פּרעזידענט — דאָס בין איך!...

ערשט דעם 15טן יאַנואַר ביינאַכט, האָב איך זיך פֿון דעם דערוווסט אין מיין איינצל־קאַמער, אין די תפֿיסה־קעלערן פֿונעם יוסטיץ־פּאַלאַץ, ווען דאָס פֿעדעראַלע געריכט, וואָס האָט עפֿנטלעך באַטראַכט דעם פֿאַרלאַנג פֿון „האַבעאַס קאָרפּוס", וואָס מיין אַדוואָקאַט און פּאַרטיי־חבר פֿעדעריקאָ פּינעדאָ האָט פֿאַר מיר פֿאַרלאַנגט און מען האָט מיך קודם־כל באַפֿרייט פֿון דער אומקאָמוניקאַציע.

נישט געקוקט אויף די טראַגישע געשעענישן פון דער בלוטיקער קאָ־מעדיע, האָט זיך דעצידירט געפירט די אַרבעטער באַוועגונג מיט דערהויבנ־דיקן הערשאַיזם פון אירע מאַרטיריזירטע מענטשן און עס האָט אָנגעהאַלטן דער גענעראַל־שטרייק ביז די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער האָבן דערקלערט דעם גענעראַל־שטרייק פאַר געענדיקט.

דאָס איז געשען דעם 13טן יאַנואַר נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט אָנ־גענומען די באַדינגונגען פון די אַרבעטער־צענטראַלעס:

1. באַפרייען אַלע אַרעסטירטע איבער סאָציאַל־פּאָליטישע מאָטיוון;
2. אָפּשטעלן די גוואַלד־אַקטן פון דער מאַכט;
3. פאַרזיכערן די פרייהייט פון שטרייקן.

מען האָט אָפּגעשטעלט דעם טעראָר און מען האָט באַלד אָנגעהויבן צו באַפרייען די טויזנטער אַרעסטירטע.

די ראַדיקאַלע רעגירונג, די איריגאָזשעניסטישע האָט געזוכט אַן אויס־וועג אַרויסצוגיין פון דער סיטואַציע.

5. — קאָנצענטראַציע לאַגער אויף מאַרטין גאַרסיאַ

די רעגירונג פון איריגאָזשען איז אַרויס פון דער „טראַגישער וואָך" אַ צעבראָכענע, אַ פאַרלוירענע און פון דער טראַגי־קאָמישער סיטואַציע אין וועלכער זי האָט זיך געלאָזט אַריינפירן, איז איר שוין שווער געווען אַרויס־צוקריכן.

אַנדערש איז געווען די לאַגע אין פּראָלעטאַרישן און סאָציאַליסטישן לאַ־גער.

די אַרבעטער באַוועגונג איז אַרויס פון דער „טראַגישער וואָך" מאָראַ־ליש געזונט און פאַרשטאַרקט און אירע רייען זענען געוואַקסן און מיט בייע דערגרייכונגען געגאַנגען פאָרויס.

אין דעם יאָר פון דער „טראַגישער וואָך" זענען פאָרגעקומען דעפּו־טאַטן וואַלן. די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן (פינעדאָ איינער פון זיי) האָבן געצויגן די מערהייט שטימען, צום ערשטן מאָל אין בוענאָס איירעס 52 טויזנט שטימען און עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן די סאָציאַליסטן פאַר נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן.

אויפן עקאָנאָמישן באָדן הייבט זיך ווידער אויף אַ שטאַרקע שטרייק־באַוועגונג.

אין צענטער פון דער נייער שטרייק־באַוועגונג איז דער שטרייק פון די קעמפערישע פּאָרט־ און ים־אַרבעטער. ער קלאַפּט דער „נאַציאָנאַלער עקאָ־

באַמיע״, וואָס איז מאָנאָפּאָליזירט אין די הענט פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וועלכער עקספּלואַטירט די לאַנד־פּראָדוקציע. עס ווערט אויפגעהויבן אַן אַליאַרם:

— פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין פּאַרט!

עס גייען דאָ אין באַנוץ נייע ווערטער: מאַקסימאַליזם, באָלשעוויזם, סאָוויעטיזם, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור און נאָך, וואָס זענען נאָך אין די קינדער־יאָרן און מ׳ווייסט זייער באַדייט אָן טערמינאָלאָגיע און מ׳ווייסט פון וואַנען זיי קומען אָן פילאָלאָגיע.

אַנדערש הערן זיי זיך אַרויס אין גאַנג פון דער אַרבעטער באַוועגונג און אַנדערש — פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע. זי נוצט זיי ווי סטראַ־שידלעס, אָנצוואַרפן אַ מורא אויף אַלע און דער עיקר אויף דער רעגירונג, ווייל אין מורא גייט די רעגירונג מיט אַלע אירע מלוכה־מאַכטן ווי און ווו מען פירט איר. אַזוי איז זי אַריין אין דער „טראַגישער וואָך״ און מיט מורא פאַר „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור״ וועט זי זיך ווייטער לאָזן פירן פון דער רעאַקציע.

עס אָרגאַניזירט זיך די „פּאַטריאָטישע יוגנט״ אין באַוואָפנטע קאַדרן פון „ווייסע גוואַרדיעס״.

עס פאָרמירט זיך מיליטעריש, אין שלאַגבריגאַדעס די „פּאַטריאָטישע ליגע״.

די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פאָרמירט די „אַסאָסיאַסיאָן נאַסיאָ־נאַל דעל טראַבאַכאָ״ צו באַזאָרגן די שטרייקברעכעריי.

עס שטעלט זיך צו צו זיי דער קלער מיטן גלח ד׳אַנדרעאַ בראש צו צוי־מען די מאַסן, וואָס זענען אַוועק פון גלויבן אין גאָט, פון דער קריסטלעכער מאָראַל, פון דער קירכע און פון דער ווילטעטיקייט פון די רייכע...

עס גייט אַ „גראַן קאָלעקטאַ״ און די קאַפּיטאַליסטן און די שטאַטסלייט וואַרפן אין אירע פושקעס מיליאָנען.

די צעשראָקענע און צעטומלטע רעגירונג פון היפּאָליטאָ איריגאָזשען גייט שוין ווידער מיט זיי.

פּרינציפּיעל קעגן „רעכימען״, ווי די ראַדיקאַלן האָבן גערופן די פריער־דיקע קאָנסערוואַטיווע מאַכט, ווערט נישט דערקלערט קיין באַלאַגערונג־צושטאַנד, אָבער אָן אַ דערקלערטן באַלאַגערונג־צושטאַנד זענען די רעפּרע־סיעס נישט מילדער, נאָר שאַרפער. כאַאָטישער און באַרבאַרישער ווי פריער.

עס ווערט פאָפולער די מיליטערישע אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אונטער מיליטערישער דיסציפּלין — צו פייניקן די מאַסן, פּאָליטישע און סאָציאַלע אַרעסטירטע, אַהין פאַרשיקטע.

עס אָפּערירן פּאַראַלעל די „אַסאָסיאַסיאָן נאַסיאָנאַל“ און די „פּאַטריאָ־טישע ליגע“. די ערשטע ווערבירט שטרייקברעכער צו באַזאָרגן די באַלעבאַ־טים מיט „פרייע אַרבעטער“ און די בריגאַדעס פון דער צווייטער העלפן דער רעגירונג האַלטן „אָרדענונג“, איבערפאַלנדיק און אונטערצינענדיק אַרבעטער־לאָקאַלן.

די בריגאַדעס פון דער „פּאַטריאָטישער ליגע“ פאַרוואַנדלען די פּאָלי־ציי קאָמיסאַריאַטן אין זייערע קאָנצענטראַציע פּונקטן.

די „ליגע“ קריגט זיך אַזוי אַריין אין רעגירונגס־הויז.

די רעגירונג כאַפּט זיך, אַז אַט־אַט און מען גיט איר אַן עקסמיסיע... און איז אַרויס מיט אַ דעקרעט, וואָס טרייבט אַרויס די ליגע־בריגאַדעס פון די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן; רופט אַרויס פון די בריגאַדעס די מיליטערלייט אין פונקציע און אין דינסט און עס ווערט זיי פאַרבאָטן צו געהערן צו דער ליגע.

אָבער וואָס איז שייך דער אַרבעטער־באַוועגונג, זאָגט זיך די רעגירונג נישט אָפּ פון דער הילף, וואָס די „ליגע“ באָט איר אָן.

די „ליגע“ מיט אירע בריגאַדעס איז ווייטער טעטיק אין בוענאָס איי־רעס און איבערן גאַנצן לאַנד.

און די אַרבעטער באַוועגונג גייט דאָך פאָרויס נישט געקוקט אויף אַלעם. זי שפּרייט זיך אויס פון די שטעט אויף די פּעאָדאַליעס, וואָס זיצן פעסט אויף די נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס און האַלטן אָן האַלב שקלאַפן־רעזשימען.

עס דרינגט אַריין די אַרבעטער־באַוועגונג אין די זשערבע עקספּלאָאַ־טאַציעס פון מיסיאָנעס; אין די וואַלד־„אָבראַכעס“ פון פאָרמאָסאַ און טשאַ־קאָ; אין די צוקער „אינכעניעס“ פון טוקומאַן; אין די שטיינער שפּאַלטן פון די קאָרדאָבער און טאַנדילער בערג; אין די נאַפט־קוואַלן פון טשובוט; אין דער פּיצוכט און וואָל־פאַבריקאַציע פון סאַנטאַ־קרוז.

6 — די שחיטה אין סאַנטאַ קרוז

עס קלאַפּן טרעוואָגע די בריגאַדעס. עס טראָגן זיך די אַליאַרמען פון איין ברעג לאַנד צום אַנדערן.

די דערוואַכונג פון דער פּעאָנאַדע, שוואַרץ־אַרבעטער אין סאַנטאַ קרוז. זייער אָרגאַניזאַציע, זייערע פאָדערונגען פאַר מענטשלעכע אַרבעט און לוין־באַדינגונגען און שטרייקן טראָגן אויף די פּעאָדאַליע. די „ליגע“ בריגאַדעס, איר צו דינסט זעט זיך אַליין אומבאַהאָלפן קעגן דער גרויס פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג.

טעלעגראַמעס קלאַפּן אין די קאַבינעטן פֿון דער נאַציאָנאַלער רעגי־רונג.

סאַנטאַ קרוז אינוואַדירט פֿון „באַנדיטן“.

אַ בונט.

אַן אויפשטאַנד.

עס ווערן אין אײַלעניש אַרויסגעשיקט שלאַג־באַטאַליאָנען פֿון דער נאַ־ציאָנאַלער אַרמיי.

עס פֿייערן די נאַציאָנאַלע וואָפֿן אויף די קעפּ פֿון די אַרבעטער.

מען צעשיסט זיי צוערשט מאַסנווייז, דערנאָך גייט מען איבער צו אומדערהערטן סאַדיסטישן מאַסן־מאָרד איבער די געפאַנגענע אין שטרייק.

שייטער־הויפֿנס ווערן געמאַכט פֿון די אַרבעטערס לעבעדיקע קערפּערס.

מען צווינגט שלאַגנדיק די אַרבעטער צו גראָבן גריבער אין וועלכע זיי ווערן באַגראָבן לעבעדיקערהייט.

אויף די אומענדלעכע סטעפּעס פֿון דער קאַלטער סאַנטאַ קרוז טערי־טאָריע, רייך אין וואָל־פּראָדוקציע, וואָס ווערט געשוירן פֿון די מיליאָנען שאָף — איז דורכגעפֿירט אַ שחיטה פֿון דעם מין, וואָס די דייטשע נאַציס האָבן מיט יאָרן שפּעטער פּראַקטיקירט אויף די יידן אין פּוילן. און נישט נאָר אויף די יידן און נישט נאָר אין פּוילן.

די רעגירונג אין דער מורא פֿאַר אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע האָט זיך ווידער געלאָזט אַרײַנפֿירן אין אַ בלוטיקן זומפּ.

ביי דער רעגירונג וואָס האָט זיך דערקלערט פֿאַר אַן אַרבעטער־פֿריינט־לעכע זענען געשען די בלוטיקסטע רעפּרעסיעס אויף די אַרבעטער. די מילי־טערישע טאָרקוועמאַדאָס האָבן אויפגעלעבט אין דער פֿרייער אַרגענטינע די שוידערלעכע בילדער פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

די רעגירונג פֿון איריגאָזשען איז געווען מער אַ קרבן פֿון דער רעאַקציע איידער עפּעס אַנדערש.

ביי איר האָבן געקענט פֿאַרקומען מיטינגען אויף די פֿרייע פּלאַסעס אונטערן פֿרייען הימל, וואָס די רעגירונג האָט פֿאַרבאָטן.

די רעגירונג האָט נישט געוואָלט די בלוטבעדער, זיי זענען דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, מיט דער אָנפֿירונג פֿון די באַוואָפֿנ־טע קרעפֿטן און די דאָזיקע עלעמענטן זענען געווען פֿונעם סאָציאַל־פּאָליטישן סעקטאָר דער טראַדיציאָנעל־קאָנסערוואַטיווער, וואָס האָט געהאַט די מלוכה־מאַכט צענדליקער יאָרן ביז דער רעגירונג פֿון ראָקע סאענס פּעניאַ אין אָנ־הויב פֿון איר סוף און ביז דער רעגירונג פֿון היפּאָליטאָ איריגאָזשען אין אין 1916, ווען ס'איז געווען דער סוף פֿון דעם סוף פֿון די קאָנסערוואַטיוון ביי דער מאַכט.

די קאָנסערוואַטיווע רעאַקציע וואָס האָט געוווסט אָפּצונאַרן און פאַר־פירן די ראַדיקאַלע רעגירונג און איז געווען איינגעאיבט אין שווינדל, קאָ־רופּציע, טעראָר און שחיטות אויף אַרבעטער, ווען זי איז געווען ביי דער מאַכט, איז אויסן געווען צוויי זאַכן: טויטן די אַרבעטער־באַוועגונג און צו־ריק באַקומען די רעגירונג. פאַר דעם האָט זי זיך באַנוצט מיט אַלע וועגן און מיט אַלע מיטלען, אויך אַריינצופירן די רעגירונג אין בלאָטעס און מאַכן זי זאָל זיך באַשמירן אין בלוט, זיך דעספּרעסטיזשירן און זיך אַרויסשטעלן צו שאַנד. דאָס איז געווען דער פאַל ביי דער „טראַגישער וואָך“, דאָס איז גע־ווען דער פאַל ביים קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף דער מיליטערישער אינדזל מאַרטין גאַרסיאַ; דאָס איז געווען דער פאַל ביי דער אָרגאַניזירטער שטרייק־ברעכעריי און פּאָגראָמען פון דורך גוט באַקאַנטע אָרגאַניזאַציעס אין יענער צייט און דאָס איז אויך געווען דער פאַל ביי דער שחיטה אין סאַנטאַ קרוז.

און די רעגירונג פון איריגאָזשען האָט מיטגעהאָלפן דער רעאַקציע אי־רע געינג, צו רעאַליזירן אירע פּלענער און געגעבן איר מיטלען און מעגלעכ־קייטן — צו פאַרשווערן קעגן זיך.

קאַפּיטל XXVIII

באַוועגונגען אין דער אַרבעטער באַוועגונג

1 — קאָמאָריענטאַציע

אין דער אַרגענטינער אַרבעטער באַוועגונג איז פון ערשטן טאָג אָן געװען אינערלעכע באַוועגונגען דורך די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, ריכטונגען, שטאַנדפּונקטן, ווירקונגען און אַמביציעס איבערצונעמען די אָנפירונג פון אַ סינדיקאַט, פון אַ לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע, פון סינדיקאַטן, פון פעדעראַציעס און פון צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס.

די דאָזיקע באַוועגונגען זענען אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, נאָר זיי זענען שטענדיק דאָ און זיי זענען צייטנווייז גענוג קעגנזעצלעך און שאַרף.

די פאַרשידענע באַוועגונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג זענען דאָ אין צייטן פון אויפלעבונג, וווקס און דערגרייכונג און זיי זענען נאָך מער דאָ אין צייטן פון קריזיס, פון אָפּשוואַכונג און פון פאַרלוסטן.

צו די אינערלעכע באַוועגונגען געהערן אויך די איניציאַטיוועס צו פאַרייניקן די פאַרייניקטע אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פון די פאַרשיידענע סינדיקאַטן אין איין פאַך, מאַכן איין איינציקן סינדיקאַט, מעג זיין פון פאַרשיידענע פאַכן, ווען זיי זענען פּראָפעסיאָנעל פאַרבונדן צווישן זיך; פאַרייניקן סינדיקאַטן מיט סינדיקאַטן ביז פאַרייניקן די מערצאָל צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס אין איינע.

אין 1921, אין יאָר פון דער שחיטה אין סאַנטאַ קרוז, ווען די אַרבעטער באַוועגונג איז געווען פיזיש זייער אָפּגעשוואַכט נאָך אַזוי פיל בלוט־פאַרלוסט אין משך פון צוויי יאָר צייט און האָט זיך געפונען אין אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס, האָט אויפגעלעבט אַ געדאַנק צו קרעפטיקן די באַוועגונג דורך פאַרייניקן זי.

דאָס מאָל זענען די איניציאַטאָרן געווען די קאָמוניסטן, אויספאָלגנדיק אַ דירעקטיוו פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע, וואָס האָט געשאַפן נעבן זיך דעם „פּראָפינטערן" — רויטער פּראָפעסיאָנעלער אינטערנאַציאָנאַל.

עס האָט זיך קוים געהאַט געענדיקט דער שפּאַלטונגס־פּעריאָד.

נאָך דעם שפּאַלטונגס עפּיזאָד אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפן גרונט פון 21 פּונקטן דיקטירטע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט דער זעלביקער אינטערנאַציאָנאַל אַרויסגעטראָגן אַ לאָזונג פאַר אַ פאַריי־ניקטן פראָנט.

די היגע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט באַשטימט אָנצווענדן די לאָזונג נאָר אויפן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און, פאַרשטייט זיך, געהאַט דערביי דעם צוועק אויסצואיבן איר אָריענטאַציע אויף דער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג אין איינקלאַנג מיטן „רויטן פּראָפעסיאָנעלן אינטער־נאַציאָנאַל".

צו די סאָציאַליסטישע, אַנאַרכיסטישע און סינדיקאַליסטישע אָריענ־טאַציעס איז צוגעקומען די קאָמוניסטישע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ טענדענציע־זער קאַמף.

דער דאָזיקער קאַמף, גאַנץ אָפט אין שרעקלעכע פאָרמען, האָט זיך אויך איבערגעטראָגן אויפן פעלד פון עקאָנאָמישע אַקציעס. עס איז געקומען צו אַ צושטאַנד, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו קעמפן פאַר עקאָנאָמישע פאָר־בעסערונגען פון די אַרבעטער, פון סאָציאַל־פּאָליטישע איז שוין אָפּגערעדט. עס האָט פּאַסירט, ווען איין אָרגאַניזאַציע אפילו פון זעלבן פאַך, אפילו אין איין פאַבריק, האָט דערקלערט אַ שטרייק, האָט אַ צווייטע אָרגאַניזאַציע פון אַן אַנדערער ריכטונג דערקלערט דאָס פאַרקערטע און געהייסן אַרבעטן; עס האָט פּאַסירט, אַז אַ באַלעבאָס זאָל אָפּוואַרפן פאָדערונגען פון זיין אַרבעט־פערסאָנאַל מיטן אויסרייד פון נישט־אָנערקענען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציע פון אַ טייל פון זיין פערסאָנאַל, נאָר די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציע פון אַנדערן טייל... עס האָט אויסגעזען אין אַרבעטער לאַגער, ווי עס וואָלטן נישט געווען קיין אַנדערע אינטערעסן פאַר וואָס צו קעמפן, ווי נאָר צו קעמפן צווישן זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע, דער גאַנצערליידנשאַפט, צו דעספּרעסטיזשירן זיך, צו צעברעקלען זיך, צו דערנידעריקן זיך, צו פאַר־ניכטן זיך. דאָס האָט אוודאי נישט געקאָנט זיין קיין צוציאונג פאַר דער פּאַרטיילאָזער אַרבעטער מאַסע, וועלכע איז געבליבן אַ צעשטויבטע אויסער יעדער אָרגאַניזאַציע און אַ סך האָט דערעסן דער ברודער־קאַמף מיט זיינע אומווירדיקע פאָרמען און שעדלעכע קאָנסעקווענצן און האָבן זיך אָפּגעריסן, אַוועק.

2 — אוסאַ

פון דער קאָמוניסטישער איניציאַטיוו קומט אַרויס אַ פאַראייניקונגס־קאָנגרעס אין מאַרץ 1922. עס באַטייליקן זיך אַלע סעקטאָרן פון דער פּראָ־

פּעסיאַנעלער באַוועגונג: די נײַנטע פּאַראַ, די פינפטע פּאַראַ און די אויטאָנאָ־מישע פּאַריינען, נאָר מיטן אויסנאַם פון די גרויסע באַן־אַרבעטער אָרגאַני־זאַציעס און אַנדערע, וואָס האָבן זיך כסדר געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס.

אויף דעם קאָנגרעס קומען אין צוזאַמענשטויס אַלע פריערדיקע אָריענ־טאַציעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו וועלכע עס איז נאָך צוגעקומען די קאָמוניסטישע.

פּרינציפּיעל, פּאָליטיש און אידעאיש האָט זיך געאייניקט דאָן די קאָ־מוניסטישע אָריענטאַציע מיט דער סאָציאַליסטישער, אָבער די דאָזיקע איי־ניקייט קאָן נישט זיין אָרגאַניש איבער די שאַרפן פון פּאַרטייאישן קאַמף.

עס זיגן אויף דעם קאָנגרעס די אַנאַרכיסטן. עס ווערן דורכגעזעצט רע־זאָלוציעס פיינטלעכע צו די פּאָליטישע פּאַרטייען (קאָמוניסטישע, סאָציאַ־ליסטישע). אין גרונט גענומען האָט די אַנגענומענע אַפּאָליטישע אָריענטאַ־ציע אויך געטראָפן דער אַנאַרכיסטישער אָריענטאַציע. עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז די סינדיקאַליסטן איז געלונגען דורכצוזעצן זייער אַפּאָליטישע אָריענטאַציע דורך די שטימען פון די אַנאַרכיסטן.

דער קאָנגרעס דערקלערט די פריערדיקע צענטראַלעס אויפגעלייזט, קאָנ־סטיטואירט די נייע און איינציקע צענטראַלע אויפן נאָמען „אוניאָן סינדי־קאַל אַרכענטינאַ”, „אוסאַ”.

דאָס לעבן פון דער „אוסאַ” איז אָבער ווייט געווען פון גליק.

די אַנאַרכיסטן האָבן זיך באַלד אָפּגעגעבן חשבון פון דאָס געשעענע, אַז זייער אָריענטאַציע איז דורכויס באַזייטיקט פון דער „אוסאַ” און האָבן זיך צוריקגעצויגן.

עס איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די פּאַראַ פון פיפטן קאָנגרעס. איצט האָט מען שוין פאַרשפּאַרט צו באַצייכענען איר מיטן וואָרט „קינטאַ”, ווייל זי איז שוין געווען די איינציקע פּאַראַ.

דער שאַרפער אַפּאָליטיזם פון דער „אוסאַ” האָט נישט געקענט באַפרי־דיקן נישט די סאָציאַליסטן, נישט די קאָמוניסטן.

אין גערדאַנק האָבן זיך דעריבער באַלד געשאַפן נאָך צוויי צענטראַלעס: איינע פון סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע און אַ צווייטע פון קאָמוניסטישער.

אין פאַרלויף פון דער צייט איז געפירט געוואָרן אַן אַקציע אין צוויי אַנדערע פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע ריכטונגען: פון די קאָמוניסטן דורך אַזוי גערופענע „רויטע גרופּעס” אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דורך זייי אויסצואיבן אַ ווירקונג אויף די פאַריינען און אויף לאָקאַלע פאַרבאַנדן פון דער „אוסאַ”.

צום טייל האָט זיך זיי איינגעגעבן צו געווינען און אָפּצוטיילן גאַנצע פאַריינען און אפילו גאַנצע לאָקאַלע פאַרבאַנדן, ווי די לאָקאַלע פאַרבאַנדן פון בוענאָס איירעס און פון קאָרדאָבאַ.

און פון די סאָציאַליסטן, דורך דער פאָרמאַציע פון אַ „פאַרבינדונגס־קאָמיטעט צווישן די אויטאָנאָמישע פאַריינען" מיטן פּאָזיטיוון צוועק דירעקט צו שאַפן אַ נייע צענטראַלע אָן פּרעטענזיעס צו פאַרשלינגען די פאָראַ און די אוסאַ, נאָר מיט אָפענע טירן פאַר סאָציאַליסטישער אָריענטאַציע אויף דער אַרבעטער באַוועגונג.

3 — קאַאַ

און עס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1926 די קאַאַ („קאָנפעדעראַסיאָן אָברעראַ אַרכענטינאַ") מיט אַזוינע גרויסע, די גרעסטע, אָרגאַניזאַציעס, ווי דאָס זענען „אוניאָן" און „פראַטערנידאַד" פון די באַן־אַרבעטער (וועלכע האָבן ביז דער קאַאַ צו קיין אַרבעטער צענטראַלע נישט געהערט), מוניצי־פּאַל אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 101 טויזנט אַרבעטער. איר פּאָליטיק איז געווען אַן אָפענע. עס זאָל נישט זיין קיין ספק אין איר „רעפאָרמיסטישער" אָריענטאַציע, האָט זי זיך אויפן אינ־טערנאַציאָנאַלן געביט באַלד אַנגעשלאָסן אין „אַמסטערדאַם", דאָס האָט גע־הייסן אין דעם סאָציאַליסטישן פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל; האָט איינ־געשטעלט פריינטלעכע באַציאונגען צווישן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטי־שער באַוועגונג פון אַרבעטער־קלאַס און אין סתירה צו דער אַפּאָליטיק פון דער אוסאַ האָט די קאַאַ אָנגענומען אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק.

אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַ צענטראַלע, אַ שטאַרקע. אַ ווירקנ־דיקע, אָבער די אייניקייט־שטרעבונג, וואָס לעבט אין דער גאַנצער געשיכ־טע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געבליבן אומבאַפרידיקט, אומרואיק און געזוכט אַ נייעם פּרוּוו, אַ נייע איניציאַטיוו.

4 — סעכעטע

אין 1927 איז פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס דער גרינדונג־קאָנגרעס פון אַן אַללענדישער פּאָליגראַפישער אַרבעטער פעדעראַציע, אַ פעדעראַציע פון אַלע דרוקער אַרבעטער פאַריינען אין לאַנד. האָט דער דאָזיקער קאָנגרעס פון די דרוקער אַרבעטער, וואָס זענען געווען די פּיאָנערן פון דער פּראָפעסיאָ־נעלער אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד, דערפילט זיין מיסיע צו מאַכן דעם נייעם פּרוּוו.

די איניציאַטיוו איז געגאַנגען שווער, מיט געוויגענע און געמאָסטענע טריט, פאָרזיכטיק, מיט דער דערפאַרונג פון אַזויפיל דורכגעפאַלענע פרוּוון.

די ווענדונג איז געמאַכט געוואָרן צו די דריי צענטראַלעס: די קאַא, די אוסאַ און די פאָראַ. די פראַגע איז זיי געשטעלט געוואָרן נאָר פּרינציפּיעל: צי ווילן זיי אַ פאַראייניקונג. נאָר די פאָראַ האָט זיך דערלויבט צו ענטפערן נעגאַטיוו דורך גאָרנישט ענטפערן. די קאַאַ און די אוסאַ האָבן געענטפערט אַז — יאָ.

האָבנדיק די פּרינציפּיעלע צושטימונג פון די צוויי צענטראַלעס איז מען ערשט צוגעטראָטן צו דער אָרגאַניזאַציע פון פאַראייניקונג און אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן ביז אַהער. עס איז נישט גערופן געוואָרן קיין אייניקייט־קאָנגרעס. מען האָט אויסגעמיטן די פּאַטעטישע אַגי־טאַציעס און די מאָמענטאַלע באַווירקונגען אויף די קאָנגרעסן; מען האָט אויסגעמיטן די מאַיאָריזירונג און די באַהערשונג פון איין אָריענטאַציע איבער די אַנדערע. מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז די פאַרשידענע אָריענטאַציעס וועט מען נישט דערשטיקן און מען האָט דאָס נישט געזוכט. פאַרקערט, מען האָט געזוכט דעם אופן ווי אַזוי די מענטשן פון פאַרשידענע אָריענטאַציעס זאָלן קענען אויפן פּראָפעסיאָנעלן פעלד אַרבעטן צוזאַמען.

פון אַ גלייכער צאָל דעלעגאַטן (צו דריי פון יעדער צענטראַלע און פון דער פּאָליגראַפישער פעדעראַציע) איז פאָרמירט געוואָרן אַ קאָמיסיע. די קאָ־מיסיע האָט אויסגעאַרבעט די טעזן, די פּרינציפּיעלע דעקלאַראַציעס און די אָרגאַניזאַציע־יסודות און דאָס איז צוגעשטעלט געוואָרן צו אַ רעפערענדום פון אַלע מיטגלידער פוןביידע צענטראַלעס דורך זייערע סינדיקאַטן. די הויפּט באַזע איז געשטעלט געוואָרן אויף אומאָפּהענגיקייט און קעגנזייטיקן רעספּעקט. אומאָפּהענגיקייט אין דעם זין, אַז די צענטראַלע געהערט נישט צו קיין אַנדערע אָרגאַניזאַציע אָדער פאַרטיי, יעדער אַנגעשלאָסענער פאַריין קען האָבן וועלכע אָריענטאַציע ער וויל און יעדער מיטגליד קען זיין אין וועלכער פאַרטיי ער וויל אומגע־שטערט אין זיינע פּאָליטישע, סאָציאַלע און אידעאָלאָגישע אַקטיוויטעטן. זיי דאַרפן נאָר זיין אין גייסט פון די באַפרייאונג־אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס; און קעגנזייטיקן רעספּעקט אין דעם זין פון נישט אַנגרייפן אין די ראַ־מען פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע קיין פאַרטיי, קיין ריכטונג, קיין אידעאָלאָגיע.

אַנגענומען דורך דעם רעפערענדום די טעזן, די דעקלאַראַציעס און די אָרגאַניזאַציע־יסודות איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון 30, צו פופצן מיטגלידער פון דער קאַאַ און פון דער אוסאַ. ביידע צענטראַלעס

זענען אויף אַזאַ אופן, פון אונטן אַרויף, דורך די מיטגלידער, צונויפגעגאָסן געוואָרן אין איינער, וואָס האָט אָנגענומען דעם נאָמען „קאָנפעדעראַסיאָן כענעראַל דעל טראַבאַכאָ״, אָדער „ס ע כ ע ט ע ״. דאָס איז געשען אין סעפטעמבער 1930.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז עס זאָל געשטעמפּלט ווערן די דאָזיקע איי־ניקייט פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס גראָד אין זעלבן חודש פון דער פּאָלי־טישער איבערקערעניש אין לאַנד, ווען ס׳איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן דורך אַ קאָנסערוואַטיוו־מיליטערישן אויפשטאַנד די ראַדיקאַלע רעגירונג פון לאַנד און עס האָט אָנגעהויבן הערשן, אונטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד און פעלד־געריכט, די פּראָוויזאָריש־דיקטאַטאָרישע רעגירונג פון גענעראַל אוריבורו מיט נייגונגען צו פאַשיזם.

***

אין דער זעלביקער צייט ווען ס׳האָט זיך געפירט דער דויערנדער פּראָצעס פון פאַרייניקונג, דורך קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג, פון דער קאָאַ מיט דער אוסאַ, האָבן די קאָמוניסטן געשאַפן דעם „קאָמיטע פּראָ אוני־דאַד נאַסיאָנאַל אי קאָנטינענטאַל דע לאָס אָרגאַניזאַסיאָנעס אָברעראָס דע קלאַסע דע לאַ אַרכענטינאַ״ (קאָמיטעט פאַר אַללענדישער און אַלאַמעריקאַ־נישער אייניקייט פון די פּראָלעטאַרישע קלאַסן אָרגאַניזאַציעס פון אַרגענ־טינע), אָדער ווי מען האָט אים גערופן פאַרקירצט: „קלאַסיסטישער קאָמי־טעט״ און אויך „אוניטאַרישער״. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט רעפּרעזענ־טירט די אָריענטאַציע פון רויטן פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל און פון דער „קאָנפעדעראַסיאָן סינדיקאַל לאַטינאָ אַמעריקאַנאָ״ (איניציאַטיוו אין 1928 און קאָנסטיטואירט אין מאָנטעווידעאָ אין 1929) און איז געווען די צענטראַלע אָנפירונג פון די „רויטע גרופּעס״ אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען, פון די „קלאַסיסטישע״ מינדערהייטן און זיי; פון אָפּגעשפּאָלטענע אָר־גאַניזאַציעס פון דער אוסאַ, סינדיקאַטן, וואָס זענען אַריבער צו דער דאָזיקער אָריענטאַציע (מעטאַליסטן) און פון צווייטע סינדיקאַטן (טעקסטילער פעדע־ראַציע, אוניטאַרישע האָלץ אַרבעטער סינדיקאַט און אַנדערע). עס איז אָבער נישט געקומען צו דער פאָרמאַציע פון נאָך אַ באַזונדערער צענטראַלע. אַן אָרגאַנישע, אַן עפנטלעך דעפינירטע און אין דער געשטאַלט פון אַ פאָרמע־לער אַרבעטער צענטראַלע. און אָנשטאָט דעם האָבן זיך שפּעטער די אַזוי גערופענע „קלאַסיסטישע״ און „אוניטאַרישע״ אָרגאַניזאַציעס אומקאָנדיציאָ־נעל אָנגעשלאָסן, אָדער אַריינגעטראָטן אין דער סעכעטע.

***

דאָס איז געשען נאָך דער פֿאַסירונג פֿון 12טן דעצעמבער 1935 אין דער סעכעטע. אַ פֿאַסירונג מיט גאָר וויכטיקע סיבות און קאָנסעקווענצן און וואָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם אָנשלוס פֿון די קלאַסיסטישע סינדיקאַטן און אַנדערע ווי די מויערער, וואָס אין זייער רעאָרגאַניזירן זיך, האָבן זיי פֿאַרלאָזט זייער פֿריערדיקע אָריענטאַציע. דאָס איז אויך געשען אין דעם מאָמענט ווען פֿון די קאָמוניסטישע קרייזן איז אַרויס דער לאָזונג פֿאַר אַ „פֿאַרייניקטן פראָנט“.

די דערמאָנטע פֿאַסירונג אין דער סעכעטע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט געענדערט דעם צוזאַמענשטעל פֿון דער אָנפֿירנדיקער אינסטאַנץ. מען האָט דערקלערט פֿאַר אויפֿגעלייזט די פֿריערדיקע קאָמיסיעס. אויף זייער אָרט פֿאָרמירט נאָר איינע אַן אויספֿיר קאָמיסיע, אַ פּראָוויזאָרישע און אויף אַ קורצן טערמין פֿון דריי חדשים צו אָרגאַניזירן דעם קאָנסטיטוּאירונגס־קאָנגרעס פֿון דער סעכעטע. די דאָזיקע ענדערונג דורך אַ מערהייט דעלעגאַטן, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די באַן־אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס „אוּניאָן“ און „פֿראַטערנידאַד“, די קאָנפֿעדעראַציע פֿון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, דעם טראַמוויי־אַרבעטער פֿאַרבאַנד און דעם מוניציפּאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד — אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די 90 פּראָצענט פֿון דער סעכעטע מיטגלידערשאַפֿט און די גרויסע מערהייט פֿון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין לאַנד, האָט געהאַט איר הויפּט־סיבה און איז אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון אַ שאָקירנדיקער „פּאַסיוויטעט“ מצד דער אָנפֿירונג פֿון סעכעטע, וואָס האָט שוין מער נישט געוואָלט געדולדעט זיין פֿון דער מערהייט אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן.

אמת, אַז די צונויפֿשמעלצונג פֿון דער „קאָאַ“ מיט דער „אוסאַ“ איז פּונקט אויסגעפֿאַלן באַלד נאָך דער סעפּטעמבער איבערקערעניש פֿון 1930, ד״ה אין ערשטן חודש פֿון דער פֿאַקטישער „רעוואָלוציאָנערער“ רעגירונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר הערשאַפֿט מיט פֿעלד־געריכט און מיט באַלאַגערונג־צושטאַנד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע אַכצן חדשים ביז די פֿאַקטישע אָדער פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט אָפּגעטראָטן דער קאָנסטיטוציאָנעלער פֿון גענעראַל כוסטאָ; אמת, אַז די רעפּרעסיווע פּאָליטיק און די אונטערדריקונג און דערשטיקנדיקע מעשים נישט צוצולאָזן צוריק די ראַדיקאַלן צו דער מאַכט האָבן נישט אויסגעמיטן די אַרבעטער־באַוועגונג, אירע אָרגאַניזאַציעס און אירע פֿירער. „פֿאָראַ“ איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ (כאָטש די געזעצן זענען אויך געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ). עס איז געשאַפֿן געוואָרן די פּאָליטישע פּאָליציי באַקאַנט אונטערן נאָמען „ספּעציעלע סעקציע“; ס'איז געשאַפֿן געוואָרן דער „ציווילער לעגיאָן“ — אַן אָפֿיציעלע

אָרגאַניזאַציע, אַ מיליטערישע, אַ באַוואָפנטע מיט רעזערוו און אַקטיווע מיליטאַרן אַלס אינסטרוקטאָרן און פירער; די תפיסה האָבן נישט אויסגעמיטן אַזוינע נאַציאָנאַל־פּרעסטיזשירטע פּערזענלעכקייטן ווי אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס און אַפילו נישט אַנטאָניאָ דע טאָמאַסאָ, וועלכער איז אויך געווען אַ פירער פון סעפּטעמבער־אויפשטאַנד און וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַגראַר מיניסטער אין כוסטאָס רעגירונג. די פּרעסע, דורך אַן אָפיציעלער וואָרענונג פון אוריבורוס אינערן־מיניסטער, סאַנטשעז סאָראָנדאָ, האָט נישט געטאָרט שרייבן וועגן די רעפּרעסיעס, נישט אינפאָרמירן פון זיי און אַפילו נישט געטאָרט שרייבן, אַז עס איז פאַרבאָטן צו שרייבן — איז פאַרשטענדלעך אַז ביי אַזאַ צושטאַנד האָט די אַרבעטער־באַוועגונג, געווינט צו לעבן נאָר אין אַ לעגאַלער סביבה זיך געמוזט צוימען און מען האָט נישט דערוואַרט קיין גרויסע זאַכן פון דער נאָר־וואָס געשאַפענער נייער צענטראַלע, אָבער עס זענען אַוועק 18 חדשים, ווי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, און עס איז געוואָרן אַ נייע רעגירונג, אַ קאָנסטיטוציאָנעלע און אַנשטאָט חדשים האָט מען אָנגעהויבן ציילן די יאָרן פון דער פּראָוויזאָרישער פאַרוואַלטונג פון סעכעטע.

**
*

די פאַרוואַלטונג פון דער סעכעטע איז געווען אַ פּראָוויזאָרישע, נישט קיין געוויילטע, נאָר אַ צונויפגעשטעלטע פון די קאָמיטעטן פון די געוועזענע צוויי צענטראַלעס. עס איז געווען איר אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם קאָנסטיטואירונג קאָנגרעס וואָס גיכער און באַלד ווי דאָס וועלן האָבן דערלויבט די לעגאַלע אומשטענדן, אָבער עס איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, עס זענען אַוועק פינף יאָר און מ׳האָט קיין קאָנגרעס נישט גערופן. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אָנגריף אויף דער אַרבעטער דעמאָקראַטיע און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק (און דער דאָזיקער איינדרוק איז אויך געקומען צום אויסדרוק), אַז די פאַרוואַלטונג פון דער סעכעטע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבסטהערשאַפט, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן פונעם רודער. דאָס אַליין איז געווען אַ גענוגנדיקער מאָטיוו פאַר דער פאַסירונג פון דעצעמבער 1935, אָבער אונטער דער דאָזיקער אַנטידעמאָקראַטישער פּראַצעדור פון דער פאַרוואַלטונג האָט מען געזען אַ „פּאַסיוויטעט“ וואָס האָט שאָקירט, וואָס האָט אויפגעברויזט די אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן און זייער מיטגלידערשאַפט.

**
*

פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אונטערגענומען און סיסטעמאַטיש

אויסגעפירט פּאָגראָם־אָנפאַלן אויף אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מאָרד־אָנפאַלן אויף מיטינגען.

די סעכעטע־פאַרוואַלטונג האָט נישט נאָר נישט באַוויזן צו רעאַגירן קעגן דעם. נאָר קעגן דעם אויפברויז פון די אַרבעטער, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט אָפּצוהאַלטן זיך פון קאַמף קעגן פאַשיזם; אַז עס איז נישט אַזוי געפערלעך (עס זענען שוין געווען אַ ריי דערהרגעטע) און אַז עס איז אַ פּאָליטישער ענין, וואָס האָט דעריבער קיין שייכות נישט צו דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

האָט זיך אויפגעהויבן אַן אויפברויז קעגן דעם דאָזיקן מאַניפעסט, דורך וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק אַ שטעלונג, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער טאָלערירנדיקער שטעלונג פון דער רעגירונג צו די פאַשיסטישע, באַוואָפנטע און מאָרד־אָנפאַלערישע אָרגאַניזאַציעס אויף דער אַרבעטער באַוועגונג.

דאָס איז געווען נאָר איין פאַל פון אַ סך, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט דער פאַרוואַלטונג פון דער סעכעטע אונטער אַ חשד פון האָבן באַוווסטזיניק אָדער טעותדיק זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעאַקציע, צושטימען דורך טאָלערירן, אָדער פאַרשווייגן די גרעסטע אַטאַקעס אויף דער אַרבעטער באַוועגונג.

און צו אַזאַ חשד האָט זיך צוגעשטעלט דער חשד. אַז מען פירט נישט דורך דעם קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס, ווייל מען האָט מורא, אַז ער וועט ענדערן די דאָזיקע „זעלבסטשטענדיקייט“, ווי די פאַרוואַלטונג האָט אָנגערופן אירע שטעלונגען און איבער דעם האָט מען אויך נישט איינגעלאַדן און נישט אָנגענומען נייע סינדיקאַטן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן אין דער סעכעטע.

אָט דאָס אַלעס האָט געפירט צו דער פאַסירונג פון 12טן דעצעמבער 1935 — אַ פאַסירונג וואָס האָט געבראַכט אַלס קאָנסעקווענץ די דעפיניטיווע אָרגאַניזירונג פון סעכעטע, אגב אויך צו אַן אָפּשפּאַלטונג פון אייניקע סינדיקאַטן, וואָס האָבן זיך שפּעטער פאַרמירט אין אַ באַזונדערער צענטראַלע, אונטער דעם אַלטן נאָמען „אוניאָן סינדיקאַל אַרכענטינאַ“, אָדער „אוסאַ“. די פאַסירונג פון 12טן דעצעמבער האָט אָבער געעפנט די טירן פון דער סעכעטע פאַר דעם צופלוס פון אַ מאַסע סינדיקאַטן, צווישן זיי אַזוינע צאָלרייך אויסגעוואַקסענע און לעבהאַפטיקע, ווי דער מויערער און צעמענט־אַרבעטער סינדיקאַט, די האָלץ־אַרבעטער, די דרוקער אַרבעטער פעדעראַציע, וועלכע האָט אַזוינע גרויסע פאַרדינסטן פון דער אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד און צענדליקער אַנדערע.

***

סוף מערץ און אָנהויב אַפּריל 1936 איז דורכגעפירט געוואָרן דער קאָנ־סטיטואירונגס־קאָנגרעס און ס'איז געגעבן געוואָרן אויפן דעמאָקראַטישסטן אופן אַ דעפיניטיווע פאָרם און דעפינירטן אינהאַלט דער סעכעטע, וועלכע האָט אין 1938 שוין רעפּרעזענטירט איבער טויזנט אַרבעטער פאַריינען מיט העכער צוויי הונדערט פופציק טויזנט מיטגלידער, ווי דאָס איז פון סעכעטע אָנגעוויזן אין דער נאָטע פון מערץ 1938 צום אינערן מיניסטער ד״ר טאָ־באַאַדאַ, ביי דער נייער רעגירונג פון אָרטיז, צוליב דער פאָדערונג צו שיקן אַן אַרבעטער דעלעגאַציע פון אַרגענטינער צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַר־בעט־קאָנפערענץ פון דער פעלקער ליגע, און אַז די דעלעגאַציע דאַרף זיין פון דער סעכעטע. (אויף אַ דירעקטער אָנפראַגע פון „די פּרעסע״ האָט דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער סעכעטע, קאַמילאָ אַלמאַזאַ, געענטפערט אַז די סעכעטע האָט 270 טויזנט מיטגלידער פון 300 טויזנט אָרגאַניזירטע אַר־בעטער אין לאַנד).

אָט איז די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון סעכעטע:

„אַז דער איצטיקער סאָציאַל־קאַפּיטאַליסטישער רעזשים, באַזירט אויפן פּרי־וואַט־אייגנטום פון די פּראָדוקציאָנס און טויש־מיטלען, איז פאַרן אַרבעטער־קלאַס אַ שטענדיקע סיבה פון עקספּלואַטאַציע, אומרעכט און נויט.

אַז די עוואָלוציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קען זיין פאַרשנעלערט דורך דעם אַרבעטער־קלאַס דורך זיין אָרגאַניזאַציע אין סאָציאַלן, טעכנישן און עקאָנאָמישן זין און מיט איר ווירקונג אויף דער פירונג פון קאָלעקטיווע אינטע־רעסן.

אַז די עקזיסטירנדיקע אַנטאַגאָניזמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט צווינגען דעם פּראָלעטאַריאַט צו אָרגאַניזירן זיך צו פאַרטיידיקן זיינע קלאַסן־אינ־טערעסן און צוגרייטן זיין באַפרייאונג, שאַפנדיק אַ נייעם סאָציאַלן רעזשים אויפן גרונט פון קאָלעקטיוון אייגנטום פון די פּראָדוקציאָנס און טויש־מיטלען.

נישט אויסשליסנדיק קיין ווירקנדיקן קאַמפּס־מיטל, רופט די „קאָנפעדעראַ־סיאָן כענעראַל דעל טראַבאַכאָ״ (סעכעטע) דעם אַרבעטער־קלאַס צו אָרגאַניזירן זיך אויפן סינדיקאַלן באָדן, כדי צו דערגרייכן בעסערע אַרבעט און לוין־באַדינגונגען, מאַכן זיך רעספּעקטירן פון באַלעבאַטים־קלאַס און טעטיק זיין פאַר דער פולשטענ־דיקער באַפרייאונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק״.

אין 1937 האָט די סעכעטע געפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר:

1. אַ מאַקסימאַלע פערציק שעהדיקע אַרבעט־וואָך, נישט רעדו־צירנדיק דעם לוין, און יערלעכע וואַקאַציעס מיטן פולן לוין.

2. איינפירן געמישטע קאָמיסיעס פון אַרבעטער און באַלעבאַטים אין יעדער אינדוסטריע, פּעריאָדישערווייז צו באַשטימען דעם מינימום־לוין פון די אַרבעטער און די אַרבעט־טורנירונג.

3. מינימום־לוין, סטאַביליטעט און שטייגערונג פאַר מלוכה־אַרבעטער און אַרבעטער פון עפנטלעכע אונטערנעמונגען.

4. אויספאַלגן די אַרבעט־געזעצן.

מלוכהשע סעקוראַציע פאַר אַרבעטלאָזיקייט, אינוואַלידיק און עלטער.

5. אַפשאַפן דעם רעזידענץ־געזעץ.

6. אינטעגראַלע פאַרבעסערונג פון אַרבעט און לוין־באַדינגונגען פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

7. פאַרטיידיקן די געזעלשאַפטלעכע און סינדיקאַלע פרייהייטן פון אַסאָציאַציע, פון פאַרזאַמלונג, פון געדאַנק און וואָרט און פון דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע.

דאָס לעצטע האָט די סעכעטע צוגעגעבן צו איר פּראָגראַם פאַר באַלדיקע דערגרייכונגען ביים באַשלוס צו פייערן דעם 1טן מאַי 1938 מיט אַ געמיינזאַמער מאַניפעסטאַציע, צוליב וואָס זי האָט געמאַכט אַן „עפנטלעכע איינלאַדונג צו אַלע אָרגאַניזאַציעס פון דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט די פּרינציפּן, וואָס אָריענטירן די טאָג־טעגלעכע אַקציע פון דער סעכעטע, אַנטיילצונעמען אין אַן עפנטלעכן אַקט, וועלכן סעכעטע פירט דורך דעם 1טן מאַי צו פייערן דעם טאָג פון די אַרבעטער" (די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַט, ווי שטענדיק, באַשטימט אַליין דורכצופירן אַן 1טע מאַי דעמאָנסטראַציע, האָט זיך די ערשטע פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דער איינלאַדונג און דערקלערט איר אַבשלוס אין דער סעכעטע־מאַניפעסטאַציע); דער פּונקט פון פאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע, ד"ה די לאַנד־קאָנסטיטוציע, האָט געמיינט די דעמאָקראַטישע רעכטן און פרייהייטן, וואָס עס גאַראַנטירט די קאָנסטיטוציע און דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס זינט דער סעפּטעמבער רעוואָלוציע פון 1930 ווערט די קאָנסטיטוציע מצד דער מאַכט ווייניק רעספּעקטירט און עס זענען די אַלץ מער אויסדריקלעכע פאַשיסטישע טענדענצן איינגאַנצן אָפּצושאַפן די פאַראַנענע קאָנסטיטוציע.

וואָס איז שייך די אַנדערע פּונקטן פון דערמאָנטן סעכעטע פּראָגראַם, וואָס איז געווען דאָס פּראָגראַם פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג אין יענעם מאָמענט, דאַרף דערקלערט זיין, אַז — וועגן איינפירן אַ 40 שעהדיקע אַרבעטס־וואָך האָט זיך געפונען אַ געזעץ־פּראָיעקט אין פּאַרלאַמענט; אַז די האָלץ־אַרבעטער אין בוענאָס איירעס האָבן דורך אַ שטרייק שוין מיט אַ צייט צוריק דערגרייכט איינצופירן אין פאַך די 40 שעהדיקע אַרבעטוואָך, און די דאָזיקע פאָדערונג אַלס אַקטועלע קעגנאַיבער דער מאַשיניזאַציע און ראַציאָנאַליזאַציע פון דער אַרבעט, און אין קאַמף קעגן אַרבעטלאָזיקייט, איז געוואָרן אַרויסגעשטעלט פון אַ סך פאַכן.



1טער מאַי־מאַניפעסטאַציע אין בוענאָס איירעס 1938 — אָרגאַניזירט געמיינזאַם פון סעכעטע און סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיטן אַנשלוס פון דער קאָמוניסטי־
שער און הילפס אָרג׳ פאַרן דעמאָקראַטישן שפּאַניע; יידישע קאָלאָניע אָרגאַניזירט פון ייד׳ סאָצ׳ פאַרבאַנד, לינקע און רעכטע פּועלי־ציון.

די באַצאָלטע יערלעכע וואַקאַציעס איז שוין אָנערקענט געוועז פון אַ געזעץ, אָבער נאָך נישט פון דער גרעסטער טייל באַלעבאַטים.

געמישטע, אָדער פּאַריטאַרישע קאָמיסיעס פון פאָרשטייער פון די סינ־דיקאַטן פון אַרבעטער און באַלעבאַטים, מיט דער אינטערווענץ פון נאַציאָ־נאַלן אַרבעט־דעפּאַרטאַמענט (מלוכהשע אינסטיטוציע פאַר אַרבעט ענינים) איז געזעצלעך באַשטימט פאַר היים־אַרבעט אין דער נאָדל־אינדוסטריע און איז אין אייניקע פאַלן דורך דירעקטער פאַרשטענדיקונג אויך שוין געקומען צום אויסדרוק אין אַנדערע פאַכן (וואָל־אָפּטייל פון טעקסטיל אינדוסטריע, שיך אינדוסטריע און אַנדערע). אָבער דאָס פּאַראַגנע איז קוים אַן אָנהויב פון דעם, וואָס עס ווערט געפאָדערט איינצופירן סיסטעמאַטיש פאַר אַלע אינדוסטריעס, פאַר אַלע טיילן אַרבעט, לוין־אַרבעט און היים־אַרבעט און די לוין־באַשטימונג זאָל נישט זיין איין מאָל אויף שטענדיק, נאָר פּעריאָדיש־ווייז, לויט די קאָסטן פון די לעבנס־מיטלען.

די אַרבעט־טורנירונג מיינט אין מאָמענטן ווען אין אַ פאַבריק למשל פעלט אויס אַרבעט פאַרן גאַנצן פּערסאָנאַל, זאָל דער פּערסאָנאַל נישט רע־דוצירט ווערן, נאָר עס זאָל איינגעשטעלט זיין די רעדוצירטע אַרבעט אין גלייכע צאָל טעג פאַרן גאַנצן פּערסאָנאַל.

די פאָדערונגען פאַר מינימום־לוין ווערן געשטיצט אויף די רעאַלע באַ־דערפענישן, באַשטעטיקט, אומדירעקט, דורך דער סטאַטיסטיק, וואָס ווערט געפירט סיסטעמאַטיש פון נאַציאָנאַלן אַרבעטס־דעפּאַרטאַמענט אויפן גרונט פון אַנקעטעס.

פון דער דאָזיקער מלוכהשער אינסטיטוציע איז מאַטעמאַטיש פעסטגע־שטעלט, אַז אין דורכשניט האָט אַ בוענאָס איירעסער אַרבעטער־פאַמיליע, אין באַשטאַנד פון מאַן, פרוי און 3 קינדער פאַר 14 יאָר, אַ חודשלעכע אויס־גאַבע אין יאָר 1937 פון 164 פעזעס מיט 19 סענט. ביי אַ נידעריקן לעבנס־ניוואָ, בעת די לוין־הכנסה איז חודשלעך 127 פעזעס מיט 26 סענט (עס רעדט זיך בכלל פון דער הכנסה דורך אַרבעט פונעם פאַמיליען־מאַן. ווי דער איינציקער פאַרדינער. די סינדיקאַטן ווייזן אָן אַז דער דורכשניט־לוין איז קלענער ווי דער אָנגענומענער ציפער). אויסגעדריקט אין ציפערן האָט די אַרבעטער־פאַמיליע אַ חודשלעכן דעפיציט פון 36 פעזעס מיט 93 סענט. דער מינימום־לוין איז קודם־כל געצילט צו דעקן דעם דעפיציט און העכערן דעם לעבנס־ניוואָ.

5 — אַרבעט־געזעצן

וואָס איז שייך די פאָדערונג פון אויספאָלגן די אַרבעט־געזעצן באַדייט זי, אין ערשטן פאַל, אַ נייע פּאָזיטיווע ווענדונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן, אונטער סינדיקאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער ווירקונג, געהאַט אַן אויסדריקלעך נעגאַטיווע באַציאונג צו דער אַרבעט־געזעצגעבונג.

זינט דער רעגירונג פון גענעראַל כוסטאַ האָלט מען אין איין פאָדערן אויספאָלגן די פאַראַנענע אַרבעט־געזעצן און עס ווערן געפאָדערט נאָך מער אַרבעט־געזעצן.

אַזוי איז געפאָדערט געוואָרן צו רעפאָרמירן, אויסבעסערן, דערגאַנצן פאַראַנענע געזעצן און עס איז געפאָדערט געוואָרן אָפּשאַפן געוויסע געזעצן — אויך דאָס איז געווען אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער געזעצגעבונג.

און מיט דער פּאָזיטיווער באַציאונג צו די אַרבעט־געזעצן האָלט די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר צוועקמעסיק און אַקטועל די פאָדערונג אויסצופאָלגן די אַרבעט־געזעצן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן זינט עס זענען אַריין די סאָציאַליסטן אין פּאַרלאַמענט (קיין אַנדערע אַרבעט־געזעצן זענען נישט געווען).

דאָס זענען די געזעצן פון זונטיק־רו, אָדער וואָכנרו; פון פרויען און קינדער־אַרבעט; פון פּענסיעס (כובילאַציע); פון אַקצידענטן ביי דער אַרבעט; פון היים־אַרבעט; פון פאַרבאָט צו אַרבעטן מיט גיפטיקע פאַרבן; פון לוין; פון פאַרבאָטן נאַכט־אַרבעט אין די בעקערייען; פון 8 שעהדיקן אַרבעטס־טאָג ביי בייטאָגעדיקער און געזונטער אַרבעט און פון 7 און 6 שעה ביי ביינאַכטיקער און אומגעזונטער אַרבעט; פון אַרבעטן שבת נאָר אַ האַלבן טאָג (ענגלישער שבת); פון אַנטשעדיקונג פאַר אָפּזאָגן פון אַרבעט און באַצאָלטע יערלעכע וואַקאַציע; פון שליסן די געשעפטן 20 אַזייגער; פון שוץ דער אַרבעטערין־מוטער און קינדער; פון בענקלעך צום אָפּרוען ביי דער אַרבעט, און נאָך אַ סך אַנדערע.

6 — סימבאָלישע ציפער און דאַטעס

געטריע ציפער, וואָס זאָלן צו יעדער צייט געבן אַ בילד פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד, איז קיינמאָל נישט געווען און זענען היינט אויך נאָך נישטאָ. עס קומט דעריבער אויס צו זען, אָדער פאָרשטעלן זיך דאָס גאַנצע דורך אַ טייל.

אָט זענען אייניקע סטאַטיסטישע ציפערן אַרויסגעגעבן פון דער מלוכה־

שער אינסטיטוציע — דער נאַציאָנאַלער אַרבעטס דעפּאַרטאַמענט און גיבן אַ בילד פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג נאָר אין דער שטאָט בוענאָס איירעס אין לעצטן יאָר 1937:

עס זענען דורכגעפירט געוואָרן 7.139 פאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען באַזוכט געוואָרן פון 466 טויזנט 53 אַרבעטער.

עס זענען פאָרגעקומען 82 שטרייקן. עס האָבן געשטרייקט 49 טויזנט 993 אַרבעטער און עס זענען פאַרלוירן געגאַנגען דורך די שטרייקן 517 טויזנט 649 אַרבעטס־טעג.

דורך דעם בילד וואָס עס באַקומט זיך פון די געבראַכטע סימבאָלישע ציפערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער שטאָט בוענאָס איירעס, קומט אויס זיך פאָרצושטעלן דאָס גאַנצע בילד פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג איבערן גאַנצן לאַנד.

אין דערמאָנטן יאָר האָט די בוענאָס איירעסער יידישע טעגלעכע צייטונג „די פּרעסע" געמאַכט אָנפראַגעס ביים סעקרעטאַריאַט פון דער סעכטע וועגן דער אַלגעמיינער צאָל לוין־אַרבעטער אין לאַנד און אָנפראַגעס צו באַזונדערע סינדיקאַטן וועגן דער צאָל אַרבעטער אין זייערע אינדוסטריעס.

די באַקלייד־אַרבעטער פעדעראַציע האָט געענטפערט, אַז אין שטאָט בוענאָס איירעס און אין די אַרומיקע שטעטלעך געפינען זיך אַ צאָל פון 98 טויזנט 700 נאָדל־אַרבעטער, אָדער לוין־אַרבעטער אין וואַרשטאַטן פון קאָנפעקסיאָן (ביי „טאַזשעריסטן") 6000; היים־אַרבעטער, וואָס נעמען אַרויס פון געשעפטן צוגעשניטענע אַרבעט 20.000; היים־אַרבעטערנס — נייטאָרינס 60.000; „פּאַמפּיערס", ד"ה אַרבעטער אין די געשעפטן און שניידערייען 10.000; צושניידער 1.200; קירזשנער 1.000 און היטלמאַכער 500.

וואָס איז שייך דער צאָל נאָדל־אַרבעטער אין גאַנצן לאַנד האָט אויך די באַקלייד־פעדעראַציע קיין ידיעה נישט געהאַט.

דער סעקרעטאַריאַט פון דער סעכטע, זיכער צוליב דער ערנסטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט נישט זאָגן קיין ציפער אויפן טראַף, האָט אויף דער פראַגע וויפיל אַרבעטער עס געפינען זיך אין לאַנד געענטפערט קורץ און קלאָר: נישטאָ קיין סטאַטיסטיק.

אָבער אויב נישט קיין טאָטאַלן ציפער האָבן מיר דאָך געהאַט אַ פּאַרציאַלן. עס איז דער ציפער פון אינדוסטריאַלן צווייג, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 31סטן אָקטאָבער 1935 אויפן באַפעל פון געזעץ 12.104.

די סטאַטיסטישע באַאַרבעטונג פונעם צווייג איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט, אָבער דער אַגראַר־מיניסטעריום, אונטער וועמענס רשות עס האָט

געאַרבעט די צענז־קאָמיסיע, האָט צעשיקט צו דער פּרעסע אַן אויסצוג פון דער צענז־סטאַטיסטיק.

מען דאַרף אָבער צוערשט וויסן אַז דער דורכגעפירטער צענז איז געווען אַן אויסשליסלעך אינדוסטריעלער. זיין סטאַטיסטיק איז נאָר פון אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען און פון באַשעפטיקטן לוין־אַרבעטער פּערסאָנאַל און זיי ד״ה די אַרבעטלאָזע פון דער אינדוסטריע אין טאָג פונעם צענז גייען נישט אַריין אין חשבון. אין יענעם מאָמענט איז געווען „מאַרט״־סעזאָן, ווען די אַרבעט איז רעדוצירטער פון אַנדערע יאָר־טיילן. פון דער צוקער פאַברי־קאַציע למשל זענען אין צענז פאַרצייכנט געוואָרן נאָר 4.089 אַרבעטער, וועלכע זענען אין יענעם טאָג געווען באַשעפטיקט, אָבער אין דער אַרבעט־צייט פון דער צוקער־פאַבריקאַציע זענען געוויינלעך באַשעפטיקט 17 טויזנט אַרבעטער, חוץ די 25 טויזנט 500 אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביים שניט און טראַנספּאָרט פונעם צוקער־רער, די לעצטע ווערן נישט אַריינגע־נומען אין חשבון, ווייל זיי געהערן צו דער אַגראַר, אָדער פעלד־אַרבעט. עס איז אויסגעשלאָסן געווען פון דעם אינדוסטריעלן צענז די אַגריקולטור און פּיצוכט, אָדער אין אַלגעמיין די פעלד־אַרבעט און דער טראַנספּאָרט פון דער פעלד־פּראָדוקציע (וואָס פאַרנעמט דאָך דעם גרעסטן פּלאַץ אין דער עקאָנאָמיע פון אַרגענטינע אַלס אַ גרויס אַגראַר־לאַנד); עס איז אויסגע־שלאָסן געוואָרן פון צענז דער טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע: באַן, פּאָרט, שיף, טראַמוויי, אויטאָמאָטאָר, טעלעפאָן, טעלעגראַף אאַז״וו. עס גייט נישט אַריין אין חשבון דער האַנדלס־אַנגעשטעלטער פּראָלעטאַריאַט, נישט די מלוכה־אַרבעטער און אַנגעשטעלטע פון לאַנד, פון די פּראָווינצן, פון די טעַ־ריטאָריעס און פון די טויזנטער מוניציפּאַליטעטן אין לאַנד; עס איז אויך נישט אַריין אין חשבון דער הויז־באַדינער פּראָלעטאַריאַט און נישט די איינ־דיווידועלע היים־אַרבעט, ווי נייטאָרינס.

עס זענען אַריין אין צענז נאָר די עכטע און נאָר די באַשעפטיקטע אינ־דוסטריע־אַרבעטער, ווי דאָס ווערט, אַלס אילוסטראַציע, דערמאָנט אין דעם סטאַטיסטישן אויסצוג; עס זענען אַריין אין דער צענז־סטאַטיסטיק די אַר־בעטער און אַנגעשטעלטע (אויסגעשלאָסן דעם דירעקטאָרן פּערסאָנאַל) פון: באַשפּייז־ געטראַנק און טאַבאַק־אינדוסטריע; טעקסטיל; פאַבריקאַט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן; פּאַפּיר אינדוסטריע; דרוק; כעמישע און אַפּטייקישע פּראָדוקטן; בוימל און פאַרבן; פּעטראָליע און האָלץ־קוילן; קאַר־טשוק; לעדער; שטיין, גלאָז און ליים פּראָדוקטן; מעטאַלורגיע; מאַשינעריע; האָלץ־אינדוסטריע; עלעקטריע; קאָנסטרוקציע, מינען און אַנדערע.

זעען מיר די ווייטערע ציפערן און דאַטעס, האָבנדיק אין זין דאָס אַלץ, וואָס עס גייט נישט אַריין אין זיי:

1) אינדוסטריעלע איינריכטונגען 40.367;
2) אינסטאַלירטע מאָטאָרן אויף 2 מיליאָן 557 טויזנט 376 פערד־קראַפט.
3) אַרבעטער 534.736, פון זיי 88.535 פרויען.

פון דער גאַנצער צאָל געהערן 244.231 צו דער שטאָט בוענאָס איירעס און פון זיי זענען 58.476 פרויען.

די דאָזיקע ציפערן געזען דורך אַ פאַרקלענערונגס־גלאָז ווייזן אָן אויף דעם פאַראַנענעם פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד, וועמענס סאָציאַלער עקספּאַנענט עס איז די פאַראַנענע אַרבעטער באַוועגונג.

מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ טאַבעלע, וואָס שטעלט פאָר אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון דער שטאָט בוענאָס איירעס דורך די שטימען פאַר אירע קאַנדידאַטן פון 1896 ביז 1928 („אַנואַריאָ סאָסיאַליסטאַ" 1929, בוענאָס איירעס).

לאַנד־פּאַרלאַמענט וואַלן

יאָר	שטימען	דערוויילטע
1896	134	—
1898	105	—
1900	135	—
1902	168	—
1904	1.257	1 דעפּוטאַט
1906	1.660	—
1906	3.495	—
1908	5.100	—
1908	5.078	—
1910	7.006	—
1912	18.844	2 דעפּוטאַטן
1913	48.377	2 דעפּוטאַטן; 1 סענאַטאָר
1914	42.662	7 דעפּוטאַטן
1916	40.564	3 דעפּוטאַטן
1918	46.501	3 דעפּוטאַטן
1919	52.001	2 דעפּוטאַטן
1920	52.579	7 דעפּוטאַטן
1922	59.153	4 דעפּוטאַטן
1923	77.505	46 עלעקטאָרן; 1 סענאַטאָר

יאָר	שטימען	דערוויילטע
1924	76.826	13 דעפּוטאַטן; 1 סענאַטאָר
1926	63.314	4 דעפּוטאַטן
1928	45.225	—

מוניציפּאַלע וואַלן

יאָר	שטימען	דערוויילטע
1918	47.971	10 ראַטמענער
1920	52.082	7 ראַטמענער
1922	49.581	6 ראַטמענער
1926	42.883	4 ראַטמענער
1928	44.680	4 ראַטמענער

7 — אָפּשפּאַלטונגען

וועגן דריי אָפּשפּאַלטונגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז שוין דערציילט געוואָרן. פון דער צווייטער האָט זיך פאָרמירט די „אינטערנאַציאָנאַלע" סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט שפּעטער געביטן איר נאָמען אויף קאָמוניסטישע. פון דער צווייטער אָפּשפּאַלטונג האָט זיך פאָרמירט די „אַרגענטינער" סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט זיך נישט אַנגענומען אין לעבן, כאָטש זי האָט עקזיסטירט אַ יאָר צענדליק. אַ דריטע אָפּשפּאַלטונג איז פאָרגעקומען איבער די באַוווסטע 21 פּונקטן פון מאָסקווע, וואָס זענען אין 1920טן יאָר דיקטירט געוואָרן ווי באַדינגונגען פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַריינצוגיין אין דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל. די 21 פּונקטן זענען אין ערגעץ נישט אָנגענומען געוואָרן, אָבער אומעטום האָבן זיי געשפּאָלטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אין אַרגענטינע איז עס אויך געשען: עס זענען אינדיווידועל, אָבער איינצייטיק אַרויס אַ מאַסע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַ טייל פון זיי זענען אַריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די פערטע אָפּשפּאַלטונג און די וויכטיקסטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז פאָרגעקומען אין 1926. עס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ טייל, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען צען דעפּוטאַטן אין לאַנד־פּאַרלאַמענט: אַנטאָניאָ דע טאָמאַסאָ, פעדעריקאָ פּינעדאָ, בונכע, זשוסטי, איראַמאַין און נאָך פינף פירער און זיי האָבן פאָרמירט די „אומאָפּהענגיקע" סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, זי איז גורם געווען אין די פאַרלוסטן פון דער סאָציאַליסטישער

פּרעזידענט פון דער רעפּובליק

מאַרסעלאָ ט. דע אַלוועאַר

פּאַרטיי ביי די וואַלן און געמאַכט, אַז אין 1928, ווען עס האָט זיך פאַרענ־דיקט דער פּעריאָד פון קולטורעלן, דעמאָקראַטישן און פרייהייטלעכן פּרעזי־דענט אַלוועאַר און עס איז ווידער דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון דער רעפּובליק היפּאָליטאָ איריגאָזשען, זאָל פון דער ס. פּ. נישט געוו,יילט ווערן קיין קאַנדידאַט; די „אומאָפּהענגיקע" ס. פּ. האָט אויך געשפּילט אַ ראָל אין דער מיליטערישער רעוואָלוציע פון 6טן סעפּטעמבער 1930 און האָט שפּעטער מיט דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי פאָרמירט אַ פּאָליטישע „קאָנ־קאָרדאַנץ". און די „אומאָפּהענגיקע" ס. פּ. אין נאָענטער קרובהשאַפט מיט דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג האָט געזען, ווי עס ווערט געשטערט די פריי־הייט, די קאָנסטיטוציע; עס ווערט פאַרפאָלגט די סאָציאַליסטישע און אַר־בעטער־באַוועגונג און מען פירט סאָציאַליסטישע פירער, ווי ד"ר ניקאָלאַס רעפּעטאָ און אַלפרעדאָ פּאַלאַסיאָס אין תפיסה אַריין.

יידישע אַרבעטער אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע

קאַפּיטל XXIX

די יידישע אײנוואַנדערונג

1 — אַ בליק אויפן לאַנד

ווייט, זייער ווייט פון מזרח־אייראָפּע, פון וואַנען עס איז געגאַנגען די יידישע עמיגראַציע, אין עק וועלט, אויפן ווייטסטן דרום, צווישן דעם אַט־לאַנטישן אָקעאַן און דעם פּאַסיפישן — איז דאָס לאַנד וואָס האָט ברייט געעפנט אירע טירן פאַר אַלע פרייע מענטשן פון דער וועלט, וואָס ווילן קו־מען מיט זייערע אידעען, מיט זייערע קענטענישן און מיט זייערע שטרע־בונגען צו באַווינען דאָס לאַנד, באַפעלקערן עס, טאָן נוצלעכע אַרבעט, לער־נען, פּראָדוצירן און קאָנסומירן — צום ווילזיין פאַר זיך און פאַרן גאַנצן לאַנד.

אַ ר ג ע נ ט י נ ע איז דאָס לאַנד; מיט אירע 1500 קילאָמעטער אין דער ברייט און 3700 קילאָמעטער אין דער לענג — רוט זי אויף אַ שטח פון 2.792.713 קוואַדראַט קילאָמעטער ערד און וואַסער. בערג און טאָלן, וועלדער און פעלדער. אין פרידן און אין פריינטלעכן צוזאַמענלעבן פון מענטשן, וואָס שטאַמען פון לענדער און קאָנטינענטן און וואָס האָט געהאַט, אין די ערשטע יאָרן פון איר באַפרייאונג, א יי ן מ ע נ ט ש א ו י ף י ע ד ע פ י נ ף ק י ל אָ מ ע ט ע ר פון איר שטח.

2 — באַפעלקערן זיך

באַפעלקערן דאָס לאַנד — איז געווען די ערשטע און גרעסטע באַדער־פעניש און די זאָרג פון אַרגענטינעס באַפרייער; עס איז דער לייט־מאָטיוו פון יענער אַרגענטינער געשיכטע, וואָס הייבט זיך אָן פון דער מאַי־רעוואָלו־ציע אין 1810; „רעגירן הייסט באַפעלקערן", האָט געזאָגט דער אַרגענטינער פּאָרגייער אַלבערדי פון זיין גייסטיקן באַרג אין דער הייך, ווו ער האָט גע־שריבן די גרונט־געזעצן פון לאַנד; די ערשטע רעגירונג, וואָס איז אַרויסגע־קומען פון דער מאַי־רעוואָלוציע, האָט דאָן אין 1812 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו שיצן און שטיצן די אײנוואַנדערונג; יענער רעוואָלוציאָנערער רעגירונגס־דעקרעט זאָגט צווישן זיינע באַגרינדונגען, אַז „אַזוי ווי די באַפעלקערונג איז

דער פּרינציפּ פון דער אינדוסטריע און דער גליקלעכקייט־פונדאַמענט פון די מלוכות, איז בדאַי זי אַרויסצורופן אין די דאָזיקע לענדער דורך אַלע מעג־לעכע מיטלען".

3 — די איינוואַנדערונג

ווען אין 1853 האָט די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג פון לאַנד אָנ־גענומען די נאַציאָנאַלע (אַללענדישע) קאָנסטיטוציע, וואָס איז אין גאַנג פון די צייטן געוואָרן רעפאָרמירט, אָבער נישט באַרירט אין עיקר, האָט זי אין פּראַנט פון איר געשאַפענער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע אויפגעשריבן: „באַ־פעסטיקן די גערעכטיקייט, קאָנסאָלידירן דעם אינערלעכן פרידן, פאַרזעצן די געמיינזאַמע פאַרטיידיקונג, שאַפן דעם אַלגעמיינעם וווילזיין און פאַרזי־כערן דאָס גוטס פון דער פרייהייט — פאַר אונדז, פאַר אונדזער נאָכקום און פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט וואָס ווילן באַוווינען דאָס לאַנד אַרגענטינע".

דער אינטערעס פאַר דער איינוואַנדערונג לאָזט זיך אויך הערן פון די וייטערדיקע ווערטער פון דער קאָנסטיטוציע פונעם יאָר 53, וואָס זאָגט אין איר 20סטן אַרטיקל, אַז „די אויסלענדער געניסן אין אַרגענטינע פון אַלע ציווילע בירגער־רעכטן; זיי מעגן פּראַקטיקירן זייער אינדוסטריע, קאָמערץ און פּראָפעסיע, פאַרמאָגן גרונט־גיטער, זיי פאַרקויפן און איבערגעבן; שיפן זיך אויף די טייכן און אויף די ים־ברעגעס; פריי פּראַקטיקירן זייער קולט; לאָזן צוואות און חתונה האָבן געזעצלעך".

און נאָך מער אויסדריקלעכער און דירעקטער רעדט פאַר דער איינוואַנ־דערונג דער 25סטער אַרטיקל פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס זאָגט: „די פעּ־דעראַלע רעגירונג שטיצט די אייראָפּעאישע איינוואַנדערונג און וועט זי נישט טאָרן באַשרענקען; נישט באַגרעניצן און נישט באַשווערן מיט שטייער דאָס אַריינקומען אין לאַנד אַרגענטינע — אויסלענדער, וואָס קומען מיטן צוועק צו באַאַרבעטן די ערד, אויסבעסערן די אינדוסטריע און לערנען די וויסנ־שאַפטן און די קונסטן".

די גרויסע טעריטאָריע ביי די ברעגעס פונעם פּלאַטאַ־טייך און דעם דרום־אַטלאַנטיק, ווו עס האָט זיך פאַרמירט די אַרגענטינער רעפּובליק דורך דער מאַי־רעוואָלוציע, וואָס האָט זי באַפרייט פונעם קאָלאָניאַלן יאָך, איז שיטער געווען באַזעצט פון די גוואַראַניער, קיטשוער, טעהועלטשער און אַנ־דערע אינדיאַנער שבטים און פעלקער, וועלכע די קאָלאָניאַלע דעראָבערונג האָט באַזיגט, פאַרשקלאַפט און אויסגענוצט און מיטן אויסנאַם פון אַפריקאַ־נער נעגער, וועלכע זענען אַהער געפירט געוואָרן ווי לעבעדיקע סחורה, גע־

קויפטע און צום פאַרקויפן, האָט דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער רעזשים נישט אַריינגעלאָזט קיין מענטשן, פון קיין פאָלק נישט, ווי נאָר שפּאַניער און דער־ריבער האָט דאָס שטח גרויסע לאַנד נאָך דריי הונדערט יאָר קאָלאָניזאַציע פאַרמאָגט נישט מער ווי אַ האַלבן מיליאָן איינוווינער, בעת עס איז דער־קלערט געוואָרן די אַרגענטינער אומאָפּהענגיקייט אין 1816.

אָבער דאָס באַפרייטע לאַנד, וואָס האָט דערקלערט פרייהייט פון איינ־וואַנדערונג און זי געשטיצט, האָט דאָך נישט געקאָנט קירצער מאַכן דעם שטח פון אייראָפּע ביז אַהער און האָט נישט געקאָנט באַזייטיקן אַנדערע וויכטיקע סיבות, וואָס האָבן זיך נישט געפונען אין אירע הענט, ווי אויך די מורא פאַר דער ווייטקייט און די מורא פאַר דער אומבאַקאַנטקייט פון אַר־גענטינע, וואָס איז ערשט דורך דער מאַי־רעוואָלוציע אַנטדעקט געוואָרן פאַר די מענטשן פונעם מזרח־העמיספער. און אין משך פון 80 יאָר ביז 1895 איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן צו דער צאָל פון 4.000.000 נפשות: אַכט מאָל אַזוי פיל ווי זי איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער מאַי־רעוואָלו־ציע, אין 1815, ווען עס איז אַבסאָלוט קיין איינוואַנדערונג נישט געווען.

***

ווען די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פון 1853 האָט אויסגעדריקט אין דער באַזישער אַרגענטינער קאָנסטיטוציע די איינוואַנדערונג ווי די ער־שטע, גרויסע און פערמאַנענטע באַדערפעניש פאַר דער עקזיסטענץ און פאַרן פּראָגרעס פונעם טעריטאָריעל אַזוי גרויסן לאַנד, האָבן זיך אין לאַנד שוין געפונען אַ טאָפּלטע צאָל איינוווינער אין פאַרגלייך צו דער צאָל אין יאָר פון דער אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע: אַ מיליאָן איינוווינער, איין מענטש אויף יעדע דריי קוואַדראַט קילאָמעטער.

די קאָנסטיטוציאָנעלע איינשטעלונג פאַר מלוכהשע מיטלען צו באַפרי־דיקן די גרויסע באַדערפעניש אין דער איינוואַנדערונג האָט לאַנגזאַם אָבער דאָך געגעבן די געווינטשטע רעזולטאַטן, עס זאָלן זיך רעאַליזירן די האָפע־נונגען, וואָס זענען אַריינגעטאָן געוואָרן אין דער אימיגראַציע.

אין פאַרלויף פון 42 יאָר פון 1853 ביז 1895, ווען ס'איז דורכגעפירט געוואָרן די צווייטע פאָלקסציילונג פון לאַנד, איז די באַפעלקערונג אויסגע־וואַקסן צו פיר מיליאָן. פיר מאָל מער ווי עס איז באַשטאַנען די באַפעלקע־רונג אין יאָר 53, איין מענטש שוין אויף אַ קוואַדראַט קילאָמעטער לאַנד.

איז קלאָר די פונדאַמענטאַלע און פערמאַנענטע פּאָליטיק פון ב אַ־פ ע ל ק ע ר ן ד אָ ס ל אַ נ ד און באַפעלקערן דורך א יי נ וו אַ נ־ד ע ר ו נ ג פון מענטשן־מאַסן וואָס זענען די טרעגער פון די צוויי שעפע־

רישע הויפּט־עלעמענטן: פּראָדוצירן און קאָנסומירן, וואָס באַגינסטיקן זיך איינס דאָס אַנדערע — אַ פּאָליטיק, וואָס איז אין 1895 געווען אַזוי אַקטועל ווי אין 1853, אויב נישט נאָך אַקטועלער. „די פעדעראַלע רעגירונג וועט שטיצן די איינוואַנדערונג און זי וועט זי נישט באַגרעניצן און נישט באַשווערן מיט קיין שטייער איר אַריינקום אין לאַנד אַרגענטינע" — זאָגט די קאָנסטיטוציע, מחמת די אימיגראַציע פון אויסלענדער „טראָגט דעם צוועק צו באַאַרבעטן די ערד, אויסבעסערן די אינדוסטריע און לערנען די וויסנשאַפטן און די קונסטן" און די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע פאַרזיכערט די איינגעוואַנדערטע צו „געניסן אין לאַנד פון אַלע ציווילע רעכטן פונעם בירגער: פאַרנעמען זיך מיט אינדוסטריע, מיט האַנדל און מיט פּראָפעסיע".

„די צרה פון דער אַרגענטינער רעפּובליק איז איר עקסטענסיע: דער מדבר, וואָס רינגלט זי אַרום פון אַלע זייטן באַדראָט זי דורך און דורך; די איינזאַמקייט, דאָס אומבאַפעלקערט זיין אָן אַ מענטשלעכער וווינונג, איז בכלל די פּוסטע גרעניץ צווישן פּראָווינץ און פּראָווינץ. אומענדלעכקייט פון אַלע זייטן. אומענדלעך די סטעפּעס, אומענדלעך די וועלדער, אומענדלעך די טייכן" — שרייבט סאַרמיענטאָ, דער אַרגענטינער נביא אין זיין בוך „ציוויליזאַציע און באַרבאַריע", וואָס ער האָט געשריבן אין די בלעטער פון טשילע אויסצודריקן די גוואַלדיקע וויסטעניש פונעם לאַנד ביים סוף פון די 40ער יאָרן און ביים אָנהויב פון די 50ער.

אין מיטן פון די 90ער יאָרן איז די וויסטעניש און די ווילדעניש שוין געווען קלענער, די ציוויליזאַציע גרעסער; די באַפעלקערונג, דורך פרייער און געשטיצטער איינוואַנדערונג, האָט זיך פאַרגרעסערט; עס זענען ליכטיקער געוואָרן די ברייטע האָריזאָנטן: מענטשלעכע וווינונגען זענען אויסגעוואַקסן אין דער אומענדלעכקייט פון דער מדבר. צווישן די פאַראייניקטע פּראָווינצן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ; עס האָבן זיך פאַרמירט קאָלאָניעס, שטעטלעך, שטעט — עס איז שוין געווען אין לאַנד אַ מענטש אויף יעדן קוואַדראַט קילאָמעטער!

אַלבערדיס נבואות איז מקוים געוואָרן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר טרעפלעך זיין רעגירונגס־פילאָזאָפיע פאַר אַרגענטינע: אַז „רעגירן הייסט באַפעלקערן".

די איינוואַנדערונגס־פּאָליטיק, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט דער באַפעלקערונגס־פּאָליטיק, געפינט זיך אייגנטלעך אין די יסודות פון דער רעפּובליק: אין איר פרייהייט, אין איר גלייכהייט און אין איר גערעכטיקייט, וואָס וואָרצלט אינעם אוניווערסאַלן מענטשן־רעכט.

עס האָט שוין די גאָר ערשטע קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג אין

1813 אָפּגעשאַפֿט שקלאַפֿעריי און אַדל־טיטלען. פּריַיהיַיטלעכע און דעמאָ־קראַטישע גרונט־געזעצן וואָס, פֿאַרטיפֿט און אויסגעברייטערט, האָט די אַר־געַנטינער קאָנסטיטוציע געהייליקט און אַריינגענומען אין זיך און דער־קלערט אַז — „אין אַרגענטינע זענען נישטאָ קיין שקלאַפֿן (דאָס האָט גע־מיינט: עס טאָרן נישט זיין קיין שקלאַפֿן — פּ. וו.). די וואָס עקזיסטירן היינט (1853), ווערן באַפֿרייט זינט דער שבועה פֿון דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע". „יעדער קאָנטראַקט פֿון קויפֿן און פֿאַרקויפֿן פּערזאָנען איז אַ פֿאַרברעכן". „און די שקלאַפֿן, וואָס ווערן אויף אַ וועלכן עס איז אופֿן אַריינגעפֿירט, ווערן באַפֿרייט דורך דעם פֿאַקט פֿון טרעטן אויף דער טעריטאָריע פֿון דער רעפּוב־ליק". און די קאָנסטיטוציע דערקלערט אויך, אַז „אַרגענטינע אַנערקענט נישט קיין בלוט־פּריווילעגיעס און נישט קיין געבורט־פּריווילעגיעס; נישטאָ אין איר קיין פּערזענלעכע רעכטן און קיין נאָבל־טיטלען. אַלע אירע איינוווינער זע־נען גלייך פֿאַרן געזעץ".

די מענטשלעכע עלעמענטן פֿון דער רעפּובליק הערן זיך אויך פֿון די וויַיטערע קאָנסטיטוציאָנעלע איינשטעלונגען פֿאַר אַ ל ע איינוווי־נ ע ר פֿון לאַנד: „פּובליקירן זייערע אידעען דורך דער פּרעסע אָן אַ פֿאַר־אויסדיקער צענזור; זיך נוצן און דיספּאָנירן מיט אייגנטום; אַסאָציאירן זיך פֿאַר נוצלעכע צוועקן; פֿריי אָנגיין מיטן אייגענעם קולט; לערנען און ווערן געלערנט".

שקלאַפֿעריי, אומטאָלעראַנץ, רעליגיעזע פֿאַרפֿאָלגונג, אינקוויזיציע און נאָך אַזוינע מיטלעלטערלעכע צרות, וואָס אין די קאָלאָניעס האָבן זיי אָנגע־האַלטן לענגער, ווי אין זייערע מעטראָפּאָליעס, האָט אוודאי נישט געפֿעלט אין דעם דרום־אַמעריקאַנישן קאָלאָניאַלן לאַנד, אונטער דער הערשאַפֿט פֿונעם קלאַסישן מיטלעלטער, ווי דאָס איז געווען שפּאַניע פֿאַר און נאָך איר אַרויס־טרייבן די יידן (סוף 15טער יאָרהונדערט) און דורך וואָס עס האָט זיך גע־שאַפֿן דאָס מאַראַנענטום.

די מאַי־רעוואָלוציע האָט דאָס געהאַט אָפּצושאַפֿן, אָבער אין לעבן מאַכט זיך דאָס לאַנגזאַם און שווער: די רעוואָלוציע אַליין גייט נישט אויף קיין אויסגעטראָטענע וועגן און די מאַכט, פֿון וועלכער מ'האָט זיך באַפֿרייט, רע־זיגנירט נישט פֿרייוויליק. מען דאַרף דאָס אַלץ אין זין האָבן, כדי צו פֿאַר־שטיין פֿאַרוואָס 40 יאָר נאָך דער פֿאַרזאַמלונג פֿון 1813 דערקלערט ווידער די פֿאַרזאַמלונג פֿון 1853, אַז שקלאַפֿעריי איז אָפּגעשאַפֿט אין אַרגענטינע און אַז די שקלאַפֿן, וואָס עקזיסטירן, זענען באַפֿרייט פֿון דעם טאָג אָן (אין 1853), ווען מ'האָט אָנגענומען די קאָנסטיטוציע און געשווירן פֿאַר איר; אַזוי איז אויך פֿאַרשטענדלעך די קאָנסטיטוציאָנעלע דעקלאַראַציע, אַז „די־

פעדעראַלע רעגירונג האַלט אונטער דעם רוימישן אַפּאָסטאָלישן קאַטוילישן קולט״, וויסנדיק פון דער אַבסאָלוטיסטישער הערשאַפט פון איין באַשטימטער רעליגיע אין משך פון הונדערטער יאָרן און אויב אין קאָלאָניאַלן אַרגענטינע זענען אויך געווען נישט קיין קאַטאָליקער, זענען דאָס געווען די אינדיאַנער, וועמען די שפּאַנישע קאָלאָניאַלע מאַכט, וואָס איז געווען אַ רעליגיעזע, האָט געזען צו קאַטאָליזירן; עס איז פאַרשטענדלעך די דאָזיקע דעקלאַראַציע ביי אַזאַ מאָראַלישער סיטואַציע און עס איז אויך פאַרשטענדלעך די דאָזיקע ווייטערע דעקלאַראַציע אין דער זעלביקער צייט פון דער זעלביקער קאָנסטיטוציע, אַז *אַלע איינוווינער פון לאַנד האָבן דאָס רעכט פריי אָנצוגיין מיט זייער קולט* (14טער אַרט. פון דער אָריגינעלער קאָנסטיטוציע), ווען מען ווייסט פון דער געבענטשטער רעגירונגס־פּאָליטיק צו באַפעלקערן דאָס לאַנד דורך דער איינוואַנדערונג פון מענטשן, וואָס קומען פון פאַרשידענע לענדער, פעלקער, ראַסן, גלויבנס, פריידענקער און „אַלע מענטשן פון דער וועלט, וואָס ווילן באַוווינען דאָס לאַנד אַרגענטינע״ — ווי דאָס דערקלערט פייערלעך די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע אין איר פּרעאַמבול.

4 — קאָסמאָפּאָליטיזם

פון אַלע שטאַנדפּונקטן פאַראינטערעסירט אין דער איינוואַנדערונג און מאָראַליש פאַראייניקט איר אינטערעס מיט פרייהייט, מיט גלייכהייט און מיט גערעכטיקייט („אַלע אירע איינוווינער זענען גלייך פאַרן געזעץ״), איז די רעפּובליק גערנוויליק גרייט אויפצונעמען די עמיגראַציע פון אומעטום, פון דער גאַנצער וועלט און אויב זי זאָגט, דורך איר קאָנסטיטוציע, אַז „די פעדעראַלע רעגירונג וועט שטיצן די *איראָפּעאישע* אימיגראַציע״ (אין וועלכער עס געפינט זיך אגב אויך די יידישע), דערקלערט זיך דאָס מיט דעם *מער* אינטערעס אין דער איראָפּעאישער איינוואַנדערונג, ווייל איראָפּעאיש האָט געמיינט *מער ציוויליזירט*; האָט געמיינט מענטשן מיט מער קענטעניש, מיט מער וויסן, מיט *מער ווילן* מיט מער קולטור, פאָרשריט און מוט.

און איראָפּעאישע אימיגראַציע איז דאַן געווען דער פולסטער אויסדרוק פון קאָסמאָפּאָליטיזם. מחמת אין איראָפּע, מיט הונדערט יאָר צוריק, האָבן געלעבט, מער ווי אויף די אַנדערע קאָנטינענטן, זייער נאָענט, צוזאַמען און אויסגעמישט אַ סך פאַרשידענע פעלקער, קולטן, קולטורן, און נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן. דער בעסער פאַרשטאַנענער קאָסמאָפּאָליטיזם, אין קאָנטראַסט צו דער אַסימילאַציע, וואָס וויל נישט קיין פאַרשידנקייט — שאַפט אין דעם

אַמעריקאַנישן לאַנד אַזאַ פּערמאַנענטע סיטואַציע, אין וועלכער עס פּאַסט זיך נישט אַ רעליגיעזע. אַ נאַציאָנאַלע און אַ וועלכע עס איז אַנדערע אויס־שליסלעכקייט און פּרעדאָמיניע פון איינע אויף די אַנדערע; הייסט זיין טאָלע־ראַנט און זיך קעגנזייטיק רעספּעקטירן, זיך קענען און זיך אָנערקענען.

דער יידישער אימיגראַנט און אַרגענטינישער סאָציאַל־פּאָליטישער דענ־קער ד״ר ענריקע דיקמאַן האָט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער דערשיינונג אין אַמעריקע געשאַפן זיין „ראַסן־שמעלצטאָפּ״.

אין דעם סאָציאַליסטישן יאָרבוך פון 1941 שרייבט ענריקע דיקמאַן, אַז „די צוועלף מיליאָן איינוווינער, וואָס באַפעלקערן דאָס לאַנד אַרגענטינע, זענען אַ פּראָדוקט פון דעם צונויפגוס פון די בעסטע און די קרעפטיקסטע ווייסע ראַסן פון דער וועלט. אין אירע אָדערן פליסט אַ סך לאַטייניש בלוט, אויסגעמישט מיט אַ הויכן דאָזיס אַנגלאָזאַקסיש בלוט, באַשפּריצט און באַ־טעמט־געמאַכט פון אַ קליינעם דאָזיס סעמיטיש און סלאַוויש בלוט״. נאָך דעם דאָזיקן אַנאַליז שטעלט דיקמאַן אַרויס אין אַן אַפאָריזם זיין פּראָגנאָסטיק: „אַ כּרוכפּערדיקע מישונג פון פאַרשידענע ראַסן, איז דער אַרגענטינער פיזיש קרעפטיק און מענטאַל הייטער און געשיקט; איז אַרבעטזאַם און שטאַנדהאַפּ־טיק און פּאַסט זיך לייכט צו צו אַלע נייע מאָראַלן (שטייגערס) געשאַפן פונעם קאָלעקטיוון פּראָגרעס״.

מען קען זען אין דיקמאַנס „ראַסן־שמעלצטאָפּ״ מער דאָס וואָס ער ו י ל. ווי דאָס וואָס עס א י ז. אָבער עס איז רעאַל אוןווירקלעך די קאָסמאָפּאָליטישע פּאָרמאַציע פון דער באַפעלקערונג פון יעדן אַמעריקאַנישן לאַנד און וואָס איז אויך אין אַרגענטינע אַן אומבאַשטרייטבאַרער אויסדריק־לעכער פאַקט אין לעבן: אין דער שכנהשאַפט, אין דער גאַס, ביי דער אַר־בעט, — אין אַ סך קאָלעקטיווע לעבנס־פאַקטאָרן און אויך אין דער אַרבע־טער באַוועגונג.

פאַרשידן זענען שוין געווען די אור־איינוווינער פונעם לאַנד פאַר דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. גוואַראַניער, קיטשוער, טהעועלטשער, פּאַטאַגאָנער און אַנדערע אינדיאַנישע פעלקער האָבן די שפּאַניער דאָ געטראָפן אין דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט, ווען זיי זענען געקומען צו פאַרנעמען דאָס לאַנד. די שפּאַניער וואָס זענען אַליין שוין געווען אַ פּראָדוקט פון אַ מין „ראַסן שמעלצטאָפּ״, זענען, זייענדיק אייראָפּעער, צוגעשטאַנען צו דער „קאָסמאָפּאָליטישער פּאָרמאַציע״ פונעם אַמעריקאַנישן לאַנד און אויב דער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער רעזשים האָט אין משך פון דריי הונדערט יאָר נישט אַריינגעלאָזט אַהער קיין מענטשן פון אַנדערע לענדער פון אייראָפּע און פון אַנדערע קאָנטינענטן, האָט דער קאָלאָניאַלער רעזשים דאָך אַריינגע־

לאַזט נעגער פון אַפריקע, וואָס מען האָט כסדר און סיסטעמאַטיש, ווי אַ פּראָדוקציע־עלעמענט, אימפּאָרטירט ווי שקלאַפן.

די באַפרייאונג פון אַרגענטינע, וואָס האָט ברייט געעפנט אירע טירן פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט, האָט דורך דעם ערשט געשאַפן די גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אַן אַלץ ברייטערער און זיך אַנטוויקלענדיקער קאָסמאָפּאָליטישער פאָרמאַציע.

לויט אַן אָפיציעלער איינוואַנדערונג סטאַטיסטיק זענען פון 1857 ביז 1914 אַריינגעקומען אין לאַנד: 4.549.016 נאָר פון אייראָפּעאישע לענדער, פון זיי זענען:

.1	איטאַליענער	2.247.760
.2	שפּאַניער	1.420.399
.3	פראַנצויזן	211.608
.4	„רוסן" (יידן — פּ. וו.)	155.285
.5	באַלקאַנער	154.494
.6	עסטרייכער	83.058
.7	דייטשן	59.688
.8	ענגלענדער	53.792
.9	שווייצער	32.504
.10	פּאָרטוגעזער	24.997
.11	בעלגער	22.663
.12	דענעמאַרקער	8.503
.13	האָלענדער	7.417
.14	שוועדער	1.778
.15	נאָרוועגער	426
	פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, אָדער לענדער	64.644

די סטאַטיסטישע ציפער און דאַטעס, בלויז פון אייראָפּעאישער איינוואַנדערונג, אין משך פון אַ באַשטימטער צייט, באַווייזן ווי פּופצן לענדער, בתוכם אַ גרעסערע צאָל פון נאַציאָנאַליטעטן (לויט אונדזער באַגריף פון נאַציאָנאַליטעט) זענען באַטייליקט אין דער קאָסמאָפּאָליטישער פאָרמאַציע פון לאַנד, חוץ די פאַרשידענע גרופּעס פון אַזיאַטישע און פון אַפריקאַנישע לענדער.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער פאָרמאַציע איז אויך אינטערעסאַנט דער ציטירטער סך־הכל פון דער אייראָפּעאישער איינוואַנדערונג פון 1857 ביז 1914, וואָס רעפּרעזענטירט 4.549.016 נפשות. ד"ה מער ווי פּל די גאַנצע

באַפעלקערונג אין לאַנד נאָך דער צווייטער פאָלקסציילונג פון 1895 (וועל־כע האָט געציילט סך־הכל 3.954.911 נפשות) און איז די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד נאָך דער דריטער פאָלקסציילונג פון 1914, ווען די גאַנצע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון 7.885.237 נפשות.

איבער דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר פון דער דריטער פאָלקס־ציילונג אין אַרגענטינע האָט זיך די טראַנסאַקעאַנישע איינוואַנדערונג כמעט אָפּגעשטעלט ביז 1919. די אַלגעמיינע באַפעלקערונג האָט זיך דאָך אין די פינף יאָר פון נישט איינוואַנדערונג פאַרמערט מיט 394.000 נפשות, וואָס ווייזט אַ וויכטיקן נאַטירלעכן צוּוואוקס, וואָס שפּילט שוין אַליין אַ גרויסע דע־מאָגראַפישע ראָלע אין דעם באַפעלקערן זיך פון לאַנד. זי קאָן נאָך אָבער נישט איבערנעמען די הויפּט ראָלע פון באַפעלקערן.

אין משך פון 10 יאָר: פון 1919 ביז 1929, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַ נאָך־מלחמהדיקע אינטענסיווע אימיגראַציע, איז די באַפעלקערונג אין לאַנד אויסגעוואַקסן פון 8.279.000 אויף 11.193.000, ד"ה מער מיט 2.914.000 נפשות, אָדער אייגוויינער, בעת אין ווייטערן יאָרצענדליק, אָדער גענויער: פון 1929 ביז 1938 איז די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן צו דער צאָל פון 12.762.000 איינוואוינער, ד"ה אַ פאַרמערונג פון 1.568.000 לגבי דער צאָל פון 1929.

וואָס איז שייך בוענאָס איירעס, די הויפּטשטאָט פון לאַנד, די פעדע־ראַל־שטאָט פון דער רעפּובליק, מיט איר פאַרנעם פון 185 קוואַדראַט קילאָ־מעטער אויבערפלאַך; מיט איר פיל קילאָמעטערדיקן ברייטן פּאָרט, מיט אי־רע קאָנצענטראַציעס פון דער איינוואַנדערונג, פון דער אַרבעט, פון דער פּראָ־דוקציע, פון דער קאָמערץ, פון דער רעגירונג, פון דער קולטור און פון די פּאָ־ליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען — דאָס האַרץ און דער קאָפּ פון דער רע־פּובליק — פאָדערט אונטערגעשטראָכן צו ווערן, דאָס וועלן מיר דאָ טאָן דורך אייניקע ציפערן און דאַטעס:

אין 1895, ווען ס'איז דורכגעפירט געוואָרן די צווייטע פאָלקסציילונג אין לאַנד, האָט די שטאָט בוענאָס איירעס געציילט 663.854 איינוואוינער, זיי האָבן זיך אין משך פון 9 יאָר פאַרמערט: לויט אַ מוניציפּאַלער פאָלקסציי־לונג אין 1904 האָט בוענאָס איירעס שוין געהאַט 950.891 איינוואוינער. זיי זענען געטיילט אויף 523.041 אַרגענטינער און 427.850 אויסלענדער. די אויסלענדער האָבן זיך דאַן געטיילט אויף:

איטאַליענער — — — — — — — — — — — — — — — —	228.556
שפּאַניער — — — — — — — — — — — — — — — — —	105.206
אורוגווייער — — — — — — — — — — — — — — — —	28.747

פראַנצויזן	28.757
ענגלענדער	5.400
דייטשן	5.169
עסטרייכער	3.385
„רוסן"	3.208
בראַזיליענער	2.767
שווייצער	2.578
בעלגיער	1.556
פאַראַגווייער	1.306

די „רוסן" אין די ציטירטע סטאַטיסטישע דאַטעס ווערן דאָ אַריינגענומען צווישן „גענדזנפיסלעך", ווייל ווו עס שרייבט זיך אין אָפיציעלע פּאַפּירן „רוסן", זענען זיי אין דערווירקלעכקייט יידן, מיט אַ מינימאַלער צאָל רוסן. די דאָזיקע אומפּינקטלעכקייט נעמט זיך פון דעם, וואָס פאַר נאַציאָנאַליטעט איז נאָר אַ מ ל ו כ ה אָנגענומען געוואָרן, אַזוי אַז פּאָלאַקן, למשל, זענען גאָר אויף דער וועלט נישט געווען אין דער צייט, ווען פּוילן איז צעטיילט געווען צווישן רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך און די פּאָלאַקן האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע מלוכה. אָבער אין דעם פאַל, ווען בוענאָס־איירעס אין 1904 פּרעזענטירט זיך מיט 3208 רוסן, דאַכט זיך, אַז דאָס זענען טאַקע רוסן, מחמת יידן זענען שוין דאַן געווען אין בוענאָס איירעס אין אַ פיל גרעסערער צאָל.

אין 1909 ווערט ווידער דורכגעפירט אַ פאָלקסציילונג אין בוענאָס איירעס, זי רעגיסטרירט שוין אַ באַפעלקערונג פון 1.231.668 איינוווינער (670.513 אַרגענטינער און 544.185 אויסלענדער); צווישן די אויסלענדער געפינען זיך שוין 13.714 „רוסן" און צו די פריערדיקע „נאַציאָנאַליטעטן" איז צוגעקומען די „טערקישע", וואָס אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי יידן פון טערקיי, פון די אַזיאַטישע לענדער און פון אַפריקאַנישע מיט אַ קלענערן אָדער גרעסערן פּראָצענט אַראַבער — נישט־יידן.

פון דער אַלגעמיינער פאָלקסציילונג אין לאַנד פון 1914 שטעלט זיך אַרויס, אַז די שטאָט בוענאָס איירעס אַליין האָט 1.575.814 איינוווינער (797.969 אַרגענטינער און 777.845 אויסלענדער). צווישן די אויסלענדער געפינען זיך שוין אויך גריכן און די „רוסן" ציילן שוין 28.846 נפשות און די „טערקן" 15.847.

און אין דער שטאָטישער פאָלקסציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1937 האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די קאָסמאָפּאָליטישע באַפעלקערונג פון בוענאָס איירעס האָט שוין ביי די 2.390.000 איינוווינער,

אין 1954 האט שוין די בוענאס איירעסער באפעלקערונג היפשלעך איבערגעיאגט די דריי מיליאן. בלויז וואל־בארעכטיקטע בירגער (פרויען און מענער) צו די וואלן פון 25סטן אפריל האבן פארמירט א סך־הכל פון 1.751.000

די ארבעטער זענען געווען פון פארשידענע פעלקער, יידן קומען צו פארנעמען דעם דריטן ארט מיט קולטורעלע און אנדערע אייגנארטיקייטן, געקומען פון פארשידענע לענדער פון דער וועלט און דא אין דער ארגענטינער פרייער און דעמאקראטישער רעפובליק איז נישט געווען קיין אויסנאם, קיין גרענעץ און קיין צוים קעגן קיינעם, פארקערט: עס איז באטראכט געווארן פאר נישט געוואונטשן און פאר שעדלעך יעדער פאל פון אפזונדערונג, פון נישט צוזאמענזיין. דאס האט געפאדערט די אייניקייט, די ארגאניזאציע און די אקציע פון די ארבעטער, אן אונטערשייד פון אפשטאם, ראסע, נאציאנאליטעט, שפראך, רעליגיע און דאס לאנד פון געבורט.

די געמיינזאמקייט און די אלגעמיינהייט פון דער ארבעטער־באוועגונג, מיטן יידישן ארבעטער ווי א גלייכער מיטגליד אין איר, האט בכלל נישט געשטערט קיין באזונדערע נאציאנאל־קולטורעלע און אידעאלאגישע באוועגונגען און במילא אויך נישט געשטערט די יידישע ארבעטער באוועגונג מיט אירע אייגענע דיפערענצירונגען.

5 — דער ארבעטער־באשטאנד פון דער יידישער איינוואנדערונג

ווען מיר זאגן, אז די יידישע איינוואנדערונג איז געווען א פראלעטארישע, מיינט עס נישט, אז די איינוואנדערונגען פון אנדערע פעלקער זענען געווען אנדערש; די יידישע איז געווען אזוי ווי די אנדערע, די אלגעמיינע מיט דעם אונטערשייד, וואס די יידישע איז באשטאנען כמעט נאר פון אימיגראנטן, וואס פארן דריטע קלאס, פארמאגן גארנישט אויסער א ווילן צו ארבעטן צוליבן לעבן און קומען מיטן געדאנק צו בלייבן אין לאנד, ווי אין א נייער היים, בעת אנדערע באשטייען אויך פון „פאסאזשירן", וואס פארן צווייטע קלאס און ערשטע, זענען פארמעגלעך, מאכן געשעפטלעכע, אדער לוסטרייזעס.

עס רעדט זיך דא וועגן דער ייִדיש־יידישער מאסן־אימיגראציע וואס, ווי עס איז אין אלגעמיין אנגענומען, האט זי זיך אנגעהויבן פון דער גרופע יידן (136 פאמיליעס — 824 נפשות) געקומען פון פאדאליע, רוסלאנד און זיך פארוואנדלט דא אין לאנד ארגענטינע אין די לאנדווירטשאפטלעכע פיאנערן פון מאזעסוויל.

יידן זענען שוין דא פון פריערדיקע צייטן: די „קאנגרעגאסיאן איז־

ראַעליטאַ״ (אַ קולטוס פאַריין אויפן שטייגער פון די מערב־אייראָפּעאישע — דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע — אַסימילירטע יידן פון משהס גלויבן) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1868; וועגן אַ יידישער חתונה אין 1860 ווערט דערמאָנט אין פאַרשידענע שריפטן; יידן מאַראַנען האָבן זיך, ווי שפּאַניער־קאַטויליקער אַריינגעקראָגן אין קאָלאָניאַלן אַרגענטינע דורך דער שפּאַני־שער איינוואַנדערונג און די פּאָרטוגעזישע, זינט די עקספּעדיציעס אין זעכצנטן יאָרהונדערט נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. אוראייניקלעך פון מאַראַנען, וואָס זענען אַליין שוין זיידעס, קאָן מען נאָך היינט געפינען אין אַרגענטינע. איינער פון זיי איז דער באַוווסטער עקס מיניסטער ד״ר פּעדריקאָ פּינעדאָ. אָבער נישט די דאָזיקע יידן מיינט מען, ווען מען רעדט פון דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג און נישט זיי זעט מען, ווען מען שטעלט פעסט, אַז די יידישע אימיגראַציע איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע; זי איז דאָס שטענדיק געווען, פון אָנהויב אין די 90קער יאָרן פון פאַרגאַנ־גענעם יאָרהונדערט ביז אין אונדזערע טעג אין די 50קער יאָרן פונעם איצ־טיקן יאָרהונדערט — דעם 20סטן.

פון וואַנען איז געקומען די יידישע איינוואַנדערונג?

איך דערמאָן, אַז אין ד ע ר אַרבעט גייט נישט אַריין דער אַזוי גערופענער ספּרדישער ייד (דער טערקישער, דער לאַדינאָשער, דער אַראַ־בישער און בכלל דער ייד פון די דרום־אייראָפּעאישע, צפון־אַפריקאַנישע און מערב־אַזיאַטישע לענדער), וועמענס צאָל עס איז אַ גרויסע און וועמענס אָרט אינעם וועש־האַנדל עס איז אין לאַנד אַן אַנזעעוודיקער, מיט וועמען מיר, די נישט־ספרדים, זענען אין טאָג־טעגלעכן לעבן כמעט מיט גאָרנישט פאַרבונדן.

עס גייט אויך נישט אַריין אין ד ע ר אַרבעט דער דייטשישער ייד, וואָס נאָך דעם שפּאַנישן־מאַראַנער, איז ער איינצייטיק מיטן פראַנצויזישן אַסימילירטן ייד און דעם ענגלישן, געווען דער ערשטער ייד אין מאַי־רע־וואָלוציאָנערן אַרגענטינע, וואָס האָט ברייט צעעפנט אירע טירן פאַר דער איינוואַנדערונג פון פרייע מענטשן פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט און ער איז אַלס דער גרינדער פון דער „קאָנגרעגאַציע״ דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן וועזן פון יידן אין לאַנד. זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, אין 1933סטן יאָר און ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אָנגעגאַנגען אַ מאַסן־איינוואַנדערונג פון דיי־טשישע און עסטרייכישע יידן, וואָס האָבן זיך עקאָנאָמיש גוט סיטואירט, געשאַפן אַן אינדוסטריע, פאַרנעמען אַן אָרט אין דער האַנדלס־וועלט און פירן אין דייטש (זייער שפּראַך) אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. אָבער — אויך

דאָס זעלביקע: מיט אונדז יידישע יידן זענען זיי פון דער ווייטנס געווען צעשיידט און פון דער נאָענט האָט עס זיך נישט געענדערט. מען קריגט זיך נישט חלילה; מען לעבט אין פרידן צווישן זיך, נאָר ווי באַזונדערע באַציעס.

די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג איז געקומען פון צאַרישן רוסלאַנד (פון אוקראַינע, פוילן, ליטע, לעטלאַנד, זייערע סובטיילן, ווי בעסאַראַביע, ווייסרוסלאַנד, וואָלין; זייערע שטעט און אומגעגנטן). די יידן פון דער רוסישער אימפעריע צום גרויסן טייל פּאָליטישע עמיגראַנטן, גרעניצן־שוואַרצער און אַנטלאָפענע פון רעכטלאָזיקייט, פון מיליטער־דינסט, פון פּאַרפּאָלגונגען, פון פּאָגראָמען, פון עקאָנאָמישער נויט, זענען נישט געקומען דירעקט פון רוסלאַנד, נאָר דורך טראַנזיט־לענדער: דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך און ענגלאַנד. קליינע וואַנדערונגס־פלוסן פון רומענישע יידן און פון גאַליציאַנער האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין די ברייטע וואַנדערונגס־שטראָמען. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך געעפנט אַ ברייטערע יידישע אויסוואַנדערונג אַהער פון גאַליציע וואָס איז געוואָרן אַ טייל פונעם אומאָפּהענגיקן פוילן, און עס האָט זיך געעפנט אַ ברייטערע יידישע אויסוואַנדערונג פון רומעניע. עס האָט זיך געענדערט די פּאָליטישע מאַפּע; עס זענען אויפגעקומען רעפּובליקן און עס זענען אומגעקומען מאָנאַרכיעס מיט זייערע דינאַסטיעס: די דייטשע האָהענצאָלער; די עסטרייכישע האַבסבורגער; די רוסישע ראָמאַנאָווס. באַפרייט פון די אימפּעריאַליסטישע קייטן, זענען אויפגעקומען אומאָפּהענגיקע לענדער: פוילן, ליטע און לעטלאַנד זענען געוואָרן לענדער פאַר זיך, זיי זענען אָבער דורך דעם נישט געוואָרן אויס אויסוואַנדערונגס־לענדער פאַר יידן; די עמיגראַציע איז שוין נישט קיין „רוסישע", נאָר אַ לעטיש־יידישע, אַ ליטוויש־יידישע, אַ פּויליש־יידישע; בכלל האָט די „פּוילישע" עמיגראַציע איבערגענומען די „רוסישע", וואָס איז אין סאָוועטישן רעזשים אָפּגעשאַפט, פאַרוועערט. די אויסוואַנדערונג פון פוילן, איז דורך די געשעפענע אומשטענדן געוואָרן די איינציקע אין דער וועלט צווישן דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער צווייטער. די איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע איז אומדירעקט געשטיצט געוואָרן דורך דער איינוואַנדערונגס־באַשרענקונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

אומאָפּהענגיק פון די ענדערונגען אויף דער פּאָליטישער מאַפּע און רעזשימען, זענען די יידן געקומען פון פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע און זיי האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן; חוץ יידיש — רוסיש, פויליש און אַפילו דייטש און רומעניש; פאַר דער אָפיציאַליטעט זענען געווען „רוסן" אַלע יידן, וועלכע זענען געקומען פון די אַלע

לענדער, וואָס האָבן ביז דער ערשטער מלחמה געהערט צו רוסלאַנד און ווען די לענדער זענען געוואָרן זעלבסטשטענדיקע, זענען זייערע יידן אָנערקענט געוואָרן פאַר „פּאָלאַקן", פאַר „ליטווינער", פאַר „לעטן" און אין קיין פאַל נישט פאַר קיין יידן; יידן פון רומעניע זענען אָנגענומען געוואָרן פאַר „רו־מענער", ווי יידן פון גאַליציע, ביז דער ערשטער מלחמה, זענען פאַר דער דערמאָנטער אָפּיציאַליטעט און פּאָפּולאַריטעט געווען „עסטרייכער".

יידן האָבן אָנגעהאַלטן אַן אייגענע, אַ יידישע וועלט־מאַפּע: אַן אַנ־דערער ריידנס־אַרט, אַן אַנדערער לעבנסשטייגער, אַנדערע געוווינהייטן, אַנדערע פירונגען, אָבער עס איז געווען אַ סך געמיינזאַמעס אין דעם לעבן פון דעם יידישן „אינטערנאַציאָנאַל": עס איז געווען דער עיקר דער י י ד י ש ־ ע ל ע מ ע נ ט , וואָס איז באַשיינט און באַחנט געוואָרן פון די פאַרשידענע יידישע ריידנסאַרטן און פון אַלע יידישע פאָלקסטימלעכע, פאַרביקע, און האַרציקע פאַרשידנהייטן, וואָס גיסן זיך צוזאַמען אין לאַנד פון דער איינוואַנדערונג און עס פאָרמירט זיך פון אַלע א יי ן פאָלק מיט אַ נאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט, וואָס איז אַנדערש פון די אין דער וועלט אָנגענומענע קאָנצעפּציע פאַר נאַציאָנאַליטעט.

און די דאָזיקע יידן מיינען מיר, ווען מיר רעדן פון דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע אין פאַרלויף פון אירע ערשטע פופ־ציק יאָר, פון 1888 ביז 1938.

פון וועלכן סאָציאַלן באַשטאַנד איז געווען די יידישע מאַסן־איינוואַנ־דערונג?

די יידישע איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע איז געווען אַ פּראָלעטאַ־רישע.

דאָ רעדט זיך פון דער יידישער־שטאָטישער איינוואַנדערונג. די קאָ־לאָניסטישע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1889 פון דער פּאָדאָליער אין באַשטאַנד פון 824 פּערזאָן, איז אַ באַזונדערער ענין; זי איז נישט געווען קיין פּראָלעטאַרישע, כאָטש זי איז באַשטאַנען פון אָרעמע און פאַרפאָלג־טע; די צאָל פון אירע מענטשן, שוין צוגערעכנט די אין לאַנד געבוירענע, האָט קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן די פערציק טויזנט; איר צאָל פאַלט. אין 1938 ציילט זי אויף ייקאָ־ערד ביי די זיבעצן טויזנט נפשות פון רייז קאָ־לאָניסטישע פאַמיליעס און ביי די צען טויזנט נישט פון קאָלאָניסטישע פאַ־מיליעס. — עס רעדט זיך פון דער שטאָטישער יידישער מאַסן־איינוואַנ־דערונג, וואָס איז אין לויף פון יאָרן אויך געשטיצט געוואָרן אַביסל פון די יידישע קאָלאָניעס, דורך דער איבערוואַנדערונג פון דער קאָלאָניע אין שטאָט אַריין; עס רעדט זיך פון דער שטאָטישער איינוואַנדערונג, וואָס איז גע־

וואקסן פון יאָר צו יאָר, גיך אַריבערוואקסנדיק די יידיש־קאָלאָניסטישע, ביז עס האָט שוין גאָר קיין פאַרגלייך נישט געקאָנט זיין.

די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע דורך דעם, וואָס זי איז אין דער מערהייט באַשטאַנען פון אַרבעטער, קוואַליפיצירטע אַרבעטער מיט פאַכן אין די הענט און מיט אַרבעט־סטאַזש אין דער אַלטער היים. די האַנדלס־אַנגעשטעלטע, ביוראַליסטן, וואָס זענען דאָס געווען דאָרט אויף דער אַנדערער זייט ים. זענען חוץ פּראָלעטאַריער, געווען אויף געהאַק־טע צרות. פאַר זייער פאַך האָט מען באַדאַרפט קענען די לאַנדשפּראַך — שפּאַניש און חוץ דעם איז אויף האַנדלס־אַנגעשטעלטע און ביוראַליסטן גע־ווען אַ קליינע נאָכפראַגע און זיי האָבן זיך געמוזט נעמען צו שווערער שוואַר־צער אַרבעט.

די יידישע קאָלאָניעס, וועמענס פעלדער עס זענען באַאַרבעט געוואָרן פון זייערע באַלעבאַטים אַליין, האָבן דאָך אין שניטצייט, אין יאָר פון גערע־טעניש, צוגענומען לוין־אַרבעטער אויף אַ פּאָר חדשים. האָבן זיך אייניקע פון די געוועזענע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, די אַזוי גערופענע „פּראָלעטאַריער אין ווייסע קעלנער", זיך אַרויסגעלאָזט אין די יידישע קאָלאָניעס, ווו די שניט־אַרבעט, אין איילעניש, אויף די פעלדער, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, איז געווען פאַר זיי אַ קאַטאָרזשאַנע; אַנדערע האָבן זיך גענומען צום האַנדל מיט זייער גאַנצן ווידערווילן צו דעם, דאָס איז געווען פעדלער־קלאַפּעריי, אַמבולאַציע פון „מאַטראַזן" מיט „קאָנטראַבאַנד"־סחורות, וואָס אין דער אמתן איז עס נישט געווען קיין קאָנטראַבאַנד און די דאָזיקע אומ־גליקלעכע סוחרים זענען נישט געווען קיין מאַטראָזן.

עס לעבט אויף פאַר די אויגן דאָס בילד פון מיין חבר מאָס, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט צו דעם אייגנטימער פון אַ מעבל־געשעפט אין אַווע־זשאַנעדאַ, פון וואַנען ער איז איבערגעגאַנגען אין 1914 צו ווערן שותף און דירעקטאָר פון דער „יידישער צייטונג". אָט שפּאַנט ער אַ טונקל־פאַררויטל־טער מיט באַהאַלטענע אונטערן שטערן פייערדיקע אויגן, אינמיטן אויף דער גאַס קאָריענטעס און טראָגט פון הינטן מיט ביידע הענט די פאָדערשטע זייט פון אַ ברייטן טיש, וועמענס הינטערשטע זייט עס ווערט געטראָגן פון מאָס' שותף. עס איז אַזאַ טראַגנדיקע קראַם. אויסגעלייגט מיט שמאַטעס, וואָס פאַרקויפן זיך צו 20 סענט יעדע און דער דאָזיקער פאַרקויף ווערט אויסגע־זונגען מיט אַזאַ מין בענקשאַפטלעך געזאַנג אין דער גאַס אַריין:

— „וועינטע, וועינטע... טאָדאַ אַ ו ע י נ ט ע !!!"

שפּאַנט אַזוי דער חבר מאָס אינמיטן פון דער גאַס קאָריענטעס און

שלעפּט די גאַסן־קראַם מיט די אויסגעלייגטע שמאַכטעס און זינגט אין דער גאַס אַריין:

— „ווערנטע! ווערנטע!.. טאַדאַ אַ ווערנטעעעע!...״

אין דער זעלביקער סיטואַציע האָבן זיך געפונען די סטודענטן, וואָס האָבן דאָרט אין צאַרישן רוסלאַנד איבערגעריסן זייער אוניווערזיטעט שטודיום, עקסטערניקעס און קרבנות פון דער 3־פּראָצענט־נאָרמע; אונטערערדישע קעמפער, רעוואָלוציאָנערן פאַר פרייהייט און פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט; טייל פאַרביטערט פון דער בלוטיקער רעאַקציע און פּאָגראָם־כוואַליע נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד און טייל אַנטלאָפענע פון די טורמעס, פון סיביר און פון די תליות — זיי זענען געקומען אויף די כוואַליעס פון דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג און יענע פון זיי, וואָס זענען אין רוסלאַנד נישט געווען קיין פּראָלעטאַריער, זענען זיי געווען פון די זיך־פּראָלעטאַריזירנדיקע; ביי אייניקע איז דאָס געווען אַן אידעאַל און ביי די אַנדערע איז דאָס געווען אַ נויט. איןביידע פאַלן האָט זיך די פּראָלעטאַריזאַציע רעאַליזירט דאָ אין אַרגענטינע.

קיין קאַפּיטאַליסטישע איז די יידישע איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע קיינמאָל נישט געווען; די איינוואַנדערונגס־שטראָמען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון נאָך איר ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן אָבער מיטגעטראָגן מיט זיך מיטלקלאַס־עלעמענטן, אָבער זיי זענען געווען פון די עקאָנאָמיש־געפאַלענע, אומפאַרמעגלעכע, דעקלאַסירטע, וואָס זענען אין די האַנדערונגס־שטראָמען אויפגענומען געוואָרן צווישן די גרייטע צו פּראָלעטאַריזירן זיך.

6 — יידן

מיר האָבן שוין באַמערקט: אָפיציעל איז נישטאָ קיין יידישע איינוואַנדערונג און אוודאי נישט קיין געבוירענע יידן אין לאַנד; אָ פ י צ י ע ל מיינען מיר דאָ: די רעגיסטראַציע פון די איינגעוואַנדערטע אין דער אימיגראַציע־דירעקציע פון לאַנד; די רעגיסטראַציע פון געבורטן אין ציוויל־רעגיסטער; די פאַרצייכעניש ביי פאָלקס־ציילונגען און די סטאַטיסטיק, וואָס ווערט פּערמאַנענט געפירט אויף דער באַזע פון די דאָזיקע רעגיסטראַציעס און פאָלקס־ציילונגען.

פאַר דער פאָלקס־ציילונג פון 1914 האָט אַ ספּעציעלער יידיש־געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט אָנגעפירט אַ געוויסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם, אַז ביי דער פאָלקס־ציילונג זאָלן זיך די יידן פאַרשרייבן פאַר יידן.

150.000 Israelitas

AL PUEBLO DE LA REPUBLICA:

Invocando "la protección de Dios, fuente de toda razón y justicia" la colectividad israelita, se dirije a la conciencia de todos los argentinos, para que todos los argentinos acudan a asegurarle los beneficios de la libertad prometida en la Magna Carta, cuyas instituciones hemos respetado invariablemente.

Una obcecación popular, o un sobresalto patriótico, ha sembrado en nuestros hogares el pánico y la desdicha, desde hace cinco días, como si, redivivo el Terror en las calles de Buenos Aires, para sofocarlo se necesitara sacrificar a millares los inocentes, en aras de la Bandera loada y del Escudo auspicioso.

Sospechados de propagar una doctrina disolvente, que ha alterado el orden hasta extremos a la vez repugnantes y monstruosos, para nosotros los israelitas, ha cesado el mas elemental de los derechos en cuyo ejercicio jamás nos desmandamos: el de transitar libremente por las calles de Buenos Aires.

Madres, hijas y hermanas asisten a este vejámen de sus varones inocentes, y a las injustas humillaciones que nos ha decretado un designio popular.

150.000 israelitas purgan los delitos de una minoría cuya nacionalidad no es exclusiva y cuyo crimen infamante no ha podido gestarse en el seno de ninguna colectividad, sino en la negacion de Dios, de la patria y de la ley.

Y decimos:

La República Argentina es nuestra patria de adopción. Loamos la Constitución hospitalaria, la Bandera generosa, el genio hidalgo del pueblo jóven y viril que todavia no sabe odiar, y que tutela nuestro gran ensueño de libertad. Al amparo de esta libertad sembramos trigo, y en las ciudades somos artesanos y comerciantes, y si un día los intereses de esta gran Nación se vieran amenazados, nosotros los israelitas acudiriamos a defenderlos porque son nuestros intereses. Nuestros hijos están bajo banderas en la clase que acaba de convocarse y sabrán cumplir con su deber.

ARGENTINOS:

De todas las condiciones, de todas las clases, afiliados a todos los partidos politicos, os hablan por nosotros 150.000 hombres honrados, para que acudais a impedir la consumación de un delito inexpiable. De contemplarlo no lo perdonarian los constituyentes del sesenta!

Que la justicia que os preparais a hacer con los malhechores a quienes repudiamos, sea inexorable y severa, pero que corresponda, a la fé que en vosotros depositamos.

Que los inocentes no sean perseguidos!

Federación Sionista Argentina, con 63 filiales en la República.—Congregación Israelita de la República Argentina, con personería jurídica, fundada en el año 1868.—Comité Central de Educación Israelita en la Argentina, contando más de cien sociedades israelitas adheridas en la República.—Chevrale Kadischa, con personería jurídica, contando más de seis mil socios.—Sociedad Israelita de Beneficencia "Ezrah" con personería jurídica, teniendo 800 socios.—Comité Central pro Víctima Israelitas de la Guerra, teniendo 200 Sub-Comités adheridos en la República.—Sociedad del Hospital Israelíta.—Sociedad Asilo Israelita para ancianos, con 3.800 socios.—Sociedad Horfanato Israelita, con 2.900 socios.—Sociedad Unión Israelita de Socorros Mutuos "Bikur Jolim" con personería jurídica y con 800 socios.—Sociedad de Socorros de Damas Israelitas, con 600 socias.—Sociedad Unión Israelita de Boca y Barracas, con personería jurídica.—Sociedad Unión Israelita de Avellaneda, con personería jurídica.—Sociedad Israélita Educacionista, "Dr. Theodoro Herzl".—Congregación Israelita Latina, con personería jurídica.—Primera Sociedad Israelita Educacionista "Talmud Torah Horischana".—Sociedad Unión Fraternal "Agudótti Agim" de Corrales.—La Sociedad Juventud Israelita.—Sociedad Israelita "Knesseth Israel" de Caballito y otras.

* זען זייט 420 „די טראַגעדיע פון 1919"

„150.000 יידן

צום פאלק פון דער רעפובליק:

פאררופנדיק זיך אויף „דער השגחה פון גאט, דעם מקור פון יעדן רעכט און גערעכטיקייט", ווענדט זיך די יידישע קאלעקטיוויטעט צום געוויסן פון אלע ארגענטינער, כדי אלע ארגענטינער זאלן איר פארזיכערן דאס גוטס פון דער פרייהייט וועלכע איז צוגעזאגט געווארן דורך דער קאנסטיטוציע, וואס אירע אינסטיטוציעס מיר האבן תמיד רעספעקטירט.

זינט פינף טעג אז א מאסן־פארבלענדונג אדער א פאטריאטישער אויפברויז טריאגט פאניק און אומגליק אין אונדזערע היימען, פונקט ווי אויף צו דערשטיקן דעם אויפגעלעבטן טעראר אויף די גאסן פון בוענאס־איירעס וואלט נייטיק געווען אומצוברענגען טויזנטער אומשולדיקע, פנים אל פנים מיט דער געבענטשטער פאן און דעם באשיצנדיקן עמבלעם.

די אויף א העסלעכן און שוידערלעכן אופן צעשטערטע ארדענונג, אונטערן חשד פון פראפאגאנדע פאר אן אויפלייזערישער טעאריע, האט ביי אונדז יידן צוגענומען דאס עלעמענטארסטע: דאס רעכט פריי צו קרייצן די גאסן פון בוענאס־איירעס

מאמעס, טעכטער און שוועסטער האבן געמוזט צוזען ווי מען פייניקט זייערע אומשולדיקע מענער און אויסהערן די אומבארעכטיקטע באליידיקונג קעגן אונדז.

150.000 יידן ליידן צוליב די פארברעכנס פון א מינדערהייט. ניט פון איינער א באשטימטער נאציאנאליטעט זענען די פארברעכנס, ניט פון קיין קאלעקטיוויטעט זענען זיי, נאר פון די אפלייקענער פון גאט, פון פאטערלאנד און פון געזעץ

און מיר זאגן:

די ארגענטינער רעפובליק איז אונדזער אדאפטירט פאטערלאנד; מיר ליבן איר גאכטפריינדלעכע קאנסטיטוציע, איר איידעלע פאן, די ריטערלעכקייט פון איר יינג־ און קרעפטיקן פאלק, וואס ווייס נאך ניט פון קיין האס און וואס באשיצט אונדזער גרויסן פרייהייטטרוים. אונטערן שוץ פון דער פרייהייט זייען מיר ווייץ אויף די פעלדער און אין די שטעט זענען מיר בעלי־מלאכות און סוחרים. און אין דעם טאג ווען די אינטערעסן פון דעם גרויסן לאנד וועלן באדראט ווערן, וועלן מיר יידן זיי פארטיידיקן, ווי אונדזערע אינטערעסן. אונדזערע זין געפינען זיך אין דער ארמיי; זיי געפינען זיך אויך אין דעם יארגאנג וואס מען האט נאר וואס גערופן און זיי וועלן וויסן ווי צו דערפילן זייער חוב.

ארגענטינער,

פון אלע שיכטן, פון אלע קלאסן, פון אלע פארטייען: עס בעטן אייך, דורך אונדז, 150.000 ערלעכע מענטשן, אז איר זאלט ניט דערלויבן אויסצופירן א אומפאריכטלעכן פארברעכן; דאס וואלטן אייך ניט מוחל געווען די קאנסטיטואנטן פון יאר זעכציקן

זאל זיין שטרענג און אן רחמנות אייער משפט קעגן די שעדיקער, וואס מיר פארמשפטן. זאלן אבער ניט ליידן די אומשולדיקע. דאס ווינטשן מיר מיט אונדזער צוטרוי און גלויבן אין אייך.

זאלן די אומשולדיקע ניט גערודפט ווערן!"

(דער פלאקאט אין יידיש אן די אונטערגעשריבענע)

דער פּאָזיטיווער רעזולטאַט איז געווען מער אַן אויסדרוק פון געוויסן ווי פון וויסן. לויט מאַנועל בראַנשטיינס אַן אַרבעט אויף דער באַזע פון דער פאָלקס־ציילונג, האָבן זיך 29.000 פּערזאָן פאַרשריבן פאַר יידן. די דאָזיקע צאָל איז ווייט נישט געווען דער אויסדרוק פון דערווירקלעכקייט. אין אַ ייקאַ־באַריכט פון 1908 איז אָנגעגעבן די צאָל פון 40.000 יידן אין לאַנד, פון וועלכע איין דריטל געפינען זיך אין די יידישע קאָלאָניעס און אין זייערע שטעטלעך. די צאָל יידן אין די אַגראַר־געגנטן דערגרייכט צו 25.000 לויט אַ ייקאַ־באַריכט פון 1914, וואָס לויט דער פריערדיקער פּראָפּאָרץ האָבן זיך געפינען אין יאָר פון דער אַלגעמיינער פאָלקס־ציילונג 75.000 יידן אין לאַנד. די דאָזיקע צאָל איז אָבער נאָר אַ העלפט פון דער צאָל, וואָס אַ ברייטער יידיש־געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט האָט אין דער „טראַגישער וואָך" פון יאַנואַר 1919 אָנגעגעבן אין שריפטן צו דער רעגירונג, צום פּאַרלאַמענט, צום געריכט, צו די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און צום פאָלק, דורך אַ גאַסן־פּלאַקאַט אין שפּאַניש, וואָס זאָגט אין קאָפּ: „150.000 איסראַעליטאַס אַל פּועבלאָ דע לאַ רעפּובליקאַ", וויסנדיק, אַז פון 1914 ביז 1919 איז דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן די איינוואַנדערונג און די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד האָט אין פאַרלויף פון די פינף מלחמה־יאָרן נאָר געקאָנט פאַרמערט ווערן דורך געבורט.

מיר האָבן איבערגעגעבן אָפיציעלע סטאַטיסטישע ציפערן פון דער אייראָפּעישער איינוואַנדערונג פאַר 57 יאָר. דאָרט איז נישט צו געפינען קיין ייד, דאַרפן מיר באַמערקן, אַז אַ צאָל יידן געפינט זיך זיכער אין יעדער פון די דערמאָנטע נאַציאָנאַליטעטן, באַזונדערס צווישן די עסטרייכער, ווייל גאַליציע און בוקאָווינע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע — האָבן געהערט צו עסטרייך, פון וואַנען עס איז אויך געגאַנגען אַ יידישע עמיגראַציע. קיין סטאַטיסטיק דערציילט עס נישט. עס איז אָבער כסדר געווען צו באַמערקן, אַז אַ גרויסער טייל פון די עסטרייכישע איינגעוואַנדערטע, אויב נישט די גרעסערע טייל, זענען יידן.

און גאָר באַזונדערס פאַרדינט אונדזער אויפמערקזאַמקייט די אימיגראַציע פון „רוסן", וואָס איז אין דער סטאַטיסטיק אַזוי באַצייכנט, מחמת די דאָזיקע איינגעוואַנדערטע זענען געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד.

דאָ רעדט זיך פון דער „רוסישער" איינוואַנדערונג ביז 1914, ווען פּוילן איז געווען רוסלאַנד, אַזוי ווי ליטע, ווי לעטלאַנד, ווי אוקראַינע, ווי בעסאַראַביע און אַנדערע געגנטן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, ווו יידן האָבן געמעגט וווינען און ווו עס האָבן געלעבט מיליאָנען יידן — די מערהייט פון יידישן וועלט־פאָלק.

גראַד אין דער דאָזיקער רוסישער אימפעריע, אונטער דעם צאַרישן דיק־טאַטאָרישן רעזשים, ווו די יידן זענען געווען די רעכטלאָזסטע פון די רעכט־לאָזע; די פאַרפאָלגסטע צווישן די פאַרפאָלגטע און די נויטליידנטסטע פון די נויטליידנדיקע — איז קיינער נישט אַזוי אינטענסיוו געטריבן געוואָרן צו אויסוואַנדערן ווי דער ייד.

דאַרף מען לייענען יי ד דאָרט, ווו עס שרייבט זיך „רוס" און אויב מיר ווילן אָראָפּגעבן אַ מינימום פון דער „רוסישער" איינוואַנדערונג פאַר רוסישע רוסן, און מיר ווילן אויך צו זיי צושטעלן די פּאָליאַקן, די אוקראַינער אד"גל, ווילן מיר זיין אין אָרדענונג מיטן חשבון, אויב מיר ווילן פאַר זיך, ד"ה פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג, נעמען ניינציק פּראָצענט פון דער אַזוי גערופענער „רוסישער" איינוואַנדערונג.

און כדי פעסטצושטעלן, אַז עס זענען דאָך דאָ יידן אין אַרגענטינע (און זיי פאַרנעמען דעם דריטן אָרט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג), זאָל מיר דערלויבט זיין זיך אָפּצושטעלן ביי אַ ציפער פון יידן דאָ אין דער שטאָט בוע־נאָס איירעס, פון 1936 וואָס ד"ר ל. זשיטניצקי שטעלט אַרויס אין זיין סטאַ־טיסטישן אַרטיקל (אין „אַרגענטינער ייוואָ־שריפטן", בוענאָס איירעס, 1945), לויט דער סטאַטיסטיק פון דער מוניציפּאַלער פאָלקס־ציילונג, וועל־כע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1936 און פאַר וועלכער דער יי וו אַ האָט אַפּעלירט צו די יידן פון שטאָט, זיי זאָלן אויף דער פראַגע פון רעליגיע אין דער זאַנקעטע ענטפערן: „יידישע".

דאָס מאָל איז דער פּרווו צו „אַנטדעקן" יידן אין אַרגענטינע מער גע־לונגען, ווי דער ערשטער פּרווו פון 1914 — ווי דאָס ווייזט דער רעזולטאַט פון דער בוענאָס איירעסער מוניציפּאַלער פאָלקס־ציילונג, אויף וואָס ד"ר זשיטניצקי האָט געשטיצט זיין אַרבעט. מיטגעהאָלפן האָט די פראַגע וועגן רעליגיע און דאָס פועלן ביי זיך צו ענטפערן פּאָזיטיוו אויף דער פראַגע, אויסנזייענדיק פעסטצושטעלן דאָס זיין פון יידן אין לאַנד.

לויט דער בוענאָס איירעסער מוניציפּאַלער פאָלקס־ציילונג פון 1936 האָבן זיך 120.195 איינוווינער פון שטאָט דערקלערט פאַר יידן. ד"ר ל. זשיטניצקי רעכנט, אַז חוץ די 120.195 געפינען זיך אַ 16.000 יידן צווישן יענע מוטיקע 82.600 שטאָטישע איינוווינער, וואָס האָבן זיך דערקלערט פאַר אומגלויביקע און פאַר אַטעאיסטן.

אַזוי באַקומט זיך, אַז דעם 22סטן אָקטאָבער 1936 האָבן זיך געפונען בלויז אין דער שטאָט בוענאָס איירעס 136.395 יידן.

צו דעם איז כדאי צו באַמערקן, אַז די שטאָט אַוועזשאַנעדאַ, וואָס איז ווי איין שטאָט מיט בוענאָס איירעס און ווו עס לעבט אַ געדיכטע יידישע באַ־

פעלקערונג, גייט נישט אַריין אין דעם חשבון, ווייל אָוועזשאַנעדאַ געהער צו דער פּראָווינץ און עס איז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז אין 1936 האָט שוין געלעבט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג אין דער שטאָט ראָזאַריע — די צווייטע גרעסטע שטאָט פון לאַנד — און עס האָבן געלעבט צאָלרייכע יידישע קיבוצים אין אַלע אַנדערע גרויסע שטעט פון אינערן פונעם לאַנד, ווי אין עוואַ פּעראָן (לאַ פּלאַטאַ), באַהיאַ בלאַנקאַ, סאַנטאַ־פע, קאָרדאָבאַ, פּאַראַנאַ, מענדאָסאַ, טוקומאַן, קאָריענטעס און אין כמעט אַלע קלענערע שטעט און שטעטלעך פון גרויסן לאַנד.

אין דער אַלגעמיינער איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע געפינען זיך מענטשן פון אַזויפיל ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן, וויפיל זיי זענען דאָ אויפן פּלאַנעט, אָבער אָנגעזעענע ערטער אין באַפעלקערונגס־חשבון פון לאַנד פאַרנעמען, לויט זייער צאָל, נאָר אַ צען נאַציאָנאַליטעטן, צווישן זיי געפינען זיך מיר יידן (איינגעוואַנדערטע און דאָ געבוירענע) און יידן פאַרנעמען דאָס דריטע אָרט פון די צען ערטער, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט אין די סטאַטיסטיקעס. מען דאַרף נאָר וויסן, אַז אין די סטאַטיסטיקעס שטייען די יידן אונטערן נאָמען פון אַן אַנדערער נאַציאָנאַליטעט.

7 — אָפענע טירן

מיט דער פעסטשטעלונג, אַז די יידישע איינוואַנדערונג איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע, ווערט דאָ אונטערגעשטראָכן אַ פאַקט. דער דאָזיקער פאַקט איז אין דער איינוואַנדערונג פון איר ערשטן טאָג אָן, ווען דער אימיגראַנט האָט נאָר געטראָפן אַן אַבסאָלוטע פרעמדקייט, ביז אין לעצטן, ווען ער טרעפט שוין דאָ אַ פאַרוואָרצלטן און ברייט־פאַרצווייגטן יידישן ישוב.

אַנדערש איז געוואָרן דער ישוב, ער איז דיפערענצירט אין סאָציאַלע קלאַסן און אין צווישן־קלאַסן. די דאָזיקע דיפערענציאַציע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אָנהייבן בויען זיך פונעם ישוב, אין וועלכן עס קומט פאָר אַ דעפּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס, וואָס ווערט געשטיצט דורך דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג — דאָס האָב איך געהאַלטן פאַר וויכטיק צו באַמערקן, פאַרבייגייענדיק און אונטערשטרייכן, אַז אַ פּראָלעטאַריער איז נאָר דער אימיגראַנט, בעת ער קומט אַריין אין לאַנד און ער איז דאָס אין משך פון זיינע „גרינע" יאָרן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז יידישע פּראָלעטאַריער, לוין־אַרבעטער, זאָלן דאָס בלייבן נאָך די „גרינע" יאָרן און אַזוי אויפן גאַנצן לעבן אין דער נייער היים. עס איז אָבער אַ פאַקט דאָס פאַרוואַנדלען זיך פון עכטע פּראָלעטאַריער אין עכטע באַלעבאַטים.

ביז 1938, ווען ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די יידישע מאַסן־איינוואַנ־

דערונג, האָט זיך די דעפּראָלעטאַריזאַציע געדעקט מיט דער פּראָלעטאַרישער אימיגראַציע, אָבער זינט יענעם ערב וועלט־מלחמה־יאָר דעקט זיך נישט די דעפּראָלעטאַריזאַציע, וואָס פּראָגרעסירט.

דאָ לאָזן מיר איבער דעם באַזונדערן ענין און מיר קערן זיך אום צו אונדזער טעמע, געשטיצט פונעם זיין פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַרגענטינע, וועלכער איז אין די ערשטע פופציק יאָר, אָנהייבנדיק פון 1888, די מערהייט פון יידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד.

***

אין דער אַלטער היים, אין די לענדער און אין געגנטן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג אין אַרגענטינע, איז דער יידישער אַרבעטער געשטאַנען פאַר פאַרשלאָסענע טירן פון די פּריוואַטע אַרבעטס־פּלעצער, וועמענס באַלעבאַטים עס זענען נישט געווען קיין יידן און אויך פאַר געשלאָסענע טירן פון דער גרויס אינדוסטריע, וועמענס פאַבריקן, סקלאַדן און ביוראָען עס האָבן געהערט צו יידן. און פאַרשלאָסן די טירן אויף אַלע שלעסער קעגן די יידישע אַרבעטער, זענען געווען די פּלעצער פון עפנטלעכע אַרבעטן ביי דער מלוכה; ביי דער גובערניע; ביי דער מוניציפּאַליטעט. די דאָזיקע סיטואַציע איז נישט געווען קיין סך אַנדערש אינעם עסטרייכיש גאַליציע און אין רומעניע, פון וואַנען עס איז אויך געגאַנגען אַ יידישע עמיגראַציע און אויך נישט קיין סך אַנדערש איז די סיטואַציע פון פאַרשלאָסענע טירן געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די ניי־אַנטשטאַנענע מלוכות, פוילן, ליטע אאַז״וו.

אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער פּיינלעכער סיטואַציע פון רעכטלאָזיקייט אויך אויף אַרבעט, וואָס איז אוודאי געווען איינע פון די הויפּט־סיבות, וואָס האָבן געטריבן צו עמיגראַציע — האָבן די יידישע אַרבעטער געטראָפן, נישט נאָר אָפענע טירן אַריינצוקומען אין דעם לאַנד פון ריאָ־דע־לאַ־פּלאַטאַ, נאָר זיי האָבן אויך געטראָפן אָפענע טירן פון אַלע, אַבסאָלוט אַלע, אַרבעטס־פּלעצער. 95 פּראָצענט פון זיי וואָס געהערן צו נישט־יידישע באַלעבאַטים. היינט זענען דאָ יידן אייגנטימער פון מיטלמעסיקע און פון גרויסע פאַבריקן, געשעפטן; אין די ערשטע יאָרן זענען יידן געווען נאָר קליינע און מיטעלע וואַרשטאַטלער און סוחרים און זייער צאָל איז געווען אַ באַגרעניצטע, אויך זיי האָבן געהאַלטן אָפן די טירן פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער פאַר יידישע אַרבעטער... און עס זענען אָפן געווען אַלע טירן פאַר די יידישע אַרבעטער, פון אַלע אַרבעטס־פּלעצער, ביי אַלע עפנטלעכע אַרבעטן, אָנגעפירט פון פּרי־

וואָטע אונטערנעמונגען און פון דער מלוכה; פון דער פּראָווינציעלער רעגי־רונג און פון דער מוניציפּאַלער אַדמיניסטראַציע און אין די מיניסטעריומס. איז דאָך מיין חבר ש. קאַפּלאַנסקי, באַלד ווי ער איז געקומען פון וויטעבסק אין 7טן יאָר, געוועזן מאָטאָרמאַן אויף אַ טראַמוויי אין בוענאָס איירעס, ווען דער רוסישער ייד אַלעקסאַנדער פּאַוולאָווסקי איז געוועזן שעף פונעם טראַפיק אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע; דער פּועלי־ציוניסט יוסל כץ האָט גע־אַרבעט מיט אַ גרובאַייזן אין די גאַסן פון בוענאָס איירעס ביים ציען גאַז־רערן און עלעקטרישע קאַבלעס און י. קאַרימאַן — פּאַרזיצער צי סעקרעטאַר פונעם ערשטן יידישן אַרבעטער־פאַריין אין לאַנד פאַר דעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, האָט נאָך אין 1915 פאַרנומען דעם אַמט פון היגיענע־אינספּעק־טאָר ביי דער רעגירונג פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס.

די יידישע אַרבעטער, אַנגעליטענע פון רעכטלאָזיקייט און אומרעכט אין דער אַלטער היים, זענען מיט גענוס צוגעפאַלן צו די אָפענע טירן פון די אַר־בעטס־פּלעצער און געזען זיי ווי אַ דערגרייכונג פון דעם, צו וואָס מ׳האָט געשטרעבט — דאָס האָט לייכטער געמאַכט די שווערע סיטואַציע, אין וועל־כער עס האָט זיך געפונען דער יידישער אַרבעטער־אימיגראַנט אין דער פרעמד, אַזוי ווייט פון זיינע נאָענטע און האַרציקע, אַ „שטומער" אין דער לאַנד־שפּראַך און אַ „טויבער" צו איר, איבער וואָס ער האָט דורך דער אָפּע־נער טיר נישט געקאָנט אַריינקומען צו דער אַרבעט אין דער ביוראָ, אין דער קאָמערץ און זייער שווער צו קוואַליפיצירטער אַרבעט אין וואַרשטאַט, אָדער אין פאַבריק. דאָרט, ווו מען איז אויף אַ וועלכן עס איז אופן יאָ אַריין צו דער אַרבעט, איז דאָס געווען אויף ערגערע באַדינגונגען פון די נאָרמאַלע, וואָס זענען בכלל געווען נישט גוט.

וואָס איז שייך די אַרבעט ביי די באַלעבאַטים יידן, זענען די אַרבעטס־באַ־דינגונגען בכלל געווען פון די ערגסטע און עס האָט ביי דעם געפעלט דער גענוס פונעם יידישן אַרבעטער און די סאַטיספאַקציע פון אָנקומען אויף אַר־בעט אין דער גרויסער פאַבריק, אין רויש פון רעדער און ביי מאָדערנע מאַ־שינען און אַנטוויקלטער טעכניק, אָדער די סאַטיספאַקציע צו אַרבעטן ביי עפנטלעכער אַרבעט, צי ביי מלוכה־געביידעס, ווי אַ שטייגער מיין אידעאַי־שער און אינטימער חבר ברודניק פון אוקראַינע, וועלכער האָט, ווי אַנדערע, געאַרבעט שווער אַלס שוואַרץ־אַרבעטער ביים בויען די געביידע פאַרן נאַציאָ־נאַלן פּאַרלאַמענט אויף ענטרע ריאָס, צווישן ריוואַדאַוויאַ און וויקטאָריאַ, קעגנאיבער דער פּלאַסע (פּאַרק) לאָרעאַ, וואָס הייסט היינט פּלאַסאַ קאָנ־גרעסאָ און פאַר וועלכער אַרבעט ער האָט געקראָגן אין אָנהויב איין פּעזע מיט אַ האַלבער פאַר אַ טאָג און שפּעטער גאַנצע צוויי פּעזעס! אויסער דעם

זענען די אַרבעטס־פּלעצער פון באַלעבאַטים־יידן געווען קליין און ווייניק און זיי האָבן מער ווי צען פּראָצענט פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער איינוואַנדערונג נישט געקאָנט אַריינגעמען צו זיך.

עס איז אָבער געווען רירנדיק הומאַניש די באַציאונג פון די גויאישע אַרבעטער צו די יידישע און אויך די באַציאונג פון די גויאישע באַלעבאַטים צו די יידישע אַרבעטער, נישט מחמת יידן, נאָר מחמת „שטום־טויבע" און ליידנדיקע אַרבעטס־מענטשן אין דער ווייטער פרעמד.

אַ טרייסט איז אויך געווען דער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט דורך קעגנזייטיקער אָנערקענונג, טאָלעראַנץ און הומאַנער סאָלידאַריטעט, אַרויסגעבלאָזן דעם נאַציאָנאַלן און ראַסן־האַס פון די וואַנדערנדיקע מאַסן פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן.

דער קאָסמאָפּאָליטיזם איז געווען אין גאַס; צווישן די איינוווינער פון שטאָט; אינעם האַנדל; אין פאַרקער; ביי דער אַרבעט; ביים עסן אין רעסטאָראַן; אין קאַפע — אין גאַנצן לעבן און אוודאי אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג; אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין; אין דער צענטראַלער לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער; אין דער פּאָליטישער אַרבעטער־פּאַרטיי; אין דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף.

דער יידישער אַרבעטער איז אויך געווען איינגעגלידערט אינעם דאָזיקן קאָסמאָפּאָליטיזם.

די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג, אָן אויסנאַם: די פּראָפעסיאָנעלע, אָדער סינדיקאַלע, וואָס האָט פון אָנהויב אויך געהאַט אין אירע אויפגאַבן מעדיצינישע און אַנדערע מוטואַליסטישע הילף און די פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע באַוועגונג, וואָס איז ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה דאָ געגאַנגען אין דריי פאַרשידענע ריכטונגען: אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע און סינדיקאַליסטישע, מיט זייערע צווישן־ריכטונגען, אַזוי אויך די עקאָנאָמיש־קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג — האָבן פּרינציפּיעל, טאַקטיש און פּראַקטיש, געהאַלטן אָפן זייערע טירן פאַרן יידישן אַרבעטער אַלס אַרבעטער, ווי פאַרן אַרבעטער פון יעדער אַנדערער נאַציאָנאַליטעט.

די אָפענע טירן, וואָס האָט אין דער פּראַקטיק געשטימט מיט אינטערנאַציאָנאַליזם און מיט דער היסטאָרישער אַרגענטינישקייט, האָבן אויסגעדריקט אָנערקענונג און פריינדשאַפט.

„די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז די זאַך פון די אַרבעטער אַליין" איז דאָ נישט געווען קיין פּוסטע פראַזע און נישט קיין ליטעראַרישע טעזע, נאָר אַ פייערדיקע קאָנדיציע, אַז די אַרבעטער אַליין מוזן קעמפן פאַר זייערע לעבנס־פאַרבעסערונגען און פאַרן רעאַליזירן זייערע מענטשלעכע און סאָציאַלע שטרעבונגען.

און די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן שוין דאָ געטראָפן אַן אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג, דער עיקר אין דער געשטאַלט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, זענען אין זיי אַריינגעגאַנגען, זייענדיק פון זיי גערן און חבריש אויפגענומען און אין פאַכן, אין וועלכע עס זענען נאָך קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען נישט געווען, האָבן זיך יידישע אַרבעטער צוגעשטעלט צו דער איניציאַטיוו זיי צו שאַפן, זייענדיק אין אַנדערע פאַלן אַליין די איניציאַטאָרן און די שאַפער פון אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָדער אַרבעטער־סינדיקאַטן.

מיין חבר ריסמאַן, וועלכער איז אַריין אין מיין בוך „בלעטלעך" (אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין, בוענאָס איירעס, 1929), אַ „גרינער" יידישער שניידער־אַרבעטער, איז געווען דאָ אין בוענאָס איירעס דער גרינדער און דער הויפּט־אַקטיוויסט פונעם שניידער־אַרבעטער פאַריין — וועלכער איז, ווי די אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, געווען אַן אַלגעמיינער און דאָס שניידער־פאַך אַזוי ווי בכלל די באַקלייד־אינדוסטריע, אין וועלכן די פּראָפאָרץ און די צאָל יידישע אַרבעטער איז געווען גרויס, איז דאָך נישט געווען קיין „יידיש פאַך". בלויז איטאַליענישע אַרבעטער און אַרבעטאָרינס זענען געווען מער פון יידישע.

די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע איז טאַקע אַזוי נויטיק געווען דעם יידישן אַרבעטער ווי דעם איטאַליענישן, שפּאַנישן, פראַנצויזישן, אָדער בעלגישן און דעם אין אַרגענטינע געבוירענעם אָפּשטאַמער פון איינגעוואַנדערטע. די אָרגאַניזאַציע איז פּונקט אַזוי געווען זיין, ווי דעם אַנדערנס און עס איז געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט פונעם יידישן אַרבעטער זאָל אָנגעווענדט ווערן פאַר דער אַלגעמיינער און געמיינזאַמער זאַך.

שניצער איז נאָך קיין יאָר נישט געווען אין לאַנד, ווען ער, וועלכער איז אַלע טאָג געקומען אויף דער גאַס מעכיקאַ 2070, ווו עס איז געווען אַ קאָנצענטריר־הויז פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען אַ מיטגליד אין אַ פּראָוויזאָרישער קאָמיסיע ביי דער שאַפונג פון אַ בלעכער־ און בראָנדז־אַרבעטער־סינדיקאַט און שניצער איז געווען איינער פון די צוויי דעלעגאַטן, וואָס דער סינדיקאַט האָט באַשטימט פאַרן קאָנגרעס פון דער אַרגענטינער אַרבעטער־פעדעראַציע, וועלכער איז דאַן, סוף 1906, פאָרגעקומען אין „ווערדי"־סאַלאָן פון באַראַקאַס.

עס איז געווען שווער און עס האָט געקאָסט קרבנות די אַלגעמיינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער מען האָט זי אָפּגעהיטן און אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע געפינט זיך אויך די יידישע וואָס זעט זיך אַרויס פון דער אַלגעמיינהייט מער פון אַנדערע עטנישע, אָדער

קולטור־נאַציאָנאַלע גרופּעס, באַזונדערס צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה.

8 — אידעאָלאָגיעס

עס וועט נישט זיין אין סתירה צו דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט פון דער אַלגעמיינהייט פון דער אַרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען מיר וועלן דערמאָנען כּוחות, זייער וויטאַלע, ווירקנדיקע און זיגערישע, וואָס אויב זיי זענען נישט אויסן געווען צו שטערן די אַלגעמיינהייט, די נויטיקע אייניטלעכקייט און די אומבאַדינגטע געמיינזאַמקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיי אָבער כּסדר און אָן אויפהער געשטורעמט און דורכגעבראָכן די איזאָלאַטאָרישע מויער, מיט וועלכער עס האָט זיך אַרומגעשטעלט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד.

אידעאָלאָגיעס זענען דאָס געווען; אידעאָלאָגישע כּוחות.

די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן געהאַט אַברייטן איינפלוס אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג און געפירט אונטער איר פאָן אַ גרויסע טייל (ביז דער ערשטער מלחמה די גרעסטע טייל) פון דער אַרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג, אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער פעדעראַלער, רעגיאָנאַלער (לאַנד) אָרגאַניזאַציע (פ. אָ. ר. א.), זי האָט אָנגענומען פאַר איר אידעאָלאָגישער אָריענטאַציע דעם „אַנאַרכיזם־קאָמוניזם" דעמאָלט אין קורס און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַנאַרכיסטישע גרופּעס, צווישן זיי די יידישע זייער אַקטיווע גרופּע „אַרבעטער פריינד" (לויטן נאָמען פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער צייטונג אין לאָנדאָן, וואָס איז דאָ גוט פאַרשפּרייט געוואָרן) און וועלכע איז באַגלייט געוואָרן פון אַן אַנאַרכיסטישע פּרעסע, מיט זשורנאַלן אין יידיש, ווי „דאָס אַרבעטער לעבן", „לעבן און פרייהייט", ווי אויך אַן אָפּטייל אין יידיש אין דער שפּאַנישער אַנאַרכיסטישער טאָג־צייטונג „לאַ פּראָטעסטאַ".

פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע אַנאַרכיסטן, זייערע סימפּאַטיזירער און זייערע מיטגלייער (זיי זענען צום גרויסן טייל אַהערגעקומען פון לאָנדאָן), זענען אַלס אַרבעטער טעטיק געווען אין די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהערט צו דער אַנאַרכיסטישער „פּאָראַ", וועלכע האָט מיט איר אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, איר ענערגישן אַנטי־פּאַרלאַמענטאַריזם, איר פייערדיקער קעגנערשאַפט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איר נישט אָנערקענען קיין רעגירונג, קיין שטאַט, קיין געזעץ און איר גאַנצע טאַקטיק אין גייסט פון איר אידעאָלאָגיע — האָט פּאַקטיש צעבראָכן די אַזוי־אויפערדיקע אַלגעמיינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, כאָטש אין ספּעציעלע געשאַפענע סיטואַציעס

האָבן זיך געשאַפן ספּעציעלע, מאָמענטאַלע פּאַרייניקטע אָרגאַניזאַציעס און געמיינזאַמע אַקציעס מיטן געהעריקן אָנטייל פון יידישע אַרבעטער פון אַלע אידעאָלאָגישע ריכטונגען.

עס איז אומפאַרגעסלעך יענער 1טער מאַי אין בוענאָס איירעס פון 1909, ווען עס איז געגאַנגען מיט איר פאַרנעם און באַגייסטערונג די סאָציאַליסטישע דעמאָנסטראַציע, מיט אַ קאָמפּאַקטער יידישער מאַסע אין איר אונטער דער יידישער רויטער סאָציאַליסטישער פאָן, אונטער אַלע אינטערנאַציאָנאַלע ערשטע מאַי־לאָזונגען, אויסגערופן אויף יידיש און אונטערן מאַסן־געזאַנג פון פּראָלעטאַרישע־רעוואָלוציאָנערע לידער, געזונגען אויף יידיש — גייענדיק פון דער פּלאַסאַ קאָנסטיטוסיאָן איבער לימאַ, צו אַוועניד דע מאַזשאָ, בעת עס איז אַנטקעגנגעלאָפן אַ מאַסע מיט פאַרבלוטיקטע טיכלעך אין דער הויך און מיט אויסגעשרייען פון אַ נאַר־וואָס פאַרגעקומענער שחיטה אויף דער 1טער מאַי קאָנצענטראַציע פון דער „פאַראַ“ אויף דער פּלאַסאַ לאַרעאַ ... אַ שניידנדיקע ווייטיקדיקע כוואַליע האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער די רייען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט אַריינגענומען אין זיך די פאַרצאָרנטע „פאַראַ“־מאַסע און מיט צער און צאָרן ווייטער מאַרשירט איבער דער אַוועניד, ביז דעם רעגירונגס־הויז, ווו פון דער סאָציאַליסטישער טריבונע, אויף וועלכער עס האָבן זיך אויך געפונען די פירער פונעם אַלגעמיינעם אַרבעטער פאַרבאַנד (אוניאָן כענעראַל דע טראַבאַכאַדאָרעס — „אוכעטע“ — די צווייטע אַללענדישע צענטראַלע פון דער אַרגענטינער אַרבעטער באַוועגונג) און די פירער פון די אויטאָנאָמישע אַרבעטער סינדיקאַטן, איז דערקלערט געוואָרן אַ פּראָטעסט־שטרייק אין בוענאָס איירעס און איבערן גאַנצן לאַנד.

און אַלע באַוווסטזיניקע און געוויסנהאַפטע אַרבעטער, אָן אונטערשיד פון אידעאָלאָגיע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט, האָבן פאַראַליזירט די אַרבעט אויף אַ גאַנצער וואָך, ביז דער אַלגעמיינער שטרייק־קאָמיטעט אין קאָנטאַקט מיט אַזאַ יידיש־אַלגעמיינעם שטרייק־קאָמיטעט, האָט דערקלערט דעם גענעראַל־שטרייק פאַר געענדיקט, אויפן גרונט פון אַ ריי נאָכגעגעבענע פאָדערונגען מצד דער רעגירונג פון פיגעראָאַ אַלקאָרטאַ.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וואָס איז דאָ אָנגערופן געוואָרן „סאָציאַליסטישע“, איז טעטיק געווען לויט אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס זי האָט זיך געגעבן אין הסכם מיט די וויטאַלע באַדערפענישן, רעאַליטעט און מעגלעכקייטן פון ד אָ און פון ה יי נ ט ; אין דעם גייסט האָט געהאַלטן פון אַן אַרבעטס־איינטיילונג די סאָציאַליסטישע לאַנד־פּאַרטיי, מיט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי די יידישע (יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע „אַוואַנגאַרד“, געגרינדעט

אין יאַנואַר 1907), מיט וועמען זי איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט; זי האָט געהאַלטן אַז די גאַנצע פּראָלעטאַרישע אַקציע, די סאָציאַל־פּאָליטישע טעטיקייט, איינשליסלעך פּאַרלאַמענטאַרישע, קולטורעלע, קאָאָפּעראַטיווע און מוטואַליסטישע, איז די זאַך פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין צענטער און די סינדיקאַלע טעטיקייט, אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט דירעקטער אַקציע אין קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל; צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים, איז די זאַך פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס הייסט דאָ: „אַרבעטער־באַוועגונג", אָדער: „סינדיקאַלע", קאָנצענטרירט און אָנגעפירט פון אַ צענטראַלע לאַנד־אָרגאַניזאַציע, ווי דאָס איז געווען אין אָנהויב די אַרגענטינער אַרבעטער־פעדעראַציע (פעדעראַסיאָן דע לאָס אָברעראָס דע לאַ רעכיאָן אַרכענטינאַ — „פאָראַ"), געגרינדעט אין אויגוסט 1891.

די דאָזיקע צענטראַלע האָט אויף איר צווייטן קאָנגרעס, אין 1892, אָנגענומען אַ דורכאויס סאָציאַליסטיש פּראָגראַם, זייענדיק אין דעם זעלביקן יאָר דעמאָלירט דורך דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע, אָדער גענויער: פון די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן שוין געזען, אַז זיי קאָנען אידעאיש באַהערשן די אַרבעטער־באַוועגונג.

אין סוף 1895 איז געגרינדעט געוואָרן אין בוענאָס איירעס דער ערשטער יידישער אַרבעטער פאַריין. אָבער די באַזונדערע יידישע אַרבעטער באַוועגונג, צו וועלכער עס האָט געהערט דער דאָזיקער ערשטער יידישער אַרבעטער־פאַריין אין אַרגענטינע אין משך פון צען יאָר, וועט זיין אַ באַזונדער קאַפּיטל; דאָ האָבן מיר דערמאָנט דעם אינטענסיוון אידעאָלאָגישן קאַמף אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, וועלכער איז געשפּיגלט און געוועבט פון די אַרבעטער פון פאַרשידענע לענדער און פעלקער און צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען גאַנץ אָנזעעוודיק, אויך דער יידישער אַרבעטער.

9 — יידיש

די כאַראַקטעריסטישע אַלגעמיינהייט פון דער אַרגענטינער אַרבעטער באַוועגונג, האָט נישט געשטערט קיין באַזונדערע באַוועגונג פון די אַרבעטער פון די פאַרשידענע פעלקער אין זייער צוזאַמענלעבן זיך אין דעם גרויסן דרום־אַמעריקאַנישן לאַנד. די אַלגעמיינהייט האָט נישט נעגירט קיינעמס נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט; רעדן און שרייבן אויף דער אייגענער שפּראַך און טעטיק זיין פאַר, דורך און אויף דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. חוץ דעם איז די קולטור־נאַציאָנאַלע זאַך אויך געזען געוואָרן ווי אַ *באַדערפעניש פאַר דער אַלגעמיינער זאַך*: פאַר איר באַוויסט־

זיין פאַרן פאַרשטיין זיך, פאַר דער אויפקלערונג און פראָפּאַגאַנדע; פאַר דער געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע און אַקציע; פאַר דער אַלגעמיינער באַוועגונג אין קאַמף פאַר באַלדיקע דערגרייכונגען און פאַר ווייטערדיקע דערגרייכונגען.

און אין דעם גייסט האָט זיך געשאַפן, געלעבט און עס האָט זיך *אויסגעצייכנט* די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין אַרגענטינע; די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אַלע קעגנזעצלעכע אידעאָלאָגיעס, ריבטונגען, שאַטירונגען, איינשליסלעך אויך יענע, וואָס האָבן זיך אַליין נישט אָנערקענט פאַר יידישע, האָט דאָ אין דעם לאַנד פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ אויך געשאַפן דאָס „יידיש לאַנד" און אין דעם יידיש־לאַנד זיך אויסגעלעבט.

דאָס „יידיש־לאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער וואַנדערונג, אויף די שווימענדיקע, קאָסמאָפּאָליטישע שטעט, ווי דאָס זענען געווען די שיפן, וואָס זענען אַרויס פון די דייטשישע, פראַנצויזישע און ענגלישע פּאָרטן און האָבן זיך וואָכנלאַנג געטראָגן אויף די כוואַליעס פונעם ים־הגדול צו די ברעגעס פון ווייטסטן אַמעריקע, ביז די אָפענע טירן פון אַרגענטינע, דאָס אומבאַקאַנטסטע לאַנד, וואָס האָט אויך געהייסן: „פאַרייניקטע פּראָווינצן פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ".

חוץ אַ קאָנגלאָמעראַט פון מענטשן פון פאַרשידענע לענדער און פעלקער, זענען זיך אויף דער וואַנדערונג צוזאַמענגעקומען יידן פון רוסיש־פּוילן און פון ליטע; פון ווייסרוסלאַנד און פון בעסאַראַביע; פון אוקראַינע און פון לעטלאַנד; פון רומעניע און פון גאַליציע, ווי אויך יידן פון ווין און נאַציאָנאַליטעטן־עסטרייך און אַנגלאָזירטע יידן פון לעבן אַ צייט אין ענגלאַנד, ווי אויך יידן, וועלכע האָבן געלעבט אַ צייט אין די אַנדערע מערב און מיטל־אייראָפּעאישע לענדער און זיך אָנגענומען מיט זייערע קולטור־נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן.

די יידן האָבן גערעדט אויף פאַרשידענע שפּראַכן, דיאַלעקטן, לאָקאַליזמען, געגנטלעכע ריידנסאַרטן און האָבן געטראָגן מיט זיך די פאַרשידנהייט פון סביבות, לעבנסשטייגער, געוווינהייטן, פירונגען, אָבער פאָלקסטימלעכער און נשמהדיקער יידיש איז געווען די זאַך פון אַלע; פונעם גאַנצן יידישן „אינטערנאַציאָנאַל", וואָס האָט אויסגעמישט די פאַרביקע פאַרשידנהייטן פון די צוזאַמענגעקומענע יידן און אין דער איינהייטלעכקייט פון דער נייער יידישער סביבה אין באַשאַף פון אַלע באַזונדערע יידישע סביבות איז פאָרגעקומען אַ מין ראַסן־צונויפשמעלצונג... פון יידן מיט יידן.

די באַשאַפונג און אַנטוויקלונג פונעם „יידיש־לאַנד" איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויף דער אַרגענטינער ערד, אונטער דעם אייפער פון יידישער פּראָלעטאַרישער טעטיקייט, ביי וואָס עס האָבן זיך געטראָפן און זיך מאָביליזירט אידעאָלאָגישע קרובהשאַפטן.

יידישע אַרבעטער סביבה, יידיש רעדן און שרייבן, זינגען און שפּילן, אין טאָג־טעגלעכן לעבן; אין דער היים, אין דער גאַס, ביי דער אַרבעט, אויף שפּאַציר, אין דער יוגנטלעכער פאַרוויילונג, אין דער געזעלשאַפט, ביים שאַפן אין פרייד און אין לייד — האָט געשאַפן יידיש לעבן, נישט צוליב ווענמען און נישט באַצוונגען פון ווענמען, נאָר פאַר זיך, פאַר אייגענע באַדערפעניש, מיט אייגענעם נאַטירלעכן ווילן, מחמת פאַרשטענדלעכקייט, מחמת קלאָרקייט, מחמת אינטימקייט, מחמת ליבשאַפט, מחמת שאַפונגס־ווילן און מחמת ג וּ צ ן פ אַ ר ד ע ר אַ ל ג ע מ יי נ ע ר א וּ ן ג ע מ יי נ זאַ מ ע ר ז אַ ך — פאַר פרייהייט, פאַר גלייכהייט, פאַר גערעכטיקייט, און פאַר אַ כסדר שענער בעסער און ווערטיקער לעבן.

יידישע קולטור־טעטיקייט און קעגנזייטיקע הילפס־טעטיקייט אויף יידיש; יידישע קולטור־צענטערן, מיט ביבליאָטעקן, מיט ליטעראַריש־דראַמאַטישע קרייזן, פּרעסע און פּראָלעטאַרישע אויפקלערונג אויף יידיש; פּראָפעסיאָנעלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אַקטיוויטעט אויף יידיש און יידישע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס פאַר אייגענע קולטורעלע צוועקן און פאַר אַלגעמיינע סאָציאַלע, אינטערנאַציאָנאַלע און אַלוועלטלעכע — אַלץ צוזאַמען רעפּרעזענטירט די יידישע אַרבעטער באַוועגונג פון יידישן וועלט־פאָלק דאָ אין לאַנד אַרגענטינע.

דער יידישער אַרבעטער איז געווען א י ן דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג פון לאַנד און ער איז געווען אויך א י ן א י ר זייער טעטיק. יידיש איז נישט געווען קיין צוועק אויפן פעלד פון דער אויטענטישער און ריין־קלאַסישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז באַשטאַנען פון עכטע לויז־אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. יידיש האָט זיך אָבער געלאָזט הערן אויף אירע פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג; אויף יידיש איז אין אַ רייע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען געפירט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע, דער עקאָנאָמישער קאַמף, די פּראָפּאַגאַנדע אין גערעדטן וואָרט און אין שריפט. די אַלגעמיינע סינדיקאַטן האָבן געשיקט זייערע נאָטיצן אין דער יידישער פּרעסע צו דרוקן זיי אין יידיש. דער גאַנצער כאַראַקטער און גייסט פון די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און זייערע אינטענסיווע אַקציעס זענען געווען דער טרייער אויסדרוק פון דער עקזיסטענץ פונעם ייד אַלס אַרבעטער און אַלס יידישער אַרבעטער.

די דאָזיקע עקזיסטענץ פונעם יידישן אַרבעטער האָט זיך אויך געלאָזט זען און הערן אין און פון דער פּאָליטישער באַוועגונג פון לאַנד, אויף עפנטלעכע אַקציעס, ביי וואַלן און פון די יידישע סאָציאַל־פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציעס.

יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־
באַוועגונג

קאַפּיטל XXX

יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס

1 — די ערשטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע: יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד

די ערשטע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע איז דער „יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד" אין בוענאָס איירעס. („לאַ אוניאָן אָברעראַ איסראַעליטאַ" לויטן שטעמפּל אויף אַ דייטש־שפּאַנישן ווערטער־בוך אין מיין ביבליאָטעק).

דער „יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד" איז געגרינדעט געוואָרן אין סוף 1895 — אָנהייב 1896 פון יידישע אַרבעטער, ווי דאָס זענען געווען בכלל די יידישע אימיגראַנטן. לויט זיינע סטאַטוטן האָבן נאָר עקספּלואַטירטע אַר־בעטער געמעגט זיין מיטגלידער אין אים (פּ. כץ: „צו דער געשיכטע פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע ז' 115). לויט יעקב ש. ליאַכאָוויצקי, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפּט טוער פונעם פאַרבאַנד, האָט ער, דער

י. ש. ליאַכאָוויצקי — גרינדער און אָנפירער פון ערשטן יידישן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין אַרגענטינע. דער פאַרבאַנד האָט עקזיסטירט 10 יאָר. פון 1896 ביז 1906, ווען ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ביקור־חולים.

פאַרבאַנד, געשאַפן די ערשטע יידיש־פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכע ביב־ליאָטעק אין בוענאָס איירעס, זייענדיק אין דעם געשטיצט פון דער ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פּראָלעטאַריאַט" און פון איר פאַרלאַג „נייע געזעל־שאַפט". דער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד מיט ס. בערג, י. קארימאַן, מ. רעז־ניק, י. קאַפּלאַן, מ. גיטלין, פּ. וואָרטמאַן, י. גראַדזינסקי, נ. בעלינקע, ל. קאָ־פּילאָוו, ל. כיבער און ל. רוזינעץ — אַלס גרינדער, האָט נישט געהאַט קיין פּאַרטייאיש־דעפינירטע אידעאָלאָגיע, ער איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג וועלכע האָט דעמאָלט דאָ געהאַט דעם ברייטסטן איינפלוס צווישן די אַרבעטער און איז אויך געשטאַנען אין קאָנ־טאַקט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין באַשאַף, אַנבאַטנדיק זיין טריבונע פאַר סאָציאַליסטישע רעדעס, געהאַלטן פונעם יידישן אימיגראַנט. ענריקע דיקמאַן, דעמאָלט שוין סטודענט אויף דאָקטער מעדיצין אינעם בוע־נאָס איירעסער אוניווערסיטעט. דער כאַראַקטער און פּרינציפּיעלע איינשטע־לונג פון פאַריין איז געוועזן אַן עכט פּראָלעטאַרישע, אויסגעדריקט אויף זיין פונאַנדערגעוויקלטער רויטער פאָן מיט די ווערטער, אַז „די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז די זאַך פון די אַרבעטער זעלבסט" און באַלד אין זיין גרינ־דונג זיך דערקלערט פאַר אַ יידיש־פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע פאַר קעגנ־זייטיקער הילף און קולטור.

דער צוועק האָט געשטימט מיט דער איינשטעלונג פון די ערשטע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס זענען געוועזן פאַר קעגנזייטיקער הילף.

„דער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד" האָט געפירט זיין טעטיקייט אין הסכם מיט זיין פּרינציפּיעלער דעקלאַראַציע אין משך פון צען יאָר; אַ טע־טיקייט, וואָס איז געפירט געוואָרן ביי די באַשרענקטע מעגלעכקייטן פון פאַר־באַנד און גראַד נישט אַזוי עכט פּראָלעטאַריש, מחמת קיין שום קלאַסנקאַמף האָט ער קיינמאָל נישט געפירט, אפילו נישט געווען קאָלעקטיוו פאַרבונדן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די אַרבעטער, אויך נישט געווען פאַר־בונדן מיט דער פּאָליטישער באַוועגונג פון די אַרבעטער און נישט מיט קיי־נער פון די פּאַרטייאיש־אידעאָלאָגישע באַוועגונגען. זיין נישט קעמפערישע פּראָלעטאַרישקייט, ווי קראַנקן־הילף און אַנדערע הילף, איז געווען פּראַקטיש און פון דער ערשטער באַדערפעניש פאַרן יידישן אַרבעטער אימיגראַנט: לער־נען כאָטש אַ מינימום די שפּאַנישע שפּראַך, וואָס איז דאָ די געמיינזאַמע לאַנדשפּראַך, ווי מיטהעלפן דעם „גרינעם", דעם נאָר־וואָס אָנגעקומענעם יידישן „שטומען" און „טויבן" אַרבעטער קריגן אַן אַרבעטס־פּלאַץ — איז גע־ווען פון פאַרבאַנדס הויפּט־טעטיקייט און זי איז נישט געווען אַנטיפּראָלעטאָ־ריש און דער „יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד" האָט קיינעם נישט געגעבן זיין הילף, ווי נאָר יידישע אַרבעטער.

איך, דער שרייבער פון די שורות, האָב נאָך געטראָפן דעם יידישן אַר־בעטער פאַרבאַנד, אין מערץ פון 1906, ווען איך בין געקומען און מיט זיין הילף האָב איך געפונען און זיך געשטעלט אַרבעטן אין אַ וויכטיקן גויאישן וואַרשטאַט. דער פאַרבאַנד האָט געהאַט צוויי קוואַלן פון אינפאָרמאַציע וועגן אַרבעטס־פאָדערונגען; די פובליקירטע פאָדערונגען יעדן טאָג אין דער גרוי־סער צייטונג „לאַ פּרענסאַ“ און די אָנבאַטונג אַלס אומבאַצאָלטע אַרבעטער אַגענטור, וואָס ער האָט אָנגעבאָטן פאַר אַ גרויסער צאָל באַלעבאַטים. ער האָט מיטגעגעבן אַ בריוו מיטן אַרבעטער, וואָס ער האָט געשיקט אויף אַן אַר־בעטס־פּלאַץ לויט פאָדערונגען און אין דעם בריוו, אויף שפּאַניש פאַרשטייט זיך, איז דערקלערט געוואָרן די „גרינע“ סיטואַציע פונעם צוגעשיקטן יידישן אַרבעטער, זיין פאַך־קענטעניש און זיין ווילן צו אַרבעטן און דאָס איז צונוצ־געקומען אַזוי דעם יידישן אַרבעטער ווי דעם גויאישן באַלעבאָס.

אָבער די מיטגלידער פון פאַרבאַנד זענען נישט געווען פאַרליבט אין דער עקספּלואַטירטער לוין־אַרבעט און די מערהייט פון זיי זענען ביסלעכווייז עקאָנאָמיש אַריבער צו אַנדערע סאָציאַלע קלאַסן, געוואָרן אונטערנעמער אין דער הויז־ און קליין־אינדוסטריע און אין אַמבולאַנטישן און קליין־האַנדל, מיינענדיק אַזוי אַרום מער צו פאַרדינען ווי פון לוין־אַרבעט.

דורך דעם עקאָנאָמישן איבערגאַנג, איז מען אומבאַמערקט אָפּגעקילט געוואָרן צו דער פּראָלעטאַרישער זאַך, וואָס מ׳האָט אויפגעהערט צו באַטאָ־נען און זי נישט פּראַקטיצירט. מיטגלידער, וועלכע זענען געבליבן לוין־אַר־בעטער, האָבן זיך פון פאַרבאַנד צוריקגעצויגן און זענען צוגעשטאַנען צו אי־ניציאַטיוועס פאַר נייע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. די דעפּראָלעטאַרי־זירטע מיטגלידער האָבן אפּנים איינגעזען, אַז דאָס וואָס דער פאַרבאַנד טוט און האָט אַן אינטערעס ווייטער צו טאָן ברייטער, צוליב אויסגעברייטערטע באַדערפעניש און מיט אַ פּערספּעקטיוו פון ברייטערע מעגלעכקייטן, איז נישט קיין קעגנזייטיקע אַרבעטער הילף, ווי דאָס האָט געהייסן אויף יידיש, נאָר „ביקור חולים“, וואָס מען דאַרף אָנרופן אויף לשון־קודש — אַ צדקה־טע־טיקייט פאַר אָרעמע קראַנקע אין וואָס עס האָט זיך טאַקע פאַרוואַנדלט דער „יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד“ פון דעם מאָמענט אָן, ווען די חברה גוטהאַר־ציקע און ווילטעטיקייט יידן. האָבן מיט פּראָלעטאַרישקייט מער קיין שייכות נישט געהאַט.

**
*

דער קלאַסן־באַוווסטזיניקער יידישער אַרבעטער און דער סאָציאַליס־טיש־דענקנדיקער יידישער אַרבעטער־אינטעליגענט האָט קיין ביקור־חולים נישט אָנגענומען און פּרינציפּיעל נישט אָנערקענט. אויב הילף האָט זי געמוזט

זיין פון אַרבעטער פאַר אַרבעטער און נאָר אַ קעגנ־זייטיקע האָט זי געמוזט זיין און נישט קיין צדקה־הילף, אין וואָס מען האָט געזען געפאַלנקייט און דערנידערונג מצד די אָנקומער צו אַזאַ באַלע־באַטישע־פילאַנטראָפּישע הילף, וואָס האָט אויך אַרויסגערופן אַ חשד אין די קעמפערישע אַרבעטער רייען פון אַן עקספּלואַטאַטאָרישער פּאָליטיק.

קיינער האָט אָבער נישט פאַרלייקנט די אַלץ־וואַקסנדיקע באַדערפעניש פון עכטע פּראָלעטאַרישע קעגנזייטיקע הילף איינשליסלעך לערנען שפּאַניש אויף וויפיל דאָס איז געווען אַ באַדערפעניש ביי דער אַרבעט, אויף דער אַל־געמיינער גאַס און אין פּראַקטישן לעבן. ביז עס האָט זיך געשאַפן אַן אייגע־נע סביבה. אָט די קעגנזייטיקע יידישע אַרבעטער הילף, וואָס איז אויך געווען די זאַך פונעם געוועזענעם יידישן אַרבעטער פאַרבאַנד ביי זיין גרינדונג, איז פונדאַסניי אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1909.

בוענאָס איירעס האָט שוין אין יענעם יאָר געהאַט אַ מאַסנהאַפטע און אַ יידיש־געזעלשאַפטלעך בויערישע אַרבעטערשאַפט פון דער יידישער פּראָגרע־סיווער און רעוואָלוציאָנערער איינוואַנדערונג, וואָס איז געקומען אַהער מיט אימפּעט און אין ברייטע שטראָמען אָנהייבנדיק אין יאָר 1905, בעת און נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון וועלכער די צאַרישע רעאַקציע האָט זיך געוואָלדיק צעבושעוועט און זי האָט געוואָלט דערטרינקען די רע־וואָלוציע אין דעם שוואַרצן און בלוטיקן ים פון פּאָגראָמען אויף יידן.

די יאָרן פון דער דאָזיקער יידישער איינוואַנדערונג זענען אויסגעפילט געוואָרן מיט דעם איבערבויען זיך דאָס לעבן אין דעם נייעם לאַנד מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעך־פּיאָנערישער בויאונג אין דער זעלביקער צייט און מיט אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

2 — „ביבליאָטעקאַ רוסאַ"

אין יענע צייטן איז דער נאָמען „ייד" געווען אין דער אַרגענטינער סביבה זייער עקזאָטיש און אַ זאַך פאַר דיסקוסיעס. מען האָט נישט געוווסט און נישט געוואָלט וויסן פון יידן, ווי פון אַ נאַציאָנאַלער איינהייט; דאָס האָט געשטימט מיט דעם באַגריף, אַז אַ נאַציע איז נאָר אַ טעריטאָריעלע גרופּע, אין אַ באַזונדערן לאַנד, מיט אַ באַזונדערער מלוכה, אָבער אויף דער פּאָליטישער וועלט־מאַפּע איז אַזאַ יידישע נאַציע נישט געווען, אַ העברעאַי־שע נאַציע איז פאַר זיי יאָ געווען עפּעס באקאַנט פון שולביכער. אויך טייל יידן האָבן נאָך נישט געהאַט ביי זיך געפּועלט, אַז יידן זענען אַ נאַציע. פון אַזאַ זאַך, ווי יידישע רעליגיע, האָט די אינטעליגענץ יאָ געוווסט, אָבער די רעליגיע האָט נישט אינטערעסירט, ווייל נישט אין מלוכהשע אַנשטאַלטן,

נישט אויפן אַרבעט־מאַרק און נישט אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָט מען געפרעגט, פון וועלכער רעליגיע מען איז. פון דער צווייטער זייט איז אָבער דאָס וואָרט „כודיאָ" יאָ געווען פּאָפּולער, פון אים האָט שוין געהערט נישט בלויז דער איינגעוואַנדערטער לאַטיינער, באַזונדערס דער שפּאַנישער, נאָר אויך דער אַרגענטינער אינדיאָ. דאָס וואָרט „כודיאָ" איז אין דער מענטאַליטעט פון פאָלק געווען דער אויסדרוק פאַר אַ באַליידיקונג, אַ שד, אַ גיפטמישער, אַ בלוט־צאַפּער, אַ בייזע אַנשיקעניש... זענען טאַקע אַ צייטלאַנג פאָרגעקומען קאָמישע פאַלן, ווייל דער יידישער אַרבעטער פון פוילן, למשל, האָט זיך נישט געקענט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז ער איז אַ „רוסאָ". זאָגן ווידער, אַז ער איז אַ פּוילישער, האָט ער זיך געשעמט, נישט נאָר ווייל ער האָט געפילט, אַז דאָס איז נישט אמתדיק און מען האָט אויך נישט אָנערקענט קיין פּוילישע נאַציע (דעמאָלט איז פּוילן געווען צעטיילט צווישן צאַרישן רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך), נאָר אויך איבער דעם, וואָס אונטער דעם פּוילישן נאָמען האָט מען זיך פאָרגעשטעלט די „פּאָלאַקאָ", ד"ה, די פּראָסטיטוטקע און דעם פרויען־הענדלער, מחמת נאָר זיי האָבן זיך עקשנותדיק אָנגעגעבן פאַר פּוילישע. האָט אַזאַ יידישער אַרבעטער פון פוילן, (און נישט נאָר אַן אַרבעטער, און נישט נאָר פון פוילן) זיך אָנגעגעבן פאַר אַ... דייטש, אויף שפּאַניש — „אַלעמאַן". אַ סך האָבן צוליב אומפאַרשטענדעניש געזאָגט „אַנימאַל" (בהמה), מחמת צוליב דעם ענלעכן קלאַנג האָבן די צוויי ווערטער זיך לייכט פאַרמישט. דאָס אָנגעבן זיך אַלס „אַלעמאַן" האָט אויך זיך גע־האָט פאַרשפּרייט ווי אַ פאָרטל צו באַקומען גיכער אַרבעט און אַ בעסערן לוין, מחמת דער דייטשישער אַרבעטער איז געווען זייער געשעצט ביים אַרבעטגעבער און מען האָט אין יענער צייט בכלל רעספּעקטירט אַ דייטשישן מענטשן פאַר זיין קולטור. פאַר זיין פּאַקענטעניש, פאַר זיין פּינקטלעכקייט און פאַר זיין ריינלעכקייט. האָט מען זיך פון דער דאָזיקער חכמה דערוווּסט באַלד אין „אימיגראַנטן־האָטעל" און דערנאָך אויף דער פּלאַסאַ לאַוואַזשע און מען האָט זי אָנגעווענדט אין לעבן.

פון דער דריטער זייט האָט דער אַרגענטינער זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז מען „באַשווינדלט" אים; און יעדעס מאָל, ווען איינער האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט ווי אַן „אַלעמאַן", האָט ער שוין „פאַרשטאַנען", אַז דער דאָזיקער איז אַ „רוסאָ"... עס זענען געווען פאַלן, ווען די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך פּרעזענטירט פאַר „אַלעמאַנעס" זענען טאַקע געווען אמתדיקע רוסן אָדער געקומען פון דער רוסישער אימפּעריע, אָבער דער אַרגענטינער האָט שוין נישט אָנערקענט פאַר „אַלעמאַנעס" אפילו די אמתדיקע דייטשן אָדער די געקומענע פון דייטשלאַנד און אין זיינע אויגן זענען אַלע נישט־לאַטיינער

געווען רוסישע, „רוסאָס״, האָבן זיי געמעגט זיין פון וועלכער נאַציע זיי זאָלן נען געווען און מיט רוסיש יאָ אָדער נישט האָבן אַ שייכות.

אין אַזאַ סביבה, ווו מען האָט אויף דער אַרגענטינער גאַס געזערופן די יידן „רוסאָס״ און ווו אַ טייל פון זיי האָבן אין זיך קאָנסערווירט רוסישן פּאַטריאָטיזם, ספּעציעל די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, איז דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״ אויסגעקומען צו שפּילן אַ גרויסע ראָלע פאַר דעם יידישן אַרבעטער־לעבן אין אַרגענטינע.

דער נאָמען „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״ איז אויך שוין געבליבן דער אָפיציעלער נאָמען פון דעם יידישן פּראָלעטאַרישן און סאָציאַליסטישן קולטור־צענטער; צוערשט איז אָבער פאָרגעקומען אַן אינטענסיווער און דויערנדיקער ק אַ מ ף צ ו י ש ן י י ד י ש א ו ן ר ו ס י ש.

קיין שום נאָמען פון אַ יידישער אינסטיטוציע איז נישט געווען אַזוי פּאָפּולער אין דער אַלגעמיינער און יידישער סביבה אין גאַנצן לאַנד ווי „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״. זי איז געווען אַ יידישע לויט איר טעטיקייט, נישט נאָר אַ ביבליאָטעק, נאָר אויך אַ צענטראַלער אַדרעס פאַר דער יידישער אַרבעטער־איינוואַנדערונג, אַ קולטור־צענטער מיט רעפעראַטן און דיסקוסיעס וועגן אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער וועלט; אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געזאַמלט געלט פאַר די געליטענע יידן פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, פאַר די פאַרשיקטע אין סיביר, פאַר די אַרעסטירטע דעפּוטאַטן פון דער רוסישער דומע, פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל, ווי פאַר די שטרייקנדיקע אַרבעטער אין אַרגענטינע. „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״ האָט מאָבילי־זירט שוישפּילערישע, דעקלאַמאַטאָרישע און מוזיקאַלישע כוחות, האָט זיי אָרגאַניזירט און געשאַפן געזעלשאַפטלעך טעאַטער אין יידיש און אין רוסיש, געשפּילט אַנסקין און טשעכאָוון, אַשן און טשיריקאָוון, פּינסקין און יושקעוויטשן, רייזענען, גאָגאָלן און גאָרקין.

סוף מערץ 1906, ווע איך בין אָנגעקומען אין בוענאָס איירעס, האָב איך אין דעם ליידיקן לאָקאַל אויף לאַ פּאַז 43, וועלכער איז שוין געווען געדונגען פאַר „ביבליאָטעקאַ רוסאַ״ און האָט דערווייל געדינט ווי אַ וווינונג פון אַ היפשער גרופּע נאָר־וואָס אָנגעקומענע חברים, געפונען אַן אויפרוף, פון וועלכן ס׳איז, דאַכט זיך, קיין זכר נישט געבליבן. דער אויפרוף, געדרוקט אין יידיש, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ „גרופּע רוסלענדער סאָציאַליסטן״, געגרינדעט אין בוענאָס איירעס, אָקטאָבער 1905(1). די גרופּע האָט אָבער באַלד זיך אויפגעלייזט. צו איר איניציאַטיוו, צו שאַפן אַ זאַמלפּונקט, אַ קולטור־צענטער אַרום אַ ביבליאָטעק, אין וואָס מען האָט געפילט אַ טיפע באַ־

(1) „דער אוואַנגאַרד״, אויגוסט 1908.

דערפעניש אין יעדער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער גרופּירונג, זענען צו־געשטאַנען ווי יחידים די סאָציאַליסטן: בונדיסטן און רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און סינדיקאַליסטן. קיינעם פון זיי האָט גייסטיק, מאָראַליש און סאָציאַל נישט באַפרידיקט אַ ביבליאָטעק ווי אַ ציל און יעדער האָט געזאָרגט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַרן גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט און פאַר דער גאַנצער „רוסישער קאָלאָניע". מען האָט דעבאַטירט בייטאָג און ביינאַכט, נישט בלויז איבער וועלט־פּראָבלעמען און אַלע דערשיינונגען פון צאַרישן און רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, נאָר אויך אי־בער די צוועקן און טעטיקייט־פּלענער פון דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ". די דע־באַטן זענען געווען אַזעלכע שטורמישע, אַזעלכע אייפערדיקע און שאַרפע, אַז זיי פלעגן טיילמאָל איינגעשטילט ווערן אין דער אַרעסטאַנטן־קאַמער פון פּאָ־ליציי־קאָמיסאַריאַט, וווהין אַלע פאַרזאַמלטע פלעגן אָוועקגעפירט ווערן ביי־נאַכט און פאַר וועלכע דער פּאָליציי־קאָמיסאַר פלעגט האַלטן אַ דרשה, אַז „דיסקוטירן מעג מען אַ דאַנק דער פרייהייט פון וואָרט און פרייהייט פון לאַנד, אָבער שלאָגן זיך דאַרף מען נישט, און מען דאַרף דיסקוטירן שטילער און נישט אַזוי שפּעט ביינאַכט, ווייל מען דאַרף נישט שטערן די שכנים אין זייער שלאָף"... די דאָזיקע דעבאַטן, ווי די גאַנצע אָרגאַניזאַציאָנעלע און קולטורעלע טעטיקייט, זענען געפירט געוואָרן אויף רוסיש. דאָס איז געווען „נאַטירלעך": די מערסטע פירער האָבן גערעדט נאָר רוסיש, זייער גייסטי־קע דערציאונג איז געווען אַ רוסישע און אַ רוסישע איז אויך געווען זייער רע־וואָלוציאָנערע דערציאונג. זיי האָבן געמיינט, אַז אויף יידיש קען מען נישט אויסדריקן קיין אידעע, קיין פילאָזאָפיע, אַז יידיש איז איבערהויפּט נישט קיין קולטור־שפּראַך. בנוגע רוסיש האָבן זיך געאייניקט אַלע אידעאָלאָגישע און פּאַרטייאישע ריכטונגען, אויסער די בונדיסטן, וועלכע זענען געווען פּרינצי־פּיעל פאַר יידיש, כאָטש מיט קליינע אויסנאַמען האָבן זיי אויך גערעדט נאָר רוסיש, ווייל זיי האָבן געקענט די שפּראַך און ווייל זיי זענען מיטגעצויגן גע־וואָרן מיט דער מערהייט פון דעם ברייטן קרייז פון אינטעליגענטע, פּעאיקע און אינטערעסאַנטע מענטשן, אַזוי אַז אפילו ווען די רוסיש־קענענדיקע בונ־דיסטן האָבן פּאַרטייזידיקט יידיש, האָבן זיי דאָס אויך געטאָן אין דער רוסישער שפּראַך. געפינענדיק זיך אין „ביבליאָטעקאַ רוסאַ", האָט מען געקענט מיינען, אַז די שפּראַך פון יידישן פאָלק איז רוסיש. יידיש איז אין דעם קרייז געווען אַן עקזאָטישע שפּראַך, וואָס ווערט נאָר טאָלערירט, דערלויבט. אויב עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יידיש ווינקעלע אין דער רוסישער ביבליאָטעק, איז דאָס געווען די ערשטע דערגרייכונג פון קאַמף פאַר יידיש.

דער קאַמף פאַר יידיש און זיינע זיגן האָט געפירט צו דער אָפּשפּאַל־טונג פון אַ גרופּע „רוסישע" ביי וועלכע בלויז דאָס רוסישע איז געווען דער

ציל פון געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אויסלעבן זיך; און פונקט ווי עס איז זיי פרעמד געווען יידיש, אַזוי איז זיי פרעמד געווען דער פּראָלעטאַרי־שער געדאַנק און געפיל. זענען זיי אַוועק און האָבן געגרינדעט אַ „רוסישע געזעלשאַפט", אַ פּלאַנץ, וואָס האָט נישט אַנגענומען אין יענער סביבה פון די „רוסאָס". כדי צו קענען לעבן, האָט די „רוסישע געזעלשאַפט" זיך אַראָפּ־געלאָזט און אפילו אַרויסגעגעבן אַ בלעטל אין יידיש; דאָס איז געווען נאָך אַ פאַקט פון זיג אין קאַמף פאַר יידיש; די „רוסישע געזעלשאַפט" איז אָבער דורך דעם נישט געראַטעוועט געוואָרן.

דורך דעם קאַמף פון פּרינציפּן און אידעאָלאָגיעס זענען אין דעם קרייז אַרויסגעפאַלן פון דער אָנפירערשאַפט און טאָנגעבעריי די אַנאַרכיסטן־סינ־דיקאַליסטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, מחמת זייער באַגרעניצטער צאָל און קנאַפּער השפעה. דער קאַמף איז פאַרגעזעצט געוואָרן צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַליין, וועלכע האָבן זיך פּרינציפּיעל און אידעאיש געטיילט אויף בונדיסטן אָדער יידישע סאָציאַליסטן לויט די פּרינציפּן פון „בונד" און די „איסקראָווצעס" אָדער רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (אויך פּוילישע ס״ד און פּפּ״ס), קעגנער פון „בונד", אָדער אַזעלכע, וואָס אָנערקענען נישט קיין באַ־זונדערע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און קיין יידישע קולטורעלע אויטאָ־נאָמיע.

מיט דער גרינדונג פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד", מיט סטאַטוטן אויפן גרונט פון די בונדי־שע פּרינציפּן, וואָס האָט אין דעם קרייז פון „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" און אין איר ברייטער פּעריפעריע אָפּגעשאַפט די גרעניצן פאַר יידיש, איז די יידי־שע שפּראַך אַרויס פון ענגן ווינקל. עס איז שוין מער קיין פראַגע נישט גע־ווען; וויפל יידישע ביכער אויסשרייבן? מען האָט אויסגעשריבן אַלע בי־כער, וואָס זענען געווען אין יידיש, און צו עטלעכע עקזעמפּליאַרן, פּונקט ווי צייטונגען און זשורנאַלן. רוסיש איז נישט באַזייטיקט געוואָרן, ווייל דער קאַמף איז דאָך נישט געווען קעגן רוסיש, נאָר פאַר דעם רעכט פון יידיש, און אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען האָט מען ווייטער געזען צו באַפרידיקן די מאַסע רוסיש־לייענער. יידיש האָט באַהערשט די סביבה, אַז אפילו דער צענטער „אַוואַנגאַרד", די אָרגאַניזאַציע פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זייַנע מיטגלידער האָבן גערעדט נאָר רוסיש, האָט אַרויסגעגעבן זיין זשורנאַל אין יידיש א״נ „די שטימע פון אַוואַנגאַרד"(2).

דער קאַמף צווישן די רוסישע ס״ד און יידישן „אַוואַנגאַרד" האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי, אין איר צענטראַל־

---

(2) חודש־זשורנאַל אין בוענאָס איירעס, 1909, דערשינען 5 נומערן.

קאָמיטעט. אַ סך זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זענען אויסגעפּולט געוואָרן מיט די עקספּאָזעס און דיסקוסיעס אין יידיש און אין רוסיש מצד די דעלעגאַטן פון די פּרינציפּיעל־קעגנזעצלעכע פראַקציעס פון „אַוואַנגאַרד", אָבער אויסער דיקמאַנען האָט אין צענטראַל־קאָמיטעט קיינער נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש און נישט קיין רוסיש און במילא נישט פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט אייגנטלעך, צוליב וואָס מען קריגט זיך. ד"ר ענריקע דיקמאַן (3), וועלכער האָט שוין דעמאָלט נישט געוואָלט רעדן קיין יידיש אויף עפנטלעכע אַקטן, האָט אָבער יידיש און רוסיש גוט פאַרשטאַנען און, לויט ווי ער האָט איבערגעגעבן די קאָמי־טעט־מיטגלידער אונדזערע טענות, האָט ביי זיי אויסגעזען, אַז איין צד פאָ־דערט גאָרנישט, ער וויל נאָר נישט אָנערקענען דאָס, וואָס עס פאָדערט דער צווייטער צד, און די פאָדערונג פון צווייטן צד האָט ער געזען, אַז זי קען באַ־פרידיקט ווערן מיטן שאַפן אַן אידיאָמאַטישע גרופּע(4). דער צ"ק האָט לסוף געמוזט געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון די רעגלמעסיקע „אינ־וואַזיעס" אויף זיינע זיצונגען און ער האָט געשיקט דיקמאַנען צו אונדזערע אַלגעמיינע דיסקוסיעס וועגן די פּרינציפּיעלע ענינים און, געשטיצט אויף דיק־מאַנס באַריכטן, האָט דער צ"ק אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז עס ווערט אָנערקענט די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" ווי אַן אידיאָמאַטישע גרופּע מיט אויטאָנאָמע רעכט צו פירן אַ טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער.

די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט געשפּאָלטן דעם „אַוואַנגאַרד", ווייל דער יידישער אָדער דער בונדיסטישער פראַקציע האָט דער באַשלוס נישט באַפרי־דיקט און די רוסישע פראַקציע האָט אים אָנגענומען, כאָטש זי האָט עס נישט געפאָדערט.

ביידע „אַוואַנגאַרדן" האָבן אין אָנהויב געפירט אַ שאַרפן קאַמף פאַר דער אויבערמאַכט פון „ביבליאָטעקאַ רוסאַ". דער סוף פון דעם קאַמף איז געווען, אַז ביידע פראַקציעס זענען געבליבן די שותפים פון דער אינסטיטוציע און אירע געמיינזאמע פאַרוואַלטער, אַזוי ביז מאַי 1910, ווען די רעאַקציע האָט זיך צעהוליעט און פאָגראָמירט די אַרבעטער־אינסטיטוציעס, די צייטונגען „לאַ פּראָטעסטאַ" (אַן אַנאַרכיסטישע) און „לאַ וואַנגואַרדיאַ" (אַ סאָציאַ־ליסטישע) און „ביבליאָטעקאַ רוסאַ", פון וואַנען די „פּאַטריאָטן" האָבן אין

(3) איינגעוואַנדערט פון רוסלאַנד, געווען שפּעטער אַ רייע פעריאָדן סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין אַרגענטינער פּאַרלאַמענט.

(4) אידאַ באַנדאַראָוו (פון 1923 אין ראַטנפאַרבאַנד) און שיינער זענען געווען די דעלעגאַטן פון דער רוסישער פראַקציע פון „אַוואַנגאַרד", איך און ריסמאַן פון דער יידי־שער.

אַ נאַכט־מאַניפעסטאַציע אַרויסגעטראָגן די ביכער אויף „פּלאַסאַ קאָנגרעסאָ״, קעגנאיבער דעם פּאַרלאַמענט, און זיי פאַרברענט. דאָס איז געווען אַן אויטאָ־ דע־פע, אַ שייטער־הויפן פאַר ביכער אין מיטן שטאָט בוענאָס איירעס און אין מיטן נאַכט.

דער נאָמען פון „ביבליאָטעקאָ רוסאָ״, דער צענטער פון פאַרגעשריטענע אידעען, איז אין יענעם מאָמענט, אין הונדערטסטן יאָרטאָג פון דער באַ־ פרייערישער מאַי־רעוואָלוציע, אַוועק אַ געהייליקטער אין דער געשיכטע פון די אומשטערבלעכע.

דאָס, וואָס „ביבליאָטעקאָ רוסאָ״ האָט אָנגעהויבן, איז פאַרגעזעצט גע־ וואָרן פון דער ביבליאָטעק „אַוואַנגאַרד״ און אַנדערע אינסטיטוציעס.

3 — ציוניסטן־סאָציאַליסטן; אַנאַרכיסטן

קלאַסן־באַוווסטזיניקע עלעמענטן מיט פעסטבאַשטימטע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, אויסגעפּרוּווטע קעמפער פאַר שאַרף־דיפערענצירטע פּאַרטיי־ פּרינציפּן, האָט אַריינגעבראַכט די יידישע מאַסן־איינוואַנדערונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1905. אונטער זייער איינפלוס האָבן זיך אָרגאַניזירט כמעט איינצייטיק אָדער איינע נאָך דער אַנדערער:

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע (ס״ס). זי האָט געשאַפן אַן אָוונטשול צו לערנען שפּאַניש די יידישע אימיגראַנטן, ווי איינע פון אירע ערשטע פּראַקטישע אַרבעטן; זי איז אויך געווען די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין בוענאָס איירעס אַ טעגלעכע יידישע צייטונג, „דאָס יידישע לעבן״, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין דעצעמבער 1906 מיט מ. פּאָליאַק אַלס רעדאַקטאָר און מ. סטאָליאַר אַלס אַדמיניסטראַטאָר. די „אידיש־שפּרעכנדע״ גרופּע „אַרבייטער פריינד״, פון מזרח־אייראָפּעאישע אַר־ בעטער, געקומענע פון לאָנדאָן, האָט געפירט אַן אייגנאַרטיקע קולטור־געזעל־ שאַפטלעכע טעטיקייט: צוזאַמען מיט אַנדערע גרופּעס האָט זי אָרגאַניזירט גע־ מיינזאַמע אַקציעס, וועלכע זענען אָבער כסדר צעפאַלן געוואָרן, מחמת זיי זע־ נען באַהערשט געוואָרן פון די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן אויסגעפאָלגט דעם פּרינ־ ציפּ — זיין אַנאַרכיסטיש אָדער נישט זיין; האָבן די נישט־אַנאַרכיסטן זיך צו־ ריקגעצויגן און עס איז פון זיי געבליבן אַ ריין־אַנאַרכיסטישער אַקטיוו אָדער גאָרנישט; צו דער פּאָזיטיווער טעטיקייט פון דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך געהערט די פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער אַנאַרכיסטישער פּרעסע און לי־ טעראַטור פון אויסלאַנד; זיי האָבן אויך אַליין דאָ אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ

צייטשריפט: „דאָס אַרבייטער לעבן", אָנהייב 1908, מיט שאַפּיראָ אַלס רע־דאַקטאָר. די גרופּע א"פ. ווי בכלל יידישע אַנאַרכיסטן (פון אויסנאַמען רעדט זיך נישט), האָט אויך הייליק אָפּגעהיט: צו גיין סיסטעמאַטיש אויף די פאַר־אַנשטאַלטונגען, וואָס אַנדערע יידישע פּראָלעטאַרישע גרופּעס האָבן אָרגאַני־זירט, כדי זיי אָראָפּצורייסן. די אַנאַרכיסטן האָבן זיך ביז 1908 מער ווי אַנ־דערע אידעאַליסטן געלאָזט הערן אין דער יידישער אַרבעטער־סביבה פון בוע־נאָס איירעס. זיי זענען געווען צעטיילט אין אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן און אַנאַר־כיסטן־אינדיווידואַליסטן, אַנאַרכיסטן־סינדיקאַליסטן און אפילו אַנאַרכיסטן־ציוניסטן. אויב די גרופּע „אַרבייטער פריינד" איז געווען די וויכטיקסטע, איז זי אָבער נישט געווען די איינציקע פון די יידישע אַנאַרכיסטן. די מערהייט איז נישט געווען אויף צו באַקעמפן זיך קעגנזייטיק, נאָר צוליב די באַזונ־דערע שאַטירונגען; זיי זענען געווען פלינק אויף איניציאַטיווען, פלינק אויף אַריבערטראָגן זיך פון איין איניציאַטיווע צו אַ צווייטער, און נישט ווייניקער פלינק צו פאַרלאָזן אָנגעהויבענע אָרגאַניזאַציעס און אַקציעס, צווישן וועלכע עס האָט אויך נישט געפעלט די פאַרמירונג פון קאָמונעס. אַזוי האָט אויך גע־הערט צו די אַנאַרכיסטן אַזאַ אָריגינעלער שריט ווי אַ יידישע זייט אין דער שפּאַנישער אַנאַרכיסטישער טאָגצייטונג „לאַ פּראָטעסטאַ". עס איז, דאַכט זיך, געווען דער ערשטער פאַל און ביז היינט דער איינציקער, אַז אַ נישט־יידישע צייטונג זאָל דערשיינען מיט אַ זייט אין יידיש; די דאָזיקע זייט אין יידיש, די צווייטע יידישע טאָגצייטונג אין אַרגענטינע, האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ חודש אָדער עפּעס מער, אָבער נישט ווייניקער ווי די ערשטע יידי־שע טעגלעכע צייטונג, „דאָס אידישע לעבן". די יידישע זייט אין „לאַ פּראָ־טעסטאַ" איז אויך געווען אַ באַווייז פון די אידעאישע פאַרבינדונגען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון די אַנאַרכיסטן צווישן דער יידישער און נישט־יידישער גאַס; זי איז אויך געווען אַ באַווייז פון דעם פּאָזיטיוון אינטערעס און באַציאונג, וואָס די נישט־יידישע אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגעוויזן צו יידיש (ווי צו אַנדערע שפּראַכן).

4 — אַוואַנגאַרד

די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין אַרגענ־טינע „אַוואַנגאַרד" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאַנואַר 1907 אויף אַן עפּנ־טלעך־גערופענער פאַרזאַמלונג פון יידישע סאָציאַליסטן אין בוענאָס איירעס (נישט נאָר בונדיסטן) אין דעם היסטאָרישן אַרבעטער־הויז אויף דער גאַס



ערשטע מיטגלידער און גרינדער פון דער יידישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבעטער־ארגאניזאציע אין ארגענטינע „אוואנגארד". פאטא 1907.

מעכיקאָ 2070(5). אויף דער דאָזיקער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זענען דיסקוטירט און אָנגענומען געוואָרן די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע און די סטאַטוטן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אונטערן נאָמען „אַוואַנגאַרד“ אָן ענדערונג געלעבט ביז 1920, האָט געזיגט דער בונדיזם און נישט געקוקט אויף דעם זענען דאָך די אַנטיבונדיסטן, די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָדער „איסקראָווצעס“, נישט אַוועק, נאָר געבילדעט אַן אָפּאָזיציע פון ערשטן טאָג אָן צו דעם נאַציאָנאַלן פּונקט פון „אַוואַנגאַרד“.

די לאָזונג פון „אַוואַנגאַרד“, „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!“, האָט אין דער אַלגעמיינער אַרגענטינער סביבה געקלונגען נאָך מער אמתדיק ווי אין די לענדער פון דער אַלטער היים, ווייל אַהער זענען טאַקע געקומען פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער און עס איז דאָ מער ווי אין דער אַלטער היים געווען נויטיק זייער פאַראייניקונג. אין איינקלאַנג מיט זיין לאָזונג האָט דער „אַוואַנגאַרד“ זיך געמיט אַריינצופירן די יידישע אַרבעטער אין דער פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער באַוועגונג אונטער דער פירערשאַפט פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אויך אַליין געוואָלט פון ערשטן טאָג אָן אַריינטרעטן, פאָרמולירנדיק דעם ווילן אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג, אַז —

„די אָרגאַניזאַציע טרעט אַריין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווי אַן אויטאָנאָמישער טייל פון איר און איז זעלבסטשטענדיק אין פראַגן, וואָס באַלאַנגען ספּעציעל דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט“.

---

(5) האופּט, אַ פאַבריקאַנט פון אַן אייזנגיסעריי אין ב"א, אַ געוועזענער דייטשישער ס"ד, וואָס איז אַוועק פון דייטשלאַנד אין די צייטן פון ביסמאַרק נאָך דעם ווי דער „רייכסטאַג“ האָט אָנגענומען דעם אַנטיסאָציאַליסטן־געזעץ, האָט געבויט דאָס הויז אויף מעכיקאָ (מעקסיקע) 2070 פאַר די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון דער אַלגעמיינער אַרגענטינער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָרט איז פון שטענדיק אָן געווען אַ סאָציאַליסטישער צענטער, די לאָקאַלן פון דער אַרבעטער־צענטראַלע און אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען, די „אַרבעטער־ביבליאָטעק“ און דער ערשטער אייגענער פּראָלעטאַרישער זאַל; דאָרט האָט שטענדיק זיך גערודערט און געקאָכט, געווען קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן, דיסקוסיעס, צווישן זיי אויך יידישע; אין יענעם זאַל איז פאָרגעקומען די ערשטע יידישע אַרבעטער־פאָרשטעלונג אין ב"א אין 1906, וווּ ס'איז אויפגעפירט געוואָרן אַנסקיס „פאָטער און זון“ אָדער „די אונטערטעניקע“, אָרגאַניזירט פון „ביבליאָטעקאַ רוסאַ“, און נאָך אַ פאָרשטעלונג האָט ד"ר ענריקע דיקמאַן, דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון סאָציאַליסטישן אָרגאַן „לאַ וואַנגואַרדיאַ“, געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן סאָציאַליזם און ציוניזם. אויף מעכיקאָ 2070 זענען דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע יידישע ערב „ערשטער מאַי“־אַקטן; פון דאָרט איז אַרויס די ערשטע יידישע אַרבעטער דעמאָנסטראַציע אין לאַנד, דעם ערשטן מאַי 1907. מעכיקאָ 2070 איז געווען ביז 1910 אַ פּאָפּולערער און היימישער אַדרעס פון און פאַר די יידישע אַרבעטער אין בוענאָס איירעס.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט אָנערקענט אידיאָמאַטישע גרופּעס, נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט זיך געשאַפן פון שפּראַך־גרופּעס(6), אויך נישט צוליב דעם, וואָס די פּאַרטיי האָט אָנערקענט אַנדערע שפּראַכן־גרופּעס אין לאַנד, נאָר צוליב פּראָפּאַגאַנדע אין דער שפּראַך פון די אימיגראַנטן, כל־זמן זיי פאַרשטייען נישט קיין שפּאַניש און ווי אַ מיטל צוצוציען מיטגלידער פאַר דער יונגער פּאַרטיי,ביי וועלכער עס האָט אַזוי אַרום שוין עקזיסטירט אַ דייטשישע גרופּע, אַ פראַנצויזישע, אַן איטאַליענישע און צוליב דער זעלביקער פּראַקטיק וואָלט זי אויך אָנערקענט „אַוואַנגאַרד" ווי א יידיש־אידיאָמאַטישער גרופּע(7). אָבער די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" האָט מיט דעם זיך נישט באַנוגנט; זי איז געבליבן אין גאַנצן זעלבסטשטענדיק און געפירט איר אַרבעט אין דער יידישער סביבה, געפירט אַליין און ווען נויטיק צוזאַמען מיט אַנדערע גרופּעס. אַליין האָט זי אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „דער אַוואַנגאַרד"(8); אָרגאַניזירט קאָנפערענצן, מיטינגען אונטערן פרייען הימל און גאַסן־מאַניפעסטאַציעס(9). אויטאָנאָם אין איר אָרגאַניזאַציע און קולטורעלער אַרבעט, איז „אַוואַנגאַרד" כסדר געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אָנפירונג פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין פאַרשטענדיקונג מיט איר וועגן דורכפירן עפנטלעכע אַקטן.

5 — „יוגענד"

אויף דער איניציאַטיווע פון די „עסעסאָווצעס" מיט מ. פּאָלאַק בראש איז אין 1908 אָנגעהויבן געוואָרן אַן אַקציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די פּועלי־ציוניסטן, אייניקע אַנאַרכיסטן־אינדיווידואַליסטן, סינדי־

(6) די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וואָס איז געווען דער גרונטשטיין פון דער ס"פּ, איז געווען דער דייטשישער קלוב „פאָרווערטס".

(7) די פּאַרטיי האָט שפּעטער אָנערקענט און אַריינגענומען ווי אַ יידיש־רעדנדיקע גרופּע, די אַנטיבונדיסטישע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון „אַוואַנגאַרד"; די דאָזיקע גרופּע האָט אין דער פּאַרטיי באַקומען דעם נאָמען „סענטראַ אַוואַנגאַרד", אָבער פאַר זיך אָדער צוליב דער יידישער אַרבעטער סביבה, ווו די גרופּע איז געבליבן, האָט זי ווייטער זיך גערופן „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע". זי האָט אפילו אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש „די שטימע פון אַוואַנגאַרד".

(8) ווי אַ חודש־זשורנאַל אָנגעהויבן דערשיינען אין אויגוסט 1908, ביז מאַי 1910, ווען די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט געליטן פון אַ פּאָגראָמיקן רעאַקציאָנערן איבערפאַל. „דער אַוואַנגאַרד" האָט ווידער אָנגעהויבן דערשיינען אין 1916, ביז 1920.

(9) דורכגעפירט די ערשטע יידישע מאַי־מאַניפעסטאַציע, אין 1907.

קאַליסטן, ציוניסטן און אומפּאַרטייאישע. עס האָט זיך געגרופּן „יוגענד", די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיך געשטעלט די ספּעציעלע אויפגאַבע צו קעמפן דירעקט קעגן די פּרויען־הענדלער(10). די „יוגענד" האָט געפירט איר טעטיקייט אין די גרעניצן פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, ווו דער יידישער פּרויען־הענדלער איז געווען דער צדקה־געבער, ווויילטעטער, פילאַנטראָפּ, שטיצער פון רעליגיע, געזעלשאַפטלעכער טוער און דעה־זאָגער, דער אויסהאַלטער און באַהערשער פון יידישן טעאַטער און אַרטיסטן, די רעספּעקטירטע פּערזאָן ביי דער מלוכה־מאַכט און איז אויך געווען דער אייגנטימער פון אַ צאָל שטימען, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון קאָנסערוואַטיווע וואַל־קאָמיטעטן. די אויפגאַבע פון דער „יוגענד" איז געווען צו באַזייטיקן דעם פּרויען־האַנדל פון יידישן לעבן, פון דער יידישער גאַס. חוץ דער אַגיטאַציע אין וואָרט און שריפט איז אָפט געקומען צו געשלעגן צווישן די מיטגלידער פון דער „יוגענד" און די „חברה־לייט" (ווי מען האָט גערופן די פּרויענהענדלער) אויף די פּלאַסעס לאַוואַזשע און לאַרעאַ, מחמת די טמאים, אַ טייל פון זיי באַרימטע שלעגער פון דער אַלטער היים, זענען געקומען די ערשטע אויף די עפנטלעכע מיטינגען פון דער „יוגענד", געקומען זיך שלאָגן.

אַ דירעקטער קאַמף אויף דער יידישער גאַס האָט זיך באַנייט אין אַ פופצן יאָר אַרום, אין 1923, דורך אַ ספּעציעלן יידישן קאָמיטעט קעגן די „טמאים". דער קאַמף איז אינגאַנצן אומאָפּהענגיק געווען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אפילו פון אַרבעטער, אָבער אַזוי ווי דער קאַמף פון 23סטן יאָר פאַרבינדט זיך מאַראַליש מיטן קאַמף פון 8טן יאָר, וועלן מיר דאָ נאָר פעסטשטעלן, אַז די קרובהשאַפט און די השפעה פון די „טמאים" אין דער יידישער געזעלשאַפט איז געווען רעדוצירט צו זייער באַזוך אין יידישן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און צו אומדירעקטער ווירקונג אויפן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר. דער קאַמף האָט געדויערט, ביז עס איז אויסגעפירט געוואָרן, אַז די „טמאים" זאָלן מער נישט קומען אין יידישן טעאַטער; זיי זאָלן מער קיין השפעה נישט האָבן, אפילו נישט אויף אַ וועלכן עס איז ווינקעלע פון יידישן לעבן און זיי זאָלן פון דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן ז יי ן שפּורלאָז פאַרשווינדן.

(10) אין דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט איז שוין געפירט געוואָרן קעגן פרויען־האַנדל אַן אַקציע פון אַ „קאָמיטע קאָנטראַ טראַטאַ דע בלאַנקאַס", אין וועלכן דער דעמאָלטיקער ציוניסטישער פירער ש. י. ליאַכאָוויצקי איז געווען טעטיק, און אין דער נאַציאָנאַלער דעפּוטאַטן־קאַמער האָט שוין דער ערשטער און איינציקער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, ד״ר אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, געהאַט אַריינגעטראָגן אַ געזעץ־פּראָיעקט צו אונטערדריקן דעם פרויען־הענדלער.

דער געזעץ אין קראַפט האָט אוודאי מיטגעהאָלפן, ער האָט דעם פרויען־הענדלער בכלל פאַרטריבן פון לאַנד.

6 — כאַזאַנאָוויטש

עס איז געבליבן אַ גרופּע מיט אַ סך־הכּל פון אַ נישט־איינגעגעבענעם פּרווו אַפּצורייניקן די יידישע גאַס און עס איז אויך געבליבן אַביסל געלט, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן פאַר דעם קאַמף — דאָס איז צוזאַמענגעפאַלן מיט כאַזאַנאָוויטשעס פּלאַן אַרויסצוגעבן אויף אַקציעס אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג און אַט ביים אַרויסגעבן די דאָזיקע צייטונג האָט זיך אָרגאַניזאַציאָנעל און מאַטעריעל ליקווידירט די „יוגענד"(11).

„ברויט און עהרע" איז געווען מער ווי אַ זשורנאַליסטישע אונטערנעמונג. זי האָט זיך פאַרגענומען צו זיין די אָרגאַניזירערן פון אַ יידישער קאָלאָניסטישער באַוועגונג אין קאַמף קעגן דער ייק"א — איינע פון כאַזאַנאָוויטשעס איניציאַטיוועס, וועלכע זענען געשטיצט געוואָרן פון דער פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע, כאָטש ער האָט נישט באַנוצט דעם נאָמען פון דער פאַרטיי. באַלד אין דעם ערשטן נומער ווערט דערקלערט:

„ברויט און עהרע", וואָס האָט איינע פון אירע אויפגאַבען דעם קאַמפּף געגען יק"א און אָרגאַניזירן די קאָלאָניסטען אין קאַמפּף פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט, בעט אַלע קאָלאָניסטען, וואָס ווילען אונז מיטהעלפען אין דער גרויסער אַרבייט, זאָלען קומען מיט אונדז אין בעציהונגען"(12).

ווייטער קומען אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אָנצוהייבן די אָרגאַניזירונג פון דער באַוועגונג:

„1) אין יעדער קאָלאָניע זאָלען געגרינדעט ווערען קאָמיטעטען, וועלכע זאָלען זיך שטעלען אַלס אויפגאַבע: א) צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידעע פון קאַמפּף געגען יק"א; ב) אָרגאַניזירען אַלע אונטערדריקטע קאָלאָניסטען אין איין פערבאַנד און פערבינדען זיך מיט אַזוינע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע קאָלאָניעס.

2) אנפאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישען די קאָלאָניסטען פיר צונויפרופען אַן אַל־קאָלאָניסטען־קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס".

אַזאַ קאָנגרעס איז טאַקע פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס, אָבער ערשט אין 1916. אין 1910 איז די איניציאַטיווע פאַר אַזאַ קאָלאָניסטישער באַוועגונג

(11) דאָס איז געווען דער זשורנאַל „ברויט און עהרע", אנגעהויבן אַרויסגיין דעם 1טן אַפּריל 1910, דערשינען 6 נומערן אין משך פון 4 חדשים און זיך אָפּגעשטעלט דעם 29סטן יולי פון דעם זעלביקן יאָר.

(12) „ברויט און עהרע", אַפּריל 1910.

גונג איבערגעשלאָגן געוואָרן דורך דער דעפּאָרטירונג פון איר איניציאַטאָר מחמת דער שרעק, וואָס די גרויסע רעאַקציע אין 1910 האָט אויף אַלעמען אַנגעוואָרפן. נאָר כאַזאַנאָוויטשעס אַנהייב איז געבליבן, ווי פאַרוואָרפענע קערנער אויף די יידישע פעלדער, אַ בייטראָג צו דער שפּעטערער קאָלאָניס־טישער באַוועגונג אין קאַמף מיט דער ייק״א.

די פועלי־ציון האָבן זיך באַוויזן ווי אַ קאָלעקטיוו, ווען די ס״ס־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן און אייניקע „עסעסאָווצעס״ זענען אַריבער צו דער פּ״צ גרופּע; זיי זענען אַרויס פון ענגן ווינקעלע צו אַן עפנטלעכער טעטיקייט מיטן אָנקומען פון דעם פועלי־ציוניסטישן פירער לעאָן כאַזאַנאָוויטש, אין 1909(13).

כאַזאַנאָוויטש האָט געפירט אַ פּראַקטישע „גלות״־טעטיקייט. אַזוי איז דאָ דורך דער פּ״צ גרופּע צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָלעטאַרישע גרופּעס געגרינדעט געוואָרן, אין דעצעמבער 1909, דער „אַלגעמיינער אידישער אַרבייטער פערבאַנד״.

7 — אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד

דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד״ איז געגרינדעט געוואָרן אין בוענאָס איירעס, אין דעצעמבער 1909 אויף דער איניציאַטיוו פון די פועלי־ציון, און פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס „אַוואַנגאַרד״.

דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד נאָך דעם אַטענטאַט, וואָס דער יונגער יידישער אַנאַרכיסט, ראַדאָוויצקי, איינשטעלנדיק זיין לעבן, האָט אויס נקמה אויסגעפירט פאַר די דערשאָסענע אַרבעטער דעם ערשטן מאַי, אויף דער קאָנצענטראַציע פון דער אַנאַרכיסטישער „פאָראַ״.

די באַדערפעניש צו אָרגאַניזירן די יידישע קעגנזייטיקע אַרבעטער־הילף האָט זיך דערוואָרט אויף איר מאָמענט, ווען עפּעס אַנדערש קאָן מען נישט טאָן, טאָר מען נישט טאָן.

איז אַזוי געשאַפן געוואָרן דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד״ אַלס אַן אומפּאַרטייאישע, אָדער אינטערפּאַרטייאישע, אָרגאַניזאַציע פון יחידים, פאַקטיש פון רעפּרעזענטאַטיווע מענטשן — אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן, סינדיקאַליסטן און מצד די סאָציאַליסטן — בונדיסטן (אַוואַנגאַרדיסטן), פועלי־ציוניסטן, „איסקראָווצעס״, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן — און לויט זיינע סטאַטוטן, אויפגעשריבן פון כאַזאַנאָוויטשן און פון מיר (פובלי־

(13) כאַזאַנאָוויטש איז אַנהייב 1910 אַרעסטירט און דעפּאָרטירט געוואָרן פון לאַנד.

קירט אין זשורנאַל „דער אוואַנגאַרד" בוענאָס איירעס, מערץ, 1910), שטעלט זיך דער פאַרבאַנד פאַר אַן אויפגאַבע די איינפירונג פון קעגנזייטיקע הילף ווי: „א) שטיצע אין פאַל פון אַרבעטלאָזיקייט; ב) שטיצע אין פאַל פון קראַנקייט; ג) קולטור־אויפגאַבן, ווי שולן פאַר דערוואַקסענע מענטשן, ראַציאָנעלע דערציאונג פאַר קינדער און פאַר זיי ספּעציעלע יידישע דערציאונג, ווי דאָס לערנען פון דער יידישער שפּראַך, געשיכטע און ליטעראַטור; ד) אינפאָרמאַציע פון אַרבעט־מאַרק אין לאַנד און אין אויסלאַנד".

„דער פאַרבאַנד אַלס אַ פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציע ווינטשט, אַז זיינע מיטגלידער זאָלן פייערן דעם ערשטן מאַי".

„מיטגלידער פון פאַרבאַנד קאָנען זיין נאָר לוין־אַרבעטער, פאַרקערן און האַנדלס־אָנגעשטעלטע (אויסער די וואָס אַרבעטן אויף פּראָצענט און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס)".

„גישט צוגעלאָזן, אָדער אויסגעשלאָסן, ווערן שטרייקברעכער".

פאַר דער גרינדונג פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער פאַרבאַנד" האָב איך געשריבן (אין „אַוואַנגאַרד", סעפּטעמבער, 1909) אונטער דער קלאַסישער אַרבעטער־מאָטאָ פון יענער צייט, אַז „די באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז די זאַך פון די אַרבעטער זעלבסט", וועגן דעם פאַרבאַנד, וואָס האָט אין רעאַליזירט ווערן, ווי וועגן אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע פון זעלבסטהילף, וואָס האָט דעם צוועק צו שטיצן די יידישע אַרבעטער אין קאַמף פאַר זייערע מאַטעריעלע, גייסטיקע און מאָראַלישע אינטערעסן. עס איז די זאַך פון דער פּראָפעסיאָנעלער און פון דער פּאָליטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע דעם קאַמף אָנצופירן און עס איז די זאַך פון אַ ספּעציעלער אָרגאַניזאַציע צו אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט דער נויטיקער און ווירדיקער זעלבסטהילף.

„דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד אין אַרגענטינע שטעלט זיך פאַר אַ צוועק צו דערהויבן דעם קולטורעלן צושטאַנד פון דער יידישער אַרבעטער מאַסע אין אַרגענטינע און זי פאַרזאָרגן מיט מאַטעריעלער שטיצע".

„דער פאַרבאַנד אליין פירט נישט אָן קיין קאַמף, נאָר ער העלפט די פּראָלעטאַריער, וואָס געפינען זיך אין די קעמפנדיקע רייען. זיינע צוועקן זענען באַלדיקע און רעאַליזירבאַרע, דאָס איז נאָר געווענדט אין די אַרבעטער אַליין".

געשיכטלעך האָט זיך די אַלגעמיינע אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד אָנגעהויבן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון קעגנזייטיקער הילף אָדער פּראָלעטאַרישע זעלבסטהילף, זי איז געבליבן אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, ווי די פון די באַן־אַרבעטער, אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג האָט זיך די קעגנזייטיקע הילף

באַזונדער אָרגאַניזירט, ווי די „אַסאָסיאַסיאָן אָברעראַ דע סאָקאָראָס מאָרטאָס“ (אַרבעטער אַסאָציאַציע פאַר קעגנזייטיקער הילף) וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1898.

ר. קאָגאַן און ס. מאשעוויטש פון צענטער „אַוואַנגאַרד“ ביי דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי; פּ. וואַלד און ש. קאַפּלאַנסקי פון דער אויטאָנאָמישער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע „אַוואַנגאַרד“; לאַנדאָ פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג; שמערן (אַנאַרכיסט־ציוניסט) און ז. סאָרקין פון די פּועלי־ציון — זענען געווען אין אָנהייב יאָר 1910 די אַמט־מיטגלידער פונעם ערשטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער פאַרבאַנד“, וואָס האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר אָנגעפירט מיט דער יידישער פּראָלעטאַרישער קעגנזייטיקער הילף און קולטור. אַ יידישע ביבליאָטעק, קורסן פאַר דערוואַקסענע, רעפעראַטן אויף פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע טעמעס און אויפקלערונג — צוצוגרייטן די עפנטלעכע אַרבעטער־מיינונג פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן, זענען געווען די געביטן פון פאַרבאַנדס קולטור־אַרבעט אין דער זעלביקער צייט, ווען ער האָט געזען צו באַזאָרגן זיינע קראַנקע מיטגלידער מיט מעדיצינישער הילף. דער פאַרבאַנד איז געווען אַ יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מיט קיינעם נישט קאָנקורירט, נאָר האָט אַלע אַרבעטער־ריכטונגען גלייך געדינט, ביז אין די דרייסיקער יאָרן, ווען דער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד האָט אָפּגעטראָטן זיין געביט פאַר אַ ספּעציעלער קראַנקן־הילף־אָרגאַניזאַציע געשאַפן פון די קאָמוניסטן.

קאַפּיטל XXXI

יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

1 — יידישע אַרבעטער ביי יידישע באַלעבאַטים

ווי עס איז שוין דערציילט געוואָרן, זענען די טירן פון נישט־יידישע פאַבריקן און ווערקשטאַטן, געשעפטן און ביוראָען געווען אָפן פאַר די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אַלצאיינס, ווי פאַר נישט־יידישע. נאָר צוליב דער שפּראַך און היימישקייט האָבן יידישע אַרבעטער געזוכט יידישע ווערקשטאַטן, ביי יידישע באַלעבאַטים. באַזונדערס איז דאָס אַזוי געווען ביי די נאָר־וואָס אָנגעקומענע, די „גרינע". אָבער דער יידישער אַרבעטגעבער, דער באַלעבאָס, אָן אונטערשייד ווי גרויס עס איז געווען זיין ווערקשטאַט, פאַבריק, געשעפט, ביוראָ, האָט געוווסט, ווי יעדער באַלעבאָס, אויסצונוצן דעם „גרינעם" וועלכער האָט צוליב דער שפּראַך און היימישקייט געזוכט אַרבעט אין אַ יידישן פּלאַץ.

„...יאָה! זעהר פיעל שמערצען ליידען טראָגט איבער דער ניי־אַנגעקומענער אידישער אַרבייטער ביז ער עררייכט דאס זאגענאַנטע „געוואונשטע פּלאַץ" — נאָר ניט פיעל לייכטער און ערטרעגליכער ווערט אונזער לאַגע אויך דאָז ביז מיר קריגען דאס שויז, — אויך איז דעם ווערקשטאַט אָדער פאבריק געפינען מיר זיך איז פיעל ערגערע און שרעקליכערע פערהעלטעניסע ווי די אָרטיגע אַרבייטער. אויך דאָרטען ליגט אויף אונז דאס שטעמפּעל פוז דעם וואַנדרער. אַלס „גרינע" ווערען מיר אונטערגעוואָרפען אונטער דער גרויזאַמסטער שרעקלעכסטער עקספּלואטאַציאָז, וועלכער דריקט אונז מיט איהר גאַנצערווילדער קראַפט; אַלס „גרינע" האָבען מיר קיין פערטהיידיגער און דאַדורך זענען מיר מאַכטלאָז און קרעפטלאָז געגען אונזערע „בעלי בתים", דאַך איז אונזער לאַגע אין די היספּאַנע ווערקשטאַטען איז פיעל הינזיכטען בעסער ווי איז די אידישע. די בעדינגונגען אין די אידישע ווערקשטאַטען זענען זאַ שרעקליך און שוידערהאַפט, ווי איז עקאַנאָמישען, גייסטיגען, זאַ אויך איז היגיענישען זינען דאס עס ווילט זיך זעלבסט נישט גלויבען איז דער ווירקלעכקייט דערפון. דיעזע היזיקע אידישע „בעלי בתים", וועלכע האָבען זיך אויך ערשט ניט לאַנג געפונען איז ווערקשטאַט און געבויגען דעם רוקען אונטער דעם יאָך פון דער אַרבייט און וועלכע, איז זעהר מעגליך, וועלען מוזען אויך איינגיכען געהען צוריק איז ווערקשטאַט אויף צו אַרבייטען, אויב עס וועט נאָר זיין אַ נויטיגקייט איז זיי, אַט דיעזע „בעלי בתים׳ליך" ווענדען אַן אַלע קרעפטען אויף אויסצונוצען דעם אידישען אַרבייטער ווי נאָר מעגליך עס איז, וויסענדיג דאס דער אַרבייטער אַלס „גרינער" וועט ניט זאַ גיך בעקומען אַן אַנדער"(1).

(1) „דאס אידישע לעבען", נומער 5, בוענאס איירעס, 7טן דעצעמבער 1906.

די באַציאונג פון יידישן באַלעבאָס צום יידישן אַרבעטער איז אויף דער פּראָווינץ געווען נישט אַנדערש ווי אין בוענאָס איירעס. אויב זיי זענען געווען אַנדערש, איז — ערגער. ווי אַ דאָקומענט קען פאַר דעם דינען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון 1909 פון קאַרלאָס קאַסאַרעס, פּראָווינץ ב"א, צו יענער צייט אַ יידיש שטעטל מיט די רייכסטע אַרומיקע יידישע אַגראַר־קאָלאָניעס.

„...אין קאַרלאָס קאַסאַרעס — דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט — זענען ניטאָ קיין גרויסע פאַבריקען, די אַרבייטער זענען צעוואָרפן אין די קליינע ווערקשטאַטען. קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע זאָלען פאַרטהיידיגען די אַרבייטער אינטערעסען זענען דאָרט ניטאָ. די בעלי־בתים זעלבסט שטעלען איין דעם אַרבייטס־טאָג און באַשטימען די שכירות. נאָך דעם ווילען פון די אַלטמעכטיקע הערשער פונ'ם קאַפּיטאַל קען דער אַרבייטער היינט צוגענומען ווערען צו דער אַרבייט און מאָרגען, אָן קיין שום מאָטיוו, אַרויסגעוואָרפען ווערען אויפן גאַס, וואו עס ערוואַרטעט איהם דער שרעקליכער הונגער טויהט, מ'אַרבייט פון פריה ביז ביינאַכט, ד. ה. פון זינט די זוהן געהט אויף ביז זי פאַרגעהט. אויף פריהשטאָק גיט זיך דעם אַרבייטער אין אידישע ווערקשטאַטען אַ האַלבע שטונדע, און די קריסטליכע — דריי פערטל שטונדע. אויף מיטאָג גיט זיך זומער אַנדערהאַלבן און ווינטער — 1 שעה.

עס איז עפּעס געווען דאָ אַמאָל איינגעפיהרט אַ 12 שעה'דיגער אַרבעטס טאָג, פון 6 ביז 6, נאָר די יודישע בעלי־בתים ווילען דערפון ניט וויסען. אין איי־ניגע קריסטליכע שמידערייען אַרבייט מען פון 6 ביז 6, מיט 2 שטונדען מיטאָג.

אַרבייטען דאָרט ביי די יודען איז פיל ערגער ווי ביי אַ קריסט. די יודישע בעלי בתים'ליך זענען מעהרסטענטהייל געוועזענע אַרבייטער, וועלכע האָבען געמאַכט אַ פּאָר דאָלער און געוואָרען פאַר זיך בעל־הבית, צו זייער עקספּלאָאַטירען איז גאָר קיין גרעניץ ניטאָ.

שלעכט איז די לאַגע פון די שטאָדטישע אַרבייטער און נאָך טרויעריגער איז דער לעבען פון די פעלד אַרבייטער. פאַר 3 פּעזאָס אַ טאָג אַרבייטען זיי ווי די אָקסען, אָהן רוהע, זיי ווערען אויף אַזויפיל אויסגעמאַטערט, אַז ביסלעכווייז פערליהרען זיי אַלע מענשליכע געפיהלען און פאַרוואַנדלען זיך אין איינפאַכע מאַשינען. אין די קאָלאָניעס שטעלט מען זיך צו דער אַרבייט איידער די זוהן געהט אויף און דער אַרבייטסטאָג ענדיגט זיך ווען די זוהן פאַרגעהט. דאָס איז אַ „נאָרמאַלער" אַרבייטסטאָג, ווייל אָפט מאָל אַרבייט מען שפּעט אין דער נאַכט. שלאָפען דאַרף מען אויפן הויף זאַגאַר אין די גרעסטע ווינטען און רעגענס. דער עסען בעשטעהט פון פאַר צוויי יאָהריגע „גאַזשעטעס" (אַ מין סוכאַרעס), מיט פליגען, מילבען און אַנדערע גאַטס באַשעפענישען.

מיר מוזען נאָך צוגעבען, אַז איינע פון די הויפּט אורזאַכען, וועלכע עס שטערען דער אַרבייטער פאַראייניגונג, איז דאָס וואָס די אַרבייטער זענען „וואַנדערענדע". זעלטען ווען איינער אַרבייט אויף זיין פּלאַץ אַ גאַנצען מאָנאַט"(2).

---

(2) „דער אַוואַנגאַרד", אָקטאָבער 1909, בוענאָס איירעס.

די אַרבעט־באַדינגונגען ביי יידן אין אַרגענטינע ביז אין 1910טן יאָר וועל איך דאָ דאָקומענטירן מיט נאָך אַ קאָרעספּאָנדענץ פון אַ ווייטערער פּראָווינץ, אין קאָרדאָבאַ, וווּ עס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן שאַפן אַ יידי־שער צענטער אָן יידישע קאָלאָניעס אַרום:

„...לויט יק״אס סטאַטיסטיק פאַר דער לעצטער צייט, ד. ה. ווען דער ראַבינער איז דאַ געווען, זענען אין קאָרדאָבאַ געוועזען 500 אידען, יעצט האָט זיך די צאָהל פאַרגרעסערט. די הויפּט באַשעפטיגונג איז — מעבעל. אין קאָרדאָבאַ גע־פינען זיך ביז 16 אידישע מועבלעראָס. 17 טאַזשערן פון מעבעל. 3 היטעל פאַב־ריקען. 12 קאַרטעראָס. 2 דאַמען שניידער. 5 געשעפטען פון טיענדאַ. 1 פאַנדאַ, 1 שמידעריי. 3 טאַזשערען פון קוואַדראָס. 1 טאַזשער פון קאַלטשאָנעס. 1 אַלמאָסען. 1 בעקעריי. 1 זייגער מאַכער. 30 קוועטעניקעס פון מעבעל. 30 קאַררעדאָרען פון מעבעל. די מעבעל טאַזשערען באַשטעהען פון 2 ביז 5 אַרבייטער און אייניגע וואָס אַרבייטען אין טאַזשער פון פערראָקאַרריל (אייזענבאַהן), אָדער אַזוי ביי אידען. וואָס אַנבאַלאַנגט זייער עקאָנאָמישער וואָהלשטאַנד איז ניט אַמבעסטען. ביי דער אי־דישער אַרבייט עקזיסטירט אַ 18 שטונדיגער אַרבייטס טאָג, אין דער צייט ווען ביי ניט אידען אַרבייט מען נור 8 שעה, אַ דאַנק דעם, איז פון קאָרדאָבאַ אַרויס־געשטויסען דאָס בוענאָס איירעסער מעבעל, טראָץ דעם וואָס דאָס האָלץ און אַנ־דערע אויסגאַבען זענען דאָ פיעל טייערער. אין ענגע, פינסטערע און שמוציגע טאַ־זשערען שטעהען די אידישע אַרבייטער און אַרבייטען 18 שטונדען יאָגענדיג פון זיך דעם שוויים.

אויסער דעם עקזיסטירט אויך איין אידישער מעבעל טאַזשער וואָס איז ניט פאַררעכענט אין אונזער טאַבעלע, וועלכער אַרבייט נור באַשטעלונגען, אַ דאַנק די מאַשינען וועלכע ער האָט איינגעפיהרט ביי זיך אין טאַזשער, געדויערט דאָרטען דער אַרבעטס טאָג ניט מער ווי 8 שעה״(3).

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטער האָבן געטריבן צו פאַרייניקן זיך און קעמפן פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונ־גען, דאָך איז דאָס פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירן זיך פון די יידישע אַרבעטער נישט צוגעגאַנגען אַזוי לייכט.

מיטן אויסנאַם פון אייניקע פאַכן, ספּעציעל יידישע, וועלכע האָבן גע־קאָנט געבן באַשעפטיקונגען זייער אַ באַשרענקטער צאָל אַרבעטער, האָט הע־כער 95 פּראָצענט ביי אַלע פאַכן און צווייגן פון אינדוסטריע זיך געפונען אין נישט־יידישע הענט. נאָך אָן אויסנאַם איז געווען שניידעריי, ווי נאָדל־אינ־דוסטריע, און די מעבל־אינדוסטריע. קיין יידישע פאַכן זענען זיי דאָ נישט געוואָרן, ווייל די איטאַליענער, ס׳רוב, בילדן שטענדיק אין די דאָזיקע פאַכן די גרויסע מערהייט, ווי די שפּאַניער, באַזונדערס די גאַליציער, ביי שוסטע־ריי. אין דער שניידעריי און ביים אויסאַרבעטן מעבל זענען יידן ספּעציעל גע־

---

(3) „ברויט און עהרע״, מאי 1910, בוענאָס איירעס.

שטיגן אין די ווערקשטאַטן און ווערקשטאַטלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט היים־אַרבעט, ביי וועלכער די פּריוואַטע וווינונג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ „טאַזשער״. (די היים־אַרבעט איז געווען נישט בלויז די שניידעריי). אויב עס זענען נישט געשאַפן געוואָרן קיין ספּעציעל יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען, איז דאָס געווען צוליב דער אָרגאַניזירונג פון די נישט־יידישע אַרבע־טער, אָבער אין די דאָזיקע פאַריינען — אין זייער אָרגאַניזירונג, דערציערי־שער און פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקייט און קאַמף — האָבן די יידישע אַר־בעטער אָפטמאָל געשפּילט די ערשטע ראָלע.

אין אַלע אַנדערע פאַכן, אין דורכשניט גענומען, האָבן יידישע אַרבעט־פּלעצער נישט געגרייכט צו די 5 פּראָצענט, בעת 98 פּראָצענט פון די יידישע אַרבעטער אין אַלע אַנדערע פאַכן, ווי פון מעטאַל, טעקסטיל, לעדער, בוי א״אַ, האָבן געאַרבעט אין נישט־יידישע ווערקשטאַטן און פאַבריקן.

די אָרגאַניזירונג צוזאַמען מיט נישט־יידישע אַרבעטער האָט זיך אָנ־געשלאָגן אויף פאַרשיידענע שוועריקייטן. ערשטנס ווייל אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין איז גערעדט געוואָרן שפּאַניש, די לאַנדשפּראַך, וואָס איז דעם אי־מיגראַנט פרעמד געווען; צווייטנס איז גרויס געווען די זאָרג פון פּשוטן איינ־געוואַנדערטן איינצואָרדענען זיך אָדער אַראָפּצוברענגען זיין פאַמיליע און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ ווערטל „איך האָב מיר מיינע צרות!״, וואָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און וואָס האָט געוואָלט באַרעכטיקן דאָס האַלטן זיך פּאַסיוו צו געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע און טעטיקייט.

דאָס אַריינטאָן זיך אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט באַרואיקט און געשטילט די בענקשאַפט פון יידישן אַרבעטער צו דער אַלטער היים און איר קולטור־לעבן. דאָרט, ווו דאָס פאַך אָדער אַ ספּעציפישער טייל פון פאַך איז געווען אין יידישע הענט, זענען דערפאַר געשאַפן געוואָרן — ווי ביי אַק־טיאָרן, היטלמאַכער, בעקער — פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָדער יידישע קאָ־מיסיעס מיט פולער פרייהייט מצד די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַני־זאַציעס צו פירן אויף יידיש צווישן די יידישע אַרבעטער און ווערקשטאַטן אַ פּראָלעטאַרישע טעטיקייט. חוץ דער אַרבעט אין די פאַרצווייגטע אָרגאַ־ניזאַציעס האָבן די יידישע אַרבעטער אויך געזוכט צו העלפן זיך אָרגאַניזירן אין די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון בלעכער, בליי־אַרבעטער, גאַ־זיסטן, מאַליער א״אַ, געהאָלפן אין זייערע שטרייקן צו דערגרייכן זייערע פאָדערונגען. עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן באַציאונגען צווישן די יידי־שע און אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און די יידישע פּאָליטישע אָדער אידעאָלאָגישע אַרבעטער־גרופּירונגען.

אין 1907, ווען „אַוואַנגאַרד״ האָט אַרויסגעגעבן אַן 1טער מאַי־שריפט,

האָט דער מעבל־אַרבעטער־סינדיקאַט גענומען אַ טייל פון דער אויסגאַבע פאַר זיינע יידישע מיטגלידער און דאָס זעלביקע האָט געטאָן דער שניידער־אַרבעטער־פאַראיין.

אין „אַוואַנגאַרד" פון סעפּטעמבער 1908 ווערט געשריבן וועגן אַ „יי־דישען אַרבייטער־צענטער פיר פּראָפעסיאָנעלער אַגיטאַציע" שוין ווי וועגן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע עקזיסטירט מער נישט. איך האָב זיך אין יענעם צענטער באַטייליקט צוזאַמען מיטן אַנאַרכיסטישן אידעאָלאָג נאַטאַן, מיט אַדעלאַ, וואָס איז געווען אַוועק צווישן בונדיזם און אַנאַרכיזם, מיט די „עסע־סאָוצעס" ב. גאַיסינסקי און מ. סטאַליאַר און מיט נאָך אַנדערע. איך געדענק ווי דער דאָזיקער צענטער איז געשאַפן געוואָרן פון יחידים און גרופּעס פון פאַרשידענע פּראָלעטאַרישע און נאַציאָנאַלע ריכטונגען מיט דער דירעקטער מיטהילף און שטיצע פון אייניקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, מיטן צוועק מיטצוהעלפן די יידישע אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך און דינען ווי אַ פאַר־שטענדיקונג־מיטל. דער „י ו ד י ש ע ר א ר ב ײ ט ע ר ־ צ ע נ ט ע ר פ י ר פ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע ר אַ ג י ט אַ צ י ע" האָט אין משך פון אַ קורצער צייט און מיט אַלגעמיינער אָנערקענונג דורכגעפירט זיין אויפ־גאַבע מיט אַזעלכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס זענען ווייט אַריבער די גרע־ניצן פון אַגיטאַציע. אונטער דער ווירקונג פון דער מינדלעכער און שריפט־לעכער אויפקלערונג, וואָס דער צענטער האָט געפירט, האָט זיך געמערקט אַ בסדרדיקער צופלוס פון יידישע אַרבעטער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און דער צענטער איז וואָס אַמאָל מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אייגנט־לעכער טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ווי אינטערווענירן אין סיכסוכים צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים, ווי אויך אין אויסמיידן אָדער אַרויסרופן און אָנפירן שטרייקן.

2 — יידישער אַקטיאָרן פאַריין

וואָס שייך באַזונדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון יידישע אַרבעטער, איז אַזאַ פאַריין געגרינדעט געוואָרן פון יידישע אַקטיאָרן אין בוענאָס־איירעס דעם 16טן נאָוועמבער 1906. ער האָט זיך גערופן אין שפּאַניש „אוניאָן אַר־טיסטאַס איזראַעליטאַס" און האָט אויפן צווייטן חודש נאָך זיין גרינדונג גע־מאַכט די פאָלגנדיקע ווענדונג צו דער באַפעלקערונג:

„דער ניי געגרינדעטער אידישער אַקטיאָרען אוניאָן אַוויסירט דער בוענאָס איירעסער אידישער באַפעלקערונג וועגען זיין אַרויסטרעטען אויף דער ביהנע פון געזעלשאַפטליכען לעבען. די פּראָגראַם אונזערע איז אַ ריין אַרבייטער פּראָגראַם, זי ענטהאַלטעט אין זיך די מינימאַלע פאָדערונגען, וועלכע זענען אומבאַדינגט

נויטיג פיר אונזער אַלטעגליכען לעבען. מיר אַפּעלירען צו אייך און פאָדערען אויף יעדען איינציגען, וואָס איז נאָר אומשטאַנד צו דיינקען און פיהלען אַלס מענש אונז זעהען מיטהעלפען מיט וואָס יעס וועט נאָר מעגליך זיין, און אונזער אוניאָן זאָל קענען עקזיסטירען, ווייל פון איהם הייננט אָפּ אויך אונזער עקזיסטענץ.

די גרינדער פון אוניאָן:

בערטהאַ קאָרענפעלד
בערנאַרד ווייסמאַהן
דוד רייץ
דוד נעלבאַרט
הערמאַן אמאַסס
מאָרים גאָלדשטיין
אבראַהאַם יאָהאַנעס" (4).

דער דאָזיקער יידישער אַקטיאָרן־פאַריין איז נישט געווען דער ערשטער יידישער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין. מיט 18 טעג פאַר זיין אַנטשטייאונג איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון הוטנמאַכער. אין „דאָס אידישע לעבען" פון 9טן דעצעמבער 1906 איז אָפּגעדרוקט דער פאָלגנדיקער נאָטיץ:

„דער „אוניאָן פון הוטען מאַכערס" וועלכער האָט זיך געגרונדעט דעם 28 אָקטאָבער, בעט אַלע אַרבייטער פון פאַך, אויך פרעסער און פריילנס, קומען דעם קומענדען זאָנטאַג 9 דעצעמבער אויף דער פאַרזאַמלונג. אויך וועט בּאַ אונז אָפּגעהאַלטען פערזאַמלונגען יעדען זונטאַג.

נאָטירט גוט די אַדרעסע:

מעחיקאַ 2070

די קאָמיסיאָן."

3 — יידישע בעקער אַרבעטער

ספּעציעלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען אָבער קיינמאָל אין קיין גרויסער צאָל נישט געווען. צו די צוויי דערמאָנטע דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן אַ דייטש־יידישער פּראָפ' פאַריין, וועלכער איז צייטנווייז געווען דער איינציק־עקזיסטירנדיקער. דאָס איז געווען דער ייד' בעקער־אַרב'־פאַריין. זיין באַזונדערקייט האָט זיך גענומען גיכער פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערעס, איידער פון יידישן אָדער שפּראַכלעכן אינטערעס. יידישע בעקעריי איז געווען אינגאַנצן אַ באַזונדער פאַך, וואָס האָט זיך נישט אָנגעקערט מיט נישט־יידישער בעקעריי. יידישע בעקער האָבן נישט געקענט אַרבעטן אין אַנדערע

(4) „דאָס אידישע לעבען", 4טער דעצעמבער 1906, ב"א.

בעקערייען, פונקט ווי די אַנדערע בעקער האָבן נישט געקענט אַרבעטן אין יידישע בעקערייען. די דאָזיקע אַנדערשקייט, וועלכע האָט זיך אויך אויסגעטיילט אין די פאָרמען פון אַרבעט און לוין־באַדינגונגען, ווי לויט די פאָדערונגען פון קאַמף, האָט געשאַפן די באַדערפעניש פון אַ יידישן פּראָפעסיאָנעלן בעקער־אַרבעטער־פאַריין. דעם טאָג, ווען דער ערשטער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די יידישע בעקער האָט זיך געגרינדעט, ווייס איך נישט, אָבער וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פאַריין ווערן מיר געווויר אין דער רובריק „פון פּראָפעסיאָנעלן לעבען" אין „אַוואַנגאַרד", ווו עס רעדט זיך וועגן אַנהייבן אַ קאַמף מצד די יידישע ווייסע מעבל־אַרבעטער קעגן דער שטיק־סיסטעם און פאַר טאָג־אַרבעט און אויף צו דערמוטיקן ווערט אַרויסגעשטעלט ווי אַ ביישפּיל דער קאַמף און זיג פון די יידישע בעקער־אַרבעטער:

„אויף וויפיעל דער מיטגעפיהל פון די איבעריגע אַרבייטער קען העלפען די שטרייקענדע האָט אונז געוויזען דער שטרייק פון די אידישע בעקער. די בעלי־בתים האָבען זיך ענטזאגט צו ערפיהלען זייערע פאָדערונגען, גלויבנדיק, אַז קענען זיי שטיים אַ הויפען פון 20־30 אַרבייטער, וועלכע זענען הילפסלאָז קענען דער מאַכט פון קאַפּיטאַל און וועלכע מען קען שטענדיק פאַרבייטען מיט שטרייק ברע־כער (וועלכע צו אונזער שאַנדע זיינען דאָ פיעל). אַבער די בעקער האָבען זיך גע־ווענדט צו אַלע יידישע אַרבייטער נאָך הילף. עס האָט געדראָהעט די געפאַר פון אַ באָיקאָט, דעם ביטערען טעם פון וועלכען עס ווייסען שוין די בעלי־בתים און מיט שאַנדע האָבען זיי געמוזט ברעכען זייער שטאָלץ און נאָכגעבען אַלע פאָדערונגען פון זייערע אַרבייטער." (5).

פון דעם ציטירטן איז קלאָר, אַז די יידישע בעקער־אַרבעטער האָבן געשטרייקט פאַר פאָדערונגען און געזיגט, וואָס דאָס ווערט נישט דערגרייכט אָן אַן אָרגאַניזאַציע און דערביי ווערט דערמאָנט אַ פריערדיקער קאַמף מיט דער אָנווענדונג פון אַ באָיקאָט, איינער פון די מיטלען, וואָס איז זייער אָפט אָנגעווענדט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג.

די יידישע בעקער, די באַלעבאַטים ווי די אַרבעטער, זענען געווען קליין אין צאָל אָבער גרויס אין מוט און קעמפעריש, אַזוי אַז איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט איין שטרייק האָט מען זיך געגרייט צום צווייטן. אין יאַנואַר 1909 ווערט גערעדט וועגן אַ געוווּנענעם שטרייק און אין מאַי פון זעלביקן יאָר שטייען שוין די בעקער ווידער אין שטרייק און דער באָיקאָט ווערט גענוצט ווי אַ הויפּטמיטל אין ווערט דורכגעפירט אַזוי פון די יידישע אַרבעטער בכלל ווי פון די קאָנסומענטן:

---

(5) „דער אַוואַנגאַרד", יאַנואַר 1909, ב"א.

„שוין א מאנאט — ווערט דערציילט — אז די אידישע בעקער ארבייטער פיהרען א קאמף געגען זייערע אונטערנעהמער, ארויסשטעלענדיג די פאדערונגען: אנ' 8 שטונדיגן ארבייטס טאג און א בעזאנדער צימער אין דער בעקעריי אויף איבער צו טוהן זיך. די שטרייקענדע ארבייטער, נישט קוקענדיג וואס זיי קומט אויס הונגער צו ליידען און אויך פאליציאישע פערפאלגונגען, פונדעסטוועגען האלטען זיי זיך מוטהיג אין שטרייק און האבען בעשלאסען אין קיין פאל זיך נישט אונטער צו געבען. אלס מיטעל צום שטרייק פאדערט זיך, אז מען זאל נישט נוצען דאס ברויט וועלכעס ווערט געבאקען פון שטרייקברעכער. עס איז זעהר ווינשענס ווערטה, אז אלע יודישע ארבייטער זאלען זיך די מיה געבען און זעהן, אז מען זאל אין ערגעץ דאס ברויט וואס ווערט געבאקען פון שטרייק ברעכער נישט נוצען"(6).

און ווייטער:

„נאך א מאנאט פון שווערען קאמף, אין וועלכן די יודישע בעקער ארבייטער האבען געוויזען זייער קאמפס-פעהיגקייט און סאלידאריטעט, האט זיך איינגע־געבען צו צוברעכען די איינגעשפארטקייט פון די בעלי־בתים. פיעל מיטגעהאל־פען אין דעם זיעג האבען די יודישע ארבייטער, וועלכע האבען באיקאטירט דאס ברויט, וואס אייניקע שטריק ברעכער האבען געבאקען. עס האט ניט געהאלפען דאס בלעטעל, מיט וועלכע די בעלי־בתים האבען זיך געווענדעט „צום יודישען פובליקום" און געקלאגט זיך, אז זיי, די בעלי־בתים „מוזען הארעווען מיטן בי־טערען שוויים אויף זייערע ארבייטער". אלעס איז געווען אומזאנסט: קיינער האט די פאלשע קלאגער נישט געהערט און די גערעכטע פאדערונגען פון די שטרייקענ־דע האבען געמוזט ערפיהלט ווערען.

פון יעצט אן געהט דאס ברויט מיטן שטעמפעל פון דעם בעקער פעראיין. א מערקווירדיגע זאך, וואס ארגענטינא האט נאך ביז יעצט ניט געזעהן! דיזער שטעמפעל וועט שטענדיג דערמאהנען, אז שווער איז צו צוברעכען א ארגאניזירטע מאכט, א פעראייניגטע ארמעע. מיט רעכט ווענדען זיך די בעקער מיט א אויפרוף צו די יודישע ארבייטער:

„זאל דער שטרייק, ווי אויך דער זיעג פון די בעקער ארבייטער זיין
א לעהרע פיר אייך ניט צו וועלען דולדען מעהר פון דער עקספלואטא־
ציאן, פון וועלכע איהר ליידעט אלס ניט ארגאניזירטע ארבייטער.
יא, מוטה און אחדות זענען די איינציגע וואפען, וועלכע וועלען אונז
פיהרען צום ענדליכען זיעג"(7).

אין מעבל ארבעטער סינדיקאט האט זיך געפירט כמעט א פאראלעלע טעטיקייט: איינע אויף יידיש צווישן די יידישע ארבעטער און די צווייטע אויף שפאניש; דער שניידער־ארבעטער־פאריין — וואס האט געהאט אין

---

(6) „דער אוואנגארד", יוני 1909.

(7) „דער אוואנגארד", יולי 1909.

זיינע רייען אַן אַ ש ר ר י ס מ אַ ן, וועלכער האָט זיך אין גאַנצן אידענטיפיצירט מיטן פאַריין און מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט — איז אין זיין אָנהייב באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון יידישע אַרבעטער און אויף זיינע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען איז נישט געווען ווער און פאַר וועמען צו ריידן אויף אַן אַנדער שפּראַך, אויב נישט אין יידיש. ענלעכע פאַקטאָרן האָבן געקאָנט זיין און זענען געווען אין געוויסע מאָמענטן אויך ביי אַנדערע פאַכן, אָבער זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען נישט געווען פון די ספּעציעל־יידישע. געוויינלעך איז געווען דער נישט־געשריבענער געבאָט פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג אין לאַנד: נ י ש ט צעטיילן זיך אויף נאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, נאָר אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דער סינדיקאַלער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זענען אַריין אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט, גלויבן און אידעאָלאָגיע. אַזוי אַרום האָבן די יידישע אַרבעטער, ווי די אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרנומען זייער פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג פון לאַנד און טייל־ווייז זיך אין גאַנצן אויסגעמישט מיט איר. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט, אַז די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע זאָל אָנערקענעןווירקלעכע באַדערפענישן צו פירן פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט אויף יידיש און פאַר די יידישע אַרבעטער אין די פאַכן, אין וועלכע זיי זענען געווען אין מאַסן.

4 — יידישע שניידער אַרבעטער

אַזאַ פאַל, וואָס קאָן זיין איינער פון אַ סך, ווערט באַשריבן אין 1906: אין שניידעריי־ווערקשטאַט פון פסח וואַרטמאַן אויף וויאַמאָנטע 1482 האָט דער באַלעבאָס באַפוילן דעם אַרבעטער חיים קעמעלמאַן צו פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ צוזאַמען מיט נאָך אַן אַרבעטער, בנימין אייזען, ווייל ער האָט גע־פּרוווט פאַרטיידיקן זיין חבר. דער קאָנפליקט איז אַרויסגעקומען איבער דעם, וואָס דער אַרבעטער האָט געעפנט אַ ביסל די טיר, ווייל עס איז געווען אַ היץ דערשטיקט צו ווערן, און דער באַלעבאָס האָט דאָס נישט דערלויבט. ווערט דערציילט, אַז —

„דיעזער זא אונמענשליכער, נידערטרעכטיגער טהאַט האַט שטאַרק אויפגע־רעגט אַלע 10 אַרבייטער, וועלכע געפינען זיך אין טאַזשער און צוזאמען מיט זייע־רע בעליידיגטע חברים האבען זיי פערלאזט דעם ווערקשטאַט.

נעכטען אבענדס איז געווען אַ פערזאַמלונג אין דער אוניאָן פון שניידערשען פאַך, אויף וועלכער נאָכדעם ווי עס איז אַרומגערעדט געווארען די לאַגע פון די אַרבייטער אין דעם אויבענדערמאַנטען ווערקשטאַט איז מיט דער איינשטימונג

פון דער פערזאמלונג בעשלאסען געוואהרען ארויסטרעטען אין א שטרייק. עס איז אויסגעארבעט געווארען פאדערונגען, וועלכע זיינען שוין צוגעשטעלט געוואהרען צום אויבענדערמאהנטען בעל־הבית'ל, וועלכער האט נאך דערוויייל קיין בעשטימטען ענטפער ניט געגעבען. די פאדערונגען פון די ארבייטער זענען פאלגענדע: 1) א 9 שעה'דיגען ארבייטס טאג; 2) העכערן דאס לוין געהאלט פון יעדען ארבייטער אויף 30 סענט טעגליך; 3) ניט אפזאגען קיין ארבייטער אהן דער איינשטימונג פון גאנצען פערסאנאל; 4) גוטע באהאנדלונגען; 5) בעצאהלען פיר דער צייט פון שטרייק; 6) צונעהמען צוריק אלע ארבייטער אהן אויסנאהמע"(8).

5 — אַ שטרייק ביי אַ יידישן פאַבריקאַנט

נאָך אַ פאַל, וואָס ווייזט אויך ווי דער יידישער אַרבעטער האָט געאַרבעט אין גרויסע נישט־יידישע ווערקשטאַטן און ווי מוסטערהאַפט אָרגאַניזירט און קאַמפּס־לוסטיק ער איז געווען, זעט מען אין דער פאָלגנדיקער מעלדונג:

„דעם 19־טען אפריל האבען די 'דאמען שניידער (אלע אידישע), וואס ארבייטען אין סיודאד דע מעקסיקא, ערקלעהרט א סטרייק, פאדערנדיג די אבשאפונג פון שטיק ארבייט און פערבייטען דעם 9 שטונדיגען ארבייטס טאג אויף אנ' 8 שטונדיגען. גלייכצייטיג האט מען אויך געפאדערט, אז מען זאל די ארבייטער ערלויבען ארויף צו פאהרען מיט דער ווינדע אין ווערקשטאט אריין, וועלכער געפינט זיך אויפן 5־טען שטאק.

די ערשטע און די לעצטע פאדערונג איז באלד נאכגעגעבען געוואהרען און א דאנק די אייניגקייט פון די סטרייקענדע איז אויך די פאדערונג פון 8 שטונדיגען ארבייטס טאג אויפן אנדערען טאג געוואונען געוואהרען. דעם געוואונענעם סטרייק האבען אויך די איבעריגע ארבייטער נישט קיין שניידער — אויסגענוצט און אין דעם גאנצען ווערקשטאט, וואו עס ארבייטען 50 ארבייטער און ארבייטערינען ווערט יעצט געארבייט 8 שטונדען"(9).

און די יידישע אַרבעטער, אין קאַמף און אין די רייען פון דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג, האָבן אויך, אַזוי ווי נישט־יידישע, נישט בלויז געוווּנען שטרייקן, נאָר אויך פאַרשפּילט, און נישט נאָר ביי גוים:

„...באלד ווי ס'האט אויסגעבראכען דער שטרייק ביי דעם יודישען פאבריקאנט (10) האבען זיינע קלאסען גענאסען, די ניט יודישע פאבריקאנטען, געהאלפען יאסעלעוויטשען אין קאמף געגען זיינע ארבייטער אהן אונטערשיעד, יודישע

(8) „דאס אידישע לעבען", 7טן דעצעמבער 1906, ב"א.

(9) „דער אוואנגארד", מאי 1909.

(10) עס האנדלט זיך פון יעקב יאסעלעוויטש.

> ווי ניט יודישע. די ניט יודישע פאַבריקאַנטען האבען דעם יודישען אויסגע־שטרעקט אַ 'ברידערליכע האַנד: זיי האבען פאַרמאַכט זייערע פאַבריקען אום צו צווינגען יאסעלעוויטשעס אַרבייטער, אַז זיי זאָלען זייער קאַמף אויפגעבען. יאסע־לעוויטש, אַלס קאַפּיטאַליסט און מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַלען פאַבריקאַנטען פערבאַנד, איז ווי אַ העלד געשטאַנען אויף זיין פעסטע פאַזיציאָן און ענדליך בעזיעגט 'די שוואַך אָרגאַניזירטע יודישע ווי נישט יודישע אַרבייטער"(11).

***

אין נאָוועמבער 1909, נאָך דעם אַטענטאַט פון יוגנטלעכן יידישן אַנאַר־כיסט סימאָן ראַדאָוויצקי אויפן בוענאָס איירעסער פּאָליציי־שעף פאַלקאָן, צוליב נקמה פאַר דער שחיטה אויף אַרבעטער בעתן 1טן מאַי, איז דאָס גאַנ־צע לאַנד דערקלערט געוואָרן אין באַלאַגערונג־צושטאַנד אויף 60 טעג. עס זענען געוואָרן איבערפולט די טורמעס און די קריגשיף „גוארדיא נאַסיאָ־נאַל". (פון „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" האָט מען אויך אַרעסטירט צענדליקער יידי־שע אַרבעטער, צווישן זיי דעם „אַוואַנגאַרד"־פירער און רעדאַקציע־מיטגליד פון זשורנאַל ש. קאַפּלאַנסקי); הונדערטער אַרבעטער זענען דעפּאָרטירט גע־וואָרן; די 'אַרבעטער־לאָקאַלן זענען געשלאָסן געוואָרן; און די יידישע ארץ בעטער באַוועגונג, ווי די אַלגעמיינע, האָט אַריבערגעטראָגן שווערע רע־פּרעסיעס.

אַנהויב 1910, נאָך די 60 טעג באַלאַגערונג־צושטאַנד, ווען עס איז באַ־נייט געוואָרן די אַרבעטער־פּרעסע, די סאָציאַל־פּאָליטישע און קולטור־אַר־בעט אין דער פּראָלעטאַרישער סביבה, איז געקומען אַ גרויסע אויפלעבונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. עס זענען געגרינדעט געוואָרן פּראָפעסיאָ־נעלע פאַריינען אין יענע פאַכן, אין וועלכע עס זענען פריער קיין פּראָפעסיאָ־נעלע פאַריינען נאָך נישט געווען און די עקזיסטירנדיקע האָבן זיך פאַר־שטאַרקט. אין דעם איז געווען אויך אַן עקאָנאָמישע סיבה: דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געגרייט צו דער גראַנדיעזער פייערונג פון הונדערט־יאָריקן יובילייַ פון דער אַרגענטינער באַפרייערישער מאַי־רעוואָלוציע. אַרבעט, באַשעפטי־קונג פאַר אַרבעטער, איז געווען איבערגענוג. און דאָס איז נישט פאַרקוקט געוואָרן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס: זיי זענען אַרויס מיט פאָדערונגען פאַר עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען און עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שטרייק־באַוועגונג, און עס זענען דערגרייכט געוואָרן גינסטיקע רעזולטאַטן

דער אַרגענטינער ציוניסטישער פירער. ביי אים אין פאַבריק האָט געאַרבעט דער „אוואַנ־גאַרדיסט" ברודניק, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן מוניציפּאַלער ראַטמאַן אין דער שטאָט טשיוווילקאָי.

(11) „אַוואַנגאַרד", אויגוסט 1909.

מיט אָדער אָן שטרייקן. די יידישע אַרבעטער האָבן פאַרנומען זייער אָרט אין דער דאָזיקער באַוועגונג אַ דאַנק דער מעגלעכקייט אויסצודריקן זיך אין דער אייגענער שפּראַך.

„...אין אַלגעמיין — זאָגט דערויף עדות אַ באַריכט פון 1910 — קומט יעצט פאָר אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. עס איז אויך ערפרעהענד דער פאַקט, וואָס די פעראיינען דעקען מיט פערגעניגען אַלע הוצאות פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע אויף יודיש און אַ דאַנק דעם פערנעמען טאַקע די יודישע אַרבייטער אַ בעדייטענדען אָרט אין דער יעצטיגער פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג. אויף אַלע פערזאַמלונגען ווערט גערעדט אויף שפּאַניש ווי אויך אין יודיש, דעס־גלייכען איז מיט אַלע אויפרופען, וועלכע ווערען פּובליקירט"(12).

די דאָזיקע אַלגעמיינע אויפלעבונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און איר פאַרזוכן פון באַדייטנדיקע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען — 8 שעהדיקער אַרבעטסטאָג, דאָס אָפּשאַפן שטיק־אַרבעט, מינימום־לוין, לוין־העכערונג א"אַ — האָט אויך אַרויסגעשטעלט אַ פּאָליטישע פאָדערונג: אָפּצושאַפן דעם אַזוי־גערופענעם רעזידענץ־געזעץ נומער 4144, וואָס גיט דער רעגירונג די פול־מאַכט צו דעפּאָרטירן מענטשן, וועלכע זי האַלט פאַר אומגעוווּנטשענע, אַ געזעץ, פון וועלכן עס האָט געליטן על פּי רוב די אַרבעטער־באַוועגונג און דורך וועלכן עס זענען שוין אויך דעפּאָרטירט געוואָרן יידישע אַרבעטער.

---

(12) „דער אַוואַנגאַרד", מערץ 1910.

קאַפּיטל XXXII

אין הונדערט יאָריקן מאַי־יובילײ און ווייטער

1 — קעגן פֿאַרגעשריטענע אידעען

מיטן אָנקומען פֿונעם יאָר 1910 איז אָנגעקומען דער הונדערט־יאָריקער יובילײ פֿון דער אַרגענטינער מאַי־רעוואָלוציע, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער, דער טרעגער פֿון פֿאַרגעשריטענע אידעען, האָט זיך געגרייט צו פֿייערן מיט דערגרייכונגען פֿון עקאָנאָמישער פֿאַרבעסערונג און פֿון פֿרייהייט פֿולשטענדיק אין גייסט פֿון דער מאַי־רעוואָלוציע.

די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג אין אויפֿלעבונג, אין די ערשטע פֿיר חדשים פֿון 1910, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געגרייט מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם צו פֿייערן דעם ערשטן יאָרהונדערט פֿון דער היסטאָרישער מאַי־רעוואָלוציע, האָט גוט אויסגענוצט די גינסטיקע עקאָנאָמישע סיטואַציע פֿאַר דערגרייכונגען און האָט זיך אויך געגרייט צו פֿאָדערן עס זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן דער אַזוי גערופֿענער רעזידענץ־געזעץ, וואָס האָט זיך אין דער פּראַקטיק אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ דעפּאָרטאַציע־געזעץ קעגן אַרבעטער; מען זאָל אויך דערלויבן צוריקקומען אין לאַנד די פּאָליטישע אַרויסגעשיקטע און עס זאָלן באַפֿרייט ווערן די אַרעסטירטע און פֿאַרצעסירטע איבער סאָציאַלע סיבות.

אַ פּאָגראָם אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געקומען ווי אַן ענטפֿער פֿון דער רעאַקציע. אין אַ נאַכט פֿון מאַי איז „געפֿייערט" געוואָרן מיטן פֿייער פֿון אונטערגעצונדענע צייטונגס־איינריכטונגען; אונטערגעצונדענע ביבליאָטעקן, לאָקאַלן און... „פֿאַרגעשריטענע אידעען", דער הונדערט־יאָריקער יובילײ פֿון אַרגענטינע, לויט דעם אופֿן פֿון דער רעאַקציע.

דער פּאָגראָם האָט נישט אויסגעמיטן דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. יידישע און רוסישע ביכער פֿון דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ", האָבן געברענט אויפֿן פֿייער פֿונעם שייטערהויפֿן אויף דער פּלאַסאַ לאַוואַ (היינט: קאָנגרעסאָ וווּ עס שטייט דער מאָנומענט, קעגנאיבער דעם פּאַרלאַמענט), וווהין די פּאָגראָם־מאַכער אין באַשטאַנד פֿון „ניניאָס ביען" — באַלעבאַטישע קינדער, דעמאָלטיקע אוניווערסיטעט סטודענטן, האָבן געוווּסט, אַז פֿאַרגעשריטענע אידעען זענען שעדלעך און זיי האָבן אויך געוווּסט ווו די דאָזיקע אידעען געפֿינען זיך. האָבן זיי אין יענער נאַכט פֿון פּאָגראָמען אַרויסגעטראָגן

די ביכער פון דער ביבליאָטעק אויף לאַ פּאַז, זיי צו פאַרברענען אָן אַן אויטאָ־דע־פע, אָבער אויפן שטייגער פון דער אינקוויזיציע, עפנטלעך פאַרן הויז פון די געזעצן.

און באַלאַגערונגס־צושטאַנד, מיט געשלאָסענע אַרבעטער־לאָקאַלן, מיט מאַסן אַרעסטן פון אַרבעטער, באַשולדיקט אין דעם „פאַרברעך" פון „פאַר־געשריטענע אידעען" און מיט דעפּאָרטאַציעס, צווישן וועלכע עס זענען גע־ווען די פּועלי־ציון־אָנפירער לעאָן כאַזאַנאָוויטש און ז. סאָרקין און דער אַוואַנגאַרדיסט מ. מאַשעוויטש, האָט נאָכגעפאָלגט דעם פּאָגראָם און זיינע אָפּקלאַנגען ביזן סוף פונעם יובליי יאָר.

ווען דער אַרגענטינער פאַרגייער סאַרמיענטאָ איז אין ראָסאַס צייט דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טשילע, האָט ער, אויפן וועג, אויף אַ שטיינבאַרג אין די אַנדן אויסגעקריצט: „באַרבאַרן, אידעען טויט מען נישט!"

די אַרבעטער־באַוועגונג מיט אַלע שאַטירונגען און אָפּט מיט זייער שאַר־פע, דראַמאַטישע און טראַגישע אינערלעכע קאַמפן, איז דאָך די טרעגערן פון פאָרגעשריטענע אידעען, ווי דאָס זענען די אידעען פון סאָציאַלער גערעכטי־קייט. מיט איר אויפלעבן, איר ווידער־אויפבוי, איר ווידער־דאַאיקייט און איר אויפשוווּנג, האָט באַוויזן ווי נביאיש עס זענען געווען די ווערטער, וואָס סאַרמיענטאָ האָט אויסגעקריצט, בעת זיין דעפּאָרטאַציע אויף אַ שטיינבאַרג פון די אַנדן.

2 — ווידעראויפבוי

אויף דער יידישער גאַס, ווי עס האָט געהייסן די יידישע סביבה, האָט די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" ווידער אָנגעפירט איר טעטיקייט אין גייסט פון די פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע אידעען און פון יידיש־וועלטלעכער קולטור און זי האָט אויפגעבויט אַ נייעם קולטור־צענטער מיט אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון „אַוואַנגאַרד"; דער צענטער „אַוואַנגאַרד" ביי דער סאָציאַ־ליסטישער פּאַרטיי האָט באַזונדער געשאַפן אַ נייע ביבליאָטעק און איר בכיוון אָנגערופן א״נ פון דער פּאָגראָמירטער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ"; די פּוע־לי־ציון־פּאַרטיי איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט איר טעטיקייט און האָט אַרויס־געגעבן דעם זשורנאַל „ברויט און ערע", וואָס איז עפנטלעך נישט אָנגע־געבן געוואָרן פאַר אַ פּאַרטייאישן זשורנאַל; אונטער אַנדערע פאַרעווע נע־מען פון גרופּעס און ביבליאָטעקן האָבן אויך די אַנאַרכיסטן פאָרגעזעצט אַ טעטיקייט, דער עיקר אַ יידישע קולטור טעטיקייט און דער אַלגעמיינער יידי־שער אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט שוועריקייטן, ביים

מאַנגל אין אַנפירנדיקע כוחות, וואָס זענען פאַרנומען געווען ביי אַנדערע אָר־גאַניזאַציעס האָט ערשט גענומען רעאַליזירן זיינע מוטואַליסטישע און קול־טורעלע אויפגאַבן, וואָס ער האָט געטאָן מיט אַ פאַרנעם.

אין די ווידער אויפבוי־יאָרן פון דער אַנדערער העלפט פון 1910, דאָס גאַנצע 1911 און 1912, האָט זיך אויך די יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג ווידער אויפגעבויט אין האַרמאָניע מיט דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג.

פּרינציפּיעל, צוועקמעסיק און פּלאַנמעסיק איז אָנגעהאַלטן געוואָרן מיט דער גאַנצער לאָגישער און איבערצייגנדיקער קראַפט, די אייניקייט, די גע־מיינזאַמקייט און די אַלגעמיינקייט פון דער אַרבעטער באַוועגונג און אין דעם גייסט איז נישט געווען און עס האָט גאָר נישט געקענט זיין קיין גע־דאַנק פון אַ פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג צעטיילט אין אַזוי פיל נאַציאָנאַלע פאַריינען וויפיל נאַציאָנאַליטעטן עס זענען פאַראַן אין לאַנד, דאָס האָט אָבער נישט געשטערט צו פאַרשטיין און איינצוזען **דעם נוצן פון יידיש פאַר דער געמיינזאַמקייט און פאַר דער אַלגעמיינקייט** פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און אפילו יידי־שע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען דאָרט ווו עס קאָנען נאָר זיין יידישע, אָדער גאָר נישט זיין.

צוליב דעם זענען אויפגעקומען יידישע קאָמיסיעס ביי די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין די פאַכן, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט מאַסן יידישע אַרבעטער און די קאָמיסיעס האָבן באַקומען די מעגלעכסטע הילף פון זייערע סינדיקאַטן פאַר זייער פירן אַ מינדלעכע און שריפטלעכע טעטי־קייט צווישן די יידישע אַרבעטער; צוליב דעם איז מען געשטאַנען אין קאָנ־טאַקט מיט דער יידישער פּרעסע און מ'האָט אַליין אַרויסגעגעבן בלעטער און בלעטלעך אויף יידיש און אויף יידיש זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך גע־פירט געוואָרן די קאָמיסיע זיצונגען, די יידישע אַרבעט־פּערסאָנאַלן־פאַרזאַמ־לונגען, אַזוי ווי אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון יידישע אַרבעטער. דער אַל־געמיינער האַלץ־אַרבעטער סינדיקאַט האָט אפילו געהאַלטן פאַר נויטיק צו פירן אַ ריינע יידישע קולטור־טעטיקייט צווישן דער מאַסע פון זיינע יידי־שע מיטגלידער און ער האָט איינגעפירט אין די ברייטע ראַמען פון זיין סינדיקאַט אַ גוט אָרגאַניזירטע און גוט געפירטע יידישע ביבליאָטעק, מיט וואַכזאַמקייט אויפן דערשיינען פון ביכער אין אַלע לענדער פון יידישן וועלט־פאַלק און קיין בוך, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען, אָן אונטערשייד פון טענ־דענץ, האָט אין דער יידישער ביבליאָטעק פונעם האָלץ אַרבעטער סינדיקאַט

נישט געפעלט, זי האָט אויך געהאַט איינגעפירט אַ ספּעציעלע קינדער־ביב־ליאָטעק פאַר די קינדער פון אירע יידישע מיטגלידער.

פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון היטלמאַכער, פון קירזשנער, פון בייטל־מאַכער, אַזוי ווי שפּעטער די שטריקער־סעקציע פון טעקסטיל אַרבעטער פאַרבאַנד, האָבן זיך נישט אָנגערופן יידישע אָבער זיי זענען דאָס פּאַקטיש געווען, ווייל זייער מיטגלידערשאַפט איז געווען אַ יידישע, פון יידן, הגם זייערע טירן זענען געווען ברייט אָפן פאַר אַלעמען. די דאָזיקע פאַכן זענען געווען יידישע, דאָ געשאַפענע פון יידן און עס איז געווען נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די גאַנצע פירונג ווי די טעטיקייט פון די דאָזיקע פאַריינען און זייערס גלייכן זאָל זיין אויף יידיש — אַ יידישע.

דער יידישער בעקער־אַרבעטער־פאַריין אין אַלע זיינע צייטן און גיל־גולים איז שטענדיק געווען אַ יידישער, ווייל אַלע זיינע מיטגלידער זענען געווען יידן, וואָס נאָר אין יידישע בעקערייען האָבן זיי געאַרבעט, ביי יידיש געבעקס, זיי האָבן איבער פאַך־קענטעניש, טעכניש, נישט געקענט אַרבעטן אין אַנדערע בעקערייען, פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע, נישט־יידישע בעקער, האָבן, טעכניש, אויך נישט געקענט אַרבעטן אין יידישע בעקערייען און אין דעם יידישן בעקער־פאַך זענען געווען אַנדערע אַרבעט־סיסטעמען, אַנדערע באַ־דינגונגען, אַנדערע באַדערפענישן, אַנדערע פאָדערונגען — אַנדערש פון די גויאישע בעקערייען; דאָס יידישע בעקער־פאַך איז געווען גלייך צו אַ באַ־זונדער פאַך מיט זיינע אייגנאַרטיקייטן און אַזוי איז די פּראָפעסיאָנעלע אָר־גאַניזאַציע פון די יידישע בעקער־אַרבעטער שטענדיק געווען אַ יידישע.

און יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען נאַטירלעך געווען די פאַ־ריינען פון יידישע אַרטיסטן, פון יידישע לערער, פון יידישע זשורנאַליסטן, און פון אָנגעשטעלטע אין יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

דער יידישער אַקטיאָרן־פאַריין איז געווען איינער פון די ערשטע יידי־שע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווי דאָס איז פריער דאָקומענ־טירט געוואָרן, ער האָט זיך געגרינדעט אין בוענאָס איירעס דעם 16טן נאָ־וועמבער 1906; ער האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. פופצן יאָר זענען אַוועק אָן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די יידישע טעאַטער־אַרטיסטן. די סיטואַציע פון די יידישע אַרטיסטן אין פאַרבינדונג מיט דער סיטואַציע פון יידישן טעאַ־טער האָט אָפּגעהאַלטן די יידישע אַרטיסטן צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ פּראָ־פעסיאָנעלן פאַריין, ביזן יאָר 1923, ווען אַזאַ פאַריין איז געגרינדעט גע־וואָרן, אָבער אויך נישט אויף לאַנג, ווי דאָס באַווייזט אַ דריטע גרינדונג פון אַ יידישן אַקטיאָרן פאַריין אין 1926, וואָס איז אויך נאָך נישט געווען דעפיניטיוו, ווייל אין 1932 האָבן מיר אַ פערטע גרינדונג, אָדער אפשר ריכ־

טיקער: רעאָרגאַניזירונג פונעם יידישן אַקטיאָרן פאַריין, וועלכער איז שוין זיכער דעפיניטיוו ווי דאָס באַווייזט זיך דורך זיינע 22 יאָר עקזיסטענץ, אויסגעפּילט מיט וואַכזאַמער, אינטענסיווער, פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט לטובת און פאַר דער ווירדיקייט פונעם יידישן טעאַטער אַרבעטער.

וואָס איז שייך די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פון די יידישע לערער איז איר גורל געווען גלייך צו דעם גורל פון אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געווען, האָבן אויפגעהערט צו זיין און וואָס זענען ווידער אויפגעקומען.

לויט דעם בוך „אַרגענטינע" געווידמעט, אין 1938, די ערשטע פופציק יאָר יידישן ישוב אין אַרגענטינע און צוואַנציק יאָר „די פּרעסע", האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע לערער געגרינדעט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1917, צו דעם קאָן מען צוגעבן, אַז אַ פּאָר יאָר נאָך דער מלחמה, אין 1920־21, האָבן די יידישע לערער געפירט אַ שטרייק פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און פאַר אַ בעסערן לוין. דאָס איז דאַכט זיך געווען דער ערשטער שטרייק און ער איז פאַרשפּילט געוואָרן. דער שטרייק איז געווען ביי די „תלמוד־תורהס". דער יידישער לערער פאַריין האָט דעמאָלט מאָביליזירט יידיש־געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשיידענע אָבער פּראָגרעסיווע אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן געגרינדעט אַ יידיש־וועלטלעכע שול־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געהייסן „יידישער שול־ראַט" און זי האָט טאַקע באַלד געעפנט שולן אין צענטער פון בוענאָס איירעס, אין פּאַטערנאַל און אין קאָנסטיטוסיאָן אויף די נעמען פון י. ל. פּרץ, שלום־עליכם און פון יעקב דינעזאָן.

מיטן אויפקומען פונעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן, וואָס האָט געפאָדערט פונעם יידישן לערער ער זאָל זיין אַ לערער מיט פאַך־קענטעניש, מיט דערציערישע פעאיקייטן און וויסן; אַ שולוועזן וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי דער הויפּט־מיטאַרבעט פון די לערער אַליין, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די יידישע סאָציאַל־פּאָליטישע און אידעאיש־פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, אין זייערע פּעריפעריעס און שפּעטער אויך געקומענע פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן, האָבן זיך די יידישע לערער בכלל וואָס ווייטער אַלץ בעסער פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירט און דורך דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אַ סך דערגרייכט.

דער יידישער זשורנאַליסטן פאַריין, וועלכער האָט געהייסן: „פאַריין פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין אַרגענטינע", אין 1922, אין דעם יאָר, ווען ער איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו און מיט דער עקשנות־דיקער מיטאַרבעט פון ה. ד. נאָמבערג, וואָס איז געווען צוגאַסט אין יידישן

אַרגענטינע, האָט זיך אויך אין לויף פון די יאָרן רעאָרגאַניזירט, אָננעמענ־דיק אויף איינע פון זיינע רעאָרגאַניזאַציעס זיין איצטיקן נאָמען „ה. ד. נאָמ־בערג". דער פאַריין איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער פאַריין, הגם אַ טייל פון זיינע מיטגלידער זענען ביי זשורנאַליסטיק נישט געווען קיין לוין־אַרבעטער, זיין יידיש־קולטורעל־געזעלשאַפטלעכקייט האָט געדעקט זיין פּראָ־פעסיאָנעל־פּראָלעטאַרישקייט, אָבער איינס האָט דאָס אַנדערע נישט אויסגע־שלאָסן. ער האָט אינטערווענירט, מצד די זשורנאַליסטן — לוין־אַרבעטער, אין קאָנפליקטן, וואָס זענען געווען אין דעם פאַך, ווי דאָס איז אויך געווען דער פאַל ביי דער „מאָרגנצייטונג".

3 — קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, הגם זי זעט נישט אויס צו זיין פּראָלע־טאַריש, שטאַמט דאָך פון דער אוניווערסאַלער אַרבעטער און סאָציאַליסטי־שער אידעאָלאָגיע, טעאָריע און פּראַקטיק. מיטן געדאַנק גייט דער קאָאָפּע־ראַטיוויזם פאַרנעמען דאָס אָרט אין דער וועלט פונעם קאַפּיטאַליזם אויף די עקאָנאָמישע געביטן פון קאָנסום און פּראָדוקציע. אין דער פּראַקטיק ווערט גלייכהייט און ערלעכקייט פּראַקטיצירט דורך קאָאָפּעראַטיוויזם, אָפּשאַפנדיק אויף אַן אומדירעקטן אופן דעם שווינדל און די אַפּנאַרעריי ביים האַנדל. עס איז אויך אַן איבונג פון עקאָנאָמישער און ווירטשאַפטלעכער פירונג און פאַר־וואַלטונג און דאָס פּראַקטישסטע פון דער קאָאָפּעראַציע איז די מ ע ג ־ ל ע כ ק י י ט פון אַרבעטער און פון עקאָנאָמיש באַשיידענע פאָלקס־מענטשן צו האָבן עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, וואָס אָן קאָאָפּעראַציע, פריי פון עקס־פּלואַטאַציע, איז דאָס אַבסאָלוט אוממעגלעך.

די יידישע בעקער־אַרבעטער פון בוענאָס איירעס האָבן אין 12־1911 ווייניק געוווסט פון קאָאָפּעראַטיוויזם, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַ קאָאָפּעראַ־טיווע באַוועגונג פאַר עפענען אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי. זיי האָבן אָבער זייער גוט פאַרשטאַנען אַז אָן קאָאָפּעראַציע וועלן זיי נישט האָבן קיין בעקע־ריי, וואָס פאַר זיי איז דאָס אין יענער צייט געווען אַ לעבנס־פּראַגע.

עס איז געווען אַן אַלגעמיינער שטרייק אין יידישן בעקער־פאַך און דער שטרייק איז פאַרשפּילט געוואָרן. יידישע בעקער אַרבעטער וואָס קאָנען נאָר אַרבעטן אין אַ יידישער בעקעריי, ביי יידיש געבעקס, זענען אין הונגער, מיט פּאַרדרוס און חרפה צוריקגעגאַנגען צו דער קאַטאָרזשנער אַרבעט און אַנ־דערע יידישע בעקער־אַרבעטער זענען געבליבן אַרבעטסלאָז און אין הונגער מיט זייערע פאַמיליעס.

דער איינציקער אויסוועג איז געווען דורך אַ בעקעריי, וואָס זאָל געבן אַרבעט די אַרבעטסלאָזע און אפשר אויך קאָנען באַפרייען די אַרבעטנדיקע פון שקלאַפעריי.

האָבן מיר, יידישע אַרבעטער טוער פון אַלע ריכטונגען, נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דער סיטואַציע פון די בעקער־אַרבעטער און מיר האָבן זיך אָפּגערופן אויף זייער רעטונגס־רוף און מיר האָבן זיך צוגעשטעלט און געשאַפן די ערשטע יידישע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיווע אין אַרגענטינע און עס איז אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן געעפנט געוואָרן אַ יידישע קאָאָפּעראַטיווע בע־קעריי מיט אַ פאַרנעם און מיט אַלע מאָדערנע מעכאַנישע איינריכטונגען.

די אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע, פון וועלכער דער שרייבער פון די שורות איז געווען פאַרזיצער, האָט איינגעפירט אַ מאַקסימאַלן אַרבעטס־טאָג פון 8 שעה אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי און אין אַלע אירע אָפּטיילן, ווען אין די פריוואַטע בעקערייען האָט מען געאַרבעט 10 און מער שעהן אין טאָג און די קאָאָפּעראַטיווע האָט באַלד איינגעפירט פאַר יעדן אַרבעטער 6 טעג אַרבעט אין דער וואָך און דעם 7טן טאָג — רו, בעת אין די פריוואַטע בעקערייען, איז די אַרבעטס־וואָך פון יעדן באַשטאַנען פון 7 טעג; די קאָאָפּעראַטיווע האָט איינגעפירט היגיענע אין דער בעקעריי און פאַרן בעקער־פּערסאָנאַל, מיט אַ באָד צו וואַשן זיך פאַר דער אַרבעט און נאָך איר, מיט אַ צימער אויף איבער־טאָן זיך און מיט אַ לייען־צימער פאַר די אַרבעטער.

דאָס ברויט פון דער קאָאָפּעראַטיווע איז געווען פון דער בעסטער קוואַ־ליטעט. עס האָט געוויגן די פולע צוגעזאָגטע וואָג און עס איז פאַרקויפט גע־וואָרן פאַר אַ קלענערן פּרייז: 20 סענט די קילאָ, פּאַקטיש נאָר 18 סענט, ווייל מ׳האָט געגעבן אַ באָנע פון 2 סענט אויף יעדע קילאָ ברויט דעם קוי־פער. זיבן גרויסע וועגעלעך מיטן אויפשריפט פון דער אַרבעטער קאָאָפּעראַ־טיווע זענען צוויי מאָל אין טאָג געפאָרן איבער די פאַרשידענע געגנטן פון דער גרויסער שטאָט בוענאָס איירעס און צעטיילט דאָס ברויט פון דער קאָאָ־פּעראַטיווע, אויף וואָס די קאָנסומענטן האָבן אויסגעקוקט און וועמענס פּראָ־דוקציע עס איז לויט דער פאָדערונג געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

די לעגאַליזאַציע פון דער קאָאָפּעראַטיווע, דורך דער אָנערקענונג פון איר סטאַטוט, מצד דער רעגירונג, די יורידישע פּערזענלעכקייט, וואָס אויב זי איז נישט געווען די ערשטע פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, איז זי פון די גאָר ערשטע, איז פּובליקירט אין דער צייטונג „על טיעמפּאָ", ווי דאָס האָט זיך געפאָדערט פאַר דער לעגאַלער אָנערקענונג. די דאָזיקע צייטונג מיט דער פּובליקאַציע פונעם קאָאָפּעראַטיוון סטאַטוט, וואָס געפינט זיך אין מיין אַרכיוו, קאָן אוודאי דינען פאַר אַ דאָקומענט, אָבער צו דאָקומענטירן דאָס

זיין פון דער קאָאָפּעראַטיווע קאָן אויך דינען די רעפּראָדוקציע פון דער ווײַ־טערדיקער אַנאָנס, געדרוקט אין דער װאָכנצײַטונג „אונזער װאָרט“, בוענאָס איירעס, דעם 6טן יוני, 1913:

פּאָדערט דאָס ברויט

פון דער אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע פון קאָנסום און פּראָדוקציאָן

(LA ECONOMIA OBRERA)

דאָס ברויט פון דער קאָאָפּעראַטיווע איז בעסער, ריינער און וועגט מער. עס ווערט גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע קאָנסומידאָרן, אַז אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי ווערט אויך געבאַקן פאַרשידענע סאָרטן בייגל און קיכלעך.

פּאָדערט דאָס אַלעס ביי די רעפּאַרטידאָרן פון דער קאָאָפּעראַטי־ווע, וועלכע פאָהרען אין צענטער — 4, אין ווילאַ קרעספּאָ — 1, אין קאַבאַזשיטאָ — 1 און אין באַראַקאָס — 1.

עס איז אומבעדינגט נוצלעך פאַר יעדען ארבייטער באַלד צו ווערען אַ מיטגליד אין דער קאָאָפּעראַטיווע.

אַ אַקציע קאָסט נאָר 10 פּעסאָס און דאָס קאָן אויך אויסגעצאָלט ווערען צו 2 פּ. מאָנאַטליך.

דער אַדרעס פון דער בעקעריי און סעקרעטאַריע איז: ריוועראַ 1418

Rivera 1418

Unión Telefónica 614, Palermo

אַלע געוועזענע אַרבעטסלאָזע יידישע בעקער־אַרבעטער האָבן געאַר־בעט אין דער אייגענער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי און ס'איז מער נישט געווען קיין אַרבעטסלאָזיקייט אין יידישן בעקער־פאַך. עס האָט אָנגעהויבן

פעלן בעקער אַרבעטער. אַ טייל פון די אַרבעטער אין די פריוואַטע בעקערייען זענען אַריבער אַרבעטן אין דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי, הגם די בעקער באַלעבאַטים, וואָס האָבן נישט ווי אַנדערע ליקווידירט זייערע בעקערייען, האָבן פאַרבעסערט דעם לוין און די אַרבעטס־באַדינגונגען און נישט אויפגעהערט צו וואָרענען זייערע אַרבעטער מיטן אונטערגיין פון דער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי.

מיר האָבן געזאָגט, אַז קאָאָפּעראַציע מאַכט מעגלעך עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען פון אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וואָס דאַרפן די קאָאָפּעראַציע, אָבער אַן עקאָנאָמישע אונטערנעמונג, מעג זי זיין אַ קאָאָפּעראַטיווע, קאָן נישט זיין אָן דער אינוועסטיציע פון אַ געוויסן קאַפּיטאַל. אין דעם פאַל פון דער בעקעריי־אונטערנעמונג פון דער יידישער אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע האָט מען באַדאַרפט געלט אָפּצוקויפן אַן אויפגעזוכטע, שוין זייער גוט אייגעאָרדנטע, בעקעריי און מען האָט באַדאַרפט געלט צו קויפן פערד און וועגעלעך פאַר צעפירן דאָס ברויט און מען האָט באַדאַרפט געלט אויף מאַכן קאָנטראַקטן מיט מילן זיי זאָלן צושטעלן מעל און מען האָט באַדאַרפט מאַכן קאָנטראַקטן מיט האָלץ־צושטעלער און מיט געשעפטן פאַר קויפן אַ טייגמאַשין און אַנדערע מאַשינען אויף אויסצאָלן, פאַר וואָס מען האָט באַדאַרפט צושטעלן אַ קאַפּיטאַליסטישע גאַראַנטיע, ווי מען האָט דאָס אויך באַדאַרפט פאַרן הויז פון דער בעקעריי. ווו נעמט מען דאָס?

די אַרבעטסלאָזע און הונגער־ליידנדע יידישע בעקער־אַרבעטער האָבן פאַרזעצט אַלץ וואָס מ'האָט נאָר געוואָלט אָננעמען ביי זיי און מער ווי 1500 פעזעס האָבן זיי נישט געקאָנט צונויפקלאַפּן און באַדאַרפט האָט מען וויי־ניקסטנס צען מאָל אַזוי פיל חוץ די גאַראַנטיעס.

און דאָס וואָס מ'האָט באַדאַרפט האָט געגעבן... „דער אַלטער", וואָס איז אַ בלעטל אין מיין בוך „בלעטלעך". ער איז געווען אַ דייטשער דייטש, האופט איז געווען זיין נאָמען, אַ קאַפּיטאַליסט, דער פאַבריקאַנט פון אַן אייזנגיסערײ, אָבער זיין נשמה איז נישט געווען קיין דייטשע און נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע, נאָר אַ סאָציאַליסטישע, אַ קאָאָפּעראַטיוויסטישע און דאָס האָט ער באַשיידן, פּשוט און גערנוויליק מאַטעריאַליזירט דורך דעם, וואָס ער האָט געגעבן פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט. האופט איז געווען דער אומבאַקאַנטער, וועלכער האָט אינקאָגניטאָ געגעבן דאָס הויז אויף מעכיקאָ 2070 פאַר דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג; וועלכער האָט אויך געגעבן וואָס מ'האָט באַדאַרפט פאַר אויפשטעלן אַ קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי ביי דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווע „על האָגאַר אָברעראָ" (די אַרבעטער היים) אין וועלכער דער שרייבער פון די שורות איז

35 יאָר אַ מיטגליד, איינער פון די 36000 וואָס די קאָאָפּעראַטיווע ציילט היינט און עס איז געווען דער זעלביקער האופּט, וועלכער האָט פאַר דער יידישער אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע גערן געגעבן אַלץ, וואָס מ'האָט באַדאַרפט; ער האָט אויך דאָס הויז אָפּגעקויפט פאַר איר, זי זאָל נישט דאַרפן צאָלן קיין דירה־געלט און עס האָט געהאַלטן ביי דעם, אַז האופּט זאָל אָפּקויפן, פאַר די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, דאָס הויז אויף פּאַסטעור אין די זעקס הונדערטער.. וואָס איז געהאַט אויפגעבויט געוואָרן פאַר אַ שיל, אָבער עס איז אַרויסגעשטעלט געווען צום פאַרקויפן; עס איז דאָס הויז, וואָס איז שפּעטער געווען דער יידישער טעאַטער „אַמבו" און ווו עס איז היינט דאָס הויז פון דער בוענאָס איירעסער יידישער קהילה.

עס איז אָבער מקוים געוואָרן די וואָרענונג פונעם יידישן בעקער באַלעבאָס... די יידישע קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי איז אונטערגעגאַנגען אַזוי ווי דאָס איז אויך געשען מיט דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער בעקעריי; אונטערגעגאַנגען אין דעם אייגענעם זומפּ פון אומוויסנהייט פון די בעקער־אַרבעטער, וואָס אַנשטאָט צו קאָאָפּערירן, האָבן זיי ס אַ ב אָ ט י ר ט!

די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי איז אונטערגעגאַנגען. עס איז אָבער פאַרזייט געוואָרן דער קאָאָפּעראַטיוויזם צווישן די יידישע אַרבעטער און די פאָלקס־מענטשן.

אין יאָר 1913 האָט זיך שוין שטאַרק געפילט אין לאַנד דער אָנקומענדיקער גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס, וועלכער איז געקומען אין אַוואַנס פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און וועלכער האָט אינוואַדירט, אָקופּירט און זיך אויסגעשפּרייט מיט זיין פּאַראַליזאַציע פון דער אינדוסטריע און קאָמערץ, מיט זיין אַרבעטסלאָזיקייט און מיט זיין נויט דורך דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין 1914 און דורך איר אָנהאַלט במשך די ווייטערע דריי־פיר יאָר. אָט דער קריזיס, וואָס האָט אויך פּאַראַליזירט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע און די אידעאָלאָגישע יידישע אַרבעטער באַוועגונג, האָט אַרויסגערופן פּרוּוון און איניציאַטיוון פון אַ ברייטער יידישער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

נישט נאָר אַרבעטער האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו קאָאָפּעראַציע, צו דעם באַשאַף פון קאָאָפּעראַטיווע פאַריינען, נאָר אויך קליינע אינדוסטריעלע באַלעבאַטים און קליינע סוחרים („קוועניטעניקעס") אַמבולאַנטן און אַנדערע.

אַרויסגערופן פונעם מלחמהדיקן עקאָנאָמישן קריזיס און באַהערשט נישט פון לויך־אַרבעטער, נאָר פון יידן פון אַנדערע סאָציאַלע קלאַסן, איז דער צוגאַנג נישט געווען קיין סאָציאַליסטישער און נישט קיין פּראָלעטאַריש־קאָאָפּעראַטיוויסטישער. מען איז נאָר אויסן געווען פּריוואַטע עקאָנאָמישע מעגלעכקייט פאַר עקזיסטענץ און פאַר פּרנסה, אָבער די דאָזיקע מעגלעכקייט

האָט מען געזען אין קאָאָפּעראַציע און אין דעם זין איז אָנגעגאַנגען אַ ברייטע יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג וואָס איז פּרינציפּיעל און אידעאיש נישט געשטאַנען אויף דער גאַנצער הויך פון סאָציאַלאָגיש־קלאַסישן קאָאָפּעראַטיוויזם, אָבער זי איז געווען קאָאָפּעראַטיוויסטיש. דאָס פאָלק רופט זיי נאָך אַלץ קאָאָפּעראַטיוועס: (ערשטע קאָאָפּעראַטיווע — פון קוווענטעניקעס — צווייטע קאָאָפּעראַטיווע); אויסגעוואקסענע צו ריזיקע קאָלעקטיווע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, ווי דאָס איז אויך די יידישע פאָלקס־באַנק, וועלכע הייסט היינט אָפיציעל: „באַנקאָ איזראַעליטאָ ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ" (ווי דאָס לאַנד האָט אַמאָל געהייסן); קאָאָפּעראַטיוויסטיש האָבן זיך געשאַפן אַלע יידישע בענק אין בוענאָס איירעס און איבערן גאַנצן לאַנד (עס ווערן דאָ נישט דערמאָנט די יידישע אַגראַר קאָאָפּעראַטיוועס) און קאָאָפּעראַטיוויסטיש איז די צייטונג „די פּרעסע", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון אַרבעטער נאָך אַ שטרייק אין דער „אידישער צייטונג", אין יאָר 1917 („די פּרעסע" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דעם 1טן יאַנואַר 1918) און וועלכע איז אין משך פון אַ סך שפּעטערישע יאָרן געווען די זאַך פון אַ פּרינציפּיעלער, אידעאַליסטישער, פּערפעקטער און מוסטערהאַפטער אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיווע.

4 — אידעאָלאָגישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס

די מוטואַליסטישע באַוועגונג, די קולטור־באַוועגונג, די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, ווי בכלל די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין דער מעטראָפּאָליע פון דער אַרגענטינער פעדעראַלער רעפּובליק און אין גאַנצן גרויסן לאַנד, איז פון אָנהייב אָן געווען גייסטיק פאַרבונדן מיט די אידעאָלאָגישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אינספּירירט, אידעאַליזירט און אָריענטירט די באַזונדערע, אָדער אויטאָנאָמישע באַוועגונגען, וואָס זענען דאָך געווען פאַרבונדן צווישן זיך.

די אַנאַרכיסטן, די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, די בונדיסטן און אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן כמעט איינצייטיק אָנגעהויבן זייער טעטיקייט, גרופּירנדיק זיך און אָרגאַניזירנדיק זיך, קעמפנדיק אידעאיש און באַקעמפנדיק איינע די אַנדערע גאַנץ שאַרף, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט זייער אָפטע צוזאַמענקונפטן און צוזאַמענאַרבעטן אין דער פּיאָנערישער צייט, ביי אַלפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס און ביי עפנטלעכע אַלגעמיינע און געמיינזאַמע אַקציעס אין מאָמענטן פון געשאַפענע סיטואַציעס אין לאַנד.

דער אָנהויב פון דער דאָזיקער פאַרשידן־אידעאישער באַוועגונג איז געווען אין 1905טן יאָר.

***

די אַנאַרכיסטן זענען געגאַנגען פאַרויס מיט זייער פאָן פון פּראָטעסט קעגן אַלץ און אַלעמען: קעגן קאַפּיטאַליזם און קעגן „שטאַט־סאָציאַליזם"; קעגן דעמאָקראַטיע און קעגן דעם אומרעכט פון דער מערהייט; די זעלביקע פאָן אין די אַנאַרכיסטישע הענט האָט געפלאַטערט מיט דער אידעע פון אַב־סאָלוטער פרייהייט און פון אַ געזעלשאַפט פון פרייע קאָמונעס; זיי זענען נישט געווען באַגייסטערט פאַר אָרגאַניזאַציע, ווייל אָרגאַניזאַציע איז נישט אַבסאָלוט פריי פון דיסציפּלין און פון דיקטאַטור, דעריבער האָבן זיי זיך לויז גרופּירט און גאַנץ אָפט זיך איבערגרופּירט; די סאָלידסטע און דויער־האַפטסטע גרופּע איז געווען די „גרופּע אַרבעטער פריינד" מיט נאַטאַן, יאַ־וויץ, די ברידער שוץ, וואָלף לאַפּידוס און אַנדערע צווישן די אַנאַרכיסטישע וואָרטזאָגער. צווישן די יידישע אַרבעטער האָט דער אַנאַרכיזם געהאַט אַ ברײ־טע ווירקונג, נישט אַזוי ברייט ווי צווישן דעם לאַטיינישן פּראָלעטאַריאַט אין לאַנד, אָבער — ברייט. אין אָנהויב 1908 האָבן די אַנאַרכיסטן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנצייטונג אין יידיש „דאָס אַרבעטער לעבן". עס זענען דער־שינען 8 נומערן, דאָס איז געווען אַ סך פאַר אַן אַרבעטער צייטונג אין יענער צייט און נישט נאָר אין יענער צייט. „לעבן און פרייהייט" — אַ זשורנאַל וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין זעלביקן יאָר 1908 מיט י. עדעלשטיין און פּ. שפּרינבערג, אַלס רעדאַקטאָרן און אַ יידישע זייט אין דער פּאָפּולערער שפּאַנישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „לאַ פּראָטעסטאַ" באַלד נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט „לעבן און פרייהייט", האָט אויך געהערט צו דער יידישער אַנאַרכיסטישער פּרעסע ביזן יאָר 1910, אָבער די אַנאַרכיסטן האָבן זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף זייער פּרעסע, הגם די פּרעסע איז געווען זייער הויפּט־אַקציע, אַזוי ווי ביי אַלע יידישע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. פאַר זייער פּרעדיקט האָבן זיי אַ סך גענוצט די עפנטלעכע טריבונע: מאַסן־מיי־טינגען אין סאַלאָנען אָדער אונטערן פרייען הימל און נישט נאָר אייגענע עפנטלעכע אַקטן האָבן פאַר דעם געטויגט. די אַקטן וואָס אַנדערע האָבן אָר־גאַניזירט, זענען פאַר אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און טאַט אַזוי גוט געווען ווי די אייגענע און אַמאָל נאָך בעסער...

אין 1910 האָט זיך די אַלגעמיינע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין לאַנד אָנגעהויבן איינצוצערן. די יידישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט ווי אַזעל־כע כמעט אויפגעהערט צו זיין, אירע מענטשן האָבן זיך איבערגעגעבן צו דער שעפערישער אַרבעט פון יידישער קולטור; געשאַפן די „עדעלשטאַט" ביבליאָ־טעק, שפּעטער די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט", גרופּע „זוכער פון אמת"; פאַרשפּרייט „קאַפּיטאַל" פון מאַרקס, אַרויסגעגעבן פון דער „קראָ־

פּאַטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט" פון ניו יאָרק; אַליין אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן בראָשורן און ביכער דער עיקר װעגן קינדער־דערציאונג און די מאָדערנע שול און פון צייט צו צייט אויך אַרויסגעגעבן פּרעסע־אָרגאַנען אין יידיש: „דער פרייער אַרבעטער" איז פונעם דאָזיקן פּראָלעטאַרישן קרייז אַרויס אין 1917; „ברויט און פרייהייט" אין 1918; „די פרייהייטס שטימע" אין 1924 און „דאָס פרייע וואָרט" אין 1936 (פון י. אַקסענצאָװס קאָלעקציע, געדרוקט אין בוך „אַרגענטינע" פון „די פרעסע" ב"א, 1938).

מ. פּאָלאַק, מ. סטאָלאַר, מ. פרומקין, נ. וויטאַל, ס. פּערצאָװסקי, ב. סעגאַלאָװסקי, זענען געװען די פירער, די לערער, די רעדנער און די שרייבער פון דער ציוניסטישער־סאָציאַליסטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַקאַנט געװען לויטן פּאַרטיי נאָמען אויף רוסיש: „עס־עס" און וועלכע האָט דאָס ערשטע דאָ אין דער נייער היים געעפנט אַ שול פאַר דערוואַקסענע יידישע אַרבעטער צו לערנען זיי שפּאַניש, וואָס דאָס איז געװען זייער נוצלעך און פּראַקטיש פאַרן גרינעם יידישן אַרבעטער. מיט טעאָריע האָט די עס־עס אָרגאַניזאַציע זיך נישט אָפּגעגעבן, זי האָט זיך איגנאָנצן אַריינגעטאָן אין פּראַקטישער אַרבעט, אינפאָרמאַטיװע און אויפקלערערישע, מיט אַ פּאַרנעם — אַלץ אין פּראָלעטאַרישן סאָציאַליסטישן גייסט אין קאָנטאַקט מיט דער אַלגעמיינער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַװעגונג אין לאַנד צו באַשיצן די אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, גייסטיק מיטקעמפן מיט אים פאַר זיינע באַלדיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרבעסערונגען און דערגרייכונגען.

עס איז געװען די עס־עס אָרגאַניזאַציע וואָס האָט, אַרויסגעגעבן די ערשטע יידישע צייטונג אין אַרגענטינע צו דינען די זאַך פון די יידישע אַרבעטער.

„נאַכריכטן" האָט געהייסן די ערשטע אויסגאַבע אין דער פאָרם פון אַ פלוגבלעטל", רעדאַקטירט פון מ. פּאָלאַק. „נאַכריכטן", פון וואָס עס איז קיין אות נישט געבליבן, איז דערשינען טעגלעך אין בוענאָס איירעס און ביים 19טן נומער זיך אָפּגעשטעלט. װען דאָס איז געשען? נישט סוף 1906, ווי פ. כץ מיינט אין זיין בוך „צו דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע"- נאָר אינמיטן פון דעם יאָר, דעם 29סטן נאָװעמבער 1906 איז שוין דערשינען דער נומער 1 פון „דאָס אידישע לעבען" מיט דעם אונטערשטריך: „די ערשטע אידישע טעגליכע צייטונג אין אַרגענטינאַ", וועלכע ליגט איצט ביי מיר אויפן שרייבטיש. מ. פּאָלאַק, וועלכער איז אָנגעגעבן פאַר רעדאַקטאָר און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פאַר די אַרויסגעבערן, האָבן אוודאי נישט געהאַלטן „נאַכריכטן" פאַר קיין

צייטונג, אַנדערש וואָלטן זיי דאָך נישט געשריבן אַז „דאָס אידישע לעבען" איז די ערשטע טעגליכע צייטונג אין אַרגענטינע. און — אין אַפּריל 1907 איז „דאָס אידישע לעבען" שוין נישט געווען. די פעסטשטעלונגען ווערן דאָ געמאַכט דערנעבן, וויכטיק איז דער פאַקט אַז אין סאַמע אָנהייב פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַרגענטינע אין 1906 איז געווען אין איר די עס־עס אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ווי אַ פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע נישט געהאַט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, האָט אויך נישט געהאַט קיין גרויסע צאָל מיטגלידער און נישט גרויס איז געווען איר ווירקונג אויף די אַרבעטער־מאַסן, אָבער זי האָט געהאַט מוט און געוואַגטקייט פאַר גרויסע אונטערנע־מונגען און אַזוי אַרום איז געשען, אַז אין 1906 זאָל די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין בוענאָס איירעס האָבן אַ טעגלעכע יידישע צייטונג, דאַכט זיך די דריטע אין דער וועלט. *)

אָבער עס איז געווען דאָן קיכאָטיש מצד דער קליינער גרופּע יידישע נאָך „גרינע" אַרבעטער אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צייטונג (וואָס אויף די פליגל פון אידעאַליזם עס קאָן אַלץ געשען!) נאָר „דאָס אידישע לעבען", וואָס איז אויפגעגאַנגען נאָכן אונטערגיין פון „נאַכריכטן", איז אַליין אויך פּריצײ־טיק אונטערגעגאַנגען נאָך דרייסיק מאָל דערשיינען און דער אונטערגאַנג איז געווען סימבאָליש, — אין דעם זעלביקן יאָר 1907 האָט זיך אויפגעלייזט די אָרגאַניזאַציע ציוניסטן־סאָציאַליסטן — זי האָט זיך אויפגעלייזט אין דעם אויפלעב פון דער פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, הגם נישט אַלע עסעסאָווצעס זע־נען אַריין אין דער נייער אָרגאַניזאַציע.

***

ז. סאָרקין, יאָסל און פּ. כץ, וועקסמאַן און נאָך זענען געווען די פּאָר־גייער פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג אין אַרגענטינע, די גרינדער פון איר אָרגאַניזאַציע, אָדער פּאַרטיי און אירע פירער, די פּועלי־ציון פּאַרטיי, האָט אין 1908 צוגעקראָגן אַזאַ קראַפט, ווי דאָס איז געווען לעאָן כאַזאַנאָוויטש. זי האָט אין אָנהייב פון איר טעטיקייט זיך באַטייליקט אין דעם קאַמף קעגן די פרויען־הענדלער און באַלד זיך קאָנצענטרירט אַרום כאַזאַנאָוויטשן; אַרום זיין אינטעלעקטועלער, פּראָפּאַגאַנדיסטישער, אָרגאַניזאַציאָנעלער און איני־ציאַטיוו־טעטיקייט פון אומפּאַרטייאישן כאַראַקטער, מיטן אויסבליק אויף ברייטע יידישע פאָלקס־באַוועגונגען.

(*) מ. פּאָלאַק איז אין 1928 געווען פון די מיטגרינדער פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין באַשטאַנד פון בונדיסטן, אויסער אייניקע, ווי פּאָלאַק וואָס זענען נישט גע־ווען קיין בונדיסטן.

אין הסכם מיט אַזאַ טעטיקייט־פּראָגראַם איז אין 1909 געשאַפן געוואָרן דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער פאַרבאַנד וועגן וועמען עס איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרן: מען האָט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן די יידישע קאָלאָניסטן פאַר עקאָנאָמיש אויסבעסערן זייער סיטואַציע ביי דער ייקא־אַד־מיניסטראַציע און זייער מענטשן־ווירדיקייט („דער קריזיס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און דער מאָראַלישער באַנקראָט פון דער יק״א־אַדמיניסטראַציאָן״ — איז דער טיטל פון אַ בוך וואָס לעאָן כאַזאַנאָוויטש האָט אָנגעשריבן וועגן דעם און וואָס איז דערשינען אין 1910 אין לעמבערג נאָך דעם, ווי כאַזאַנאָוויטש איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון אַרגענטינע). עס איז אויך אַריין אין דעם פּראָגראַם דאָס אַרויסגעבן פון אַ צוויי־וואָכנשריפט: „ברויט און עהרע״ „פיר די אינטערעסען פונעם אַרגענטינער יודענטהום״, פון וועלכן לעאָן כאַזאַנאָוויטש איז באַשטימט געווען פאַר רעדאַקטאָר, אָבער „ברויט און עהרע״ איז דערשינען דעם 1טן אַפּריל 1910 נאָך דעם ווי כאַזאַ־נאָוויטש איז געווען אַרעסטירט און פון לאַנד אַרויסגעשיקט. „ברויט און עהרע״, וואָס איז דערשינען צוליבן עקאָנאָמישן וווילזיין פון יידישן פאָלק און צוליב זיין כבוד, ווי כאַזאַנאָוויטש האָט געשריבן און ווי עס מיינט דער שריי־בער פון די שורות איז „ברויט און עהרע״ פאַרבונדן געוואָרן מיטן קאַמף קעגן די פרויען־הענדלער און קעגן דער ייקא־אַדמיניסטראַציע, האָט זיך אָפּ־געשטעלט אין יולי פונעם זעלביקן יאָר 1910.

אין פאַרלויף פון די ווייטערע יאָרן האָט די פּועלי ציון אָרגאַניזאַציע זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג פאַר קעגנזייטיקער הילף, אין דער קאָאָ־פּעראַטיווער באַוועגונג און אין דער פאָלקס־הילף־באַוועגונג, בעת דער ערש־טער וועלט־מלחמה פאַר די מלחמה־געליטענע יידן. אין יענע יאָרן איז געקו־מען מ. רעגאַלסקי, וועלכער האָט זיך גייסטיק געשטעלט אין צענטער פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג. עס האָט איר סטימולירט די באַלפור־דעקלאַראַציע; זי האָט אויסגעברייטערט איר טעטיקייט, איר ווירקונג און אין 1918 הייבט אָן צו דערשיינען „די נייע צייט״ ווי אַ וואָכנצייטונג פון דער פּאַרטיי. שפּעטער קאָנצענטרירט זי זיך פאַרן באַשאַף און פאַרן אויפהאַלט פון אַ יידיש־וועלט־לעכער צוגאָב־שול ווי אַ נייער שולוועזן, וועלכער ווערט אָנגערופן „אַר־בעטער שולן ב. באָראָכאָוו״. עס קומט אויף די י. ק., אָדער די „לינקע״ פּועלי־ציון, וואָס שפּאַלט די באַוועגונג. די „לינקע״ פּ. צ. נעמען איבער דעם אַקטיוו. אַלץ ווערט קאָנצענטרירט אַרום די „אַרבעטער שולן ב. באָראָכאָוו״, זיי האַלטן זיך ביז 1932 ווען זיי ווערן געשלאָסן; אין 1934 לעבן זיי ווידער אויף, רעאָרגאַניזירט דורך אַ נייער שול־אָרגאַניזאַציע — די צענטראַל וועלט־לעכע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע („צווישאָ״).

***

אין אָקטאָבער 1905 האָט זיך קאָנסטיטואירט אין בוענאָס איירעס אַ „גרופּע רוסלענדער סאָציאַליסטן", וועמענס אַן אויפרוף צום ערשטן מאַי גע־דרוקט אין יידיש מיט רויטן טינט, עס איז צעטיילט געוואָרן אין אַפּריל 1906. דער דאָזיקער ערשטער 1טער מאַי־אויפרוף אויף יידיש אין אַרגענ־טינע האָט געמאָלדן דאָס ז יי ן פון דער גרופּע, נישט אָנגעבנדיק קיין פּערזענלעכן נאָמען; האָט דערקלערט די באַדייטונג פון 1טן מאַי, ווי אַ טאָג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַוועגונג און גע־רופן די יידישע אַרבעטער צו דער 1טער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון דער אַר־גענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די דאָזיקע „גרופּע רוסלענדער סאָציאַליסטן" איז באַשטאַנען פון סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן (בונדיסטן און „רוסישע" ס. ד. אָדער „איסקראָווצעס") סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, סינדיקאַליסטן און האַלבע אַנאַרכיסטן. דאָרט זענען געווען די ברידער ווערביצקי, די ברידער טשערניאַק, גזשיוואָץ, בעסמערטני, ברודניק, בראַסלאַווסקי, פּיקעלן, נודעלמאַן, ריסמאַן, לאַנדאַ, שיינער, ספּי־וואַק, שוואַרץ און אַ צאָל אַנדערע. איך האָב זיי געטראָפן אויפשטעלן די אַזוי אָנגערופענע „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" אין געסל לאַ פּאַז, צווישן טוקומאַן און וויאַמאָנטע און צווישן ראַדריגעז פּעניאַ און מאָנטעווידעאָ. איך האָב דער־שפּירט מיין סביבה, כאָטש מען האָט דאָ גערעדט נאָר אין רוסיש און איך בין צוגעשטאַנען.

***

דאָס בויען קודם־כל די ביבליאָטעק איז געווען סימבאָליש און פּראַקטיש. מיט דער קולטור־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן יעדע סאָציאַליסטישע און פּראָ־לעטאַרישע טעטיקייט און די קולטור־אַרבעט איז געווען שטענדיק, אומענד־ליך. חוץ דעם האָט די קולטור־זאַך גלייך אינטערעסירט די מענטשן פון די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס און זי האָט געשאַפן פּעריפעריע, צוציענדיק דעם נאָך נישט פּאַרטייאישן מאַסן־מענטש און ביבליאָטעק האָט נישט געמיינט נאָר אַן אָרט פון ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס דאָס איז געווען אַ גרויסע באַדערפעניש פאַרן נאָר־וואָס איינגעוואַנדערטן יידישן אַרבעטער, נאָר עס האָט געמיינט אַ לעבהאַפטיקער צענטער פון אַ פילפאַכיקער קולטור־אַרבעט אַ זאַמלפונקט פון יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ, אַן אַדרעס אין דעם ווייטן, פרעמדן לאַנד פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. און אין קולטור־טעטיקייט איז, בויענדיק אין כאַאָס, באַלד אויך אַריין די עפנטלע־כע אונטערנעמונג, די סאָציאָלאָגישע טריבונע, דער ליטעראַרישער קאָנצערט און די טעאַטראַלע פאָרשטעלונג. אין דעם זין געדענקט זיך אַזאַ ערשטע אונ־טערנעמונג אין בוענאָס איירעס פון 1906 אין סאַלאָן פון אַרבעטער הויז אויף

מעכיקאָ 2070, ווו די גרופּע רוסלענדער סאָציאַליסטן, שוין פאַרוואַנדלט אין דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ", האָט דורך אירע „ליוביטעלעס", צווישן וועלכע עס זענען נאָך נישט געווען קיין פרויען און מענער האָבן זיך באַדאַרפט פאַר־שטעלן און שפּילן פרויען־ראָלן, אויפגעפירט פאַר אַ פול־געפּאַקטן סאַלאָן מיט אַ יידישן אַרבעטער פּובליקום ש. אַנסקיס „די אונטערטעניקע", אָדער „פאָטער און זון" און טשעכאָווס „דער בער און דער שידוך" און דער דאָקטער ענריקע דיקמאַן, דעמאָלט שוין אַ פירער פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַר־טיי און דער געליבטער פאָלקסטימלעכער רעדנער ביי די אַלגעמיינע קאָס־מאָפּאָליטישע מאַסן פאַר זיין אַרט רעדן מיט הומאָר, האָט געהאַלטן אַ רע־פעראַט אויף שפּאַניש, (ע. דיקמאַן האָט שוין דאַן עקשנותדיק נישט גערעדט קיין יידיש און געפּרעדיקט צונויפשמעלצונג און אַסימילאַציע) וועגן ציוניזם־סאָציאַליזם, וואָס קיין איינער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

די שיפן, איבערהויפּט די דייטשע, וואָס זענען אַרויס פונעם נאָרדזעעשן האַמבורגער פּאָרט, האָבן געבראַכט צו די ברעגעס פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ וואָך־איין, וואָך־אויס טויזנטער יידישע אַרבעטער מיט רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ, צווישן זיי און זיי אַראָפּגעלאָזט אין בוענאָס איירעס. מיטן וואַנדערונגס באַגאַזש אויף די אַקסלען זענען זיי פון די שיפן קודם־כל גע־גאַנגען אין דעם מענטשישן מוראשניק, ווי דאָס איז געווען דער מלוכהשער אימיגראַנטן־האָטעל ווו יעדער אימיגראַנט האָט פריי געקראָגן די ערשטע טעג עסן און אַדאַך איבער זיך. און דער וועג פונעם יידישן אַרבעטער אי־מיגראַנט האָט געפירט פון רעטיראָ, ווו עס איז געשטאַנען דער אימיגראַנטן־האָטעל, אין געסל לאַ פּאַז, ווו עס האָט זיך געבויט אַ צענטער פון דער יידי־שער אַרבעטער באַוועגונג. דאָ האָט ער געטראָפן ביי דער בויאונג די פּיאָנערן, דיסקוטירנדיק, דעבאַטירנדיק אַזוי, אַז די רו פון די שכנים איז געשטערט געוואָרן; אויף דער גאָס האָט מען אין די שטילע נעכט געקאָנט מיינען, אַז מען קוילעט זיך אין דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" און גאַנצע פאַרזאַמלונגען זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, ווו איינגעשטילטע איבערנאַכט, האָבן די פאַרזאַמלטע גאַנץ פריי אויסגעהערט אַ רעדע אין שפּאַ־ניש פונעם פּאָליציי־קאָמיסאַר און נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט; זיי האָבן נאָר פאַרשטאַנען דעם צייכן פונעם קאָמיסאַר, אַז זיי זענען פריי און אַז מען הייסט זיי גיין.

מען האָט זיך נישט אײַנפאַרשטאַנען, הגם מען האָט גערעדט אויף איין שפּראַך, אויף רוסיש; עס האָבן זיך נישט איינפאַרשטאַנען די פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס. די וויטערדיקע אַרבעט האָט געפאָדערט אידעאישע איינ־

קייט. דער אויסוועג איז געווען צו שיידן זיך, הגם דאָס איז געווען זייער דראַמאַטיש.

***

דעם 30סטן יאַנואַר 1907(1) ווערט געגרינדעט אין בוענאָס איירעס, אין אַרבעטער הויז אויף מעכיקאַ 2070, די „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע „אַוואַנגאַרד", וועמענס באַשטאַנד, כאַראַקטער, אויפגאַבן און אידעאַל, אָדער ציל, עס ווערט פשוט און קלאָר אויסגעדריקט אינעם לאַנגן נאָמען.

די געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויף דער דערמאָנטער פאַר־זאַמלונג אָנגענומען און זיך געגעבן אַ קאָנסטיטוציע, אָדער סטאַטוט — אַן עכט בונדיסטישע, מיט אַ פּאַראַגראַף, וואָס זאָגט אַז „די אָרגאַניזאַציע טרעט אַריין אין דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע שטייט אויפן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט, אַלס אויטאָנאָמער טייל, בלייבנדיק זעלבסטשטענדיק אין פראַגן, וואָס באַלאַנגען ספּעציעל דעם יידישן פּראָלע־טאַריאַט". איז זי שוין געווען דער אויסדרוק פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע איינינקייט? ניין.

עס זענען געווען דריי סעקטאָרן איינער — אַזוי ווי אַ פאַרבלאָנדזשע־טער, אַריינגעפאַלענער, דאָס איז געווען דער „רוסישער" נישט קיין סאָציאַ־ליסטישער נאָר „אַריסטאָקראַטישער" עלעמענט, וואָס האָט נישט געקאָנט ליידן קיין יידיש; וואָס איז אים נישט אָנגעשטאַנען צו זיין, אין אַ קרייז פון יידישע אַרבעטער און ער איז צו קיינעמס באַדויערן באַלד אַוועק אין אַ „רוסישער געזעלשאַפט". דער צווייטער סעקטאָר איז באַשטאַנען פון סאָציאַ־ליסטן רוסיש־ריידנדיקע אַנטיבונדיסטן און דער דריטער סעקטאָר איז געווען דער יידיש־סאָציאַליסטישער־בונדיסטישער, און צווישן די סעקטאָרן האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאַמף. יידיש איז געשטאַנען אין צענטער פונעם קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ שפּאַלטונג, אָבער מיטן זיג פון יידיש און דעם בונדיזם.

צוויי קעגנזעצלעכע פּראַקציעס זענען באַלד אַרויסגעקומען פון דער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג, אָבער אין דער זעלביקער צייט ווען עס איז אָנגעגאַנגען דער אינערלעכער פּרינציפּיעלער קאַמף, איז אינטענסיוו אויך אָנגעגאַנגען אַ פּאָזיטיווע און וואָס אַמאָל מער פאַרצווייגטע אַקציע פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד", צוקריגנדיק כסדר נייע און אינטערעסאַנטע מענטשן: אידאַ

---

(1) צוליב גאַנצקייט פון דעם קאַפּיטל חזרט זיך דאָ איבער דאָס וואָס איז פריער שוין דערציילט געוואָרן.

באָנדאַראָװו, ש. קאַפּלאַנסקי, מ. מאַשעװיטש, ל. מאָס, אוסישקין, „לאַסאַל“, „קאָוטסקי“.

יעדן אָװנט, ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען געװען אויף לאַ פּאַז 43 פּאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס, דעבאַטעס, רעפעראַטן. אין אַזאַ אָװנט איז געקומען אַ מאַן אין די קליידער פון אַן אַרגענטינער פעלד־אַרבעטער, כמעט אַ גאוטש און געבליבן שטיין אין דער טיר, װייל דער לאָקאַל איז געװען געפּאַקט. ער הערט זיך איין, װי אַנדערע, צו דער איינלייטונג, דערנאָך צו דער דיסקוסיע און צום סוף גייט ער צו צום פאַרזיצער און באַט זיך אַן צו האַלטן אַ ציקל רעפעראַטן. עס איז געװען סטאַניסלאַװ װאָלסקי — אַ בלאָנדער רוסישער רוס, אַ סאָציאַליסטישער דענקער און טריבון. ער איז געקומען אָבסערװירן און שטודירן דעם אַנאַרכיזם, גייענדיק אַרבעטן אין פאַבריקן און אויף די פעלדער און לעבן צװישן די פּראָסטע אַרבעטער.

פאַר געפּאַקטע אודיטאָריעס אין די סאַלאָנען פון בוענאָס איירעס האָט ער געהאַלטן זיינע גייסטרייכע רעפעראַטן. פון זיינע רעפעראַטן װעגן אַנאַרכיזם איז אין רוסיש דערשינען אַ בוך, װאָס איבערזעצט אין יידיש פון מאָס האָט עס זיך געדרוקט אינעם זשורנאַל „דער אַװאַנגאַרד“. װאָלסקי איז אויך געװען פון די מענטשן, װאָס זענען צוגעשטאַנען צום „אַװאַנגאַרד“.

אָרגאַניזירט פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „אַװאַנגאַרד“ האָט דעם 1טן מאַי פון 1907 מאַרשירט איבער די גאַסן פון בוענאָס איירעס, צום ערשטן מאָל אין אַרגענטינע, אַ יידישע 1טע מאַי־מאַניפעסטאַציע, װאָס האָט זיך אָנגעהויבן אויף מעכיקאָ ביים אַרבעטער הויז און איז געגאַנגען אונטערן פלאַטער פון דער רויטער פאָן מיט יידישן אויפשריפט פון:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!“

„זאָל לעבן דער 1טער מאַי!“

אויף אַװענידאַ דע מאַזשאָ איז די יידישע זייער פייערלעכע און פאַרביקע אַרבעטער מאַניפעסטאַציע מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געװאָרן פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער מאַניפעסטאַציע, אין װעלכער די יידישע קאָלאָנע פון מאַרשירנדיקע מענער און פרויען מיט אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע און באַפרייערישע אויסרופן און לידער אויף יידיש — איז געװאָרן באַגריסט.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון לאַנד, װעמען די פּאָליטישע קעגנער האָבן אָנגערופן די פּאַרטיי פון די טשערטקאָװס, מחמת מאַריאַנאָ טשערטקאָװ איז געװען די פרוי פון כואַן ב. כוסטאָ, דער אידעאָלאָג און לערער פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פאַניאַ טשערט־

קאָוו די שוועסטער פון מאַריאַנאַ איז געווען די פרוי פון ד״ר ניקאָלאַס רע־פּעטאָ, דער צווייטער לידער פון דער זעלביקער פּאַרטיי. (ביידע — טעכ־טער פון אַ יידישער פאַמיליע), האָט געהאַט אידיאָמאַטישע גרופּעס: אַ דייַ־טשע גרופּע, אַ איטאַליענישע, אַ פראַנצויזישע און עס איז פאַר איר נישט גע־ווען קיין פּראָבלעם דאָס אַריינגעמען אין דער פּאַרטיי אַ יידישע גרופּע, אויב אַזאַ וועט זיך פּרעזענטירן. דאָס איז אין 1908 געשען מיטן „אַוואַנגאַרד״, אָבער נישט מצד דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד״, נאָר פון איר „רו־סישן״ טייל, וואָס האָט דורך דער רוסישער שפּראַך און קולטור געקעמפט קעגן דעם „נאַציאָנאַליזם״ פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, קעגן דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און חוץ דעם איז ביי די יידן, רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע אינטעליגענטן נאָך געווען אַ פראַגע צי איז יידיש קולטור און צי קען מען אויף יידיש רעדן פון סאָציאַליזם.

מיר יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — בונדיסטן און אַנדערע — נישט קיין געוועזענע בונדיסטן, וואָס האָבן ביי דער גרינדונג פון „אַוואַנגאַרד״ פאַר־געזען די מעגלעכע אָנשליסונג אין דער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי און אויסגעדריקט אַזאַ ווילן אין דעם אָנגענומענעם סטאַטוט (וועלכן דער שרייַ־בער פון די שורות האָט פּראָיעקטירט און אויפגעשריבן) האָט זיך קאָנקרעט מיטן אָנשלוס נאָך נישט געהאַט פאַרנומען. ערשטנס האָט מען זיך אַליין באַדאַרפט אָרגאַניזאַציאָנעל באַפעסטיקן; צווייטנס זענען מיר געשטאַנען אין נאָענטסטן קאָנטאַקט און אין די בעסטע חברלעכסטע באַציאונגען מיט דער אָנפירונג פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער לאַנד־פּאַרטיי און דורך דעם סאָלידאַריש פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער און סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג אין לאַנד, אין וועלכער די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד״, ווי אַ פאַרשטייענדיקע און רעפּרע־זענטאַטיווע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער מאַסן אין אַרגענטינע גע־פינט זיך, אַזוי אַז נישט מיר און נישט די לאַנד־פּאַרטיי האָבן געשפּירט עפּעס אַ שטערונג דורך דעם נישט זיין פאָרמעל אָנגעשלאָסן; דריטנס האָבן מיר געהאַט אין דער אָרגאַניזאַציע דעם פראַקציאָנעלן רוסיש־יידישן קאַמף נאָך פון פאַר דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע און מיר האָבן געהאַט צו קאָנצענטרירן אונדזערע כוחות פאַר יידיש, נישט נאָר צו קעמפן פאַר זיין רעכט און אים פאַרטיידיקן אין אַלע זיינע דימענסיעס, נאָר אויך באַקעמפן יעדן אָנגריף אויף דעם באַרופענעם און גערעכטלעכן ווערן פון דעמאָקראַטישן און באַפרייערישן „יידישלאַנד״; פערטנס האָבן מיר געהאַט די געוויסנהאַפּ־טע און באַוווסטזיניקע מיסיע צו זען די ביבליאָטעק זאָל ווערן פול מיט יידי־שע ביכער, זשורנאַלן, צייטונגען; אַז אויף פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, לעקציעס,

רעפעראַטן, דיסקוסיעס, דעבאַטן — זאָל מען רעדן יידיש; אַז די זייער פּע־איקע אַמאַטאָריש־אַרטיסטישע קרעפטן זאָלן גרייטן און געבן זייערע פאָר־שטעלונגען אויף יידיש; מיר האָבן געהאַט צו דערפילן אַ שליחות — צו אימ־פּאָנירן יידיש צווישן יידן אינטעליגענטן סאָציאַליסטן, וואָס ווילן אידעאיש טעטיק זיין צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן און דערגרייכן אַז יידיש זאָל באַ־הערשן דעם קולטור־וועזן ביי יידן.

מיר האָבן געפילט און געוווסט אַז הינטער אונדז שטייט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, וועמענס באַדערפעניש, ווילן אוןווירקלעכקייט מיר פאָלגן אויס מיט דער גאַנצער זיכערקייט פון זיג און אַזוי איז דאָס געשען.

עס איז דורכגעפירט געוואָרן די שפּאַלטונג, וואָס איז פּאַקטיש געווען פון ערשטן טאָג אָן אין „אַוואַנגאַרד" און דער „רוסישער" טייל, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פּאַרטיי, איבערלאָזנדיק זיך דעם יידישן נאָמען, האָט אויך אָ נ ג ע נ ו מ ע ן י י ד י ש פאַר זיין זשורנאַל „די שטימע פון אַוואַנגאַרד", וואָס ער, דער „אַוואַנגאַרד" צענטער, פון דער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן א ו י ט אָ נ אָ ם, פּונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַלע זיינע שריט אין דער יידישער אַרבעטער מאַסע און מיט זיין קאָאָפּע־ראַציע אין געמיינזאַמע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

***

דאָ איז נאָר וואָס דערמאָנט געוואָרן „די שטימע פון אַוואַנגאַרד", וואָס דער צענטער אַוואַנגאַרד ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אַרויסגע־געבן (אין יידיש), אָבער פריער האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען ווי אַ חודש־לעכער זשורנאַל „דער אַוואַנגאַרד", אַרויסגעגעבן פון דער זעלבסטשטענדי־קער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד".

דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין בוענאָס איירעס. אין אויגוסט 1908 און אויפן געביט פון דער זשורנאַליסטיק, פּובליציסטיק און בכלל דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט, וואָס איז אין לויף פון אַלע יאָרן געווען די נשמה, דער מוח און דער מאָראַלישער כוח פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, איז די אַוואַנגאַרד־פּרעסע, וואָס האָט זיך צייטנווייז אָפּגעשטעלט און כסדר ווידער אויפגעקומען און שטענדיק געלאָזט הערן דעם „מיר זענען ווידער דאָ" אונטער דעם זעלביקן נאָמען אָדער אונטער אַ געענדערטן — גע־ווען אַ גאָר גרויסער פּאַקטאָר, אַ דויערהאַפטיקער און אַ פאַרשפּרייטער פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַרגענטינע.

פּערמאַנענט פינאַנציעל געדריקט, האָט זיך „דער אַוואַנגאַרד" קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט איבער פינאַנצן. זיין אָפּשטעלן זיך איז כסדר געווען דורך

5. מאַס — מיטגליד אין דער אַנפירערשאַפט פון „אַוואַנגאַרד" פון 1907 ביז 1915, ווען ער איז געוואָרן שעף און דירעקטאָר פון „די אידישע צייטונג". אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַ קאָלאָניסט אין מערדאַנאַס.

„פוערסאַ מאַיאָר" אין פאַרבינדונג מיט גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן מיט זייערע שאַרפקייטן טיף זיך איינגעשניטן אין לעבן פון דער גאַנצער אַר־בעטער באַוועגונג, וואָס פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ קורצער צייט אָדער אויף אַ לענגערער ביז אַ באַנייטן אויפקום.

אַזוי האָט זיך „דער אַוואַנגאַרד" צום ערשטן מאָל אָפּגעשטעלט אין דעצעמבער 1909, ווען דאָס לאַנד איז געווען אין באַלאַגערונגס צושטאַנד,

וואָס האָט אָנגעהאַלטן 60 טעג, נאָך אַן אַטענטאַט פון ס. ראַדאָוויצקי, וואָס האָט געקאָסט דאָס לעבן פונעם בוענאָס איירעסער פּאָליציי־שעף ראַמאָן פאַלקאָן און וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די סאָציאַל־פּאָליטישע געשעע־נישן אין מאַי פון זעלביקן יאָר.

אין פעברואַר 1910 האָט „דער אַוואַנגאַרד" ווידער אָנגעהויבן צו דער־שיינען. עס איז געווען ווען די סיטואַציע אין לאַנד האָט זיך נאָרמאַליזירט און די אַרבעטער־באַוועגונג איז געקומען צו זיך.

עס איז געווען דאָס יובילײ־יאָר. דאָס הונדערטסטע יאָר פון דער אַר־גענטינער מאַי־רעוואָלוציע און פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און מען האָט געאַרבעט פאַר דער פייערונג פונעם ערשטן יאָרהונדערט מיטן גרעסטן פּאַרנעם. עס האָט זיך געוויזן גינסטיק די סיטואַציע פאַר דער אויפגעלעב־טער אַרבעטער באַוועגונג און זי האָט געזען צו דערגרייכן, אָן שטרייקן אָדער מיט שטרייקן, עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען און האָט אויך געפאָדערט באַ־פרייען די סאָציאַלע אַרעסטירטע און דעפּאָרטירטע און אַז עס זאָל אָפּגע־שאַפט ווערן דער דעפּאָרטאַציע־געזעץ.

אָבער אינמיטן מאַי האָט זיך געלאָזט הערן די רעאַקציע. עס איז ווידער דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד, דאָס מאָל אויף אַן אומבאַשטימ־טער צייט. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּאָגראָם אויף דער אַלגעמיינער סאָ־ציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער פּרעסע, דעמאָלירנדיק זייערע דרוקערייען און עס זענען איבערגעפאַלן געוואָרן די אַרבעטער־איינריכטונגען. די ביכער פון דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" (די גרעסטע יידישע און רוסישע ביבליאָטעק אין יענעם מאָמענט) זענען, אין יענער נאַכט, פון דער פּאָגראָם־מחנה אַרויס־געטראָגן געוואָרן אויף דער פּלאַסע פאַר דער נאַציאָנאַלער פּאַרלאַמענט־געביידע און זיי, אָן אַן אויטאָדעפע, נאָר אַזוי ווי ביי דער אינקוויזיציע פון שפּאַנישן מיטלאַלטער, האָט מען פון זיי געמאַכט אַ שייטערהויפן און זיי, די ביכער, ווי די טרעגער פון פרייע געדאַנקען, אידעען האָט מען אינטערגע־צונדן!

עס האָט נישט געשטימט מיטן פייערן דעם ערשטן הונדערט יאָריקן יובילײ פון באַפרייאונג, אָבער אַזוי איז דאָס געשען. דאָס יום־טוב־יאָר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם יאָר פון די אינטענסיווע און עקסטענסיווסטע סאָציאַל־פּאָליטישע רעפּרעסיעס, מיט אָפּגעשטעלטע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטן און פרייהייטן. דער פּאַרלאַמענט האָט אויך אָנגענומען אַ ספּעציעלן רעפּרעסיוון געזעץ. עס זענען אויסגעליידיקט געוואָרן די אַרבעטער־לאָקאַלן און עס זענען אָנגעפילט געוואָרן די תפיסות. מיטן שטראָם פון די באַנייטע

דעפּאָרטאַציעס איז אַוועק דער פּועלי ציוניסטישער פירער ז. סאָרקין. „דער אַוואַנגאַרד" האָט זיך אָפּגעשטעלט.

***

מיט די רעשטן פון דער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" האָט די יידישע ס. ד. אָרגאַניזאַציע אַוואַנגאַרד גענומען אויפבויען אַ נייע ביבליאָטעק וואָס האָט געהייסן „אַוואַנגאַרד" און איז מער נישט געווען אויף לאַ פּאַז, נאָר אויף וויאַמאָנטע און אָמבו (היינט פּאַסטעור), וווהין עס האָט זיך אַנגעהויבן אי־בערצורוקן דער יידישער צענטער, וואָס איז געווען אויף דער אַנדערער זייט קאַזשאַאַ ביז ליבערטאַד.

דער צענטער אַוואַנגאַרד ביי דער ס. פּ. וועלכער איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלס פּאַרטיי־צענטער אויפגעלייזט געוואָרן, ווייל די פּאַרטיי האָט אָפּגעשאַפט די אידיאָמאַטישע צענטערן ביי זיך, האָט געשאַפן אַ בי־בליאָטעק אויפן נאָמען פון דער פריערדיקער: „ביבליאָטעקאַ רוסאַ". אין דער זעלביקער צייט, ד"ה פון 1910 ביז 1914, האָט מען פּריוואַט, דורך מיטגלי־דער פון אַלע אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציעס, אויפגעבויט און אָנגעפירט מיט די ספּעציעלע טעטיקייטן פונעם יידישן אַרבעטער־פאַרבאַנד; פּאַרייניקט די ביבליאָטעקן פון אַוואַנגאַרד און פון פאַרבאַנד (אין וועלכער די פּועלי־ציון האָבן געהאַט אַריינגעטראָגן זייער ביבליאָטעק) און געשאַפן פון זיי די „פּראָגרעס" ביבליאָטעק; געשאַפן און אָנגעפירט מיט דער יידישער אַרבע־טער־קאָאָפּעראַטיווע פון ברויט.

אין אויגוסט 1913 האָט די אָרגאַניזאַציע אַוואַנגאַרד איבערגענומען די וואָכנצייטונג „אונדזער וואָרט" נאָך דעם, ווי די צייטונג איז דערשינען צען וואָכן (10 נומערן) ווי אַ פּריוואַט אונטערנעמונג פון ר. קאַגאַן און פּ. וואַלד (ר. קאַגאַן, אַ מאָסקווער, איז געווען פון רוסישן אַוואַנגאַרד, נאָר ער איז אַריבער אויף יידיש, אַזוי ווי מאַסעוויטש און אַנדערע).

„אונדזער וואָרט" איז אייגנטלעך די ווידער־דערשיינונג פון דער אַוואַנ־גאַרד־פּרעסע, נאָר אונטער אַן אַנדערן נאָמען, אַ גרעסערער פאָרמאַט און וועכנטלעך אויפן אָרט פון געוו' חודשלעכן „אַוואַנגאַרד". די צייטונג, וואָס איז איבערגענומען ביי אַ קאַפּיטאַל פון 65 פּעזעס, וועלכע זענען געזאַמלט געוואָרן אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע דעם 9טן אויגוסט 1913, ווו עס איז דורכגעפירט געוואָרן די טראַנזאַקציע און עס זענען אויס־געקליבן געוואָרן מ. ראַזען אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער אַדמיניסטראַטאָר און פּ. וואַלד אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר (א"ו. ב"א. 15 אויגוסט 1913), איז נאָך דערשינען צוויי חדשים ביזן 18טן נומער איינשליסלעך און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס איז געווען בעת דער רעגירונג פון פּרעזידענט ראָקע סאַענס פּעניאַ, דורך וועלכער דאָס לאַנד האָט זיך דערהויבן אַדאַנק טאַקע די פאָרגעשריטענע אידעען פונעם פּרעזידענט, וואָס האָבן זיך געפינען אין זיין היסטאָרישן וואַל־געזעץ און בכלל אין זיין ליבעראַלער, דעמאָקראַטישער און בירגעריש־סאַני־טאַרישער רעגירונג. דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין לאַנד, אָבער נישט פון יענע, וואָס קומען מיט באַלאַגערונגס־צושטאַנד און שטעלן אָפּ די אַרבעטער־באַוועגונג. פאַרקערט: פרייהייט און דעמאָקראַטישקייט האָט גע־הערשט איבער אַלץ. אין דעם מאָמענט איז די שטערונג געקומען פון דער וועלט.

קאַפּיטל XXXIII

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

1. — 1914.

אַ דעפּרעסיע האָט זיך געפילט; אַ עקאָנאָמישער דרוק; קריזיס; אַרבעט־לאָזיקייט; נויט; מורא — פון דער מלחמהדיקער ערדציטערניש אין אייראָפּע; טריפּאָלי, דער באַלקאַנישער „פרידן“, דער מלחמה־ווולקאַן וואָס האָט גע־דונערט אין די בערג פונעם אימפּעריאַליזם און וועלכער האָט אויסגעבראָכן אין דער געשטאַלט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914.

דער ים פון טויזנטער קילאָמעטער צווישן די קאָנטינענטן פון אייראָפּע און אַמעריקע האָט נישט דערווייטערט די מלחמה און אַרגענטינע — ווי זי וואָלט ביים לאַ מאַנש געליגן. בוענאָס איירעס, וואָס האָט שוין געפּיבערט פון דער ערב־מלחמה, איז באַלד אין ערשטן טאָג פון דער מלחמה אינוואַ־דירט געוואָרן — פונעם הונגער.

שאַרף און ווייטיקלעך איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דאָס יידישע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעטער־לעבן. אָפּגעשוואַכט און הילפסלאָז איז אַוועקגעפאַלן די אַרבעטער־באַוועגונג. אַוואַנגאַרדיסטן, געטריבן פון דער סיטואַציע, זענען אַוועק און האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד און אין די שכנישע לענדער. די געבליבענע האָבן געהאַט צו באַשטימען אין שייכות מיט דער סיטואַציע: זיין, אָדער נישט זיין. און עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ דערקלערונג, אַז די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד“ שטעלט אָפּ איר טעטיקייט ביז אַ אומבאַשטימטער צייט.

2. — יידישע פאָלקסהילף.

די געדריקטע עקאָנאָמישע סיטואַציע דורך דער מלחמה, וואָס האָט אָנ־געהאַלטן אַזוי לאַנג ווי די מלחמה, האָט אָבער נישט געשטערט צו שאַפן אַ פאָלקס־באַוועגונג צו הילף די יידישע מלחמה־ליידנדע — אויף דער אַנדע־רער זייט ים. עס איז געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, ווייל דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין אַרגענטינע האָט זיך אין איר באַטייליקט און ווייל די באַוועגונג איז געווען אַ פאָלקסטימלעכע. אירע אינספּירירער, אירע אָרגאַניזירער, אירע

אָנפירער און אויספירער זענען געווען מענטשן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַלע ריכטונגען. דאָס זענען געווען די מאַסן אין די גאַסן ביי די בלימלעך־אַקציעס; דאָס זענען געווען די צענדליקער און הונדערטער סוב־קאָמיטעטן אין בוענאָס איירעס און אין דער גאַנצער רעפּובליק און דאָס איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויך געווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאָלקסהילף, אין וועלכן מ. רעגאַלסקי, י. קאַרימאַן און דער שרייבער פון די שורות זענען געווען צווישן זיינע מיטגלידער.

קאָנסטרוקטיווע הילף — איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער פאָלקס־הילף און ער האָט זיך גענומען פון דער שעפערישקייט, פון דער דערהויבנקייט און פון דעם כאַראַקטער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

3. — יידן אין דער 3טער פאָלקסציילונג.

אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיך דאָס לאַנד געגרייט צו דער דריטער אַלגעמיינער פאָלקסציילונג און די מענטשן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע אָרגאַניזאַציעס, פאַר דעם אָפּשטעלן די טעטיקייט אָדער ביים ווידער באַנייען די טעטיקייט, האָבן געמיינזאַם, צו וועלכער עס איז אויך צוגעשטאַנען דער פאַריין פון דער יידיש־אַרגענטינישער שטודירנדי־קער יוגנט („כוווענטוד איזראַעליטאַ”), אָרגאַניזירט, אָנגעפירט און דורכגע־פירט אַ באַוועגונג פאַר דעם, אַז די ‏י י ד ן ז א ָ ל ן ז י ך ד ע ר ־ ק ל ע ר ן פ א ַ ר י י ד ן בעת דער פאָלקסציילונג.

עס איז נישט געווען קיין קלאַסן־אַקציע, פונקט ווי די פאָלקסהילף איז דאָס נישט געווען, אָבער דער גורל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָ, ווי אין דער גאַנצער וועלט, האָט אויך צו טאָן מיט די אַלגעמיינע נאַ־ציאָנאַלע, אָדער פאָלקס־זאַכן.

און נאָר מיט פּראָלעטאַרישן מוט האָט מען געקאָנט אַרויס אין קאַמף קעגן דעם פאַרפעסטיקטן טעותדיקן באַגריף, אַז מיר — יידן פון אַלע לענ־דער — זענען רוסן און קעגן דער שענדלעכער זעלבסט־פאַרלייקענונג מצד די יידן אַליין און דאָס דערקלערן זיך פאַר רוסן, פאַר דייטשן, פאַר עסטריי־כער, פאַר רומענער, פאַר טערקן — נאָר נישט פאַר קיין יידן!

צי מען האָט עפּעס דערגרייכט? אַזוי פיל וויפל מ׳האָט זיך פאַרגע־שטעלט. די באַוועגונג אַליין, דורך איר וואָרט און שריפט, געטראָגן עפנט־לעך איבערן לאַנד, אין אַלע ערטער ווו עס האָבן געוווינט יידן און געוועקט זייער געוויסן און זייער ווירדע און אַנטפּלעקט די עקזיסטענץ פון יידן צווישן דער קאָסמאָפּאָליטישער איינוווינערשאַפט פון לאַנד — איז געווען די דער־

גרייכונג, וואָס מ'האָט זיך פאַרגעשטעלט און מען האָט נאָך מער דערגרייכט: מען האָט דערגרייכט, אַז צענדליקער טויזנטער יידן — אַרבעטער און אַר־בעטנדיקע — האָבן זיך ביי דער פאָלקס־ציילונג פאַרשריבן פאַר יידן. אין יע־נעם מאָמענט איז פראָקלאַמירט געוואָרן אַ יידיש פאָלק אין אַרגענטינע.

4. — יידישער קולטור־קאָנגרעס אין 1915.

נאָך אַ באַוועגונג, וואָס איז אייגנטלעך נאַציאָנאַל און וואָס איז אין איר מאָדערנער און וועלטלעכער געשטאַלט די זאַך פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג און פון די גייסטיקע אַרבעטער — איז די יידישע קולטור. צוליב איר איז דורכגעפירט געוואָרן אַן איניציאַטיוו פאַר אַן אַרגענטינער יידישער קולטור־פעדעראַציע. עס זענען געווען קעגנער. מען האָט געפירט אַ קעגנע־רישע אַקציע, אָבער דאָ דערציילט זיך פון דער פאָזיטיווער זייט, פון דער שעפערישקייט און אין דעם גייסט האָב איך, ווי אַ מיטבאַטייליקטער, צו דערציילן, אַז דעם 27סטן נאָוועמבער 1915 האָט זיך אין לאַ פּלאַטאַ דער־עפנט דער ע ר ש ט ע ר י י ד י ש ע ר ק ו ל ט ו ר ־ צ ו ז אַ מ ע נ ־ פ אָ ר א י ן אַ ר ג ע נ ט י נ ע. („דער אַוואַנגאַרד", יאַנואַר 1916 ב. א.).

עס זענען געווען דעלעגאַטן:

י. קאַרימאַן און י. גרינבערג פון „מאַקס נאָרדוי" אין לאַ פּלאַטאַ. נ. מעדווע־דאָוו פון „פאָרווערטס" אין קאָלאָניע דאָראַ. ב. טראַסקונאָוו פון יידישן קולטור־פאַריין אין סאַנטאַ פע. א. פינסקער פון דער יידישער אַרבעטער ביבליאָטעק אין ראָזאַריאָ. ל. שוגאָרינסקי פון דער „יידישער פאָפּולערער ביבליאָטעק" אין טוקומאַן. וו. בערדיטשעווסקי פון דער יידישער פאָפּולערער ביבליאָטעק אין בערנאַסקאָני. א. ראָזענבלום און ס. בלאָשטיין פון דער יידישער ביבליאָטעק אין ווילאַ קרעספּאָ. פּ. פּיאַנקאָ פון דראַמאַטישן פאַריין „יעקב גאָרדין" אין בוענאָס איירעס. מ. ראָזען און פּ. וואַלד פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד". מ. וועבער און ע. שטערן פון אַל. ייד. אַרבעטער פאַרבאַנד. מ. פּאַדים און א. גאָבים פון דער „יידישער יוגנט". מ. נאָוויק און י. גאָראַדיצקי פון „זוכער פון אמת". בראָסלאַווסקי און קאַמעניץ פון דער „פּראָגרעס" ביבליאָטעק.

נאָך צען יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד האָבן זיך אָנגעשלאָסן. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו שיקן דעלע־גאַטן.

פונעם צוזאַמענפאָר איז אַרויסגעקומען אַ יידישע קולטור־פעדעראַציע מיט אַן אויספיר־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט אין בוענאָס איירעס און אָנגעהויבן פירן אַ טעטיקייט אינמיטן דער וועלט־מלחמה, בעת אַן עקאָ־נאָמישן קריזיס, נויט און הונגער.

5. — דער אַוואַנגאַרד.

די אויסוואַנדערונג פון אַוואַנגאַרדיסטן פון דער פּאַרטשטאַט און זייער איינוואַנדערונג אינעם אינערן פון לאַנד איז געווען יידיש קולטורעל און געזעלשאַפטלעך שעפעריש.

אין ראָזאַריאָ, אין מאָזעסוויל און אפילו אין אַ פּאַרוואָרפענער יידישער קאָלאָניע אין דער פּאַמפּאַ, אין אַבראַמאַ, זענען געשאַפן געוואָרן „אַוואַנגאַרד"־גרופּעס און זיי האָבן געשאַפן אָרטיקע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. די אַוואַנגאַרדיסטן זענען געווען פון די איניציאַטאָרס פון די אָרגאַניזאַטאָרס און די מיטשאַפער פון די יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין סאַנטאַ־פע און אין באַהיאַ בלאַנקאַ, אין קאָרדאָבאַ און אין ריווערא, אין מאָזעסוויל און אין טוקומאַן אין ענטרע ריאָס און אין סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ.

און אין בוענאָס איירעס?

אין בוענאָס איירעס, באַזונדערס אין דעם יידישן פּראָלעטאַרישן ווילאַ קרעספּאָ, האָט די דערקלערונג, אַז דער „אַוואַנגאַרד" שטעלט אָפּ זיין טעטיקייט, אַרויסגערופן אַ באַוועגונג פאַר באַלד באַנייען די טעטיקייט, נישט געקוקט אויף דער סיטואַציע, וואָס איז געוואָרן נאָרמאַל; עס איז געוואָרן נאָרמאַל דער עקאָנאָמישער קריזיס, די אַרבעטלאָזיקייט און די נויט.

די ברידער קאַצענעלסאָן, פּלעסל, ב. קנאַבל, די ברידער יאַפע, עדעלשטיין — צו דערמאָנען נאָר אייניקע — זענען אַרויס פון ווילאַ קרעספּאָ און מאַרשירט אויפן צענטער קעגן דער אָפּגעשטעלטער טעטיקייט און אין יאַנואַר 1916 האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען, ווי אַ חודשלעכער זשורנאַל, „דער אַוואַנגאַרד".

דאָס דערשיינען רעגלמעסיק, חודשלעך פון אַ יידיש סאָציאַליסטישן זשורנאַל, אין 40 זייטן, איז אַליין שוין געווען דער אויסדרוק פון אַ סכום טעטיקייטן פון אַ יידישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, אין אַרגענטינע און אונטערן דרוק פון דער וועלט־מלחמה. אָבער די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" האָט אויך אויסגעשפרייט, דירעקט און אומדירעקט, אַליין און צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, איר טעטיקייט אויף די פריער דערמאָנטע געביטן, צו וועלכע עס איז אויך כדאַי צוצושטעלן אַ באַוועגונג פאַר גלייכע רעכט.

6. — פאַר גלייכע רעכט

זיבן מיליאָן יידן אין די לענדער פון דער צאַרישער אימפּעריע האָבן געלעבט אין רעכטלאָזיקייט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. רעכטלאָז זענען אויך געווען די אַנדערע פעלקער אין דעם ראָמאַנאָוו־

לאַנד פון פאַרכאַפּטע לענדער, אָבער דאָס יידישע פאָלק איז געווען רעכטלאָזער; אין דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים פון אַ רוסישן זעלבסטהערשער — אימפּעראַטאָר האָבן הונדערט אַכציק מיליאָן מענטשן געלעבט אָן מענטשן־רעכט, אונטערטאַניש; די יידן זענען אויך געווען רעכטלאָז ווי מענטשן און חוץ דעם ווי יידן. די ספּעציעלע רעכטלאָזיקייט, אונטער וועלכער עס זענען אונטערגעוואָרפן געווען אַלע יידן ווי יידן, האָט נאַציאָנאַל באַליידיקט, נאַציאָנאַל דערנידעריקט, באַשטראָפט, פאַרפאָלגט, געפּייניקט און זי האָט געטראָגן מינדערווערטיקייט לגבי דעם יידן, נידערטרעכטיקייט און פּאָגראָמען.

אָפּשאַפן די ספּעציעלע רעכטלאָזיקייט און שאַפן גלייכהייט דורך גלייכע רעכטן פאַר אַלע פעלקער, איז אַ פּרינציפּיעלע, שטענדיקע, אוניווערסאַלע, סאָציאַליסטישע זאַך און ביי יידן איז דאָס אויך געווען אַ נאַציאָנאַלע זאַך. איז געווען רעכט און עס איז געווען אַ חוב צו זוכן אין יעדן מאָמענט דעם מאָראַלישן כוח צו רעאַליזירן דורך אים די גערעכטע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע שטרעבונג.

אין דעם גייסט האָט זיך דאָ געשאַפן אין מלחמה־צייט אַ באַוועגונג אין פאַרבינדונג מיט אַזאַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך געשאַפן אין פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע. דאָס איז אידעאיש, סאָציאַל און יידיש געווען איין באַוועגונג פאַר גלייכע רעכט פאַר יידן אין די לענדער, וווּ יידן אַלס יידן האָבן נישט קיין גלייכע רעכט. דער אויסקוק איז געווען אויף דער פרידנס קאָנפערענץ אין וועמענס קומען עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין צווייפל און פון וועמען מען האָט דערוואַרט אַ פרידן פון גלייכהייט און פון גערעכטיקייט.

דאָ רעדט זיך פון דער באַוועגונג, וואָס איז געווען די זאַך פון אַן אַרבעטער קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד", דער „אַרבעטער פאַרבאַנד", די „פּראָגרעס" ביבליאָטעק און די „ווײַזשאַ קרעספּאָ" ביבליאָטעק — מיטן אָנשלוס פון „מאַקס נאָרדוי" פון לאַ פּלאַטאַ; פון לאָקאַלע קאָמיטעטן פון מאָזעסוויל און פון באַהיאַ בלאַנקאַ, פון קולטור פאַריין פון סאַנטאַ פע און פון דער יידישער אַרבעטער ביבליאָטעק אין ראָזאַריע. („דער אַוואַנגאַרד" ב"א, פעברואַר 1916).

אָרגאַניזירט פונעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין פאַרייניקטע שטאַטן, איז אין ניו־יאָרק דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנגרעס מיטן אָנשלוס פונעם אַרגענטינער אַרבעטער קאָמיטעט, וועלכער האָט געשיקט אַ מאַנדאַט דעם יידישן סאָציאַליסטישן אָנפירער אַלגין און די באַשטימונג פון דערמאָנטן קאָנגרעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראָיעקט, וועלכן דער יידי־

שער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט מייער לאָנדאָן האָט אַריינגעטראָגן אין פּאַר־לאַמענט, און לויט וועלכן פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, ווען פּרעזידענט ווילסאָן עס האָט שוין געהאַט געגרייט זיינע דעמאָקראַטישע פּונקטן פאַר דער פרידנס קאָנפערענץ, זאָל אויף דער קאָנפערענץ פאַרשלאָגן פאַר יידן גלייכע רעכטן אין יענע לענדער וווּ אַזאַ פאָדערונג קאָן נאָר זיין.

7. — באַפרייט רוסלאַנד — באַפרייט דאָס יידישע פאָלק.

אין מאַי פון 1917 האָט זיך „דער אַוואַנגאַרד" אָפּגעשטעלט. עס רעדט זיך פונעם זשורנאַל „דער אַוואַנגאַרד" — דער פּרעסע־אָרגאַן פון דער אָר־גאַניזאַציע מיטן זעלביקן נאָמען וואָס האָט גראָד פאַרשטאַרקט און אויסגע־ברייטערט איר טעטיקייט.

וואָס איז געשען?

אַ רעוואָלוציע! אַ גרויסע רעוואָלוציע איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם גרויסן רוסלאַנד; אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. ווי האָט געזאָגט פּלעכאַ־נאָוו: „די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיגן אַלס אַרבעטער רעוואָלוציע, אָדער זי וועט נישט זיגן". די וועלט־מלחמה האָט געפלאַקערט. ידיעות האָבן געמוזט קרייצן דאָס פייער. עס האָבן געברענט אַלע קאָמוניקאַציע־פעדים. אָבער ווער קאָן פאַרשטעלן פאַר די אויגן פון דער וועלט די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע! הערט, הערט: נישט מער קיין צאַריזם. אויס מיט דער ראָמאַנאָוו־דינאַס־טיע. אַן אַרבעטער פירער שטייט בראש פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. עס אָרגאַניזירן זיך אַרבעטער־ראַטן! אויס מיט דער דיקטאַטור. פרייהייט אין רוסלאַנד. באַפרייט דאָס יידישע פאָלק. גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן פאָלק און פאָלק; צווישן מענטש און מענטש!

מען איז פאַרטשמעליעט פון גליק. „פאַרניכטעט איז דער רוסישער צאַ־ריזם!" — רופט אויס די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" אין באַגייסטערונג אין אַ באַגריסונגס־אויפרוף — „מיט אים ווערט באַגראָבן דער ראַסן־האַס, די אכזריותדיקע אוממענטשלעכע פאַרפאָלגונגען קעגן דער זיבן מיליאָנענדיקער יידישער באַפעלקערונג און די הערשאַפט פון הענקער און תליות".

„די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנ־גאַרד" קעגנאיבער דער גרויסער היסטאָרישער וועלט־פּאַסירונג, וואָס פאַר־ווירקלעכט אַזוי פיל פון אונדזערע האָפענונגען, רופט די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער אַרגענטינער רעפּובליק אויף דער גרויסער באַדייטונג, וואָס עס האָט פאַר יידן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט מיט איין קלאַפּ אַראָפּגענומען פון אונדזערע רוקנס דעם תחום, די

לערן און האַנדלס־באַגרעניצונגען, די ווילדע פּאָגראָמען און אונדז פאַר־וואַנדלט אין פרייע בירגער פון דער גרויסער, רייכער און פרייער רוסלאַנד״. („דער אַוואַנגאַרד״, מערץ, 1917). ביי מיין אָנוועזנהייט האָט די יידישע באַפעלקערונג פון מאָזעסוויל אין באַגייסטערונג אָנגענומען און געשיקט אַ קאָלעקטיווע באַגריסונג־טעלעגראַמע צו דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג פון באַפרייטן רוסלאַנד.

איז נישט געווען דאָס גענמיט פאַרן זשורנאַל און מען האָט זיך אַריינ־געטאָן אין אַ ריי גרעסערע אונטערנעמונגען צווישן זיי אַרויסגעבן אַ צוויי־וואָכן־צייטונג.

**
*

די וויטערדיקע געשעענישן אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, וואָס האָבן נישט געשטימט מיטן אידעאַלן סאָציאַליזם און האָבן געטראָגן שפּורן פון אַ דיקטאַטור און גוואַלד, האָבן געענדערט די שטימונג אין דער אַרגענטינער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. זי איז געוואָרן שווער און די וועלט־מלחמה האָט געדויערט און די שטימונג אַלץ שווערער געמאַכט.

די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד״, אין וועלכער פאַרשידענע שטימונגען און אפילו מיינונגס־פאַרשידנקייטן זענען געווען אָנערקענט און איבער דעם נישט געשטערט די איינִיקייט פאַר דער אָרטיקער, באַלדיקער פּראַקטישער אַרבעט, איז אָנגעגאַנגען מיט אַן אויסגעפּלאַנטער טעטיקייט. עס זענען גע־גרינדעט געוואָרן און עס האָבן געפירט אַ טעטיקייט פיר צענטערן „אַוואַנ־גאַרד״ אין בוענאָס איירעס: אַ פּרויען צענטער; אַ צענטער אין יידישן צענ־טער פון שטאָט, אַ צענטער אין ווילזשאַ קרעספּאָ און אַ צענטער אין באָקאַ באַראַקאַס. „אַוואַנגאַרד״־צענטערן האָבן זיך אויך געשאַפן און זענען טעטיק געווען אינעם אינערן פון לאַנד, ווי אין ראָזאַריאָ, אין מאָזעסוויל, אין מאָני־גאָטעס און אין דער קאָלאָניע דאָראַ.

דעם 16טן אויגוסט 1918 האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען „דער אַוואַנגאַרד״. דאָס מאָל ווי אַ צוויי־וואָכן־שריפט און ווידער אַלס „אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד״.

אין יאַנואַר 1919 האָט זיך „דער אַוואַנגאַרד״ אָפּגעשטעלט — אויף איין חודש, אָבער — אָפּגעשטעלט. ווייסן מיר, אַז ווען „דער אַוואַנגאַרד״ שטעלט זיך אָפּ, איז עפּעס געשען.

קאַפּיטל XXXIV

צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה

1 — די טראַגעדיע פון 1919

די וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט סוף 1918. זי האָט זיך פאַרענדיקט מיט רעוואָלוציע. עס האָבן זיך געטראָגן פון איר פּראָלעטאַרישע סאָציאַלע טענער. פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע מענטשן האָט די רעוואָלוציע אין גאַנג, דאָרט אויף דער אַנדערער זייט ים, צעשטעלט אין אירע פּראָוויזאָרישע רעגירונגען. פאַרויס האָט זיך געזען די רוסישע רעוואָלוציע אין אירע גוואַלדזאַמע פאָרמען. זי האָט דאָ אַרויסגערופן די טראַגעדיע פון 1919.

די „טראַגישע וואָך".

עס איז שוין פריער דאָ דערציילט געוואָרן פון דער טראַגעדיע אין די יאַנואַר־טעג פון 1919, וועלכע האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט באַלד נאָך דער מלחמה, ווען עס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צוריקצופּעפּענען די וועגן צווישן די קאָנטינענטן און די פּאָרטן, אָבער קיין פרידנס שיפן האָבן זיך נאָך נישט געוויזן. עס האָט נאָר אינטענסיוו געאַרבעט די טעלעקאָמוניקאַציע און די דרוק־מאַשין, פון וואַנען עס האָט געשטראָמט מיט די רעוואָלוציאָנערע ידיעות, עס זענען געוועז פאַרשידן די שטימונגען און פאַרשטעלונגען וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן ביי די פאַרשידענע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט. אומגליקלעך איז געווען זייער ווירקונג אויף דער רעגירונג פון היפּאָליטאָ איריגאָזשען, וואָס מיט איר מיסטיציזם איז זי אַריינגעפאַלן אין פיבער פון מורא און האָט זיך געלאָזט אַריינכאַפּן אין דער נעץ פון דער קאָנסערוואַטיווער און קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע.

און עס איז געשען די טראַגעדיע.

פאַר די געשעענע פאַקטן, אויף וויפיל זיי האָבן באַרירט די יידן, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ זייער אינטענסיווע אַפּעלירנדיקע כל־ישראל־טעטיקייט (זי איז איבערגעגעבן אין מיין אַרבעט א"נ: „יידן אין דער טראַגישער וואָך" אין „אַרגענטינער ייוואָ שריפטן" נ' 4, בוענאָס איירעס, 1947). אַ פּלאַקאַט, וועמענס פאַקסימיל עס ווערט דאָ איבערגעגעבן דאָקומענטירט איינער פון די פאַרשידענע טעטיקייטן.(*)

* זען די זייטן 341 און 342.

און דאָ זאָל דערציילט ווערן אין קורצן ווי אַזוי עס האָט זיך אָפּגערופן און וואָס עס איז געווען די טעטיקייט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין יענע טראַגישע טעג און צומאָרגנס נאָך זיי.

דאָס לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן, אָבער די סיטואַציע האָט נאָך נישט דערלויבט אויפצולייזן דעם „קאָמיטעט פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט". אין דעם טאָג ווען די דערמאָנטע קאָמיסיע האָט באַזוכט דעם אינערן־מיניסטער, האָט זיך דער נויט־קאָמיטעט פאַרוואַנדלט אין אַ פּערמאַנענטן, קאָנסטיטואירנדיק זיך פונדאָסניי, און עס זענען באַגייט געוואָרן אַלע זיינע קאָמיסיעס.

אין דעם רעקאָנסטרואירטן פּערמאַנענטן קאָמיטעט פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, צונויפגעשטעלט פון פּערזאָנען וואָס האָבן זיך פרייוויליק אָנגעבאָטן כדי זיך אָפּצוגעבן דער יידישער אַקציע, איז נישט געווען רעפּרעזענטירט דער יידישער באַוווסטזיניקער אַרבעטער. אויף דעם דערמאָנטן פּלאַקאַט און ענלעכע דאָקומענטן זענען נישטאָ די נעמען פון די יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס וואָס זענען געווען פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע שאַטירונגען; עס זענען נישטאָ די נעמען פון די יידישע קולטור־פאַריינען וואָס זענען כמעט אַלע געווען פון יידישע אַרבעטער און פון יידן מיט „פאָרגעשריטענע אידעען", ווי די רעאַקציע פלעגט רופן אַלע יידן און גויים וואָס האָבן געדענקט סאָציאַליסטיש, אַנאַרכיסטיש, סינדיקאַליסטיש און בכלל פריי; אידעאיש און צום טייל אויך אָרגאַניזאַציאָנעל זענען די נישט־רעפּרעזענטירטע און נישט־פּאַרטראָטענע יידן אין דעם קאָמיטעט פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די אַלגעמיינע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס און געפירט אַן אַקציע אין זייער גייסט און אויף זייער שטייגער. די אַלגעמיינע אַרגענטינער אַרבעטער־צענטראַלעס און די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָבן זיך געפונען צווישן די דערמאָנטע אַלגעמיינע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס.

די מאַסן פאַרהאַלטענע יידן זענען באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע אַרעסטירטע אויף דער פאָדערונג פון די אַרבעטער־צענטראַלעס, ווי אַ באַדינג צו פאַרענדיקן דעם גענעראַל־שטרייק. און אויב עס איז נייטיק געווען צו שטעלן די האַנדלונג פון דער מאַכט פאַרן געריכט און פאַרן פּאַרלאַמענט, איז דאָס געטאָן געוואָרן דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אויך אָנגעבאָטן די יידן יורידישע און מעדיצינישע הילף.

עס האָט זיך אויך אָפּגערופן די אַרגענטינער סטודענטן־פעדעראַציע. זי האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו ווייזן, אַז די אַרגענטינער אוניווערזיטעט־סטודענטן פון 1919 זענען מער נישט די ברענער פון יידישע ביכער, ווי

דאָס זענען געווען די סטודענטן פון 1910. די סטודענטן פון 1919, מיט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן אַרבעטער־עלעמענט צווישן זיי, וואָס האָבן ערשט אַליין אַדורכגעפירט אַ היסטאָרישן זיגערישן קאַמף פאַר דער וועלטלעכער און דע־מאָקראַטישער אוניווערזיטעט־רעפאָרם, האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק צו ווייזן, אַז נישט זיי האָבן פאַגראָמירט און אַז נישט זיי געהערן צו דער „ווייסער גוואַרדיע". זיי האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק דורך זייער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אַרויסצוטראָגן זייער דעקלאַראַציע וועגן די געשעענישן. אין אַ מאַניפעסט, וואָס די אַרגענטינער סטודענטן־פעדעראַציע האָט אַרויסגעלאָזט, זאָגט זי:

„די אַרגענטינער אוניווערזיטעט־פעדעראַציע האַלט פאַר איר חוב זיך צו ווענדן צו אַלע אוניווערזיטעט־סטודענטן פון לאַנד אין אַנבליק פון די געשעע־נישן וואָס האָבן אויף אַ מאָמענט צעשטערט די עפנטלעכע אָרדענונג.

מיר פילן זיך באַליידיקט און פאַרמישפּטן די באַרבאַרישע מעשים פון דער אַרגענטינער יוגנט קעגן ערלעכע אויסלענדישע מענטשן און זייערע היימען, ווע־מענס איינציקער „פאַרברעך" עס איז זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם און זייער אָרעמקייט.

דער געיעג אויפן רוס אָדער ייד וועט בלייבן אַ שאַנדפלעק אויף אונדזער קולטור. ווילן מיר אין דעם מאָמענט רייניקן זיך פון דעם שאַנדפלעק דורך אַ פאַרברידערונג מיט די הונדערט טויזנט ייִדן וואָס וווינען אין אונדזער לאַנד און וואָס באַוועדיקן זיך מיט זייער ערלעכער אַרבעט.

אונטערגעשריבן: אָסוואַלדאָ לודעט — פּרעזידענט — פאַרטרעטער פון די סטודענטן פונעם בוענאָס־אײַרעסער אוניווערזיטעט; היראַם פּאַסאָ — גענעראַל־סעקרעטאַר — און גרעגאָריאָ בערמאַן, פאַר די סטודענטן פונעם קאָרדאָבער אוני־ווערזיטעט; בוליאָ וו. גאָנזאַלעז פאַר די סטודענטן פון לאַ פּלאַטער אוניווערזי־טעט; אַנכעל ב. קאַבאַזשעראָ פאַר די סטודענטן פון סאַנטאַ־פע (ליטאָראַל־אוני־ווערזיטעט) און גאַבריעל דעל מאַסאָ פאַר די סטודענטן פון טוקומאַנער אוני־ווערזיטעט".

נאָך אַ דאָקומענט:

„פּראָטעסט־רעזאָלוציע פון דער יידישער
סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע
„אַוואַנגאַרד

די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע „אַוואַנגאַרד" טראָגט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט איר פּראָטעסט קעגן דער פּאָליציייִשער פאַרשווערונג פון אַ צוגעטראַכטן „מאַקסימאַליסטישן" אויפ־שטאַנד, מיט וועלכן זי האָט זיך געדינט אַלס אויסרייד אָנצופאַלן אויף די אַר־בעטער אין אַלגעמיין און באַזונדער אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

כדי צו פאַרבאָרגן די דאָזיקע פאַרשווערונג פאַר דער עפנטלעכקייט האָט די מאַכט אויסגעקליבן אונדזער חבר פּנחס וואַלד פאַרן פאַנטאַסטישן פּרעזידענט

פון אַ מאַקסימאַליסטישע רעגירונג, איז אַרעסטירט און אים אינקוויזיטאָריש באַהאַנדלט אין די טעג פון זיין אַרעסט.

דער גאַנצער פאַרמעגן אין אונדזער צענטראַלן לאָקאַל איז צעבראָכן, צע־ריסן, פאַרברענט און צעראַבירט געוואָרן. ענלעכס איז געטאָן געוואָרן מיטן פאַר־מעגן פון אַנדערע יידישע לאָקאַלן. עס זענען באַפאַלן און פאַנגראַמירט געוואָרן פריוואַט־הייזער. צווישן די טויזנטער אָן אַ פאַר וואָס אַרעסטירטע אין די גאַסן און אין די היימען, וועלכע מען האָט שווידערלעך באַליידיקט, געשלאָגן און אינ־קוויזיטאָריש געפייניקט — זיינען געווען אַ גרויסע צאָל אונדזערע מיטגלידער.

די פּאָליציי־אַישע און מיליטערישע אויטאָריטעט האָט צוגעזען ווי מען שענדט, ווי מען רויבט, ווי מען מאַכט פאַגראָמען און ווי מען הרגעט און זי האָט דאָס נישט געשטערט.

די פּאָליציי און דאָס מיליטער האָט נישט נאָר דערלויבט דעם מערדערישן פאַגראָם אויף יידן, נאָר זי האָט אויך מיט אירע וואָפן מיטגעהאָלפן די באַר־באַרישע אַקטן פון דער ווייסער גוואַרדיע און פון די שפּיאָנען.

די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" זעט אין דעם אַלעם אַ פינצטערע פּאָליטיק פון דער „ראַדיקאַלער" רעגירונג, וועלכע איז ענלעך צו דער פאַרשווונדענער פאַגראָם־פּאָליטיק פון דער עקס־צאַרישער רעגירונג אין רוסלאַנד; זי זעט אין דער ספּעציעלער יאָגד אויף „רוסן" אַן אויפהעצונג צו ראַסנהאַס מיטן ציל צו פאַרטשאַדען די קעפּ פונעם פאָלק און אַריינטראָגן אַ כאַאָס און אַ פּאַניק אין דער נאָרמאַלער פּאָליטישער באַוועגונג פון לאַנד, און אַזוי אַרום צערודערן און פאַרטומלען דעם גלייבן פּאָליטישן און לעגאַלן קאַמף קעגן דער טעטיקייט אָדער אומטעטיקייט פון דער רעגירונג, וועלכע אַנטשפּרעכט נישט די נייע באַדערפע־נישן פון פאָלק און לאַנד.

די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" טראָגט אַרויס איר פּראָטעסט קעגן די באַר־באַרישע גוואַלד־אַקטן, וואָס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין דער בלוטיקער יאַ־נואַר־וואָך דורך דעם פּאָליצייאישן טעראָר און דערקלערט, אַז נאָך מיט מער מוט און אַנטשלאָסנקייט וועט זי פאַרזעצן איר סאָציאַליסטישע טעטיקייט פאַר אַ בעסער לעבן אין אַרגענטינע.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער
אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד"

די אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד" האָט אויך אַדורכגעפירט עפנטלעכע פּראָטעסט־אַקטן. איינער איז פאָרגעקומען אין שטאָט־צענטער, אין סאַלאָן „גאַריבאַלדי" דעם 13טן פעברואַר. איינער פון די געוועזענע אַרעסטירטע דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע בערנשטיין האָט געעפנט דעם אַקט און מיט ווערטער ווי רעדנערס זענען אַרויסגעטראָטן ש. קאַפּלאַנסקי, איך און דער ד״ר פּעדעריקאַ פינעדאַ. אַ צווייטער אַקט איז פאָרגעקומען אין ווילאַ קרעספאָ, אין סאַלאָן „קאָנינג". דער אַקט איז געעפנט געוואָרן פון פּראָפ' יאַראָשעווסקי און עס האָבן זיך באַטייליקט בערנשטיין, איך, ראָזען און פּע־רעסאָסאַ.

דעם 14טן פעברואַר 1919 איז „דער אַוואַנגאַרד" ווידער דאָ. אַ ריי נו־מערן גייען אַרויס מיט די אָפּקלאַנגען פון דער „טראַגישער וואָך".

2 — שפּאַלטונגען

דער מאָסקווער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט שפּעטער גע־הייסן קאָמוניסטישער, האָט דורך דער באָלשעוויסטישער רעגירונג אַריינ־געזעצט אַ קלין פון 21 שפּאַלטונגס־פּונקטן אין דער אוניווערסאַלער אַרבע־טער־באַוועגונג און די שפּאַלטונג און די צעשפּליטערונג האָט נישט אויסגע־מיטן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע.

אויף לינקס און רעכטס האָט זיך געשפּאָלטן די פּועלי־ציון־באַוועגונג. אייניקע זענען אַוועק ווי יחידים אין דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און נאָך אַנדערע זענען אויך יחידיש געבליבן אין דרויסן, פּריי. מיט קליינע אויסנאַמען זענען כמעט אַלע אַוועק אויף לינקס, אָדער איבערגענומען די אָרגאַניזאַציע מיטן אַקטיוו און דעם גאַנצן אינווענטאַר.

דאָס זעלביקע איז געשען מיט דער „אַוואַנגאַרד"־באַוועגונג מיט דעם אונטערשיד, וואָס קיין „רעכטע" אָרגאַניזאַציע איז פון „אַוואַנגאַרד" נישט געבליבן. דער „אַוואַנגאַרד" אַלס גאַנצער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איז שפּעטער געווען די „אידסעקציע" פון דער קאָמוניסטישער לאַנד־פּאַרטיי, שפּאַלטנדיק זיך שטענדיק צוזאַמען מיט שפּאַלטונגען פון דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

3 — יידישע אַרבעטער באַוועגונג פון 1920 ביז 1930

די ענדערונג פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, אין זין פון ווערן קאָמוניסטיש, האָט זיך אָנגעהויבן אין 1920 ווען עס האָט זיך נאָך דער מלחמה ווידער באַנייט אַ גרויסע יידישע פּראָלעטאַרישע איינוואַנדערונג. אָבער — זאָל מען נישט מיינען, אַז די באַוועגונג איז געוואָרן קאָמוניסטיש פון דער איינוואַנדערונג. די פאַרוואַנדלונג פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנ־גאַרד" איז פאַרגעקומען סוף יאָר 1919. „דער אַוואַנגאַרד" — זיינע לעצטע נומערן — איז אין אָנהייב פון 1920 שוין געווען דער אָרגאַן פון דער אי־דעאיש געענדערטער אָרגאַניזאַציע. אָבער די קאָמוניסטן, וואָס זענען געקומען מיט דער נאָך מלחמה־איינוואַנדערונג, האָבן נישט געלאָזט אָפּשוואַכן די קאָמוניסטישע ווירקונג און איר כסדר געשטיצט מיט צוגעקומענע פרישע כוחות.

אויפן אַרט פון „אַוואַנגאַרד“ איז דערשינען אין 1924 „דער רויטער שטערן“ ווי אַ וועכנטלעכע צייטונג און איז דערשינען אַלס אָרגאַן פון דער „קאָמפּאַרטיי“ און אַלס צייטונג פון דער יידישער קאָמוניסטישער באַוועגונג ביז 1934, גייענדיק אין גאַנג פון די יאָרן באַגלייט פון פּרעסע־אָרגאַנען פון באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס, קאָמוניסטיש אינספּירירטע, אָריענטירטע און געפירטע, ווי דער זשורנאַל „אין גאַנג“, דערשינען אין 1933 ביז 1937; „אויף דער וואַך“ פון דער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע קעגן אַנטיסעמיטיזם; „נייוועלט“; „דער יידישער פויער“ פון פּראָקאָר; „רויטע הילף“ פון מאָפּר; „מיין שול־כאַווער“; „שול־וועג“ פון די אַרבעטער שולן, ווי אויך די אויסגאַבעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען: „די אַרבעטער אָרגאַניזאַציע“ (1920 — 1922); „נאָדל־אַרבעטער“ (1922); „דער קאָנפעקציאָן אַרבעטער“ (1935) און נ״א.

די יידישע אַרבעטער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אין משך פון צען יאָר, פון 1920 ביז 1930, כמעט אינגאַנצן געפונען אונטער דער קאָמוניסטישער השפעה, האָט נישט געטראָגן דעם קאָמוניסטישן נאָמען. עס איז קיינמאָל נישט אויפגעקלערט געוואָרן די אָרגאַנישע פאַרבינדונג און אירע ענדערונגען צווישן דער יידישער און דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער באַוועגונג; קיין יידישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט גערופן קאָמוניסטישע (ס׳איז געווען אַ ספּעציעלע פּאָליציי־סעקציע קעגן קאָמוניזם), ווי דאָס איז עפנטלעך באַקאַנט געווען, אָבער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, טאַקע מיטן קאָמוניסטישן נאָמען, איז געווען לעגאַל, אָדער נישט אומלעגאַל; אַלע אָרגאַניזאַציעס און אַקציעס, וואָס צוזאַמען איז דאָס געווען די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין די דערמאָנטע יאָרן, זענען אָפיציעל און עפנטלעך געווען אומפּאַרטייאישע פאַר ספּעציעלע צוועקן און מ׳האָט עפנטלעך אַרויסגעוויזן דעם אינטערעס אַריינצוציען געזעלשאַפטלעך באַקאַנטע מענטשן נישט קיין קאָמוניסטן און אויך טוער פון אַנדערע פּאַרטייען.

„פּראָקאָר“ איז געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין. דער נאָמען איז אַ פאַרקירצונג פון „פּראָלעטאַרישער קאָמיטעט פאַר די הונגער־ליידנדע אין ראַטנפאַרבאַנד“, וועמענס באַשאַף און באַוועגונג דער הונגער אין ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָ אַרויסגערופן. איך בין געווען פון זיינע גרינדער און טוער אין פאַרלויף פון יאָרן און כ׳בין אפשר דעריבער באַרופן און מחויב אויפצוקלערן דעם פאַקט, די סיבה, דעם געפיל און דעם געדאַנק פון דער געשאַפענער באַוועגונג, ווען איך נאָר פעסטשטעלן, אַז נאָך דעם הונגער אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס איז געווען אין 1921־22, האָט דער „פּראָקאָר“ פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט צוליב רעקאָנסטרוקטיווע און סאָלידאַרישע הילף דעם ראַטנפאַרבאַנד און אויך איינגעפירט און אַנגעפירט אַ פּריוואַטע און פּאַ־

מיליאַרע הילף דורך איבערשיקן פון דאָ אין ראַטנפאַרבאַנד, פון קרובים צו קרובים שפּייז, וועש, קליידער און אַרבעט־געצייג. דער „פּראָקאָר" איז געווען די פאַרבינדונג מיט ראַטנפאַרבאַנד דעמאָלט, ווען קיין אָפיציעלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונג איז נישט געווען און קיין עקאָנאָמישע — אויך נישט און שפּעטער איז דער „פּראָקאָר" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר דער אַזוי גערופענער יידישער איבערוואַנדערונג — פון דעקלאַסירטקייט אין שטאָט צום פּויערן קלאַס אין דאָרף. דאָס האָט געמיינט צו ערד־אַרבעט, קאָלאָניזאַציע אויף די פעלדער פון אוקראַינע און קרים און דער זעלביקער „פּראָקאָר" איז אויטאָמאַטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר ביראָ־בידזשאַן ווען די דאָזיקע יידישע איבערוואַנדערונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַזעצן זיך אין ביראָ־בידזשאַן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער ראַטן־רעגירונג פאַר אַ יידישן אויטאָנאָמישן געגנט אין ראַטנפאַרבאַנד.

קאָמוניסטיש, אָן דעם נאָמען פון קאָמוניזם איז אויך געווען די יידישע קולטור־באַוועגונג. דאָס איז געווען די „צענטראַלע אַרבעטער ביבליאָטעק", וואָס איז געווען אַ ביבליאָטעק פון ביבליאָטעקן פון דער „ביבליאָטעקאַ רוסאָ", „אַוואַנגאַרד", „פּראָגרעס", „נייע רוסלאַנד" ביז דער „אידישער פאָלקס ביבליאָטעק"; דאָס איז געווען אויך אַ דראַמאַטישע סעקציע, אָנגעפירט פון ז. גזשיוואָץ און ראַזע גזשיוואָץ אַלס די הויפּטראָליסטן אין די צאָלרייכע טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען פאַר דער אייגענער ביבליאָטעק־אינסטיטוציע, פאַר אַנדערע אינסטיטוציעס אין בוענאָס איירעס, אויסער בוענאָס איירעס. און פאַר שפּילן בעסער טעאַטער, ווערנדיק צוליב דעם אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעטער טעאַטער; דאָס איז געווען דער „קלוב פרייהייט" מיט זיין כאָר און דאָס זענען געווען נאָך ספּעציעלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס אין בוענאָס איירעס און אין שטעט און שטעטלעך אין אינערן פון לאַנד. און אַזוי זענען אויך געווען די יידישע אַרבעטער־שולן, די וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון די קאָמוניסטן, פון זיי אָרגאַניזירט, געפירט און קאָנטראָלירט געוואָרן.

די גאַנצע באַוועגונג איז געווען אַ פּראָלעטאַרישע, אַזוי אין איר באַשטאַנד ווי אין איר גייסט. דער פאַקט האָט נישט אויסגעמיטן די באַטאָנונג און די קאָנסטאַנץ אין די נעמען פון די קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אַקציעס: „אַרבעטער שולן"; „אַרבעטער ביבליאָטעק" אאַז"וו. אַנדערש איז געווען דער פאַל מיט י י ד י ש. די ערשטע און די איינציקע שול־קאָנפערענץ אין דער צייט פון דער קאָמוניסטישער ווירקונג האָט, נאָך אַ שאַרפער דעבאַטע אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאָג פון די באַראָכאָוו אַרבעטער שולן, אַז די שולן

זאָלן הייסן „יידישע אַרבעטער שולן". אָבער די נעגאַציע צו י י ד י ש — באַטאָנונג; צו „יידיש" אינעם נאָמען, האָט גאָר נישט באַרירט דעם פאַקט פון ז יי ן יידיש און נאָר יידיש, ווי דאָס זענען געווען מיט פיעטעט די יידישע אַרבעטער שולן און אַלץ, וואָס איז אַריין אין דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־באַוועגונג.

די יידישע פּראָלעטאַרישע אייגוואַנדערונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איז געקומען פון באַנייטן, באַפרייטן, ווידער פאַרייניקטן פּוילן מיט קלענערע יידישע אויסוואַנדערונגען פון די ווידער־אויפגעקומענע ליטע, לעטלאַנד און יידישע וואַנדערונגען אויך פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענ־דער, וואָס האָבן זיך אויף די וועגן צוזאַמענגעגאָסן — האָט כסדר געבראַכט פאַר דער יידישער אַרגענטינישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלץ נייע שטראָמען פון סאָציאַלער און יידיש־קולטורעלער ענערגיע, מוט, שעפערישקייט און קרעפטן, וואָס האָבן זיך פאַרייניקט מיט די היגע און נישט די גאַנצע נייע יידישע איינוואַנדערונג איז געווען פון קאָמוניסטן און נישט נאָר פון קאָמוניסטן איז געווען די צעבליטע און צעוואַקסענע יידיש־פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע קולטור־באַוועגונג.

אין דעם גייסט אָרגאַניזירן זיך און עס רעאָרגאַניזירן זיך יידישע קול־טור־צענטערן אין בוענאָס איירעס און איבערן גאַנצן לאַנד. די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", וואָס איז אַ ביבליאָטעק פון ביבליאָטעקן, אין וועלכער עס געפינט זיך פון דער געשיכטלעכער „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" ביז דער ביב־ליאָטעק „ניי רוסלאַנד", האָט זיך דערקלערט פאַר דער „צענטראַלער אַרבע־טער ביבליאָטעק"; די טאָג־צייטונג „די פּרעסע" איז דערשינען אַלס אויס־דריקלעכע אַרבעטער־צייטונג, אַרויסגעגעבן פון אַן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו און מיטן אויסנאַם פונעם אָרגאַן פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע איז די פּרעסע פון אַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס ביי יידן געווען אַ פּראָלעטאַרישע; אַרבעטער־שולן האָבן זיך גערופן די שולן פון די פּועלי־ציון און עס האָבן זיך גערופן אַרבעטער־שולן אַלע יידישע, מאָדערנע, פרייע, ראַציאָנאַליסטישע און בכלל יידיש־וועלטלעכע שולן פאַר קינדער, וואָס זענען טאַקע ערשט אין יענעם יידיש־פּראָלעטאַרישן מאָמענט אויפגעקומען; פּראָלעטאַרישע זענען אויך געווען די פרייע, מאָדערנע שולן פאַר קינדער פון יידישן שול־ראַט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון יידישע לערער נאָך אַ שטרייק אין די אַזוי גערופענע „תלמוד־תורות" (אין ירידה); יידישע מאָ־דערנע שולן, וואָס האָבן די ערשטע דאָ אָנגעהויבן צו טראָגן די נעמען פון י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, יעקב דינעזאָן, האָבן געצילט מיט דעם צו באַערן זייער אָנדענק.

עס קומט אויף, עס אינטענסיווירט זיך און עס שפרייט זיך אויס די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג. עס שאַפן זיך פּראָפעסיאָנעלע אַרבע־טער־פאַריינען פון בלויז יידישע לוין־אַרבעטער, נישט קעגן די אינטערנאַ־ציאָנאַליסטישע פּרינציפּן און די געמיינזאַמע אַלגעמיינע איינשטעלונגען פון דער אַרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג פון שטענדיק אָן, אויך נישט פאַר ספּעציעל יידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען, וואָס האָבן דאָ נישט עקזיסטירט, נאָר דערפאַר וואָס באַשטימטע פאַכן, ווי שטריקער, האָבן געהאַט נאָר יידי־שע אַרבעטער; אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען פאַקטיש נאָר פון יידישע אַרבעטער; כאָטש דאָס אָדער יענץ פאַך האָט אַרבעטער פון פאַרשי־דענע נאַציאָנאַליטעטן, באַזונדערס איטאַליענישע אַרבעטער, ווי ביי שניידער; דאָס איז דער פאַל ווען און ווו די אַנדערע אַרבעטער זענען נאָך נישט אַריין אין דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, אָבער בכלל געהערן די יידישע אַר־בעטער פון אַלע פאַכן צו די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און זענען אין זיי זייער טעטיק. אויב אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין זענען נישטאָ קיין יידישע אַרבעטער, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל אין דעם פאַך, ווי למשל גאַסן־קערער, אַרבעטן נישט קיין יידישע אַרבעטער, ווי דאָס איז אויך דער פאַל פון הויז־דינערשאַפט בכלל (אויסנאַמען זענען נישט אויסגעשלאָסן אין אַלע פאַלן).

פון אַרבעטער אין דער יידישער פּרעסע, וואָס דערגייט צו פיר טאָג־צייטונגען; וואָכנבלעטער; צוויי־וואָכנבלעטער; חודשלעכע זשורנאַלן און צייטשריפטן פון אַלע אידעאָלאָגישע ריכטונגען, אויך ספּעציעלע אָרגאַנען אויף יידיש אַרויסגעגעבן פון אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; ווי אויך פון יידישע שרייבער, וואָס אַרבעטן ווי לוין־אַרבעטער ביי אַרבעט אין פאַר־שיידענע פאַכן — שטעלט זיך צונויף דער יידישער ליטעראַטן־ און זשור־נאַליסטן־פאַריין, וואָס זיין אויפגאַבע איז דער עיקר אַ פּראָפעסיאָנעלע; פון בלויז יידן איז, פאַרשטענדלעך, דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די לערער אין יידישן שול־וועזן און דער פאַריין פון די יידישע טעאַטער־אַרטיסטן; יידישע בעקער־אַרבעטער האָבן אַ באַזונדערן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין צוליב דעם יידישן ברויט און אַנדערע יידישע געבעקסן. די יידישע בעקער־אַרבע־טער פירן אויך אַ באַזונדערע אַקציע, ווען זיי גייען אַריין שפּעטער אין אַלגע־מיינעם סינדיקאַט פון די בעקער־אַרבעטער. מיט דער שאַפונג און אַנטוויק־לונג פון יידישע עקאָנאָמישע, ווירטשאַפטלעכע, פינאַנציעלע, פילאַנטראָפּי־שע און קעגנזייטיקע הילף־אינסטיטוציעס, אַנטשטייט אויך דער עלעמענט אָנגעשטעלטער פון יידישע אינסטיטוציעס, וואָס רעקרוטירט זיך צום גרעסטן טייל פון דער יוגנט; פון די דאָ אין אַרגענטינע געבוירענע יידישע קינדער

און וועלכע פאַרמירן אויך אַ באַזונדערן פאַריין פון אַנגעשטעלטע אין יידי־שע אינסטיטוציעס; פּראָפעסיאָנעלע פאַרייניקונגען פון יידישע אַרבעטער אַליין, אָדער פון יידישע אַרבעטער אין זייער גרויסער מערהייט. כאָטש די אַרבעט איז נישט קיין ספּעציעל יידישע און דער פאַריין האָט נישט קיין ספּעציעל יידישע אויפגאַבע, נאָר אַן אַלגעמיין פּראָלעטאַרישע, זענען אויך געווען פון היטלמאַכער און פון בייטלמאַכער.

דער יידיש־פּראָלעטאַרישער און פרוכטבאַרער איינוואַנדערונגס־שטראָם פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין משך פון צען יאָר ביז דער אַרגענ־טינער סעפּטעמבער־רעוואָלוציע, האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן אויפ־בלי פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג. דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז געקומען פון פּוילן, איז געווען אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער און אַלס אַזעלכער פילט ער זיך דערהויבן און האָט וויניקער מורא צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן. דאָס האָט אַ גרויסן ווערט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער יידישער אַרבעטער איז באַלד געקומען אַ קלאַסן־באַוווסטזיניקער, אַן אידעאַליסט און קעמפער, אַרויסגעוואַקסן פון די רייען פון די פאַרשידענע, אַפילו קעגנזעצלעכע, אָבער דאָך פּראָלעטאַרישע פאַרטייען, וואָס זענען גע־ווען זייער אַקטיוו אין דעם נייעם נאָך־מלחמהדיקן פּוילן.

מען האָט נישט געקענט די לאַנד־שפּראַך שפּאַניש אויף וועלכער עס פירט זיך די אַלגעמיינע, פּראָפעסיאָנעלע — און נישט נאָר פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג? איז מען טעטיק אין דער אייגענער שפּראַך — אין יידיש, וואָס ווערט נישט געשטערט פון דער אַלגעמיינהייט און וואָס ווערט פון איר נישט נאָר טאָלערירט, נאָר אויך געשטיצט און מיט וואָס די אַלגע־מיינע אַרבעטער־באַוועגונג האַלט פאַר נויטיק זיך צו באַנוצן. פון דעם נעמט זיך די טאָג־טעגלעכע גרויסע רובריק פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער יידישער פּרעסע, דאָס דערשיינען פון סינדיקאַלע אָדער פאַך־אָרגאַנען אויף יידיש און די פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור אַרויסגעגעבן אין יידיש פון די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלער פאַריינען. און אין דער אַלגעמיינער אַר־בעטער־באַוועגונג איז אויך געפירט געוואָרן אַ מינדלעכע טעטיקייט אויף יידיש און אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט אין דער פאָרם פון יידישע קאָ־מיטעטן אָדער יידישע קאָמיסיעס אין די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען. חוץ דעם האָבן עקזיסטירט פאַרטייאישע און פּאָליטישע גרופּעס, וואָס זענען טאַקע נישט געווען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, נאָר באַשטאַנען פון מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, זיי האָבן געבילדעט פּאָליטי־שע און אידעאָלאָגישע אָרגאַניזאַציעס און עס איז געווען זייער צוועק אי־דעאיש און פּאָליטיש צו אָריענטירן און באַווירקן די פּראָפעסיאָנעלע אַרבע־טער־באַוועגונג.

דער יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, אַזוי ווי די יידישע קולטור־ליגע און ענלעכע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געשאַפן אומאָפהענגיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטייאישקייט און פון יעדער אַנדערער פּאַרטייאישקייט און זיי האָבן געהאַט אַזאַ פּאַסיווע באַציאונג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט נעגאַציע און קעגנערשאַפט, איז דאָך אויך געווען די זאַך פון יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע טוער.

דער אינזשעניער אָקון, דער ווילנער בונדיסט, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פּרובירט שאַפן אַ סעקציע פונעם ייוואָ דאָן אין 1926 און אויב דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, האָט ער אָבער צוזאַמענגענומען אַרכיוו־אוצרות פאַרן ייוואָ אין ווילנע.

דער יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז אין 1928 געשאַפן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פונעם פּראָפעסיאָנעלן יידישן ליטעראַטן־פאַריין און יידישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן זענען געווען זיינע טוער אין משך זיינע ערשטע צען יאָר.

דער „יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז געווען דער ווידער־אויפקום פון דער יידישער סאָציאַליסטישער (אַנטיקאָמוניסטישער בונדיסטישער) באַוועגונג.

אויף דער איניציאַטיוו פון אַ בונדישער גרופּע איז געגרינדעט געוואָרן אין בוענאָס איירעס אין יאָר 1929 דער „יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד", וואָס איז געווען אידעאָלאָגיש, פּרינציפּיעל און פּראָגראַמאַטיש — די פאַרזעצונג פון דער „יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע" „אַוואַנגאַרד".

די בונדישע גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן „דאָס בונדישע ווינקל" איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון בונדיסטן, איינגעוואַנדערטע מיט דער באַנייטער איינוואַנדערונג נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו די אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען, וואָס די קאָמוניסטן האָבן באַהערשט, האָט געהאַט געשאַפן אַ שול אויפן נאָמען „בילדונג און אַרבעט", זייענדיק אָנגעפירט פון אינזשעניער אָקון. אַ יידישע ביבליאָטעק האָט די בונדישע גרופּע אויך אָנגעהויבן שאַפן און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט. די גרינדונג פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד איז געווען איר גרעסטער אויפטו.

די גרופּע מיט איר גאַנצן באַשטאַנד האָט זיך באַלד אויפגעלייזט אין יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין וועמענס גרינדונג עס האָבן זיך אויך באַטייליקט מ. פּאָלאַק ש. ראָזשאַנסקי און דער שרייבער פון די שורות.

דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט זיך געשטעלט אין קאַנ־

טאַקט מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון לאַנד רעפּרע־זענטירט פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיט דער אַלגע־מיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג איז ער געשטאַנען אין פאַר־בינדונג דורך דער אָנגעהעריקייט און דורך דער טעטיקייט פון זיינע מיט־גלידער אין זיי, ווי דורך זיין וואָרט אין שייכות מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

„סאָציאַליסטישע בלעטער" איז געווען אַ צוויי־וועכנטלעכע צייטונג וואָס דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן באַלד נאָך זיין גרינדן זיך. די צייטונג האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין בוענאָס איי־רעס דעם 23סטן פעברואַר 1930. דער ערשטער נומער „סאָציאַליסטישע בלעטער" איז געווידמעט די דעפּוטאַטן־וואַלן דאַן אין לאַנד. ער ווערט גע־דרוקט אין פופצן טויזנט עקזעמפּלאַרן און צעשיקט צו די יידישע בירגער, אַלס וואַל־פּראָפּאַגאַנדע.

4 — פון דער סעפּטעמבער רעוואָלוציע ביז דער יוני רעוואָלוציע

די רעגירונג פון מאַרסעלאָ ט. דע אַלוועאַר פון אָקטאָבער 1922 ביז אָקטאָבער 1928 איז אויך געווען אַ ראַדיקאַלע, אָבער אין פולשטענדיקן קאָנ־טראַסט צו דער רעגירונג פון איריגאָזשען. די רעגירונג פון פּרעזידענט אַל־וועאַר איז געווען די רעאַליטעט פון אַ בירגערלעכער דעמאָקראַטישער און פרייהייטלעכער רעגירונג אָן מורא און אָן גוואַלד, רואיק, קולטורעל, קאָרעקט און קאָנסטיטוציאָנעל.

אין ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דעם אַרגענטינע פון דער „קריאָזשאָ־פּאָליטיק" — ווי כואַן ב. כוסטאָ האָט אָנגערופן די פּאָ־ליטיק פון קאָרופּציע — איז די רעגירונג פון פּרעזידענט אַלוועאַר, דער אַריסטאָקראַט פון דער דעמאָקראַטיע, געווען אַן אידעאַלע, אַ מוסטערהאַפטע.

בעת זיינע זעקס פרידלעכע יאָרן — פרידלעך פאַר דער רעגירונג, פאַר די בירגער און פאַר די איינוווינער פון דער רעפּובליק — האָט דער פּאַרלאַ־מענט געהאַט אָנגענומען אַ פענסיע געזעץ, אַ מין כובילאַציע־געזעץ, וואָס עס האָבן נישט געוואָלט די באַלעבאַטים און נישט די אַרבעטער. זייער ווידער־ווילן איז מצד דער רעגירונג נישט פאַרוּוערט געוואָרן צו קומען צום אויס־דרוק, אדרבה, זאָל מען דאָס זען. האָבן די אַרבעטער און די באַלעבאַטים, זיך פאַרשטענדיקט געמיינזאַם צו דעמאָנסטרירן זייער ווידערווילן צו דעם געזעץ און אין אַ שיינעם טאָג איז פּאַראַליזירט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט און דער האַנדל און עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ געמיינזאַמער מיטינג אויף פּאָ־

סעאַ קאַלאַן, קעגנאיבער דעם רעגירונגס־הויז. אַ געמיינזאַמע דעלעגאַציע פון די באַלעבאַטים און פון די אַרבעטער איז פון מיטינג אַריין אין רעגירונגס־הויז, וו עס האָט איר אָפּגעוואָרט דער פּרעזידענט אַלוועאַר און איר אויפגע־נומען מיט רעספּעקט און צופרידנקייט, ווי אַ דעלעגאַציע פון די בירגער, פון וועמען ער איז אַן אויסגעוויילטער.

דער דאָזיקער „טאָג״, וואָס איז געווען דער איינציקער פון אַלע צייטן און פון אומעטום האָט געהאַט אַ זעלטן שיינעם אויסזען פון אַ יום־טוב, מחמת דאָס געמיטלעכע אויפפירן זיך פון דער רעגירונג האָט צוגענומען פון דער באַוועגונג אירע קאַמפּס־מאָטיוון.

די אָנווענדונג פון דעם פּענסיע־געזעץ איז אָפּגעשטעלט געוואָרן ביז ער איז גילגול געוואָרן אין שפּעטערדיקע כובילאַציע געזעצן.

וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט די צייט פון דער אַלוועאַר־רעגירונג צו אונדזער געשיכטע?

עפּעס קען מען פון איר אויך לערנען. חוץ דעם איז פּשוט אַ שאָד געווען אויסנצולאָזן פון אונדזער געשיכטע אַזאַ ליבעראַלער מאָמענט אין אַרגענ־טינע, ווי דאָס איז געווען די רעגירונגס־צייט פון פּרעזידענט אַלוועאַר.

אין 1928 איז היפּאָליטאָ איריגאָזשען צום צווייטן מאָל געוואָרן פּרע־זידענט פון דער רעפּובליק. אָבער דער דאָזיקער זיג פון דער ראַדיקאַלער באַ־וועגונג ביי דער מאַכט איז נישט געווען קיין גליקלעכער פּאַרן לאַנד. די רע־גירונג מיט איר פּאַרטיי האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין אַ פּאָליטיק און שריט קעגן וואָס די ראַדיקאַלע באַוועגונג האָט פריער אַליין געקעמפט און וואָס האָט דער קאָנסערוואַטיווער באַוועגונג. די פּאַרגייערן פון פּאָליטישער קאָ־רופּציע, אָבער שוין צוועלף יאָר באַזייטיקט פון דער מאַכט, פּאַרוואַנדלט אין אַן אָפּאָזיציאָנעלער און איר געגעבן מאָטיוון צו ווערן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט שוין פאַר די צוויי יאָר פון דעם זעקס יאָריקן פּרעזי־דענטישן פּעריאָד באַוויזן אַראָפּצוזעצן מיליטעריש די איריגאָזשעניסטישע רעגירונג.

עס איז באַזייטיקט געוואָרן דער פּרעזידענט איריגאָזשען מיט זיין רע־גירונג און מיט זיין פּאַרטיי, די ראַדיקאַלע, פון דער מלוכה־מאַכט נאָך דעם ווי זי האָט באַוויזן צו פאַרלעצן די דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציאָנעלע איינ־שטעלונגען, דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, די עפנטלעכע אָרדענונג און ווידער פּראַקטיצירן וואַל־שווינדל, פּאָליטישע קאָרופּציע, טעראָר דורך אַ „ראַדיקאַלן קלאַן״, וואָס האָט דערמאָנט אין דער „מאַזאָרקאַ״ אין ראָסאַס צייטן. עס האָבן שוין אויך נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטישע אַקציעס און מאַניפעס־טאַציעס — אַלץ פאַקטן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביי אַ סיטואַציע פון

מורא און אומבאַהאָלפנקייט פאַר אַן עקאָנאָמישן קריזיס אין גאַנג צו פאַר־גרעסערן זיך.

דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט ניקאָלאַס רעפּעטאָ האָט אין אַ פּאָ־ליטישער רעדע געהאַלטן דאַן פאַר דער מינדערהייט פון דער דעפּוטאַטן־קאַמער (די ראַדיקאַלע מערהייט האָט געמאַכט פּערמאַנענטע אָבסטרוקציע און נישט געקומען צו קיין זיצונג) געוואָרנט, זעענדיק דאָס דערנענטערן זיך פון דעם קאָנסערוואַטיזם צו דער מאַכט, אַז די ראַדיקאַלן זאָלן דרינגנדיק ענדערן זייער פּאָליטיק און זייער טאַקטיק. אָבער די ראַדיקאַלן האָבן שוין גאָרנישט געקענט מאַכן און עס האָט שוין געהערשט אַזאַ שטימונג וואָס האָט געוואָלט אַן ענדערונג, וועלכע עס איז ענדערונג.

און דאָס מיליטער בראש פון די גענעראַלן כוסטאָ און אוריבורו איז אַרויס פון די קאַזאַרמעס און מאַרשירט אויף בוענאָס איירעס, אַרויסרופנ־דיק ענטוזיאַזם ביים פאָלק און פאַרנומען די רעגירונג.

דאָס איז געווען די ערשטע מיליטערישע רעוואָלוציע אין אַרגענטינע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דעם 6טן סעפּטעמבער 1930 איז דאָס געשען.

צומאָרגנס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו ענדערן די שטימונג. נישט אי־בערן סוף פון דער איריגאָזשעניסטישער רעגירונג, וואָס האָט זיך אַליין אונ־טערגעגראָבן נאָר איבער דער פּאָליטיק און די פּאַקטן פון דער רעוואָלוציאָ־נערער רעגירונג דע פּאַקטאָ מיטן גענעראַל אוריבורו פאַרן פּראָוויזאָרישן פּרעזידענט.

דער פּאָליטישער וועטער איז געוואָרן שוידערלעך. פאַר די פאַרפאָלגונ־גען איז נישט נאָר באַלאַגערונגס־צושטאַנד איינגעפירט געוואָרן, נאָר אויך פעלד־געריכט און טויט־שטראָף און מענטשן זענען אומגעקומען. און עס זע־נען אָפּגעשטעלט געוואָרן די קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטן, פרייהייטן. דעמאָלט איז פאַרווערט געוואָרן די רויטע פאָן און דעמאָלט מיט סאַנטשעז סאָראָנ־דאָ פאַר אינערן מיניסטער פון דער פּאַקטישער רעגירונג איז פאַרווערט גע־וואָרן צו שרייבן, אַז עס איז פאַרווערט צו שרייבן און עס האָבן זיך אָנגע־פילט די תפיסות מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע און מען האָט עקספּעדירט שיפן אויף די ימים מיט דעפּאָרטירטע.

און די פּאַקטישע רעגירונג איז געווען צוויי יאָר קעגן איר „באַנדאָ״ צו זיין נישט מער פון דריי חדשים און אויב נישט אירע קאַנדידאַטן האָבן געזיגט ביי די ערשטע וואַלן אין אַפּריל 1931 אין דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס, נאָר די ראַדיקאַלן, האָט מען די דאָזיקע וואַלן אַנולירט.

צווישן די פאַרפאָלגטע זענען אויך געווען מענטשן פון דער אומאָפּהענ־

גיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — אַנטאָניאָ דע טאָמאַסאָ, פעדעריקאָ פּי־נעדאָ נישט געקוקט וואָס זיי האָבן מיטגעאַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע און האָבן צוזאַמען מיט די קאָנסערוואַטאָרן פאַרמירט די „קאָנקאָרדאַנץ", וואָס איז געווען די פאַקטישע רעגירונגס פּאַרטיי.

און דער עקאָנאָמישער קריזיס איז פון דער סעפּטעמבער רעוואָלוציע נישט שוואַכער געוואָרן נאָר שטאַרקער, איז געוואַקסן די אַרבעטלאָזיקייט און עס איז געפאַלן דער לוין,ביידע האָבן רעדוצירט די קויף־קראַפט אין לאַנד און די אַרבעטלאָזיקייט איז דורך דעם נאָך מער געוואַקסן.

די רעגירונג האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַרגענטינע באַשרענקט די איינוואַנדערונג, דאָס האָט זיך געקייטלט מיט דער קייט פון באַשרענקונגען אַלס רעזשים, דעם קריזיס האָט עס נישט אָפּגעשוואַכט. די איינוואַנדערונג־באַשרענקונג האָט באַזונדער באַרירט די יידישע אַרבעטער־וואַנדערונג.

בכלל אויף וויפיל די סעפּטעמבער רעוואָלוציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס רעאַקציאָנערע פאַר דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־זאַך אין אַל־געמיין, איז זי דאָס אויך געווען פאַרן יידישן סאָציאַליסט און אַרבעטער, וואָס איז געוויינלעך פילבאַרער אויף רעאַקציע, איידער דער נישט־יידישער.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געגאַנגען איר וועג און זיך אַפילו פאַרמאָסטן אויף דער פּרעזידענץ פון דער רעפּובליק.

די רעגירונג פון אוריבורו האָט גערופן צו אַלגעמיינע וואַלן: פאַר פּרע־זידענט און וויצע; פאַר נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן און סענאַטאָרן און פאַר פּראָ־ווינציעלע וואַלן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דעם 8טן נאָוועמבער 1931.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געשלאָסן אַ וואַל־אַליאַנץ מיט דער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט צווישן אירע אָנפי־רער דעם יידיש־שפּאַנישן שרייבער און הויפּט מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „לאַ נאַסיאָן", אַלבערטאָ גערשונאָוו. פון די נישט פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען איז זי געווען די ליבעראַלסטע און פּראָגרעסיווסטע. איר לידער און פּאָלי־טישע פּערזענלעכקייט ליסאַנדראָ דע לאַ טאָרע איז אויפן וואַל־צעטל פון דער אַליאַנץ געווען אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון דער רעפּוב־ליק און קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט איז געווען אַרויסגעשטעלט דער סאָ־ציאַליסטישער פירער ניקאָלאַס רעפּעטאָ.

די אַליאַנץ האָט די פּרעזידענץ פון דער רעפּובליק דורך די וואַלן נישט געוואונען, אָבער זי האָט געצויגן 437.938 שטימען אין לאַנד, פון זיי אין שטאָט בוענאָס איירעס אַליין 166.358 שטימען.

דער אַליאַנץ־צעטל פאַר דעפּוטאַטן — אַלע סאָציאַליסטן — האָט גע־

צייגן אין שטאָט בוענאָס איירעס 171.277 שטימען; אין דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס 123.272; אין סאַנטאַ פע 99.603; אין טוקומאַן 15.550 און אין קאָרדאָבאַ 19.704 שטימען.

ליסאַנדראָ דע לאַ טאָרע — פּרעזידענט־קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער אַליאַנץ אין 1931.

עס זענען דאַן דערוויילט געוואָרן 43 סאָציאַליסטן פאַר דעפּוטאַטן אין נאַציאָנאַלן פּאַרלאַמענט און 2 סענאַטאָרן. זיי זענען געווען 22 דעפּוטאַטן און 2 סענאַטאָרן פון דער שטאָט בוענאָס איירעס, 14 פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס, 5 פון קאָרדאָבאַ, איינער פון סאַן לואיס און איינער פון מענדאָסאַ. חוץ דעם זענען דאַן אויסגעקליבן געוואָרן: 1 סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט פאַרן פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט פון סאַנטאַ־פע; 1 אין קאָריענטעס; 7 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן און 5 מוניציפּאַלע ראַט־מיטגלידער אין קאָרדאָבאַ; 1 סענאַטאָר און 2 דעפּוטאַטן אין ב. איירעס.

אויף דער יידישער גאַס האָט מען זיך געזען צוצופּאַסן צום רעזשים פון דער פאַקטישער רעגירונג.

דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט ווייטער אַרויסגעגעבן זיין צייטונג: „סאָציאַליסטישע בלעטער“ און קאָנצענטרירט זיין טעטיקייט

אין אַן אַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן און אַן איניציאַטיוו פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע.

אין מאַי 1931 האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איינגענומען דעם דעלעגאַט פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן ב. טאַבאַטשינסקי.

דער רעוואָלוציאָנערער אויסנאַמס־צושטאַנד, אין וועלכן דאָס לאַנד האָט זיך געפונען, איז נישט געווען דער פאַסנדיקער פּאָליטישער מאָמענט פאַר דער שליחות און דער עקאָנאָמישער מאָמענט איז געווען שווידערלעך. „די חברים פון דער צ. י. ש. א. אין פוילן ווייסן — שרייבט „סאָציאַליסטישע בלעטער" נומער 26 פון 30סטן מאַי 1931 — אַז די עקאָנאָמישע לאַגע אין אַרגענטינע איז איצט זייער אַ ביטערע. זיי האָבן פון דעם געוווּסט נאָך איידער זיי האָבן באַשטימט צו שיקן אַ פאַרשטייער קיין אַרגענטינע צו דורכפירן אַן אַקציע פאַר דער גרויסאַרטיקער שול־אָרגאַניזאַציע. זיי ווייסן אויסגעצייכנט פון דער גרויסער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס האָט געלאָזט טויזנטער יידישע פּראָלעטאַרישע משפּחות אויסגעשטעלט אויף הונגער און דאַכלאָזיקייט". דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט די אַקציע אָנגעהויבן מאָביליזירנדיק פאַר דעם אַלע זיינע כּוחות און „סאָציאַליסטישע בלעטער" פון 16טן יולי ד"י שרייבט: „אין אַלגעמיין האָט די אַקציע אָנגענומען אַ שטאַרקן טעמפּאָ. עס פאַרמערן זיך די איניציאַטיוועס, די אונטערנעמונגען; די יידיש־וועלטלעכע שול איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן. די איצטיקע הילפסאַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן שטעלט מיט זיך פאַר אַ באַדייטנדיקע קולטור־אַקציע און קולטורעלע אָפּפרישונג אין היגן יידישן לעבן. מען ווערט אַריינגעצויגן אין אַ וויכטיקן קולטור ענין" און — ווייטער איז פאַרשריבן אין „סאָציאַליסטישע בלעטער" אַז „די אַקציע גייט, שפּרייט זיך אויס, ווירקט, געפינט ברייטע אָפּקלאַנגען. טיילווייזע רעזולטאַטן האָט זי שוין געבראַכט. די אַנדערע קומען און טראָגן דעם דערפאָלג; עס איז דער דערפאָלג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול; עס איז דער דערפאָלג פונעם יידישן אַרבעטער־קינד, וואָס נעמט זיך אַן מיט גייסטיקע כּוחות אין דער נייער, פרייער שול, פאַר אַ ניי פריי לעבן".

5 — די אָרגאַניזאַציע פון יידיש־וועלטלעכע שולן

דער אויסנאַם־צושטאַנד אין לאַנד האָט זיך פאַרענדיקט. דער גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס האָט נאָך אָנגעהאַלטן, אָבער פּאָליטיש האָט זיך דאָס לאַנד אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן. דער רעזשים פון דער סעפּטעמבער רעוואָלוציע איז אָפּגעטראָטן פאַרן רעזשים פון דער קאָנסטיטוציע. עס זענען דורכ־

געפירט געוואָרן וואַלן. דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער וואַל־אַקציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן מאָראַלישן און צאָלרייכן זיג פאַרן סאָציאַליזם.

די אַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן איז מיט דערהויבנקייט שוין אויך געווען פאַרענדיקט און עס האָט זיך פון איר אָנגעהויבן די אַקציע פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע.

„די לעצטע זיצונג פונעם פלענום פון הילפס־קאָמיטעט לטובת די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן, פאַרזאַמלט דעם 30סטן אָקטאָבער 1931, מיט דער באַטייליקונג פונעם ציש״אָ״־דעלעגאַט חבר ב. טאַבאַטשינסקי, נאָכדעם ווי ס'איז אויסגעהערט געוואָרן אַ סכעמאַטישער פּלאַן פון אַ פריער באַשטימטער קאָמיסיע וועגן שאַפן אַ יידיש־וועלטלעכן שולוועזן אין אַרגענטינע — אַ פּלאַן, וועלכער באַשטייט פון אַן איניציאַטיוו אָנצוהייבן מיט אַ קינדער־גאָרטן פאַר פיר און פינף יאָריקע קינדער, איינגעטיילט אין צוויי גראַדן מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, פּראָגראַמאַטיש און פּעדאַגאָגיש ווי געהעריק איינגעשטעלט און מיט ספּעציעלע קורסן פאַר קינדער אין שול־עלטער, אָרגאַניזירט אין קינדער־קלובן — ווערט געפירט אַ ברייטער שמועס איבער דעם פּלאַן, וואָס ווערט אָנערקענט פאַר פּאַסנדיק אין די היגע איצטיקע אומשטענדן און מעגלעכקייטן, האָבנדיק פאַר אַ צוועק צו קומען שטופּנווייז צו אַ פולשטענדיקער גאַנצער שול און עס ווערט אָנגענומען צוצוטרעטן צו דער איניציאַטיוו, דערקלערנדיק אַז די ערשטע שול, ווי אַ פּרווו און אַ מוסטער, ווערט פריער נישט געעפנט ביז עס וועלן זיין אַ פאַר טויזנט מיטגלידער און צען טויזנט פּעזעס פאַר די איינריכטונגען און פאַר דער פונקציע.

עס איז דערוויילט געוואָרן אַ צייטווייליקער קאָמיטעט פון די חברים: וואַלד, קנאַבל, ביגלמייער, שפּייזער, דימענט, כיטערמאַן, וויסיפּקע, זאַלצנשטיין, פּריילעך און פּרוי נאַפּאַרסטעק". („סאָציאַליסטישע בלעטער" ב״א, 28סטער נאָוועמבער 1931).

דעם 3טן אַפּריל 1933 איז דערעפנט געוואָרן דער ערשטער יידישער קינדער־גאָרטן אין אַרגענטינע: אין בוענאָס איירעס אויף אַזשאַקוטשאַ, צווישן לאַוואַזשע און טוקומאַן. דער קינדער־גאָרטן ביי דער געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן האָט אָנגעהויבן מיט הונדערט קינדער.

אין נומער 47 „סאָציאַליסטישע בלעטער" פון 16טן יוני 1933 איז אָפּגעדרוקט אַ באַריכט פון מיר אַלס דער סעקרעטאַר פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. זאָגט זיך אין אים (וועגן דער „געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן"), אַז „די איניציאַטיוו פאַר דער דאָזיקער גרינטלעך קול־

טורעלער און דערציאונגס־אינסטיטוציע געהער צו אַ פריערדיקן פעריאָד, אָבער די שוועריקייט געפינט זיך נישט אַזוי אין דעם באַשטימען אַן איניציאַטיוו, ווי אין דורכפירן איר און עס איז אויסגעקומען איר דורכצופירן דורך אומשטענדן און פאַקטאָרן, וואָס זענען געווען קעגן איר און עס איז געווען צו פירן אַ שווערן קאַמף פאַרן אויפהאַלט פון דער יונגער אינסטיטוציע, גע־בוירן בעת אַן עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו זיין, אָבער צו דער סיטואַציע איז געקומען אַ סוף, דורך דער הערלעכער אָנ־שטרענגונג צו עפענען דעם קינדערגאָרטן — דעם ערשטן פון דעם טיפּ אין לאַנד: ווירטשאַפטלעך, געזעלשאַפטלעך און דערציערישׂ גוט איינגעשטעלט ביי אונדזערע אומשטענדן".

די קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג מט גענעראַל כוסטאַ אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק (פון פעברואַר 1932 ביז פעברואַר 1938) האָט געהאַט פאַר אַ מיסיע נישט צוצולאָזן מער די ראַדיקאַלן צו דער מלוכה־מאַכט.

די רעגירונג אַליין איז געווען אַ געמישטע, אַ מין קאָאַליציע רעגירונג צום ערשטן מאָל אין אַרגענטינע.

אין דער קאָאַליציע זענען אַריין די פּאָליטישע סעקטאָרן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער סעפּטעמבער רעוואָלוציע: די קאָנסערוואַטאָרן, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם נאָמען פון „נאַציאָנאַל דעמאָקראַטן"; „אומאָפּהענ־גיקע סאָציאַליסטן" און יחידים, אָדער אַ גרופּע פּערזאָנען וואָס זענען אַרויס פון דער שטענדיק פּראָקציאָנעלער ראַדיקאַלער פּאַרטיי, ווי דאָס איז געווען דער גענעראַל כוסטאַ, די סעקטאָרן וואָס האָבן פאַרמירט די „קאָנקאָרדאַנץ".

דער פּרעזידענט אַגוסטין פּ. כוסטאַ, וואָס האָט צוזאַמען מיטן גענעראַל אוריבורו אָנגעפירט די סעפּטעמבער רעוואָלוציע, האָט זיין וויסן און זיין טאַ־לענט, אַלס מלוכה־פּרעזידענט אויך צום ערשטן מאָל אין דער רעפּובליק, גע־שטעלט צו דינסט די דערמאָנטע סעפּטעמבער־רעוואָלוציאָנערע מיסיע אין געשטאַנען אין קאַמף קעגן די ראַדיקאַלן, וואָס האָבן געמאַכט אַלוועאַרן פאַר זייער פירער.

עס איז אָנגענומען געווען ביי דער רעגירונג, אַז די ראַדיקאַלן זענען אַרויף אויף די וועגן פון סיסטעמאַטישע פאַרשווערונגען, וואָס די רעגירונג האָט באַוויזן נישט צו לאָזן זיי רעאַליזירן זיך און האָט געפירט אַ רעאַלע רעפּרעסיווע פּאָליטיק און אַקציע, וואָס האָט די ראַדיקאַלע פירער, וואָס זע־נען געווען אַ סך און צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער עקס מלוכה פּרעזידענט אַלוועאַר, געזען צו האַלטן אין די תפיסות, אין וויטן אויס־לאַנד מיט דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד, אָדער אין וויטן אַר־גענטינע, זייענדיק פאַרשיקט אין טיעראַ דעל פועגאָ.

דאָרט ווו אַ רעגירונג איז אַריינגעטאָן אין אַזאַ מין בירגער־קריג איז

דער פּאָליטישער קלימאַט אין לאַנד אַ פּאַרכמאַרעטער, אָבער אין שוץ פון דער אַרגענטינער סאָציאַל־פּראָגרעסיווער קאָנסטיטוציע פון 1853 האָט מען זיך געקענט באַוועגן.

איז געגאַנגען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון טריומף צו טריומף מיט געזעצלעכע, פּאָליטישע און סאָציאַלע דערגרייכונגען פאַרן אַרבעטער קלאַס, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, ראַסע, גלויבן אָדער אָפּשטאַם.

אין דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער באַוועגונג איז דער פּערמאַנענטער דירעקטער קאַמף פאַר באַלדיקע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך איבער דער אינפלאַציע פונעם געלט און דעם אַלץ שטייגנדיקן יקרות אויף די לעבנסמיטלען.

וואָס איז שייך דער אייניקייט, איז זי געבליבן אין דער פּערמאַנענטער שטרעבונג, בעת אין דער רעאַליטעט האָט נישט געשטימט מיט איר דאָס זיין פון פאַרשידענע צענטראַלעס: אוסאַ, פאָראַ און אַ צאָל באַזונדערע סינדיקאַטן, נאָר די סעכטעטע איז שוין נישט געווען נאָך אַ צענטראַלע נאָר איז שוין געווען ד י צ ע נ ט ר אַ ל ע אויף וויפיל זי האָט פאַראייניקט אַ מאַסע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, צווישן די גרויסע ווי די פון די באַן־אַרבעטער.

ס'איז ווייטער אָנגעגאַנגען אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג די אַקציע פון פּאַרטייען און ריכטונגען זי צו באַווירקן. עס האָט אָנגעהאַלטן די פּאָליטיק פון אַפּאָליטיק: דער סינדיקאַט טוט נאָר דירעקטע פּראָפעסיאָנעלע אָדער עקאָנאָמישע אָדער סינדיקאַלע אַקציע און וואַרפט אָפּ פון זיך יעדע פּאָליטישע טעטיקייט און יעדע פאַרבינדונג מיט אַ פּאָליטישער טעטיקייט. די דאָזיקע סינדיקאַליסטישע ריכטונג איז געקומען אין אידעאישן צוזאַמענשטויס מיט דער סאָציאַליסטישער, וואָס האָט געהאַלטן אַז די סאָציאַליסטישע איז די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער קלאַס און דער סינדיקאַט איז אָפּצוהיטן און פאַרטיידיקן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער. דער סינדיקאַט דאַרף אָבער שטיצן די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און אַקציע פון אַרבעטער־קלאַס.

שאַרפער איז געווען דער צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי ריכטונגען און דער קאָמוניסטישער, וואָס איז געווען אַ דורכויס פּאָליטישע, אַ פּאַרטייאישע־סאָוויעטישע, אָן אָריענטירטע אויף מזרח, וווּ עס געפינט זיך סאָוועט־רוסלאַנד, דער ראַטנפאַרבאַנד.

די קאָמוניסטישע ריכטונג האָט דאָמינירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סעפּטעמבער 1939, כאָטש צו אַ סך סינדיקאַטן, צווישן זיי די גרויסע, ווי די פון די באַן־אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און די מוניציפּאַל־אַרבעטער, האָט די קאָמוניסטישע ריכטונג קיין צוטריט נישט געהאַט.

אַן אינטענסיווע און עקסטענסיווע יידישע קולטור־טעטיקייט מיט אַ ברייטן אָרגאַניזאַציאָנעלן פאַרנעם מיט אַ בויאונג פון אייגענע געביידעס, פּאַלאַצן — האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן פון אַלע ריכטונגען אין יענע יאָרן און גייט ווייטער אָן.

עס דערמאָנט זיך דאָ די יידיש־וועלטלעכע קולטור־באַוועגונג אויף די פעלדער פון דערציאונג, פון לערנען און פון אַלע מינים קולטור־אַרבעטן; אַ באַוועגונג פון די יידישע סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע, ציוניסטישע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער יידישער גע־מיינדע, דורכפירנדיק אין איר רעוואָלוציעס אָן בלוט־פאַרגוס, ווי די פאַר־וואַנדלונג פון דער „חברה קדישה" אין דער יידישער קהילה פון בוענאָס איירעס.

אין אָנהייב פון דער דאָזיקער צייט אין 1932 איז אויך דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע ברייטע אַקציע פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין דער וועלט מיט זיין צענטער אין ווילנע,, פון וואַנען און צוליב וואָס עס איז געקומען זלמן רייזען, דער הויפּט אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון ייוואָ. דאָס איז געשען נאָכדעם ווי דער ייוואָ פון אַרגענטינע האָט געהאַט אָרגאַ־ניזירט און דורכגעפירט אַן אָרטאָגראַפישן קאָנגרעס וועגן יידישן אויסלייג און ס'איז געוואָרן אָנגענומען צו נאַטוראַליזירן די העברעאישע ווערטער אין יידיש, וואָס דאָס איז איינגעפירט געוואָרן פון דער גאַנצער יידיש־וועלטלעכער באַוועגונג.

אין יענע יאָרן, ד"ה אין 1936 איז געקומען ב. שעפנער אין שליחות פון „צישאָ" — די אָרגאַניזאַציע פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פוילן ווידער דאָ דורכצופירן אַן אַקציע. האָט שעפנער געטראָפן נישט נאָר דעם יידיש־סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד גרייט מיט זיין ציי‍טונג: „אַרגענטינער לעבן" דורכצופירן די אַקציע, נאָר ער האָט שוין געטראָפן אַן אינטענסיוון און אין גאַנג צו אַן עקסטענסיוון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן פון דער „געזעל־שאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע; פון דער „צווישא" און פון „פאָלקס פאַרבאַנד", וואָס האָבן צוזאַמען איבערגענומען דורכצופירן די אַקציע פ א ר ד י י י ד י ש ־ ו ו ע ל ט ל ע כ ע ש ו ל ן א י ן פ ו י ל ן א ו ן פ א ר ד י י י ד י ש ־ ו ו ע ל ט ל ע כ ע ש ו ל ן א י ן א ר ג ע נ ט י נ ע.

***

אין 1938 האָט זיך געענדיקט די רעגירונג פון פּרעזידענט כוסטאָ און עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעגירונג פון פּרעזידענט אָרטיז, אַ געקומענער פון אַן אָפּגעשפּאָלטענער פראַקציע ראַדיקאַלן. פאַר וויצע פּרעזידענט איז געקו־

מען אָרטיזס פּאָליטישער קאָנטראַסט, ד״ר קאַסטיזשאָ פון עקסטרעמען קאָנ־סערוואַטיזם.

דער וויצע איז נאָר פאָרזיצער פון סענאַט, וו ער קען אויסלעבן זיינע זעקס יאָר און מער נישט האָבן וואָס צו טאָן, בעת דער פּרעזידענט איז דער מלוכה־פירער, איז די רעגירונג. דאָס איז געזאָגט געוואָרן ווען דער פּרעזי־דענט איז אַ געזונטער מענטש, וואָס דאָס איז נישט געווען דער פאַל מיט אָרטיזן, וועלכער איז קראַנק געווען אויף די אויגן ביז ער איז אינגאַנצן בלינד געוואָרן.

ראָבערטאָ מ. אָרטיז

אָבער ווי לאַנג דער פּרעזידענט אָרטיז האָט נאָך אַלס פּרעזידענט גע־קאָנט טעטיק זיין, האָט ער, אַזוי ווי זיין פאָרגייער ראָקע סאַענס פּעניאַ זיך גענומען צו היגיעניזירן און סאַנירן די מלוכה־פּאָליטיק און פּראָצעדור, וואָס איז ווידער פאַראומרייניקט און פאַרדאָרבן געוואָרן.

און די פּאָליטיש־סאַניטאַרישע אַרבעט איז אָרטיזן אויסגעקומען אָנצו־הייבן אין קאַטאַמאַרקאַ, די געבורט־פּראָווינץ פון וויצע־פּרעזידענט קאַסטי־

זשאָ ווו עס זענען גראַד דורכגעפירט געוואָרן יענע „וואַלן", וועלכע אַרטיז האָט נישט אָנערקענט, אירע רעזולטאַטן אַנולירט און באַשטימט אַן אינטער־ווענץ.

דער וויצע־פּרעזידענט קאַסטיזשאָ האָט רעאַגירט און אָנגעהויבן אַן עפּנ־טלעכע אַקציע קעגן פּרעזידענט אַרטיז, וועמענס רעגירונג עס איז בכלל אַרויף אויפן ליבעראַלן וועג מיט נייגונגען צו די אינטערעסן און שטרעבונ־גען פון די אַרבעטער, ווי דאָס איז געווען צו זען דורך די סימפּאַטיע־מאַני־פעסטאַציעס פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פאַרן פּרעזידענט אַרטיז.

אָבער די קראַנקהייט האָט אַרטיזן אָפּגעריסן פון דער מלוכה־טעטיקייט. זיין אָרט האָט פאַרנומען דער וויצע־פּרעזידענט קאַסטיזשאָ און עס איז באַ־שיצט געוואָרן די פּאָליטישע קאָרופּציע און עס האָט אויפגעלעבט די עקס־טרעמע רעאַקציע און עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ האַלב־פאַשיסטישער רעזשים מיט אָנגריפן אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע, אויף דער פריי־הייט, אויף דער דעמאָקראַטיע, אויפגעלייזט דעם געוויילטן בוענאָס איירע־סער מוניציפּאַל־ראַט און — נישט אויסגעווען די צייט.

אַן דעם באַדויערן פון דעם דעמאָקראַטישן, פרייען און ווירדיקן אַרגענ־טינע איז די קאַסטיזשאָ־רעגירונג אַראָפּגעזעצט געוואָרן 9 חדשים פאַרן טער־מין, בעת זי האָט זיך געפונען אין אַזוינע באַציאונגען מיט נאַצי־דייטשלאַנד, אין פערטן יאָר פון דער וועלט־מלחמה, אַז מ'האָט געקענט פרעגן: „ווער הערשט דאָ?"

עס איז געווען די רעוואָלוציע פון 4טן יוני 1943, וואָס האָט אַראָפּ־געזעצט די קאַסטיזשאָ־רעגירונג, פאַרנומען די מלוכה־מאַכט, געווען די פאַק־טישע רעגירונג אין משך פון 3 יאָר, נאָך וועלכע זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער לעגאַלער רעגירונג דורך וואַלן.

אין דער סעפּטעמבער־רעוואָלוציע פון 1930 זענען געווען פאַרמישט צי־ווילע קרעפטן (קאָנסערוואַטיוון און אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן). די יוני־רעוואָלוציע איז נאָר געווען אַ מיליטערישע און די אַרבעטער בכלל האָבן מיט איר קיין שום שייכות נישט געהאַט.

אָבער די רעוואָלוציע האָט געזוכט אַ סאָציאַלן אָנשפּאַר און זי האָט דאָס געפונען ביי די אַרבעטער, אָנערקענענדיק זייערע באַלדיקע עקאָנאָמישע באַ־דערפענישן, שטרעבונגען, פאָדערונגען צום גרעסטן טייל אפילו שוין פון פריער אָנערקענטע, אויסגעקעמפטע אין דירעקטן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל און פעסטגעשטעלטע אין קאָלעקטיווע אַרבעטס־אָפּמאַכן און איינ־געשריבן אין געזעצן, אָבער דאָס אַלץ איז נישט רעאַליזירט געוואָרן, אָדער נאָר צום טייל רעאַליזירט געוואָרן זייער שווער און קלאָגעדיק. די מאַכט

פון דער רעגירונג, פון דער מלוכה איז געווען צו דינסט דעם באַלעבאָס און ער האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון איר.

די יוני־רעוואָלוציע האָט דורך איר רעגירונגס־מאַכט באַלד רעאַליזירט די פאַראַנענע אַרבעטס־געזעצן, די קאָלעקטיווע אַרבעטס־אָפּמאַכן אין הסכם מיט איר סאָציאַלער פּאָליטיק. די אַרבעטער זענען כסדר באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך און נייע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען; כסדר געהעכערט דעם אַרבעטסלוין; פאַרזיכערט געוואָרן פאַר די פאַלן פון קראַנקייט, אַרבעטס־אומפעאיקייט, עלטער און אַרבעטסלאָזיקייט.

דער אַרבעטער האָט אויף דער וואָר אָנגעהויבן צו הערן פון דער רעגירונג אַזעלכע דיבורים, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אין חלום געהערט פון אַ רעגירונג, און עס איז פאָרגעקומען אַ פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש אין זיין געדאַנקען־גאַנג. ווי איבערנאַכט האָט ער זיך געזען אַ פאַרוואַנדלטן אין דעם האַר פון לעבן, אין דעם הערשער, אין דער פּאָליטישער מאַכט, אין דער רעגירונג...

און די יוני־רעוואָלוציע וואָס האָט דורכגעפירט די פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש, האָט אויך געענדערט דעם כאַראַקטער און די ראָלע פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג און איר אָרגאַניזאַציע. זי אַריינגענומען אין דער רעגירונג, איר צו דינען. צוליב דעם פאַרמערט זיין צאָל, דורך דער סומאַציע פון אַ סך עלעמענטן — „דעסקאַמיסאַדאָס“, פּראָפעסיאָנאַלן, פונקציאָנאַרן און עלעמענטן פון אָן אַ שיעור צווישן־קלאַסן, וואָס מ'האָט דערקלערט פאַר אַרבעטער — און זי האָט אַלע אַרבעטער אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אין סינדיקאַטן פון אַרבעטער און פאַראייניקט סינדיקאַטן מיט סינדיקאַטן און זיי אַלע אָנגעשלאָסן און קאָנצענטרירט אין דער סעכעטע (קאָנפעדעראַסיאָן כענעראַל דעל טראַבאַכאָ — אַלגעמיינע אַרבעטס־קאָנפעדעראַציע — די צענטראַלע פון דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד), וואָס האָט אַמאָל אַרומגענומען ביז אַ פערטל מיליאָן אַרבעטער, בעת אין 1954 רעדט זי און טוט אַלץ וואָס זי טוט אין נאָמען פון ז ע ק ס מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אירע סינדיקאַטן — אָנערקענטע, אָפיציאַליזירטע, פאַקטיש אין רשות פון געשאַפענעם אַרבעטס־מיניסטעריום און אָנגעפירט פונעם מלוכה־פּרעזידענט. גענעראַל פּעראָן, וועלכער איז דער דערקלערטער פירער פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — פון די סינדיקאַטן מיט דערקלערטער און דעמאָנסטרירטער לאָיאַליטעט, אָדער טרייהייט צום פירער.

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 5

די שפּאַנישע עקספּעדיציעס אין דרום־אַמעריקע אין זעכצנטן יאָרהונדערט

קאַפּיטל I — אַמעריקע צווישן ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ און די אַנדן — — 11

1 — דאָס לאַנד פון די גוואַראַניער, קיטשוער און פּאַטאַגאַנער; 2 — שפּאַנישע דעראָבערונג־אינוואַזיעס; 3 — די האַרן־ראַסע; 4 — די אור־באַלעבאַטים.

קאָלאָניאַלע עפּאָכע

קאַפּיטל II — שפּאַנישע קאָלאָניאַלע הערשאַפט — — — — — — — — 17

1 — שקלאַפן־רעזשים; 2 — פאַרשקלאַפונג פון די אינדיאַנער; 3 — אַרבעט און פּראָדוקציע; 4 — אימפּאָרט פון נעגער; 5 — שקלאַפן־קאָנטראַבאַנדע; 6 — שקלאַפן־האַנדל; 7 — שקלאַפן־קאָנצעסיעס; 8 — סאָציאַלע קלאַסן: האַרן און שקלאַפן; 9 — ראַסיזם: די ווייסע שפּאַניער — איבער אַלע און אַלץ; 10 — ווידערשטאַנד פון די אינדיאַנער; 11 — טופּאַק־אַמאַרו און דער „מיטאַ"־סיסטעם.

קאַפּיטל III — די באַפעלקערונג אין ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ סוף 18טער יאָרהונדערט — — — — — — — — — — — — — — 35

1 — ווייסע, שוואַרצע און ברוינע; 2 — מולאַטן און געמישטע; 3 — אַ פאָלקסציילונג אין 1778; 4 — שטאָט־מענטשן און פעלד־מענטשן — אָרעם און רייך; 5 — קריאָזשעס; 6 — קאָנטראַבאַנדיסטן און פרייהענדלער; 7 — מאַריאַנאָ מאָרענאָ אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דיווירטשאַפטלער.

רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע

קאַפּיטל IV — ערב די אַרגענטינישע רעוואָלוציע — — — — — — — — 41

1 — איינפלוס פון באַפרייערישע אידעען; 2 — די ענגלישע אינוואַזיע און די אַרגענטינער רעקאָנקיסטאַ; 3 — אונטער דעם אוניווערסאַלן זין פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; 4 — דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט; 5 — ערב דער מאַי־רעוואָלוציע; 6 — פאַר פרייען האַנדל מיט אויסלאַנד; 7 — ווירייִנאַט; 8 — מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם; 9 — די אַרבעטער־מאַסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

קאַפּיטל V — די אַרגענטינער רעוואָלוציע — — — — — — — — 56

1 — 25סטער מאַי 1810; 2 — פּראָקלאַמירט די רעוואָלוציע; 3 — אָפּגעשאַפט די קאָלאָניאַלע רעגירונג; 4 — רעוואָלוציאָנערער רעגירונגס־ראַט; 5 — רעוואָלוציאָנערע מיסיע פון מאַנועל בעלגראַנאָ אויפן ווייטן צפון.

קאַפּיטל VI — די קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג פון 1813 — — — — 61

1 — אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי; 2 — בירגער־רעכט פאַר אַרבעטער; 3 — פראַגמענטן פונעם אַרגענטינער הימן.

קאַפּיטל VII — דער טוקומאַנער קאָנגרעס פון 1816 — — — — — 67

1 — אַרגענטינע אין קאַמף מיט שפּאַניע; 2 — אין בירגער־קריג פון אַר־גענטינע מיט אַרגענטינער; 3 — מאָנאַרכיסטישע שטימונגען; 4 — די אומ־אָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע פון 9טן יולי 1816; 5 — סאַן מאַרטין און די דעפיניטיווע באַפרייאונג.

קאַפּיטל VIII — אוניטאַרישע רעגירונג — ריוואַדאַוויאַ — — — — — 77

1 — פעדעראַליסטיש־גאַוטשיסטישע אָפּאָזיציע; 2 — דאָן כואַן מאַנועל ראָסאַס.

קאַפּיטל IX — טאָטאַליטאַרישע דיקטאַטור — — — — — — — — 81

1 — די סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן; 2 — די ראָסיסטישע טעראָריס־טישע רעגירונג; 3 — די מאַזאָרקאַ; 4 — פאַרשווערונגען, אויפשטאַנדן און מאַרטירעלאָגיע; 5 — דרום־אויפשטאַנד.

קאַפּיטל X — די מאַי־אַסאָציאַציע — — — — — — — — — 93

1 — סאָציאַליסטישע דאָגמע; 2 — סימבאָלישע ווערטער; 3 — מאַניפעסט פון דער מאַי־אַסאָציאַציע; 4 — פּופצן דעקלאַראַציעס; 5 — פּאָליטישע עמי־גראַציע און דעפּאָרטאַציע.

קאָנסטיטוציאָנעלע עפּאָכע

קאַפּיטל XI — די באַפרייאונג און די אָרגאַניזאַציע פון דער רעפּובליק 115

1 — לעצטער און אַנטשיידענער קאַמף; 2 — פרייהייט זיגט — ס'פאַלט די דיקטאַטור; 3 — ראָסאַס אַנטלויפט; 4 — אורקיסאַ — באַפרייער און אָר־גאַניזאַטאָר פון דער רעפּובליק; 5 — אינספּיראַציעס — אָריענטאַציעס; 6 — „באַזעס" פון אַלבערדי; 7 — סאַרמיענטאָ.

קאַפּיטל XII — די קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג פון 1853 אין סאַנטאַ פע — — — — — — — — — — — — — — 126

קאָנסטיטוציע פון דער אַרגענטינער קאָנפעדעראַציע.

קאַפּיטל XIII סאָציאַל־עקאָנאָמישער רעטראָספּעקטיוו — — — — — 136

1 — מאַריאַנאָ מאָרענאָס עקאָנאָמישע פּאָליטיק; 2 — סאַן מאַרטין — דער באַפרייער; 3 — בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ — ענפיטעוזיס; 4 — עקאָנאָמי־שער פּלאַן פון אַ סאָציאַליסטישער דאָגמע.

קאַפּיטל XIV — טראַנספאָרמאַציע פון דער באַפעלקערונג — — — — 148

1 — געמישטע, מולאַטן, אינדיאַנער, נעגער, ווייסע; 2 — שטאָט־מענטשן און פעלד־מענטשן; 3 — איינוואַנדערונג.

אַלגעמיינע מאָדערנע פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע באַוועגונג

קאַפּיטל XV — קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און קאָנצענטראַציע פון אַרבעט — — — — — — — — — — — — — — — 157

1 — פּריוואַט־אייגנטום און סאָציאַליזם; 2 — אינדוסטריעלע עוואָלוציע; 3 — אינטערעסן פון באַלעבאַטים און אינטערעסן פון אַרבעטער; 4 — געלט, לוין און אַרבעטלאָזיקייט.

קאַפּיטל XVI — קלאַסנבאַוווסטזיין און קלאַסנקאַמף — — — — — 167

1 — קולטור און וויסן; 2 — די ערשטע אַרבעטער פאַריינען; 3 — דער ערשטער אַרבעטער שטרייק; 4 — עקאָנאָמישע שטרייקן און סאָלידאַרישע; 5 — די עפנטלעכע מאַכט; 6 — אָרגאַניזאַציע און אַקציע; 7 — אינדוסטריע־לע אָרגאַניזאַציעס.

קאַפּיטל XVII — סאָציאַליסטישע אינספּיראַציע און אָריענטאַציע — 175

1 — סאָציאַלאָגישע גרופּירונגען; 2 — דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קלוב „פאָרווערטס"; 3 — די פייערונג פון ערשטן מאַי 1890; 4 — אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער קאָמיטעט; 5 — אַרבעטער פּעטיציע אין דער נאַ־ציאָנאַלער דעפּוטאַטן־קאַמער; די אָרגאַניזאַציע פון אָרגאַניזאַציעס: די ער־שטע אַרבעטער פעדעראַציע; צווייטער קאָנגרעס פון ערשטער „פאָראַ";; אַנאַרכיזם; די צווייטע פאָראַ; די דריטע פאָראַ; די פערטע פאָראַ; די פּאָאַ.

קאַפּיטל XVIII — אויפקום פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — 203

1 — די ערשטע סאָציאַליסטישע גרופּעס; 2 — די גרינדונג פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי; 3 — קאָנסטיטואירונגס־קאָנגרעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1896; 4 — פּרינציפּן דע־קלאַראַציע; 5 — מינימום פּראָגראַם.

קאַפּיטל XIX — די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע — 223

1 — מיט אַלע מיטלען; 2 — קעגן יעדער באַוועגונג פון די אַרבעטער; 3 — באָמבעס; 4 — „לײדיקגײער"; 5 — סאָלדאַטן — שטרייקברעכער; 6 — געזעץ נומער 4144; 7 — באַלאַגערונגס־צושטאַנד; 8 — דער היסטאָ־רישער מאָמענט דאָקומענטירט.

קאַפּיטל XX — אַרבעטער צענטראַלעס — 237

1 — אוכעטע; 2 — אַרבעטס קאַמער; 3 — פעלד־אַרבעטער; 4 — פאָראַ.

קאַפּיטל XXI — דער ערשטער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט אין אַר־גענטינער פּאַרלאַמענט — 247

1 — פּאַלאַסיאָס — דעפּוטאַט פון באָקאַ; 2 — ערשטע סאָציאַליסטישע גע־זעצן און אַרבעט אין פּאַרלאַמענט; 3 — די פּאַרלאַמענט־וואַלן פון 1908.

קאַפּיטל XXII — די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אָנגריף — 254

1 — ערשטער מאַי 1904; 2 — בלוט אויף די גאַסן פון ראָזאַריע; 3 — אין באַלאַגערונגס־צושטאַנד; 4 — פאַרוועוט די רויטע פאָן; 5 — ווידער באַלאַ־גערונגס־צושטאַנד; 6 — אין באַהיאַ בלאַנקאַ 1907; 7 — ערשטער מאַי אין בוענאָס איירעס 1909; 8 — אַטאַקע אויף פאָרגעשריטענע אידעען; 9 — אין 1910 — הונדערט יאָריקער יובילײ פון דער מאַי־רעוואָלוציע; 10 — געזעץ פון סאָציאַלן שוץ.

קאַפּיטל XXIII — אייניקייט באַוועגונג פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט — 264

1 — ערשטער איניקייטס־קאָנגרעס; 2 — קאָראַ; 3 — אַ קאָנגרעס אין מאָנ־טעווידעאָ; 4 — קאָנצענטראַציע־קאָנגרעס; 5 — 9טער פאָראַ־קאָנגרעס.

קאַפּיטל XXIV — די אַרגענטינער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — 268

1 — אירע ערשטע פופצן יאָר: א) אָרגאַניזאַציע; ב) מיטגלידער; ג) שטי־מען פון וויילער; ד) די ערשטע רעפּרעזענטאַנטן; ה) קאָאָפּעראַטיוועס, קעגנ־זייטיקע הילף, ביבליאָטעקן.

קאַפּיטל XXV — אונטער דעם סאַענס פּעניאַ וואַל־געזעץ — 277

1 — פּרעזידענט ראָקע סאַענס פּעניאַ; 2 — וואַלן־פּאַנאָראַמע; 3 — דער פּאַרלאַמענט; 4 — די רעגירונג.

קאַפּיטל XXVI — די ערשטע וועלט־מלחמה — 285

1 — דאָס פייער פון דער מלחמה שפּירט זיך; 2 — די אַרבעטער און סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג; 3 — „שפּורלאָז פאַרזונקען" שיפן אונטער דער אַר־גענטינער פאָן.

קאַפּיטל XXVII — רעוואָלוציעס אין אייראָפּע — — — — — — — — 291

1 — געווונען די מלחמה; 2 — די רוסישע רעוואָלוציע פאַר אַלע און אי־בער אַלע; 3 — די אַרבעטער־באַוועגונג; 4 — די טראַגישע וואָד; 5 — קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אויף מאַרטין גאַרסיאַ; 6 — די שחיטה אין סאַנטאַ קרוז.

קאַפּיטל XXVIII — באַוועגונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — — 303

1 — קאָמאַריענטאַציע; 2 — אוסאַ; 3 — קאַא; 4 — סעכעטע; 5 — אַרבעט־געזעצן; 6 — סימבאָלישע ציפער און דאַטעס; 7 — אָפּשפּאַלטונגען.

יידישע אַרבעטער אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַרגענטינע

קאַפּיטל XXIX — די יידישע איינוואַנדערונג — — — — — — — — 325

1 — אַ בליק אויפן לאַנד; — 2 — באַפעלקערן זיך; 3 — די איינוואַנדע־רונג; 4 — קאָסמאָפּאָליטיזם; 5 — דער אַרבעטער־באַשטאַנד פון דער יידי־שער איינוואַנדערונג; 6 — יידן; 7 — אָפענע טירן; 8 — אידעאָלאָגיעס; 9 — יידיש.

יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג

קאַפּיטל XXX — יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס — — — — — 357

1 — די ערשטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע: יידישער אַרבעטער־פאַר־באַנד; 2 — „ביבליאָטעקאַ רוסאַ”; 3 — ציוניסטן־סאָציאַליסטן; אַנאַרכיסטן; 4 — אַוואַנגאַרד; 5 — „יוגענד”; 6 — כאַזאַנאָוויטש און די פּועלי־ציון; 7 — אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד.

קאַפּיטל XXXI — יידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג — — — — — 376

1 — יידישע אַרבעטער ביי יידישע באַלעבאַטים; 2 — יידישער אַקטיאָרן־פאַריין; 3 — יידישעה בעקער־אַרבעטער; 4 — יידישע שניידער־אַרבעטער; 5 — אַ שטרייק ביי אַ יידישן פאַבריקאַנט.

קאַפּיטל XXXII — אין הונדערט יאָריקן מאַי־יובילייַ און ווייטער — 388

1 — קענן פאַרגעשריטענע אידעען; 2 — ווידעראויפבוי; 3 — קאָאָפּעראַטי־ווע באַוועגונג; 4 — אידעאָלאָגישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.

קאַפּיטל XXXIII — אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — 413

1 — 1914; 2 — יידישע פאָלקסהילף; 3 — יידן אין דער דריטער פאָלקס־ציילונג; 4 — יידישער קולטור־קאָנגרעס אין 1915; 5 — דער אַוואַנגאַרד; 6 — פאַר גלייכע רעכט; 7 — באַפרייט רוסלאַנד — באַפרייט דאָס יידישע פאָלק.

קאַפּיטל XXXIV — צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה 420

1 — די טראַגעדיע פון 1919; 2 — שפּאַלטונגען; 3 — יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון 1920 ביז 1930; 4 — פון סעפּטעמבער־רעוואָלוציע ביז דער יוני־רעוואָלוציע; 5 — די אָרגאַניזאַציע פון יידיש־וועלטלעכע שולן.

Al Dr. Cr. Skornik
con estimación

P. WALD

EN EL ANDAR DE LOS TIEMPOS

Historia Social del Río de la Plata

BUENOS AIRES

MCMLV

נאָכוואָרט

דער סאָציאַלער מאָמענט פון דער יוני־רעוואָלוציע, וואָס איז דאָ, אויפן לעצטן בלעטל פון דעם געשיכטלעכן בוך, אויסגעקומען צו באַרירן קען, לויט ער קומט דאָ צום אויסדרוק, שאַפן אַזאַ איינדרוק וועגן דעם פּעראָניסטישן רעזשים, פון וועלכן דאָס לאַנד האָט זיך נאָר־וואָס באַפרייט, וואָס איך דער שרייבער, וואָלט זייער באַדויערט און איך זע־איין די באַדערפעניש צו דערקלערן, אַז ווי זעלביקע יוני־רעוואָלוציע אין דער פּילזייטיקער געשטאַלט פון דעם דיקטאַטאָרישן, טעראָריסטישן און טיראַנישן רעזשים פון דער פּעראָניסטישער רעגירונג, וואָס האָט געהאַט צו איר נידערטרעכטיקן געברויך די סומע פון אַלע עפנטלעכע מאַכטן און די מורא פון אַלע אַרגענטינער בירגער און נישט־בירגער צוליב זייער עקזיסטענץ, איז אויך געווען ווי די סומע פון אַלע דיקטאַטאָרישע און אַזוי טראַגיש טאָטאַליטאַרישע רעזשימען פון אונדזער רעוואָלוציאָנערער צייט. און מיט די דאָזיקע פאַרשקלאַפּערישע, אַנטידעמאָקראַטישע און סאָציאַל־דערשטיקנדיקע מאַכטן אַבסאָלוט מאָנאָפּאָליזירטע אין די אייגענע הענט האָט די פּעראָן־רעגירונג דערגרייכט צו די קולמינאַציעס פון דעמאַגאָגיע, פאַלשקייט, ציניזם אָן אַ קאָנטראָל, אָן גרעניצן און מיסברויכט די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס מיט די שטרעבונגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט די דערגרייכונגען פונעם סאָציאַליזם אין אַרגענטינע אין פאַרלויף פון איר געשיכטע. און מיסברויכנדיק די טאָטאַליטאַריסטישע מלוכה־מאַכט, וואָס האָט אויך געהאַט פאַר אַ פאָרגייערן די ראָסיסטישע דיקטאַטור אין אַרגענטינע מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט דער פּעראָניזם פאַרשוונדעוועט און געשענדעט די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט ווי אַן אידעאָלאָגישע, פּראָלעטאַריש־כאַראַקטעריסטישע און היסטאָריש־סאָציאַליסטישע אויפגעהערט צו זיין, מיט די אויסנאַמען פון די אומגעקומענע אין קאַמף, די פאַרשפּאַרטע אין די תפיסות, די פאַרטריבענע, באַהאַלטענע און פּאָליטישע עמיגרירטע און ער האָט פאַרוואַנדלט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, די סעכעטע אין אַ פאַנאַטיזירטער, אידיאָטיזירטער, קאַרנאַוואַליזירטער און פאַרשקלאַפּטער דינסט פאַרן אייגענעם געברויך, ווי איר איינציקער אַלערהעכסטער „פירער”, „פאַרזאָרגער”, „אַלמעכטיקער” און גענומען פון איר „כבוד” און „טרייהייט”־דעקלאַראַציעס און „מתנות” — מתנות און מתנות — פון גאָלד און בריליאַנטן...

פ. וואַלד.

בוענאָס איירעס, נאָוועמבער 1955.